ויאמר אלהים יהי אור. עס זאל זיין איין ליכט בעולם הזה אבער (ויהי אור) דאס גרויסע ליכט איז אויף געהויבן געווארן לעולם הבא: דען דאס ליכט וואס הקב"ה האט צום ערשטען באשאפן, דאס אדם הראשון האט דורך דעם געזעהן (מסוף עולם ועד סופו) אונ דאס ליכט האט הקב"ה געוויזן צו דוד המלך, דרויף האט ער געזאגט (תהלים ל"א) מה רב טובך אשר צפנת ליראיך אונ דאס ליכט האט הקב"ה געוויזן צו משה, האט ער געזעהן דער מיט פון לאנד גלעד ביז לאנד דן: אונ אז הקב"ה האט געזעהן עס ווערן אויף שטיין דרייא דורות רשעים (דור אנוש דור המבול דור הפלגה) פון זייערט וועגן, האט ער דאס גרויסע ליכט בהאלטן דאס זייא זאלן ניט ווערט געוועזן דר פון הנאה צו האבן. אונ הקב"ה האט עס געגעבן צו משה דא ער איז פאר בארגן געווארן דרייא חדשים, ווייא דער פסוק זאגט (שמות ב) ותצפנהו שלשה ירחים. אונ דער נאך אז ער איז גקומן פאר פרעה, האט הקב"ה דס ליכט ווידר אוועק גינומן פון אים, ביז ער איז גישטאנדן (על הר סיני) מקבל צו זיין דיא תורה האט ער ווידר זוכה געוועזן דער צו, אונ האט באנוצט דער מיט כל ימיו: אונ ישראל האבן ניט קענן צו אים גיזעהן איבר דעם ליכט, ביז ער האט מוזן געבן איין פֿאַנעל אויף זיין פנים אונ דאס ליכט האט הקב"ה אויף גיהויבן צו דיא צדיקים (לעתיד לבא) ווייא דער פסוק זאגט (תהלים צ"ז) אור זרע לצדיק ולישרי לב שמחה דען ווערט אלץ פאר ריכט אויף זיין שטאנד, ווערט מקוים ווערן והיה אור הלבנה כאור החמה ואור החמה כאור שבעת הימים דיא [אור החמה] ווערט לייכטן ווייא דאס ליכט פון דיא ערשטי זיבן טעג, דאס דיא אור החמה איז איצונד נאר איין חלק פון דריי הונדרט פינף און פערציג חלקים פון דעם ליכט וואס דא איז בהאלטן געווארן: [אור] דאס ליכט האט הקב"ה מגלה געוועזן אויס דעם חשך ווייא דער פסוק זאגט (איוב י"ב) מגלה עמוקות מני חשך: אזוי וואל אז דיא מחשבה ווערט מגולה דורך דעם דיבור פון הקב"ה הייסט שבת דרום טאר מען אן שבת קיין (דבר חול) ניט ריידן, דרום ווען רבי שמעון האט געהערט זיין מוטער האט גירעט בשבת האט ער איר געווערט, אונ האט געזאגט עס איז הייגט שבת: נכתב בקיצור:

ויאמר אלהים יהי מארת שטייט [חסר] וא"ו זאגט איז לשון קללה, דרום ווייל מיט דעם אז די לבנה איז איר ליכט גיקלענערט געווארן, איז דיא קליפה גישטארקט געווארן, אונ איז באשאפן געווארן צו די קליינע קינדר איין מיתה די הייסט אסכרה ב"א: דען כ"ז דס גרויסע ליכט איז געוועזן, איז קיין קליפה ניט געוועזן בעולם. אונ הקב"ה האט דס גרויסע ליכט בהאלטן. איז באשאפן געווארן די קליפה דר דא פאר שטעלט דס ליכט פון דר [לבנה], אונ פון דר קליפה איז ווידר ארויס גיקומן איין אנדערע: איז זיא גישוועבט בעולם אונ האט קיין ארט ניט קענן בקומן זיך צו בהעפטן דראן, איז זי גיקומן לאעלה צו די כוחות דס הייסן [פנים קטנים]: דיא היטן לאעלה די שווערן, אונ האט זיך וועלן אן זיא בהעפטן, האט זיך הקב"ה אפ גישיידן פון זייא, אונ האט זי אראפ גינידערט אין גרונד פון דעם ים. אונ ווייא הקב"ה האט [אדם וחוה] באשאפן. ווען דיא קליפה האט געזעהן איר גרויסע שיינהייט פון אובן, איז זיא ווידער ארויס גיפלויגן זיך צו בהעפטן אן דיא [שוואר' שערים של מעלה]. האט זי הקב"ה אן גטריבן [בנזיפה], אונ האט זיא אראב געווארפן ביז אין תהום אריין, איז זיא דארטן געזעסן ביז [אדם וחוה] האבן געזינדיגט. האט זיא הקב"ה ווידער ארויס גילויגן אויס דען תהום ארויס, אונ האט איר געגעבן דען כח דס זיא זאל אויס זיין אן דיא קליינע קינדער דאס זיא זיינן ראוי געוועזן צו ווערן איין שטראף איירן פאטערס: איז זי גישוועבט ארום בעולם אונ איז גיקומן צו די [שער גן עדן] איז זי דארטן געזעסן ביי דען להט החרב המתהפכת. דאס הקב"ה האט באשאפן דיא זאלן היטן דען וועג פון [עץ החיים בגן עדן]: דען זי איז לכתחלה ארויס גיקומן פון דען [צד להט החרב], אונ בשעה דס זיך דער [להט] טוט פר קערן, אנטלויפט זיא אונ שוועבט אין עולם ארום, אונ גיפינד זעלכע קינדר דס זי זאלן קענט ווערן [בחטא אביהם]. דען שפילט זיא אונ לאכט מיט זייא אונ איז זייא ממית. אונ דס איז דרום ווייל דיא לבנה איז גיקלענערט געווארן פון איר ליכט האט זי די [שליטה] בקומן. אונ דר [מיעוט לבנה] איז גישעהן ביום רביעי, דרום שטייט [ביום רביעי יהי מארת] חסר וא"ו. אונ אז קין איז געבארן געווארן האט זיא זיך ניט קענן אן אים בהעפטן, ביז דער נאך אז ער האט חוטא געוועזן, האט זיא זיך צו אים מקרב געוועזן, אונ האט געווארפן [רוחות אונ שדים רעים] די ארום שוועבן בעולם: אדם הראשון ווען ער האט זיך פורט געוועזן פון חוה [ק"ל שנה], האט ער זיך בהעפט מיט רוחות נקבות, ביז עס איז גיקומן [נעמה] דאס וועגן איר גרויסע שיינהייט האבן זיך טועה אן איר געוועזן דיא [בני אלהים] עזא ועזאל: האט זיא פון זייא געווארפן [רוחות ושדים רעים] די ארויס שוועבן בעולם, אונ זי שוועבט ארום ביי נאכט אונ בוויזט זיך צו דיא לייט ווען זייא שלאפן, אונ מאכט דס דיא לייט זיינן [רואה קרי] אונ אזי לייט ווען זיא גיפינד די לייט ווען זיא שלאפן אין איין חדר אליין, רוען זיי אויף זיא אונ בהעפטן זיך אן זיא, אונ מאכן פון זייא איין [חשק] אונ געווינען פון זייא שדים ורוחות. אונ אבער זי זיינן פוגע אן זיא מיט אלאים רעים בייזע קראנק ב"א, אונ קיינר ווייסט ניט דאס איז אלץ פון וועגן, דאס [אור הלבנה] איז גיאינערט געווארן [ביום הרביעי], אבער ווען די לבנה שטארקט זיך מיט איר ליכט, אונ ווערט פער ריכט, דען ווערט אויס דיא [אותיות אמרת] אמרת אלוה צרופה מגן הוא לכל החוסים בו דס דיא תורה בשיצט פר דיא רוחות רעות אונ שדים די שוועבן ארום בעולם, צו די אלע דיא זיך בשיצן אן הקב"ה אן זיינר אמונה: שלמה המלך האט אויף זייא גיזאגט [קהלת ב'] ותענוגות בני אדם שדה ושדות דרום ווייל זייא קומן אהער פון די [תענוגי בני אדם] אונ ער האט דס אלץ וואל פר שטאנען, אונ אלץ האט הקב"ה אויף דען עולם באשאפן, דעם עולם דער מיט מתקן צו זיין. דען דיא קליפות אונ כוחות [יצר הרע] זיינן אויך בדערפטיג צום עולם, ווייא שלמה זאגט והאלהים עשה שיראו מלפניו. דרום זאגט שלמה [שיר ו] אל גנת אגוז ירדתי לראות באבי הנחל. ווייא איין נוס זיינן פיר

שאליכט

טיןיכט חרוס דער פרי דיח היטן דיח פרי. חוג דחט ןיכט ווערט ניט דר קענט, נייערט דורך חוטך, דרוס טטייט [יהי אחרת] חוג טטייט ווייטר [והחיר ען החרן] דחט עט חיז גוועזן [ןנורך תיקון עוןס] דרוס טטייט חויך וַיַּשְׁכֵּן אֶת הַכְּרוּבִים וְאֵת לַהַט הַחֶרֶב הַמִּתְהַפֶּכֶת לִשְׁמֹר אֶת דֶּרֶךְ עֵץ הַחַיִּים:

וַיַּעַשׂ אֱלֹהִים אֶת שְׁנֵי הַמְּאוֹרוֹת הַגְּדוֹלִים עט זיינן נווי חרןייח ןיכט דיח [חורות טן אעןה הייטן אחורי חור] חוג די [חורות טן אטה הייטן אחורי החט] דחט זיינן חייטן [אאוכיס חוג ארכבות] חיינר חיבר דען חנדרן, חוג דיח אאוניס דיח הייטן [אחורי החט] חיז חיר טןיטה חיין גחנגי וואך: חוג חן טבת גיווענןסיגן [אחורי החור] די זיינן [אנד החור] וואט ביום הרחטון חיז בטחפן גיווחרן, חוג פון דעם [חור] וועךן חןע חונטר חיר דר ןייכט: דרוס חז טבת חויט גייט, אחכט אען ברכה [בורח אאורי החט] חוג ווייז דיח פינגער פון אענטן ווייזן חויך גרויטע סודות, וויח עט וועךט טטיין בפרטה נטח בייח ברכת כהנים. חוג די נעגין פון דיח פינגר זיינן קעגן דיח [אחורי החט], וואט גיווענטיגן חן איטן וואך, חוג דחט חינווייניג חריין זיינן קעגן די [אר.בות פון אחורי החור] דט גיווענטיגט חם טבת. דרוס ווען אען אחכט די [ברכה באונחי טבת בורח אאורי החט] זחן אען דיח פינגר חריין בייגן חוג אען זחן זעהן חויך דיח כעגן קעגן דעם ןיכט פון דערויטן, חבר ניט חין דיח פינגר חריין נו דער הבדןה· דען חינונד קואט חיר אאטןה וואט דח זיינן קינגן דיח כעגין פון [אחורי החט], חבר חינווייניג חיז קעגן דעם (אחורי חור) וואט טוןט זיינן חם טבת די בקואן ניט חיר ןיכט פון דעם חט, נייחרט פון הקב"ה זעןברט, דחט חן טבת חיז הקב"ה חןיין טוןט, חוג זיגט (עך כטח כבודו) חוג חןע ןיכט זיינן (נכןן) חין חים, דרוס דחרף אען ניט נו זעהן חינווייניג קעגן דר הבדןה, דרויף ווייזט חך דר פסוק (טאות לג) וְרָאִיתָ אֶת אֲחֹרָי וּפָנַי לֹא יֵרָאוּ ווייך הקב"ה חיז וואס טבת חןיין טוןט, דרוס החט ער אחכן ערבין דיח (קדוטה חוג אנוחה) פון דעם זעןבינן טחג נחר נו זיין הייןיג פחןג יטרחן, דיח זיינן (גוי חחד בחרן) וויח הקב"ה חיז (חחד):

וַיֹּאמֶר אֱלֹהִים נַעֲשֶׂה אָדָם בפרטה בטןח ע' נ"ו רבי חייח היוב חן (תיןים קןט) אָחוֹר וָקֶדֶם צַרְתָּנִי וַתָּשֶׁת עָלַי כַּפֶּכָה.

זייח זחןין דיח ןייט היטן חן כבוד פון הקב"ה, דען חז הקב"ה החט דעם עוןס בטחפן החט ער גיזעהן חן חדם הרחטון, דחט ער זחן אוטן זיין חיכר חןע בטעפנט, ער חיז גיווען נווייח גיטטחןטן חין חנגדר, חוג ער חיז גןייך גיווען נו דיח עןיונים חוג נו דיח תחתונים, דרוס טטייט נַעֲשֶׂה אָדָם וכו' וְיִרְדּוּ בִדְגַת הַיָּם וכו' ער החט חים חרחפ גינידערט חין פחרטיג גיטטחןט, חוג חז דיח בריות החבן חים גיזעהן, החבן זיך חןע נו חים חיין גיזחאיןט חוג בוקין זיך נו חים, חוג זיין פחד חיז גיפחןן חויף זיח, וויח עט טטייט (ברחטית ט) וּמוֹרַאֲכֶם וְחִתְּכֶם יִהְיֶה עַל כָּל חַיַּת הָאָרֶץ וְעַל כָּל עוֹף הַשָּׁמָיִם ער החט זיס אחכן חיין גין חין גן עדן נווח היטן חים. חוג נו החבן דחרטן חןןייח טאחות חוג נו טפיןן זיך דרינן נו דר אייחן איט זיווגים. ער הט חים גיאחכט

חיין (כסח כבוד) איט חוןייח אובניס טובות, חוג דיח אןחכים עןיונים וואחרן זיך חןע אטאח פחר חים. דער כחך החט ער חים גיבחטן חיין אןוה ניט נו עסין פון עץ הדעת, החט ער ניט גיהחןטן: [חטכחנח] איר החבן גיפונדן חיין טפר פון חנוך, דחט ער טרייבט דר נחך. חז הקב"ה החט חים חרויף גיברוכט ער זחן ווערן חיין אןחך, חוג הט חים גיוויזן חןע (חורות האןך עןיונים ותחתונים) ער החט חים גיוויזן דען עץ חיים, חוג דעם בוים וואו חדם חין גן עדן, דח החט ער גיזעהן דחט ווען חדם העט ניט חוטח גיווען, וועך ער גיבןיבן חייביג חין זיין טטחנד חוג העט חייביג דחרט חיין קיום גיהחט, חוג ווייך ער החט דחט גיבחט ניט גיהחןטן חיז ער חרויט (חייב בדין) גיווען, חוג חיז גיטטרחפט גיווחרן: (רבי ינחק) זחגט, ער חיז גיווען נווייח גיטטחןטן חן חנכדר דער נחך החט חים הקב"ה פון חנכדר גיטיידן, זיינן זיח גיווען נווייח (אאורח ןאערב) דח החט חים הקב"ה זיין נקבה אתקן גיווען חין דיח גרעטטע טונהייט חיבר חןע, חוג החט זי גיברחכט נו פירן נו חדם, דרוס טטייט וַיִּבֶן יי אֱלֹהִים אֶת הַצֵּלָע וגו' חוג הקב"ה הט חים גיגעבן חיין נטאה פון דעם אקום וואו חןע נטאות חרויט קואען, חוג החט חים דרינן כוןן גיווען (חכאה וטכן) חןט נו ויטן, ביז ער הט גיוואוטט אער חז חןע אןחכים עןיונים חוג הט חיין גיזעהן חין חןס, חוג הט גיוואוסט חוג גיקענט זיין הערן אער חז חןע בטעפנט, חוג חז ער החט חוטח גיווען זיינן פון חים פחר טטחפט גיווחרן חןע (אעיינות החכאה), דרוס טטייט וַיְשַׁלְּחֵהוּ יי אֱלֹהִים מִגַּן עֵדֶן ער החט חים חוועק גטיקט פון חכאה חוג טכן דט ער הט גיהוט, לַעֲבֹד אֶת הָאֲדָמָה עוסק נו זיין חין אןחכה (ענייני גטאיות) דיח ערד נו חרבטן:

וַיֹּאמֶר אֱלֹהִים נַעֲשֶׂה אָדָם (תהלים כ"ה סוד יי לִירֵאָיו חין דענן קואט חז וויח חיין גיטטחןט, חוג זחגט טאעון טאינן וואט חיז דט (ויחאר חןהים נעטה חדם), חין דעם וואר דט גיטטחןט פחר הוין פון חים חוג ער זעט ניט אער דח זחגט רבי טאעון נו זייכע חברים, וויין ער איך החט גרופן טאינן חוג ניט רבי טאינן, אוז דחט זיין גיוועזן הקב"ה זעןברט כון זעה חיך דחט חינונד חיז דיח נייט חן נו הייבן סודות אגןה נו זיין חין דען פסוק, דען בוודחי חיז חין דעם סודות דחט נחך חיז ניט רטות גיגעבן גיווחרן חייכס אגןה נוח זיין, חוג חינונד פחר טטייח חיך דחט דח יוןו היז איר רטות גיגעבן אגןה נוח זיין, דןו הייב ער חן גרויטע סודות דרינן נו זחגן: (פתח רבי טאינן) חיר (עןיונים) הערט נו· חיר (תחתונים) זחאןט חייך חיין (ברחטי יטיבות טן אעןה וטן אטה), דוח חןיהו דח בטווער חיך דיך, נעס רטות חוג קום חרחפ, דו (חנוך אט"ט דער טר עוןס), קום חרונטער דוח חוג דייכע רחטי יטיבות דיח חונטער דיר זיין, דען ווייז חיך ווין אגןה סודות זיין, דחט טוח חיך ניט פון איין כבוד ווענן, נייערט פון ווענן כבוד הקב"ה נחר אןחאה גדוןה נו החןטן קעגן דען ינר הרע, חוג דיח קןיפות נו ברעכן דורך די סודות התורה: ובסוף תיקון ע' זחגט [רבי טאעון] חיין אחן בין איך חוג אייכע חברים גיקואען חין דער טטחט וואו רבי כְּרוּסְפְּדָאִי החט גיוואוכט, החט זיין אוטר פון (רבי כרוספדחי) חןע אחן גיהחט

גיהאט איין מנורה מיט זיבן ליכט, הט זיא אונס געוויזן דש ספר פון (רבי כרוספדאי), ווען מען האט דריגען גילייענט זיינן אראפ געקומן תיכף חיילות מלאכים, אונ האבן אונס ארום גירינגלט, וויא דיא לייט דיא קומן אונ לאזן זיך אריין צו איין (חופה בשמחת חתן וכלה) אונ הקב"ה איז אויך אראפ מיט אלי זייני חיילות צו הערן די סודות אין דעם ספר, אונ הקב"ה האט מיט זיי אראפ געברענגט זיין פטור פון (רבי כרוספדאי) ער זאל אויך צו הערן די תורה פון זיין זון, אונ דיא זעלביגי נאכט איז געוועזן ליל שבועות, האט זיך הקב"ה אויך משמח געוועזן מיט דיא רייד. גלייך אז דען טאג וויא מען האט געגעבן די תורה אויף דען הר סיני: עס טרעפט זיך איין מאל ווערן מיר ווידר דארטן ביי זיין מוטר צו גאסט, איז גראד געוועזן דש איר זון (רבי כרוספדאי) איז געשטארבן, אונ זיא האט ניט געוויסט דר פון, זיא האט אונס אן געגרייט איין טישן אונ מנורה אונ מיר האבן ניטש גירעט קיין דברי תורה דריבר: שפראך זיא צו אונז איר רבנן וואס בטייט דש דאס איר איצונד ניט לערנט איבר דען טישן וויא מיר האט פלעגן צו לערנן: הייב איך אן צו מייני חברים מיר וועלן פארט דריבר דברי תורה ריידן, כדי דז זיא זאל זיך ניט מערקן דראן דש איר זון איז געשטארבן: וואלט איר דורך אונז איין תקנה צו קומן, דען אז זיא וואלט זיך מערקן דראן מעכט זיא שטארבן פר צער פר איר לייד: ער הייב אן (בראשית ברא אלהים) דאס איז דיא נשמה ווען זיא גייט ארויס אויס איר מוטר לייב איז אויף איר גזאגט וְהָאָרֶץ הָיְתָה תֹהוּ וָבֹהוּ וְחֹשֶׁךְ עַל פְּנֵי תְהוֹם: דש ווען ער ווערט גבארן, זיינן זייני אויגן צו, אונ ער עפנט זייני אויגן. (איד ויאמר אלהים יהי אור) אז ער ווידר שטערבט וַיֹּאמֶר אֱלֹהִים יִקָּווּ הַמַּיִם מִתַּחַת הַשָּׁמַיִם אֶל מָקוֹם אֶחָד וְתֵרָאֶה הַיַּבָּשָׁה דען, דיא נשמה גייט אריין נאך איר אורט למעלה ווערט דר גוף (יבשה). שפראך זיא איר רבנן וואס איז דש דיא רייד. וואס איר רעט אלץ פון יענעם עולם, דש איז ניט אום זונסט: זי גינג צו איר ליכט דז זיא האט אלץ געהאט ברענען, אונ האט דראן איין סימן געהאט אז איר זון (רבי כרוספדאי) לעבט ווען דאס ליכט האט זיך היפש געברענט אונ איין דער פון גלייכט אלרייזו געשטאלט האט זיא איצונד געזעהן, דאס דאס ליכט איז פינסטר געוועזן. שפראך זיא איר רבנן עס איז מיר איין (אבידה) פר לארן געווארן, איך וויל גיין זיא זוכן, שפראכן זיא בוודאי מערקט זיא זיך וואס. זיא גינגן אוועק איר וועג ווייטער אונ זיא גינג ארויס וואו וועגן שיידן זיך, זיא געפינט איין טויב נקבה, שפראך זיא צו איר יונה, דוא ביסט מאל געוועזן איין (שליח נאמן) צו דיינם הערן. אז דיך נח האט געשיקט, וויא דער פסוק זאגט וַיְשַׁלַּח אֶת הַיּוֹנָה מֵאִתּוֹ אונ שטייט (ותבא אליו היונה לעת ערב) האסטו דייני שליחות מיט רעכט געטאן, דא בשווער איך דיך דאס דו זאלסט מיר אויך גיין אין מיין שליחות, צו זעהן אויב מיין זון לעבט אדר ניט, איד פליט זיא אונ וויא עס וואר פר נאכט קומט זיא ווידר, וויא זי איז אויך ביי נח ווידער געקומן פאר נאכט, אונ פליקט זיך אויס אירע פעדרן אונ גראבט איין גרוב, וואו דיא מוטר האט געזעט (איד) הויב זיא אן צו וויינן אונ צו שרייען ביז איר דיא נשמה גינג אויס: וויא רבי שמעון אונ זייני חברים גיין איר וועג, פרעגן זיא אים וואָרום ווען דאס קינד גייט אויס דער מוטער לייב ארויס זיינן זיין אויגן צו שפראך ער דרום שטייט וַתִּכְהֶיןָ עֵינָיו מֵרְאוֹת דען ווען דאס קינד איז אין מוטר לייב ווייזט מען אים אלע (נקודות אונ מרכבות) וויא יחזקאל האט געזעהן איטליכן זיין (מדרגות נשמה) נאך וויא ער האט איין נשמה, ער איז עוסק בתורה אונ פר שטייט דיא מצות דיא בגריפן זיינן למעלה אין דעם ארט וואו זיין נשמה איז בגריפן, אונ וויא נאה (נשמות אונ מרכבות) נידערן אראפ זיינט וועגן צו לערנן מיט אים כל התורה: ווען ער דר נאך לערנט דר מאנט מען אים וואס ער דער פון האט געלערנט אין מוטר לייב, דער נאך ווייזט מען אים דש גיהנם ווען ער עובר איז (על התורה) וואס זיין עונש איז, אונ וויא ווייט זיין שכר איז: דער נאך ווען ער ארויס קומט פון דער מוטר, זיינע אויגן פר שטאפט מען פון אלע ליכט דאס ער געזעהן האט אין מוטר לייב, וויא דער פסוק זאגט (ותכהין עיניו מראות) נאר מיטל תוהו (והארץ היתה תוהו ובוהו וחושך וגו'), אזוא אויך ווער ניט עוסק בתורה איז זיינן אויגן גאר שטאפט צו זעהן לע"ה, אבר ווען ער יוא איז עוסק בתורה שטייט וַיֹּאמֶר אֱלֹהִים יְהִי אוֹר וַיְהִי אוֹר מען דער לייכט אים זיין אויגן בע"ה, צו זעהן דש גרויסע ליכט דאס הקב"ה הט בהאלטן צו דיא צדיקים לעו"ה: (איד) אז ער גיט פון דעם עולם אוועק שטייט יִקָּווּ הַמַּיִם מִתַּחַת הַשָּׁמַיִם אֶל מָקוֹם אֶחָד, כלומר זיין נשמה ווערט איין גיטאן (למקום אחד). וויא דער פסוק זאגט וְהָרוּחַ תָּשׁוּב אֶל הָאֱלֹהִים אֲשֶׁר נְתָנָהּ אונ דר גוף בלייבט טרוקן, דער נאך זאגט הקב"ה תּוֹצֵא הָאָרֶץ נֶפֶשׁ חַיָּה לְמִינָהּ דאס זיינן דיא חיות הקודש דיא דא לייכטן דיא נשמה מקבל צו זיין למינה. וויא דער פסוק זאגט (על כפים ישאונך) אדר (תוציא ארץ נפש חיה) דש בת זוג האט מען אים גיט בעו"ה בְּהֵמָה וָרֶמֶשׂ וְחַיְתוֹ אֶרֶץ לְמִינָהּ דאס זיינן (נאה חיילות ומחנות מלאכים) דיא קומען זיין כבוד וועגן, דר נאך ברינגט אים הקב"ה אין גן עדן וויא דער פסוק זאגט ויאמר אלהים תַּדְשֵׁא הָאָרֶץ דֶּשֶׁא אלץ וואס איז בשאפן געווארן (בששת ימי בראשית) איז אים אלץ אן געגרייט בעו"ה אין (גן עדן עליון) אונ אין (גן עדן התחתון) ע"כ:

וַיַּרְא אֱלֹהִים אֶת כָּל אֲשֶׁר עָשָׂה וְהִנֵּה טוֹב מְאֹד ווייל אן (ביום שני) שטייט ניט כי טוב דרום ווייל די מיתה איז ביום שני בשאפן געווארן, דרום שטייט אלהיא (טוב מאוד) אונ דאס איז וויא דיא חכמים זאגן (והנה טוב מאוד זה מות): (וירא אלהים את כל אשר עשה) האט דען הקב"ה דר פיר ניט געזעהן, אונ וואָרום זאגט ער גלייך אז ער האט איצונד געזעהן, אלא הקב"ה האט אלץ דער פיר געזעהן וויא עס ווערט זיין, דארום זאגט דער פסוק (את כל) צו מהערין אלע דורות דיא ווערן דער נאך קומען אונ וואס זיך ווערט מחדש זיין אין איטליכן דור אויף דעם עולם, דש הט הקב"ה אלץ דר פיר געזעהן: אונ אז דער פסוק זאגט (אשר עשה) איז משמע וואס דא איז וואָרן בשאפן, ער וויל דיר ווייזן בשעה דאס הקב"ה האט אלץ בשאפן האט ער תכף אין זיין (יסוד) אלץ אזוא געשטעלט וויא עס זאל דער נאך (יוצא לפועל) זיין:

וַיְכֻלּוּ הַשָּׁמַיִם וְהָאָרֶץ וְכָל צְבָאָם רבי אליעזר הויב אן [תלים לא] מָה רַב טוּבְךָ אֲשֶׁר צָפַנְתָּ לִירֵאֶיךָ קום און זעה הקב"ה האט בשאפן דיעזן מענשן אויף דעם עולם, און הקב"ה האט אים מתקן געוועזן, כדי דאס ער זאל זיין גאנץ אין זיינער עבודה צו דיען הקב"ה און ער זאל מתקן זיין זיין וועג, כדי דאס ער זאל זוכה זיין צו דעם ארט וואס ער האט בהאלטן צו דיא צדיקים, וויא דער פסוק זאגט [ישעיה סד] עַיִן לֹא רָאָתָה אֱלֹהִים זוּלָתְךָ יַעֲשֶׂה לִמְחַכֵּה לוֹ און דש זעלבט איז דער מענש זוכה דער צו דורך דר תורה. דען ווער עס איז [עוסק בתורה בכל יום] דער איז זוכה דער צו לעוה"ב, און איז גלייך אלז ער האט געבויט דיא וועלט, דען מיט דער תורה איז דיא וועלט בשאפן געווארן וויא אויבן איז געשטאנן: קום און זעה מיט דעם רוח האט הקב"ה דעם עולם בשאפן, און מיט דעם רוח פון די [לומדי תורה] וואס אויס איר מויל ארויס גייט האט דער עולם איין קיום, [מכל שכן] דר [רוח און הבל] וואס דא גייט פון דיא קליינע קינדר אז זייא לערנן ביים דעם רבי, דרום זאגט דוד [מה רב טובך] וויא גרויס איז דאס ארט וואס דוא האסט בהאלטן צו דיא יראי חטא, וואס איז דאס טוב, [פעלת] וואס דוא האסט געווערקט [במעשה בראשית] און האסט בשאפן איין גן עדן בארץ אין געשטאלט וויא עס למעלה איז, דרום זאגט ער [נגד בני אדם] דאס גן עדן למטה איז קעגן דיא לייט, און דאס גן עדן של מעלה איז קעגן דיא עליונים קדושים: זאגט רבי שמעון אפילו דאס גן עדן של מעלה איז אויך קעגן דיא בני אדם, פאר דיא צדיקים וואס טוען דעם ווילן פון הקב"ה [ויכלו השמים והארץ] אלז איז נגמר געווארן [הן למעלה הן למטה] זאגט רבי שמעון [שמים וארץ] ווייזט אויף דיא מעשה און אומנות פון [תורה שבכתב] און אויף דער מעשה און אומנות פון [תורה שבעל פה]: [כל צבאם] דאס זיינן דיא פירושים] אויף דער תורה, און ווייל עס זיינן [שבעים פנים לתורה] דרום איז ארמז אין ויכלו האט אין דער צאל ע' פנים פון דיא [תורת שבכתב און שבעל פה]: ויכלו דיא זיינן געגרונד פעסט געווארן מיט אנדר שמים וארץ וכל צבאם דאס זיינן די סודות התורה, און וויא אין דער תורה שטייט וואס טהור איז אדר טמא און אלע סודות איז אלז פר געגרונד פעסט געווארן:

(כי בו שבת מכל מלאכתו אשר ברא אלהים לעשות) מתקן צו זיין צו גרונד פעסטן דעם עולם מיט איטלעכן טאג, און אום צו נייען רוחות ונשמות, און האט אויך מיט גילויגן רוחות ושדים. אוב דוא וועלסט מיינן דיא שדים זיינן נישט נוץ און קיין תיקון עולם ניט, עס איז ניט אזוי, נייערט זיא זיינן אויך דער תיקון און קיום העולם, צו שלאגן מיט זיי דיא רשעים דאס זיא גייען קעגן זייא צו שטראפן זיי אויף אירע מעשים, דען ווער זיך בהעפט אן יצר הרע אזו זיינן זיא קעגן אים צו שטראפן דרום זיינן זייא לתיקון העולם: קום אונד זעה, עס שטייט ביים שלמה וְהוֹכַחְתִּיו בְּשֵׁבֶט אֲנָשִׁים וּבְנִגְעֵי בְּנֵי אָדָם ווער זיינן דיא [נגעי בני אדם] דס זיינן די מזיקים, דאס זיא שטראפן דיא לייט מיט עונש: קום און זעה, בשעה דאס שבת איז איין געגאנגן און איז מקודש געווארן, זיינן זיא איבר געבליבן מיר רוחות אן גופין, און זיא זיינן דיא בריות דאס ניט זיינן געגרונד פעסט געווארן וויא אנדרע בריות, און זיא זיינן נאר פסולת אזו ווען מען גאלד לייטערט און בלייבט פסולת, אזוי זיינן זייא געבליבן [פגומים] און געפעלט, קיין גאנצע בריאה, ניט וויא אנדרע בריות. און דרום ווייל זיא זיינן [פגומים] רוהט ניט אויף זיא דער שם הקדוש, דען דער שם הקדוש רוהט ניט אויף איין ארט וואס פגום איז: און וואס ניט גאנץ איז, און זי פארכטן זיך פאר דעם שם הקדוש זיא ציטערן און פר וואגלען פר דעם שם הקדוש. אזו אויך ווען דער מענש איז פגום און ניט גאנץ, ווען ער שטארבט און לאזט קיין קינד ניט בעולם, דען קען זיך זיין נשמה ניט בהעפטן אן דעם שם הקודש, און מען לאזט אים ניט אריין אין דעם [מחיצה של מעלה] ווייל ער ניט גאנץ איז און איז געפעלט אן קינדער, ביז ער ווערט פאר ריכט, וויא איין בוים וואס ווערט ארויס געריסן דאס מען אים אזו ווידר איין פלאנצין, אזוי אזו זיין ברודער זיין ווייב מיבם זיין, דען האט ער איין תיקון און ווערט ווידער געבארן אין דעם קינד וואס זיא האבן. דאס אלז איז דיא קדושה קען ניט רוהן וואו פגום איז און ניט גאנץ, דען דיא קדושה איז גאנץ אויף אלע זייטן און קיין פגם ווערט דראן ניט געפונען אייביג: קום און זעה דיא שדים זיינן אויך [פגום למעלה ולמטה] און דרום זיינן זיא ניט בהעפט [ניט למעלה און ניט למטה], דרום שטייט אויף זייא (אשר ברא אלהים לעשות) גאט האט בשאפן נאך צו טאן, זיא האבן זאלן גאנץ ווערן מיט אירע גופות, אזוי איז שבת אריין געגאנגן זיינן זי געבליבן פגומים למעלה ולמטה, אויב דו ווילסט וועלן פרעגן זיא זיינן דאך רוחות וארום זיינן זיא ניט גאנץ למעלה, אלא ווייל זיא ניט זיינן גאנץ למטה זיינן זיא אויך ניט גאנץ למעלה. און אלע קומן מצד הדין און זיינן פאר הוילן פאר דיא אויגן פון מענשטן און שטייען קעגן אים צו שעדן זיא און בייז צו טאן דיא לייט: זייא האבן דרייארלייא וויא מלאכים און דרייארלייא וויא דיא לייט וויא דיא גמרא זאגט (בחגיגה פרק אין דורשין) און אז זיא זיינן בשאפן געווארן זיינן זייא געבליבן און געגידרט אין דער קוואל (מטר נוחר הרחיים) דאס איז (בנוקבא דתהום רבה) וואו דיא קליפות איר וואונונג האבן גאנץ ליל שבת ויום שבת, און אז שבת איז אויס אזוי גייען זיא אויף דעם עולם און שוועבן אויף אלע זייטן. דען דען מאל דר וועקט זיך דער צד טמא און דין און דאס אש של גיהנם פלאמט און אלע מיני טמאה גייען און שוועבן בעולם, און וועלן זיך גערן אן קליידן אין איין גוף און קענען ניט. דרום מוז זיך דער עולם היטן פאר זיי, דרום האט מען מתקן געוועזן דעם [שיר של פגעים] דאס איז ויהי נועם צו זאגן בכל שעה ווען מיר מורא רוהט אויף דעם עולם: קום און זעה ווען דער יום שבת ווערט מקודש בערב שבת דענן מאל רוהט אויף דעם עולם סוכת שלום און ווערט פאר שפרייט בעולם, ווער איז דאס סוכת שלום דאס איז שבת, דען אלע שדים וקליפות און רוחות רעות און אלע צד הטומאה ווערן פאר בארגן און גייען אריין אין דעם קוואל פון דיא [רחיים] אין מיר ארט דאס הייסט [נוקבא דתהום רבה] דען ווען זיך דער וועקט דיא קדושה בעולם דא ווערט דער רוח הטומאה ניט דער וועקט און אנטלויפט דיזער פיר. דען איז דער עולם אין דער שמירה עליונה, דרום דארפן

איר ניט צו בעטן אין דר תפלה וויא אין דער וואכן אז מען זאגט אויש [ברוך אתה יי שומר עמו ישראל לעד] דען דש איז גמאכט גווארן צוא זאגן אן דער וואכין ווען דער עולם מוז שמירה האבן פֿאר זייא, אבר אן שבת דאש איז פֿורט שפרייט אויש דיא סוכת שלם אויף דען עולם, דען ווערט ער גיהיט אויף אלע זייטן אפֿילו די רשעים אין גיהנם זיינן גהיט אונ אלע עליונים ותחתונים ווערן גיפֿונדן אין שלום, דרום זאגן מיר די ברכה בליל שבת [הפורס סוכת שלום עלינו ועל כל עמו ישראל ועל ירושלים] ווארום זאגן מיר ועל ירושלים, אלא דרום ווייל דארטן איז דיא וואונונג פֿון דער סוכה דש איז דיא שכינה, דען סוכה איז לשון דעקן דאש זי צו דעקט אויף אונש צו בשיצן פֿר אלן בייזן, דרום מוזן מיר אן ברייטן צו דער סוכה דאש זיא זאל שפרייטן אויף אונז איר קדושה אונ זאל רוען מיט אונז אונ זאל אויף אונז בשיצן, אז וויא איין מוטר דיא הא רואט אויף אירי קינדר אונ דרום פֿארכטן זיא זיך ניט פֿון אלע זייטן דרום זאגט מען [הפורס סוכת שלום עלינו ועל כל עמו ישראל] קום אונ זעה בשעה דאש ישראל בענטשן דיא ברכה אונ זיינן מזומן צו דער סוכת שלום דער הייליגר גאט אונ זאגן [הפורס סוכת שלום], דען נידערט אראפ דיא קדושה עליונה אונ צו שפרייט אירע פֿליגל אויף ישראל אונ בדעקט זיא אז איין מוטר אירי קינדר. אונ אלע מזיקים רוחות רעות ווערן אלע איין גיטאן פֿון עולם דען זילן דיא ישראל אונטר דיא קדושה פֿון איר הערן דען די סוכת שלום גיט נייאה נשמות צו אירע קינדר דרום ווייל די נשמות ביי איר רואן אונ גייען פֿון איר ארויס דען גיט זי מיטלעבן בזונדער איין נשמה אן שבת דש דא קומט פֿון עו"הב אונ מיט דער נשמה יתירה זיינן זייא זיך משמח אונ מאכן פֿאר געשן פֿון זיך אלע וואכענדיגע זאכין אונ אויך אלע מורא אונ צער אונ אלע צרות ווייא דער פסוק זאגט [ישעיה י"ד] בְּיוֹם הָנִיחַ ה' לְךָ מֵעָצְבְּךָ וּמֵרָגְזֶךָ וגו' אין ליל שבת מוז דער מענש פֿאר זוכן פֿון אלע עסין, דאש מען זאל ווייזן דאש די סכת שלום איז כלול פֿון אלים אונ אלז איז כלול אין איר אלז אויש גינומען דאש מען ניט דארף דער דורך פוגם מאכן דיא סעודה וואש דא קער אויף מורגן דער יום שבת דהיינו ער הט נאך צווייא סעודות וואש דא קערן אויף יום שבת, וואלן שנן ווען איבריג איז מארגן, דא קאן ער פֿר זוכן דר פֿון אונ דער אינשטער איז צווייא גיריכט האבן צו מיטלעכר סעודה, אונ דיא מלוה פֿון נר שבת איז גיגעבן גיווארן צוא דיא ווייבר פֿון דעם הקדוש דאש זי זאלן לינדן ליכט. די חכמים האבן גיזאגט איין טעם ווייל חוה האט אויש גילאשן דאש ליכט פֿון דער וועלט אונ האט פֿינשטר דען עולם גימאכט מיט איר חטא, דרום זאל זי ליכט לינדן לשבת, אבר די האליכקייט איז דער פֿון ווייא די סוכת שלום ווש דא רואט אויף אונש אן שבת אונ די נשמות דרום קער די אשה למטה צוא טאן אין גישטאלט ווייא עש איז למעלה אן צוא לינדן דיא ליכט, דרום ווייל די צווי נשמות פֿון מענשן לייכטן אום שבת דרום מוזן זיא לינדן צווייא ליכט, אונ ווען דיא אשה לינט אן לייכטער קער זי לינדן [בשמחה ורצון הלב] ווייל עש איז לכבוד די שכינה. דרום איז זיא זוכה צו הייליגע קינדער דאש זיא ווערן זיין דאש ליכט פֿון דער וועלט אין תורה אין יראה אונ ווערן מערן שלום בעולם, אונ מיט דעם אויך גיט זי איר מאן לאנג לעבן, דרום קערן דיא נשים זהיר צוא זיין דראן.

אֵלֶּה תוֹלְדוֹת הַשָּׁמַיִם וְהָאָרֶץ בְּהִבָּרְאָם האבן מיר דאך גילערנט וואו עש שטייט [אלה] זונדערט אב די פֿאריגע רייד. אונ דא זונדערט אויך די דער פֿיר זיינן גיוועזן, דש הקב"ה הט צום ערשטן בשאפֿן וועלטן אונ זיי ווידר חרוב גימאכט דרום זיינן די ראשי תיבות פֿון [אלה תולדות השמים והארץ] די אותיות תה"ו: דש זי זיינן אום ערשט גיוועזן. איז דאך צו פֿרעגן ווארום האט זייא דען הקב"ה בתחילה בשאפֿן ווען ער האט זיי דער נאך ווידער חרוב גמאכט, אלא די הייליכקייט איז ווייל הקב"ה הט דען עולם בשאפֿן מיט דער תורה אונ ער הט וועלן די תורה געבן צוא די עכו"ם האבן זיא ניט גוואלט מקבל זיין, דען איז ער גיוועזן פֿאר ווישט אונ זיא הט אויך נישט גיהאט צו שטיין [ויאמר אלקים יקוו המים] די תורה איז גיגליכן צוא מים, זאל איין גיזאמלט ווערן [אל מקום אחד] צו די ישראל דש זייא אן נעמן ה' אחד אונ די ניט די תורה היטן דיא מאכין חרוב דען עולם: דרום זאגט דער פסוק [אלה תולדות השמים והארץ בהבראם] איז אין קליינע ה"א אונ איז דיא אותיות פֿון אברהם בהבראם צוא ווייזן דש דיא קינדר פֿון אברהם זיינן די תולדות ווייל זיא דיא תורה לערנן אונ אויך צו ווייזן דאש מען זאל מקבל גרים זיין דיא בגריפֿן זיינן אן דר ה"א וואש הקב"ה הט גיגעבן צוא אברהם דיא רעכטע גרים זיינן, אונ ניט די דא זיינן פֿון [כמה מיני ערב רב] דיא הייסן [עמלקים גבורים רפאים נפילים ענקים] דאש פֿון מירנט ווען דאש משה הט גימיינט זי זיינן זעלכע גרים דיא בגריפֿן זיינן אן אברהם דרום הט ער זייא מקבל גיוועזן אונ האט גורם גיוועזן דש דורך זייא איז דיא שכינה גקומען אין גלות [באלף החמישי] דאש דער עולם איז חרוב גיווארן מיט דען [חורבן בית ראשון ובית שני] אונ משה האט איבר זייא איין ירידה בקומן ווי עש שטייט [שמות ל"ג] לֵךְ רֵד כִּי שִׁחֵת עַמְּךָ אונ ער מוז אויך מגולגל ווערן אין גלות צווישן דען ערב רב דש אירע נשמות זיינן גיוועזן פֿון דור המבול דאש נח האט דעטט וועגן ניט וועלן אויף זיי מתפלל זיין, כדי דש זייא זאלן אויש גימעקט ווערן פֿון עולם ווייא דער פסוק זאגט [וימחו מן הארץ] דען זייא זיינן [עמלקים] דש בייא זי שטייט [דברים כ"ה] מָחֹה תִּמְחֶה אֶת זֵכֶר עמלק אונ משה הט זיך ניט גהיט פֿר זיא אונ הט זיא מגייר גיוועזן האבן זיא דאש עגל גימאכט, אונ האבן פֿיל בייז גורם גיוועזן אונ דיא ה' [מיני ערב רב] זיינן בעולם הזה אין גלות רביעי נאך פֿאר מישט צווישן ישראל אונ זיינן אויך שלעכטי [ותקיפים גדולים] אונ שטייען אויף ישראל מיט גזל, אויף זיא שטייט גישריבן [בראשית] כִּי מָלְאָה הָאָרֶץ חָמָס מִפְּנֵיהֶם די הייסן עמלקים, אונ די מיני [נפילים] זיינן דש אנדרע מין, זי הייסן דרום נפילים דען זי זיינן פֿון דיא דא זיינן מראש גיפֿאלן פֿון הימל בשעה דש הקב"ה הט וועלן דען מענטשן בשאפֿן הט ער גיזאגט [נעשה אדם בצלמנו] אונ האט אים וועלן מאכן פֿאר איינם שליטן איבר אלע בשעפֿנש דש ער זאל האבן צו בפֿעלן איבר אלע, האבן דיא מלאכים מקטרג גיוועזן אונ האבן גיזאגט [תהלים ח] מָה אֱנוֹשׁ כִּי תִזְכְּרֶנּוּ דען ער ווערט דער נאך זינדיגן פֿאר דיר: שפראך הקב"ה צו זייא ווען איר וועלט אונטן זיין וועלט איר נאך מער זינדיגן אז די לייט [ויראו בני אלקים את בנות האדם וגו' האבן זיא גילוסט צו דיא שיינע ווייבר אונ

האבן

האבן חוטא גיווען, האט זיא הקב"ה אראפ גיווארפן אן זייערע קייטן, אונ זיא זיינן דיא [יצאו ונגאלו] דאש פון זיא זאגן דיא נשמות [ערב רב] דאש הייסן נפילים, דש זי האבן זיך גיווארפן נאך זנות נאך שיני ווייבר, אונ הקב"ה הט זיא גיווארפן פון עולם הבא דאש זיא זאלן דארטן קיין חלק ניט האבן. אונ גיט זיא אירן שכר אויף דר וועלט. ווי דר פסוק זאגט [דברים] וּמְשַׁלֵּם לְשֹׂנְאָיו אֶל פָּנָיו לְהַאֲבִידוֹ. [גבורים] זיינן דאש דריטע אין פון די ערב רב. צו דר קעגן דאש זיא זיין די נשמות פון דור הפלגה דש ביינו זי שטייט [המה הגבורים אשר מעולם אנשי השם] זיא האבן גיזאגט [הבה נבנה לנו עיר ומגדל ונעשה לנו שם] אזוא טוען זיא נאך אונ בויען [בתי כנסיות ובתי מדרשות] אונ גיבן דריין איין ספר תורה מיט איין קרון דרויף. אונ איר כוונה איז ניט לשם שמים נייארט פון שם וועגן פר לייטן צו ברימן זיך. אונ אלד אחר שטארקן זי זיך אויף ישראל דאש זי זיין בייא זיא [כעפרא דארעא] אונ גזלן זייא אונ טוען זי אלץ רעות. אויף זי שטייט [והאים גברו ואמוד על הארץ]: [רפאים] זיא זיין דאש פירדע אין פון די ערב רב צו דר קעגן זי, ווען זי זעהן ישראל האבן דוחק זיינן זיא זיך מרחיק אונ שלאפן זיך פון זיא אונ קענען זיא העלפן אונ ווילן ניט, אונ שלאפין זיך אויך פון דר תורה אונ פון דיא לומדי תורה אונ טוען טובות צו דיא עכו"ם. אויף זי איז גיזאגט גיווארן [ישעיה כו] רְפָאִים בַּל יָקֻמוּ ווען הקב"ה ווערט ישראל גידיינקן צו דער פרייען ווערן זיא גאר פארלארן ווערן [ותאבד כל זכר למו]: [ענקים] זיינן דאש פינפטע אין אין ערב רב צו דער קעגן דיא דא אלז זיינן דיא תלמידי חכמים דאש בייא זיא שטייט [משלי א] וַעֲנָקִים לְגַרְגְּרֹתֶךָ אויף זיא איז גיזאגט גיווארן [דברים ב"ו] רְפָאִים יֵחָשְׁבוּ אַף הֵם כָּעֲנָקִים זיא זיינן איינר אזוא וויא דער אנדערר, דיא האבן אונז גיקערט דעם עולם צו תוהו ובוהו דאש אירנט וועגן איז חרב גיווארן דש בית המקדש דש דא איז גיוועזן דער עיקר אונ ישוב פון עולם, ביז הקב"ה ווערט קומן מיט זיין ליכט [ויהי אור] דען ווערן די אלע אויס גימעקט ווערן פון עולם אונ פר לארן ווערן. אבר דיא עיקר גאולה הייסט ביז עמלק ווערט אויס גימעקט ווערן, ווייל הקב"ה האט גישווארן [שמות יז] כִּי יָד עַל כֵּס יָהּ וגו': אדר [אלה תולדות] ווייזט ווען דיא ערב רב ווערן אויס גימעקט ווערן דיא האבן דש עגל גימאכט אונ האבן גיזאגט [אלה אלהיך ישראל], ווערט גלייך זיין אז דיא לייט ווער ערשט בישאפן גיווארן שמים וארץ: [ביום עשות ה' אלהים ארץ ושמים] שטייט ווייטר [וכל שיח השדה וגו' כי לא המטיר וגו'] צו ווייזן כל זמן דיא ערב רב זיינן, נאך רעגנט ניט דיא רעכטע תורה צו ווייטן [וכל עשב השדה טרם יצמח] דיא תורה אונ ישראל זיינן גיגליכן צו גראזין אונ בוימען, זי קענן ניט שפראצן אונ וואקסן דרום. [ואדם אין] דאש איז משה ווייל זיין תורה מאת נאך ניט אנטדעקט איז די סודות התורה. דרום שטייט [לעבוד את האדמה] דורך דיא סודות דינט מען רעכט צוא דער [קדושה עליונה] אונ אז ער ווערט קומן [ואד יעלה מן הארץ והשקה] ווערט ער צו טרינקן געבן דיא ישראל דיא תורה דיא הייסט מים צו דרשנן זיא מיט זיבליג [פנים]. אין דער צייט [וייצר ה' אלהים] ווערן ישראל זיין אין גישטאלט עליונים ותחתונים. אונ דער [שם הקדוש] ווערט אויף איר פנים רוען, ווערן זיא זיין איין הייליג פלאנצונג אויף דען עולם, ווי דער פסוק זאגט [ישעיה ס'] נֵצֶר מַטָּעַי מַעֲשֵׂה יָדַי לְהִתְפָּאֵר: דען אלז ווערן די ערב רב ניט מער זיין אונ ווערט מקוים ווערן [דברים לב] ה' בָּדָד יַנְחֶנּוּ וְאֵין עִמּוֹ אֵל נֵכָר. עס ווערט דר [אל נכר] קיין שליטה האבן דיא זיינן דאש ערב רב נייערט ישראל די זיין בגריפן אן עץ החיים דר ווערט זיין גיפלאנצט אין גן עדן. דרום שטייט [ועץ החיים בתוך הגן] אבר אויף דיא ערב רב שטייט [ועץ הדעת טוב ורע לא תאכלו] דש מען זאל זיי ניט אן נעמן, אונ ווייל זייא משה האט יוא אן גינומען האט גורם גיוועזן דאש עס זיינן חרב גיווארן דאש [בית המקדש ראשון] אונ דאש בית שני. דרום שטייט [כי ביום אכלך ממנו מות תמות] שאפן אויף ביידע בָּתי מקדשות:

וַיִּטַּע ה' אלהים גַּן בְּעֵדֶן וגו' אמר רבי שמעון האבן מיר דאך גילערנט דאש הקב"ה הט אלע עולמות בשאפן מיט די [אותיות התורה] אונ האט בשאפן אונ אויס גיקריצט די אויבערשטע עולמות. אין גישטאלט פון דיא אויבערשטן, אונ האט גימאכט גן עדן שלמטה וויא דאש גישטאלט אין [גן עדן של מעלה] אונ איין גן עדן שטייט קעגן דעם אנדרן אין זייער גישטאלט, אונ וויא הקב"ה האט בשאפן דעם עולם, אזוא האט ער בעשאפין אדם הראשון מיט [עשרה מאמרות]:

פָּתַח ער הייבט אן אונ זאגט רבי יהושע וְהֵמָּה כְּאָדָם עָבְרוּ בְרִית דיא ישראל האבן עובר ברית גיוועזן וויא אדם הראשון. דען הקב"ה הט אים בשאפן אונ האט אים גיקריינט מיט אלע קרונן שלמעלה דאש ער איז כלל גיוועזן פון אלע עולמות אונ אלע בשעפנש [עליונים ותחתונים] דיא האבן זיך פאר אים גיפארכטן דען ער איז גיוועזן אין גישטאלט דען אייבערשטן, דער נאך האט אים הקב"ה אין גן עדן אריין גיבראכט ער זאל דרינן אלע תענוגים האבן פון דיא עליונים, אונ די מלאכים של מעלה האבן אים ארום גירינגלט צו דינן אים אונ אים אודיע גיוועזן אלע סודות עליונים פון הקב"ה דאש ער זאל ווייטן אלע חכמות, אונ צו פאר שטיין אין דען כבוד פון הקב"ה, אונ אין [אדרת רבה פ"ט] זייענט ער ווייטר אויס דען פסוק [והמה כאדם עברו ברית] וויא הקב"ה הט גיטאן אדם הראשון אונ אז ער הט חוטא גיוועזן הט ער אים ארויס גיטריבן אויס דען גן עדן אונ האט אויף אים גיזאגט [איכה] וויא דער פסוק זאגט [ויקרא ה' אלקים אל האדם ויאמר לו איכה] אזוא אויך הט הקב"ה דיא ישראל גיבראכט אין ארץ ישראל אריין וויא דש גן עדן אונ זי האבן אויך חוטא גיוועזן אונ עובר דען ברית גיוועזן פון דער תורה, האט ער זיא ארויס גיטריבן אונ הט אויף זי גיזאגט איכה [איכה ישבה בדד] דארטן שטייט באריכות: דא איז ער מגלה דיא היכלות:

שבעה היכלות זיינן פאר האנדן למעלה דיא זיינן בסודות עליונים אין [גן עדן העליון]. אונ דר קעגן זיבן וואונגן אין גן עדן שלמטה איז אלז גישטעלט בסודות ורזין עילאין, אונ אלז איז איינס קעגן דען אנדרן אונ מיטלעבן

נאך זיין מיתה נאך און איין היכל אין אנדערן. און איין וואנונג אין אנדערן און דריטן איז [אדם הראשון] געוועזן, און אז ער האט חטא געוועזן און איז פאר טריבן געווארן אויס דעם גן עדן, האט הקב"ה דאס גן עדן אן גיברייט נאר דיזא נשמות פון דיא צדיקים מיט זייא זיך משתעשע צו זיין דערמיט וויא זייא הנאה איז פון זיין אייבערשטן כבוד:

הֵיכַל קַדְמָאָה דאס ערשטע היכל איז צו דיא צדיקים דיא דא זיך פארכטן פאר הקב"ה און פאר וועקסלן ניט דיא יראה פון הקב"ה קעגן דער יראה פון דיזא קליפות: דאס היכל איז ווען דיא נשמות פון דיא צדיקים גייען אויס פון דעם עולם, אזוי גיט איטליכע נשמה נאך זיין מיתה נאך אין דעם היכל. דיא מוז דארטן זיין אן גיקלייד אין זיין מלבוש, אין גישטאלט וויא זי איז געווען אין דעם עולם אין דעם גוף, און האט דארטן דער ווייל דיא גרויסע תענוגים אזוי לאנג וויא מען איר אויף לייגט זיין מעשים נאך וויא לאנג זיא מוז דארטן זיין, ביז זיא איז זוכה פון דארטן ארויף צו קומען אין גן עדן העליון, און דארטן ווערט ער גיקלייט אין איין מלבוש נאך זייני מעשים נאך. דורך די מלבושים קאן ער זעהן און מעיין זיין דיא נהורות עליונים און דעם כבוד פון הקב"ה. און אין דעם היכל זיינן דיא נשמות פון דיא גרים זייא גיין אהין צו זעהן פון דארטן דעם כבוד הקב"ה און ווערן גיקלייט אין איין מלבוש דאס דא לייכט און ניט לייכט דארטן זיא דען כבוד פון די צדיקים. און אום דעם היכל זיינן ברינגלט מיט אבנים טובות און פיין גמאלד דס זיינן מייטל מאורות עליונים קעגן דעם היכל איז איין טויער קיגן דעם גיהנם: דרטן זעהן די נשמות פון די גרים אין גיהנם די רשעים פון די עכו"ם ווי מען זיא דן מיז דורך די מלאכי חבלה אין פייער: און זי פרייען זיך אז זיא האבן זיך מגייר געוועזן און האבן דער קענט דעם בורא עולם. און דרייא מאל אין טאג זיינן זיא זיך משתעשע דר מיטן זיך אין דעם גרויסן תענוג דארטן פון די גרויסע ליכט (של מעלה). און דער אייבערשטער איבר זיי איז (עובדיה) און (אונקלוס הגר) דעסט גלייכן ווען זי מאכן פיל האבן זוכה געוועזן קומען זי אויך ארויף נאך היכל בג"ע ווען די לייט איז זי מזל קומען, דהֵיכָלָא תִּנְיָנָא דאס אנדרע היכל איז איניווייניג ווייטר פון דעם ערשטן און די טיר איז נאהנט פון די (מערת המכפלה) דאס היכל לייכט מער אז דס ערשטע. אין דעם היכל זיינן ארום גירינגלט מערלייא אבנים טובות אין דעם היכל איז איין גרוס ליכט פון אלע מאורות פון אויבן אראפ. אין דעם היכל זיינן דיא נשמות די האבן אויף דעם עולם גליטן יסורים און האבן אויף זיך מקבל געוועזן באהבה זי זאלן איין כפרה האבן. און זיך מתקן זיין דר מיט און מחמת יסורים האבן זיא דאך ניט מבטל געוועזן קיין תפלה און אלע מאל דאך גידאנקט און גילובט צו הקב"ה. אין דעם היכל גאנץ איניווייניג זיין די נשמות דיא האבן מקדש געוועזן מיט זיער גאנץ כח דעם שם הקדוש און האבן גיזאגט (אמן יהא שמיה רבא מברך) מיט דיא כוונה. דארטן זעהן זיא דאס גרויסע ליכט פון דיא (מאורות עליונים) און איבר זיא איז משיח ער גיט און טרייסט זייא און גייט אויס דעם היכל פון זיא: בְּהֵיכָלָא תְּלִיתָאָה אין דריטן היכל אריין. דארטן זיינן די דא האבן גרויסע יסורים און ווי טאג גליטן און אלע נשמות פון דיא קליינע קינדר פון רבי דיזא זיינן גישטארבן. דארטן זיין אויך דיא דא האבן גיטרויערט אויף דעם חורבן ב"ה און האבן טרערין גיגאסן מיט וויינען אויף דעם (חורבן) און משיח טרייסט זייא ער גיט ארויס פון זיא און גיט אריין אין פערטן היכל, דארטן זיין אלע [אבילי ציון וירושלים] און אלע די דא דר שלאגן זיין געווארן און אום גיקומען דורך די אומות, (משיח) וויינט איבר זיא דארטן, דא קומען דיא נשיאים מזרע דוד און גרייפן אים אן און טרייסטן אים, ער הייבט אן צו וויינן דאס אנדרע מאל ביז דאס קול גייט ארויף און גייט משיח מיט דעם קול ארויף און זאגט אובן ביז (ראש חודש) אזוי נידערן מיט אים אראפ פיל מאורות און לייכטונג די דער לייכטן אלע היכלות און רפואות צו די מלאכים און וויא טאג און דר שלאגנע די דא זיינן אום גיקומען און האבן גליטן יסורים מיט משיח, אזוי טוט ער זיך אן איין מלבוש, אויף דעם מלבוש זיינן אויס גיגראבן און גילייכנט אלע די דא זיין אום קומען דורך די עכו"ם, און לייכטנט אלע נהורות פון די הרוגים אויף דען לבוש פון מלך עליון: און הקב"ה איז אן גברייט דס זעלביג קלייד אן צו טאן דן צו מאל זיין זייא: וויא עס שטייט (תהלים ק"י) (ידין בגוים מלא גויות) ביז ער ווידער קומט מיט (כמה מלאכים און מרכבות שלמעלה): און וויא פיל לייכט און תענוגים מיטלייכר מאך מיט מלבושים און מיטלייכר ברייגנט איין מלבוש אן צו טאן די נשמות פון די הרוגים, און ווייל זיי אן טוען די לבושים האבן זי גרויסי תענוגים פון אור עליון אז דיא לייט ווייל משיח קומט און אב גיט: און גאנץ אין ווייניג דס היכל שטיאן אין דער גרויסע (מדרגה עליונה) דיא עטרה הרוגי מלכות רבי עקיבא מיט זייני חברים דיא לייכטין און זיינן עולה צו דעם גרויסן ליכט דס הייסט אַסְפַּקְלַרְיָא עילאה און דס לוטער ליכט פון כבוד העליון דס אויף זי הט גזאגט דר פסוק (ישעיה ס"ד) עַיִן לֹא רָאֲתָה אֱלֹהִים זוּלָתְךָ יַעֲשֶׂה לִמְחַכֵּה לוֹ. הֵיכָלָא חֲמִישָׁאָה. דס פינפטי היכל דארטן זיינן אלי בעלי תשובה וואס האבן זיך בדאכט אויף זייערי עונות און האבן תשובה גטאן און איר נשמה איז אויס גגאנגן בטהרה: און אויך די דא האבן מקדש השם גוועזן און האבן אויף זיך מקבל די מיתה גוועזן: אונטר דען שטאר שטייט (משה מלך יהודה) דס הקב"ה הט מקבל גוועזן אים בתשובה שלימה אין דעם היכל זיינן אין ווייניג דרינען די גרויסע ווס תשובה האבן גטאן. און איר נשמה איז אויס גגאנגן בטעה דס ער זיך הט פאר ביטערט אויף זיינע מעשים און זיא האבן הנאה (מאור העליון) און ווערן געזעטיגט בתענוגי' אלי טאג דרייא מאל אלי טאג קומט אין היכל דאס אור העליון. איז דיא גאנץ הויך זיינן מיטלייכר נהגה וויא זיין פאר דינסט איז נאך זיין מדרגה נאך: דאס היכל שטייט איבר די אנדרן. דאס אפילו צדיקים גמורים קאנען ניט אריין און דרינען בשטיין: מיז קיין מדרגה איבר זיא נייארט פון חסידים: הֵיכָלָא שְׁתִיתָאָה דס זעקסטי היכל זיינען דרינען די נשמות פון חסידים, דס היכל איז איבר אלי היכלות. עס קאן קיינער דרינען שטיין נאר דיא חסידים זיין גוועזן און הקב"ה האבן ליב גיהאט מיט גרוס אהבה. אין דר טיר פון דען היכל זיינן אלי דיא דא מייחדין אלי טאג דען ייחוד פון הקב"ה דער אייבערשטר פון דען היכל איז אברהם צו איין טיר דרך יאין פון הקב"ה אין דר אנדרי טיר

שטייט יצחק דער זיך האט לאזן בינדן פאר איין קרבן אויף דעם מזבח און איז געוועזן קרבן שלם פאר הקב"ה. אין דער דריטע טיר שטייט יעקב מיטן דרינען און זייני צוועלף שבטים און אום ארום: און די שכינה אויף זייער קאפ און ווען ישראל זיינען בצרה טוען זיך דער וועקן די דריי אבות. און זי דער וועקן דיא שכינה און זיא גיט ארויף געקריינט און איז מגין אויף ישראל. און וויא דיא היכלות זיינען אין גן עדן אונטן אזו איז אלט בגן עדן אובן (בסודות עליונים בסוד הייחוד). און אלי די זעקס היכלות זיינען אן גיקניפט און געקריינט מיט דעם זיבעטן היכל: (היכל השביעי) דאס איז פאר הויזן און פאר בארגן מער אז אלי היכלות. מיטן דינן היכל שטייט איין זייל איז אין געשטאלט גרין רוט וויא שווארץ, און אלי נשמות דיא זאלן ארויף גיין דורך דער זייל, נאך זייער מדרגה נאך וויא זיין נשמה אן גינומען האט אין וועלכי מדה טובה איז ער געוועזן איין חסיד, און האט גאוות חסד געטאן, גייט זיין נשמה ארויף דורך דעם ווייסן ליכט אזו אויך מיטליכר נאך זיין מדה נאך. און די זעקס היכלות די אובן גמעלט זיינען דיא זיינן צו וואונען דרינען אבר ניט דאס זיבעטי היכל. און דיא זעקס אונטן קעגין דיא זעקס אובן דרום שטייט (בראשית ברא) מאכט ברא ער האט בשאפן (שית) דאס ווארט שית איז טייטש זעקס, און שטייט צווישן צוויא מאל (ברא) צו ווייזן דאז דאס ווארט ברא גייט ארויף און אראפ, גלייך אז עס זאלט שטיין צווייא מאל שית מראש צו זיין דאס אלט איז געשטעלט מעלה קעגין אנדערר אלט בסודות עליונים, און אלי זיינען (בסוד אחד) ווי די (בעלי קבלה) וויסן וואל און פר שטייען דיא סודות בעליונים דס מען קאן ניט אלט טרייבן בל"א: און קעגין די שבעה היכלות זיינען שבעה וואונונג חדרים אין גן עדן התחתון איין מדרגה איבר דער אנדערי. און אין איטליכן וואונונג זיינען מלאכים עליונים איינר איבר דעם אנדערן. וויא עס איז מעלה הז' היכלות אזו איז אלט מטה און איינר איז באגריפן אן אנדערין דס אלי זאלן זיין אחדות. און דיא זיבן וואונונגן זיינען (בארץ עליונה) דס אלע שטייען דרינען און אין אלי איז דר שבח פון הקב"ה אין אלירלייא מדרגות אפ געשייד איינר פון אנדרן: דס ערשטי חדר איז מטה איז איין מקום חושך דס דא ניט לייכט און עס איז אן גברייט דס דארטן זאלען רוחות און שטארקי שטורעם ווינד זיא ווארן ניט געזעהן און איז ביי זי קיין לור' כלל: און איין ממונה איז דריבער ער הייסט [ס"ה] דער האט מיט זיך (שבעים שרים ממונים) דיא שוועבן און ווערן געזעהן אז דיא פלאם פייער און זיינען ניט בשטענדיג צו געפינדן, און ביי נאכט ווערן זי געזעהן אז פונקען און אלי מארגן גיאן זי ווידר אין איר לאך אין תהום און ווערן נישט געזעהן: דס אנדרי חדר איז איין מקום דס דא מער לייכט אז דער ערשטער אבר ניט זייער ליכטיג, און דס חדר איז אן גברייט צו דיא (מלאכים) דיא ממונה זיין [על מעשה בני אדם] צו זעהן אירי מעשים עדות צו זאגן, און דיא מלאכים האבן פריינד שאפט מיט דיא זייט און ווערן געשפייזט און האבן הנאה פון [ריח ובשמים של מטה] דאס זיי איז תועלת דורך דעם, און ווערן מער דר לייכט און איין ממונה איז אויף זי דר הייסט (ק"ד), און זיי הייבן אן שירה און ווערן שטיל און גייען אוועק און ווערן ניט געזעהן ביז ישראל הייבן אונטן אן און זאגן שירה: דען שטעלן זיא זיך אויף איר אורט און ווערן געזעהן אין לייכטיגר געשטאלט אז דער פיר דרייא מאל אלי שעה זיינען זיא מקדש דיא קדושה: און אז ישראל זיינען [עוסק בתורה] דא שוועבן אלי ארויף און זאגן עדות אויף ישראל אזו איז הקב"ה חס אויף זיא: דאס דריטי (חדר) איז איין (מקום של עשן ואש) דארטן ווערט גנומען דר [נהר דינור] דס אין דעם פייער פאר ברענט דער נפש פון דיא רשעים און דארטן זיינן [מלאכי חבלה] די זיא טרייבן. און דער ממונה אויף זיא איז דער [סמ"א] דארטן זיינן מקטרגים אויף ישראל צו זייטן, נאר ווען ישראל נעמען איר רפואה און טוען תשובה קענן זי ניטש טאן און זי אלי זיינן [מלך החושך על פני תהום]: דאס פירטי [חדר] דאס דא לייכט און דער לייכט צו דיא (מלאכים עליונים) די זיינן [מלאכי חסד] און הייבן אן שירה און לאזן ווידער אויס, און דיא מלאכים זיינן ניט אז ווי דיא דא זאגן שירה און גייען אריין אין נהר דינור און ווערן דרינן פר ברענט און זיינן זיך ווידער מחדש וויא פאר: אבר דיא בלייבן אייביג אין איר שטאנד די זיינן (מלאכי רחמים) די פאר בלייבן, אויף זיא שטייט [תהלים ק"ד] [עושה מלאכיו רוחות וגו'] און דיא געוועלטיגן אויף דעם עולם און ווערן ניט געזעהן צו בני אדם נאר (בחזון ובהשגה גדולה) און איר ממונה איז (פ"ד) ער האט בידו די שליסלן צו עפנן צו די (בעלי תשובה) און צו עפנן די טירן ארויף צו גיין דיא תפלות פאר הקב"ה: דאס פינפטי חדר דס לייכט מער אז די אלי איברשטי, עס זיינען דארטן מלאכים, מטייל של אש מטייל של מים זיינען זיא ברחמים אפט מלאכי דין אפט לייכטן די, און דיא זאגן חושך. די זאגן ממונה צו זינגן פאר אירן הערין, מטייל בחצי הלילה מטייל בבקר, און איר ממונה איז [ק"ד] און ווען עס קומט (בחצי הלילה) דס זיך דר [רוח צפון] דר וועקט דער נעסט מאל גיט הקב"ה אריין אין [גן עדן משתעשע] צו זיין מיט די [נשמות צדיקים] דען דר וועקט דר רוח צפון צו די דא ממונה זיינן דען מאל שירה צו זאגן דא הייבן אלי אן צו זינגן מיט גיזאנג און אז עס קומט דער פריא מארגן דען הייבן אן די אנדרי צו זאגן שירה און אלי שטערין פון הימל און אלי (מלאכים של מטה) העלפן זיא שירה צו זאגן, וויא דער פסוק זאגט [איוב ל"ח] בְּרָן־יַחַד כּוֹכְבֵי בֹקֶר וַיָּרִיעוּ כָּל בְּנֵי אלהים ביז ישראל הייבן אן נאך צו זאגן שירות ותשבחות. דאס זעקסטי חדר דאס איז (קרוב למלכות שמים) דארטן זיינען דיא (מחנה שכינה און מעשה מרכבה) אין געשטאלט פון טייכין און וואסר און שיפין וויא דער פסוק זאגט (זה הים גדול ורחב ידים שם כו' שם אניות יהלכון) דס מען ניט קאן טרייבן: דאס זיבעטי חדר איז איבר אלי און דארטן ווערן נאר גפונן נשמות הצדיקים דאס זיא זיך דארטן זעטיגן מיט תענוגים פון דעם טייער ליכט (מכבוד עליון) דארטן זיינען דיא אוצרות [של ברכה ונדבה כדאות עליון] און אזו אויך זיינען (בארץ התחתונה שבעה ארצות) אלי אין געשטאלט מעלה און אלי זאגן בדאו' בני אדם און אלי דאנקן און לובן צו הקב"ה, און אזו וואו דס מעלה זיינן קיינער דער אזו ווייסט דען כבוד פון הקב"ה אז דיא דא זאגן אין איברשטין מדור דיא זעהן רעכט דען כבוד פון הקב"ה ווי עס זאל זיין צו דינן אים און צו לויבן אים צו דער קענן אים, אזו אין דיא שבעה ארצות דס זיינען ארץ אֲדָמָה גֵיא נְשִׁיָה צִיָּה אַרְקָא תֵּבֵל דס העכסטי איבר אלי איז (תבל). און אזו וואל אז דס זיבטי וואונונג איז איבר אלי וואונונגן צו די נשמות הצדיקים, אזו איז (מטה תבל) דס אייברשטי נאך

דיא

דיא [גופות הצדיקים] אויף דיזן עולם דאס אלץ זאל זיין למטה אין געשטאלט לאעלה: ולקמן פ"ה גרשת אותי היו' תדע עוד מזה [ובפ' ויקרא ע' י"ד]: אונ אין תיקון ס"ד טרייבטע' אויך פון די ארצות: הייסן [ארץ אדמ' ארקא גי נשיה ציה תבל]: אונ אדם הראשון הט חוטא געוועזן שטייט אויף אים (כי שבע יפול צדיק) אונ אז ער האט געטראכט בתשובה שטייט אויף אים וקם איז ער ארויף גגאנגן אונ וויא ער איז אראפ גנידערט אין ידי (שביעה ארצות) הט ער אין איטליכט ארץ געטאן מעשים אונ תולדות געהאט. א טייל האבן געפראגט אונ א טייל ניט אונ עס זיינן דארטן בריו' א טייל זאגן מיט צוויי קעפ, א טייל מיט דריי' אזו ביז מיט זיבן קעפ עס זאגן מקומות דט דא לייכט די [חמה לבני כוכבי' ומזלות] אונ א טייל ערטר דאז איז אייטל פינסטערניש, אונ אזו גפינד זיך בייא די לייט אין דאס עולם, א טייל דט איז בייא זי ליכט אונ א טייל עשירות, א טייל חושך אונ עניות א טייל האבן איר יארן בעניות אונ האבן עשירות, דאס ווענט זיך אלץ אן איר מזל ווען זיא געבארן ווערן (במילוי הלבנה אדר בחסרון הלבנה). אונ עס זיינן לענדר דט אויף זי שטייט (בראשית לז) (והבור רק אין בו מים) וואסר איז ניט אבר שלאנגן אונ עקדשין איז יוא בייא זיא. דאס זיינן די עמי הארצים דאס אירע הייזר זיינן פון (מלאכי חבלה) דאס זיינן שלאנגן אונ עקדשין דיא זי בייסן מיט פיל ארלייא יסורים אין אירן גוף, דאס מאכט אלץ דט זיא זיינן גיקומען [בגלגול] פון אירן חטא דר פיר איי זיא זיינן גיקומען אויף דער וועלט אונ דרום ווערן זי גישטראפט דורך די בייזע לייט די זיינן שלאנגן און עקדשין אונ האבן מחזוקת אין אירן הויז אונ טרייען צוא דיא טרי גיהנם ווי ווי דאס זי אזו גישטראפט זאלן ווערן. אונ א טייל זיין דאס (כל ימיהם) איז אייטל שמחה עשירות אונ [דרך כלל] אלן וואס דא איז (בשבעה ארצות איז בשבעה מדורי גיהנם) אונ אזו גפינט זיך, אויך בייא דיא לייט דאס זיא ווערן רפטר אזוא גישטראפט בייא אירן לעבן דעסט גלייכן. אונ דיא בעלי קבלה פאר שטייען עס גאנץ וואול וויא דאס איז:

קם ר' שמעון שטייט אויף אונ זאגט וואול צו דיין חלק דו אדם הראשון דר מיט דר ווייטער פון אלע בשעפנט אויף דעם עולם, דט הקב"ה הט דיך גיגרייטט איבר אלע. אונ האט דיך גיבראכט אין [גן עדן] אונ האט דיר מתקן דריכן גיוועזן ז' חופות דוא זאלסט דיך דרינן משתעשע זיין אונ דר מייען אין דעם עונג פון (גן עדן העליון) דאס אויף דעם גרויסן עונג הט (דוד המלך) גיבעטן (לחזות בנועם ה') דאס איז דר עונג לאעלה פון די זיבן היכלן ע'ל פ"ב ולבקר בהיכלו דאס איז דער תענוג פון ז' רקיעים למטה אונ דיזו שטייען אייגע קעגן די אנדרע אונ אין אלע ביסטו גימאכן אין ג"ע אונ די זיבן חופות [הקדושים העליונים] זיינן איבר דיר גימאכן דט דוא זאלסט מיט זיא גיקרייכט ווערן. אונ דיא (ז' חופות התחתונים) דאס דו זאלסט דיך דרינן משתעשע זיין אונ אין אלע האט דיך הקב"ה משלים געוועזן צוא זיין גאנצן אין אלם ביז דייגע פיס זיינן נדחה גיווארן נאך דער עצה רעה פון דר נחש דט דו ביסט ארויס גיטריבן גיווארן אונ האסט [גורם מיתה] געוועזן צוא דיר ולכל עולם. דרום ווייל דוא האסט שטין גלאזן די גרוסי (תענוגים של מעלה ושל מטה) אונ האסט דיך גלאזן נאך דינו (תאוות הטומאה) פון דער נחש דאס דא הייסט

לראש פתנים דט זיך דר גוף בהעפט דראן אונ ניט דר רוח, ווי עס שטייט (דברים ל"ג) ראש פתנים אכזר אונ שטייט [ענבימו ענבי רוש] ביז עס איז גקומן דר חסיד אברהם אונ האט אן גהובן דען עולם מתקן צוא זיין, אונ האט זיך ארייז גלאזן אין דר (אמונה הקדושה) אונ האט (מתקן געווען למעלה ולמטה) אין דיא (שבעה רקיעי' עליוני' אונ שביעה רקיעים התחתונים) דט דיא תחתונים זייען היכלות צו דיא רקיעים עליונים דט זי זאלן זיין אלי איין יחוד אונ איין חיבור ווי איר האבן שוין גזאגט בייא יעניג (היכלות דרך כלל) אבר אלהיא וועלן איר רעכט מפורש זיין אונ מייא' זיין ווי עס זאל זיין כדי דט אונזרי חברים זאלן זיך ניט טועה זיין אונ זאלן גיין בדרך הישר ווי דר פסוק זאגט כי ישרים דרכי י"י צדיקים ילכו בם ופושעים יכשלו בם וגו'.

היכל הראשון הייסט היכל לבנת הספיר דט ערשטי היכל איז [תחלת המדרגת] דאס דא שטייט ליכטיג גקרייכט צו ווערן [במדרגות עליונות דר ממונה] דריכן הייסט ס"ח, דר שטייט אויך דיא טיר פון דען היכל, דען אלי נשמות דיא ארויף ווילן גיין, דא שטייט דר ממונה בלד זה אונ כמה ממוני' אנדרי מיט אים אייטל פלאם פייער אונ האבן אין אירי הענט פייארריגי רוטן, דר מיט אפ צו שלאגן פון דער נשמה די בייז' [זוהמא] וואס דרויף איז פון דיא עבירות דיא אום פלייט, אונ אלי ממונים זיינן אייטל אויגין איז דיא נשמה זוכה ווייטער צו גיין דא עפינט ער דיא טיר גיט זיא ווייטר. איז זי אבר ניט זוכה דא שטייט איין אנדר ממונה אויף הר אנדרי זייט אן גברייט מיט [כמה אלפים ורבבות משחיתים] די ביי אים זיינן. אונ אז דר אייברשטיר ס"ה דר מיז מצד הקדושה שטוסט זיא ארויס, דא קומט דר אנדרער דר איז מצד הטומאה אונ נעמט זיא, אונ ברענגט זיא אריין אין דיא [היכלות הטומאה] אונ אלי משחיתים נעמן זיא אונ פירן זייא אין גיהנם, אונ דארט ווערן זיא דן [י"ב חדש כמשפ' רשעים בגיהנ'] אונ דער ממונה ס"ה דער איז מצד הקדושה, דער שטייט באיין טיר אלי תפלות דיא דא ארויף קומן אונ שפאלטן דיא אווירים אונ רקיעים אריין צוא קומן לפני המלך, זיינן זיא [תפלות רבים] דען עפנט ער די טיר אונ דיא תפלה גיט אריין ביז עס ווערט גימאכט אויס אלע [תפלות שבעולם] איין קרוין דאס דא גיט ארויף [בראש צדיק חי עולמים] וויא מען האט אנדערש וואו דאס מפורש גיוועזן: איז עס אבר איין [תפלת יחיד] קומט זיא ביז צוא דער טיר וואס דער ס"ה שטייט דרויף זוכה ער זיא, איז זיא היפש רעכט אונ ווערדיג, דאס זיא זאל אריין קומן [לפני המלך הקדוש] איז גוט, עפנט ער איר דיא טיר גייט זיא אריין, [ואם לאו] דא שטויסט ער זיא ארויס אזוא נידערט זיא ווידר אראפ, אונ שוועבט ארום בעולם ביז זיא קומט צו דעם [רקיע התחתון] דיא פי"ט דעם עולם דארטן איז איין ממונה דיער הייסט ט"ה דער דא נעמט אלע דיא זעלבע תפלו' וס נדחה ווערט, די הייסן (תפלות הפסולין) אונ ער בהאלט די זעלבע תפלות אונ הייבט זיא אויף ביז דר זעלביגר מענטש ווערט בעטן אויף זייגע מעשים, טוט ער אנדערש תשובה פאר זיינן הערן וויא עס קער צו זיין אונ איז מתפלל אנדרע רעכטע תפלות וויא עס זאל זיין. דען נעמט זיא דער ממונה

וַיִּקְרָא אֶת שְׁמוֹ נֹחַ לֵאמֹר זֶה יְנַחֲמֵנוּ זאגט ר' יוסי ה"ן אזי: אותיות נח ביי די צדיקים איז אירן נאמען [גורם לטובֿ] פֿון נח איז געווארן אלע חן און ביי דיא רשעים איז אירן נאמען [גורם לרעה] [ויהי ער בכור יהודה רע בעיני יי] איז אויס דעם נאמען [ע"ר] געווארן [ר"ע]: אז נח איז וואָרן געבאָרן האט ער געזעהן די מעשים פֿון די לייט דס זייא זינדיגן פֿאר הקב"ה, האט ער זיך פֿון זייא פֿאר בארגן און האט עוסק געוועזן [בעבודת הקב"ה] דס ער זאל ניט גיין אין אירן וועג, און האט תורה גלערנט אויס דעם ספֿר פֿון אדם הראשון און פֿון חנוך. האט ער עוסק געוועזן משגיח צו זיין אן זיינם הערן, קומן און זעה וויא האט ער געוואוסט איין [קרבן מקריבֿ] צו זיין פֿאר הקב"ה [אלא] ער האט געזעהן בתורה און האט בפֿונדן [בחכמתו] דס דער עולם האט איין קיום אויף איין קרבן, און ווען ניט וואָרן דיא קרבנות האטין ניט איין קיום גיהאט דיא [עליונים און תחתונים].

מדרש הנעלם

בְּרֵאשִׁית בָּרָא אלהים וגו' [רבי יוחנן] הויב אן [בחכמה יבנה בית] דרייערלייא איז דער מענטש טון בדרך עולם, צו בויען זיך איין הויז צו וואָנען, צו פֿלאנצן איין ווין גארטן דאס ער זאל זיין פרנסה האבן, און דער נאך זאל ער איין ווייב נעמן קינדר צו האבן און זייא דער מיט מפֿרנס צו זיין. און ניט נאך טאן כדרך השוטים דאס פֿאר נעמן איין ווייב און דער נאך פֿלאנצן זייא איין ווין גארטן דער נאך בויען זייא איין הויז. דען [רבי שמעון] זאגט ווער עס נעמט איין ווייב און האט ניט פֿריער מיט וואס ער זאל זיא מפֿרנס זיין, דער הייסט פֿרייא פֿון מצוות אז דער פסוק זאגט [במתים חפֿשי] דרום דאס ער ניט קאן עוסק זיין [בעבודת הבורא נייערט בעבודת מטהו] איז ער פֿרייא פֿון מצות אז וויא איין מת. [רבי יהודה] זאגט ער איז גלייך אז ער זאלט זיך נעמן איין עבודה זרה צו זיך, דען רבי יהודה זאגט פֿריער האבן דיא חכמים חסידים ווייבר גינומען, און האבן דר נאך גילאזט שטיין [חיי עולם הזה] און האבן עוסק געוועזן [בתורה ומצות און עבודת בורא]. אבער היינטיגי לייט דאס דער עולם איז טרוד נאך דער פרנסה, דא איז דער מענטש פֿאר בויען איין הויז און צו גרייטן וואו ער זאל פרנסה האבן, און דער נאך זאל ער איין ווייב נעמן אזוי קאן ער דינען זיינם הערן און עוסק בתורה זיין וויא דיא חכמים זאגן [אם אין קמח אין תורה]: [רבי יודא] זאגט ווייל דאס דר מענטש נעמט איין ווייב הייסט ער [עבד יי] דען איז זיין הארץ פֿרייא דס ער בדארף ניט צו זעהן איין עבירה אן פֿרעמדע ווייבר, און מקיים צו זיין [ולא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם אשר אתם זונים אחריהם] דרום קער דער מענטש פֿריער בויען זיין הויז און זיין פרנסה האבן, דער נאך זאל ער נעמן איין ווייב, מיר לערנן דאס פֿון הקב"ה דאס ער האט פֿריער גיבויט דען עולם און האט אים גיגרונד פֿעסט, און האט אן גיגרייט אלערלייא פרנסה [בהמות חיות עופֿות] און אלי פֿיש און גראזן און בוימן און דער נאך האט ער ערשט דען מענטשן בשאפֿן מיט זיין ווייב און האט ווידר בנים גיוועזן, און האט איין ישובֿ גימאכט אין עולם אין דעם הויז וואס הקב"ה האט גיבויט. און דרום שטייט אותיות [בי"ת ראש] דאך קער דער מענטש צו זעהן צו שטעלן לייטן צו דער תורה, און ווען ער גלייך איז [עוסק בדרך ארץ ומלאכה אדר משא ומתן] זאל ער אלע שעה איין צייט האבן צו לערנן [שיגיעת שניהם משכחת עון]: אויב דער מענטש וואלט זאגן איך בין איין גרויסער מיוחס פֿון מענטשן גרויסע משפחה וויא זאל איך איין מלאכה טאן און עס איז מיר איין חרפה און בזיון, האט הקב"ה זיך גיפֿעדערט און האט זעלברט איין מלאכה גטאן וויא עס שטייט [בראשית ברא אלהים את השמים וגו'] און שטייט אויך [וישבות מכל מלאכתו וגו' אשר ברא אלהים לעשות] מען זאל זיך פֿון אים אפּ לערנן אויך צו טאן איין מלאכה. און זאל ניט קענן זאגן עס ווער אים איין חרפה. דרום האט הקב"ה בשאפֿן דען אדם צום הינטערשטן דס ער זאל האבן אלע מלאכות גימאכט [שמים וארץ וכל צבאם] דער נאך זאגט ער צו דעם מענטשן ביז יעצט האב איך [עוסק במלאכה] געוועזן פֿון איצונד זאלסטו דרינן עוסק זיין. דרום זאגט ער [בראשית] צום ערשטן איידער מענטש איז גיקומן לעולם [ברא אלהים] האט הקב"ה אלץ בשאפֿן. [און רבי יוחנן] זאגט ווארום איז דער מענטש בשאפֿן געווארן [בצלם אלהים] ווי עס שטייט [ויברא אלהים את האדם בצלמו] עס איז איין משל צו איין מלך דר געוועלטיגט אויף איין מדינה ער האט גבויט מלכות בנינים און גאסן נאך דער שטאט און אלע [בני המדינה] זיינן אים משועבד געוועזן, איין מאל רופֿט ער צו אלי [בני המדינה] און זעצט איבר זיי איין ממונה איין שר. ער שפראך ביז אהער האב איך מטריח געוועזן מיינע בדערפֿנט צו פֿאר ריכטן און צו מאכן שלעסער טורעם גאסן. פֿון איצונד אן ווייטר איז דער שר גלייך אז איך בין, אזו בפֿעלט ער אויך דען שר דאס ער זאל געוועלטיגן איבר דער מדינה וויא ער זעלברט, צו בויען און מאכן און טאן און לאזן זיין ווילן נאך, עס זאל ווייטר אלץ צו דיר משועבד זיין און זאלן זיך פֿארכטן פֿאר דיר אז פֿר מיר, אזוי אויך האט הקב"ה גיזאגט דאס ער האט בשאפֿן [אדם הראשון] און דרום שטייט [ומוראכם וחתכם יהיה על כל חית הארץ] און דרום אויך שטייט [בצלם אלהים עשה את האדם] אין זיין גישטאלט וויא ער האט גימאכט אלי זאכן פֿון דר וועלט און אלע תיקונים אזו זאל ער ווייטר טאן. [רבי יוחנן] איז גיגאנגן פֿון קסרי נאך לוד. וואר מיט אים [רבי חייא בר אבא] זייא קומן פֿר איין פֿעלד, שפראך [רבי יוחנן] דאס פֿעלד איז מיין געוועזן און האב עס פֿאר קויפֿט דאס איך זאל דער מיט זוכה זיין צו תורה: וויינט ר

חייא און זאגט ווארום האסטו דיר ניט געלאזן אויף דיין עלטר. שפראך ער איז דען דאס איין קליינע זאך דס איך האב פר קויפט איין זאך דאס איז בשאפן געווארן אין זעקס טעג און געקויפט דר מיט איין זאך דס איז בשאפן געווארן אין פערציג טעג אז דער פסוק זאגט [ויהי משה בהר ארבעים יום וארבעים לילה] און האב געקויפט גרויסע און גוטי זאכן דס ניט זיינן בעולם דס איז [עצה תושיה וחכמה וגבורה] אז דער פסוק זאגט [לי עצה ותושי' אני בינ' לי גבור'] ווען רבי יוחנן האט עוסק בתור' געוועזן האט זיין פנים געלייכט אז וויא דאס ליכט פון דר זון. ער זאגט דיא הלכה און תורה דיא לייכט איר ער לייענט דרויף [ומאהביו כצאת השמש בגבורתו]: רבי יצחק זאגט דיא תורה הייסט תושיה איז טייטש זיא מאכט דען מענטשן שלאף דאס איז צום ערשטן, אבר ווען ער הט געלערנט זאגט זיא [לי גבורה] דען צום ערשטן מוז ער מלחמה האלטן מיט דעם [יצר הרע] און מוז זיך צו שטוסן זיין גוף פייניגן אין [בית המדרש] ביז ער ווערט געוואונט [בתורה ובחכמה] דער נאך בקומט ער דיא שונהייט דיא גבורה צו שטרייטן מלחמת ה', אז דער פסוק זאגט [על כן יאמר בספר מלחמות יי] דארט איז דיא רעדעטי מלחמות ה' און די גבורה:

וַיֹּאמֶר אֱלֹהִים יִקָּווּ הַמַּיִם מִתַּחַת הַשָּׁמַיִם אֶל מָקוֹם אֶחָד וְתֵרָאֶה הַיַּבָּשָׁה [רבי תנחום] הובט אן [הצדיק אבד ואין איש שם על לב ואנשי חסד נאספים באין מבין כי מפני הרעה נאסף הצדיק] מיר האבן געלערנט ווען הקב"ה קוקט איין בעולם און זעהט דאס זיינען קיין צדיקים בעולם און פיל רשעים דען טוט ער מיין דין בעולם. זאגט רבי תנחום וויא דאס מעשה הגוף מיט דר נשמה איז, אזו טוט הקב"ה מיט דעם עולם. דען ווען דער מענטש איז חוטא נעמט ער אים ארויס זיין נשמה, אזו איז דער צדיק דיא נשמה און דיא רשעים זיינן דר גוף, דאס נעמט הקב"ה דיא נשמה דען צדיק בלייבט דער גוף [כטפה סרוחה] דאס וויזט דר פסוק [יקוו המים אל מקום אחד] דס זיינן די צדיקים זאלן איין גמאך ווערן לבית עולם דאס איז איין מקום מיוחד צו מיר נשמות. און זי ווערן דארטן איין גמאך לעולם הבא דען בלייבט איבר דער גוף טרוקן [ותראה היבשה] די רשעים די קיין מעשים טובים האבן דס עס איז קיינר ווער אויף זי זאל מגין זיין און צו דעקן זיא, דרום שטייט [ותראה] דען ווערן זי געזעהן. אזו אויך שטייט דס אהרן איז געשטארבן [ויראו כל העדה כי גוע אהרן]. ויראו לייען נִיִירָאוּ זייא זאגען ווארן געזעהן, דס דר מגין איז אוועק פון זיא געגאנגן. דען כל זמן אז צדיקים זיינן בדור קען דר מדת הדין קיין שליטה האבן אויף זיא, וויא דער פסוק זאגט [ויאמר להשמידם לולי משה בחירו עמד בפרץ לפניו להשיב חמתו מהשחית] און ווען הקב"ה וויל טאן [דין ברשעים] נעמט ער אוועק די צדיקים. עס איז איין משל צו איין מלך ער הט איין גארטן ער קומט מאל אריין און זעט דרינען פיל דערנר, זאגט ער איך וויל דאס אלט אוועק רומין פון דא. ער הייב אויף דיא אויגן זעט ער דערינן שיינע רויזן וואקסין. שפראך ער פון וועגן דיא רויזן וויל איך דיא דערנר שטייען לאזן. אז נאך די רויזן האבן געגעבן היפש געשמאק נעמט ער זיא און רייסט זייא אויס דער פון. אז ער האט זיא שון ארויס געריסן זאגט ער איצונד איז צייט ארויס צו רייסן דיא דערנר און זיא ארויס צו רומין פון דעם גארטן. אזו אויך ווען צדיקים ווערן אפ געטאן פון דיא רשעים, דען טוט ערשט הקב"ה זיין דין אן די רשעים, דס מיינט דר פסוק [דודי ירד לגנו לרעות בגנים וללקוט שושנים]:

שָׁאַל עס האט געפרעגט [רבי יצחק צו רבי אלעזר] ווי זי זאגען געגאנגען [במדבר] שפראך ער איך וועלט גערן איין שאלה פרעגן. ווען עס נאר ניט איין חטא ווער. שפראך ער דוא ביסט כדאי צו פרעגן וואס דוא ווילסט, שפראך ער עס שטייט [וירא אלהים כי טוב] ווען עס ווער היפש און שיין געוועזן פר דעם פעולה איז עס רעכט. אבר ער זאגט דער נאך ערשט וירא אלהים כי טוב איז משמע דאס ח"ו ער האט מיי דער פיר ניט געוואוסט, ביז ער הט זיא בשאפן האט ער ערשט געזעהן דאס זיא איז שיין און היפש און זאגט ערשט וירא ער הט געזעהן ערשט כי טוב. שפראך רבי אלעזר עס איז קיין חטא ניט אז דוא דאס פרעגסט, דען דאס איז איין פאר זאג צו דען מענטשן ווען ער לערנט [במעשה בראשית] דיא פעולה פון איטליכן טאג זאלט ער וועלן פרעגן ווארום איז דאס אזו און ווארום האט דאס אזו איין געשטאלט, דרום זאגט דער פסוק [וירא אלהים כי טוב] עס האט אים אזו וואול געפאלן בדארפסט דוא שוין ניט פרעגן דרויף. און אויך וויל די תורה לערנן דעם מענטשן [דרך ארץ] ער זאל זיין טאג ניקס לויבן ביז די זאך פארטיג איז, דען עס מאג דער נאך דראן איין חסרון זיין בלייבט ער איין ליגנר. דרום ווען גלייך הקב"ה האט וואול געוואוסט דער פיר דאס עס ווערט גוט זיין. האט ער דער נאך אן געשריבן ערשט [וירא אלהים כי טוב] אזו געפינען מיר אין דר תורה פיל מאל אויך ביי סדום [ארדה נא ואראה] ווען גלייך הקב"ה האט אלץ אובן געוואוסט און הט ניט דארפן דעסט וועגן אראב צו נידרן, טרייבט אונז די תורה אז מן זאל זיך פון אים אפ לערנען דאס ב"ד קענן זיך ניט פאר לאזן אויף מיר [שכל און דעה] נייערט רעכט נאך צו פארשן, וויא דער פסוק זאגט [ודרשת וחקרת ושאלת היטב]. אין דעם קאם [רבי אבא] זייא פרעגן איהם אויך די שאלה, שפראך ער עס שטייט דרום [וירא אלהים כי טוב] דען ער האט אלץ געמאכט דורך זיין געבאט צו זיין דורך איין מאמר, ער האט גזאגט דאס זאל דיא ערד ארויס ציהען. דאס זאלן די וואסר ארויס ציהן אזו אלץ, און אז אלע האבן אלץ געטאן וויא הקב"ה האט זיא געבאטן דען האט ער עס געלובט [וירא אלהים] ער האט געזעהן דאס זיא האבן עס רעכט געטאן וויא ער הט געוואלט. זאגט ער [כי טוב] האסטו גוט געטאן דרום זאגט ער [את כל אשר עשה] אלץ ווי ער הט בשאפן איז געוועזן [טוב מאוד] צו שטייען אין אירן שטאנד און זאלן זיין וויא זייא זיינן און ניט משנה צו זיין:

תנו רבנן אלי טאג גייט אויס איין [כרוז] און זאגט דר וועקט אייך איר בני קדושים עליונים און טוט איר די עבודה פון אייערן הערן, דאס ער האט אייך אפ געשיידן פון אנדרי אומות עכו"ם און האט אייך געגעבן איין נשמה קדושה. דיא איז אב געשיידן געווארן פון דעם [כסא הכבוד]. שפראך [רבי יהודה] דער נאך, פון וואס זייגען די

נשמות

נשמות עכו"ם, זאגט ר"א עס שטייט [ויפח באפיו נשמת חיים] דס איז די נשמה קדושה דיזע קומט [מכסא הכבוד] פון אונז עליון וואס שטייט ביי אדם [ויהי אדם לנפש חיה] דאס נפש חיה איז נאר איין נפש וואס איז באשאפן פון דר ערד ניט [מכסא הכבוד] דיא תורה קלאגט אויף אים אונ שפרעך, הקב"ה האט געגעבן איין הויכי [נשמת חיים הקדושה] דאס ער זאל האבן [חיי עוה"ב] אונ ער איז חוזר דער פון געוועזן צו דעם נפש חיה דאס דא קומט פון דער ערד, דרום זאגט די תורה נאך אזו איין נשמה אז ער האט געהאט [ויהי האדם לנפש חיה] קלאגט דיא תורה אויף אים. דרום שטייט ויהי ער וועלכעס האט זיך דאס גורם בחטאו געוועזן. שפראך הקב"ה דוא אדם איך האב דיך באשאפן גרעסר פאר אלי בריות, אונ האב דיר געגעבן איין נשמת חיים דיא דא גיבט חיים צו אירע בעלים דיא איז באשאפן פון איין [כסא הכבוד] אונ דוא ביסט חוזר געווען צו דיא נפש חיה דאס איז באשאפן געווארן פון דער ערד, איך שווער ביי מיין לעבן פון יעצט אן ווער עס ווערט עוסק בתורה זיין אונ ווערט זיא היטן, וועל איך אים געבין דיא חשובה נשמה דאס דא איז פון איין [כסא הכבוד] דס דא גיט חיים צו אירן בעלים. אונ די ניט וועלן עוסק בתורה זיין ווערן נאר האבן איין נפש חיה וואס זיא האבן זיך אויס דער וויילט דס זיא ווערן פאר לענט ווערן מיט איר. דרום זאגט [קהלת] מִי יוֹדֵעַ רוּחַ הָאָדָם הָעוֹלָה לְמָעְלָה דאס איז דיא הייליגי נשמה דיא איז ווידער עולה למעלה פון דיא צדיקי' דיא דא הייסן אדם [ורוח הבהמה היורדת למטה לארץ] דס איז דיא נפש חיה דיא איז באשאפן פון דער ערד: זאגט רבי אלעזר ביז דרייצהן יאר איז דר מענטש עוסק מיט דער נפש חיה דר נאך ווען ער וויל איין זכיי זיין מעשים גיבט מן אים דיא [נשמה הקדושה העליונה] דאס דא איז מכסא הכבוד: רבי שמעון בן יוחאי האט איין מאל געמאכט איין גרויסע סעודה אונ האט מן גברייט דרויף דיא (מאכלי המשמנות ותענוגים) אונ האט בדעקט די גאנצי הויז מיט כלים חשובים, אונ דיא רבנים געזעצט אויף איין זייט אונ ער האט זיך געזעצט אויף איין אנדרי זייט. אונ וואר זייער לוסטיג זייא שפראכן ווארום ער איז לוסטיג היינט מער אז איין אנדער מאל, שפראך ער דעם טאג נידערן (נשמות קדושות עליונים) אויך פיר (כנפי חיות) צו מיין זון ר"א, אונ מיט דער שמחה בין איך זייער לוסטיג איך האב איין (שמחה שלימה), ער זעצט זיין זון ר' אלעזר צו זיך אונ זאגט צו אים זון מיין קינד, דעם היינטיגן טאג ווערסטו גהייליגט אונ [בחלק וגורל הקודש] כלומר דו בקומסט איין הייליגי [נשמה עליונה] איין גוטן גורל, אזו רעדט רבי שמעון איין ווארט וואר דאס הויז אום גירינגלט מיט פייער דיא רבנן גייען ארויס. זייא זעהן איין רויך דאס דא גייט אויס דעם הויז איין גאנצן טאג. אזו קאם אהין [ר' יוסי בן רבי שמעון בן לקוניא] ער גיפינט די רבנן דס זייא זיך דרויף פאר וואונדערן אונ שטייען דרויסן אויף דר גאס, שפראך ער צו זיי וואס איז דס דר מיינ, זי שפרעכן זעה איהר דר רויך איז פון אש של מעלה, דען מען קריינט היינט צו [רבי אלעזר] מיט איין הייליקי קרון אונ דיא רבנן זעהן דאס עס נידערן ארום איר פליגל [של נשר של אש] דס האט ארום גירינגלט צו רבי אלעזר מיט זיין פאטר [ר' שמעון].

רבי יוסי זאלט דארטן ביז דאס פייער איז אוועק גיגאנגן. שפראך רבי שמעון וואס איז אין דיינר דיעה, שפראך רבי יוסי איך וועלט גערן גיגעבן איין טאכטר צוא דיין רבי אלעזר, שפראך ער עס זאל אזוא זיין, ער רופט דיא רבנן אונ גיט אים זיין טאכטר, זייא זאלן דארטן דרייא טאג אונ באמיען זיך אין דר תורה פאר אים אונ האבן ניט גילאזן קיין סוד אין דיא משניות דס רבי שמעון האט זיא ניט גילערנט, [כל ימיו של רבי שמעון] איז דער קשת ניט וואארן גיזעהן. דען זיין זכות האט מגין גיוועזן אויף זיין דור וויא עס שטייט [בגמרא וזהר] זאגט רבי יצחק דיא נשמה שטייט אלע מאל אין איר קיום וויא הקב"ה איז קיים אזוא זיך אויך. אבר אויף דעם נפש חיה זאגט דער פסוק [הכרת תכרת הנפש ההיא עונה בה] פרעגט רבי יהודה דר נאך אז נפש חיה איז ווי איין רוח בהמה, ווארום מאכט דען דער תרגום אויף [ויהי האדם לנפש חיה לנפש ממללא] איז טייטש איין נפש ווס דא קאן ריידן, ווען עס וואר וויא איין נפש בהמה ווארום ריידן דען דיא בהמות ניט. זאגט רבי יצחק דרום ווייל איר גוף איז גיקניטן גיווארן פון דעם גראבן ערד [החומר] מיטר אז בייא דיא לייט, אונ זייא ריכטן ניט אויף איר קאפ צום הימל דאס זיא ניט זעהן אין הימל, אז וויא די לייט ווען זיי וואלטן זיין גימאכט אויס גרינגן חומר דאס ניט אזוא גראב איז וויא דיא לייט זיינן אונ ריכטן זייא איר קאפ אויף אונ זעהן אין הימל וועלטן זייא אויך ריידן. שפראך רבי יוסי בשלמא אז זייא האבן איין גראבן חומר אין אז לייט אונ ריכטן ניט אויף איר קאפ איז רעכט איין טעם דאס זיא ניט גלייך זיילען אז דיא לייט. אבר דוא זאגסט וועגן דאס זייא ניט זעהן ארייין אין הימל וואס שאט דאס. שפראך ער דאס איז איין גרויס הילף צו די לייטן, קוק אונ זיך [נבוכדנצר] דא ער איז גווארן איין חיה אונ איז פאר טריבן גיווארן, האט ער קיין הילף גיהאט ווידר צו ווערן איין מענטש ביז ער האט גיזעהן אין הימל אריין, ווי דר פסוק זאגט [אנא נבוכדנצר עיני לשמיא נטלית ומנדעי יתוב עלי] אז ער האט אין הימל ארייין גיזעהן. דען וואר ער ווידר בייא זיין חכמה ושכל, אבר דר פיר ניט ער איז גוועזן איין חיה רעה: זאגט [רבי כרוספדאי] די עכו"ם אונ דיא [עמי הארץ] דיא ניט גלובן אן הקב"ה אונ לערנן קיין תורה די האבן נאר איין נפש חיה דס דא קומט פון דר ערדן. אונ דרום האבן זייא קיין אמונה ניט. אבר ישראל די האבן איר אמונה אן הקב"ה אונ זיינן עוסק בתורה אונ טוען דיא מצות זאגט דר פסוק [לא כאלה חלק יעקב] זיי האבן קיין חלק נפש חיה נייערט [יוצר הכל הוא] דס איר נשמות קדושות זיינן פון דר שכינה גנומן:

וַתֵּרֶא הָאִשָּׁה כִּי טוֹב הָעֵץ לְמַאֲכָל וְכִי תַאֲוָה הוּא לָעֵינַיִם וְנֶחְמָד הָעֵץ לְהַשְׂכִּיל וַתִּקַּח מִפִּרְיוֹ וגו׳ קום אונ זיך דאס דיא לייט ווייסן ניט אונ זייכען ניט משתכל אונ משגיח, בשעה דס הקב"ה האט דיזן אדם באשאפן אונ האט אים מכבד גוועזן [בכבוד עליון] הט הקב"ה פון אים בגערט ער זאל זיך אן אים בהעפטן כדי דס ער זאל זיין איין [יחיד] אונ איין האר דאס ניט ווערט פאר ענדרט אונ קערט זיך ניט אייביג. אב פון דען צו בונד פון [אמונת היחוד] דאס אלט איז אן אים אן גיבונדן וויא דער פסוק זאגט [ועץ החיים בתוך הגן] דאס אלט איז בייחוד, דער נאך האבן זיא אפ גיקערט פון דען

דרך משנה און האבן שטייען געלאזן דעם [אילן היחוד אבל האילנות] און האבן זיך בהעפט אן דעם [עץ הדעת טוב ורע] אזו איין ארט וואו זיך פאר ענדרט און פאר קערט זיך פון איין גשטאלט נאך אנדרן פון גוט צו שלעכט און פון שלעכט צו גוט, און זיינן גינידרט פון מירע הויכע מדריגה אראפ און האבן זיך בהעפט אונטן אן פיל פאר ענדרנעש, און האבן שטיין געלאזן דיא מדריגה עליונה איבר אלע דאס איז יחוד אן פאר ענדרנעש אייביג, וויא דער פסוק זאגט [קהלת ז'] אשר עָשָׂה האלהים אֶת האדם יָשָׁר וְהֵמָּה בִקְשׁוּ חשבונות רַבִּים

הקב"ה האט אים בשאפן רעכט צו זיין איין יחוד אן שינוי, און זייא האבן זיך בהעפט וואו פיל שינויים זיינן דען איז גיווארן איר הארץ וויא דער עץ איז וואו זייא האבן בגערט צו גוטן און צו בייז. שפראך הקב"ה דוא האסט גילאזן דעם [עץ החיים ועץ החיים בתוך הגן] און האסט דיך בהעפט אן עץ התאוות דעם [עץ הדעת טוב ורע] דא איז וודאי דער טויט קעגן דיר, וויא דער פסוק זאגט [משלי ה'] רַגְלֶיהָ יֹרְדוֹת מָוֶת און דרום איז נגזר גיווארן טויט אויף אים און אויף כל עולם. און דוא ווערסט פרעגן ווען אדם האט חטא גיוועזן וואס האט דער גאנצר עולם חטא גיוועזן דאס זייא זאלן שטארבן, אויב דו ווילסט זאגן עס האבן אויך אלע בריות גיגעסן פון עץ הדעת, עס איז ניט אזוא, אלא בשעה דש אדם איז גישטאנן אויף זייני פיס האבן אים גיזעהן אלע בשעפענש און האבן זיך פאר אים גיפארכטן, און זיינען אים נאך גיגאנגן אז וויא דיא קנעכט נאך אירן הערן און ער האט צו זייא גיזאגט [בואו ונשתחוה ונכרעה ונברכה לפני יי עושנו] קומט איר ווערן זיך בוקן איר ווילן זיך קניען איר ווילן לובן פר גאט אונזרן בשעפר. זייא זיינן אים אלע נאך גגאנגן און אז זייא האבן אלע גיזעהן וויא אדם בוקט זיך צו דעם עץ טוב ורע און בהעפט זיך דראן, האבן זיי זיך נאך אים אלע נאך גלאזן. דרום האט ער גורם מיתה גיוועזן צו זיך און צו אלע [כל עולם], דען ווארן אדם פר ענדרט גוועזן אין פיל ארלייא גישטאלט אפט צו גוטס און אפט צו שלעכטס אפט צו צארן און אפט צו נחת אפט צו רחמים און אפט צו דין אפט לחיים און אפט למות, און איז ניט גיבליבן שטיין אין זיין שטאנד פון איינר לייא. דען דש ארט וואו ער האט זיך בהעפט הט אים דאס גורם גוועזן דרום הייסט דאס ארט [להט החרב המתהפכת] דאס עס פאר קערט זיך פון גוטס צו שלעכטס פון רחמים צו דין פון שלום צו מלחמה. דאס איז [טוב ורע] און דער מלך עליון דאס זיך איז מרחם אויף מעשה ידיו הט אים דארויף פר זאגט [ומעץ הדעת טוב ורע לא תאכל ממנו] און ער האט עס ניט מקבל גיוועזן און האט גיפאלגט זיין ווייב. דרום האט ער גורם מיתה גוועזן [לכל עולם] און איז פר טריבן גווארן אויף אייביג: קום און זיך לעולם הבא שטייט [כימי העץ ימי עמי] דיא טאג פון מיינם פאלק ווערן זיין אז וויא דיא טעג פון דעם בוים דר דא איז מיוחד דאס זיך איז ניט פאר ענדרט דען שטייט גישריבן [בלע המות לנצח וגו']:

פרשת נח

אֵלֶּה תּוֹלְדוֹת נֹחַ נֹחַ אִישׁ צַדִּיק תָּמִים הָיָה בְּדוֹרוֹתָיו דר תוספת.

בזוה' פרעגט ווארום שטייט נח נח צווייא מאל, אלא איטליכר צדיק דר הט אן זיך צווי נשמות איין נשמה פון עולם הבא דרום רופט הקב"ה איטליכן צווייא מאל וויא איר גפינן [אברהם אברהם יעקב יעקב משה משה שמואל שמואל] נאר בייא יצחק שטייט איין מאל יצחק. דען בשעה דש ער איז גיבונדן גווארן אויף דעם מזבח, דא וואר ארויס גיין די נשמה פון אים אין דעם עולם און קומט אין דעם בארען ווען אברהם הט מקריב גוועזן אין זיין שטאט, און אז גזאגט איז גוואר אברהם [ברוך מחיה מתים] דא וואר ווידר גקערט אין אים דיא נשמה נאר פון עולם הבא, דרום גפינען איר ניט הט י' האט אויף איין צדיק מייחד שמו גוועזן צו רופן אויף אים [אלהי פלוני] ווייל ער האט גלעבט ביז ער איז גשטארבן, וויא דער פסוק זאגט [הן בקדושיו לא יאמין] נאר בייא יצחק גפינן איר דש הש"י הט גזאגט צו יעקב [אנכי אלהי אברהם ואלהי יצחק] און יצחק האט דענכט אזוי גלעבט דרום ווייל זיין נשמה פון עולם הזה וואר ניאר בייא אים דא איז ער גלייך אז ער וואר גשטארבן:

[אלה תולדות נח] רבי אבא זאגט וואו עס שטייט אלה דש ווארט ענדרט אב די דא פריער שטייען, דרום זאגט ער אלה דיא זיינן די תולדות און ניט די דר פיר שטייען. און דא אויך פטלת ער דיזו דורות דיא זיינן דר פיר גוועזן רשעים, דרום ווייל אדם הראשון האט חוטא גוועזן דיא זיינן נאך גוועזן האבן אלי גהייסן בני אדם ניט פאר שבח און מעלה נייערט לגנאי, גלייך אז איינר רעט די זיינן די קינדר פון דעם חוטא. אבר אז נח איז גבורן גווארן הייסן אלע דש זיינן די קינדר פון נח [אלה תולדות נח] די קינדר הט נח מקיים גוועזן אויך אויף דער וועלט און ניט דיא תולדות פון אדם הראשון. דאס הקב"ה האט זיא מעביר גוועזן פון דער וועלט און הט גורם גוועזן מיתה צו אלע לייטן: שפראך רבי יוסי עס שטייט דאך דר נאך [וירד יי לראות את העיר ואת המגדל אשר בנו בני האדם] און שטייט ניט בני נח, שפראך רבי אבא קום און זיך עס שטייט גשריבן [בן חכם ישמח אב] ווען איין בן טוב איז איין גוט קינד, איז איטליכ' דר מאנט זיין פאטר לטובה. ווען ער איז אבר איין בייז קינד דער מאנט אן דעם פאטר צו בייזן, אזו דא אויך ווייל דיא [דור הפלגה] האבן מורד גוועזן אן הקב"ה הייסט ער זייא בני אדם דער אויך אזו איינר איז גוועזן, דרום שטייט אלה' [אלה תולדות נח] דיא זיינן תולדות. דיא ארויס זיינן גגאנגען אויס דר תיבה, אבר ניט תולדות דאס אדם הראשון האט גיהאט וויא ער איז ארויס גגאנגן אויס דעם גן עדן. קום און זיך ווען העט אדם הראשון קינדר גיוואנען אין גן עדן דא ווערן זיא ניט פר דארבן גווארן לדורי דורות, און דיא לבנה ווער ניט דער קלענרט גווארן איר ליכט אייביג, און אלי ווערן גיבליבן לעבן אייביג, און ווערן גוועזן אין דען גרויסן ליכט מער נאך אז דיזו מלאכים אין גשטאלט און אין חכמה וויא עס שטייט

שטייט

טטייט [בצלם אלהים ברא אותו] אין פארעם פון הקב"ה הט ער אים בשאפן· אבר או ער האט חוטא געווען אונ האט מוזן ארויס גיין אויז דעם גן עדן אזוי זייגען זייא ניט געבליבן ווי זי זאלן זיין אונ האבן קיין קיום ניט: [רבי חזקיה] פרעגט אים וויא האט אדם הראשון געקאנט קינדער האבן אין גן עדן, ווען ער האט ניט חוטא געווען האט ער דאך קיין יצר הרע געהאט אונ וואר אזו אליין געבליבן אונ האט זיין טעג קיין תולדות געהאט. דעסט גלייכן דיא ישראל ווען זיא ווערן געבליבן ביי דער מדרגה פון [אתן תורה] דט האבן נאך קיין יצר הרע געהאט, אזו ווערן זי אויך אליין ווערן טון קיין דורות ניט געווען וואלט ער ניט געהאט קינדער וויא אילוכד מכח דען יצר הרע, נייערט מלך רוח הקודש הייליגי אז דיא מלאכים קדושים דיא בלייבן אייביג אונ ווער ניט געווען בייא זי דער יצר הרע נייערט [בדמות צלם]. אבר אז ער האט חוטא נאך זי ביז זי הבן [חוטא בעגל] געווען הבן זי אויך זיך אויך געווען אונ געווען דעם צ"ה. עפרט אים ר' אבא ניין אדם הראשון וואלט ניט חוטא געווען הט קינדר געהאט אויז דען גן עדן אונ הט ניט זולה געווען אין גן עדן צו קינדר, אזו האבן זייא קיין קיום געהאט געווארצלט צו ווערן אויף דער וועלט, ביז נח איז אויס דער תיבה געגאנגען פון דארטן זיינן אויס געגאנגען אלי דורות אונ פון דארטן זיינן זיא פר שפרייט געווארן אויף אלי פיר זייטן וועלט:

[וַיַּרְא אלהים אֶת הארץ והנה נִשְׁחָתָה] ווארום וואר דיא ערד פר דארבן, דרום [כי השחית כל בשר את דרכו על הארץ] ווייל דיא לייט האבן פר דארבן איר וועג אונ האבן [אוליא זרע לבטלה] געווען אויף דער ערד· רבי חייא הוב אן [יונה ג'] [וירא אלהים את מעשיהם כי שבו מדרכם הרעה] קום אונ זיך בטעה ווען דיא לייט פרום זייגען אונ היטן דיא מצות פון דער תורה: דען ווערט דיא ארץ געשטארקט אונ אלע שמחה ווערט אויף איר געפונדן דרום ווייל דיא שכינה רואט אויף די ערד דען זייגן די עליונים ותחתונים אין אייטל שמחה, אבר ווען דיא לייט פאר דארבן איר וועג אונ היטן ניט דיא תורה אונ זינדיגן פאר הקב"ה אזו זייגן זייא דוחה דיא שכינה כביכול פון דען עולם· דא רואט דער שטן אונ קליפות אויף דער ערד אזו ווערט דיא ערד פאר דארבן פון זיי קומען אייטל קללות איבר דען גאנץ אונ שנאת חנם אונ צה"ר אבר ווען ישראל פרום זייגן גיבן זייא צו כח וגבורה אין דר פמליא של מעלה ווי עס שטייט [תנו עוז לאלהים] אונ זייא מאכן מיט אירע מעשים טובים אז דער עולם איין קיום האט. אונ דיא כל הקליפות ניט געוועלטיגן אויף דער ערד. דא פרעגט ...ר יבון קאן עס זיין אז דיא קליפות האבן איין שליטה אין ...רץ ישראל אונ אסלק צו זיין דיא שכינה פון דארטן אונ איר האבן געלערנט דאס אין א"י דא רואט קיין קליפה ניט נאך קיין ממונה אין דריבער נייערט הקב"ה זעלבערט· קום אונ ...יך עס איז יוא אזו אז קיין קליפה האט קיין כח דריין צו ...יין אונ איז קיין שולט דריבר נייערט הקב"ה אבר איין טעה ...ואט דאס ער שולט איז אונ מאכן מאית צו זיין דיא לייט. ...יר לערנען דאס פון דוד עס שטייט אז דער דבר ב"א איז ...וועזן אין זיין צייט שטייט [ד"ה א' כ"א] [וירא דוד את מלאך ...י עומד וחרבו שלופה בידו] דען ווערט די ערד פר דארבן. ...א שפראך רבי אלעזר אפילו דיא צייט איז אויך ניט געווען ...ר מלאך המות נאר פון הקב"ה, שטייט דא [מלאך י"י] אונ טטייט ווידר [המלאך הגואל] אונ שטייט [ויסע מלאך האלהים] עס זיי צו גוטס עס ווי צו בייז ח"ו איז קיינער שולט דריגען נייערט הקב"ה, אונ אזי [בני עולם] וואלן זיך טאן אויף אירע מעשים הרעים דאס קיינער קאן קיין שליטה איבר א"י האבן אוב דאס וואלט פרעגן עס שטייט דאך אין [איכה א'] כִּי רָאֲתָה גוֹיִם בָּאוּ מִקְדָּשָׁהּ דיא אומות זייגן געגאנגען אין א"י אונ האבן דס [בית המקדש] חרוב געמאכט ווען זי ניט העטן איין שליטה דיא טריט לאמה וויא העטן דיא אומות קענן חרוב מאכן דס בית המקדש. קום אונ זיך עס שטייט געשריבן [כי אתה עשית] אז טייטש דאס גאט האט אליין חרוב געמאכט אונ שטייט אויך [עשה יי אשר זמם] הקב"ה האט אזו ווען האבן וויא ער האט געמאכט: ווייטר זייגען סודות ר"ט זאגט דיא לייט האבן גזינדיגט אונ דיא ערד איז פאר דארבן געווארן, וויא דער פסוק זאגט [וירא אלהי' את הארץ והנה נשחתה] דען דאס עיקר פון דר ערד איז דיא לייט אונ זייא האבן [אוליא זרע לבטלה] געווען אויף דר ערד איז גלייך וויא עס שטייט [ותטמא הארץ ואפקד עונה עליה] זייא האבן דער מיט מטמא דיא ערד געווען, שפראך רבי יצחק צו ר' שמעון ווארום האט הקב"ה דן געווען מיט וואסר אונ ניט מיט פייאר אדר וואס אנדרש: ר"ט זאגט דרום ווייל זיי האבן פר גאסן איר [זרע] אז וואסר הייסט, אזו הט זיא הקב"ה געלאזט מיט הייסי וואסר דאס דיא הויט איז פון זייא אראפ געקראכן, מיט דר מאס וויא זייא האבן געזינדיגט זייגן זיי בלאזט געווארן, דען אויף אלי עבירות קאן דר מענש תיכף זיך דר וועקן צו תשובה, נאר אויף דיא עבירה אזו ער גרויסי תשובה טאן ביז ער איין כפרה האט, דען ער פאר דארבט זיך אונ פאר דארבט דיא ערד אונ איז זייא מטמא:

[רבי חייא ור"יה] זייגן געגאנגען אונטר וועגן קואן זייא בייא געגאנגן הוכי בערג, אזו' געפינן זיי דארטן גרויסי ביינר די נאך זענן געלעגן פון [דור המבול] זייא וואָרן טריטן דרייא הונדרט טריט ווייט אן איינעם ביין: זייא וואָרן זיך זייער פר וואונדערן זיא שפראכן, דרום האבן אונזרי חכמים געזאגט דס דיא דור המבול האבן זיך פר קיין דין אונ עונש ניט געפארכטן ווי דר פסוק זאגט [איוב כ"א] [ויאמרו לאל סור ממנו ודעת דרכך לא חפצנו] וואס האבן זייא געטאן דא דאס וואסר איז געקומן אויס דעם תהום, האבן זיי מיט זייערי פיס פר שטאפט דעם קוואל פון תהום. אבר די וואסר זייגן ארויס געקומן גאנץ הייס דאס אירי פיס זייגן פר ברענט געווארן דר פון. אונ זייא זייגן אנידר געפאלן אונ געשטארבן: דר תוספתא פון זוהר] זאגט עס גייט איין קול פון דיא קולות של מעלה ארמפ, דט קול צו ברעכט בערג אונ שטארקי פעלזין, אונ רופט אויס אלי טאג אויף דיא רשעים דיא האבן אוגין אונ זעהן ניט זייא האבן אורין אונ הערין ניט, זייא זייגן דוחה פון זיך איר הייליגע נשמה מיט אירי עבירות, זייא ווערן דריבר ניט אן געשריבן [בספר החיים] וויא עס שטייט [תהלים סט] יִמָּחוּ מִסֵּפֶר חַיִּים וְעִם צַדִּיקִים אַל יִכָּתֵבוּ דען ווען דר מענטש איז חוטא פר טרייבט ער די נשמה פון זיך אבר ווען ער איז [מטהר זיין נפש רוח] דא רואט דיא נשמה אויטן זייא: אבר דיא רשעים ווייא צו זייא ווען זיא גייען אוועק פון דעם עולם זיא ווערן איבר

געענטפערט

גענטפערט · אין דיא הענט פון דען מלאך איבר דעם גיהנם דר הייסט דומה, זייא ווערן דארט פר ברענט אין פייער מאס ברענט אונ גייען ניט ארויס נייארט אן שבת אונ אן ר"ח, וויא דער פסוק זאגט [ישעיה ס"ו] [והיה מדי חודש בחדשו ומדי שבת בשבתו יבוא כל בשר להשתחוות לפני אמר ה'] נאך שבת אדר נאך ר"ח גייט איין כרוז אויס אלר לפון אונ רופט [תהלים ט] יָשׁוּבוּ רְשָׁעִים לִשְׁאוֹלָה די רשעים זאלן ווידר אריין אין גיהנם, דען זאמלן זיך איין ווי פיל חבורות אונ כיתות [מלאכי חבלה] פון אלי פיר זייטן צו שלאגן אונ צו פלאגן זייא אונ טרייבן זייא ווידר אריין אין פלאם פייאר פון גיהנם · דרייא מאל אלי טאג ווערן זייא גימאכט [י"א פאר ברענט] ניט דאס אליין ווען ישראל אלי מאל זאגן בקול רם [אמן יהא שמי' רבא מברך] ווערט הקב"ה אויף זייא מלא רחמים אונ איז חס אויף זיי, אונ איז מצוה צו דען מלאך דר דא ממונה איז אויף דען גיהנם ער הייסט שמר"י דער דא האט אין זיין האנד דרייא שליסל, ער טוט אויף דריי טירין צו דר זייט פון דר מדבר. אזו זעהן זייא דאס ליכט פון דר וועלט, אזו קומט דר רויך פון דעם פייער אונ פר שטאפט דעם וועג זייא זאלן ניט זעהן, דען זיינן דרייא ממונים אונטר אינן אונ האבן דרייא ווינד אין איר הענד אונ פר וויאן אונ ווידר קערן דעם רויך אויף זיין אורט: דענסט מאל זעהן זיא אנדר האלבן שעות דס ליכט פון דר וועלט אזו ווערט גמאכט אלי טאג דרייא מאל ווען ישראל זאגן אמן יהא שמיה רבא מברך האבן זיי איין רוחה · וואל דיא צדיקים דס זייער וועג ווערט דר לייכט בעולם הבא אויף אלי זייטן, וויא דער פסוק זאגט [משלי ד'] וְאֹרַח צַדִּיקִים כְּאוֹר נֹגַהּ הוֹלֵךְ וָאוֹר עַד נְכוֹן הַיּוֹם׃

רבי אבא זאגט אין גיהנם זיינן זיבן חדרים איבר אנאנדר · וואל די צדיקי' די זיך היטן פר די וועג פון די רשעי' אונ זיינן ניט מטמא איר נשמה מיט אירע מעשים · אבר ווער זיך מטמא איז אונ טוט קיין תשובה ניט נווא ווען ער שטארבט נידרט מען איהם אין גיהנם ביז אן דר אונטרשטע מדרגה · עס זיינן צוויי וואונונגען נעבן אנאנדר דיא הייסן [שאול ואבדון] ווער עס קומט אין דר מדרגה פון [שאול] איז מען איהם דארטן דן ביז ער איז מקבל זיין שטראף קומט ער אין העכרין וואונונג ארויף, אזוי איז אויך איין וואונונג איבר דען אנדרן ביז ער האט מקבל גיוועזן גמר זיין שטראף. אבר ווען ער קומט אין דער אונטרשטע הייסט [אבדון] קומט ער זיין טאג ניט ארויס, דרום הייסט דס וואונונג [אבדון] איז טייטש ער וואר פאר לארן פון אלע. קום אונ זיך נח האט זיין דור התראה גטאן זיי זאלן תשובה טאן דען עס ווערט איין מבול אויף זייא קומן, זיי האבן אים ניט וועלן צו הערן ביז הקב"ה הט אויף זיי גבראכט דען דין פון גיהנם · עס איז איין הייס גיהנם פון פייער אויף די ווער האט עובר גיוועזן אין [מצות לא תעשה] אונ האט זיך דער ווארעמט מיט דער עבירה איז מען איהם [דן] זעקס חדשים אין פייער, אונ ווידר איין קאלט גיהנם מיט אייז ווער עובר איז גיין [מצות עשה] ווען ער זאלט און טוט ניט די מצוה דס איז וועגן פוילקייט דס איז אלר קאלטע טבע פון מענטשן דס ער הט ניט גיטאן די מצות עשה איז מען איהם [דן] אין קאלט וואסר אונ אייז, אזויא האט הקב"ה מיט אלע ביידע (דן) גיוועזן די [דור המבול] מיט וואסר אונ פייער ביז זייא זיינן פר לארן גיווארן פון עולם, נאך דעם איז דר עולם מקוים גיווארן ווי עס הט זאלן זיין דורך נח, דען ער איז אריין גיגאנגן אין דר תיבה מיט אלע מינים וואס זיינן בשאפן גיווארן אויף דר וועלט אונ האבן [מעמיד תולדות] גיוועזן : [רבי חייא] זאגט דרייא הונדרט יאר דר פיר האט זי נח התראה גיטאן אויף אירע מעשים אונ האבן ניט וועלן צו הערן, ביז הקב"ה הט זי איר צייט זאל קומן זיינן זי פר לארן גיווארן שטייט דר פיר [ויראו בני האלהים את בנות האדם] זיי זיינן נאקיט גיגאנגן פר אלע לייט, דער מיט האבן זייא פיל זנות גיטאן אונ זיינן דען יצר הרע נאך גיגאנגן אונ האבן דוחה גיוועזן די שכינה פון זיך מיט דעם דס זיי האבן זיך מטמא גיוועזן דורך זנות, דרום שטייט [קץ כל בשר בא לפני] דאס איז דער יצ"ה ער ריילט צום ערשטן אן אונ דר נאך גייט ארויף פר הקב"ה אונ איז מקטרג אויף דעם מענטשן, אונ נעמט רשות פון הקב"ה איהם צו שטראפן דרום שטייט [קץ כל בשר] דאס איז דער שטן דער [מלאך המות] דער מיט לעבן גייט אויף זיין ענד. דרום הייסט ער [קץ כל בשר בא לפני] ער איז פאר מיר גיקומן מקטרג צו זיין אויף אירע [מעשים הרעים] אונ רשות צו נעמן פון מיר זייא זאלן גישטראפט ווערן, דען ער האט ניט מאכט צו נעמן די נשמה פון מענטשן אן רשות · דרום שפרעכט הקב"ה צו נח ווייל ער איז שוין גיקומן [לפני] צו פאר מיר דר [קץ כל בשר] רשות צו נעמן אזו גיב איך איהם רשות, דרום שטייט [והנני משחיתם את הארץ] דרום זאג איך עֲשֵׂה לְךָ תֵּבַת מאך דיר די (תיבה) צו פר בארגן דיך דרינן פר איהם דאס דער שטן זאל ניט קענן אויף דיר שולט זיין · קום אונ זיך מיר האבן גילערנט ווען עס איז שון גיגעבן גווארן רשות צו פאר דארבן אונ משחית איז אין דר שטאט אדר אין עולם, זאל דער מענטש מזהר זיין ער זאל ניט גזעהן ווערן אויף דער גאס ווייל עס איז איהם גגעבן גווארן רשות מחבל צו זיין אלי זייטן: דרום שפרעכט הקב"ה צו נח דוא מוזט דיר מאכן איין תיבה צו פר בארגן זיך פר איהם דס ער זאל קיין שליטה האבן אויף דיר, אוב דוא ווילסט פרעגן עס איז דאך נאר וואסר גוועזן וואו קומט אהין דר מלאך המות, דו זאלסט וויסן דס קיין דין איז ניט אויף דר וועלט וואו ניט דר [מלאך המות] דרינן האט צו טאן, אזו איז דר משחית זעלבסט גגאנגן אין [מבול מים] דרום הט הש"י גהייסן נח זאל זיך פאר בארגן פר איהם אין דר תיבה: אונ דו ווערסט פרעגן האט דאך דר משחית גזעהן דיא תיבה אלא דו זאלסט וויסן ער הט ניט קיין שליטה אויף דעם מענטשן ביז ער איהם זעהט אין פנים דוקא, דרום שטייט אין מצרים די [מכה בכורות] איז גוועזן [ואתם לא תצאו איש מפתח ביתו עד בוקר] דרום ווייל דער משחית איז דארט גוועזן האט ער מאכט מחבל צו זיין ווען ער זעהט, דרום האט זיך נח אונ אלע מיט איהם פר בארגן אין דר תיבה דס דר משחית זאל ניט קענן אן זיי שולט זיין:

רבי חייא ורבי יוסי זיינען גגאנגן אונטר וועגן זייא קומן אויף דיא בערג [אררט] זייא זעהן דארטן נאך צייכן פון דור המבול · דא שפרעכט ר"ח צו רבי יוסי דיא צייכן לאזט הקב"ה בלייבן פון מבול ביז איצונדרט אונ דורות דאס אירע זינד זאלן ניט אפ געמעקט ווערן, דען אזו איז דער שטייגער פון הקב"ה דעסט גלייכן בייא דיא צדיקים ווייל אויך הש"י איר גדעכניס זאל בלייבן נאך דורי דורות אין אירע מעשים טובים דרום לאזט הש"י דאס מען זאל גדענקן נאך דורי דורות אן אירע

אירע זינד אונ זאל ניט פר געסן ווערן דרום שטייט [ירמיה ב'] נִכְתָּם עֲוֹנֵךְ לְפָנַי: רבי יוסי זאגט ווייל די רשעים די ניט ווילן תשובה טאן אויף אירע עבירות וויל נאך זי אויף דען עולם זיינען, דען איז איהם הקב"ה מוחל אונ איז מגין אויף איהם. אבר ווער זיך שטארקט אין איין חטאים אונ וויל קיין תשובה טאן אויף זיין עבירות. אז ווען ער שטארבט פאלט ער אין גיהנם אונ קומט ניט ארויס. קום אונ זיך פון דיא [דור המבול] ווייל זי האבן איר הערץ געשטארקט ווידער גאט נאך טאן אפנטליך אונ פרייא אזו הט זי הקב"ה אפנטליך געשטראפט. ר' יצחק זאגט אפילו ווען דר מענטש טוט איין עבירה פר בארגן איז הקב"ה אויף איהם מגלה פאר אלע לייט. וויא אויך איר גפינן ביי דר סוטה אזו אויך די דור המבול זיין אפנטליך געשטראפט געווארן דש זיא זאגן צו גאנגן געווארן מכח דען הייסן וואסר. וואר זי דיא הויט אונ פלייש צו גאנגן זיינען נאר געבליבן דיא ביינר אונ זיינן צו פאלן אונ איז מקיים געווארן [וימחו מן הארץ] זיא זייענן צו גאנגן אונ דיא ביינער זייענן פר שפרייט געווארן אונ ניט בייא אנדער געבליבן אונ זיינן פר לארן פון דעם עולם אונ פון עוה"ב. ר"י זאגט אין דיא צייט אז זיא זייענן פאר לארן געווארן איז הקב"ה טרויעריג געוועזן אויף דען עולם דען איז קיינר געוועזן ווער עס זאל מגין זיין. אוב דוא ווילשט פרעגן עס איז דאך נח געוועזן, ער האט געזאלט געהאט אויף זיך מגין צו זיין אונ מקיים זיין תולדות אויף דען עולם, דרום שטייט [כי אותך ראיתי צדיק לפני בדור הזה] איז טייטש נאר אין דען דור איז ער געוועזן איין צדיק, ר' יוסי זאגט [בדור הזה] איז איין שבח אפילו צווישן זעלכי רשעים איז ער געוועזן איין צדיק אכל שכן צווישן צדיקים, אונ האט ניט קאנן מגין זיין אויף דען עולם דרום ווייל קיין צעהן צדיקים זייענן ניט געוועזן, ווי איר גפינן בייא סדום (אולי ימצאון שם עשרה) איז נאר געוועזן ער אין דריי זין מיט אירע ווייבער. רבי אלעזר פרעגט זיין פאטר ר"ש איר האבן דאך געלערנט ווען עס זיינען רשעים אויף דען עולם אונ דר דין גייט אויס אויף זייא ווייזט דען צדיק דר דא איז געפונן אויף דען עולם, דען ער ווערט אין גינומען אונ בגריפן אין חטא פון דור צום ערשטן. ווארום איז דען [נח] ניצול געווארן, ענטפערט ער איהם איר האבן דאך געלערנט דאס הקב"ה האט וועלן פון איהם אויס דיא דורות זיין אויף דעם עולם. נאך מייכט דר דין האט אויף איהם קיין שליטה קענן האבן ווייל ער איז אין דער תיבה געוועזן פאר בארגן. קום אונ זעה עס שטייט [בקשו צדק בקשו ענוה אולי תסתרו ביום אף יי] אונ נח הט בגערט [צדק אונ ענוה] אונ זין דר תיבה פר בארגן געזעסן [ביום אף ה'] הט דר שטן ניט קענן מקטרג זיין אויף איהם, ר' יצחק זאגט [נח] איז דרום ניצול געווארן ווייל ער האט זייא התראה געטאן אלע טאג אונ זייא האבן איהם ניט וועלן פאלגן אזו הט ער מקיים געוועזן דעם פסוק (יחזקאל ג') וְאַתָּה כִּי הִזְהַרְתָּ רָשָׁע וְלֹא שָׁב מֵרִשְׁעוֹ וגו' אונ שטייט [ואתה את נפשך הצלת] פון דעם לערנן איר ווען איינר שטראפט איין רשע ווען גלייך ער איז ניט מקבל פון איהם זיין שטראף, קער ער פארט נאך שטראפן דער מיט איז ער זיך אליין אז ער ניט ווערט אן גינומען אין זיין חטא אונ דער רשע ווערט זעלבשט געשטראפט אין זיין עבירות:

רבי יצחק הויב אן צו [ישעיה ס"ג] מוֹלִיךְ לִימִין מֹשֶׁה זְרוֹעַ תִּפְאַרְתּוֹ בּוֹקֵעַ מַיִם. קום אונ זעה דעם חילוק פון משה מדר איין אנדרן. בשעה דאס ישראל האבן חטא געוועזן, הט הקב"ה צו איהם געזאגט [שמות ל"ב] וְעַתָּה הַנִּיחָה לִּי וְאֶעֱשֶׂה אוֹתְךָ לְגוֹי גָּדוֹל מיד שפראך משה וויא זאל איך לאזן שטיין דיא זאך פון ישראל פון מיינט וועגן, אנדר ווערט [כל בני עולם] ריידן איך האב זייא אום געבראכט וויא נח הט געטאן, ווען הקב"ה הט צו איהם געזאגט [ואני הנני מביא מבול ומחיתי את כל היקום ואני הנני מקים את בריתי אתך ובאת אל התיבה] צו ווערן בשירמט מיט זיינע קינדר, האט ער ניט מתפלל אונ ניט מבקש רחמים געוועזן פר הקב"ה אויף זיין דור, אונ הט זי לאזן פר לארן ווערן פון עולם, דרום הייסט דש מבול נאך דעם נאמן פון נח, ווי דר פסוק זאגט [ישעיה] כִּי מֵי נֹחַ זֹאת לִי אֲשֶׁר נִשְׁבַּעְתִּי מֵעֲבֹר מֵי נֹחַ עוֹד עַל הָאָרֶץ הייסט ער [מי נח] דש וואסר פון נח ער הט גורם געוועזן דש ער הט ניט מתפלל געוועזן אויף זיין דור. אזוא שפראך משה אזו ווערט מן אויף איר אויך ריידן, דש איך האב זייא פר לארן פון עולם. אזו איז בעסר אז איך זאל שטארבן אונ ניט לאזן דיזו ישראל פר דארבן איד [ויחל משה את פני יי אלהיו] ער וואר מתפלל רחמים אויף זייא. אמר רבי יצחק דר אן הייב פון דר תפלה איז געוועזן [למה יי יחרה אפך בעמך] איז קשה ווי הט משה ריידן למה ווארום בישטו ברוגז, זייא האבן דאך יוא עבודה זרה געדינט אונ דר פסוק זאגט [עשו להם עגל מסכה וישתחוו לו ויאמרו אלה אלהיך ישראל] אלא איר האבן געלערנט ווען איינר וויל מרצה זיין דעם דער דא צערנט זאל ער דעם חטא קליין מאכן ניט גרויס אונ קעגן דען חוטא זאל ער מאכן גרויס מאכן. ווי דר פסוק זאגט משה הט גירעט צו ישראל [אתם חטאתם חטאה גדולה] אונ משה לאזט ניט הקב"ה ביז ער האט מוסר נפשו געוועזן לאיתה. וויא ער זאגט [אם תשא חטאתם ואם אין מחני נא מספרך] אונ הקב"ה הט זיך מוחל געוועזן, ווי דר פסוק זאגט [וינחם יי על הרעה], אונ נח הט ניט אזוא געטאן ער האט נאר געזעהן ער זאל ניצול ווערן אונ האט לאזן שטיין דען עולם. אונ אלע צייט ווען דער [מדת הדין] איז אויף דעם עולם זאגט דר [רוח הקודש] ווי דש זאל ניט זיין אויף דעם עולם איינר וויא משה איז געוועזן, דרום שטייט [ויזכור ימי עולם משה עמו איה המעלם]. [רבי יצחק] זאגט ווען גלייך נח איז איין צדיק געוועזן איז דאך ניט ראוי געוועזן דש הקב"ה זאל אלין זיין דעם עולם פון זיינט וועגן, דען משה הט ניט אן געהאנגן אן זיין זכות נייערט אין זכות אבות ער זאגט [זכור לאברהם ליצחק וגו']. אבר נח האט ניט געהאט אן וועמן אן צו הענגן זיי זאלן ניצול ווערן: זאגט רבי אלעזר דאך הט ער זאלן תיכף מקריב זיין דש קרבן וויא ער האט נאך דעם מבול מקריב געוועזן וואלט הקב"ה פארט מוחל געוועזן. זאגט ר' יהודא די רשעים הבן אלע דר טאג צארנט הקב"ה זאל ער איין קרבן מקריב זיין, אלא נח הט זיך געפארכטן דש ניט זאל איהם בטרעפן דר טויט ווייל די רשעים הבן אלע טאג הקב"ה דר צארנט: רבי יוסי וואר געוואכט בייא ר"ש בן יוחאי, איין מאל פרעגט ער צו ר"ש ווארום האט הקב"ה פאר צעכט אלי [בהמות חיות עופות] מיט דיא דור המבול ווען די לייט האבן

גלייך

גלייך גיענדיגט וואס האבן דיא אנדערי בריות חוטא געוועזן, ענטפֿרט ער עס שטייט [כי השחית כל בשר את דרכו על הארץ] זייא האבן אויך אלע פֿאר דארבן איר וועג אונ האבן מזנה געוועזן איין מין מיט איין אנדרי מין. רבי פנחס זאגט עס איז איין משל צו איין מלך דר הט געמאכט זיין זון חתונה מיט זיין ווייב, דער נאך וואר דר מלך צערנן אויף זיין זון אונ ברענגט אים אום. דער נאך וויא ער זעהט דער זון איז געשטארבן, גייט ער אויף דיא חתונה אונ צו ברעכט אלי כלים אונ צו רייסט אלי קליידער, אונ שפראך איך האב דאס אלץ געמאכט פֿון כבוד מיין זון וועגן אונ היינט איז ער טוט זאלין דיא כלים אויך דא ניט זיין. אזו אויך ווייל די לייט זיינן אוועק געקומן האט אלץ וואס פֿון אירעט וועגן איז בשאפֿן געווארן אויך אוועק קומען מוזן: קום אונ זעה די רשעים האבן געמאכט אז אלי [בעלי חי בהמות חיות עופות] האבן אויך פֿאר דארבן מירי וועג אונ האבן וועלן לייקענען אן [מעשה בראשית] שפראך הקב"ה איר וועלט לייקענען איין ווערק איך וויל מייער רצון טאן [ומחיתי את כל היקום] איך וויל דען עולם חרוב זיין אים באים וויא ער איז געוועזן דער פֿאר מייטן אים, ווייטער וויל איך אנדערי בריות בשאפֿן ווי זיי קענן צו זיין:

כִּי לְיָמִים עוֹד שִׁבְעָה אָנֹכִי מַמְטִיר עַל הָאָרֶץ אַרְבָּעִים יוֹם וְאַרְבָּעִים לָיְלָה וואָרום פֿערציג טעג, אזא צו שלאגן די רשעים וויא מלקות דא שטייט אין [דברים כ"ה ג] ארבעים יַכֶּנּוּ אונ כנגד פֿיר צייטן ווען דאס דר מענטש איז דר פֿון בשאפֿן געווארן מיטלייכי זייט איז פֿון צעהן [ומחיתי את כל היקום] אין דיא פֿערציג טעג: זאגט רבי חייא דער עולם איז געוועזן אין מריאקייט זינט אדם הראשון האט חוטא געוועזן, ביז נח איז געקומן אונ האט מקריב געוועזן זיין קרבן איז דער עולם ווידר מיושב געווארן. זאגט רבי יוסי דר עולם איז ניט מיושב געוועזן אונ איז ניט אויס געגאנגן פֿון דיא [זוהמת הנחש] ביז ישראל זיינן געשטאנען [על הר סיני] אונ האבן זיך בגריפֿן אן דעם עץ החיים, דען איז דר עולם רעכט מיושב געווארן. אונ ווען ישראל העטן ניט [חוטא בעגל] געוועזן ווערן זי נימער געשטארבן, דען דיא זוהמא פֿון דער נחש איז פֿון זיא בטל געווארן, אונ אז זי האבן חוטא בעגל געוועזן אזו זיינן די לוחות צו בראכן געווארן דאס דא דרויף איז געוועזן פֿרייא פֿון דער נחש אונ פֿון אלעם פֿון [מיתה אונ מלכיות]. אונ זייא האבן חוטא געוועזן אונ דיא לוחות זיינן אויף געשטאנדן אונ האבן אום געבראכט אלי רשעים וואס האבן חוטא געוועזן אזו האט זיך דר וועקט דיא [נחש הרעה] אונ איז אלץ פֿאר זיא געגאנגן אונ האט דאך ניט קענן אן זי שולט זיין דרום ווייל זיי זיינן אן געגורט געגאנגן מיט אירע כלי זיין פֿון [שמות הקדושים] וואס זייא האבן מקבל געוועזן [בהר סיני] האט זיא ניט געקענט אן זייא שולט זיין. אונ אז משה האט געזאגט אין [שמות ל"ג] וְעַתָּה הוֹרֵד עֶדְיְךָ מֵעָלֶיךָ האבן זייא אב געטאן דיא [אתנה] אזו איז ווידר רשות געגעבן געווארן אן זיא שולט זיין. דרום שטייט [ויתנצלו בני ישראל את עדים] עס איז ווארן אוועק גנומן איר צירונג דורך ק"ח רבוא [מלאכי חבלה] אזו איז דיא נחש ווידר אויף זייא גקומן: זאגט רבי חייא נח איז דאך איין צדיק געוועזן וואָרום האט ער דען ניט מבטל דיא מיתה געוועזן פֿון עולם. זאגט רבי יוסי דרום ווייל דיא זוהמא פֿון דער נחש האט ניט אויף געהערט פֿון עולם אונ אויך זייא האבן קיין מזונה געהאט מן הקב"ה, אונ האבן זיך בהעפֿט אן דיא [קליפות חיצונות] אונ אויך ער האט דיא נחש ווידער גלוגין [על העולם] דאס ער איז שיכור געוועזן [וישכ' ויתגל בתוך אהלה] [וויא דיא מקובלים וואלן ווייסן דעם סוד פֿון דעם יין וואס ער האט געטרונקן] [זהר שם ע"רי"ז רי"ט] אונ אויך האבן זייא דר נאך מצר גיענדיגט אונ האבן אויף זיא גלוגין דעם יצר הרע וויא צום ערשטן, אונ דיא תורה די עץ חיים איז ניט געוועזן בעולם, וויא זייא אזו גייען זעהן זייא איין [יהודי] קומט צו זייא, פֿרעגן זייא אים ווער ביסטו, זאגט ער איך בין איין [שליח אמונה] איך וואון אין (כפר דרחאין) אונ עס איצונד קעגן (סוכות) ווען איר האבן דיא פֿיר (מינים שבלולב) בין איך געגאנגן אייערט וועגן צו ברענגן דיא פֿיר מינים, וויא זייא אזו גיין שפראך דר יהודי דיא פֿיר (מינים שבלולב) דיא קומן צו בעטן הקב"ה פֿון וועגן וואסר, וואָרום נעמט מן זיא דווקא אן (סוכות) אונ ניט איין אנדערט מאל, שפראכן זיא צו אים איך האב דאך דיא רבנן טון געזאגט, אבר ווען דוא ווייסט וואס נייאס זאג אויס (כלומר איין דבר חדש), שפראך ער דאס וואָרט וואו איר דארטן וואונן איז איין קליין מקום אונ אלע דיא וואונען דריכן זיינען עוסק בתורה אונ האבן ביינא זיך (רבי יצחק בר' יוסי) ער זאגט אונז אלע מאל (חידושי תורה) האט ער געזאגט דרום נעמען ישראל די פֿיר מינים אן סוכות, צו ווייזן דאס איר האבן מנצח בדין געוועזן אן (יום כפור) דס מיר זאלן שולט זיין איבער דיא אומות עכו"ם האבן עס דען אן יום טוב ווערן אלי שבעים פרים די מזונה זיינען אויף שבעים אומות געבענטשט דורך ישראל דאס דעסט וועגן הט מען מקריב געוועזן זיבציג פרים אונ די אומות עכו"ם הייסן (מים הזדונים) אונ כדי דאס ישראל זאלן אויף זייא שולט זיין נעמט מען דיא פֿיר מינים פֿון לולב ארבה צו זיין הקב"ה מיט זיא שולט צו זיין אויף זייא, מיט דעם סוד פֿון (שם הקדוש) דאס רמז איז אויף די פֿיר מינים אונ צו דער וועקן אויף אונז דיא (מים קדושים מים חיים) צו גיסן אויף דעם מזבח. דרום איז דען מאל געוועזן (ניסוך המים) ווייטר זאגט ער סודות פֿון (ר"ה י"כ סוכות) עס שטייט קלת דר פֿון זקאן פ' כלבים: שפראך (ר' חייא ור' יוסי) הקב"ה האט אן געברייט פֿאר אונז דעם וועג וואס צו דיא לייט דיא (עוסק בתורה) זיינען: ר' יוסי לייענט אויף אים (וכל בניך למודי ה' ורב שלום בניך) וויא זייא ווייטר קומן אין פֿעלד זעהן זייא זיך, שפראך דער יהודי וואָרום שטייט (וה' המטיר על סדום) שטייט בייא סדום דער (שם הוי"ה) אונ בייא דור המבול שטייט אלן דער שם (אלהים) אונ ניט (ה') אלא וואו עס שטייט (וה') איז טייטש ער אונ זיין (ב"ד), אונ וואו אלהים שטייט אליין איז טייטש דאס ב"ד אליין, בייא סדום האט זיך דער דין דר וועקט ניט פֿאר לענדר גאר דען עולם צו זיין, האט זיך הקב"ה מיט זיי געמישט דס עס זאל רחמים זיין בייא דעם דין, אבר בייא דעם מבול איז דר גאנצר עולם פֿאר דארבן געווארן איז נאר איבר געבליבן הקב"ה אליין. אויב נח מיט די איבריגן זיינען ניצול געווארן זיינען זי פֿאר האלן געוועזן פֿון די אויגן אין דר תיבה אבר ווייטר ווס איז געוועזן בעולם איז אלץ פֿאר דארבן געווארין דרום שטייט אלהים אליין. אונ אז אלץ איז אוועק געקומן איז דר רוגז געשטילט געווארין, אונ שטייט [ויזכור אלהים את נח ואת כל החיה וגו'] אונ דרום ווייל

ווייל הקב"ה איז אויך פֿאַר הוילן אונ איז אויך [ומגלה מכח זיין ב"ד] אונ ער איז פֿאַר באָרגן אין דעם מקום וואו אלע [ברכות] ארויס קומט, דרום אלע זאַכין פֿון מענטשן דאָס פֿאַר הוילן זיינן רואין דורך ברכות, אונ וואָס אָפֿין איז דאָ איז דאָס [מקום ב"ד כ"נט] דרום קען איין עין הרע דרויף קומן. ווייטר רבי יוסי אויף דיזא סודות וואָס דר האָט דאָרטן געזאגט, שפּראַך ער וואויל איז דאָס דור דאָס ר' שמעון איז צווישן זיי דאָ דורך זיין זכות שיקט הקב"ה אונז זעלכי גרויסע בערג [כזוואר אנשים חשובים] דיזא סודות זיינן מגלה. וואויל צו ישראל אז הקב"ה האָט זי געגעבן דיזא [תורה הקדושה] אונ די עוסק זיינן דרינען יום ולילה: קום אונ זיך ווען ניט נח העט פֿאַר באָרגין געזעסין בתיבה העט ער ניט ניצול געוואָרן. וויא זיא קומן פֿאַר ר"ש אונ זאָגן אים דאָס שפּראַך ער בוודאי האָט ער רעכט געזאגט:

ויבא נח ובניו ואשתו ונשי בניו. רבי חייא הויבט אן [אם יסתר איש במסתרים ואני לא אראנו נאום יי] וויא גאַר זיינן דיזא [בני אדם] פֿון שטאָפּטי הערצר פֿאַר שטאָפּטי אויגן דאָס זיי זיינן זיך ניט משגיח צו וויסן דעם כבוד פֿון אירן הערן הקב"ה, אז דער פסוק זאגט [הלא את השמים ואת הארץ אני מלא] דאָס גאָטס כבוד איז פֿון דיא הימל אונ ערד וויא ווילן זיא זיך פֿאַר באָרגין פֿאַר אים מיט אירי עבירות, אונ זאָגן [מי רואני מי יודעני] דאָס קיינר ניקט זעכט אונ ווייסט ניקט אונ שטייט אין [ישעיה כ"ט] והיה במחשך מעשיהם וואו ווילן זיא זיך פֿאַר באָרגן פֿאַר אים. דאָס איז איין משל צו איין מלך דער בויט איין פּאַלאַסט אונ מאַכט אונטר דר ערד פֿאַר באָרגני הייזר אונ געוועלבן, עס שטייט אן איין לייט ווערין זיא מורדים ווידר דעם מלך, דאָ קומט דער מלך מיט זיין חייל איבר זייא אונ זייא פֿאַר באָרגין זיך אין די הייזר אונ דיא געוועלבן דיא פֿאַר באָרגן זיינן. דאָ שפּראַך דר מלך איך האָב דאָס אלס געמאַכט אונ איר ווילט אייך דרינן פֿאַר באָרגין פֿאַר מיר. אזוא אויך הקב"ה זאגט איך האָב בשאַפֿן דאָס ליכט אונ דעם חושך אונ אלע פֿאַר באָרגנס וויא קענט איר אייך פֿאַר באָרגן פֿאַר מיר, דרום שטייט [אם יסתר איש במסתרים ואני לא אראנו] ווען איין מענטש איז חוטא פֿאַר הקב"ה אין דיא פֿאַר באָרגנס איז אים הקב"ה מפרסם. אונ ווער זיך קומט מטהר צו זיין צו בהעפֿטן אין דיא קדושה. דאָ פֿאַר באָרגט אים הקב"ה ווען דר [מדת הדין] געוועלטיגט דאָס ער זאל אן אים ניט קענן שולט זיין [ביום אף יי], ווען ער אים זאלט זעהן האָט ער מאַכט מחבל צו זיין: דרום האָט רבי שמעון געזאגט איטליכר מענטש דער דאָ האָט איין [רע עין] דאָ רואט אויף אים דאָס [עין רע] פֿון דעם משחית ומחבל. דרום זאל איין מענטש זיך היטן אונ זאל זיך ניט מקרב זיין צו אים דאָס ער זאל ניט געשעדיגט ווערין, אכן שכן דאָס מן זאל זיך פֿאַר באָרגן פֿאַר דעם שטן מלאך המות ווען ער רשות האָט צו שעדיגן: דרום שטייט ביי בלעם [נאום הגבר שתום העין] ער הט איין עין הרע געהאַט וואו ער האָט געזעהן דרויף האָט ער גלוגן אויף אים דט רוח פֿון [משחית ומחבל] דרום האָט ער וועלן זעהן אויף ישראל מיט זיין רע עין מכלה זייא צו זיין: דרום שטייט ביי בלעם [וישא בלעם את עיניו וירא את ישראל שוכן לשבטיו] ער האָט אויף גריכט זיין אויג, אונ דרום אנדרי האָט ער אראָפּ גנידרט די ישראל אן צו זעהן מיט זיין עין הרע, דאָ האָט ער געזעהן דיזא שכינה וואָר זייא צו דעקן אונ רואט אויף זייא ווי איין מוטר הויארט אויף אירי קינדר אונ דעקט זייא צו מיט אירי פֿליגל: וואָרום זיינן זיא אונטר דיא שכינה י"ב שבטים וויא די מרכבה עליונה איז, דרום שטייט [כרע שכב כארי וכלביא מי יקימנו] ער זאך דיא שכינה הויארט אויף זייא דרום זאגט דר פסוק [ותהי עליו רוח אלהים] ניט מיין דאָס וואָרט [עליו] איז טייטש אויף בלעם, נייערט עס גייט אויף דיא ישראל וואָר דר [רוח אלהים] דאָ זאך ער דס ער קאָן זי ניקט שאַן, דרום אויך הט הש"י אויך נח גלאָזט פֿאַר באָרגין פֿאַר דעם שטן זיין עין הרע זאל אויף אים ניט שולט זיין, אז ער האָט געזעהן דאָס דר [מלאך המות] קומט צום וואַסר דאָ וואָר ער אריין גנאַנגן אין דר תיבה וואָר זיך דרינן פֿאַר באָרגן י"ב חדשים דען אזו איז דער דין פֿון דיא רשעים אין גיהנם י"ב חדשים:

וימח את כל היקום אשר על פני האדמה. ר' אבא זאגט דר פסוק ווייזט אונז דאָס הקב"ה האָט מעבי' געוועזן צום ערשטן אלי מזלים של מעלה, דען ווען הקב"ה וויל בלאגן איין אומה דאָ איז ער צום ערשטן מעבי' דען מזל פֿון דר אומה אובן דער נאך פֿאַלט זיין אומה אונטן וויא דער פסוק זאגט [יפקוד יי על צבא המרום במרום] צום ערשטן אין הימל, אונ דר נאך [על מלכי האדמה באדמה] זיין אומה אויף דער ערד, אונ וויא איז הקב"ה דעם [מזל מעבי'] ער איז אים מעביר אין פֿייער פֿון הקב"ה וויא עס שטייט [כי ה' אלהיך אש אוכלה הוא] דס פֿייער פֿאַר ברענט אנדרי פֿייער דרום שטייט [וימח את כל היקום] וואָס איבר זיא זיינן מזלים [אשר על פני האדמה] אונ דר נאך [מאדם ועד בהמה עד רמש ועד עוף השמים וימחו מן הארץ] דס זיינן דיא אונטרשטי:

[וישאו את התיבה ותרם מעל הארץ]. רבי אבא הויבט אן [רומה על השמים אלהים על כל הארץ כבודך] וויא צו דיא רשעים דיא דאָ זיינן חוטא אונ דר צערנן אירן הערן אלי טאָג, אונ מיט אירע חטאים זיינן זייא דוחה דיא שכינה פֿון דעם עולם, דרום שטייט [ותרם מעל הארץ] גייט אויף דער שכינה וואָס זיא טוט זיך אב אונ דר הייבט זיך פֿון דר ערד. דעסט מאָל איז דער [מדת הדין] אונ קליפות שולט, ביז דיא רשעים זיינן אוועק גקומן דאָ קומט דיא שכינה ווידר אויף איר אורט: דאָ פֿרעגט רבי יוסי אין א"י זיינן דאָך אוועק גקומן אלי רשעים אין מבול וואָרום איז די שכינה ניט ווידער גקומן אויף איר אורט ווי צום ערשטן. דאָ ענטפֿערט רבי אבא עס זיינען ניט דרינן געוועזן קיין צדיקים, דען וואו צדיקים זיינן דאָ רואט דיא שכינה אפֿילו אין [חוצה לארץ] אכן שכן אין [א"י] אונ פֿון דיא עבירות די דאָ דוחה זיינן די שכינה ווער [מוציא זרע לבטלה] איז. אונ דעסט וועגן איז ער ניט זוכה צו זעהן [פני השכינה] אונ ניט צו קומן אין זיין פּלאַץ דרום שטייט ביי דיא דור המבול [וימחו] זייא זיינען פֿון אלים אב געמעקט געוואָרן. קום אונ זעה ווען הקב"ה ווערט מחיה מתים זיין אלי מתים דיזא זיינן אין אלע פֿרעמדי לענדר, ווערט זיא הקב"ה בשאַפֿן איין נייען גוף וויא עס קער צו זיין, דען איין ביינדל בלייבט

אבר אין דר ערד עס ווערט זיין אז איין ווייטר טייל אדר היבן אין איין טייל דאס מאכטן דאס טייל אויף גיין, און דורך דעם ביינדל ווערט גבויט ווערן דער גאנצער גוף. אבר דיא נשמה ווערט הקב"ה קיינם געבן נייערט אין ארץ ישראל, אז דער פסוק זאגט אין [יחזקאל ל"ז] [בפתחי את קברותיכם והעליתי אתכם מקברותיכם עמי והבאתי אתכם אל אדמתכם] דאס זייא ווערן זיך וועלגערן אונטר דער ערדן, דר נאך שטייט [ונתתי רוחי בכם וחייתם] מיך ווייל דארטן געבן אין אייך איין רוח ווערט איר דארטן לעבעדיג ווערן, אויס גינומן דיא דור המבול דיא האבן זיך שטארק משמא גיוועזן אויף דיא ארץ, שטייט אויף זייא [וימחו מן הארץ] די זיינן אפ גימעקט גיווארן פון דר ערד דס דער פסוק זאגט [ועמך כולם צדיקים לעולם ירשו ארץ] מיינט ער דאס [ארץ החיים לעולם הבא] זיינן זייא צו גאנגן פון דר ארץ, אבר זיי ווערן אויף שטיין צום דין פר דעם משפט אז דער פסוק זאגט [דניאל י"ב] וְרַבִּים מִיְּשֵׁנֵי עָפָר יָקִיצוּ אֵלֶּה לְחַיֵּי עוֹלָם
וְאֵלֶּה לַחֲרָפוֹת לְדִרְאוֹן עוֹלָם׃

וַיִּזְכֹּר אלהים אֶת נֹחַ. [רבי אליעזר] זאגט ווען דר דין שולט איז אויף דעם עולם קער דער מענטש ניט לאזן גדיינקן זיין נאמן פר הקב"ה אויבן. דען ווען מען נים מעכלט דר מאכן מיט זיין נאמן אזו וועלט דער [מדת הדין מקטרג] זיין אויף אים צו גידיינקן זיינע עבירות נאך צו זוכן וואס ער זיין טאג גיטאן האט. איר לערנן עס פון דר [שונמית] דר פסוק זאגט אין [מלכים ב] וַיְהִי הַיּוֹם וַיַּעֲבֹר אֱלִישָׁע שׁוּנֵם דען טאג איז גוועזן [ראש השנה] דאס הקב"ה איז [דן] די וועלט, שפראך צו איר [אלישע היש לדבר לך אל המלך] דאס מיינט ער הקב"ה ווערט דעמס מאל גרופן [המלך הקדוש המלך המשפט] אויב דו ווילשט עס וואס וויל איך פון דיינט וועגן בעטן זונדרליך. דא שפראך זי [בתוך עמי אנכי יושבת] איך בגער ניט מען זאל איך אויבן אליין גידיינקן דא מען זאל ניט זונדערלך אויף איר משגיח זיין למעלה, נייערט איך וויל זיין צווישן איין פאלק, ווער זיך בריינגט אריין צווישן כלל פון ישראל דער ווערט ניט אליין גידומפט אויבן [לרעה], דרום זאגט זיא [בתוך עמי], דרום ווייל אויך דער [מדת הדין] איז שוין מוסק גיוועזן שטייט [ויזכור אלהים את נח] דען גידיינקט הקב"ה דען נאמן פון נח:

רַבִּי חִזְקִיָּה גינג אונטר וועגן פון קפוטקיא נאך לוד. בגעגנט אים ר' יוסי שפראך ער צו אים זיך פר וואונדר איך אויף דיר דס דוא ביסט אליין, און איר האבן יוא גילערנט דאס איין מענש זאל ניט אליין גיין אונטר וועגן. שפראך רבי חזקיה איין יונג גייט מיט איר ער קומט מיר נאך, שפראך ער אויף דעם בין איך מער מתמיה ווי גייסט דוא מיט איינם דר דא ניט קאן מיט דיר [עוסק בתורה] זיין אונטר וועגן: און איר האבן גלערנט ווער עס גייט אונטר וועגן און איז ניט [עוסק בדברי תורה] קומט צו די סכנה, ענטפערט ער אים דאס איז גוויס וואר. אין דעם קאם דר יונג צו גיין, שפראך רבי יוסי צו אים איין קינד פון וועלכן מקום ביסטו. דא שפראך ער איך בין פון לוד און האב גיהערט דס דר מאן איז איין גרוסר [תלמיד חכם] און גייט אהין אזוא האב איך מיך אן גיברייט צו זיין דינסט און מיט אים צו גיין. שפראך [ר' יוסא] איין קינד קענסטו דוא וואס לערנן, שפראך ער איך קאן וואס איך גיבייכט ווען איין פאטר האט מיך גילערנט [פרשת קרבנות] און ווען ער האט גילערנט מיט איין עלטערן ברודר האב איך מיך צו גיהערט, דא שפראך [ר' יוסא] איין קינד זאג מיר וואס דוא האסט גילערנט. [פתח] הייב ער אן [ויבן נח מזבח ליי ויקח מכל הבהמה הטהורה] דס איז דר מזבח וואס אדם הראשון האט דרויף מקריב גיוועזן. וואָרום האט נח מקריב גיוועזן איין עולה. איין עולה קומט נאך אויף הרהור הלב ווען איין מענש האט חוטא גוועזן מיט זיין מחשבה, אזא נח האט גטראכט און האט גשפראכין הקב"ה האט גוזר דין אויף דעם עולם גוועזן און איך האט ער מציל גוועזן. פלייכט איז איין זכות אויס און האב שון מער קיין זכות ניט [ויבן נח מזבח ליי] און בויאט דאס מזבח וואס אדם האט דרויף מקריב גוועזן: וואָרום שטייט דען (ויבן) איז משמע ער האט נייא גבויאט, אזא דאס מזבח וואס אדם האט מתקן גוועזן האבן די (דורות הרשעים מקלקל) גוועזן האט ער אווין ווידר מתקן זיין [דס איז איין סוד און ווייטר פין מער סודות וואס דס קינד האט מגלה גוועזן], דא קאם [ר' יוסא] און האט גקושט אים און שפראך אזו פיל גוטס איז אונטר דיר און איך האב עס ניט גוויסט. ער שפראך איך וויל איין וועג ניט גיין מיטנאנדר און וויל מיט דיר גיין, דען דר וועג איז מיט דר שכינה אן גבריים פר אונז דר נעם דס קינד אן זיין האנט און גייט. ער שפראך זאג מיר נאך וואס דיין פאטר האט גיזאגט, הייב דס קינד אן מגלה צו זיין גרויסע סודות אין פסוק שטייט [ישקני מנשיקות פיהו] דר נאך שפראך ר' יוסא צו דעם קינד ווי איז דיין נאמן, ער שפראך אבא איז איין נאמן. ער שפראך ר' יוסא אבא איז טייטש איין פאטר זאלסטו זיין אין דר הנאה פון אין לאנגי יאר, ער זאגט אויף אים אין (משלי כ"ג)
יִשְׂמַח אָבִיךָ וְאִמֶּךָ וְתָגֵל יוֹלַדְתֶּךָ׃

וּמוֹרַאֲכֶם וְחִתְּכֶם יִהְיֶה עַל כָּל חַיַּת הַשָּׂדֶה הקב"ה האט זייא גבענשט דאס פון איצונד אן אונ ווייטר זאלן זייא האבן דאס גשטאלט פון איין מענשן. זעה נום ערשטן האט הקב"ה [אדם הראשון] אין גשטאלט און אין פארים פון הקב"ה בשאפן, דעסט אל אלע בשעפניש אויף דער וועלט ווען זיא האבן דיא אויגן אויף גהויבן און האבן גזעהן דאס הייליגי גשטאלט [בדמות של מעלה] זיינן אלי וואָרן פר וואגלט און האבן זיך גפארכטן פר אים. און אז זיא האבן חוטא גוועזן איז דער גשטאלט פר ענדרט גוואָרין און זיין ניאר גוועזן [בצלם אלהים] אזו האבן זיי זיך גפארכטן פר אלי בשעפניש, ווען דער מענש ניט חוטא איז און ניט עובר דיא תורה דא איז זיין [צורה] ניט פאר ענדרט גוואָרן פון דעם [צלם אלהים], און אלי בריות אין עולם פארכטן זיך פר אים. און ווען ער חוטא איז דא איז ער ניאר אין [צלם אלהים] זיינן אויף אים שולט אלי בריות און [חיות רעות] און דרום ווייל איצונד נאך דעם מבול דער עולם איז ווידר במנייט גוואָרן, האט זייא הקב"ה ווידר גבענשט און האט זיא ווידר דיא שליטה גגעבן איבר אלי בריות, דער פסוק זאגט [וכל דגי הים בידכם נתנו] דיא פיש אין וואסר אכן שבן אנדרי בריות האט איז אין אירי הענט גגעבן גוואָרן:

וַיָּחֶל נֹחַ אִישׁ הָאֲדָמָה וַיִּטַּע כָּרֶם. רבי יהודה ור' יוסי איינר זאג

אויס

ווייל דען ג"ע איז דר וויין, שטאַרק פֿאַר טריבן געוואָרן האָט
אים נח דאָס געפֿלאַנצט. איינער זאָגט ער האָט אים דאָס
געפֿונען האָט ער אים אויס גריסן און ווידר געפֿלאַנצט אין
דעם טאָג האָט ער אויך געווען בליט, און ענבים האָט ער
אויס גדרוקט און האָט אים גטרונקן און וואַר שיכור. רבי
שמעון זאָגט גרויסע סודות וואָס דער כרם איז געווען דאָס
איז אויך איין סוד פֿון דעם [גפֿן וואָס אדם הראשון] איז
דראַן נכשל געוואָרן אויך דיא בני אהרן דאָס זייא זיינן אריין
גגאַנגן אין קאָן עס ניט שרייבן:

פתח ער הוב אָן און זאָגט כִּי פְשָׁעַי אֲנִי אֵדָע וְחַטָּאתִי נֶגְדִּי
תָמִיד וויא וואָל דיא זינד גהיט זיין מיט זינד פֿאַר הקב"ה,
דען דער נאָך אַז דער מענש האָט חוטא געווען ווערט זיין
עבירה אָן גצייכנט [איצה] און ווערט ניט אָפּ גמעקט
ניוואָרט מיט כח פֿון גרויסע תשובה. וויא דער פסוק זאָגט
[ירמיה ב] כִּי אִם תְּכַבְּסִי בַּנֶּתֶר וְתַרְבִּי לָךְ בֹּרִית וְגוֹמֵר קומט
און זיך אַז דער מענש זינדיגט פֿאַר הקב"ה איין מאָל
מאַכט ער [איצה] איין רוטן, און אַז ער ווידער זינדיגט
ווערט דער צייכן נאָך מער גשטאַרקט ווען ער דאָס דריטע
מאָל זינדיגט צו שפּרייט זיך דער פֿלעק פֿון איין זייט צום
דער אַנדערי. דען שטייט [נִכְתָּם עֲוֹנֵךְ לְפָנַי] דוד המלך אַז
ער האָט חוטא געווען פֿאַר הקב"ה מיט [בַּת שֶׁבַע] האָט ער
גדאַכט און גלערנט דאָס דער צייכן פֿון דעם חטא ווערט
שטיין לעולם, וואָס שטייט אין [שמואל ב י"ב] גַּם ה' הֶעֱבִיר
חַטָּאתְךָ לֹא תָמוּת איך וויל מעביר זיין דעם צייכן פֿאַר אים
און וויל אים אָפּ מעקן, זאָגט רבי און איר מיינט דאָך גלערנט
דאָס [בת שבע] איז ראוי געווען צו [דוד מיום שנבראת עולם]
נאָר וואָרום האָט הקב"ה זייא גגעבן פֿאַר נאָר אוריה פֿאַר
דוד. שפּראַך ער אַזוי איז דער סדר פֿון הקב"ה, ווען גלייך
איין ווייב איז אָן גבריידט צו אים דאָס זאָל זיין צו איינן קאָן
זיך איינער מקדים זיין און נעמט זי פֿאַר אים, און ווען דר
זמן קומט דאָס ער זאָל זיין בת זוג נעמן, אַזוי ער שטאַרבן
און ווערט נדחה פֿאַר יענעם דז יענער אַזוי זיין [בת זוג] נעמן
און דאָס איז שווער פֿאַר הקב"ה דעם מעבר פֿון עולם צו
זיין פֿאַר זיין צייט פֿון וועגן יענער זאָל זיין בת זוג נעמן, און
דאָס איז דר טעם דס [ארץ כנען] איז פֿאַר גיגעבן געוואָרן
צו כנען פֿאַר ישראל איז אַלץ איין הייליקייט צו דיא מקובלים,
קומט און זעה דוד ווען גלייך ער האָט מודה געווען אויף זיין
חטא און האָט תשובה געטאָן איז פֿאָרט ניט אָפּ געטאָן געווען
זיין הארץ און זיין רצון פֿון זיינע עבירות וואָס ער האָט
גזינדיגט און פֿון דעם חטא בת שבע, דען ער האָט
זיך מורא אַזן גפֿאָרכטן דרויף פֿילייכט ווערט איין חטא
גורם זיין און ווערט אויף אים מקטרג בשעת הסכנה זיין,
און דרום זיינן זייא ניט פֿאַר געסן געוואָרן פֿון אים אום
זיין ווילן:

ד"א [כי פשעי אני אדע וחטאתי נגדי תמיד] זאָגט ער
אויף דעם חסרון הלבנה דאָס איז גקלענערט געוואָרן
[ביום הרביעי] און דוד האָט זיא געוואָלט מתקן זיין מיט
זיינע שירות און איז ניט מתוקן געוואָרן [בטהרתה] ביז
שלמה איז גקומען איז זיא רעכט לייכט געוואָרן און דער
עולם איז מבוסם ומתוקן געוואָרן. דרום זיינען ישראל געזעסן
פֿאַר זיכערט [מלכים א ד] וַיֵּשְׁבוּ אִישׁ תַּחַת גַּפְנוֹ וְתַחַת תְּאֵנָתוֹ
אָבער דאָס אַלץ [וחטאתי נגדי תמיד] און ווערט ניט אויף
געהערט ווערן פֿון עולם דאָס דער רעכטער תיקון זאָל זיין ביז
משיח ווערט קומן, דען ווערט מקוים ווערן וְאֶת רוּחַ הַטֻּמְאָה
אַעֲבִיר מִן הָאָרֶץ ווערט דער מיעוט הירח רעכט מתוקן
בלייבן:

הוא הָיָה גִבּוֹר צַיִד לִפְנֵי ה' דר נמרוד איז געווען איין שטאַרקר
מאַן, דרום וויל ער האָט אָן געטאָן דס קלייד וואָס הקב"ה
האָט אָן געטאָן אדם הראשון דער דורך האָט ער קענען
פֿאַנגן דיא בשעפֿניש, און דורך דעם קלייד האָט ער דיא
לייט באַרעט צו דער [עבודה זרה] און דורך דעם קלייד האָט
ער גוויזן און געוועלטיגט אויבער אַלי לייט און אַלע בשעפֿניש.
און דורך דעם קלייד האָט ער אַלץ בצוואונגן און דרום האָט
ער גהייסן נמרוד. ער האָט מורד געווען און האָט ווידער
גשפּעניגט ווידער הקב"ה און דיא עליונים און ווידר די
אונטערשטי, ער זאָגט ער ווער דער געוועלטיגער איבר דיא
וועלט. ער טוט דיא לייט כריזן ביז זייא זאָגן אָפּ גקערט
פֿון דיא דינסט הקב"ה צו דער [עבודה זרה]. זאָגט רבי
שמעון אין דיא קליידער ווייזן דיא מלאכים גרויסע סודות:

רבי [חייא ורבי יוסי] גייען אונטער וועגן שפּראַך רבי יוסי
צו רבי חייא איר. וועלן מיר היבן אין דער תורה אחדט
צו זיין, הוב אָן רבי יוסי עס שטייט (כִּי ה' אֱלֹהֶיךָ מִתְהַלֵּךְ
בְּקֶרֶב מַחֲנֶךָ לְהַצִּילְךָ) הקב"ה גינג מיט דיא ישראל אין דער
מדבר. וויא דער פסוק זאָגט [צֶדֶק לְפָנָיו יְהַלֵּךְ וְיָשֵׂם לְדֶרֶךְ
פְּעָמָיו] ווען ער פֿרום איז צו העלפֿן און בשיצן אים אונטער
וועגן פֿאַר אַלין בייזן דרום קער זיך דער מענש האַלטן
ריין און הייליג, וויא עס שטייט וְהָיָה מַחֲנֶיךָ קָדוֹשׁ וואָרום
שטייט [קדוש] לשון יחיד זאָלט שטיין [קדושים] אַזאַ עס גייט
אויף די אבֿרים פֿון מענטשן, זיין גוף זאָל קדוש זיין הייליג
דאָס דיא קדושה זאָל קענן דרינן רוען דורך וואָס, דרום
זאָגט דער פסוק [וְלֹא יִרְאֶה בְךָ עֶרְוַת דָּבָר] וואָס איז טייטש
דבר אַזאַ דבר מויל איין דיבור זיך צו היטן און הייליגן
מיט זיין מויל קיין [ניבול פה מודר לשון הרע לצנות] זאָלט
ער דען מויל ניט משמא צו זיין דען גייט דיא שכינה פֿון
אים אַוועק. דרום שטייט [ושב מאחריך] ווען דר מענש זיין
גוף און מויל ניט הייליגט זיין דיבור און איז חוטא מיט זנות
און מיט דעם מויל דרום שטייט [ערות דבר] אַזוי רואָט קיין
קדושה ביי אים נאָר היטן אים פֿון אַלע בייזן, דרום ווייל איר
גייען אונטער וועגן וועלן איר אויך [עוסק בתורה] זיין דס דיא
תורה קריינט דעם מענטשן אויף זיין קאָפּ און די שכינה ווערט
ניט אָפּ גטאָן פֿון אים: הייב אָן רבי חייא (וַיֹּאמֶר ה' הֵן עַם
אֶחָד וגו') זיא האָבן גפֿונן איין אָרט פֿון די [דור האבון]
זיך אָפּ צו קערן פֿון הקב"ה אַזוי אורד צו זיין און האָבן
הנחה גהאַט אין איר ווערק אַליין. ווייל זייא זיינן געווען איין
פֿאָלק און איין שפּראַך אייניג דורך אנאַנדער, און האָבן גרעט לש"הק
דרום וואָס זי האָבן מיט דעם אויך גרעט צו מאַכן איר ווערק אַזוי
איז אַלץ פֿאָרט גגאַנגן. דאָ שפּראַך הקב"ה וויל זייא זי

חיין פסוק איט חיין האחרן חוג חיין וויןן חוג ריידן ןשון הקודט דען ווערן זיח חןט טחן וואט זי חין וויןן האבן נו טחן, חיך ווין זייח אבןבן זיין חיר ןשון חוג חיר [אדרגות עןיונות] האט זי הקב"ה אבןבן גוועזן חוג טפרייט זייח חין דר וועןט . כוח אה דחך זיי האבן עבודה זרה גדיכט וויין זי זיינן חייניג גוועזן [בןב אחד] חוג האבן גירעט ןשון הקודט האט קיין דין כיט חן זיח טוןט גוועזן ביז הקב"ה הט זי אבןבן גוועזן · איר חוג די חבֿרים די זיינן [בןב אחד] חוג זיינן [עוסק בתורה] בןשון הקודט אכן טכן דאט קאן דר אדת הדין כיט חן חוגז טוןט זיין · זאגט רבי יוסי פון הינן ןערנן איר דט [אחןוקת] האט קיין קיום וויין זיח גטייןט איט די ןבבות זיינן חוג ווען זי גןייך עבודה זרה האבן גדיכט ווען טןום איז [בןב אחד] איז קיין [אדת הדין] טוןט חן זייח · זאגט ר' חייח איר ןערנן פון די דאט חןט וועכט זיך חן דבור פון אעכטן, כאר חז הקב"ה הט זייז איר ןשון פר איטט (איד ויפן חותם אטם) זייכן זייח פר טפרייט גווארן, אבר ווען אטיח וועט קווען טטייט גטריבן [כי אז אהפוך אן עאים טפה ברורה ןקרוא כוןם בטם הי'] חוג טטייט [והיה י"י ןאןך ען כן האחרן ביום ההוא יהיה ה' אחד וטאו אחד:

וַיְהִי כָל הָאָרֶץ שָׂפָה אֶחָת וגו' די דור הפֿןגה האבן אןע גירעט [ןשון הקודט דט די אןאכים פר טטייאן עז חוג האבן קיין אנדר ןשון גרעט, דרום טטייט [ועתה ןא יבנר אהם] דיח ווערן אןט קענן פוען זיין וואט זיח וויןן · העטן זיח גרעט אנגדר ןשון דאט דיח אןאכים זיך כיט אטגיח זייגען דרוון העטן זיח כיט קענן אןט פר ברעגגן וואט זיח וויןן דען [אעטה טדים] איז נאר איין חויגן בןיק פר דיח ןייט חוג כיט אער האבן זיח ווען דוחה זיין די קרוטה חוג אגבי' זיין נו טטארקין דיח טוואה דאט זיח האבן וואן גוואוטט חיטןיכר אאוגה חויך וואט ער איז גזעןט. האבן זיח דרום אןיח גוועזן איט דען [עי"ר ואג"דן] דאט זיח גבויט האבן, דאט איז איין גרוטר טוד וואט איר כוונה רעה איז גוועזן דען [וירד ה' ןראות] הקב"ה איז ארחפ גנידרט נו זעהן אירי אעטים אין דר טחן ווט איז אן גברייט גוועזן נו אירי אעטים דיח טוואה נו דער גרייטין חויף דען חורט דוקח, אז הקב"ה איז ארחפ גקוואן הט ער אבןבן גוועזן איר ןשון, דרום טטייט [אטר בנו בני האדם] ווי אדם האט אגביר גוועזן חוג גטטרקט דיח טוואה אזו האבן זיח חויך ווען חויף דען ארט דאט איז נו זיח טויגןיך גוועזן דר נו חוג דר כח פון דר טוואה האבן זיי גטטארקט חוג איז תוןה גוועזן ביז די [בני אפריקן] זיינן חוט אןרי' גגאנגן חוג האבן כיט ווען וואחרטן [ןקין היאין] זיינן זיח דארטן גפאןן [בכןן היאים] פון דיח קןיפה, דרום טטייט בייח [יחזקאן] ער האט גזעהן אין דר טחן זיח איז פון ביינר איז זיח גטטארקט גווארן אכח דען נןם וואט [כבוכד נצר] הט אהין גטטעןט, חוג איר כח איז דער נאך נו ברחכין גווארין אז דיח אתים זיינן חוף גטטאנן דארטין חוף אירי פים. חוג דר נןם איז נו ברחכין גווארין דען האבן אןי אוואת גוואוטט דאט עט איז קיין אנדרער גאט כיט פאר האנדן אז הקב"ה אןיין, חוג נאך אער אז [חנניה אישאן ועזריה] האבן דארטן [אקדט הטם] גוועזן דאט אןט איז אין איין טאג גיוועזן דרום טטייט [והקדישו את קדוט יעקב וגו']: [רבי חייח] הוב אן [והרטעים כים נגרט וגו'] גןייך אז דאט ים דא גייט אויט זייגנן תיקון חוג טטוראט חוג ברעגגט חויף חייטן איטט חוג ןיים חוג טיכוף. אזו זיינן אויך דיח רטעים דיח גייאן אויט איין תיקון חוג גייען חין קרואי וועגן · דען אןט וואט זיח ריידן חוג וואט דא גייט חוט אירן אוין ארויט איז חייטן טינוף חוג חום ווערדיג חוג איט איר טטות חוג [טפטות הןב] האבן זייח ווידר גטפעניגט קעגן הקב"ה חוג האבן זיך וועןן חויט ניהן אויט דען רטות פון הקב"ה נו געבן זיך אין רטות פון דיח קןיפות · וויח זיי קואן נו דר טאן חיזוי אנט דעקט גיווארן דאט חורט פון דער אאטןת הקןיפה זיח וויןין זיך דארטן בהעפטן הנאה נו האבין ןאטה חוג זאגן וואט זאן איר ארוף גיין ןאעןה דאט איר כיט קענן הנאה האבן דער פון חוג אירי כוונה רעה איז גרוטע סודות וואט זיח גאיינט האבן דאט אן כיט קאן טרייבן איטןיכן: [וירד י"י ןראות] דט איז אייגט פון דיח נעהן ירידות דאט דיח טכינה איז ארחפ גנידרט עט טטייט [וירד י"י] וויט דען הקב"ה כיט אובן דט ער דארף ארחפ נו כידרן נו זעהן [אןח ןראות] נו זעהן חויף זייח איט דען [אדת הדין] נום ערטטן חוף די [אדרגות עןיונים] דער נאך אן די אדרגות ןאטה, חוג וויין זיי האבן וועןן חויך פוגגן זיין ןאטה דרום איז דיח הטגחה גוועזן נום ערטטין ןאעןה · דרום טטייט [ןראות את העיר] נו ערטטן דער נאך [ואת האגדן אטר בנו בני האדם] זייח זיינן דיח קינדר פון אדם הראטון דער האט חויף אורד גוועזן אן זייגם הערן חוג האט גורם איתה גוועזן ןכן עוןם:

וַתְּהִי שָׂרָה עֲקָרָה אֵין לָהּ וָלָד זאגט רבי חייח וויזו דעם וויח חויף דר נייט. טפראך נו איס רבי יוסי ווארום זי הט דאך דר נאך גהאט איין זרע קודט ינחק. טפראך רבי חייח דוח זעהטט חוג איך זעה וואט איך האב גהערט חויט דען אויל פון ר' טאעון דארוף ווין איך וויח חוף דער נייט דען דרום וויין טרה הט טפעט איין קינד גיהאט טטייט [ותאאר טרה אן אברהם בא נא אן טפחתי אוןי אבנה אאנה] חוג דרום טטייט די טעה נו הגר איר טפחה נו ירטנן חוג הט גיהאט איין זון פון אברהם, חוג ער הט גזאגט [ןו יטאעאן יחיה] חוג ווען גןייך הקב"ה הט איס אן גיזאגט חויף ינחק· האט ער זיך פארט אדבק גוועזן אן יטאעאן ביז הקב"ה הט איס געגטפרט [וןיטאעאן טאעתיך] דער נאך האט ער זיך [אןן] גוועזן חייער ינחק איז גקוואן ןעוןם. קום חוג זיך פיר הונדרט יאר איז גטטאנדן זיין אאוגה פון יטאעאן חוג האט גבעטן פר הקב"ה חוג זאגט, רבונו טן עוןם ווער זיך טוט בטניידן זאן קיין חןק האבן אן נאאן טפראך ער יואח, טפראך ער האט זיך דאך יטאעאן [אןן] גוועזן אפיןו נו דרייח נעהן יאר ווארום זאן ער קיין חןק אן דיר האבן וויח ינחק. טפראך הקב"ה ינחק האט זיך [אןן] גוועזן נו אכט טעג אז דיח רעכטי נייט חוג יטאעאן האט זיך כיט נו דיח רעכטי נייט [אןן] גוועזן· טפראך ער [אף ען פי כן] ווען ער זיך הט [אןן] גוועזן זאן ער דען קיין טכר האבן דרויף וויח חויף דער נייט אז יטאעאן איז גבארין גווארן חוג איז [כיאון גווארן] · וואט האט הקב"ה גטאן הט ער איס ארחיק גוועזן פון דעם דביקות טן אעןה חוג האט איס גגעבן זיין חןק ןאטה אין [ארן יטראן] וויין ער איז כיאון גווארן חוג

דיא [בני ישמעאל] ווערן שולט זיין אן ארץ ישראל [בחרבונו של בית המקדש] לאנגע צייט אזו וואל אז זיין בשניידן איז גווען נית בשלימות ווי עס דארף זיין. אונ דאס ווערט אויך האלטן דיא ישראל אז זיא ווערן נית קענן אין ארץ ישראל אריין קומן ביז דער זכות ווערט אויס זיין פון ישמעאל, דעמסט וואל ווערן בני ישמעאל דר וועקן איין מלחמה בעולם אונ דיא [בני אדום] ווערן זיך איין זאמלען אויף זייא אונ ווערן מיט זייא מלחמה האלטן [על הים ועל היבשה] אונ איין מלחמה נאנט בייא ירושלים אונ ווערן געוועלטיגן איינר איבר דעם אנדערן אונ [ארץ ישראל] ווערט נית זיין איבער געגעבן [בני אדום], דיא זעלביגי צייט ווערט זיך דר וועקן איין פאלק אסוף עולם אויף דער גרושער שטאט אונ ווערט מלחמה האלטן דרייא חדשים, אונ פיל פעלקר ווערן זיך אהין זאמלען אונ ווערן פאלן אין אירע הענט ביז [כל בני אדום] ווערן זיך איין זאמלען פון עק וועלט דען ווערט הקב"ה זיך דר וועקן אויף זיא, אז דער פסוק זאגט אין [ישעיה ל"ד] [כי זבח ליי בבצרה] דר נאך ווערט מקוים ווערן דס שטייט אין [איוב ל"ח] לֶאֱחוֹז בְּכַנְפוֹת הארץ וְיִנָּעֲרוּ רשעים מִמֶּנָּה

אונ דיא בני ישמעאל ווערט צו ברחכן ווערן איר כח של מעלה ביז קיין כח ווערט מעלה פון זייא נית איבר בלייבן פון אלע פעלקר נייערט דער כח פון ישראל אליין, אז דער פסוק זאגט [תהלים קכ"א] [יי צלך על יד ימינך] דרום דאס דער שם הקדוש איז בימין אונ דיא תורה איז אויך בימין אז דער פסוק זאגט [דברים ל"ג] מִימִינוֹ אֵשׁ דָּת לָמוֹ דענעמט הענגט אלס אן דעם ימין איבר דעם שמאל אונ ישראל זייען אויך אגוד ימין של הקב"ה. דרום ווערן זייא שולט זיין בעולם לעתיד לבוא ווי עס שטייט [הושיעה ימינך וענני]:

אלה תולדות נח. רבי יהודה זאגט הקב"ה האט גמאכט [ירושלים למעלה קעגן ירושלים למטה] אונ האט געשווארן דאס ער וויל נית אריין גיין אין [ירושלים של מעלה] ביז ישראל ווערן קומן [בירושלים של מטה] אז דער פסוק זאגט [בקרבך קדוש ולא אבוא בעיר] אונ זיינן כיתות פון מלאכים אונ דיא שומרין היטן צדק זייא זיינן אריין צו גיין דיא [נפשות הצדיקים] אויף זיי הט דוד געלובט אונ גזאגט [פתחו לי שערי צדק אבוא בם אודה יה זה השער ליי צדיקים יבואו בו] אונ דעריבער זיינן [שומרים מלאכי השרת] אויף דיא מויערן אז דער פסוק זאגט [על חומותיך ירושלים] דס איז [ירושלים של מעלה הפקדתי שומרים] דאס זיינן די מלאכים אונ עס זיינן זיבן טויערן צו די נפשות הצדיקים אריין צו גיין ביז צום איר רעכט ארט נאך איר מעלה נאך. אונ אויף איטליכר פתח זיינן שומרים:

פתח הראשון דיא ערשטי טיר גייט דיא נשמה אין דער [מערת המכפלה] דס זי איז נאנט צום [גן עדן] אונ דארטן איז דער שומר אדם הראשון איז זי זוכה רופט ער אויס אונ זאגט רויאט אוס איין ארט. שלום איז דיין קומן. זי גייט ארויס אויס דער טיר אונ קומט אין די אנדרי טיר, דיא טיר איז [בשערי גן עדן] אונ געפינד דיא [כרובים אונ דעם להט החרב המתהפכת] איז זיא זוכה גיט זיא אריין בשלום, ואם לאו איז זיא דארטן מקבל איר שטראף אונ זייא שטופן דיא נשמה אין דעם פלאם פייער פון זייא, קעגן זייא איז גוועזן דאס גלייכן אין בית המקדש צווייא [כרובים], בשעה דאס דער [כהן גדול] איז אן יום כפור אריין גיגאנגן האט ער זוכה גוועזן איז ער אריין גיגאנגן [בשלום. ואם לאו] איז איין פלאם פייער ארויס גגאנגן פון צווישן די צווייא [כרובים] איז ער דריבן פר ברענט גיווארן. אזו אויך דיא כרובים פון [שערי גן עדן] צו זייטרן דיזו נשמה, איז זיא זוכה גיט מען איר איין [פינקס] פר איין סימן אריין צו גיין אין דיא [שערי גן עדן] ווס איז בארץ. אונ איין זייל שטייט פון [ענ"ן ונו"גה] געמישט אונ [עשן ונגה] איז ארום, ווייא דער פסוק זאגט [וברא יי על מכון הר ציון ועל מקראיה ענן יומם ואש נגה] אונ ער איז איין גשטעקט פון אונטן ארויף [לשערי ירושלים], איז זי נית זוכה בלייבט זיא דארט אונ ווערט דארט געפייניגט פון דעם גוטס [של מעלה], אונ ווען זיא איז יא זוכה גייט זיא דורך דעם זייל צו דער דריטר טיר דאס הייסט [זבול ביז ירושלים] דארטן זיינן שומרים איז זי זוכה עפנט מען איר די טירן גייט זיא אריין, איז זיא נית זוכה פר שליסט מען די טויערן אונ שטויסט זיא ארויס אונ נעמט פון איר אוועק דעם סימן דס פינקס, אזו זאגט די נשמה [מצאוני השומרים הסובבים בעיר] דאס זיינן דיא [מלאכי השרת השומרים] די היטן דאס [בית המקדש וירושלים של מעלה נשאו את רדידי מעלי] דיא האבן איר אוועק גנומן דאס [פינקס] דען סימן [שומרי החומות] די דא זיינן [שומרים על החומות ירושלים], ווען זיא יא זוכה איז גייט זיא ווייטר אין דיא שערים אונ שוט לובן צו הקב"ה אין [בית המקדש] ווס איז למעלה אונ [מיכאל] דער [שר הגדול] איז זי מקריב פר איין קרבן, איז טייטש גלייך אז איינר ברייכגט איין מתנה פאר איין מלך, אונ מיכאל גייט מיט איר ביז צו די פירדע אונ פינפטע טיר אונ זאגט פר הקב"ה רבש"ע וואל די קינדר דייני [אוהבים אברהם יצחק ויעקב] וואל צו דיא [צדיקים הטובים] דיא דס זוכה זיינן ביז זייא קומן צום זיבעטן טויער דאס דא הייסט [ערבות] דארטן זיינן דיא [גנזי חיים אונ נשמות הצדיקים] אונ ווערן [מלאכי השרת] אונ לויבן פר הקב"ה אונ ווערן גיטפייזט פון דעם לויטרן ליכט דאס הייסט [מספקלריא המאירה] אונ דארט איז דיא [מנוחה ונחלה וגוח חיי עולם הבא] דרויף זאגט ער [אלה תולדות נח] אונ דיא [מנוחה ונחלה] דאס אויף דעם שטייט [עין לא ראתה אלהים זולתך] ווער איז זוכה צו דעם [נח נח מיט צדיק תמים] ווער איז איין צדיק קער די הנאה צו הבן דס זיך הקב"ה איז משתעשע מיט דיא נשמות. דרום זאגט ער [את האלהים התהלך נח למעלה אונ נית למטה]:

רבי יצחק זאגט הקב"ה האט איין שבועה גיטאן דאס ער נית בגערט אן טויט פון די רשעים, אז דער פסוק זאגט [חי אנכי נאום יי אלהים אם אחפוץ במות הרשע וגומר] נייערט ער זאל לעבן [בעולם הזה ובעולם הבא]. וואל צו די קינדר דס מען צו זיי זאגט [השיבו וחיו] זייא זאלן תשובה טאן ווערן זיי לעבן. [רבי יוחנן] זאגט עס שטייט [ועיני רשעים תכלינה ומנוס אבד מנהם וכו'] עס איז איין משל צו [גזלנים] די רויבן אין וועג אונ מען האט זייא ביקומן אונ זיי תפוס גיזעצט אין איין הויכן טורם. די קלוג זיינן צו וויטן זייא גדיינקן, איר האבן יוא [מעשים הרעים] גטאן עס איז יוא אונז אינגלך פטור צו ווערן. זייא אנהבן זיך

איין

איין גרוב אונ גראבן זיך אונטער אונ אנטלויפן אוועק, איינר איז גוויטן זייא איין טוטה ער זעהט דאס לאך ער קען אויך ארויס קומן אונ בגערט ניט, צו אהרגכט קומט דער לאך צו זעהן דעם טורעם אונ דיא גזלנים, ער זעהט דס די גזלנים זייגן אנטרונן גוואהרן אונ דר טוטה איז געבליבן, טפראך ער דוא האסט אויך וואס קענן ארויס קומן וואס זאל איך זייא טאן זייא זייגן אוועק, אונ דיר זאל מען דיא אויגן אויס טטעכן אונ דר נאך געהאנגן צו ווערן. אזו אויך די רשעים די דא גייען אין דר פינצטרניש אונ טוען [מעשים הרעים], דיא קלוג זייגן זאגן איר האבן יוא גזינדיגט [לפני האדון] וואו אהין קאנן איר אנטלויפן, איר וועלן זיך עפענן איין טיר דס איר זאלן ניצול ווערן פון אוכזר טטראף אונ וועלן תשובה אונ תפילה טאן אונ זאו ווערן זייא ניצול פון אירן עונש. אבר די טוטים די זעהן דעם דרך [תשובה] איז פאר זיא אויפן וואס אנדרע געעפנט האבן אונ זייגן ניצול גוואהרן פון איר דין אונ זייא בגערן ניט אויך אזוא ניצול צו ווערן: זאגט הקב"ה איר טוטים אייערע ברידר זייגן אנטרונן גוואהרן אין דעם דרך תשובה וואס קאן איך זיי טאן, אבר אייערי אויגן האבן גזעהן דעם [דרך תשובה] אונ איר האט ניט וועלן אריין גיין דרינן אונ ניצול צו ווערן פון אייער דין וואס שטייט [ועיני רשעים תכלינה] אירי אויגן זאלן בלינד ווערן. אזו זייא האבן גזעהן איין אורט נאלט צו ווערן [ומנוס אבד מנהם ותקותם מפח נפש] לעו"הב איז פאר לארן איר המפונג: אזו אויך זייגן גוועזן דיא [דור המבול] זייא האבן גזעהן דאס נח מאכט זיין תיבה אונ טוט זי התראה אלע טאג, אונ האבן איין גזעהן אריין גיין אין דר תיבה אונ האבן קיין תשובה וועלן טאן, זאגט הקב"ה איר [הנה] איז פר לארן פון זיי דס זיי האבן קיין תשובה גטאן [ותקותם מפח נפש] דאס זייא ניט ווערן אויף שטיין [ליום הדין] אזו דער פסוק זאגט [הרפאים יחוללו מתחת מים ושוכניהם.

רבי יוסי ורבי חייא זייגן געגאנגן אונטער וועגן, זאגט רבי חייא זאג איר פון דיא גוטי זאכן וואס דיין פאטר האט געזאגט פון דעם תענוג דיא [נשמ' בעו"הב] זאגט ער איר ווילן פר דען ארט אוועק גיין ווייל עס זייגן קיין רעכטע לייט דארטן. טפראך ער אדרבה דרום ווילן איר לערנן ווערן איר ניצול ווערן פון זייא, זאגט ער וואו איין סכנה איז דאס ניט געזאגט גוואהרן. ווייא זייא גייען זאגט רבי יוסי עס שטייט [כרם היה לשלמה בבעל המון] דאס כרם גייט אויף די נשמ' די איז געפלאנצט גוואהרן [מתחת כסא הכבוד] היה לשלמה דאס איז הקב"ה דער הייסט שלמ' דער שלום פון עולם איז זיין [בבעל המון] דאס איז דער [כסא הכבוד] דער איז שולט אויף אלע [חיילות השמים וארץ] אונ ער איז דער העכר איבר אלע, ער גיבט דיא נשמה [לנוטרים את פריו] צו דיא צדיקים דיא היטן די מצות, [ומאתים לנוטרים את פריו] דס איז דר דין דס דרינן זייגן צווייא הונדרט געלוסטיגע עולמות צו די צדיקים, דאס זיך הקב"ה [בחנות עדן] איז דרינן [משתעשע] מיט זייא, אונ אזו [דוד המלך] האט דאס גזעהן האט ער גלוסט דער צוא אונ זאגט, רבש"ע [אשרי תבחר ותקרב ישכון חצריך] וואו צו דיא לייט די זוכה זייגן דארטן צו רוען: זאגט רבי אבוה וויא זאל איטליכר מענש מוהר זיין ווייל נאך דיא נשמה איז בייזו מיט דאס ער זאל ניט חוטא זיין אונ באטרואפטין כדי דאס ער זאל זיין איגזה האבן מיט דיא אנדערי צדיקים, דס ווען זיין נשמה זאל ארויף גיין צו זעהן [פני השכינה] דס קיינר זאל איר ניט קענן ווערן. איר לערנן אויך פון דר תיבה עס שטייט [ויבא אל התיבה] אן רשות. און אלי עופות אונ בהמות וחיות דיא ניטט האבן חוטא גוועזן זייגן גקומן אונ די תיבה האט זיא אן גנומן, אונ דיא יוא האבן חוטא גוועזן האט זיא דיא תיבה ארויס געשטויסן. נאך מה דאך די תיבה איז נאר גוועזן איין [על יבש] איז אזו גוועזן, אכל טבן דיא [שערי שאים] מיט איר [שוערים וכסא הכבוד] דאס זייא כעאן נאר אן ווער ניט האט חוטא גוועזן, אונ ווער יוא איז חוטא דאס אן אים שטויסט ארויס: זאגט רבי חייא נח איז [מקטני אמנה] גוועזן אז ער איז ניט געווען איין געגאנגן ביז די וואסר זייגן גרויס גוואהרן, דרום שטייט [מפני מי המבול] זאגט רבי יצחק קום און זעה דאס רחמנות פון הקב"ה דס ער אין אן פאנג גלאזט נידרן דאס וואסר מיט רחמים זייא צו ווייזן דאס זייא זאלן תשובה טאן, דרום שטייט צום ערשטן [ויהי הגשם] עס איז נאר געוועזן בתחלה איין גשם רעגן, ווען זייא וועלן תשובה טאן ווערט זיין [גשמי ברכה], אונ אז זייא האבן קיין תשובה גטאן איז דרויס גוואהרן איין מבול:

רבי הוב אן [וירח יי את ריח הניחוח וגו'] אז נח איז ארויס גיקומן אויס דר תיבה, עפנט ער זיין אויגן אונ זעהט דער עולם איז חרב האט ער אן געהויבן צו וויינן אונ טפראך, רבש"ע פון די חטאים וועגן פון די נארטי לייט האסט חרב געמאכט דיין וועלט עכטפר האסטו ניט זאלן דעם מענטשן בשאפן אדר דעם עולם. אזו האט ער געברענגט [קרבן עולות] אונ האט זיך געשטעלט מתפלל זיין אונ דר ריח איז עולה גוועזן פר הקב"ה אונ איז אים זיס אונ געליבט גוועזן: זאגט [רבי] הרייא ריחות זייגן ארויף געגאנגן, דער [ריח קרבן אונ ריח תפלה אונ ריח מעשים טובים] אונ דר ריח איז אים ליבער גוועזן אז אלס, דרום שטייט [ריח ניחוחי תשמרו להקריב לי במועדו] כלומר דען ריח וואס נח האט פאר איר מקריב גוועזן, זאלט איר היטן דעם [ריח העולה תפלה ומעשים טובים]:

רבי אבו זאגט נח איז איין גרוסר חכם גוועזן אונ וואו פר שטאנן דאס לשון פון דיא עופות אונ אירי לשון וואס זיא טואן פיפלין מיט איר מויל. אונ פון אלע [נבראים, אונ וואס זייא וויזן מיט איר [לשון] אונ תנועות] אונ דאס ער איז גוועזן אין דר תיבה טפראך ער איך ווייס וואס דס עס איז ניט אזו קלוג אונטער עופות אז דיא ראב דס אן קאן אן איר טיאנים פין וויטן אויף דעם עולם, דרום שיקט ער אין שליחות דיא ראב. פרעגט רבי חייא וויא האט ער אזו גטאן אן טאר דאך ניט מסתכל זיין אן דיא מנחש זייגן מיט עופות דאס איז דאך אסור אין כלל [לא תנחשו ולא תעוננו] וואס פר איין ניחוש עס איז, אונ דרום שיקט ער די עורב דאס ער הט זיך ווייטר אנער גוועזן אויף דעם איבור העולם, טפראך ער רבש"ע דו ביסט איין [רחמן] אונ איינער איז דס רחמנות פר קערט גוואהרן צו אכזריות אונ האסט דיך ניט ארחם גוועזן איבר דייני קינדר די דו האסט בשאפן. דרום זאל אויך גיין איין עורב דיא איז אויך איין אכזר אויף אירי קינדר

קינדר, פרעגט רבי יוסי נח איז דאך איין צדיק תמים געווען ווי אזוי האט ער אזו גירעדט, עס הייסט [מטיח דברים כלפי מעלה] און ער זאגט אזהרה זיין נאך הקב"ה: זאגט רבי חייא ווייל ער הט עס גרעדט מתוך צער דען דר מענש ווערט ניט נתפס און נענש על צערו, אזו ווי אז איוב הט אויך אויס צער גרעדט האט אים הקב"ה ניט פאר איבל גהאט. ווי דער פסוק זאגט [לא בדעת ידבר ודבריו לא בהשכל] און דיא עורב האט ניט וועלן גיין אין [שליחות] ווייל זיא איז אן גבריית געווען צו איין אנדער שליחות מפרנס צו זיין אליהו שנאמר [והעורבים מביאים לו לחם ובשר] דרום שטייט [עד יבשת המים] יבש"ת איז אותיות (התשבי) דש איז (אליהו התשבי) אז נח האט געזעהן דאס זיא טוט אים ניט פאלגט זיין שליחות שיקט ער דיא יונה צו ווייל עס שטייט (כיונה פותה אין לב) כלומר מרוב צער איז איין המרל ניט מיט איר, און ווייזט אויך דאס צווישן אלע עופות איז קיין עוף ניט האט דא אזוי מקבל איז איר מיתה אז וויא איין טויב, און דרום זיינן ישראל גגליכן צו איין יונה. שפראך נח עס איז אויך צו אונש רעכט אויף אונש מקבל צו זיין וואש הקב"ה האט גשיקט וויא דיא טויב איז אלס מקבל און איז ניט מסרב:

אמר רבי יוחנן בן נורי הקב"ה האט גינומען שם בן נח און האט אים אפ גשיידן פאר איין [כהן לאל עליון] און צו דינן אים, און האט די שכינה לאזן בייא אים רוען און האט אים גהייסן [מלכי צדק מלך שלם], און זיין ברודר יפת האט ביי אים אין זיין [בית המדרש תורה] גלערנט, ביז עס איז גקומען אברהם און הט תורה גלערנט אין [בית המדרש] פון שם. און אז הקב"ה האט זיך מתעסק געווען מיט אברהם זיינן זייא אלע פאר געסן געווארן, און אברהם האט מתפלל געווען פאר הקב"ה דאש ער זאל זיין [שכינה] מאכן רוען תמיד [בבית מדרשו] פון שם, און הקב"ה הט אים מודה געווען [שנאמר אתה כהן לעולם על דברתי מלכי צדק] זאגט [רבי יוחנן] יפת איז דאך דער [גדול] געווען ווארום האט הקב"ה גינומען [שם] זיין ברודר, דרום ווייל ער האט [תמיד עוסק בתורה] געווען און הט זיך פורש געווען [מדרכי עולם] און פון וועמן האט ער געהאט דיא תורה, אלא [אדם הראשון] האט זי גלאזן זיין זון [שת בקבלה]. דר נאך [חנוך] ביז זי איז גקומען צו [שם] האט ער דרינן תמיד עוסק געווען: זאגט רבי יוסי ווען [שת] האט געהאט דיא תורה ווארום האט געט גיבאטן דיא [בני נח שבע מצות] זיינן זיא דאך דער פיר גשטאנן בתורה, אלא בשעה דאש מבול איז גקומען דורך פיל צער איז זיא פאר געסן געווארן, האט זייא הקב"ה מחדש געווען דיא זיבן מצות. רבי יוסי זאגט ח"ו זיא איז ניט פאר געסן געווארן פון אים, נייערט הקב"ה זאגט ווען איך וועל זאגן זיא זאלטן די תורה האלטן ווערן זיא גאר [פורק עול] זיין ניקט צו האלטן, אז וויא דיא אנדרע האבן געזאגט [ודעת דרכיך לא חפצנו], דרום וויל איך זייא ווייניג געבן דאש זיא זאלן דאש האלטן ביז עס ווערט קומן מיינר דער זי גאר ווערט האלטן, דאש איז [אברהם שנאמר עקב אשר שמע אברהם בקולי וישמור משמרתי מצותי חוקותי ותורתי] און ער האט דיא תורה גלערנט פון שם, האט ער אויך זיך מקבל געווען זי גאר צו האלטן, דרום הט הקב"ה אויס גקליבן דיא שבע מצות בני נח אויס דר תורה כדי דאש זייא זאלן זיא האלטן:

תני רבנן וואש האט הקב"ה גענפרט צו [נח] דא ער איז ארויס גגאנגן אויס דר תיבה און האט געזעהן דער עולם איז חרב. האט ער אן גפאנגן צו וויינן דרויף. און שפראך [רבונו של עולם] דוא הייסט איין [רחום וחנון] האשטו דוך זאלן מרחם זיין איבר דייני בשעפניש. האט הקב"ה גענפרט. איצונדרט רעדשטו דאש אזו, ווארום האשטו ניט אזו גרעט דאז איך האב צו דיר גרעדט [בשעה רבה. כי אותך ראיתי צדיק לפני בדור הזה והנני מביא מבול מים וגו'] כדי דאש דוא זאלשט מתפלל זיין [על העולם] און אז דוא האשט געהערט דוא ווערשט ניצול ווערן בתיבה. איז דיר אן גלעגן עולם ניקט גלעגן געווען, און האשט דיך גמאכט די תיבה און ביסט ניצול געווארן, און הייגט אז אלש איז פאר לארין געווארן הייבשטו ערשט אן צו ריידן פאר מיר [תפלות ותחנונים], אז נח האט געזעהן אזו האט ער מקריב געווען עולות וקרבנות: זאגט [רבי יוחנן] קום און זיך דעם חילוק צווישן דיא צדיקים דיא דא זיינן געווען צו ישראל דער נאך אז דער נח האט ניט מגין און מתפלל געווען אויף זיין דור, אבר [אברהם אז הקב"ה] האט גרעט [זעקת סדום ועמורה כי רבה] שטייט [ויגש אברהם ויאמר האף תספה צדיק עם רשע] און הט [מרבה בדברים] געווען פאר הקב"ה, ביז ער הט גרעט ווען עס וועלן זיין נאר צעהן צדיקים דאש זאלן אלע ניצול ווערן, ער האט גמאכט עש איז דא לוט ואשתו און זיין זין און טעכטר מיט מירי אמנו. דרום האט ער ווייטר ניט בגערט ביז צעהן צדיקים. איז גקומע (משה) אז הקב"ה האט צו אים גזאגט ישראל האבן חוטא געווען בעגל, שטייט איד (ויחל משה) ער האט אזוי לאנג מתפלל געווען און הט ניט נאך גלאזן פון הקב"ה ביז ער הט מוסר נפשו געווען אויף ישראל פון עוה"ז און פון עוה"ב, און זאגט (אם תשא חטאתם ואם אין מחני נא מספרך אשר כתבת) און שטייט וַיֹּאמֶר לְהַשְׁמִידָם לוּלֵי מֹשֶׁה בְּחִירוֹ עָמַד בַּפֶּרֶץ לְפָנָיו אזו אויך אלע צדיקים האבן (מגין) געווען אויף איר דור, און האבן ניט גלאזט דעם [מדת הדין] צו זייא שולט זיין, און נח האט הקב"ה מיט אים גווארנט און האט מיט אים (מדבר בדברים) געווען אזוי לאנג אז ער זאל מתפלל זיין, און ער האט זיך ניט דראן גקערט און האט געמאכט דיא (תיבה) און דער גאנצער עולם איז פאר לארן געווארן:

רבי אלעזר ורבי שמעון זיינן אין (טבריה), פרעגט (רבי יהושע) רבי ווארום האט נח ניט מתפלל געווען אויף זיין דור, שפראך ער דרום דש ער זעלברט הט ניט גדאכט ער ווערט ניצול ווערן, דען הש"י זאגט צו אים (כי אותך ראיתי צדיק לפני בדור הזה) איז משמע וויל רשעים זייגען געווען קעגין זייא האט ער געהייסן איין צדיק, דרום האט ער ניט מתפלל געווען אויף זייא, ער זאגט (הלואי) דש איך קענט מתפלל זיין אויף מיר דאש איך זאל ניצול ווערן, (אבל שכן) וויא קאן איך מתפלל זיין אויף אנדרי. זאגט רבי אלעזר אע"פ כן האט ער דאך מתפלל זיין זאלן פאר הקב"ה על העולם, דען עס איז אים ליב ווער עס רעט גוטש אויף זייני

קינדר

קינדר. (אלו) פון (גדעון בן יואש) דער איז קיין גרוסער צדיק געוועזן, אונ ווייל ער האט גוטס גרעדט אויף ישראל שטייט בייא אים (ויאמר לו ה' לך בכחך זה והושעת את ישראל מיד מדין) וואס שטייט (לך בכחך) אין דעם כח וויל דו האסט גוטס גרעדט אויף זייא ווערסטו דא גרוסן כח האבן צו העלפן זייא פון מדין. נאך איינס זאגט רבי אלעזר ווען גלייך איינר איז איין (צדיק גדול אבל העולם) ווען ער זאגט בייז אדר (רכילות) אויף ישראל איז זיין עונש גרוס, פון אלי מיר געפינדן ניט אזו איין גרוסן צדיק וויא אליהו איז געוועזן אין גאנצן דור, אונ ווייל ער האט גרעדט רכילות אויף ישראל (כי עזבו בריתך בני ישראל את מזבחותיך הרסו ואת נביאיך הרגו בחרב). (באותו שעה) הט הקב"ה זייער באנג געטאן, קום אונ זיך עס שטייט (ויאלך ארמונותיו עוגת רצפים) הקב"ה זאגט דאס קערשטו צו עסן ווייל דו האסט בייז גרעדט אויף ישראל. שטייט ווייטר (וילך בכח האכילה ההיא ארבעים יום וארבעים לילה וכו'). איז ער דען געגאנגן מכח דער אכילה פון דיא (רצפים) פערציג טעג, אלא הקב"ה הט אויף אים געווארפן איין שלאף אונ האט אים געוויזן וויא משה איז געזעסן פאר אים פערציג טעג אונ פערציג נעכט, אונ דר וויל האבן ישראל געמאכט דאס עגל איז משה ניט אוועק געגאנגן ביז הקב"ה האט זייא מוחל געוועזן, שפראך הקב"ה אזו האסטו דוא אויך זאלן טאן אונ אויך האסטו זאלן זעהן דאס זייא זיינן איינע ליבע קינדר, דאס זייא האבן מקבל געוועזן די (תורה בהר סיני) דרום שטייט (וילך בכח האכילה א' יום וגו' אונ הר האלהים חורבה) דס זיי דארטן האבן די תורה מקבל געוועזן בהר חורב: זאגט [רבי יצחק, אליהו] איז ניט אוועק פון דארט ביז ער האט געשווארן פאר הקב"ה דאס ער וויל אלי מאל איין פיר שפרעכר זיין פון ישראל, אונ ווער איין זכות האט ברייגגט ער פיר פאר הקב"ה אונ זאגט אזו אונ אזו הט דר פלוני געטאן, אונ גייט ניט אוועק ביז דעם זעלביגן מענטן זכות ווערט אויף געשריבן וויא דער פסוק זאגט [ויכתב בספר זכרון לפניו] זאגט [רבי יהודה] וואס איז דר עונש געוועזן פון נח דאס ער ניט האט מתפלל געוועזן, ער איז אויס דר תיבה הינקדיג ארויס געגאנגן אונ איז מבוזה געווארן אונ דיא קינדר האבן געשפעט אויס אים, זיין זון חם האט אים געטאן וואס ער הט געטאן:

וַיְשַׁלַּח אֶת הָעֹרֵב דאס איז דוד, דער האט גרופן אלי מאל צו הקב"ה ווי איין עורב דאס שרייט, אונ איז געוועזן איין [נרדף] אונ גלאפן איבר בערג וויא איין עורב דר גייט אויף בערג, קום אונ זעה דעם חילוק צווישן [מלכי יהודה אדר מלכי ישראל], אז הקב"ה האט [דוד המלך] פר טריבן פון זיינם מלכות האט ער תיכף תשובה געטאן פר הש"י, אונ ניט ער אליין אפילו [מנשה מלך יהודה] דער איז איין גרוסער רשע געוועזן האט אויך אן גנומן [ומעשי אבותם] אונ האט תשובה געטאן, דרום שטייט [וישלח את העורב], דרויז צו זיין אז דוד איז מגורש געווארן מממלכותו, שטייט [ויצא יצא ושוב] הט ער תשובה געטאן [מתודה אונ מבקש רחמים] געוועזן דאס ער האט געוואסט דאס זיינע [חטאים] האבן אים דאס גורם געוועזן. זאגט רבי פנחס הש"י האט געוואלט פאר זאגן דיא ישראל הט ער זי געשיקט אין גלות בבל, אז דר פסוק זאגט [וישלח את היונה] דאס איז [כנסת ישראל] דאס איז געגליכן צו איין יונה, דען שטייט [ולא מצא' היונה מנוח לכף רגלי'] דאס זייא האבן אין [בבל] קיין קיום קענן האבן. [עד בבל] האט אויף זייא בשווערט דעם יצר איט הונגער אונ דארשט מיט הריגת הצדיקים אונ פר גרוסן שווערן יאך דאס זיי האבן געהאט, שטייט [ותשב אליו אל התיבה] האבן זייא [חוזר בתשובה] געוועזן, אונ האט ער זייא ווידר מקבל געוועזן. דער נאך האבן זייא ווידר חוטא געוועזן האט זייא הש"י ווידער פאר טריבן אין גלות, דרום שטייט [וישלח את היונה מאתו] אין אנדר גלות דס איז גאר זייער פינסטר אזו אויך איז אין גלות געוועזן איר פנים פר צרות אונ גרוסן דוחק, דרום שטייט [ותבא אליו היונה לעת ערב] דאס עס האט ניט געבליבן איר רוח וויא צום ערשטן, אונ פיל צדיקים זיינען אום גקומן דאס איר טאג איז זייא פינסטר געווארן אונ האבן קיין קיום גהט אין מכח דוחק זאגן זיי [אוי נא לנו כי פנה היום] דאס זיינן דיא צדיקים דיא ליידן [כשאט]. [כי ינטו צללי ערב] זייא זיינן גאר ווייניג איבר געבליבן, [והנה עלה זית טרף בפיה] דאס איז [בימי חשמונאים] דאס הש"י האט דער וועקט דיא [רוח הכהנים] דאס האבן אן געצונדין דיא ליכט פון בוים אזו דאס ווער שיר אוועק גקומן [פליטת יהודה מן העולם] אונ אלי מאל דס זי האבן תשובה גיטאן זיינן זייא מקובל געווארן. נאר דאס [גלות אדום] איצונד דאס האבן נאך קיין תשובה גיטאן אונ אלז הייגגט אן תשובה ווען זייא יוא תשובה גיטאן ווערן זייא ניט געוועזן איין טאג אין [גלות], דרום שטייט [וישלח את היונה וכו' אין גלות אדום ולא יספה וכו':

פרשת לך לך.

וַיֹּאמֶר יי אֶל אַבְרָם לֶךְ לְךָ. [ר' חייא] הויב אן [שמעו אלי אבירי לב הרחוקים מצדקה] וויא גאר שטארק איז דס הארץ פון דיא רשעים, זייא זעהן דיא וועג אונ שטעג פון דר תורה אונ ווילן ניט קליגן דריכן, אונ איר הארץ איז גאר שטארק דאס זייא ניט ווילן טאן תשובה צו [הש"י] די הייסן [אבירי לב] שטארקע הערצער זייא זיינן ווייט פון הש"י אונ פון דיא תורה די הייסט [צדקה ושלום] דרום האבן זיי אויך קיין שלום ניט, ווי דער פסוק זאגט אין [ישעיה מ"ה] [אין שלום אמר יי לרשעים], קום אונ זעה אברהם איז ניט געוועזן ווי דיא [אבירי לב] אונ האט זיך יוא מקרב געוועזן צו הש"י, דרום האט ער אים געהייסן [אברהם אוהבי] דער געליבטר צו הש"י וויל ער זיך הט מקרב געוועזן, [אהבת צדק ותשנא רשע] אבער אז זיין גאנץ דור דיא זיינן ווייט געוועזן פון הש"י פון [צדקה אונ שלום]:

פָּתַח רבי יוסי הויב אן אין [תלים פ"ד] מַה יְדִידוֹת מִשְׁכְּנוֹתֶיךָ יי צְבָאוֹת וויא גאר זער זאלן דיא לייט זעהן צו וויסן דאס דינסט פון הש"י, דען זייא ווייסן אונ בגערן ניט צו זעהן אויף וואס דער גאנצר עולם הט איין קיום, דא הש"י האט די וועלט בשאפן האט ער גיאיסט. פייער אונ וואסר אונ האט בשאפן דיא הימל דרום הייסן זייא שמים איז לשון אש ומים. אונ אלז האט קיין קיום נייערט דורך דער תורה,

ווען ישראל עוסק בתורה זיינן בלייבט אלז שטיין אין אירן שטאנד. קומט אונ זעה ווען עס קומט אין לייט איטן דער נאכט אונ הש״י גיט אין [גן עדן] זיך צו דר אייגן מיט דיא נשמות פון דיא צדיקים, דא טוען אלע בייאר אין [גן עדן שירה] זאגן אונ לויבן צו הש״י, ווי דר פסוק זאגט [אז ירננו כל עצי היער מלפני יי] דען גייט איין כרוז מיט בכח אונ רופט אויס צו אייך זאגן דיא [קדושים עליונים] וועלכר פון אייך גייט איין רוח אין אייער אוירן צו הערן. אין אייער אויגן צו זעהן. אין אייער הארץ עפנן צו פר שטיין די לייט דס דר רוח פון אלע רוחות דר אייבערשטער דער הייליגט אויף דיא נשמות וכו׳ ווייטר זיינן [סודות]. אזו זאגט דר [כרוז] ווייא צו די זעלביגע די שלאפן אין אירע נאז ליגער, זיי ווייסן ניט אונ בגערן ניט איין צו זעהן דס זייא ווערן איין מאל אויף שטיין חשבון געבן צו הקב״ה אויף אירע מעשים דס איר גוף ווערט זיין שמאה. אונ די הייליגע נשמה ווערט שוועבן אין דיא וועלט זי ווערט אויף גיין אונ נידרן אונ קיין טויער ווערט איר ניט געעפנט. אבן ווארפט איר נשמה ווי איין שטיין אין איין שליידר דיא הייסט [כף הקלע] וויא גיט זייא, זייא ווערן ניט זעהן דעם גרויסן עונג פון דיא [צדיקים אין גן עדן]. זייא ווערן איבר געשפארט זיין אין האנט דומ״ה דער שר פון גיהנם די ווערן נידרן אונ ניט אויף גיין אונ אזו שטייט אין [איוב י״ז] כָּלָה עָנָן וַיֵּלַךְ כֵּן יוֹרֵד שְׁאוֹל לֹא יַעֲלֶה. [בחותו שעה] אז דער כרוז אזוא רופט אויס איז זיך מתעורר איין פלאם אונד צפון אונ שלאגט אין פיר זייטן וועלט אונ נידערט אונ גרייכט צווישן די פליגל פון דעם התרנגול, אונ דר וועקט מעורר צו זיין. דען קרייט דר התרנגול אונ דרויף איז זיך קיינר ניט מתעורר, נייערט די צדיקים די דעסט אלז אויף שטיין לערנן אונ אירע תורה אונ שטיט פאר כיעאט הקב״ה מיט אלע צדיקים אין גן עדן, וויא דער פסוק זאגט אין [שיר הש׳] היושבת בגנים חברים מקשיבים לקולך השמיעני]:

וַיֹּאמֶר יְיָ אֶל אַבְרָם וואס שטייט דער פיר [וימת הרן על פני תרח אביו] וואס דארף ער צו זאגן. אלא ביז די לייט איז קיינר געשטארבן [בחיי אביו] אז הרן ער איז געטייט געווארן אז מען הט אברהם געווארפן אין [אור כשדים] הט זיך הקב״ה מגלה געוועזן צו אים אונ אלין אים אלין געוועזן אונ זיין ברודר הרן איז דארטן געשטאנדן, האבן די כשדים געזאגט אין [זכות הרן] איז אברהם ניצול געווארן, איד גייענג אויס איין פלאם פייאר אונ פאר ברענט הרן: איין טייל זאגן דאס פון זרע [תרח] איז קיין פייאר שולט, דרום ווייל אן אברהם קיין פייאר ניט שולט איז, איד ווארפין זיא אריין הרן וואר ער פאר ברענט. אונ תרח זיין פאטר שטייט דר בייא [בחותו שעה] האבן אלי אומות געזעהן דס הקדוש ברוך הוא האט אברהם אלין געוועזן, אונ זייא ברייגגן אירי קינדר צוא געלעגט אברהם אונ שפראך צוא אברהם, איר האבן געזעהן דאס דוא ביסט בוטח אן הקדוש ברוך הוא דס איז דער הער פון דר וועלט, אלזו ביטן איר דיך לערין אויך אונזרי קינדר פון דייני וועג וס דו ווייסט אויף זיי הט דר פסוק געזאגט אין [תהלים מ״ז] [נדיבי עמים נאספו עם אלהי אברהם], קומט אונ זיך עס שטייט געשריבן [ויקח תרח את אברם בנו ואת לוט בן הרן ויצאו אתם מאור כשדים] עס קינר צו שטיין [ויצאו אתו] איז שייטס מיט אים דען עס שטייט [ויקח תרח את אברם וגו׳], אלא דר פסוק ווייזט תרח אונ לוט דיא זיינן געגאנגען מיט אברהם אונ שרה דיא זיינן דיא עיקר געוועזן ארויס צו גיין פון דיא רשעים. אז תרח זאך דאס זיין זון אברהם איז ניצול געווארן פון פייער, דא האט ער זיך בדאכט צו שאן דעם ווילן פון אברהם, דרום שטייט [ויצאו אתם] תרח אונ לוט. אונ אז מיר ווילן איז געוועזן צו גיין [ארצה כנען], איד [ויאמר ה׳ אל אברם] בוויזט זיך הקב״ה צו אים, פון דאנן לערנן איר [הבא לטהר מסייעין לו] ווער דא קומט זיך מטהר צו זיין העלפט מן אים דר צו. דען עס איז זיך ניקט מעורר פון אובן ביז זיך פר דר מענש אזו [אתעורר] זיין פון אונטן. אזו וואלן אז ליכטיקייט קאן ניכט רוען וואו ניט איין ליכט איז אויט ווארקס אודר וואס אנדרט דער נאך רואט דרויף דס ליכט. אזו איז דער מענש אזו זיך פאר אן גרייטין אתעורר צו זיין דאס אור שכינה זאל אויף אים רואן. אזו איז אויך דיא נבואה האט ניט גרואט אויף איין נביא ביז ער האט זיך פאר אתעורר געוועזן דער צו, וויא אויך בייא [אלישע] שטייט [והיה כנגן המנגן ותהי עליו רוח ה׳],

רבי אלעזר פרעגט זיין פאטער [רבי שמעון], ווייל איר זעהן דאס אלע זיינן מיט אברהם ארויס געגאנגען אונ תרח האט דאך ע״ז געדינט אונ איז געגאנגען מיט אברהם זיין ווילן שאן. אונ איר געפינדן דאך דאס הקב״ה בגערט דיא רשעים זאלן תשובה שאן אונ ווארום האט הקב״ה גרעט צו אברהם [לך לך איז לשון יחיד], זאלט שטיין לכו לכם [לשון רבים] ווייל תרח הט בגערט מיט אים צו גיין, דא ענטפערט רבי שמעון איינטשו דאס תרח איז דרום ארויס געגאנגען תשובה שאן. עס איז ניט אזוא נייארט ער איז ארויס געגאנגען צו ווערן בשעראיט פון זיין [בני דור] דען אלע לייט האבן אים וועלן מאית זיין אז זייא האבן געזעהן אז אברהם איז ניצול געווארן. שפראכן זיי צו אים דוא האסט אונס גינארט אונ פר פירט מיט דייני בילדער אונ עבודת זרות, דרום איז ער ארויס געגאנגען אכח אורח, אונ אז זיא קוואן אין חרן וואר תרח דארטן בלייבן אין חרן דרום שטייט [וילך אברם וגו׳ וילך אתו לוט] אונ שטייט ניט תרח, אבר דער נאך האט תרח אויך תשובה געטאן. דרום שטייט [ואתה תבוא אל אבותיך בשלום] הקב״ה האט אבטר געוויזן ער ווערט קומן צו זיין עלטרן [בשלום], וועלט ער ניט האבין תשובה געטאן וועלט ניט שטיין ער קומט צו [תרח בשלום] [ואת הנפש אשר עשו בחרן] דאס זיינן זיין שלאס לייט דאס ער האט אלי [מחזיר בתשובה] געוועזן, [וילך אתו לוט] ער גייט מיט אברהם צו לערנן זיין מעשים אבר ער לערנט ניט פיל פון אים:

רבי אלעזר זאגט וואלן צו דיא צדיקים דיא לערנן דיא וועג פון הקב״ה צו גיין דרינן אונ צוא פערכטן זיך פר דען [יום הדין] דאס מיטלייכר מענש איז אן געברייט צו געבן [דין וחשבון] צו הקב״ה: פתח ער הובט אן אין [איוב ל״ז] בְּיַד כָּל אָדָם יַחְתּוֹם וגו׳ קומט אונ זיך דעם זעלביגן טאג אז דיא לייט קומט דאס דר מענש זאל אוועק גיין פון דער וועלט, דא ווערט דר גוף צו בראכין אונ דר נפש בגערט זיך צו שיידן פון אים, דען איז רשות דעם

מענשן דעשט אלז צו זעהן דאש דער פיר האט ער ניט
רשות געהאט צו זעהן, דען שטייען איבר איהם דרייא
שלוחים אונ חשבנן אים זיין יאר אונ זיין עבירות אלש וואש
ער האט געטאן אויף דעם עולם, אונ דער מענש מיז אויף
אלן מודה אונ דער נאך חתמנת ער עש מיט זיין האנט
כדי דאש מן קאן אים דן זיין דרויף לעוה"ב [על הראשונות
ועל האחרונות] אויף דיא נייאי אונ אויף די אלטע עבירות・
עש ווערט ניקש דר פון פר געסן פון אלע זייני מעשים וואש
ער געטאן האט ווייל דיא נשמה איז אין אים געוועזן אזו מוז
ער ווידר חשבון אב געבן, ווייל דיא נשמה נאך אין אים
איז אי ער פון דעם עולם אוועק גייט, אבר קום זיך וויא
דיא רשעים זיינן [קשי עורף] אויף דעם עולם, אזו זיינען זיי
הארט מקין ווען זייא פון דעם עולם אוועק גיין. דרום וואלן
די לייט די דא לערנן אויף דעם עולם דעם וועג פון הקב"ה
צו גיין דרינן・ אבר דיא רשעים ווען גלייך זייא זיינען בייא
צדיקים בגערן זייא פארט ניקש אפ צו לערנן פון זיי, דרום
קערן דיא צדיקים זיך צו שטארקן קעגן זייא אלזו מיט זייא
צו לערנן די רעכטי וועג ווען גלייך דיא רשעים זיינן [קשה
עורף] זאל ער דאך ניט לאזן, דען ווען ער לאזט דעם רשע
דא גייט ער אונ איז מחריב דעם עולם, ניט ווי מליצה הט
דוחה געוועזן צו זיין קענבט גחוי בשתי ידים, לוט ווייל ער איז
געוועזן ביי אברהם שטייט [ויבחר לו לוט את כל ככר הירדן]
אונ שטייט [ויאהל עד סדום] דר נאך שטייט [ואנשי סדום
רעים וחטאים ליי מאוד]:

וַיִּקַּח אַבְרָם אֶת שָׂרַי אִשְׁתּוֹ וואָרום שטייט [ויקח] אלא ער
האט זייא גנויגן מיט גוטע רייד, דען איין מענש
האט ניט רשות אויס צו ציאן זיין ווייב אין איין אנדר לאנד
אהני איר ווילן גלייך אז שטייט [קח את אהרן קח את הלוים]
איז טייטש נעם זיא מיט רייד, ער האט זיא גינויגן מיט
גוטע רייד, אונ ער האט מודיע געוועזן וויא גאר בייז זיינען
די וועג פון זיינם דור, [את לוט בן אחיו] ווש הט אברהם
געזעהן דאש ער האט זיך בהעפט אן לוט, ער האט געזעהן
[ברוח הקודש] דאש עש ווערט פון אים ארויס גיין [דוד
המלך], [ואת הנפש אשר עשו בחרן] ווש טייטש [עשו] דש
זיינן דיא גרים וואש אברהם האט מגייר געוועזן אונ דיא
גיורות וואש שרה האט מגייר געוועזן איז גלייך אז זיא העטן
זי מזלי געוועזן אונ בשאפן, דרום שטייט [עשו]・ דא פרעגט
רבי אבא דען נאך וואָרן אלי לייט מיט זייא געגאנגן וואש זיי
האבן מגייר געוועזן・ שפראך ר' אלעזר יוא עש זיינן אלע לייט
מיט אים געגאנגן זייא הייסן [עם אלהי אברהם] אונ ער הט
זיך ניקש געפארכטן מיט אלי לייט אזו צו גיין. זאגט ר' אבא
וועלט זיין וויא דוא זאגשט אז אלי לייט גייען מיט אים וועלט
שטיין, [והנפש אשר עשו] אזו שטייט [ואת הנפש] וואו עש
שטייט דאש וואָרט [ואת] איז מיר מרבה עפיש, אלא [ואת
הנפש] איז טייטש איר זכות פון דיא גרים וואש זייא האבן
מגייר געוועזן דער זכות איז מיר אים געגאנגן דען ווען איינר
דעם אנדרן מזכה איז מיט [מעשים טובים] דר זכות הייגגט
אן אים אונ ווערט ניט פון אים אפ געטאן, דרום שטייט
[ואת הנפש אשר עשו בחרן] דר זכות פון די נפשות וואש
זיי האבן מגייר געוועזן דר וואר ביי זייא שטיין אונ מיט זייא
מגין צו זיין אויף זייא:

וַיְהִי כַּאֲשֶׁר הִקְרִיב וגו' ר"א זגט עש זאלט שטיין [כאשר קרב]
וואָרום שטייט לשון [הקריב] איז משמע ער הט מאכן גנעהנן,
איז גלייך וויא דאָרט שטייט [ופרעה הקריב] ער הט מאכן
גנעהנן די ישראל תשובה צו טאָן, דען דורך דעם אז פרעה
האט זיא נאך גיאגט וואָרן זייא זיך גינעהנט צו גאט אונ
טרייען צו גאט פאר מורא אונ טוען תשובה・ אזוא אויך
אברהם איז דעסט וועגן אין מצרים גיגאנגן דא דורך זיך צו
גינעהנן צו הקב"ה, דען אין מצרים איז געוועזן די גרעסטע
טומאה אונ אלע [מעשים הרעים] אונ ער בשטייט דאָרטן
ניט אפ צו לערנן פון זייא, דא דורך האט ער זיך רעכט
בהעפט אן דיא יראה צו הקב"ה・ זאגט רבי יודא קום אונ
זעה ווייל אברהם איז געגאנגן אין מצרים אן רשות פון הקב"ה דרום
זיינן זייני קינדר משועבד געוואָרן אין מצרים פיר הונדערט יאר,
דרום שטייט [וירד] ער איז גינידערט אונ שטייט ניט [רד]
דאש הקב"ה האט אים גיהייסן אריין נידרן אין מצרים ער
הט זיך איין גאנצע נאכט מער געוועזן ווען צו שרה ער זאגט
[הנה נא ידעתי כי אשה יפת מראה את] מיכנד ווייש איך
אז דוא ביסט איין שיינעש מענש, מכח גרוסע צניעות דש
נויסן זייא איז געוועזן האט ער זי ניט רעכט גיקענט, אדר
ווייל אויך מיר נורה האט ניט משנה געוועזן וויא דער סדר
איז מכח [טרדת הדרך] מונטער וועגן איז מען ניט אזו היפש
אז דער הייס אונ זיא איז דאך גיבליבן בייא איר גישטאלט・
אדר נאך איין פשט איז ער האט געזעהן בייא איר דיא
שכינה דרום זאגט ער צו איר [אמרי נא אחותי את] דאש
האט נויא טייטשן איינס [כפשוטו] צו איר זאגט ער אזו,
אונ אויך צו דער שכינה וויא עש שטייט [משלי ז']
אֱמֹר לַחָכְמָה אֲחֹתִי אָתְּ דוא זאלשט דיך בהעפטן אן דער
שכינה דיא הייסט חכמה פון שלמה, אזו אויך מיכנד וויא
ער גינג אין מצרים איין מרט פון אלע רשעים אונ קליפות
דא בהעפט ער זיך רעכט אן דער שכינה. אונ זאך דעם
הפרש פון דר [טומאה אונ דיא קדושה] דען וואָר ער זאגן
צו דר שכינה [אחותי את] דו ביסט גלייך אז איין שוועסטר
צו בהעפטן אן דיר: רבי יצחק זאגט וויא צו די רשעים די
זיך ניט בגערן משגיח צו זיין אן דעם דינסט פון הקב"ה,
אונ ווייסן ניט אונ קוקן ניט דאש אלז וואש געשיכט אויף דר
וועלט עש זייא קליין אז גרויש איז אלז פון הקב"ה דאש ער
ווייסט אלז פיר וואש דער נאך זאל זיין, אז דר פסוק
זאגט [ישעיה מ"ה] [מגיד מראשית אחרית] ער זאגט אונ
טוט מעשים אתחלה צו טאָן צו [לבסוף יאמין]・ קום אונ זעה
מזהיה וואָר מיכנד שרה ניט געוואָרן צו פריה. דש ער
איז דר דורך געשלאגן געוואָרן, דען דאש שלאגן האט גורם
געוועזן אויף דעם שלאגן וואש דר נאך פרעה איז געשלאגן
געוואָרן ווען ישראל, עש שטייט מזהיה [נגעים גדולים] אונ
דאָרטן [ויתן יי אותות ומופתים גדולים ורעים במצרים], וויא
דאָרטן זיינן געוועזן צעהן מכות אזו מיכנד פון וועגן שרה
איז ער אויך געשלאגן געוואָרן מיט צעהן מכות אונ דאש איז
געוועזן אז איין סימן ווי הקב"ה האט געטאן [ניסים וגבורות]
צו ישראל ביי דר נאכט, אזו הט ער געטאן [ניסים וגבורות]
צו שרה בייא דער נאכט・ דען דאש איז אויך געוועזן דיא
נאכט פון פסח אונ דיא גאנצי נאכט וואָר דיא שכינה בייא
שרה אז פרעה איז געקומן אונ הט וועלן גנעהנן צו שרה דא
איז איין מלאך גישטאנען, אונ שרה האט גהייסן שלאגן הט
ער

ער גזאגן פרעה. און אברהם איז פאר זיכרט געווען איין
גאנצי נאכט דאס פרעה ווערט ניט קענן צו גענעהנן צו איר,
און דרום האט הקב"ה ניט געהייסן צו אברהם ער זאל גיין
אין מצרים דאס מן זאל ניט זאגן הקב"ה האט אים געשיקט
צו מצער זיין דרינן:

רבי שמעון וואר געגאנגן אונטר וועגן וואר מיט אים זיין
זון רבי אלעזר און רבי אבא און רבי יודא,
אז זייא זאנען גייען דא שפראך ר"ש איך פר וואונדר מיך אויף
דיא לייט אין דער וועלט די ניט משגיח זיינן און ניט בגערן
צו וויסן די תורה, און אויף וואס זי האבן זיין קיום, פתח
ער הוב אן [ישעיה כ"ו] נַפְשִׁי אִוִּיתִיךָ בַּלַּיְלָה אַף רוּחִי בְקִרְבִּי
אֲשַׁחֲרֶךָּ קום און זיך ווען איין מענש גייט צום בעט שלאפין,
דא גייט פון אים דער נפש ארויף און בלייבט נאר אין זיין
גוף איין ווייניג חיות, עס גייאן וואו ארויף די נפשות אבר
ניט מיטלכט נפש איז זוכה צו זעהן דעם [פני מלך חיים],
ווען דער נפש גייט ארויף און וויל גיין אין [מדריגה] נאך
דער אנדרי מדריגה צו שווכן, קומט זיא צום ערשטן צו די
[רוחות הטומאה] איז דאס נפש טהור דאס האט ניט בייא
טאג מטמא געווען. אזוא גייט זיא דורך זייא ארויף און קיין
[רוח הטומאה] קאן ניט שולט זיין אן איר, איז זיא דען ניט
טהור אזוא ווערט זיא פר אום ריינגט און בהעפט זיך אן
דיא [רוחות הטומאה] און קאן ניט ווייטר אויף גיין, דארטן
זיינן זייא איר מודיע איין שייל זאכן דיא באלד געשעהן זאלן
וואס די רוחות הטומאה הערן אוס רופין [מאחורי הפרגוד],
מופט מאל שפאטן זיא און זאגן מויט לוים און זענן מודיע
[דברים שקרים וכזבים], אזו גיט זי מרוים איין גאנצי נאכט
ביז דער מענטש וואכט אויף דא קומט זיא ווידער אויף איר
מורט, וואו די צדיקים דאס הקב"ה האט זייא מגלה געווען
אין חלום זייני סודות כדי דאס זייא זאלן זיך וויסן צו היטן
פר דעם [מדת הדין] ווייא דיא רשעים דיא זיך און איר
נפש זייכנן מטמא. אבר די צדיקים ווען זיי שלאפן גייט איר
נפש ארויף און איז זוכה צו זעהן אן דעם מורט פון ג"ע
העליון וויא דר פסוק זאגט [לחזות בנועם יי ולבקר בהיכלו]
דער מענטש דער מייביג האט זיין [חלק לעוה"ב] און זיין
חשק איז צו בהעפטן אן הקב"ה אזו ווען זיא ארויף גייט
קאן זיא זיך ניט בהעפטן אן דיא [רוח הטומאה] רק צו
בהעפטן וואו זיא איין חלק האט אין דער [קדושה עליונה]
דרום זאגט דוד המלך [נפשי אויתיך בלילה] איין נפש טוט
גלוסטן צו בהעפטן אן דיר, דער נאך איז ער זוכה דאס
חלק וואס הייסט רוח, דער נאך צו דעם חלק דאס הייסט
נשמה, נאך ווער זוכה איז צו די דרייא חלקים נפש און רוח
נשמה דער הייסט איין קדוש איין הייליגר מאן און איין
תמים איין גאנצר מאן אין אלים צו טאן דעם רצון פון הקב"ה.
קום און זעה ווי בייא ליכט דס די ליכט מיט וואקס אודער
דעסט גלייכן וואס דאס פייער ברענט דרויף ווען דס ליכט
וואו היפט זיבר געמאכט איז דא ברענט דאס ליכט דרויף
נאך מזו שיין, אזו קער דר מענטש דעם גוף דער איז וויא
דאס כלי דאס איז מקבל אויף זיך דיא נשמה דאס איז דס
ליכט דאס ברענט דרויף דא אזו ער אויך זיבר האלטן און
ניט מטמא זיין דען קאן אויף אים רוען דיא הייליגע נשמה
הייסט ער קדוש, און דרום שטייט [נר יי נשמת אדם],
אזוא אויך ביי אברהם ער האט זיך ניט פאר גיקאנט מדבק
זיין אן הקב"ה און צו קריגן איין רעכטע נשמה, ביז ער
האט פאר אזון גיפרובט ווערן דרום איז ער אריין גיגאנגען
אין מצרים צו וויסן זעלכע קליפות און רשעים און איז פארט
בשטאנען בייא זיין צדקות און האט זיך ניט לאזן פאר פירן
פון זייא און איז ארויס גיקומען בשלום. [ווען אברם ממצרים]
דען האט ער זיך ערשט רעכט בהעפט אן דער קדושה
און איז מגלה ווייטר גרויסע סודות: קום רבי אבא און רבי
אלעזר זיא קושן זיין הענט זייא ווינן און זאגן ווער ווערט
דעם עולם דער לייכטן ווען דוא ווערסט אוועק זיין דר פון,
וואל די צדיקים די ווערן גקריינט אן הקב"ה און הקב"ה אן זיי,
וואו זייא [בעוה"ז ובעוה"ב] אויף זייא שטייט [ישעיה ס']
(ועמך כלם צדיקים לעולם ירשו ארץ) און שטייט (משלי ד')
וְאֹרַח צַדִּיקִים כְּאוֹר נֹגַהּ הוֹלֵךְ וָאוֹר עַד נְכוֹן הַיּוֹם:

רבי שמעון איז געגאנגן נאך טבריה וואָרן מיט אים רבי
יוסי ורבי חייא ורבי יהודה. אין דעם קום
אויך זיין שווער רבי פנחס, אזוא זיינן זייא זיך מתחבר צו
אנאנדר זייא נידרן אראפ און זעצן זיך אונטר דיא בייאר.
שפראך רבי פנחס ווייל איר דא זיצט וועלט איך גערן הערן
פון דייערע זאכן וואס דוא פלעגסט צו זאגן. הויב רבי שמעון
אן (ויקח משה וגו') וואָרום שטייט (משה ל' רבים) עס
קער צו שטיין (משה) מאל עס זיינן געוועזן צווייא ניאונגס
מיינט זיין לייען און מיינט פון דר שכינה, דען מיטלכער מענטש
קער גיפונן צו זיין (זכר ונקבה) דען ווערט דיא קדושה
איז קשה ווען ער איז אחיך ווייסט מן דאך ער איז עשו ער האט דאך קיין ברודר מער געהאט אז עשו, אלא באנו אל אחיך אוב דוא ווילסט זאגן ער איז אחיך ער האט תשובה געטאן אונ גייט [בדרך אמת], עס איז ניט אזו נייארט עשו הרשע וויא צום ערשטן, אוב דוא ווילסט מיינן ער גייט אליין [וארבע מאות איש עמו] ער האט אזו פיל פאלק מיט זיך דאס איז אלט געוועזן כדי דאס ער זאל מורא האבן אונ זאל מתפלל זיין. דען הקב"ה גילוסט אזי אמאל צו דיא תפלה פון צדיקים אונ ווערט גיקריינט מיט אירי תפלה, דר [מלאך סנדל] דער נעמט אלי תפלות פון ישראל אונ מאכט דרויס איין קרון [לחי עולמים], אוב דו ווילסט פרעגן ער הט דאך אזו פיל מלאכים ביי זיך גיהאט וואס הט ער זיך געפארכטן, אלא דיא צדיקים זיינן זיך ניט סומך דערויף נייארט אויף איר תפלות צו הקב"ה. רבי יהודה הוב אן מיין [משלי כח] [אשרי אדם מפחד תמיד] וואלט צו די ישראל דט הקב"ה הט אן זיי בגערט אונ הט זיי געגעבן די [תורה של אמת] דר דורך זאלה צו זיין [לחי עולמים] דען מיטלבר דער דא איז עוסק בתורה דא ניאט הקב"ה אויף אים [חיים עליונים] אונ ברענגט אים איין לחיי עולם הבא, אז דר פסוק זאגט אין [דברים ל] [כי הוא חייך ואורך ימיך] אונ שטייט [ובדבר הזה תאריכו ימים] זי גיט [חיים בעולם הזה ובעולם הבא]: זאגט רבי אלעזר ווער דא איז עוסק בתורה לשמה דא איז ניט זיין מיתה דורך דעם יצה"ר דר איז דיא נחש אונ דער מלאך המות, נייארט מיתה איז [בנשיקה] וויא דר פסוק זאגט [ישקני מנשיקות פיהו] כלומר [על פי ה'] וויא עס שטייט בייא [אהרן על פי ה'] איז טייטש לשון [דביקות] בהעפט זיך תיכף דאס נפש אן איר [שרש ועיקר למעלה] וואו זי איז ארויס גקומען, אונ געשטארקט אן דעם עץ החיים אונ ווערן ניט געשלאפט דר פון. דרום דיא צדיקים זיינען עוסק בתורה דא ווען זי שטערבן איז איר גוף ניט טמא, אלא זיי זיינן [טהור], גלייך אז אליהו דט די רבנן האבן אים געפונדן [בבית הקברות] שטין, שפראך זי צו אים דר הער איז דאך איין [כהן דען אליהו איז פנחס] וויא ביסטו דיך מטמא, ער ענטפרט די צדיקים זיינן ניט [מטמא במיתתן], אזו האבן איר אויך געלערנט דען טאג אז רבי איז געשטארבן איז בטל געווארן די [כהונה] כלומר עס האבן זיך אמגין אפי' [כהנים מתעסק] זיין, דען קיין טומאה האט אויף אים ניט גרואט, נוא אכן שכן יעקב דער איז געוועזן דר עץ חיים וואס האט ער זיך געפארכטן דען קיין טומאה קאן אויף איין צדיק קיין שליטה האבן: נאך מיינט הקב"ה האט דאך צו אים געזאגט [והנה אנכי עמך ושמרתיך], נאך מיינט ער האט דאך בייא זיך געהאט דיא [חיילות הקדושים מלאכים], אלא יעקב האט זיך ניט וועלן פר לאזן אויף איין נס, ער האט געדאכט ער איז ניט ראוי דר צו הקב"ה זאל אים טאן איין נס, ווייל ער הט ניט מקיים געוועזן [כיבוד אב ואם] אונ הט ניט עוסק בתורה געוועזן אונ הט גנומען צוויי שוועסטר, ווי וואול דאך דט אונזרי חכמים האבן וואול אלט פאר ענטפרט דאס ער האט נישט חוטא גיוועזן, דאך זאל איין מענטש מתפלל זיין אונ זאל זיך פארכטן פר הקב"ה תמיד אזי אמאל דרום זאגט דער פסוק [אשרי אדם מפחד תמיד]. קום אונ זיך דיא תפלות פון דיא אבות זיינן דער קיום פון עולם אונ אזי [בני אדם] דורך וויא אונ זיינן [סומך לעולם ולעולמי עולמים] ווערט ניט פאר געסן ווערן דר זכות פון דיא אבות דען איר זכות איז אלט: דרום אויך ווען ישראל זיינן אין איין [צרה] דא זעהט הקב"ה אין דעם געשטאלט פון יעקב דט איז אויס גקריצט אובן [בכסא הכבוד] אונ איז מרחם אויף דעם עולם, וויא דער פסוק זאגט [ויקרא כו] [וזכרתי את בריתי יעקב], ער איז געוועזן דיא שיינהייט פון אדם הראשון דאס שטייט [בבא מציעא עשה את האדם] ווער יעקב האט געזעהן האט ער געזעהן דעם [אספקלריא המאירה] דעם ברייטן שפיגל וואס לייכט. רבי יודא זאגט איך האב געהערט ווער עס זעהט אין חלום יעקב אבינו גלירט אין זייני קליידר דען ווערט דעם מענטשן לעבן דר מערט. ר"ט זאגט איז דאך געזאגט געווארן מייער דוד המלך איז בשאפן געווארן האט ער קיין לעבן געהאט נייארט אדם הראשון האט אים גישענקט זיבציג יאר פון זייני טויזנט יאר דרום האט ער נאר געלעבט ניין הונדרט דרייסיג יאר דרום זאגט דער פסוק [חיים שאל ממך נתתה לו אורך ימים עולם ועד], דאס איז דוד המלך דאס הקב"ה האט בשאפן דאס ג"ע האט ער אמאל ארויין גיין דיא נשמה פון דוד המלך, הקב"ה זעהט דאס ער ווערט קיין לעבן האבן אונ איז אזו בשאפן פאר אים אזי טאג ביז הקב"ה האט בשאפן אדם הראשון. דא שפראך ער דאס איז זיין (קיום פון אדם הראשון דען אד"ם מאכט א'דם ד'וד מ'שיח), דרום הט ער אים געגעבן זיין יאר זי זיינן אלט איין [שורש] געוועזן מיט איר נשמה, ניט דאס אליין דאס (אדם הט חוטא) געוועזן האבן אזו דיא אבות לאזן אויך פון אירי יארן. אברהם האט זאלן לעבן הונדרט אכציג יאר האט ער געלאזט דוד פינף יאר, יעקב האט אויך זאלן אזו לאנג לעבן האט ער נאר געלעבט הונדרט זיבן אונ פערציג יאר הט ער געלאזט ניין אונ דרייסיג יאר, יוסף האט זאלן לעבן אז יעקב [קמ"ז שנה] האט ער געלעבט [ק"י שנים] הט ער געלאזט ל"ז שנה טרעפט אן זיבציג יאר, יצחק האט ניט קענן לאזן מנה זיין נשמה דיא איז ניט געוועזן פון לעבן, אבר דיא אבות איז געוועזן איר מחיה פון ליבט דאס דארטן איז דאס לעבן דרום האבן זייא גילאזן לעבן צו דוד: קום אונ זיך דיא תפלה פון יעקב האט אויף אים מגין געוועזן פר עשו דען ער האט זיין זכות ניט וועלן מינדרט נייארט ער זאל בלייבן זייני קינדער: דרום הט ער מתפלל געוועזן צו הקב"ה ניצול צו ווערן פון עשו ניט ווען זיין זכות, ער צו טיילט זייא אויף צווייא מחנות: (וישם את השפחות ואת ילדיהן ראשונה), אונ זאגט (אם יבא עשו אל המחנה האחת והכהו וגו] ווי הט ער דט גיוויסט, אלא יעקב הט געזעהן דט די שכינה הט זיך אב געטאן פון (לאה אונ פון רחל). זאגט יעקב איך ווייס וואול אז די זענן געהיט פון הקב"ה דרום הט ער גיטאן דיא שפחות מיט די קינדר צום ערשטן ער ווייסט וואול ווען ער גלייך זיי ווערט שלאגין ווערן די אנדרי זין ניצול ווייל די שכינה מיט זיי איז, אונ אז ער אזו הט געטאן הייבט ער אן צו בעטן (אלהי אבי אברהם ואלהי אבי יצחק וגו' קטנתי מכל החסדים), יעקב ער זאגט אלט וועט דו האסט מיר מבטיח געוועזן איז (על תנאי) געוועזן

אונ

אונ איך בין גמינרט גוואָרן פון מיין זכות, דען אלס ווס דו האסט מיר גטאן ביז אהער האסט דו פון דיינט וועגן גטאן. איך בין לידיג אריבר דען ירדן אונ היינט בין איך צו צווי מחנות, ביז אהער האט ער מסדר גוועזן דעם שבח פון הקב"ה דר נאך האט ער מתפלל גוועזן (הצילני נא מיד אחי מיד עשו) דר מיט דר עולם זאל אב לערנן פון אים אזו צו טאן צום ערשטן דען שבח הקב"ה צו זאגן דער נאך זיין בקשה ווי יעקב, אויך זאגט ער (הצילני נא מיד אחי מיד עשו) לערנט אונז דס ווען איינר איז מתפלל זאל ער רעדט מפורש זיין זייני רייד, דרום זאגט ער (הצילני נא), אוב ועלסט זאגן דו האסט מיר גהאלפן פון לבן זאגט ער (מיד אחי), אוב ועלסט מיינן אנדרי קרובים (מיד עשו), אונ ווארום (כי ירא אנכי אותו) אז איך איך פארכט פר אים, דרום קער מן ניט (סתם מתפלל) זיין רק מפורש ארויס צו ריידן, דס די מלאכים די מקבל תפלות זיינן זאלן ניט משנה זיין מחמת קיטרוג:

ויאבק איש עמו עד עלות השחר ר"ט פרעגט איין איצנט איז גוף ובשר ווי איז מיגליך צו ראנגלן מיט איין מלאך דר נאר פייער ווי דא דר פסוק זאגט (עושה מלאכיו רוחות משרתיו אש לוהט), אלא פון מלאכים לערנט מן ווען איין מלאך קומט אראפ אין דעם עולם אריין ווערן זיי אזו ווי איין גוף פון דעם עולם: אזו אויך די מלאכים די זיינן גקומן צו אברהם שטייט (והוא עומד עליהם תחת העץ ויאכלו) מן זאל ניט משנה זיין פון מנהג, אזו אויך משה איז גוועזן (בהר ארבעים יום וארבעים לילה) האט ער אויך ניט גיגעסן. אזו אויך דר מלאך דער זיך האט מיט יעקב גיראנגלט איז אן גיקליידט גוועזן אין איין גוף פון דעם עולם. דרום ראנגלט ער זיך מיט יעקב איין גאנצי נאכט ווייל זיין שליטה איז אין גלות דאס הייסט לילה. דען ער איז גוועזן דר (סמ"א) דר שר פון עשו, דרום האט זיך דר שר גשטארקט קיגן יעקב איין גאנצי נאכט אונ אז ער איז גקומן צו מארגנט פריא וואר זיין כח גשוואכט אונ יעקב שטארקט זיך דען זיין כח וואר ביי טאג, דרום זאגט דר פסוק (משא דומה אלי קורא משעיר שומר מה מלילה) עשו דר הייסט (שעיר) איז זיין (כח בלילה) דרום אז עס איז גקומן דר פריא מארגן זאגט ער צו יעקב (שלחני כי עלה השחר) אונ יעקב זאגט איך וויל ניט שיקן (כי אם ברכתני) עס קער צו שטיין (תברכני) איז טייטש דו זאלסט מיך בענשן, ווארום זאגט ער ברכתני איז טייטש דו האסט מיך גבענשט, אלא יעקב זאגט דו זאלסט (מסכים) זיין אויף די ברכות וואס מיין פאטר האט מיך גבענשט אונ דו זאלסט ניט מקטרג זיין דרויף, ער זאגט (לא יעקב יאמר עוד שמך כי אם ישראל) דר (שר של עשו) זאגט אייבר אונזר דאנק מוזן מיר דינן דיך דען דו ביסט גיקריינט מיט דר (מדריגה העליונה) די הייסט (מעלה ישראל), דרום שטייט (ויברך אותו שם) ער האט מודה גוועזן אויף די ברכות וואס יצחק האט אים גבענשט: ר"ט הוב אן (ברצות ה' דרכי איש גם אויביו ישלים אתו) קום אונ זעה ווי גאר זאל איין מענש זיך אן ברייטן צו גיין אין די וועג פון הקב"ה פון דר תורה צו טאן די מצות, דען מיטלר מענש הט צווי מלאכים פון אובן ביי זיך גיין. איינר גייט צו דער רעכטי זייט דער אנדערר צו דער לינקי זייט, די עדות זאגן אלס ווס דער מענש טוט זיינען זיי דארטן, מן הייסט זיי יצ"ט יצה"ר, קומט דר מענש זיך מטהר צו זיין אונ משתדל זיין (במצות התורה) דא ווערט דר יצ"ט גשטארקט אויף דען יצה"ר ער ווערט פר קערט צו אים פר איין קנעכט אונ מאכט שלום מיט אים. דרום זאגט (ברצות ה' דרכי איש) ווען ער גייט אין רעכטן וועג, (גם אויביו) דער יצה"ר דר פיינט פון מענשן (ישלים אתו) מאכט מיט אים שלום אונ ווערט איין קנעכט אונטר טעניג צו אים. אבר ווער דא אים פאלגט אונ גייט אין זייני וועגן דא ווערט ער דר שטארקט אויף דעם יצ"ט, דרום זאגט דער פסוק (טוב נקלה ועבד לו) עס איז גוט ווען דר יצה"ר איז צו אים איין קנעכט, דרום וויל יעקב הט זיין בטחון גהאט צו הקב"ה אונ אלי זייני וועגן גוועזן צו זיין נאמן, דרום (אויביו זיין פיינד סמ"א) דר שר פון עשו (ישלים אתו) הט מיט אים שלום גמאכט, אונ וויל זיין שר הט מיט אים שלום גמאכט אונ הט אים מודה גוועזן אויף דיא ברכות, דא הט עשו אויך מיט אים שלום גמאכט אונ הט אים אויך מודה גוועזן אויף די ברכות, ער זאגט צו יעקב (יש לי רב אחי יהי לך אשר לך) עס זאל זיין דיין ווס דו נו האסט גינומן די ברכות. אונ ווען דר שר הט מיט יעקב קיין שלום גמאכט הט עשו אויך קיין שלום קענן מאכן, דען אלס ווענט זיך אן אירן כח פון אובן: (והוא עבר לפניהם וישתחו ארצה) ר' אליעזר הוב אן (כי לא תשתחוה לאל אחר כי ה' קנא שמו) יעקב איז גוועזן דער מובחר אויס דער וועלט פון אלי אבות דס חלק פון הקב"ה. ווי הט ער זיך גבוקט צו דעם רשע דר איז גוועזן בהעפטט ביי דעם (אל אחר)', ווער זיך צו אים בוקט בוקט זיך (לאל אחר), אוב דו וועלסט זאגן דרום וויל מן זאגט (תעלא בעידנא סגיד ליה) איינם פוקס אין זיין צייט בוק זיך צו אים, דא איז עס ניט אזו דען ווען עשו איז גוועזן ווי דער (אל אחר) ווי הט זיך יעקב גבוקט צו דעם (לנד הטומאה הזה), אלא עס שטייט (ואמרתם כה לחי ואתה שלום) מיר האבן דאך גלערנט מען טאר קיין רשע ניט שלום געבן אונ ווי הט דוד דעם פסוק גזאגט צו נבל (ואתה שלום) ער איז דאך איין רשע גוועזן, אלא דוד הט דעם פסוק גזאגט צו הקב"ה (ואמרתם כה לחי עולמים) צו הקב"ה, אונ נבל הט גמיינט ער מיינט אים דאס מאג מן וואול טאן, אזו אויך ביי יעקב שטייט (וישתחו ישראל על ראש המטה) הט דען יעקב זיך גיבוקט צו זיין זון, אלא (על ראש המטה) צו די שכינה די איז דארטן גוועזן הט ער זיך גיבוקט, אזו אויך אלהיא שטייט (והוא עבר לפניהם) דס איז די שכינה ווי מיר זאגן (הוא עשנו ולו אנחנו עמו) די איז פר אים גגאנגן, ווי יעקב דס זאך זאגט ער מיינט איז ניט צו בוקן זיך פר הקב"ה אזו קניט ער אונ בוקט זיך זיבן מאל איי ער איז גקומן צו עשו, דרום שטייט ניט (וישתחוו לעשו) נייערט (עד גשתו עד אחיו) דען ער הט ח"ו ניט גגעבן כבוד (לאל אחר), נייערט צו הקב"ה, וואו צו די צדיקים דס אלי מירי מעשים איז אלס (לכבוד הש"י) אונ ניט אפ צו קערן פון זייני וועג רעכטס אונ לינקס:

וישב

וַיֵּשֶׁב יַעֲקֹב בְּאֶרֶץ מְגוּרֵי אָבִיו בְּאֶרֶץ כְּנָעַן. ר' חייא הוב אן [רבות רעות צדיק ומכלם יצילנו ה'] קום און זעה ווי פיל מקטריגים זיינען אויף דעם מענטשן זינט ער קומט אויף דעם עולם אז ער נאר קומט אויף עולם איז קומט צו אים דר יצה"ר ווי דער פסוק זאגט [לפתח חטאת רובץ], זעה איין בהמה אז זי געבארן ווערט היט זי זיך פאר פייער און לויפט אוועק דר פון, אבער דר מענטש אז ער ווערט געבארן ווארפט ער זיך אליין אין פייער, ווייל דר יצה"ר איז ביי אים און קערט אים אפ צו בייזע וועג, ווי דער פסוק זאגט [טוב ילד מסכן] דט איז דר יצ"ט דר קומט ערשטן צו מענטשן צו דריי צעהן יאהר הייסט ער ערשט איין יונג קינד, איז בעטר [ממלך זקן וכסיל], דער יצה"ר דט ער קומט תיכף, איז ער שון אלט ווייל ער איז תיכף גקומן דט ער איז געבארן געווארן דער ניט ווייסט צו ווערן געווארנט, דרום ווייל ער איז איין כסיל. דרום זאגט [שלמה המלך כסיל בחשך הולך] דער יצר הרע קומט ארויס פון ערשטן חשך דער הט גאר קיין ליכט ניט. קום און זעה דרום איז ער זיך מקדים צו מענטשן אז ער נאר געבארן ווערט, כדי דט מען זאל אים גלויבן קומט ער פאר אן, און ווען דר יצ"ט קומט דר נאך דא קען ער אים ניט גלויבן ער איז אים גלייך אז איין משא שווער, דעסט גלייכן האבן מיר געלערנט ווער איז איין רשע ערום איין לסטיגער און איין שלאנק, ווען ער הט מיט מענטשן איין משפט און ער איז זיך מקדים און גייט צו ערשטן צום דיין אזוי זיין חבר קומט מאכט זיך צו [צדיק הראשון בריבו]. און הייסט דער יצר הרע נחש. [והנחש היה ערום] ער קומט צום ערשטן צום מענטשן און מיט טענות צו מיין פאר אן, אידער דר יצ"ט קומט, ווען דר נאך דר יצ"ט קומט איז אים שווער פיר ער קאן זיין קאפ ניט אויף ריכטן פר אים גלייך אז ער הט אנגע לאסט אויף זיך. דרום הט שלמה געזאגט [וחכמת המסכן בזויה] ווייל זיך הט שוין יענער מקדים געווען פר אים איז דר נאך זייני רייד פר טעמט. דרום וועלכר דיין דר דא איז מקבל און הערט צו טענות איי דער חבר קומט, איז גלייך אז ער איז אויף זיך מקבל [אלהים אחרים] צו דר קדושה, אזא ווי דער פסוק זאגט [ובא רעהו וחקרו] דט איז דער וועג פון איין צדיק דער דא ניט גלייבט דעם [רשע ערום] דעם יצר הרע ביז זיין חבר קומט דר יצ"ט, און איבר דעם ווערן די זייט געטרויבלט לעוה"ב, אבר איין צדיק דר זיך פארכט פר זיין הערן בעוה"ז ער ליידט פיל בייז פון אים און הקב"ה איז אים פארט מציל. דרום שטייט [רבות רעות צדיק ומכלם יצילנו ה'] דען הקב"ה בגערט אן אים אזוי העלפט ער אים בעוה"ז און בעוה"ב וואו זיין חלק: קום און זעה [כמה וכמה רעות] זיין געקומן אויף יעקב ווייל ער זיך ניט הט בהעפט אן יצה"ר און הט זיך מרחיק געווען פון אים און הקב"ה הט אים אלץ געווען פון אלעם און דר יצה"ר איז דר ווייטערט געווארן פון אים, זעה ווי פיל צרות ליידן דיא צדיקים אויף דעם עולם איין צרה אויף דער אנדערי איין רעה אויף דער אנדערי כדי דט זיי זאלן האבן עוה"ב, אזוי אויך יעקב ער זאגט [לא שלותי] איך הב ניט געהאט פריד אין הויז [מלבן הארמי] דט איך האב ניט געקענט בטרעכט ווערן פון אים, [ולא שקטתי] איך בין ניט געווארן גשטילט פון עשו דט זיין זון הט איך אלער געווען דר נאך די אורחא פר עשו, [ולא נחתי] איך האב ניט מנוחה געהאט מיט צרות [דינה און שכם]. [ויבא רוגז] דט פר טרויערונג מיט דעם צער פון יוסף דט איז איבר אלעם:

רבי יוסי הוב אן [הצדיק אבד ואין איש שם על לב] הקב"ה זעט אויף דעם עולם און איז משגיח אן זיין פמליא אויף דעם עולם און זיי זעהן ניט ווי זיי זאלן זיין, און דר דין איז אן גבריים צו קומן אויף דעם עולם אזו נעמט הקב"ה אוועק איין צדיק דר צווישן זיי איז כדי דט דער מדת הדין זאל קענן קומן אויף זיי און זאלן קיין מגין האבן, דען כל זמן ווייל דער צדיק איז אויף דעם עולם קאן קיין מדת הדין איין שליטה האבן. [מנלן] פון משה [ויאמר להשמידם לולי משה בחירו] דרום שטייט [כי מפני הרעה] איידער דיא רעה זאל קומן [נאסף הצדיק] ווערט דר צדיק איין גנומן דאס ער זאל ניט קענן מגין זיין אויף דעם דור. קום און זעה יעקב איז געווען דר מובחר דר גאנצר פון די אבות, און איז [ראוי] געווען דט ער זאל קומן אין גלות, אבר ווייל ער איז געווען איין צדיק הט ער אויף געהאלטן דעם מדת הדין דט זיך ניט הט אן געהובן דט גלות ווייל ער געלעבט הט, און אפילו דר הונגר הט פון זיינט וועגן אויף געהערט אז ער איז אין מצרים גקומן. אזו אויך יוסף איז געווען דט געשטאלט פון יעקב, ווייל ער הט געלעבט הט זיך דט גלות ניט אן געהובן, דרום שטייט [וימת יוסף] דר נאך שטייט [הבה נתחכמה לו], אזו אויך וואו איין צדיק איז דא קאן קיין דין שולט זיין און פון זיינט וועגן איז הקב"ה מגין אויף דעם עולם, דרום שטייט [וישב יעקב בארץ מגורי אביו] דט ער הט זיך אזוי אזוי גפארכטן פר דעם מדת הדין און הט אים אויף געהאלטן:

אֵלֶּה תֹּלְדוֹת יַעֲקֹב יוֹסֵף. ווער עס הט אן געזעהן יוסף הט געזאגט דט איז די צורה פון יעקב, דרום שטייט ביי קיינם ניט [אלה תולדות ראובן] אודר אנדרי אלס ביי יוסף: [בן שבע עשרה שנה] ר' מנא זאגט הקב"ה האט ארויס געוויזן אזו וואו דט יוסף איז אלט געווען זיבצן יאר דא ער איז פר לאקן געווארן, דען ער הט געווינט אויף אים זיבצן יאר דר נאך אז ער איז צו אים גקומען הט אים הקב"ה אין מצרים ווידר געגעבן זיבצן יאר [בשמחה ובכבוד ושלימות] פון אלעם, זיין זון יוסף וואר איין מלך, אלי זייני קינדר זיינן געשטאנדן פאר אים, דא זיינען די רעכטי זיבצן יאר פון לעבן, דרום שטייט [ויחי יעקב בארץ מצרים שבע עשרה שנה]:

וַיַּחֲלֹם יוֹסֵף חֲלוֹם. קום און זעה ווען איין מענטש גייט צו בעט ליגן. אזו ער אויף זיך מקבל זיין [עול מלכות שמים] צו ערשטן, דער נאך זאל ער זאגן איין פסוק פון [רחמים] ווי מוסרי חכמים האבן געשטעלט דט זאגן פון [קריאת שמע], דען ווען דר מענטש שלאפט גייט די נשמה ארויף און שוועבט אין עולם ארויף נאך זיין מדרגה נאך, איז הקב"ה מודיע צו דר נשמה מיט מדרגה דר איז איבר דעם חלום פון וועלכי זאכן וואס ווערן קומן אויף דעם עולם, אדר זאכן וואס זיינן געווען אין זיין טראכטן ביי טאג, און עס זיינן ווי פיל [מדרגות אין דר מדריגה] פון חלום. אויך [מראה], אויך [חזיון]. און איטליכר איז וועלכה נאך זיין מדרגה נאך

נאך. און דער מענטש זאָל זיין חלום ניט זאָגן נייערט ווער זיין גוטער פריינד איז. ווען ער דאָס ניט טוט איז ער גורם דאָס דער חלום ווערט פאַרקערט אין איין אנדער גשטאַלט. און דרום ווייל יוסף האָט דעם חלום געזאָגט פאַר זיינע ברידער האָט ער גורם געווען דאָס איז אויף געהאַלטן געוואָרן, ביז עס מקויים איז געוואָרן צו צוויי און צוואַנציג יאָר, האָט ער זיי ניט געבעטן און האָט געזאָגט פאַר זיא ווער תיכף מקויים געוואָרן, און ווען זיא האָטן אים בטיידן דען חלום אויף איין אנדער גשטאַלט וואָלט אויך מקויים געוואָרן, אָבר זיי האָבן אים אויס געלייגט תיכף און זאָגן [המלוך תמלוך עלינו] אַזוי איז אויך מקויים געוואָרן אָבר צו שפּעטי צייט: רבי חייא ורבי יוסי וואָרן געזעסן פאַר ר' שמעון, זאָגט רבי חייא איר האָבן געלערנט איין חלום דאָס מען האָט ניט [פותר] געוועזן איז גלייך אַז איין בריף דער איז ניט געלייענט געוואָרן, ווי איז דאָס איז עס דאָס ער ווערט גאָר ניט מקויים אָדר ער ווערט פאַרט מקויים נאָר ער ווייסט ניט. ער שפּראַך ער ווערט יאָ מקויים און דער מענטש ווייסט ניט דר פון, דען עס ווערט אַלץ אויבן אויס גרופן און איז ניטש פאַר האַנדן אין עולם דאָס ניט זאָל הייסן אין דער מדריגה פון חלום אָדר דורך דעם כרוז עס שטייט [כי לא יעשה ה' אלהים דבר וגו'], עס קומט ניט אויף דען עולם דאָס מען ניט פריער רופט אויבן פון דאָרטן פאַר שפּרייט זיך אין עולם, ווען נביאים זיינן אין עולם וויסן זיי, ווען ניט נביאים זיינן דאָ זיינן חכמים בעסר אַז נביאים: ווען ניט חכמים זיינן ווערט עס גיגעבן דורך דען חלום. ווען ניט איז בחלום ווערט עס גיגעבן דורך די [עופות השמים] קאָן מען פאַר שטיין וואָס אונזרע חכמים געזאָגט האָבן:

רבי יהודה הייב אָן [תורת ה' תמימה משיבת נפש] ווער דאָ איז [מבטל] פון [דברי תורה] איז גלייך אַז ער מעכט דעם עולם חרב מאַכן: ווי גאָר זאָלן די לייט משתדל זיין בתורה, דען ווער דאָ איז משתדל בתורה האָט ער חיים בעוה"ז און בעוה"ב, און איז זוכה צו ביידע וועלטן בעוה"ז ובעוה"ב, אפילו ווען ער איז ניט עוסק דרינען [לשמה] ווי עס זאָל זיין, האָט ער אויך איין [שכר טוב בעוה"ז] און מען איז אים ניט דן בעוה"ב: קום און זעה עס שטייט [אורך ימים בימינה ובשמאלה עושר וכבוד] ווער דאָ איז [עוסק בתורה לשמה] דאָס ער לערנט די [תורה לשם שמים] דער האָט [אורך ימים] אויף יענעם עולם דאָס דאָרטן זיינן די [אורך ימים] דאָס דער מענטש האָט זיין [בטחון] דרויף דאָס ער איז עוסק בתורה דאָס ער זאָל דר דורך גישטאַרקט ווערן בעוה"ב. [ובשמאלה עושר וכבוד] דער דאָ איז [עוסק בתורה ניט לשם שמים] דער האָט זיין [שכר טוב] און שלוה אויף דעם עולם, און ווער יאָ [עוסק בתורה לשמה] איז ווען ער גייט אַוועק פון דעם עולם גייט דיא תורה פאַר אים און איז מגין אויף אים דאָס די [שרי הדינים] זאָלן ניט קענן גנעהן צו אים. ווען דר גוף ליגט אין קבר היט דיא תורה אים, אַז די נשמה גייט אַרויף [למקומה למעלה] דאָ גייט די תורה פאַר דר נשמה, און כמה שערים די ווערן צו בראָכן פאַר דר תורה ביז די נשמה קומט אויף איר אָרט, און שטייט אויך אויף דען מענטשן ביז ער ווידר ווערט אויף שטיין [תחיית המתים], און די תורה איז איין מליץ יושר איין פֿיר שפּרעכר פאַר דען מענטשן, אַז דער פסוק זאָגט [בהתהלכך תנחה אותך בשכבך תשמור עליך והקיצות היא תשיחך]: [בהתהלכך תנחה אותך] ווען דיא נשמה גייט אַרויף למקומה, [בשכבך תשמור עליך] אין קבר איז זי מגין, [והקיצות היא תשיחך לתחיית המתים] ווען זיי ווערן אויף שטיין פון דר ערד דאָס זי ווערט [מליץ יושר] פאַר דיר און ווערט ריידן דאָס איז [תשיחך]: ר' אלעזר זאָגט [היא תשיחך] איז טייטש זי טוט ריידן, אַזאַ ווי וואָל דאָך דער גוף ווערט ערשט איצונד אויף שטיין אויס דער ערד, דאָך ווערט די תורה ניט פאַרגעסן זיין פון אים און איטליכר [תלמיד חכם] ווערט אַלץ וויסן וואָס ער האָט דער פֿיר געלערנט בעוה"ז איי ער איז גישטאָרבן דאָ ווערט די תורה גהיט פון די זעלביגי צייט אָן. און ווערט ווידר אַריין גיין אין זייני גדערם ווי צום ערשטן, און אַלץ וואָס ער האָט פריער ניט קענן גרייכן און משיג זיין רעכט ווי עס זאָל זיין, און ער האָט דריבן עוסק געוועזן און האָט זיך ניט רעכט דראָן מדבק געוועזן צו פאַר שטיין. די ווערן אַלע אַריין גיין אין זיין האַרץ און גדערם רעכט פערטיג מתוקן און די תורה ווערט אין אים ריידן, דרום זאָגט דר פסוק [והקיצות היא תשיחך] די תורה זעלברט ווערט רעכט אויס דיר ריידן. זאָגט רבי יודא דאָס גלייכן איטליכר דר דאָ איז [משתדל בתורה בעוה"ז] איז זוכה דריבן משתדל צו זיין בעוה"ב. קום און זעה דער מענטש דער דאָ ניט האָט זוכה געוועזן עוסק בתורה צו זיין בעוה"ז און ער גייט [בחושך], אַז ער גייט אַוועק פון דעם עולם נעמט מען אים און ברענגט אים אַריין אין אונטערשטן גיהנם דאָס דאָ הייסט [בור שאון טיט היון], אַז דר פסוק זאָגט [ויעלני מבור שאון מטיט היון], און דרום דר דאָ איז ניט [משתדל בתורה בעולם הזה] און איז אום ריין מיט אום ריינע זאַכין פון עוה"ז, דאָ שטייט גשריבן [ויקחהו וישליכו אותו הבורה] דאָס איז דר גיהנם, דאָס אָרט דאָס אַן איז דרינן דן די זעלביגי די דאָ ניט האָבן עוסק בתורה געוועזן. [והבור רק] אַזוי וואָל אַז ער איז געוועזן [רק] איז טייטש לער אָן וואַסער אָן תורה דיא דאָ הייסט מים. אָבר דר בור זיינן די [משחיתים] די דאָ האָבן איין פנים ווי שלאַנגן און עגדעטן אין דעם בור פון גיהנם די דאָ דן זיינן, קום און זעה ווי דער עונש איז פון דר תורה אַזוי גרויס, דען ישראל אויף אַלי עבירות וואָס זיי גטאָן האָבן זיינן זיי דאָך ניט פאַר טריבן געוואָרן פון [ארץ הקדושה], ביז זיא האָבן מבטל געוועזן פון דר תורה און האָבן זיך אָב גטאָן דר פון, אַז דר פסוק זאָגט [מי החכם ויבן את זאת על מה אבדה הארץ ויאמר ה' על עזבם את תורתי אשר נתתי לפניהם], ר' יוסי זאָגט פון דעם לערנן איר עס שטייט [לכן גלה עמי מבלי דעת] זייא זיינען דרום פאַר טריבן געוואָרן ווייל זיי זיינן געוועזן אָן תורה דאָס דאָ הייסט [דעת] און דרום שטייט אַלץ על [קיום התורה] דאָס דיא תורה איז דר קיום פון אַלי [עולמות עליונים ותחתונים] אַז דער פסוק זאָגט [אם לא בריתי יומם ולילה חקות שמים וארץ לא שמתי]:

ויהי

ויהי מקץ שנתים ימים רבי חייא הוב אן [איוב כח] [קץ שם לחשך ולכל תכלית הוא חוקר אבן אופל וצלמות] דר פסוק איז אזו גזאגט געווארן [קץ] דס איז דר שטן דער דא איז דר קץ פון אלים, אונ שוועבט בעולם אונ שטעלט זיך פר הקב"ה מקטרג צו זיין. אלע זייני מעשים זיינן ניט לטובה נאר מכלה צו זיין אלס ער הייסט [אבן נגף] דאס דיא רשעים שטרויכלן דראן. אונ דורך אים שטייאן זיי אין [ארץ עיפתה] איין גרויסי פינסטרניש. קום אונ זעה ווי גאר זאלן די מענשן איין זעהן בעבודת הקב"ה, אונ משתדל זיין בתורה [יומם ולילה], דורך דער תורה ווערן זיי ווייטן רעכט די דינשט צו הקב"ה. דען די תורה רופט אויס אלי טאג [מי פתי יסור הנה חסר לב ואמרה לו] אונ אז איין מענש איז עוסק בתורה אונ איז בהעפט דראן איז ער זוכה צו ווערן בהעפט אן [עץ החיים], אז דר פסוק זאגט [עץ חיים היא למחזיקים בה], אונ ווען איין מענש דער זיך שטארקט אן דען [עץ חיים] אויף דעם עולם, דער איז גשטארקט דראן לעוה"ב, דען אזו זיינן זיי אן גבריט לעוה"ב צו דער נשמה אלס נאך זיין מדרגה נאך. דען עס זיינן אן דען עץ החיים ווי פיל מדריגות מיינט ניט ווי די אנדרי אונ איז דאך אלס מיינט, עס זיינן אן [עץ החיים מדריגות] מיינט איבר דען אנדרן, לוויגן בלעטר טייפט דר גוף של אילן די ווארצלן, אזו ווער עוסק בתורה איז. איז אן גבריט אונ גשטארקט בעץ החיים, אונ אלי די [בני מאומה ישראל] זיינן בגריפן אן עץ חיים אמט, איין טייל אן גוף אליין, איין טייל אן די צווייגן, מטייל אן דיא ווארצלן [בין כך ובין כך] ווערט גפונן דס אלי זיינן בגריפן אן עץ החיים, אונ ווער עוסק בתורה איז, דר איז בגריפין אן גוף האילן דר איז בגריפן אן אלים: עס שטייט [משלי כ"ט] [מלך במשפט יעמיד ארץ ואיש תרומות יהרסנה]. [במשפט יעמיד ארץ] איז דוד המלך עס שטייט [ויהי דוד עושה משפט וצדקה], בזכותו הט ער גימאכט איין קיום צו דער ארץ, [ואיש תרומות יהרסנה], איז [רחבעם], קום אונ זעה ווען גלייך עס איז נגזר איין פורעניו' אויף דעם עולם, בזכות פון די צדיקים ווערט אויף געהאלטן צו קומן לעולם: ווייל דוד הט גלעבט הט ער דער האלטן דעם עולם, ווען ער איז גשטארבן שטייט אויך [מלכים ב] וְגַנּוֹתִי אֶל הָעִיר הַזֹּאת לְהוֹשִׁיעָהּ לְמַעֲנִי וּלְמַעַן דָּוִד עַבְדִּי,

אזו אויך אזו לאנג אז יעקב אונ יוסף האבן גלעבט הט זיך דס גלות דס פורעניות ניט אן גהובן. [ואיש תרומות יהרסנה] דס איז פרעה ביאי משה, ווייל ער הט גשטארקט זיין הארץ קעגין גאט הט ער מחריב גיוועזן דאס לאנד מצרים, אונ דורך יוסף הט דאס לאנד איין קיום גהאט דורך זיין חלום. דרום שטייט [ויהי מקץ שנתים ימים ופרעה חולם]:

ויהי בבקר ותפעם רוחו רבי יוסי זאגט בייא נבוכד נצר שטייט [ותתפעם] אונ בייא פרעה שטייט [ותפעם], דרום ווייל פרעה הט דעם חלום גדאכט אונ ניט דען פתרון, אבר נבוכד נצר הט דעם חלום אויך פר געסן, [וישלח את כל חרטומי מצרים] דס זיינן די מכשפים. [ואת כל חכמיה] די חכמים פון שטערן זעהר האבן קיינר קאנן וויסן. זאגט רבי יצחק ווי וואל דאך איר האבן גלערנט דאס אן ניט ווייסט איין מענשן איין חלום נייערט זיין מדרגה נאך, אבר ביי איין מלך איז אנדרש אזו וואל אז ער איז איין מלך איבר אלי לייט, אזו איז זיין מדרגה אובן אויך אזו, אן ווייזט מען אים אז איין אנדרן, דרום שטייט [את אשר האלהים עושה הראה את פרעה]. אבר אנדרי לייט איז הקב"ה ניט מגלה וואס ער טוט נאר צו די נביאים אדר חסידים אדר חכמים אין דור, עס שטייט [אותי השיב על כני ואותו תלה], פון מלהיא לערנן מיר דס דער חלום גייט אלס נאך דעם פתרון, דען ער זאגט [אותי השיב על כני] איז טייטש ער הט מיך געזעצט אויף איין אורט, [ואותו תלה] אונ אים האט ער גהאנגן, עס קער צו שטיין [אותי השבת ואותו תלית] דו האסט גיטאן ער הט דאך גרעט מיט פרעה, אלא יוסף הט אלס גיטאן, דען עס איז אלס אזו גשעהן ווי ער האט פותר גוועזן, דען [כל החלומות הולכין אחר הפה], דרום שטייט [ויהי כאשר פתר לנו כן היה] דרום זאגט ער אותי השיב יוסף האט מיך גיזעצט אונ אים גיהאנגן מכח זיין פתרון:

וישלח פרעה ויקרא את יוסף ויריצהו מן הבור. ר' אבא הוב אן [רוצה ה' את יראיו את המיחלים לחסדו]. קום אונ זעה ווי הקב"ה בגערט אן די צדיקים ווייל זיי מאכן שלום אובן אונ אונטן אין אלי וועלטן, דרום בגערט הקב"ה אן זיי ווייל זיי זיך פערכטן פר אים אונ טואן זיין ווילן, [המיחלים לחסדו] דס זיינן דיא [תלמידי חכמים] דיא וואס לערנן תורה בייא נאכט אונ זיינן זיך משתף מיט דר שכינה, דס הקב"ה ציהט אויף אים חוט של חסד ביי טאג. ווי דר פסוק זאגט [יומם יצוה ה' חסדו] וואָרום ווייל [בלילה שירה עמו], דרום שטייט [רוצה ה' את יראיו] אונ שטייט ניט [ביראיו], אלא גלייך אז מיינר איז זיך מיט דעם אנדערן מפייס אונ בווילגט אים מיט גוטי רייד. אונ אויך יוסף איז דא אום לוסטיג גוועזן אין דער תפיסה, אז פרעה הט נאך אים גשיקט שטייט [ויריצהו מן הבור] ער הט אים איבר גבעטן אונ אים מרצה גוועזן מיט [דברים של חדוה ושמחה] צו דר פרייען זיין הארץ, ווייל ער איז טרויאריג גוועזן פון דר תפיסה:

ויצא יוסף מלפני פרעה ויעבר בכל ארץ מצרים ער זאמלט איין [כל תבואות] דס זיי זאלן ניט פר פוילט ווערן, דען וואס אנדרי האבן איין גזאמלט איז פר פוילט גווארן: זאגט ר"ש אלס וואס הקב"ה הט גיטאן הט ער [מגלגל סיבות] גוועזן דס עס זאל מקוים ווערן זיין [ברית בין הבתרים] צו אברהם, [ועבדום וענו אותם ארבע מאות שנה] עס איז ראוי גוועזן יעקב זאל נידרן אין מצרים אין אייזרני קייטן אין גלות מקיים צו זיין [ברית בין הבתרים], אבר הקב"ה פר גרוסי ליבשאפט דס ער הט גיהאט צו דיא ישראל הט ער פאר גלאזן יוסף מלך ווערן אונ איז מושל גוועזן [על כל הארץ], איז יעקב מיט אלי [שבטים בכבוד גדול] אריין גקומן. אויך הקב"ה הט מבטיח גוועזן צו אברהם זיי זאלן פיל געלט נעמן אויס מצרים, ווי יוסף קאם אין מצרים איז קיין [רכוש גדול] גוועזן, הט הקב"ה גשיקט הונגר אין עולם, דאס אלי גאלד אונ זילבר פון עולם איז אלס גקומן אין מצרים אריין, אזו איז דר סדר פון הקב"ה. ער שיקט אייביג איין רפואה פר דער מכה, דרום אז מצרים איז פול גוועזן מיט גאלד אונ

זילבר

ווייבר דער נאך ברענגט ער ארויס [יעקב בכבוד גדול] עס זאל מקוים ווערן דער [ברית בין הבתרים]:

וַיַּרְא יַעֲקֹב כִּי יֶשׁ שֶׁבֶר בְּמִצְרָיִם וַיֹּאמֶר לְבָנָיו לָמָּה תִּתְרָאוּ׃

ר' חזקיה זאגט ווען איינר איז אין עולם זאל זיך דר מענש ניט ווייזן נאר דער גאנץ דאס ער זאל ניט בלוואכגן ווערן דורך זיין זינד. דרום שטייט [למה תתראו] ווארום זאלסט איר געזעהן ווערן, אדער נאך איין פשט איז או יצחק איז געשטארבן האבן זיך יעקב און עשו געטיילט עשו האט זיך אב געשיידן פון א"י פון אלים: דר קיגן זאל יעקב נעמען דאס גלות צו ליידן דר נאך זאל ער אלס נעמען, דא זאך יעקב כי יש שבר דר ברוך פון גלות ווערט זיין, זאגט ער צו די קינדר [למה תתראו] פאר דעם דין צו מעלה דאס עס זאל ניט געפונדן ווערן אויף אייך איין קטרוג. ער זאגט [שמעתי כי יש שבר במצרים רד"ו שמה] ער איז אראב, ווייל ווערן זיין אין גלות אין לאנג [רד"ו שנה] אזו ווייכן ווייל געוועזן [ר"י שנה]:

ויכר יוסף את אחיו והם לא הכירוהו] ר' אלעזר הויב אן [למה אירא בימי רע עון עקבי יסובני] קום און זעה דריי זיינן די זיך פארכטן און וויסן ניט פאר וואס ווי אונזרי חכמים געזאגט האבן, אבער עס איז נאך פאר האנדן די זיך פארכטן און וויסן ניט פאר וואס, פון וועגן זייערי חטאים דס זיי ניט וויסן או זיי האבן חוטא געוועזן און זיינן זיך ניט משגיח דרויף תשובה צו טאן, זיי פארכטן זיך [בימי רע] ווער זיינן די [ימי רע] דס איז דר יצה"ר ער האט געוויסי טעג דאס אים איז געגעבן רשות אויף דעם עולם אב צו קערן, אלי די זיינען מטמא זייערי דרכים, דען ווער זיך קומט מטמא צו זיין איז מען אים מטמא און די הייסן ימי רע, און זייכן ממונה אויף שלעכטי עבירות קליינע וואס דר מענש פאר ניטס האלט און טרעט זיי מיט די פיס. אלי די זיינן מטמא זייערי וועג זיינן [כמה משחיתים] זיי מטמא, אין וואס פאר איין וועג דר מענש וויל גיין פירט מן אים מאס, קומט דער מענש און וויל זיך מטהר זיין זיינן פאר האנדן ווי פיל די אים העלפן דר צו. האבן איר דאך געזעהן ווען איין מענש אויף שטייט צו מארגנס דא איז ער זיך וואשין די הענט פון איין כלי און פון איינס דר זיך האט פאר געוואשן, ווי אונזרי חכמים האבן שון געזאגט די זאך: נאך איין איז זיך דר מענש אזו וואשין דען רעכטן האנט מיט דר לינקע, דאס דער ימין זאל גובר זיין אויף דר [יד שמאל], און דר [יד ימין] זאל געוואשין ווערן פון [יד שמאל], דס דר שמאל דארף אונטר טעניג זיין פאר דעם [יד ימין], כדי דס מען זאל ניט געבן איין ארט דעם יצה"ר דער איז [בגד שמאל] דאס ער זאל ניט קענן שולט זיין: דעסט וועגן קען דר מענש אויך צו היטן די קליינע עבירות וואס ער פאר ניטס האלט או ווי מיט דעם וואשן דעסט גלייכן, דרום פארכט זיך דר מענש ער ווייסט ניט פאר וואס: דען או ער ניט מדקדק איז און לאזט גובר זיין דען לנד שמאל על יד ימין, אזו קריגן זיי איין שליטה אויף אים, אויך קומן די ימי רע אים צו איבלן און צו דער שרעקין, דרום פארכט ער זיך: דוד המלך האט זיך אייביג געהיט פאר שלעכטי זאכן צו זינדיגן, ווען ער איז אין מלחמה געגאנגן האט ער נאך געוואלט שלעכט מתקן צו זיין דרום האט ער זיך ניט געפארכטן מיט זיי מלחמה צו האלטן: קום און זעה עס זיינן פיר מלכים געווען דס איינר האט ניט בגערט ווי דר אנדרר: דוד האט בגערט צו יאגן די פיינט און ניט אום צו קערן ביז ער זיא גאר מכלה איז, דרום ווייל ער האט זיך אלי מאל געהיט פאר די עבירות, און האט ניט געגעבן איין ארט זייני פיינד דס זיי זאלן קענן אויף אים געוועלטיגן: דרום האט ער בגערט זיי צו יאגן אייביג. און ניט זיא זאל אים יאגן מכח זייני זינד: דר מלך אסא האט שון ניט אזו בגערט ער האט זיך מער געפארכטן ווען גלייך ער האט אויך נאך געזעהן זייני מעשים, אבר ניט ווי דוד ער בגערט נאר צו יאגן זיין פיינד אבר הקב"ה זאל זיא שלאגן, אזו שטייט [וירדפם אסא] ער האט זיי געיאגט און הקב"ה האט געשלאגן, אבר ביי דוד שטייט ער האט זיי געשלאגן פון דעם אבנט ביז צום אנדרן: [יהושפט מלך יהודה] האט ווידר אנדערש בגערט ער האט געזאגט איך קאן ניט יאגן און קאן ניט שלאגן דרום בגערט ער נאר צו זאגן און בעטן בתפלתו און דו זאלסט ממית זיין, דען ער האט ניט אזו נאך געזעהן זייני מעשים אז [אסא], הקב"ה האט אים אויך אזו געטאן ווי דר פסוק זאגט [ובעת החלו ברנה ותהלה נתן י"י מארבים על בני עמון]: חזקיהו מלך יהודה האט ווידר אנדרש געזאגט. [רבש"ע] איך קאן ניט מוסר זיין און קאן ניט נאך יאגן און קאן קיין מלחמה האלטן, דען דר האט זיך ניט געפארכטן פאר שלעכטי קליינע עבירות דיא איר אובן געזאגט האבן, וואס שטייט געשריבן [ויהי בלילה ההוא וילא מלאך י"י ויך במחנה אשור] און חזקיה וואר געלעגן אויף זיין בעט און הקב"ה האט זיי ממית געוועזן, אזו קער מען זיך איין [קל וחומר] צו נעמען, ומה דאך שלעכטי צדיקים האבן זיך געפארכטן פאר שלעכטי עבירות, אנדרי צו זייט מכל שכן דס זיי זאלן זיך פארכטן דר פיר. דרום קער איטליכר מענש זיך צו היטן פאר שלעכטי קליינע זאכן און צו זוכן מתקן צו זיין כדי דס [ימי רע] זאלן אויף אים קיין שליטה האבן, דען ביי זיי איז גאר קיין רחמנות ניט. קום און זיך [ויכר יוסף את אחיו] בשעה דס די ברידר זיינן אין זיין הענט געפאלן האט ער זיך איבר זיא נאך רחם געווען, דען ער איז געוועזן איין גאנצר מאן אין אלי מדות. אבר שמעון ולוי די האבן געהאט איין משיכה אן [מדת הדין הקשה], דרום האבן זיא זיך ניט מרחם געוועזן אויף יוסף אז ער איז זיי אין האנט געפאלן. דרום זאגט [דוד למה אירא] ווארום זאל איך פארכטין איך [בימי רע] ווי איר האבן אויבן געזאגט [עון עקבי] אז איך בין פון די דא זעהן און געבן אכטונג אויף די קליינע עבירות וואס דר מענש טרעט מיט דען פערש פון די פיס, דרום שטייט אין [ישעיה ה] [הוי מושכי העון בחבלי שוא], חבלי שוא איז וואס דר מענש טרעט מיט זיין טריט און מאכט זי ניט, ער מיינט עס איז קיין עבירה ניט דער נאך ווערין זיא געשטארקט און ווערן [כעבות עגלה] ווי די דיקה שטריק זיינן פון וואגין, דען ווערט דער שטן געשטארקט און קערט אים אב בעוה"ז ובעוה"ב, וואלן דיא צדיקים די זיך היטן פאר אלי עבירות און זעהן נאך אלי מאל און זוכן ווען זיי וואס געטאן האבן, און טוען תיכף תשובה דרויף דס קיין מקטרג זאל זיין אויף זיי בעוה"ז און זאל ניט הינדרן זייא לעולם הבא דען די תורה ברייט זיי אין רעכטי וועג און שטעג צו גיין דרינן ווי עס שטייט [דרכיה דרכי נועם וכל נתיבותיה שלום]:

ויאסור

וַיֶּאֱסֹר אֹתוֹ לְעֵינֵיהֶם פֿר חירי חוגין ווחר ער חים בינדן חוג חו זיי זיין חוועק גיגחכגן גיבט ער חים לו עטין חוג לו טריכקן, חוב דו ווענטט זחגן יוסף הט דט דרום גיטחן וויל עט טטייט גטריבן חין [אטלי כ"ה] [חם רעב טוכחך האכילהו לחם וגו'] ח"ו דט יוסף הלדיק הט דט גיטחן פֿון דעסט ווענן עט טטייט וויטר [כי גחלים אתה חותה על רחטו], נייערט ער הט גיטחן ווי אן קער לו טחן איין ברודר חוג חויך איט חלי ברידר: עט טטייט [וילו יוסף ויאלחו חת כליהם בר] ער הט חלט גיטחן ווי אן קער לו טחן ברידר. קום חוג זיך דט חלט ווט יוסף הט גטחן איט די ברידר חיז חלי זחכן ווחט דט בדחרפֿט לו זיין חוג זחגט חוגו חלט וויל דיח תורה חיז [טל חאת], חוג חלי חירי [דרכים זייכן דרכים טל קרט] עט חיז כיט חין דיח תורה איין וואָרט ווחט כיט חיז [סודות עליונים] הייליגי חוג דרכים לו דיח לייט לו ווצרן גיטטחרקט חן זייח. ער הוב חן עט טטייט [חל תמאר אטלאה רען], קום חוג זעה הקב"ה החט גיאחכט דען אעכטן לו ווערן גיטטחרקט בתורה חוג לו גיין [בדרך חאת לגד יאין] חוג כיט [לגד טאחן], דען יטרחל החבן איר אחיזה [בלד יאין] דרום אוזן זיי זיין איט אנכדר חייטן אהבה דיח חיז [אלד היאין וחסד] חוג כיט טנחה וואחזוקת ח"ו. דען [אכח טנחה ואחזוקת] ווערט דער יאין טלחף [כביכול] זייח זייכן [פוגם] דרחן וויל זיי החבן איין אחיזה חן יאין, חוג דרום חיז דער יל"ט אלד יאין חוג דער יל"הר אלד טאחל, אוזן יטרחל טטחרקן דען יל"ט חיבר דען יל"הר חוג איט חירי אעטים טובים, חוג ווען דר אעכטט קערט זיך חפ לגד יל"הר לטאחל דען ווערט דר יל"הר גיטטערקט חויף דען יל"ט, חוג דר יל"הר דר אכוון חיז כיט גחכן כייחרט פגום גיברעכט. חבר דורך דיח עבירות פֿון די לייט אחכט אן חים גחכן. דרום זחל דר אעכט זעהן דר יל"ט זחל גחכן ווערן איט אעטים טובים חוג כיט דר יל"הר. דרום זחגט טלאה [חל תמאר] דו זחלטט כיט זחגן [חטלאה רען] חיך ויל דען רע גחכן אחכן, [קוה לה' ויוטע לך] החף לו גחט ער ווערט דיר העלפֿן. כחך איין פטט חיז [חל תמאר] כיט זחג [חטלאה רע] ווער דיר גוטן הט גטחן זחלטט דו חים כיט איט בייזן בלחלין. דען ווער דחט טוט טטייט חויף חים [אטיב רעה תחת טובה], ווער חב גיבט בייז פֿר גוטס [לא תאוט רעה אביתו] עט ווערט קיין בייז כיט חפ גיטחן פֿון זיין הויז ח"ו, חזו חויך ווען חייכר גלייך דיר בייז הט גיטחן דחרפֿטט דו חויך כיט ווידר איט בייזן בלחלין, [קוה חל ה' ויוטע לך] דר פסוק גייט חויף [יוסף הלדיק] חז ער החט כיט ווען בלחלן זייכי ברידר [רעה תחת רעה] בטעה דחט זייח זייכן גיפֿחלן בידו: דרום וויל ער החט זיך גיפֿחרכטן פֿחר הקב"ה, חז דער פסוק זחגט [חת החלהים חני ירח] ער הט תאיד גיהחפֿט לו הקב"ה, חוג כיט גיכוג דט ער הט כיט די ברידר גילחלט רעות דען ער הט כחך איט זיי גטחן טובות וחאת, דען חזו חיז דר סדר פֿון דיח לדיקים, דרום חיז הקב"ה חם חויף זיח חלי אחל בעו"הז ובעו"הב:

רבי אבא חיז גזעסין חויף דען טוער פֿון לוד, ער החט גזעהן קואט חיין אעכט חוג זעלט זיך חין חיין טפחלט פֿון חיין בערג, ער זוחר איד פֿון וועג חוג ווחר דחרטן חכטטלחפֿן גווחרן, חין דעם זעהט ער חיין טלחכג קואט לו חים, זוח גיכג חויט חיין טטיק ווחרלן פֿון בוים נוג פֿחלט חויף דר טלחכג חוג דר טלחגט זי, ווי דר אחן וואכט חויף ער זעהט קיגן זיך די טלחכג טויט, ווי ער וויל זיך חויף ריכטן פֿחלט חיין דט טטיק החלן חוכטר חים חוג ער ווחר ווידר-נילול. קחם ר' חבא לו חים חוג טפרחך זחג איר וואט זייכן דייכי אעטים דען חיך החב דח גיזעהן דחט הקב"ה הט דיר דח גיטחן לווי ניסים דט חיז גוויט כיט חום זוכטט, ער טפרחך לו ר' חבא [כן יאין] ווער איר הט גטחן חיין רעה דט חיך כיט זחלט זיין בווילגט לו חים חוג החב חים אוחל גוועזן, חוג כחך איצר ווען חיך החב כיט גיקעכט ווערן בווילגט איט חים זעלבטט, בין חיך כיט חויף גיגחכגן חויף איין בעט ביז חיך החב חים אוחל גוועזן חוג החב טון כיט גיחכט דט בייז וואט זיי איר גיטחן החבן, חוג כיט דחט חליין חלח פֿון דען טחג חן ווייטר החב חיך אטתדל גיוועזן לו זעהן גוטס לו טחן איט זייח, ווי רבי חבא דט הערט וויינט ער חוג זחגט דט חיז כחך אער חז יוסף הט גיטחן, עט חיז גוועזן פֿחרט קיגן זייכי ברידר הט ער קערן זיך ארחם לו זיין, חבר ער הט אער גיטחן חפֿי' קיגן פֿרעאדי, עט חיז רעכט דט הקב"ה הט דיר דח גטחן חיין נס חיבר דען חכדרן:

פתח ער הוב חן חוג זחגט חין [אטלי ל'] הולך בתום ילך בטח דט חיז חיין אעכט דער גיט [בדרך תורה] גיט זיכרליך דט קיין טעדיגר פֿון דיח וועלט קחן חיהם כיקט טחן לו חיבלן חים, [ואעקט דרכיו יודע] ווער זיך חב קערט ואדרך חאת] חוג בגערט וואט בייח זייכם [חבר חיז, יודע] ער ווערט דר קעכט חין די חוגין פֿוו די [טרי הדיכים] דט עט ווערט כיט פֿר לחרן פֿון זיי דט גטטחלט פֿון דעם זעלביגן אעכטן לו ברעכגן חים לאקום דט זי זייכען זיך כוקם חן חים, נוג דר דח גייט [בדרך חאת] חיז הקב"ה אגין חויף חים חוג דעקט לו חויף חים דחט כיט זחל זיין לו ויטן, חוג דרקעכט לו די הערין פֿון דיח דיכים, וואל לו די לייט די דח גיחן בדרך חאת. זיח גיחן פֿר זיכרט חויף דעם עולם דחט זייח זיך כיקט פֿערלטן בעולם הזה ובעולם הבא:

ויגש אליו יהודה רבי אליעזר הוב אן אין ישעיה ס"ג [כי אתה אבינו כי אברהם לא ידענו וגו'] קוק און זעה דש הקב"ה הט בשאפן די וועלט הט איטליכר טאג זיין ווערק גטאן און בשאפן ווי עש איז ראוי גוועזן צו טאן, און אז עש איז גקומן דער [יום הששי] און האט וועלן דעם מענש בשאפן, דא קאם די תורה פאר הקב"ה און זאגט [רבש"ע] דעם מענש וואס דו ווילשט בשאפן איז אן גברייט צו דער צארנן דיך ווען דוא ניט אים דער ליינגערן דיין רוגז בעסער אז דו אים ניט זאלשט בשאפן· שפראך הקב"ה צו איר בין איך דען אום זונשט גרופן [ארך אפים], אלא אלש איז בשאפן געווארן מיט דר תורה און אלש איז גגרונד פעשט געווארן מיט איר. דען אייער הקב"ה הט דעם עולם בשאפן זיין אלי [אותיות] גיקומן פאר הקב"ה· און זיין איין גגאנגן פאר אים למפרע הינטר זיך דהיינו דרך תשר"ק איטליכש אות, דא קאם צום ערשטין די ת"יו און שפראך· רבש"ע איז דיין רצון מיט מיר דען עולם צו בשאפן שפראך הקב"ה צו איר ניין. דרום דש דורך דיר זיינן צדיקים אן גברייט צו שטארבין, וויא דר פסוק זאגט אין [יחזקאל ט] וְהִתְוִיתָ תָּו עַל מִצְחוֹת הָאֲנָשִׁים הָאֵלֶּה וּמִמִּקְדָּשִׁי תָּחֵלּוּ ניט לייאן מִמִּקְדָּשִׁי אלא מִמְקוּדָּשַׁי פון אייני הייליגי צדיקים ווערט איר אן הייבן. דרום זאל מיט דיר ניט ווערן בשאפן דר עולם, גיין אריין פאר הקב"ה דיא אותיות [ש"ר"ק] איטליכר בזונדר· שפראך הקב"ה איר זענט ניט צו בשאפין דען עולם מיט אייך. דען איר זאגט דיא אותיות דש מיט אייך ווערט גיזאגט [שקר] עש איז ניט ווערדיג מיט איר צו שטיין. גייאן איין דיא אותיות [פ"צ] און אלי אותיות זיינן אלי נדחה גווארן איטליכש אות דש ניט קען מיט איר בשאפין ווערן. ביז עש קאם די [כ"ן] דא ווארן דר ליטרט גווארן צוויי הונדרט טויזנט וועלטין וויא עש שטייט אין זהר [פרשת בראשית]: ביז אלש איז ווארן בשאפן מיט דעם אות ב' ווייל זי איז סימן ברכה: דרום הייבט זיך אן דיא תורה מיט דר ב' [בראשית] ווי וואול דאך די אלף איז דר ערשטר פון די אותיות, ווייל עש ווערט מיט איר גזייאנט [ארור] דרום איז ניט מיט איר דער עולם בשאפין געווארן, כדי דש זאל ניט גיגעבן זיין איין ארט צו דעם [צד הקליפות] דש ער הייסט ארור. קוק און זיך [כי אתה אבינו] ווען גלייך דר עולם איז מיט דר מדרגה פון אברהם בשאפן געווארן, און דר מענש איז אויך מיט גגאנגן בעולם אין מדרגות אברהם הט ער פארט ניט בגערט משתדל צו זיין אויף אונז. דא הקב"ה הט אים גיוויזן [בברית בין הבתרים] דש גלות מתפלל צו זיין ווי אויף ישמעאל דש ער הט גזאגט [בראשית י"ז] [לו ישמעאל יחיה לפניך], דרום שטייט [כי אברהם לא ידענו וישראל לא יכירנו] דש הט ער אין זיין האנד אלי ברכות צו בענטשן זיין קינד, הט ער ניט אלי גבענטשט. נייארט ער הט לאזין אין דר האנט דיא שכינה, דרום שטייט [ויכל יעקב לצוות את בניו] און שטייט ניט [ויברך], אלא ער הט גבעטין דיא שכינה זאל זיי בענטשן, דען די ברכות ווששטייאן [בפ' ויחי] איז ניט כולל אלי שבטים, דען מן גפינד אויך ניט דש ער הט גיבענטשט ראובן שמעון לוי, [כי אתה י"י אבינו] דען דו ביסט איבר אונש גישטאנן אלי מאל משגיח צו זיין און צו בענטשן אז איין פאטר אויף זיין קינדר איז זיך משגיח וואש זייא בדארפין, [גואלינו מעולם שמך] דוא ביסט אונזר גואל וויא עש שטייט [המלאך הגואל] דש איז דיין נאמן, דרום זאגט ער [גואלינו מעולם שמך] מיט דיין נאמן. אזו אויך זאגין אונזרי חכמים אן שאר ניט מפסיק זיין [בין גאולה לתפלה] דהיינו צווישן [גאל ישראל, ברוך אתה וכו' פון שמונה עשרה], אזו אויך מען שאר ניט מפסיק זיין צווישן [תפלין של יד און תפלין של ראש], דען דש איז אלש איין טעם פון [גאולה לתפלה], צו ווייזן אז אלש איז איין ייחוד. דרום זאגין זייא [גואלינו מעולם שמך] דיא גאולה איז זיין נאמן לתפלה דאש דא איז דיין נאמן:

רבי יצחק ורבי יודא זיינן גיזעסן איין נאכט און זיינן עוסק בתורה, זאגט רבי יצחק צו רבי יודא מיר האבן יוא גלערנט דש הקב"ה הט בשאפין די וועלט, הט ער גימאכט דען אונטרשטן עולם אז דש גישטאלט פון עולם עליון, און אלש איינש קיגן דען אנדרן כדי עש זאל זיין איינש וויא דש אנדרי, און ער איז דר כבוד לעילא ולתתא, זאגט רבי יודא ודאי איז עש אזו און הקב"ה הט בשאפן דען מענשן איבר אלים, וויא דער פסוק זאגט אין [ישעיה מ"ה] [אנכי עשיתי ארץ ואדם עליה בראתי], איך הב גימאכט די ערד פון וועגן דעם מענשן דש איך האב דרויף בשאפין, דש ער איז דר קיום פון גאנצין עולם דש אלש זאל זיין אין איין שלימות [ער זאגט ווייטר סודות די נשמה ווי זי בשאפן ווערט]: קוק און זעה דא הקב"ה הט דען מענשן בשאפן הט ער איין גזאמלט זיין ערד פון פיר זייטן וועלט, און האט אים גימאכט אין דעם ארט פון בית המקדש שלמטה און הט אים גיגעבן איין נשמה פון בית המקדש שלמעלה, און דיא נשמה איז נכלל אין דריי מדרגות, דרום הט ער אין זיך דריי נשמות נפש רוח נשמה, נפש איז דיא אונטרשטי מדרגה, רוח גוועלטיגט אויף נפש דש איז דר קיום פון דען נפש, און די חלק נשמה איז איבר אלים דיא מדרגה הקדושה איבר אלי, און דיא דריי מדרגות זיינן נכלל אין דיא מענשן דיא זיינען פרום צו טאן דינסט פון אירן הערן. דען צום ערשטין איז בייא דען מענש דש [חלק הנפש], דש דר מענש ווערט דער מיט אן גברייט ווען דער מענש קומט זיך מטהר צו זיין מיט דען נפש און האלט דש חלק הנפש [בקדושה וטהרה], אזו ווערט עש איין כסא צו דען רוח און ווערט גקרייננט מיט דען חלק רוח: נאך ווען ער זיך אויך ווייטר מקדש איז און בדייט זיך אן איין דינסט פון הקב"ה ווי עש זאל זיין, דעשט מאל איז ער זוכה צו דען [חלק הנשמה הקדושה] די איבערשטי מדרגה איבר נפש רוח. דש ער ווערט גקרייננט מיט דר היילגי מדרגה די איבערשטי, דען הייסט ער גאנץ אין אלי זייטן דר דורך זוכה צו זיין צעולם הבא, און ער הייסט דר אוהב פון הקב"ה, אז דר פסוק זאגט אין [משלי ח] [להנחיל אוהבי יש] ווער זיינן די [אוהבי יש] דיא זוכה זיינן דש דיא נשמה הקדושה איז אין זיי. פרעגט רבי יצחק ווי קאן דש זיין דש די מדרגה פון חלק הנשמה האט אזו איין מדרגה, עש שטייט דאך ביי [דור המבול] ווער הט גיהאט [נשמת רוח חיים] זיינן גשטארבן זיי זיינן דאך רשעים גוועזן ווארום שטיט דען ביי זיי [נשמת רוח חיים]. שפראך ער צו אים דר פסוק גייט ניט אויף די רשעי' די אין מבול זיינן אומגקומן, נייארט אויף די צדיקים די זיינן גיוועזן אז [חנוך און ירד] די זיינן אלי גישטארבן ווייל נאך טרוקן איז גוועזן פאר דעם מבול

מבול, כדי דש זיי זאל קיינם האבן דר זאל מגין אויף זיי זיין, דרום הט הקב"ה זיי אוועק גינומן דר פֿיר. דרום שטייט ווער הט גיהאט [נשמת רוח חיים] דש זיינען די צדיקים זיינן גישטארבן פֿר דען מבול ווייל נאך טרוקן איז גוועזן [ווייטר זיינן סודות ביז יהודה מיט יוסף], און דרום ווייל יהודה איז איין מלך גוועזן, און יוסף איז איין צדיק גוועזן קענן זיי ביי אננדר צו זיין, דען ווען זי צו אננדר קומן זיינן זיא גורם [כמה טובות בעולם]. שלום צו אלי שבטים. שלום צו יעקב דש זיין רוח הט איין קיום גהאט דורך דעם· ווי דר פסוק זאגט [ותחי רוח יעקב אביהם]:

רבי יודא ור' יוסי קומן אין דר שטאט די הט גהייסן [כפר חנון], זיי זיצן אין דר הערבריג, אזו קאם אריין איין מענטש און איין אייזל מיט איין לאסט פֿר אים און גינג אויך אין דעם הויז. אין דעם שפראך ר' יודא צו ר' יוסי מיר האבן דאך גילערנט דש דוד המלך הט גישלאפֿט נאר אז איין פֿערד דש איז גאנץ ווייניג, ווי איז ער אויף גישטאנדן אלי מאל האלבע נאכט ווי ער הט גזאגט [חצות לילה אקום להודות לך] ווען ער הט נאר גשלאפֿן אזו ווייניג איז ער דאך פֿריער אויף גשטאנען· דר מאן שפראך צו אים בשעה דש די נאכט ווער איין גיגאנגן דא זילט ער מיט אלי זייני טריט און איז דן משפטים און ווער עוסק בתורה ביז עס קאם ניט ווייט פֿון מיטר נאכט הט ער גשלאפֿן ביז האלבע נאכט און ווער אויף גישטאנדן אין האלבע נאכט און איז עוסק בתורה אין [עבודות הקב"ה בשירות ותשבחות], דרום ווייל דוד המלך איז [חי וקים לעולם ולעולמי עולמים] און דוד המלך הט זיך גיהיט [כל ימיו] דש ער זאל ניט מער צו [טעם מיתה], דען דער שלאף איז איין חלק פֿון [ששים במיתה], עס זיינן זעכציג שלאפֿן ווייניגר מיינט די זיינן אי פֿון נ"ט, און ווייטר איז דר מענש [טועם טעם מיתה] און שלאפֿט אן אים דר רוח הטומאה, און דרום הט זיך דוד גהיט און הט משער גיוועזן דעם שיעור פֿון דר נאכט דש ער זאל בלייבן אלי מאל חי און ניט שלאפֿן ווייניגר אז נ"ט שלום, דש ער זאל ניט פֿר זוכן [טעם מות] און זאל ניט אויף אים געוועלטיגן נייארט די (חיים עליונים), און אז עס קומט מיטן נאכט און די קדושה עליונה הייבט אן צו דר וועקן און איין מענטש שלאפֿט אין זיין בעט און בגערט זיך ניט צו דר וועקן משגיח צו זיין אן כבוד הקב"ה, דא איז ער אן גבונדן אן טויט און איז בהעפֿט אן דר טומאה, דרום איז דוד אויף גשטאנען משגיח זיך זיין אן כבוד הקב"ה אלי מאל צו בהעפֿטן איין חי אן אנדרן חי, דען (דוד מלך ישראל איז חי וקים לעולם) און ווער שלאפֿן זעכציג שלום אן מיינט ווי איין פֿערד און ניט גאנצי זעכציג. דא קומן ר' יודא ור' יוסי און קושן אים און שפראכן צו אים ווי איז דיין נאמן, ער שפראך (חזקיה) זיי שפראכן (יתייאשר חילך ותתקן אורייתך) נאר דו זאלשט ווייטר גישטארקט ווערן אין דר תורה. שפראך רבי יודא צו אים ווייל דו האסט אן גיהובן זאג אונז ווייטר פֿון די סודות עליונים, ער וואר זיי זאגן גרושי סודות. אין דעם קאם ר' אליעזר אז ער זיי זעהט זאגט ער בוודאי איז דיא שכינה מלויה אין וואס זייט איר (עוסק) זיי זאגן אים דש מעשה. שפראך ר' אליעזר וודאי הט ער רעכט גזאגט און זיינען זיך מתחבר ביי אננדר און זיינן עוסק בתורה, הייבט אן ר' אליעזר (וה' אלהי ישועתי יום צעקתי בלילה נגדך), קום און זעה דוד המלך ווער אויף גישטאנען אין האלבע נאכט און ווער (עוסק בתורה בשירות ותשבחות) משמח צו זיין הקב"ה, דען דש איז דר (עיקר שבח) פֿון דר מלוכה דש גיזעהן ווערט אויף דר ערד, דען אויבן הייבן אן (כמה מלאכים בשמחה) דיא שירה אין וויא פֿיל מינים אויף אלי זייטן צעלה, אזו אויך אונטן אויף דר ערד ווער דא הקב"ה לובט בייא נאכט לשמה במארץ דא בגערט הקב"ה אן אים, און אלי מלאכים הקדושים די דא לובן לשם הקב"ה די פֿר נעמן אלי דש קול פֿון דעם זינגען דר דא איז [משבח להקב"ה לשמה במארץ], דען דש איז דר עיקר שלימות דש דר שבח פֿון הקב"ה גייט ארויף פֿון דר ערד· קום און זעה דוד זאגט [יי אלהי ישועתי יום] ווען איז הקב"ה איין הילף בייא טאג דעם זעלבגן טאג אז איך האב מקדים גוועזן דיא נאכט דר פֿיר מיט [שירות ותשבחות] צו דיר: דען ווער זיך מקדים איז ביי נאכט צו לובן הקב"ה מיט דר תורה דען ווערט ער גישטארקט ביום פֿון [יד ימין הקב"ה] און ווערט אויף אים גיצוגן איין שנור פֿון חסד, דרום זאגט דוד גאט איז איין העלפֿר ביי טאג מיט דעם שנור פֿון חסד ווען איך די נאכט דר פֿיר עוסק בתורה בין [יום צעקתי בלילה נגדך], דרום זאגט ער אויך [לא המתים יהללויה] עס קער צו לובן צו הקב"ה די חיים די ניט שלאפֿן ווייניגר אז ניין און פֿופֿציג שלום, אבר די ווייניגר שלאפֿן דא איז שולט אויף זיי דר טויט [לא המתים יהללויה]. [ואנחנו] און מיר דא אן מום הט דר טויט קיין שליטה ניט [נברך יה] מיר וועלן לובן גאט, און ווער זיך מדבק איז צו הקב"ה דר הייסט חי, דרום שטייט [ואתם הדבקים בה' אלהיכם חיים כלכם היום] זיי זאגן ווייטר גרויסי סודות. זאגט ר' יודא וואלן צו די צדיקים דש מיר גיזעהן איז הייל [שלום בעולם], דען זי ווייסן מיחד צו זיין דען ייחוד און זיינן מקרב צו מעהרן שלום בעולם, דען מייער [יהודה און יוסף] זיין צו אננדר גנעהנט איז קיין שלום גוועזן בעולם, און אז זיי זיינן צו אננדר גקומן דא איז גגרייט גווארן שלום, און שמחה איז גמערט אובן און אונטן [סודות בדרך נגלה]:

וְלֹא יָכֹל יוֹסֵף לְהִתְאַפֵּק לְכֹל הַנִּצָּבִים עָלָיו. ר' חייא הויבט אן [פזר נתן לאביונים צדקתו עומדת לעד קרנו תרום בכבוד], קום און זעה הקב"ה הט בשאפֿן דעם עולם און הט מאכן גיוועלטיגן דעם אדם ער זאל זיין איין מלך איבר אלי, און דר מענטש ווערט פֿון אים גשיידן [בעולם וויא פֿיל מינים], א טייל צדיקים א טייל רשעים א טייל חכמים א טייל נארן און אלי זיינן קיים בעולם ארעמע און רייכע און אלי מזכה צו זיין צו שפייזן איינס מיט דעם אנדרן, דר דורך איז דר מענטש [זוכה לחיי עולם] און ווערט אן גבונדן אן דעם עץ החיים, און ניט דש אליין אלא דורך דר צדקה איז ער מקיים דעם עולם, עס שטייט [פזר נתן לאביונים צדקתו עומדת לעד] ווען ער גיבט צדקה און איז מקיים דען עולם און די צדקה שטייט איביג שטייט ווייטר אין פסוק [רשע יראה וכעס] דש איז דש מלכות פֿון די קליפות: דרום שטייט אויך [מתן בסתר יכפה אף] איז [רשע וכעס] די כוחות ווערן בטל דורך צדקה:

רבי יוסי הוב אן עש שטייט בייא אליהו [ויקרא אל ה' ויאמר הגם אל האלמנה אשר אני מתגורר עמה הרעות להמית את בנה] קום אונ זעה ווי האבן גירעט קיגן הקב"ה [משה אונ אליהו], משה זאגט [למה הרעותה לעם הזה] ווארום האשטו גאיבלט דען פאלק. אליהו זאגט אויך דו האשטו גאיבלט צו טיטן איר זון. אונ אלי ביידי האבן גירעט איין זאך, משה זאגט [למה הרעותה] דוא האשט גיגעבן רשות די קליפות זיי זיינן צד הרע זאל שולט זיין אויף ישראל, אזו זאגט אויך אליהו דוא האשט רשות גגעבן דיא קליפות צו נעמן דיא נשמה פון איר קינד, זאגט אליהו [הגם אל האלמנה] דש הקב"ה האט גירעט צו אליהו איך האב גיבאטן איין [אשה אלמנה] די דיך זאל שפייזן, אונ ווער עש שפייזט זיין חבר ווען ער דארף אדער אין הונגר, דר האט איין מחיה אן עץ החיים אונ איז גורם דש חיים צו זיך אונ זייני קינדר. אונ היינט די אלמנה דיא איך האט גישפייזט זאל גוועלטיגן דר רע אן איר קינד. אונ ווען אייכר איין [נפש מקיים] איז אויף דען עולם, קער ער צו האבן דאש לעבן אונ בהעפט צו זיין אן עץ החיים ווי זאל גוועלטיגן דר טויט דאש איז דר רע אן איר, דרום זאגט ער [למה הרעות]. אוב דוא וועלשט זאגן דאש קיין רע ווערט ניט גיטאן דען מענטשן פון הקב"ה, קום אונ זעה ווען דר מענטש גייט צד ימין אין דיא רעכטי וועג דא היט אים הקב"ה אלי מאל. אונ דר צד הרע קאן אויף אים ניט שולט זיין ער ווערט אונטר טאן פאר אים. אבר ווער זיך בהעפט צד הרע דא ווערט אפ גיטאן פון אים דיא שמירה פון הקב"ה, אונ אז דר צד הרע זעהט דאש קיין שמירה איז אויף אים דען געוועלטיגט ער אויף אים, אונ קומט אים מכלה צו זיין דען גיבט אן אים רשות אונ נעמט אים זיין נשמה. משה זאגט [למה הרעות] דאש איז גיגעבן געווארן רשות דען צד הרע צו דיכען מיט ישראל אין גלות. אדר נאך איין פשט ער זאגט [למה הרעותה] ער זעהט ווייא פיל פון זייא זענן גשטארבן אונ זענן מיבר ענטפערט געווארן אין דען [יצר הרע]. קום אונ זעה בשעה אז דר צד הטוב איז, דער וועקט זיך אלי פרייד אונ טוב אונ אלי ברכות ווערן גיפונן אונ אלש שטיל שווייגדיג: אונ דרום זאגט מן [ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד] שטיל ניט הויך מכוון צו זיין דען יחוד ווי עש קער צו זיין: זאגט ר' חייא ווייל אליהו איז אזו איין מדרגה גיוועזן ער האט גזר גיוועזן אונ הקב"ה האט מקיים גיוועזן, ער האט גזר גיוועזן אויף דיא הימל דאש זאל ניט נידרן קיין טויא אונ רעגין, איז צו פרעגן ווי ער האט זיך גפארכטן פאר איזבל דש זי הט צו אים גשיקט זיא זאל אים ממית זיין איז ער אנטלאפן געווארן ווארט האט ער זיך דארפן צו פארכטין פאר איר: ענטפערט רבי יוסי ווייל דיא צדיקים וועלן ניט מטריח זיין הקב"ה ווא איין היזק געווייכליך איז. אזו אויך [שמואל הנביא] דש ער איז גגאנגן צו זאלבן דוד, זאגט ער צו הקב"ה ווי זאל איך גיין ווען שאול ווערט געווארר ווערט ער מיך ממית זיין. זאגט הקב"ה נעם דיר איין רינד אונ זאג דוא גייסט מקריב זיין דארטן, דען דיא צדיקים וועלן ניט הקב"ה מטריח זיין ווא גיווענט איין היזק איז: ווייטר זאגט ער גרושי סודות ווארום אליהו איז געווארן איין מלאך, עש שטייט בייא אים [והנה רכב אש וסוסי אש] דען ער וואר זיך אויס ציהן זיין גוף פון זיין רוח אונ איז מסולק פון דען עולם ארויף. ניט ווייא איין אנדרר אונ איז גווארן אייכר פון דיא מלאכים קדושים ווייא אנדרי קדושים עליונים זענן, אונ האט גיטאן שליחות פון הקב"ה אויף דען עולם ווייא זיך דער פיר הקב"ה האט צו אים בווזן [ויאמר מה לך פה אליהו ויאמר קנא קנאתי], זאגט הקב"ה ביז ווי לאנג ווערשטו צו מיר מקנא זיין, שליס צו דיא טיר דאש קיין מיתה קאן אן דיר שולט זיין אייביג, אונ דר עולם קאן דיך ניט סובל זיין מיט דיא לייט, זאגט ער צו הקב"ה זיי האבן פאר לאזן דען ברית מילה. שפראך הקב"ה [חייך] בייא דיין לעבן דש אלי מאל ווען אייני קינדר ווערן מקיים זיין די מצות מילה זאלשטו דער בייא זיין, דרום ווען איין ברית מילה איז מוז מן מאכן איין שטול צו אליהו: אזו אויך וועלכר מאן דער איז [מקנא קנאת ה' צבאות] ווייא פנחס אונ אליהו גטאן האט, דא קאן דער מלאך המות אן אים קיין שליטה האבן אז ווי אן אנדרי אונ איז מיט אלים בשלום: דרום שטייט ביי פנחס [הנני נותן לו את בריתי שלום]:

וַיִּפּוֹל עַל צַוְּארֵי אָחִיו וַיֵּבְךְ׃ זאגט רבי יצחק האבן דאך אונזרע חכמים גיזאגט דאש יוסף האט געווייכט דאש עש ווערן צוויא מאל חרב ווערן דאש בית המקדש דש איז גישטאנען אין [חלק בנימין], דען דאש בית המקדש הייסט צואר: ער הוב אן [כמגדל דוד צוארך בנוי לתלפיות]. דאש בית המקדש איז גיגליכן אז איין האלז דש דרמן הענגט אלי ציירונג אונ שונהייט פון גוף: אזו איז דאש בית המקדש די שונהייט פון גאנצן עולם, אונ אז עש איז חרוב גווארן זאגט דר פסוק [על צוארינו נרדפנו] אויף דען בית המקדש דאש איז דש האלז אונ די שונהייט פון די גאנצי וועלט [נרדפנו] זענן מיר ווארן גיזאגט, מיר זיין שון מיד עש צו בויאן צוויא מאל, [לא הונח לנו] זיא לאזן אונז ניט אונ בלייבט חרב אונ איז ניט דר נאך גיבויאט, ווייא איין האלז ווען ער איז פאר דארבן ווארר דר גאנצר גוף מכולה מיט אים: אזו דש מקדש ווייא דאש בית המקדש איז חרוב גווארן אונ פר פינצטרט, איז אויך די גאנצי וועלט פר פינצטרט גווארן אונ לייכט שון ניאר. אזו דיא הימל אונ דיא ערד אונ דיא זון אונ דיא שטערן. איז פר פינצטרט גווארן דרויף האט יוסף גוויינט: אונ דר נאך האט ער גוויינט אויף דיא שבטים דאש זייא ווערן פאר טריבן ווערן, ווייא דאש בית המקדש איז חרוב גווארן זיינן זייא אלי פר שפרייט גווארן אין עולם צווישן דיא אומות, דרום שטייט [וינשק לכל אחיו ויבך עליהם], אויף זיי אלי ודאי האט ער גיוויינט צום ערשטן אויף [חורבן צוויא בתי מקדשות] אונ דער נאך אויף גלות פון דיא [עשרת השבטים] דיא ווערן פאר טריבן ווערן צווישן אלי אומות: [ואחרי כן דברו אחיו אתו] ווארום שטייט ניט אויך [ויבכו] זייא האבן גיוויינט. אלא ער האט גוואושט דאש אלץ ברוח הקודש, אונ זיי האבן ניטש גוויינט זיי האבן ניטש גוואושט: [והקול נשמע בית פרעה] ווארום שטייט והקול אן דר ו', דרום זאגט רבי אלעזר דאש איז דיא שכינה דיא האט גיוויינט אויף [חורבן בית המקדש אונ גלות ישראל], עש שטייט הינן [והקול נשמע] אונ שטייט דארטן [קול ברמה נשמע] ווייא דארטן איז דיא שכינה אזו אלהי' אויך דיא שכינה: רבי אלעזר הוב אן [נכספה וגם כלתה נפשי לחצרות ה' וגו'] קום אונ זעה מיטלבר מענטש דר דא איז מתפלל תפלה פאר זיינם

הערן, דא מוז ער מקדים זיין ברכות בכל יום ויום, אונ מתפלל זיין פאר זיינם הערן אין דר צייט ווען עס בדארף [ערב ובוקר וצהרים] אונ דיא תפלות מוזן זיין אלי טאג צו בגרייפן אן אים, אונ ווער מתפלל איז אונ שטייט פאר זיינם הערן דר דא זאל ניט ווערן גיהערט זיין קול פון דר תפלה: אונ ווער לאזט זיין קול הערן אין דר תפלה דא ווערט זיין תפלה ניט צו געהערט: [וירא את העגלות אשר שלח יוסף] ער האט זיך פון אים פורט גוועזן אין דר פרשה פון [עגלה ערופה], קום אונ זעה דא זיך יוסף האט פורט גוועזן פון פאטר איז ער אוועק געגאנגען אן לויה אן מלויה, דא איז גוועזן וואס דא איז גוועזן: אונ אז יעקב זאגט [טרף טורף יוסף] זאגט ער [כי ארד אל בני אבל שאולה] דען איך האב עס גורם גוועזן. אונ האב אויך גוויסט דיא ברידר האבן אים פיינט האט איך אים ניט זאלן צו זיי שיקן: [אנכי ארד עמך מצרימה] פון מצרים זאגט איר דאס דיא שכינה איז מיט ישראל גיוועזן אין מצרים אונ וואו נאר ישראל זענן פר טריבן גיווארן איז דיא שכינה מיט זיא פאר טריבן, ווען ישראל ווערן אויס דען גלות ארויס גיאן, שטייט [והביאו את כל אחיכם מכל הגוים מנחה] דס איז בקיצור וועגן סודות:

פרשת ויחי.

וַיְחִי יַעֲקֹב ווארום איז די פרשה מיט דר אייברשטי פרשה אין דר תורה ביי אננדר, אונ איז מער פאר שטאפט ווידר אלי סתומות זיין אין דער תורה: דען אז יעקב איז געשטארבן האט זיך דאס גלות אן גיהובן אין מצרים, זיינן זייערי אויגן פר שטאפט גווארן פר גרושן שעבוד אונ גלות: רבי שמעון זאגט דר פיר שטייט (וישב ישראל בארץ מצרים) דר נאך זאגט ער (ויחי יעקב), ער וויל דיר ווייזן דאס וויא זייא זיינן גיוועזן אין תענוגים פון (תענוגי מלכות) אונ אלע עונג אונ תאות לבות צו זיך. אפילו אויך יעקב איז גיוועזן גישטאנן אין אלע תענוגי מלכות. דרום קערן די פרשות צו אננדר זיי זיינן גלייך דרום הייסט ער ויחי, דען אלע זייני טעג זיינן גיוועזן אין מיטן צער, וויא ער זאגט (איוב ג') לֹא שָׁלַוְתִּי וְלֹא שָׁקַטְתִּי אבר וויא ער איז גיקומן אין מצרים הייסט ער [ויחי] דאס איז זיין עיקר לעבן גיוועזן. ער זעהט זיין זון מלך, אלע קינדר זיינן צדיקים, אונ אלע זיינן אין אלע [תענוגי מלכות] זייא האבן גילעבט אז דיא מלכים אין תענוגים. אונ ער זילט צווישן זייא אז וויא גוטר וויין זילט אויף דיא הייבן. דרום איז קיין אונטר שייד ניט צווישן [ויפרו וירבו מאד צו ויחי יעקב], דען אזו איז ראוי צו זיין: [שבע עשרה שנה], ווארום [שבע עשרה שנה] אלא זאגט ר"ש אלע טאג פון יעקב זיינן מיטן צער גיוועזן, ווען ער הט געזעהן יוסף איז אים גלייך גוועזן אז ער זעט זיין מוטר רחל. דען די שונהייט פון יוסף איז גלייך גוועזן צו די שונהייט פון רחל ווען ער הט אים געזעהן איז אים גלייך גיוועזן אז גאר קיין צער ווער אויף אים איבר פארן: אונ אז יוסף איז אוועק גיקומן פון אים שטיט [ויוסף בן שבע עשרה שנה היה רועה] אונ אלי זייני טאג האט ער ניט אזו פיל צער גיהאט אז דער צער פון יוסף האט ער אלן גיוויינט אויף דיא י"ז שנה פון יוסף; דא זיך דער נאך דיא שכינה צו אים בווייזט אונ ווייסט אז יוסף לעבט, זאגט הקב"ה צו אים איך וויל דיר געבן אנדרע זיבצן יאר: [ויוסף ישית ידו על עיניך] דו ווערשט האבן זיבצעהן יאר [תענוגים והנאות] אונ גילוסטיקייט אונ תאות, דרום שטייט [ויחי יעקב בארץ מצרים שבע עשרה שנה], תנא איר האבן גילערנט דיא גאנצי צייט איז דיא שכינה בייא אים גיוועזן, דרום הייסט זייא חיים, דרום שטייט [ותחי רוח יעקב אביהם] פון דר צייט אן אז ער הט גיוואר גיווארן אז יוסף לעבט וואר ער לעבן, אונ ניט דער פיר וואר זיין רוח [מת], דען דער רוח של מעלה רואט ניט וואו צער איז: זאגט רבי יוסי דיא שכינה רואט ניט נאר אויף איין ארט וואו גאנץ איז אונ ניט וואו אום לוסטיג אונ טרויריג איז נייארט וואו גאנץ איז אונ שמחה, דרום ווייל יוסף איז פר לארן גיוועזן דא וואר ער אלש אום לוסטיג רואט ניט די שכינה אויף יעקב: זאגט רבי אבא עס שטייט [עבדו את יי בשמחה באו לפניו ברננה] דען עס איז קיין עבודה פר הקב"ה נייארט מיט שמחה, דען דיא שכינה רואט ניט וואו אום לוסטיקייט איז, דרום שטייט ביי אלישע [והיה כנגן המנגן] אז ער הט גשפילט איז אויף אים גיקומן דיא נבואה [ותהי עליו רוח אלהים], ער האט מוזן דרייא מאל דר וועקין אויף זיך דיא רוח נבואה:

וַיִּקְרְבוּ יְמֵי יִשְׂרָאֵל לָמוּת. זאגט רבי חייא עס שטייט [ויחי יעקב בארץ מצרים] צו זיינם לעבן זאגט ער דעם נאמן יעקב, אונ צו זיינם שטארבן זאגט ער [ויקרבו ימי ישראל למות], דער נאמן ישראל איז דאך מער מעלה אונ העכרה מדרגה אז יעקב. זאגט רבי יוסי אזו איז עס גוויס דרום אויך שטייט ניט [ויקרב יום ישראל למות], נייארט ימי איז טייטש פיל טעג שטארבט, דען דר מענש אין פיל טעג ער שטארבט דאך אין איין שעה אין איין רגע, ווארום שטייט עס זיינן גנעהנט די טעג צו שטארבן עס קער צו שטיין דר טאג לשון יחיד. אלא אזו האבן איר גילערנט, ווען די צייט קומט אז הקב"ה וויל צו זיך נעמן ווידר דען רוח פון מענשן אונ ער זאל שטארבן, דא ווערן אלי טעג דיא דער מענש איז גוועזן בעולם גילייזט אונ גרעכנט, אונ אז זייא גינעהן פר הקב"ה איין צו גיאן פר אים אזו שטארבט דער מענש. אזו נעמט הקב"ה זיין רוח ווידר צו זיך, דען דעם [הבל] דער אויס אונ איין גיאט אין אים קערט ער צו זיך: וואול דעם מענשן דס זייני טעג קומן פר הקב"ה אן חרפה אונ קיין טאג פון זייני טעג ווערן אויס גשטוסן למעלה מיט גרויסי חרפה, אבר וואול דיא צדיקים דאס אלי טעג גיאן איין פר הקב"ה. דרום שטייט בייא דיא [צדיקים קריבה ויקרבו ימי ישראל ויקרבו ימי דוד] איז לשון גינעהנן דען זיי גיאן אלי פר הקב"ה אן ביוש מכח דיא מעשים טובים דיא

אין

אין זיי איז גיטאן געווארן. אזוי אונ וויא צו דיא רשעים דאס ביי זיי ניט שטייט [ויקרבו] וויא זאגן זייא זיך גינעהנן פאר דען אוך עליון ווען זייא זיין אייטל חטאים, דרום גנעהנן זיי ניט אונ ווערן ניט גילייזט פר הקב"ה אונ ווערן ניט גדאכט אובן, דען דיא טעג פון רשעים זיינן פר דארבן אונ פאייכט פר הקב"ה: אויך זיי שטייט [דרך רשעים כאפילה לא ידעו במה יכשלו] אבר אליהו שטייט [ויקרבו ימי ישראל] און חרפה, נייארט גאנצי טעג אין אייטל גאנצי שמחה. דרום שטייט איצונד [ויקרבו ימי ישראל] דאס איז איין העכרי מעלה אז יעקב, אונ דוא וועלשט פרעגן עס שטייט דאך [ויעקב איש תם] אז אויך בייא יעקב תם איז טייטש שלום גאנץ. אבר די מדרגה פון נאמן ישראל איז העכר. זאגט רבי יוסי בשעה דש די טעג פון מענשן ווערט גילייזט פר הקב"ה עס איז משפטר איין זכות דאס זייני טעג ווערן גלייזט אונ זיינען ווייט פון הקב"ה, אונ איין זכות ווען זייני טעג ווערן גלייזט זיינן זייא נאהנט צו הקב"ה אונ ווערן ניט דר ווייטרט אנ זיינן אן חרפה נאהנט פר אים, וואז ווייער מלק דרום שטייט [ויקרבו ימי ישראל למות]:

וַיִּקְרָא לִבְנוֹ לְיוֹסֵף זאגט ר' יצחק איז דען יוסף אליין געווען זיין זון אונ ניט די אנדרי שבטים, אלא זאגט רבי אבא יוסף איז מער געווען זיין זון אז אלי. דען איר האבן געלערנט בשעה [אשת פוטיפרע] האט זיך גדרונגן אונ וואר מים אילך ער זאל ביי איר ליגן. שטייט [ויבא הביתה לעשות מלאכתו ואין איש מאנשי הבית] עס קער צו שטיין [ואין איש בביתו] וואורם שטייט עס וואר קיינר פון דיא מאנשי הבית דא איז משמע איין אנדרר דר ניט איז פון הויז איז דא געווען, אלא עס איז דא געווען דיא צורה פון יעקב אונ הט זיך בוויזן צו אים, דרום שטייט [ואין איש מאנשי הבית] אבר די צורה פון יעקב וואר דארטן, אז יוסף הוב אויף זיין אויגן אונ דער זעהט דיא צורה פון זיינם פאטר דא בלייבט ער אין זיין שטאנד אונ קיום ניט חוטא צו זיין מיט איר, קום אונ זעה עס שטייט [וימאן ויאמר אל אשת אדוניו] זאגט הקב"ה צו אים דוא זאגסט וימאן הייך בייא דיינם לעבן עס ווערט קומן דיר איין אנדרר וימאן, צו בענטשן דייני קינדר זיי ווערן מיט דעם געבענטשט ווערן, וויא דר פסוק זאגט [וימאן אביו ויאמר ידעתי בני ידעתי] וואורם זאגט ער צווי מאל ידעתי, אלא איך ווייס וואז בשעה דאס דוא ביסט געשטאנען אין דיינם שטאנד ווען דו האסט געזעהן איין צורה אונ האסט ניט חוטא געווען ווייס איך וואז דוא ביסט איין זון. נאך איין פשט איז וואורם זאגט ער [לבנו ליוסף], אלא ווער עס הט אן געזעהן יוסף האט ער מעיד געווען דאס ער איז דר זון פון יעקב דען זיי האבן איינרלייא געשטאלט געהאט. נאך מיינט יוסף הט אים געשפייזט אויף זיין עלטר דרום איז ער מער זיין זון אז אלי, ער רופט יוסף מער אז אלי דען ער הט אין זיין מאכט געהאט אים ארויס צו טראגן אין [ארץ ישראל]: רבי יוסי זאגט וויל דש יעקב הט וואול געוואוסט דש זייני קינדר ווערן דא זיין אין [גלות מצרים] וואורם הט ער ניט וועלן זיין בגראבן דארטן דש זיין זכות זאל אויף זייא מגין זיין: עס שטייט דאך [כרחם אב על בנים] וואו איז דש רחמנות דש ער האט גיהייטן זיי זאלן אים ארויס טראגן: אזא איר האבן געלערנט בשעה דאס יעקב איז גנידרט אין מצרים וואר ער זיך פארכטן, ער שפראך פיל זייכט ווערן מייני קינדר חס ושלום פאר דארבן ווערן צווישן די אומות אונ פיל זייכט ווערט זיך דיא שכינה אב טאן פון זיי, וואס שטייט צום ערשטן [ויאמר אלהים לישראל במראות הלילה אל תירא מרדה מצרימה כי לגוי גדול אשימך שם] פארכט דיך ניכט איך ווער דיך צו איין גרויס פאלק מאכן: אויך פארכטסט דוא דיך איך ווער ניט זיין ביי זיי [אנכי ארד מצרימה] שפראך יעקב איך פארכט איך פיל זייכט ווער איך בגראבן ווערן אין מצרים אונ ווער ניט זוכה זיין צו ליגן בייא מייני אבות, דרום שטייט [אנכי אעלך] איך וויל דיך אויף ברענגן פון מצרים [גם עלה] בגראבן צו ווערן מיט דייני אבות. דרום בגערט ער זיי זאלן אים אויף ברענגן פון מצרים דאס דיא מצרים זאלן אים ניט מאכן פאר איין ע"ז: אונ ער האט געזעהן דש הקב"ה ווערט דר נאך בצאלן אלי זייערי ע"ז, אונ אויך ער זיכט דש די שכינה ווערט איר וואוננג האבן אין מצרים צווישן דיא קינדר ישראל, אונ נאך מיינט זיין גוף זאל ליגן צווישן דיא אבות דען זיין גוף איז גיצוגן געווען פון דיא שונהייט פון אדם הראשון, אונ זיין געשטאלט איז געווען ווי דש געשטאלט פון דעם [כסא הכבוד] דר היילגר אובן, דא קער ער ניט צו ליגן גילייגט צו זיין מיט דיא רשעים אין מצרים נייארט צווישן דיא אבות, דען יעקב איז דר כלל פון דיא ביידי אברהם וואר ליגן צד ימין יצחק וואר ליגן צד שמאל כלל איז ער דער כלל פון ביידי, דרום שטייט [ושכבתי עם אבותי] דען עס דארף צווישן זיי קיין אב שייד ניט זיין ח"ו דרום מוז ער גלייך אהין גיטראגן ווערן צו זיי: [ויקרא לבנו ליוסף] וואס בדארף צו שטיין לבנו, אלא אלי זיין וויל אונ מחשבה איז געווען צו רחל, האט ער בייא יוסף מער גיהאט וויל אונ רוח פון זיין הארץ צו יוסף מער אז בייא אלי, דרום זאגט לאה צו רחל [המעט קחתך את אישי] דען אלי דער רצון פון יעקב איז געווען ברחל, דרום זאגט ער ויקרא לבנו ליוסף:

רבי שמעון הוב אן הַנִּסְתָּרוֹת לַה' אֱלֹהֵינוּ. קום אונ זעה וויא גאר ווייער זאלן די לייט זיין גיהיט פון עבירות וויא זאל דר מענש זיך היטן ניט עובר צו זיין דעם וויל פון זיין הערן, דען איר האבן געלערנט אלס וואס דער מענש טוט אויף דעם עולם ווערט אלס אן געשריבן בספר זייני מעשים אונ גייען איין [בחשבון לפני המלך הקדוש], אונ אלס איז אנטפלעקט פר אים ווי דר פסוק זאגט [אם יסתר איש במסתרים ואני לא אראנו נאום ה'] ווען עס אזו איז ווי זאל זיך דר מענש ניט פארכטן צו זינדיגן פר זיין הערן, איר האבן אויך געלערנט אפילו וואס איין מענש האט במחשבה אונ איז עולה אויף זיין וויל איז אלס גיפונדן אונ ניט פאר לארן פון הקב"ה: קום אונ זעה אין דער נאכט דאס לאה איז איין גיגאנגן צו יעקב אונ רחל וואר איר איבר ענטפערן די סימנים האט יעקב אלס גמיינט ער ליגט ביי רחל, אונ אויך דר [טיפה ראשונה] זאגט ער צו ראובן [כחי וראשית אוני]: אבר הקב"ה דש ער איז ענטדעקט אלי טיפענעס אונ פר בארגנס אונ ווייסט וואס בחשך גשיכט, דער האט אויף געבראכט דען וויל פון יעקב אויף זיין ארט אונ דיא בכורה פון ראובן גאב ער צו יוסף [אחד שכם] דרום וויל די

טיפה

[טיפה ראשונה] פון יעקב איז געוועזן צו רחל אונ ווייל זי איז צו איהר געוועזן הט זי דס אירי ווידר גירעכנט, אונ דאס איז דר טעם דס ראובן הייסט אזו סתם כלומר ראו"בן אונ ניט ראובני זאלט מיין זון, אלא ראובן זאלט מיין זון דרום ווייל זיא האט דאס אלס געוויסט, אונ מיר האבן געלערנט עס איז [גלוי וידוע געוועזן פאר הקב"ה] דאס יעקב זיין רצון איז ניט געוועזן חוטא צו זיין דער מיט דאס ער האט זיין מחשבה געהאט צו דער אנדרי, אז אנדרי רשעים פון עולם דס האבן דעסט מאל זייער מחשבה צו איין אנדרי מטה, דען יעקב האט גימיינט עס איז רחל: דרום שטייט [ויהיו בני יעקב שנים עשר] אבר דיא רשעים דיא אזו טואן אונ האבן זייער מחשבה צו איין אנדער מטה, דא ווערן זיי גירופן [בשם אחר] דאס ידוע איז צו דיא חכמים דרום שטייט [ויקרא לבנו ליוסף בנו ממש] ער איז [מתחלה ועד סוף] זיין זון געוועזן:

בפרשת תרומה ע' רמ"ט] איז ער מאריך אין סוד דאס קיין קליפה קאן ניט אין א"י אריין, אונ דרום אלי נשמות פון אנדרי אומות עכו"ם די דא וואונן דרינן ווען אירי נשמות גייען ארויס איז זיא ניט מקבל אונ שטויסט זי ארויס אונ זיי גייען ארום אונ שוועבן אונ זוכן זיך מתגלגל נאה - גלגולים ביז זיי ארויס קומן גאר אויס א"י. אונ די [נשמות ישראל] די דארטן אויס גייען זיי גייען אריין לקדושה, דען איטליכעס מין גייט צו זיין מין אונ די נשמות ישראל די ארויס גייען אין דעם רשות הקליפות זענן חוזר ומתגלגל ביז זיא קומן אריין וואו זיי קערן צו קומן, וואלן זיין חלק דס זיין נשמה גייט ארויס [ברשות הקדושה] [בפתח ארץ הקדושה] ווען די נשמה גייט ארויס אין א"י ווען ער ווערט בגראבן דען זעלביגן טאג געוועלטיגט אן איהם ניט קיין רוח הטומאה צו: דרום שטייט ווען מן הט איינם אויף געהאנגן [כי קבר תקברנו ביום ההוא ולא תטמא את אדמתך] דען ביי נאכט איז רשות צו די קליפות צו שוועבן בעולם. אבר אין א"י האבן זיא קיין רשות ניט אויס גינומן ווען זיא קריגן איין כלי אריין צו גיין, דרום שטייט [כי קבר תקברנו ביום ההוא], ווען מען האט מקריב געוועזן דאס קרבן תמיד דיא [אברים ופדרים] דיא דא זיינן פר לעכט געווארן ביי נאכט פון דעם האבן זיא איר הנאה געהאט, ניט אז זיא זיינן אריין געגאנגן נייארט דס אן האט זיא מיט דעם דוחה געוועזן דאס זיא ניט זאלן אריין קומן: אונ דר רויך פון דיא אברים איז אריין גיגאנגן אין דער קרים צו צפון [כוכבא דתהום רבה]. דס פון דעם זיינן זיא דארטן געשפייזט געווארן האט איז געוועזן דער עסן פון דיא [אברים של קרבן של בין הערבים] אונ דער רויך פון [קרבן של שחרית] איז עולה געלייך געוועזן אין זיין אורט אריין וואו ער קעגט אהין. אונ דיא גופות פון די צדיקים דיא זיך ניט האבן גלאזן בעולם הזה נאך די הנאות פון דיא קליפות. אויף אירי גופות איז דיא [קליפה לגמרי] ניט שולט. דרום ווייל זיא זענן ניט נאך גיגאנגן נאך אירי [הנאת הגוף בעו"הז] אזו ווי דיא יוא גייען נאך [תענוגי עולם הזה] נאך אירי תענוגים נאך דר גוף ווערט יוא טמא, ווען דיא נשמה גייט ארויס האבן דיא קליפות קשות אין אחיזה אן אירן גוף מטמא צו זיין. אבר דיא צדיקים דיא זיך ניט אנדרשט מתענג זיינן אז פון [תענוג מצוה סעודות שבת וימים טובים וזמנים] דא קאן דר רוח הטומאה ניט דראן שולט זיין: וואס איז דעם מענטש דאס פון איהם קיין הנאה האט: ווער עס שטארבט [בחוצה לארץ] אונ זיין גוף ווערט טמא פון רוח הטומאה דער ווערט אין דעם גוף בהעפטעט אונ ווערט ניט בטל ביז ער ווערט פאר פוילט אונ ווען מען מוז איין גוף טמא ברענגט אריין אין א"י צו בגראבן, זאגט אויף איהם דער פסוק אין מיין לאנד איז קיין [רוח הטומאה שולט] אונ איהר ברענגט אריין דעם גוף וואס איז אן געשעפט פון דעם רוח הטומאה זייט איהר מטמא מיין לאנד, אונ הקב"ה טוט דאך איין רפואה צו זעלכי גופות ווען זיא נאך זיינען פאר פולט דען מאכט הקב"ה בלאזן איין רוח דאס דא איז דוחה דען רוח הטומאה ארויס, דען ער איז אם אויף דער ערד דאס זיא זאל ניט טמא בלייבן. יוסף ווען גלייך ער איז דרויסן גשטארבן האט דאך דער רוח הטומאה קיין שליטה געהאט אויף זיין גוף, דרום ווייל ער האט זיך ניט ביי זיין לעבן געלוגן נאך דר רוח הטומאה האט ער פארט ניט וועלן מען זאל זיין גוף ארויף טראגן נאר זיינע ביינר: דרום זאגט ער [והעליתם את עצמותי מזה] אונ ניט דער גוף, יעקב האט יוא גלאזן זיין גוף ארויף טראגן דען ער איז ניט גשטארבן אונ זיין גוף איז געבליבן אין זיין שטאנד, דען זיין מטה איז גאנץ געוועזן צוועלף [שבטים צדיקים] אונ זיבציג נפשות, דרום האט ער זיך ניטשט גיפארכטן פאר דער צד הטומאה דאס זיא ווערט אן איהם שולט זיין. אונ נאך מיינט זיין גוף איז געוועזן אין געשטאלט פון אובן דאס זיין שיינהייט האט בגריפן אויף אלע זייטן אונ אלי אברים פון אדם הראשון האבן בגריפן אן איהם דרום שטייט [ושכבתי עם אבותי ונשאתני ממצרים] דען גאנצן גוף, דרום שטייט מען האט איהם גבאלזאמט דס ער זאל גאנץ בלייבן אין זיין קיום אונ אזו האט עס קערן זיין. אונ אנדרי לייט דס אירי נשמות גייט ארויס אין א"י ווערט איר [נפש וגוף ניצול] פון אלים: דרייא חלקי שמות הייסט דיא נשמה פון מענטשן [נפש רוח ונשמה] אונ אלי זיינן כולל אן אנדר. אונ אין דרייא ערטער איז איר כח, דער נפש איז גפונן אין קבר ביז דער גוף איז פאר פוילט אונ מיט דעם איז זיא זיך [מתגלגל בזה העולם] צו ווערן גפונדן [בין החיים] צו וויסן פון אירן צער, [ובשעת] אז זיא עס בדארף איז זיא [מבקש רחמים] אויף זיא. דער רוח גייט אריין [בגן] דאס דא איז בארץ אונ ווערט דארט מלובש אין דמות פון זיין [גוף בזה העולם] אין איין קלייד דאס זיא זיך דארטן אן גקלייד אונ זי האט דארטן איין הנאה פון דיא [הנאה וחדוה] פון דעם [זיו הגן] אונ אן [שבת וזמנים וראשי חדשים] איז זיא עולה למעלה אונ איז דארטן נהנה אונ איז ווידר [חוזר למקומה] אונ אויף דעם שטייט [והרוח תשוב אל האלהים] אונ דיא נשמה איז גלייך עולה אויף איר ארט וואו זיא איז ארויס גקומן אונ ווייל דיא נשמה גייט ניט ארויף אויף איר ארט דען ווערט דער רוח אין [גן התחתון] ניט גקרייכט, אונ דער נפש ווערט ניט [מיושב] אונטן אויף זיין מקום. אונ אז דיא נשמה קומט יוא ארויף אויף איר ארט דען האבן אלי מנוחה, אונ אז דער עולם איז בצער אונ גייען אויף דעם קברות, דען דר וועקט זיך דער נפש וואס איז [על הגוף בקבר], אונ דער נפש דער וועקט דעם רוח אונ דער רוח דער וועקט דיא

אבות

אבות און גייט ארויף און דער וועקט די נשמה און די נשמה צו הקב"ה דען איז הקב"ה [חס על העולם] ווי אן האט אנדרשט וואו גזאגט פֿון דעם. און ווען די נשמה ווערט אויף געהאלטן דאס זי ניט קאן ארויף קומען אויף מיר אורט. דא גייט דר רוח און שטייט ביי דר טיר פֿון גן עדן און עפֿינט מיר ניט די טיר דא שוועבט זיא און גייט און קיינר איז זיך ניט משגיח אן מיר און זעהט דעם גוף ווי די ווערים זיינן דרינן פֿיל אויף. און אין דעם דין טוט זי קלאגן אויף דעם גוף און אלס איז בעוגט, ביז די נשמה איז אן גבונדן אויף איין אורט אובן, דען זיינן אלי אן גבונדן אין אייער אורט [נפש רוח ונשמה] דען די דרייא זיינן אלי איין קשר. דער נפש שפייזט דעם גוף און איז איין שטול צו דעם רוח דאס זיא ווערט דער לייכט און געשפייזט פֿון אים, דר רוח איז איין שטול צו דער נשמה דאס זיא ווערט דער לייכט פֿון איר לייכט וואס צו איר לייכט ווי וואול דאך זיא זייגען גישיידן זייגען זיא פֿארט קשר אחד, דר נפש ביי דעם גוף בקבר, דער רוח אין [גן התחתון, די נשמה למעלה אין ג"ע עליון], און כל זמן אז די ביינר זייגען נאך אין קבר בלייבט אלס דער נפש דארטן, ובשעה דאס די נשמה ווערט גקריינט למעלה אין דער [עטרת הקוד'], און דער רוח שטייט [באור העליון בשבת ור"ח ומנים] דען דער [נפש בשעה] דאס ער נידערט פֿון דעם [אור העליון] צו וואונן [בגן התחתון], דא לייכט זיא און פֿינקלט ווען זי שטייט פֿאר הקב"ה און ווערט [מוגלם] אז איין גוף מיט אלי ביינר אין גישטאלט ווי זיא איז גוועזין צום ערשטן, די זייגען עולה און לובן און דאנקען צו הקב"ה, ווי דער פסוק זאגט [כל עצמותי תאמרנה יי מי כמוך] דרום שטייט ניט [תאמרת] נייערט [תאמרנה], דר נאך ווערן זיי זאגן [יי מי כמוך], ואלמלא וועלטן רשות זיין צו דען אויג צו זעהן וועלט ער זעהן בשעה דאס [שבת ור"ח יום טוב] אויס גייט אז ווי צורות אויף די קברים דאס זיא לובן און דאנקען צו הקב"ה, קבר דאס שפתות און שמות פֿון די זייט דש אלס אויף דאס זיא ניט ווייסן און זייגען ניט משגיח אויף וואס זיא שטייאן אויף דען עולם, און בגערן ניט משגיח צו זיין [בכבוד מלך עליון בזה העולם] אכ"ש צו ווייסן דען [כבוד בעוה"ב] און אויף וואס זיא שטייאן און ווי זיך די זאכן זייגען [ואתפרש בזמן ר"ה] דאס דער עולם ווערט גידון, און די [כסא הדינים] שטייאן ביי דען [מלך עליון] און צו זיין דעם עולם, דען שוועבין אלי נפשות און זייגן מתפלל על החיים, און [בזמן הושענא רבה] אז דער דין איז שוין אויס גימאכט גייאן זיא און שוועבין צו הערן און צו ווייסן וואס פֿאר איין דין עס איז נגזר גיווארן אויף דער וועלט: און צו ליידן זייגען זיא עס מודיע אין חלום צו די לעבדיגע, אז דער פסוק זאגט [בחלום בחזיון לילה בנפול תרדמה על אנשים] איז דער נפש מודיע דא צייט דאס זיא זאלין [מקבל מוסר זיין], און ביי נאכט ...זט דיזע בריבליך פֿון פסק די זייגען ארויס גיגאנגן און דער שטן ווערט אב גישאן פֿון די זייט, די ווערן גינערט [בזה העולם] דער נפש וואס איר דא זאגין שוועבט: איין משנה דער איז [חותם בכתב מפורש] דער הייסט [ואמ"ן] ער נידערט ארמפן אין דער נאכט: און [כמה

אלפים רבוא רבבות] די נעמען דעם שטן פֿון מיטליכם בזונדער און ברייגגען אים ארויף אובן, און דער נפש גייט און שוועבט און זוכט דען שטן און איז ווידער [חוזר למקומו] אין קבר און רופֿט אויס צו אנדרי מתים דער פלוני ווערט צו מוכט קומען: איז ער איין צדיק פֿרייאן זיך אלי, [ואם לאו] שרייאן אלי ווייא, און אז מען ברענגט ארויף דען שטן ברענגט מען אים צו דען [עבד נאמן מט"טרן], דא נעמט ער דען שטן צו זיך און איז אים מעלה למקומו [ואחותו שעה] גרייט מען אים אן זיין ארט צו דער נשמה פֿון דעם מענטשן און איין ארט צו דעם רוח אין [גן עדן התחתון] און איין ארט צו דעם נפש צו זיין איין מנוחה, און נהנה זיין בשעה דאס זיא שוועבט און גייט. דען עס איז איין נפש דאס דא האט קיין מנוחה ניט. און איז איין נפש דאס אב גישניטן ווערט פֿון דעם גוף די האבן קיין מנוחה ניט: אזוא איין נפש גייט ארום און שוועבט און איז זיך [מתגלגל בכל עולם] און האט גאר קיין מנוחה ניט [יומם ולילה] און דאס איז דער גרעסטער שטראף דאס דער נפש ער ווערט פֿאר שניטן מיט דעם גוף, אז דא שטייט [והכרתי אותה מקרב עמה] אזוא איין נפש האט קיין זכרון גאר ניט אובן: און איז ווידער איין נפש דאס ניט ווערט פֿאר שניטן מיט דעם גוף נייערט [ממקום אחר]: אויף אים שטייט [ונכרתה הנפש ההיא מלפני אני יי] וואס טייטש [מלפני] דאס דער רוח ניט רואט אויף איהם: דען האט ער קיין שותפות ניט צו ווייסן וואס אובן איז און ווייס גאר ניט פֿון וועלטליכע זאכן ווייל דער רוח ניט רואט אויף איהם, און איז אים ניט מודיע דאס הייסט [כנפש הבהמה]: אזוא איין נפש דאס יוא מנוחה האט זעלבר נפש ווען ער גייט און שוועבט בעולם בגעגנט ער אן דען מלאכה ידו"מ מיט זייגע [חיילות ושרים], נעמען זיא דען נפש און ברייגגן אים אין אלע טירן פֿון [גן עדן] און ווייזן אים דעם כבוד פֿון די צדיקים און דען כבוד פֿון זיין רוח און זיא בהעפֿט אן אים [בנחת רוח] אין זיין צבוט, דען רידט זיא [במילין דעלמא] [וזכאין] זייגען די צדיקים די דא זייגען [יראי רבונם בעולם הזה] צו גיין [בשלמה מנוחת לעולם הבא]: קאם רבי שמעון און בעגעגט צרבי אבא און זאגט זכאה זייט איר אייגע קינדער און זכאה בין איך דאס אייגע אויגן האבן דאס גיזעהן, כמה מקומות עליונים] די זייגען צו מוכט אן גיברייט און דער לייכטן אויז לעולם הבא: רבי שמעון זאגט ווי וואול די נשמה פֿון יעקב איז אויס גיגאנגן אין מצרים, דש איז זיא דאך ניט אויס גיגאנגן [ברשות אחר], ווי מיר האבן גילערנט דאס [מיום שנברא עולם] איז ניט גיוועזן אזוא איין גאנצע בעט אז ווי די בעט פֿון יעקב איז גיוועזן, אז ער נאר אוועק פֿון דען עולם גיגאנגן איז תכף זיין נשמה נתקשר גיווארן אויף איר ארט ווי אויבן איז גישטאנן, און אז יעקב איז איין גיגאנגן אין דער מערה דא זייגען גיפֿונן גיווארן אלע ריחות פֿון [גן עדן], און די מערה האט גילויכטן מיט אייטל ליכט און איין ליכט האט גיברענט: און אז די אבות זיינן גיקומען צו יעקב און האבן גיזעהן אלע מצרים די מיט אים זיינן גיקומען, דא איז אפ גיטאן גיווארן

דחט ןייכטונג פון דען ןיכט· חז יעקב חיז חריין גיקוואן
חין דער אערה חיז דחט ןיכט ווידער נו ריק גיקואען,
דחן ווחר דיח אערה גחכן איט חןרןייח ווחט אען בדחרף
זיכר וועןט חיז הןט דיח אערה כיט אקבן גוועזן חיין
חנדרן אענטטן חוכ ווערט כיט אקבן זיין, כייחרט דיח
דיח קערן נו ןיגן דריכן· חוכ חןי [כטאות הןדיקים] אוזן
דורך דער אערה חיבר פחרן פחר דיח חבות דחט זייח
זחןן זיך דער וועקן חוכ זחןן זיהן חיהרי קינדר ווחט זייח
החבן גןחזן בעוןם חוכ זחןן זיך אטאח זיין פחר הקב"ה,
טפרחך רבי חבח ווחט חיז דחט פחןאטין פון יעקב
גיוועזן· חוב דוח ווין̇טט זחגן אען החט עט גיטחן וועגין
דחט זייח אוזין נוים פירן חיבר דען וועג, חיז דחך יוסף
גבןיבין חין אןרים חוכ טטייט דחך [ויאת יוסף ויחכטו
חותו], זחןח אען החט חים גיטחן וויח דער סדר חיז
פון אןכים דחט דער גוף זחן חיין קיום החבן, החט
אען חים גיפחןאסט איט דיח בעטטי חיןן דיח אוכחר
פון חןי חיןן איט בטאים גאיטט, דען החט דער גוף חיין
קיום גיהחט פין ןייט, דען דיח ערד פון חרן ישרחן
חוכ אןרים זייכען בחןד אןנה דען גוף אער חז חןי ןענדער
חזוח החט דחט גיאחכט דעם גוף חיין קיום חוכ יעקב
חיז גוועזן בקיום חיין טטחכד פון [גוף וכפט]. עט החט
אוזן חזו זייכען דחט ער חיז גוועזן דער גוף פון דיח חבות
דרום אוז ער זיין [קיום בגוף וכפט], דעסט גןייכן יוסף
דער חיז גוועזן דער גיטטחןט פון יעקב חין חןים, דרום
חיז ער חויך גיבןיבן [בקיום גוף וכפט], חין קיום הגוף עט
טטייט [ויחכטו חותו], חין [קיום הכפט] עט טטייט [וייטם
בחרן באןרים] ווייל ער חיז גוועזן חיין ןדיק חיז תיכף חויך
זיין כטאה אקוטר גווחרן חן דער טביכה, וויח דער פסוק
זחגט חין [יהוטע י"ח] [הכה חרון הברית חדון כן החרן]
דרום ווייל ער החט גהיט דעם ברית. דרום טטייט
[וייטם] איט ןווייח יודין וויח חיין ןדיק דער ירטכת
דיח [חרן החיים ןאעןה], וויח דער פסוק זחגט [ועאך
כןם ןדיקים ןעוןם ירטו חרן כןר אטעי אעטי ידי
ןהתפחר] :

סליק ספר בראשית.

ספר שמות

וְאֵלֶּה שְׁמוֹת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל הַבָּאִים מִצְרָיְמָה אֵת יַעֲקֹב אִישׁ וּבֵיתוֹ בָּאוּ: וְהַמַּשְׂכִּילִים יַזְהִירוּ כְּזֹהַר הָרָקִיעַ וגו׳.

והמשכילים דיא זיין דיזו דא קלוגן אונ זיין [עוסק בתורה] צו לערנן דיזו [סודות הקבלה] דיא זעלבי [יזהירו כזוהר הרקיע] דיא ווערן לייכטן אונ פינקלן אז דאש אויבערשטי ליכט דש דא לייכט אויז דעם [נהר היוצא מעדן]: דאש פון דעם ליכט ווערן אלי וועלטן געשפייזט אונ נהנה דר פון, דש דארטן איז פאר האלטן אלע סודות התורה דאש דארטן לייכטין [שמש וירח כוכבים ומזלות עליונים], אזו ווערן לייכטן די [בעלי קבלה] (ווייטר זיינן סודות ביז ואלה שמות בני ישראל) איך האב דש דרך קצרה געשריבן [להודיע שבחה של תורה ועוסקיה]: [רבי שמעון] הוב אן נוין [יחזקאל א] הָיֹה הָיָה דְבַר ה׳ אֶל יְחֶזְקֵאל ווארום שטייט צווייא מאל [היה]. אונ נאך מייכט איז צו פרעגן [יחזקאל] איז געווען אזו איין [נביא נאמן] ווארום האט ער מגלה געוועזן אלש וואש ער האט געזעהן. ווען מייכט דר מלך פירט אין זיינע חדרים אונ פאלאצין אונ ווייזט איהם זיינע פר בארגני זאכן זאל ער מגלה זיין וואש ער געזעהן האט, אונ נאך מייכט איר זעהן דאך דש משה דר [נביא הנאמן] האט פיל מער געזעהן אונ האט גאר ניקש מגלה געוועזן. אונ נאך מייכט איר האלטן דאך דש דיא שכינה רואט ניט אין [חוץ לארץ] וויא האט ער געזעהן דאש אלש אין [חוץ לארץ] אונ נאך מייכט דאש רייד זיינן אז ווען איינר ניט רעכט זיניג איז. אלא וודאי יחזקאל איז געווען איין [נביא נאמן] אונ אלש וואש ער האט געזעהן איז געווען במאונה, אונ וואש ער הט [מגלה] געוועזן איז געוועזן ברשות הקב״ה אונ אלש האט מוזן זיין: זאגט [רבי שמעון] ווער דא איז געוואוקסט צו זיין אין לער וויא וואול עש קומט אים צו איין לער דא קאן ער עש דר ליידן עש זאגט אים ווייניג דר אן, אבר ווער דא ניט געוואוקסט איז אין לער, אונ כל ימיו איז ער געוועזן אין תענוגים, אונ קומט אים צו איין לער דא איז איין גאנצר לער דרוף אזו אוך ווייזן: ישראל דיא דא זיינן גינידרט אין מצרים דא זיינן זייא געוואוקסט געוועזן (בצער כל ימיו) פון דעם צדיק דר פאטר איז אייטל צער געוועזן, דרום האבן זייא קענן דר ליידן דעם צער גלות. אבר דר צער פון גלות בבל דר זעלביגר צער איז געוועזן גלך, אויף דען צער האבן געוויינט דיא (עליונים) וויא דר פסוק זאגט (הן אראלם צעקו חוצה מלאכי שלום מר יבכיון), אונ דיא תחתונים וויא דר פסוק זאגט (על נהרות בבל שם ישבנו גם בכינו בזכרנו את ציון): וואש איז דער טעם דרום ווייל זיי זיינן געוועזן אין תענוגי מלכים. אז דער פסוק זאגט (בני ציון היקרים המסולאים בפז), אונ איינאנדר זיינן זיי גינידרט אין גלות אונ טראגן איין שטיין אויף איהרי נקסן אונ דיא הענד זיינן גבונדן געוועזן הינטר זיך, נוא וויא זייא זיינן געקומן אין (גלות בבל) אזו נאריין, געדענקן זייא זיך הקב״ה ווערט זיי שוין פר לאזן לעולם: איר האבן געלערנט (במאתו שעה) האט הקב״ה גרופן זייני גאנצי פמליא אלי זיין חיל אונ (שרים של מעלה) אונ האט צו זיי געזאגט וואש טוט איר היא אונ מיינה קינדר זיינן אין גלות, שטייט אויף אונ נידרט אלי אונ איך מיט אייך אז דר פסוק זאגט (כה אמר ה׳ למענכם שלחתי בבלה) פון אייערט וועגן בין איך גינידרט געווארן אין בבל דאט איז הקב״ה (והורדתי בריחים כלם) דש זיינן דיא (מרכבות וחיילות עליונים] האבן אויך אלי גינידרט: (במאתו שעה) האבן זיך געעפנט די הימלן אונ דיא נבואה רואט אויף יחזקאל אונ זעט וואש ער געזעהן האט, שפראך ער צו ישראל אייער הער איז היא מיט אלי זייני (חיילות מרכבות אי געקומן צו וויסן אייך צו וואונן אין גלות, זיי וואלטן עש ניט גלייבן ביז ער האט אויז אלן מגלה זיין אונ האט געזאגט (וארא ואראה), אונ ווען ער האט נאך מער מגלה געוועזן, דא האט עש אלש אויז זיין אז ישראל זעהן דאט. דא ווארן זייא זיך משמח אונ אז זייא האבן געהערט דיא [דברים ומפיו של יחזקאל] האבן זייא שוין גאר ניט געזארגט אויף דעם גלות. דען זיי האבן געוואוסט דש הקב״ה ווערט זיא ניט לאזן: אונ איר האבן געלערנט אין אלע ערטער וואו זייא זיינן פר טריבן געווארן דא איז דיא שכינה מיט זייא פר טריבן געווארן, וואש שטייט בייא גלות מצרים (ואלה שמות בני ישראל הבאים מצרימה את יעקב) ווען עש שטייט בני ישראל וואש זאגט ער את יעקב עש קער צו שטיין (אתו) מאן (אלה שמות בני ישראל) דאש זיינן דיא (מרכבות וחיילות עליונים) דיא זיינן גינידרט מיט יעקב מיט דער שכינה אין (גלות מצרים). ר׳ חייא הוב אן אין (משלי כ״ג) אַל תִּלְחַם לֶחֶם רַע עָיִן דען דיא הנאה אונ דאש זעלביגי ברוט פון זעלביגן מענטשן איז ניט גוט צו עסין אדר הנאה צו האבן, דען ווען ישראל ווערן גינידרט אין מצרים אונ העטין ניט געגעסין לחם מצרים ווערן זייא ניט געבליבן אין (גלות מצרים) אונ ווערן ניט געווען בצרה: זאגט ר׳ יצחק עש איז דאך איין גזירה געווען (נגזר בברית בין הבתרים): שפראך ר׳ חייא עש איז אלש רעכט שטייט ניט (כי גר יהיה זרעך בארץ מצרים) עש שטייט יוא סתם (בארץ לא להם) זייא ווערן געוועזן אין איין אנדר לאנד אונ ניט אזו בצרה: (ר׳ יצחק) זאגט ווער דא איז איין (בעל נפש) דר פין אונ אער עסט אז איין אנדרר אדר ער גייט נאך זיין (תאות לבו), אונ ער בגעגינט איין (רע עין) דא זאל ער זיך זעלברט שעלטן אונ זאל ניט עסן פון זיינם ברויט: דען עש איז קיין (לחם רע) אין עולם אז פון דעם זעלביגן (רע עין) וואש עש שטיט געשריבן (כי לא יוכלון המצרים לאכול את העברים לחם כי תועבה היא למצרים):

תלתא עש זיינן דרייא די דא אוועק שטויסן די שכינה פון עולם, אונ די מענטשן שרייאן אונ איר קול ווערט ניט גיהערט. צום ערשטן דר דא ליגט (בנידה) דען דוא האט קיין שטארקי שוואכה ניט בעולם אז די שוואכה פון איין נידה, ער איז שוואך אונ אלי דיא גנעהנן צו אים זיינן שוואך, אונ אלי ערטער וואו זיי גייאן ווערט די שכינה אוועק גידרונגן פר זייא, אונ ניט דאש אליין ער איז גורם ביזי קרענק אויף אים אונ זייני קינדר דאש ער אליין איז ווען דר מענש גינעהנט צו דער נידה דיא זעלביגי שוואכה שפרינגט אויף אים אונ ווערט שוואך אין אלע זיינע גלידער, דען דיא קינדר דש ער גווינט אין דר צייט דא ליהט זיך אויף אים דר (רוח הטומאה) אונ אלי זייני טעג איז ער בטומאה דען דר בנין ויסוד פון אים איז (בטומאה), אז דר פסוק זאגט (ותהי נדתה עליו): אונ דאש אנדרי איז ווער דא ליגט ביי איין (בת אל נכר), אונ איר האבן גילערנט עש איז ניט קיין קנאה בייא הקב"ה אז דיא קנאה ווער פוגם איז (בברית קודש). דען דאש איז דר קיום פון (שם הקודש) אונ סוד אמונת היחוד) עש שטייט גשריבן (ויחל העם לזנות אל בנות מואב) בשטאט שטייט (ויחר אף יי בישראל) דיא (ראשי עם) דיא האבן גוויסט אונ האבן ניט גוועהרט דיא זיינן גשטראפֿט גווארן צום ערשטן, אז דער פסוק זאגט (קח את כל ראשי העם והוקע אותם לה' נגד השמש). זאגט (ר' אבא) דר ברית הייסט שמש, אויף אים שטייט (כי שמש ומגן ה' אלהים) וויא דיא זון דער לייכט דעם עולם, אזו לייכט דער ברית דעם גוף [ומגן] וויא איין שילט איז מגין אויף דעם מענטשן אונ בשיצט אים, אזו אויך דער (ברית קודש) איז איין מגן אויף דעם מענטשן: דען ווער אים היט קאן קיין שאדין אויף דר וועלט צו אים גינעהנן, אונ דש איז (נגד השמש) אין מיטליכן דור דיא (ראשים ומנהיגים) דיא זערן דרויף (גשטראפֿט ווען זיי ווייסן), דען דר חטא איז גיווארפֿן אויף זיי אקנא צו זיין צו הקב"ה אויף דעם פגם פון ברית: אונ ווער דא ברינגט אריין דעם (ברית ברשות אחר) אויף אים שטייט גשריבן (לא יהיה לך אלהים אחרים על פני לא תשתחוה להם ולא תעבדם כי אנכי יי אלהיך אל קנא) עש איז אלץ איין קנאה, אונ פון דעסט וועגן ווערט די שכינה פר שטויסן ווער דא איז פוגם אונ פעלשט (בברית קודש) דש דא איז גיחתמנת אן זיין פלייש פון מענטשן, איז גלייך ער מאכט פעלשן (בשם הקודש) ווער דא פעלשט אן (חותם המלך) דר פעלשט אן אלך זעלברט, ער האט קיין חלק אן (אלהי ישראל), נאר דורך גרושע תשובה קאן ער זיך ווידר אתקן זיין: דש דריטי איז ווער דא איז [מאית] דיא קינדר דיא זעלביגי דש זיין ווייב ווערט טראגדיג אונ ער איז גורם מאית צו זיין אין איר גידערם, ער צו פירט דאש בנין פון הקב"ה אונ זיין אומנות, איין אנדרר איז מאית זייט אונ ער איז מאית זיין קינד: הרייא רעות טוט ער דש דר גאנצר עולם קאן ניט סובל זיין, אונ דריבר ווערט דר [עולם מתמוגג] צו גאנגין איינליג וייז, אונ מן ווייסט ניקט, אונ הקב"ה טוט זיך אפ פון עולם, אונ קומט אויף דעם עולם [חרב רעב מות], די דא זיינן מאית אירי קינדר דיא צו פירן דש בנין פון עולם, זיי פר שטויסן די שכינה דש זיא גייט אונ שוועבט אין עולם אונ גפינט קיין מנוחה ניט, אין דרויף וויינט דר [רוח הקודש] אונ דר עולם ווערט גירעכנט מיט אלי דיניס, ווייא צו דעם מענטשן ווי אים עש איז בעסר ער ווערט ניט בשאפן גווארן אויף דען עולם. וואל צו דיא ישראל ווען גלייך דיזו זיינן גוועזן אין [גלות מצרים] זיינן זיי גוועזן פרייא פון אלי דיא דרייא פון [נידה פון בת אל נכר] אונ פון מאית זיין דיא קינדר אונ האבן עוסק גיוועזן [בפריה ורביה] וויא וואל דיא גזירה איז נגזר גוועזן [כל הבן הילוד היאורה תשליכוהו] איז ניט גפונדן גיוועזן צווישן זיי ווער דא האט מאית גיוועזן איין קינד אין מוטר לייב [אכן שכן] דר נאך: [ובזכות זה] זיינן זייא אויז גיגאנגן אויז דען גלות: פון נדה האבן זיי זיך גהיט ר' חייא האט גילערנט וואש מיינט דר פסוק [ויעש את הכיור נחושת ואת כנו נחשת במראות הצובאות] ווארום האבן דאש דיא נשים זוכה גיוועזן, דרום ווייל זיי האבן נידה גהיט אין [גלות מצרים] דש ווען זיי זיך האבן גירייניגט אונ טובל גיוועזן זיינן זיי גיקומן גלירט אונ האבן גיזעהן אין שפיגל מיט איהרן מאן אונ האבן זייא דר וועקט [בפריה ורביה], אונ פון [בת אל נכר] זיינן זיי גהיט גיוועזן עש שטייט [יצאו כל צבאות יי] אונ שטייט [שבטי יה עדות לישראל] וודאי דר [י"ה] איז עדות צו ישראל: [ואלה שמות בני ישראל, שבטי בני ישראל, דבר אל בני ישראל] אויב דוא ווילסט פרעגן עש שטייט דאך [והוא בן איש מצרי], דאש איז וואר איינר איז גיוועזן האט אים דיא תורה מפרסם גוועזן, דרום שטייט [והוא בן איש מצרי ושם אמו שלומית בת דברי למטה דן], אונ [בפריה ורביה] עש שטייט [ובני ישראל פרו וישרצו וירבו] פון דען אלים זיינן די בני ישראל גהיט גוועזן, [בני ישראל] זיינן אריין גיגאנגן, [בני ישראל] זיינן ווידר ארויס גיגאנגן וויא דר פסוק זאגט [ואלה שמות בני ישראל הבאים מצרימה]: ר"ש זאגט אז דיא שכינה איז גנידרט אין מצרים דא איז גנידרט איין [חיה] דאש דא הייסט [ישראל] אין גשטאלט פון דעם [ישראל סבא] דאש איז יעקב, אונ צווייא אונ פירציג [מלאכים הקדושים] מיט אים, אונ איטליכר האט גיהאט איין אות פון דעם [שם הקודש] מיט זיך: אונ אלי זיינן גינידרט מיט יעקב אין מצרים, דרום שטייט [ואלה שמות בני ישראל] [אל"ה] האט אין דער צאל צווייא אונ פערציג קיגן די צוויי אונ פערציג [מלאכים] דיא זיינן איין גיקומן מיט ישראל:

רבי יהודא פרעגט [רבי אלעזר ברבי שמעון] וואש האט דיין פאטר גיזאגט אין דר פרשה [איש וביתו באו], שפראך ער אזו זאגט ער עש זיינן מלאכים איינר העליון אז דר אנדרר, דיא איבערשטן הייסן בשם זכרים אונ דיא וואס אונטר זיי זענן אקבל פון זיי ווערן גירופֿן בשם נקבה, אונ איין נקיבה הייסט בית צו איר מאן, אונ ווייל אלי זייכען גיקומן אין מצרים דרום שטייט [איש וביתו באו] איש דיא הייסן זכרים וביתו דיא הייסן נקבות זיינן אלי גיקומן אין מצרים. [ר' יצחק] איז גישטאנדן פר [ר' אלעזר בן ערך] ער זאגט דיא שכינה איז גנידרט אין מצרים עש שטייט גשריבן [אנכי ארד עמך מצרימה]: שפראך ר"א קום אונ זעה דיא שכינה איז גנידרט אין מצרים מיט יעקב אונ זעקס הונדרט טויזנט [מרכבות קדושים] דרום שטייט [בשש מאות אלף רגלי] דיא אלי זיינן ווידר ארויס גיגאנגן עש זאל שטיין [שש מאות] [אלף כשט] זעה וויא דיא ישראל זיינן אונטן ארויס גיגאנגן אזו זיינן אובן דיא [שש מאות אלף מרכבות עליונות] ארויס גיגאנגן, האבן ישראל גיזעהן אונ גוואוסט דש זיי אובן זאי פון מירכט ווען, דרום האבן ישראל גיאיילט פון מירכט וועגן

דרום שטייט [ולא יכלו להתאהאה] ווארום שטייט [ולא יכלו] זיי קענין ניט, עס זאל שטיין [ולא רצו] זיי האבן ניט געוואלט, אלא בכאת זיי האבן מוזטן ניט קענן וויאן ווען די מלאכים האבן גיוואוט פון אירנט ווינגן, דרום שטייט [את יעקב] אוג שטייט ניט אתו. עס גייט אויף די בני ישראל אובן די זייגן גיקומן מיט יעקב: זאגט ר' יהודה עס איז איין ק"ו, אז דאך יעקב איז ניצל גיווארן פון לבן שטיט [ויעקב הלך לדרכו ויפגעו בו מלאכי אלהים], ווען ער איז גנידרט אין גלות אוג הקב"ה זאגט [אנכי ארד עמך מצרימה] איז בילך ווען דר הער איז מריין גנידרט או זייגה קנעכט זאלן מיט אים נידרן: [ר' חייא] איז גיגאנגן פון אושא כאך לוד אוג איז גריטן בחמור אוג ר' יוסי וואר מיט אים. נידרט רבי חייא מרמב אוג נעמט ר' יוסי ביי די האנד ער שפראך לו אים וועלטן דיא מענטן וויסן דען [כבוד גדול] פון יעקב בשעה דאס הקב"ה האט לו אים גזאגט [אנכי ארד עמך מצרימה] וויא משכטן קוטין אוג אב לעקן די ערד ביז דריי מייל לו זייגם קבר, דען די [אמרי אתניתין] האבן אפורט גיוועזן עס שטיט [ולא אשה לקראת אותנו] מהרן ועהט אוג גיגג אויך [מליצור והנטיאים והזקנים ושאר כל ישראל] זייגן אלי כאך גגאנגן, דען ווער עס זעהט משה גייט אוג זאל נים אויך מיט גיין, נאר ווען אזו איז גיוועזן פון וועגן משה, אכל שכן פון וועגן [כבוד הקב"ה] דס ער הט גזאגט [אנכי ארד עמך מצרימה על אחת כמה וכמה], דען מייביג האט הקב"ה ישראל ניט גילאזט אין גלות, אוג [הקב"ה ושכינתיה] אוג אלי היילגי [עליונים ותחתונים] אוג מרכבות זייגן אלי אין מצרים אריין גנידרט. דרום שטייט [הבאים מצרימה את יעקב]. רבי אבא הוב אן [אתי מלבנון כלה אתי מלבנון תבואי] איר האבן גילערנט רבי יצחק זאגט ווי לו דיא זייט דיא ניט וויטן אוג זייגן ניט משגיח אין דר עבודה פון אירן הערן, דען מלץ טאג גייט אויס איין [בת קול] פון [הר חורב] אוג זאגט ווי לו דיא זייט פון דיא עבודה אירן הערן ווי לו דיא זייט פון דען שאנד [מעלבון התורה], מיטלילר דער עוסק איז בתורה בעו"הז אוג טוט מעשים טובים דר ירשנט עו"הב, אבר ווער ניט איז [עוסק בתורה ומעשים טובים] דר ירשנט ניט עו"הז ניט עו"הב. פרעגט ר' יודא איר האבן דאך גילערנט דס מיטליכר ירשנט נאך זייני מעשים נאך ווי אים ראוי איז. זאגט ר' יצחק איר האבן אזו גילערנט דאס ווען ער גאר ניט האט מעשים טובים דען ירשנט ער גאר ניקט, זאגט [רבי יודא מלמא] זאלטן דיא זייט וויטן דיא ליבשאפט וואס הקב"ה האט לו די ישראל זאלטן זיי טרייען וויא דיא ליבן אוג נאכפערטן נאך לוא יאגן נאך הקב"ה זיין רצון לו טאן. [דתניא] איר האבן גלערנט בשעה דס הקב"ה איז גנידרט אין מצרים, האט ער גרופן זיין [פמליא דמלות טלאעלה] אוג זאגט נידרט אלי אין מצרים אוג איך מיט אייך [ווייטר זייגן קלת סורות]:

רבי חייא זאגט פר ר"ט. זאגט ער ווארום האט דיא תורה גלייגט לום ערשטן דיא (בני יעקב) לוועלף, אוג דער נאך זיבליג אוג ניט מער וויא עס שטייט (כל נפש הבאה מצרים שבעים נפש) ענטפרט ר"ט לו וויזן עס זייגן אין עולם זיבליג אומות אוג דיא [אומה ישראלית] זייגן זיבליג נפשות זייגן גיוואגין קעגן אלי, נאך מער האבן איר גלערנט דאס עס איז אוגטן גלייך וויא אובן וויא אין דער [מרכבה עליונה] זייגן לוועלף מזלות דיא קריגן מיהרן כח פון לוועלף [גבולין] פון שם הקודש, פון דיא לו שיילן זיך זיבליג [שרים] אוג דיא לוועלף [מלאכים] זייכטן לו דיא לוועלף [מזלות] לוזו אלי פיר זייטן דר וועלט, אזו זייגען [ישראל] מוגטן קעגן אלי, דרום זייגען וויא גלייגט גוואהרן לום ערשטן לוועלף דר נאך זיבליג, דרום שטייט [יצב גבולות עמים למספר בני ישראל] אוג שטייט אויך [כי כארבע רוחות השמים פרשתי אתכם] עס קער לו שטין [בארבע] ניט [כארבע], אלא לו וויזן דאס וויא ניט מיגליך לו דעם עולם אן [ארבע רוחות] אזוא אויך איז ניט מיגליך לום עולם אן ישראל:

וַיָּקָם מֶלֶךְ חָדָשׁ. רבי אבא הוב אן אַשְׁרֵיכֶם זוֹרְעֵי עַל כָּל מָיִם מְשַׁלְּחֵי רֶגֶל הַשּׁוֹר וְהַחֲמוֹר. וואול לו די ישראל דס הקב"ה האט אן זייא בגערט מער אז אן אלי מגדרי אומות אוג האט זייא לו זיך מקרב גוועזן, וויא דר פסוק זאגט [בך בחר ה' להיות לו לעם סגולה] אוג שטייט [כי חלק ה' עמו יעקב חבל נחלתו], אוג די ישראל זייגן כהעפט לו הקב"ה ווי עס שטיט [ואתם הדבקים בה' אלהיכם חיים כולכם היום] אוג דרום זייגן זיי ובאין פר הקב"ה ווייל זייא זייגען [על כל מים] דאס איז לדקה דאס דיא משנה איז [על כל מים] דאס איז עולם הבא דס איז [על השמים עליונים]. [ויקם מלך חדש] אין ספר [רב המנונא סבא] האבן מיר אזו גלערנט דאס אלי מלכים פון אלי אומות ווערן ניט גשטארקט מיר מאטלה נייערט פון וועגן דיא ישראל. מצרים איז ניט מלך גוואהרן איבר דעם גאנלן עולם נאר פון וועגן ישראל דיא זייגן אהין גקומן אין גלות דען האבן זייא זיך גשטארקט מוין אלי אומות אין עולם. אויך בבל איז ניט וואהרן גשטארקט נייערט וועגן ישראל. אדום איז ניט וואהרן גשטארקט איבר אלי אומות נייערט וועגן ישראל די זאלן זיין ביי זיי אין גלות, דען די אומות זייגן שפל גוועזן ביי מגדרי אומות אוג פון ישראל וועגן זייגן זיי חשוב גוואהרן. די מצרים דרום שטייט [מבית עבדים] זיי הייטן [עבדים משט] לו אלי אומות, ביי בבל שטייט אויך [הן ארץ כשדים זה העם לא היה] בייא אדום שטייט [הנה קטן נתתיך בגוים בזוי אתה מאוד] אוג ווייל ישראל זייגען בייא זייא אין גלות, באלד טוען זייא זיך שטארקן איבר אלי אומות: [אמר טעמא] דרום ווייל ישראל זייגן אליין קעגן מלע [אומות העולם] דרום שטייט [ויקם מלך חדש] אז ישראל זייגן אין מצרים גקומן וואר לום מלך מצרים איין קומה אוג [גדולה מוטלן] לו זיין איבר אלי אומות, ווען לום ערשטן גיבט מן אובן זיין שר איין כח וגדולה, דר נאך האט זיין אומה מוגטן דיא משלה, דרום שטייט [ויקם מלך חדש על מצרים] דער ממונה דער איז על מצרים איז מילוגד נייא גוועזן. דען ער האט דער פיר ניט גהאט דיא משלה איבר אלי אומות אוג הייגט איז ער גולגט גוואהרן לו גוועלטיגן אויף אלי אומות, אזו איז מקוים גוואהרן [תחת שלוש רגזה ארץ תחת עבד כי ימלוך]. רבי חייא זאגט דרייסיג טאג איי ער זאל קומען איין משלה לו איינם אויף דער ערד, אדר איי דער עס קומט איין מפלה אוג איין ברוך לו איין פאלק מוגטן, דא רופט מען אויס בעולם פאר אויבן דיא זעלביגי זאך. אוג אפט ווערט איבר געגטפערט די זעלביגי זאך לוין אויז פון דיא יונגי קינדר. אוג אפט ווערט איבר ענטפערט לו דיא מענטן דיא האבן קיין שכל ניט, אוג אפט

איבר

איבר געענטפֿערט צו דיא עופֿות אונ רופֿן אויס [בעולם] אונ איז קיינר דר זיך דרמן משגיח איז, ווען דיא לייט זוכה זיין אונ זיינן פֿרום דא ווערט עס איבר ענטפֿערט צו דיא [ראש הצדיקים] פֿון עולם האט זיי עס זאל מודיע זיין צו זיא כדי דאס זיא זאלן תשובה טאן צו זייער הערן, ווען אבר קיין צדיקים זיינען ווערט איבר ענטפֿערט ווי איר געזאגט האבן: ר' אליעזר ור' חייא ור' יצחק ור' יוסי זיינן געשטאנען איין מאל אויף דיא טיר פֿון [שער לוד], זאגט רבי יוסי איך וויל אייך זאגן וואס איך האב געזעהן דעם היינטיגן טאג, איך בין געשטאנען אונ האב געזעהן איין עוף איז געפֿלויגן אונ האט אויף גריכט דען קאפ דרייא מאל, אונ איין מאל גנידרט אונ האט געזאגט [עליונים עליונים] דיא דא שוועבן [ברקיע זיאין], דרייא אויף גיריכטי [ממונים שלטונים] אויף דער ערד. אונ איינר דר דא איז געזעסן ווערט ניאר זיין, מן איז אים מעביר אין ברענענדיקען פֿייער דאס דא ברענט, מען איז מעביר זיין קיום מען איז מעביר זיין ממשלה, אונ דרייא עמודים שלטונים עליונים שטייען אויף על העולם, דא הוב איך אויף איין קול צו דעם עוף אונ זאג צו אים עוף עוף זאג מיר דעם זעלביגן דס מען איז מעביר פֿון זיין שטאנד אונ די שלטונים די דא ווערן אויף שטיין על העולם ווער זיי זיינן. אזו הט ער מיר געווארפֿן דיא דרייא פֿעדרן פֿון דעם רעכטן פֿליגל אונ דען איינן פֿעדר פֿון זיין לינקן פֿליגל אונ איך ווייס ניט אויף וואס דאס ווייזט: האט ר' אליעזר גינומן די דרייא פֿעדרין אונ האט געשמעקט דער צו, אזו איז בלוט גיגאנגן אויס זיין נאז לעבר אזו זאגט ער בוודאי דרייא הויכי קיסרים שטייען אויף די ווערן גוזר זיין [גזירות רעות] צו ישראל, דער נאך נעמט ער דיא פֿעדר פֿון דען לינקן פֿליגל אונ שמעקט דער צו עס גינג ארויס שווארץ פֿייאר. שפראך ער דיא ממשלה פֿון מצרים איז אפ גיטאן געווארן, אונ איז אן גברייט איין [מלך רומי] פֿון דיא דרייא. דר ווערט שולט זיין אן זייא אונ ווערט איין ברעכן בנינים אונ ווידר בויאן. ר' אליעזר ווארפֿט דיא פֿעדרין אויף דר ערד אזו פֿאלן די דרייא פֿעדרן אויף דען איינם דער וואר [לוד שמאל]. אונ ר' אליעזר וויינט אז זיי אזו ליגן, גייט פֿר ביי איין קינד אונ זאגט דעם פסוק [משא מצרים הנה ה' רוכב על עב קל ובא מצרים] אזו גייט ווידר איין קינד אונ זאגט [ארץ מצרים שממה תהיה] עס גייט ווידר איין קינד אונ זאגט [ואבדה חכמת מצרים] זעהן זיי ווידר דיא פֿעדר פֿון דער לינקן וואר פֿר ברענט אונ דיא דרייא דרויף זענן ניט פֿר ברענט. זאגט ר' אליעזר דס קול פֿון דען עוף אונ וואס די קינדר גיזאגט האבן איז אייטל גאנצי חכמה אונ נבואה, אונ הקב"ה וויל מגלה זיין [רזין סתימין] צו דיא לייט וודאי איז דס גוועלטיקייט פֿון מצרים אפ געטאן, אונ איז אן גברייט איין מלך פֿון דיא דרייא ווערט שולט זיין אונ ווערט ברעכן בנינים אונ בנינים בויאן. זאגט רבי יוסי עס איז אלס אייטל חכמה אונ די חכמה פֿון ר' אליעזר איז נאך מער אז אלי, אונ הקב"ה וויל מגלה זיין סודות פֿר הולן זאלן וואס ער טוט צו די לייט, ווי דר פסוק זאגט [כי לא יעשה אלהים דבר כי אם גלה סודו אל עבדיו הנביאים] אונ חכם איז מער אז איין נביא מיט אלי זאכן. דען צו איין נביא רואט דר [רוח הקודש לפי שעה] אונ ניט אלי מאל, אבר איין חכם ווערט ניט אפ גיטאן דר [רוח הקודש] איביג, זיי ווייסן וואס איז אויבן אונ אונטן אונ שאן ניט מגלה זיין.

זאגט ר' אבא ווען ניט וואלט גיווען [חכמים בעולם] וואלטן די לייט ניט וויסן וואס די תורה איז אונ וואס זענן די מצות פֿון הקב"ה, אונ וואר קיין חילוק פֿון [רוח בני אדם] אודר איין [רוח בהמה]. זאגט ר' יצחק ווען הקב"ה ברענגט איין דין צו עולם צום ערשטן טוט ער דעם דין אן דעם ממונה דר איבר די אומה גזעצט איז אובן. ווי דר פסוק זאגט [יפקוד ה' על צבא המרום במרום]. אונ דר נאך [על מלכי האדמה באדמה], וואס איז דר דין וואס מען טוט אובן אן דעם שר פֿון דער אומה, מען איז אים מעביר אין [נהר דינור] דס איז איין פֿייאריג טייך אזו איז אפ גטאן זיין ממשלה. אונ באלד רופֿט מן אויס אין הימל די ממשלה פֿון דעם פֿלוני איז אפ גיטאן גיווארן, דס קול גרייכט אין אלי הימלן ביז עס קומט צו די וואס גוועלטיגן אין דעם עולם אונטן גייט איין קול אונ רופֿט אויס [בכל העולם] ביז עס קומט צו די עופֿות אונ צו קינדר אונ צו די נארין פֿון דיא [בני אדם] די דא ניט ווייסן: [דבר אחר ואלה שמות בני ישראל וגו', רבי אליעזר בן ערך] ווען ער איז גקומען צו דען פסוק האט ער גוויינט, דען ר' אליעזר זאגט בשעה דס ישראל זענן גגאנגן אין גלות, דא האבן זיך איין גזאמלט אלי נשמות פֿון דיא שבטים אין דער [מערת המכפלה], זיי שרייען אונ זאגן [סבא סבא רחמו] אז איין פֿאטר איבר קינדר, איז מען דען ניט משעבד מיט אייערע קינדר מיט אלע מידיקייט אונ מיט הארטיקייט מיין פֿרעמד פֿאלק טוען אן זיי נקמות. [באותו שעה] איז דער וועקט געווארן אונ זיך מתעורר דער רוח פֿון דעם [סבא יעקב] ער האט רשות גנומן אונ איז אראפ גינידערט, האט הקב"ה גירופֿן אלע מרכבות אונ אלע [חיילות ומלכם בראשם] אונ זיינן אלע גנידרט אין מצרים מיט יעקב אונ מיט דיא שבטים, די שבטים די לעבן זיינן גנידרט מיט זייער פֿאטר אויף דיא [שבטים מתים] זיינען גנידרט [עם אביהם], דאס מיינט דער פסוק [ואלה שמות בני ישראל הבאים מצרימה את יעקב] אונ שטייט [ראובן שמעון וגו']: קום אונ זעה דיא זיינן מתים גוועזן אונ זיינען גנידרט דרום שטייט דר נאך [ויוסף היה במצרים]. זאגט ר' אבא ביי דעם איז גזאגט [כרחם אב על בנים]. ר"י בר שלום איז גגאנגן אונטר וועגן אונ ר' אבא וואר מיט אים זיי גיוועזן אריין אין איין ארט זיי עסן דארטן, ווי זייא וואלטן זיך לייגן שוען ווייא זייער קאפ אויף איין בערגל אויף דער ערד אונ עס איז גוועזן איין קבר, איידר זייא ווארן אנטשלאפֿן האט גרופֿן איין קול אויס דעם קבר, איין זרע איז גגאנגן צרך, כצואר אויף זיך זאגט ער. דס איז צוועלף יאר דס איך בין ניט אויף גוואכט ניערט מיצונדערט, דען דס געשטאלט פֿון אייכם זון האב איך געזעהן מיצונדערט אזהיא. זאגט רבי יהודה ווער ביסטו זאגט ער איין יהודי אונ איך לין בנזיפֿה אן גשריגן אונ קאן ניט אריין גיין צפרגוד ווען צער איין זון, דאס אים האט גנאכבת איין גוי ווייא ער איז נאך קליין גוועזן אונ שלאגט אים אלע טאג, אונ זיין צער איז איך דוחה דאס איך קאן ניט אריין גיין [למקומי] אונ אויף דעם ארט בין איך ניט אויס וואכט ניערט מצונד, שפראך ער צו אים ווייסטו מיר דען פֿון צער דיא לעבעדיגי. שפראך ער מיר לעבעדיגי דא שווער איך איין קבר זאל צו פֿירט ווערן אונ אויס גליידיגט ווען ניט זעלט זיין מוגרי [בקשות

על החיים] העטן זיי קיין קיום ניט איין טאג אויף דעם עולם. אונ אילונגר בין איך אויף געוואַפֿט דא, דען זיי האבן געזאגט אלע טאג צו איר דאס איין זון ווערט באלד קומען אהער, אונ איך ווייס ניט אוב ער ווערט קומען אי אדער ניט. שפראך רבי יהודה וואס איז אייער שאן אויף יענעם עולם, וואר דאס קבר שטורעמן אונ זאגט שטייט אויף אונ גייט אוועק דען אינוגדרט שלאגן זיי איין זון, ווארין זייא זיך פאר וואונדרן אונ לויפן פון דארטן איין מילן [תחום שבת], ווי ויל ביז עס האט דר לייכט דר מארגן. זייא שטונדן אויף צו גיין זעהן זייא איינם לויפן אונ דאס בלוט וואר אים רינן אויס זיין מקשין, זייא בגרייפן אים ער זאגט זיי דש מעשה זייא זאגן צו איהם וויא איז דיין נאמן, ער שפראך [נחמא בר זוטי] זייא שפראכן דש אמת איז געווען [זוטי בר נחמא]. אונ איר האבן זיך גיפארכטן מער מיט אים צו רידן, זייא וואלן זיך ניט ווידר אום קערן: זאגט רבי אבא דש איז דש זיי האבן גיזאגט דש די תפלות פון די מתים זענן מגין [על החיים], אזוי עס שטיט [ויעל בנגב ויבא עד חברון]: זאגט רבי יהודה קום אונ זעה נוייא גדרים האט גאט גיליבט צו יעקב, מיינט ער זאל כידרן מיט אים אין גלות, אונ מיינט ער זאל אים אויף ברענגן אויס זיין קבר צו זעהן דיא פרייד פון [חברותא הקדושה] דש זיי וואונן מיט זייני קינדר, אז דער פסוק זאגט [אנכי ארד עמך מצרימה בגלות ואנכי אעלך גם עלה] ווידר אויס דעם קבר, ווי עס שטייט [והעליתי אתכם מקברותיכם עמי] אונ שטיט [ששם עלו שבטים שבטי יה]:

ויאמר אל עמו זאגט רבי שמעון עכ"פ דיא פרשה וואו עס שטייט מלך מצרים סתם, רעט מען פון [שר של מצרים] וואו עס שטייט [פרעה מלך מצרים] מיינט ער פרעה ממש: דרום זאגט זייער שר ער האט זיי אזו אין זייער זין אריין גגעבן צו זאגן [הנה עם בני ישראל רב ועצום ממנו] כלומר די ישראל זענן שטארקר פאר אונזר [שר של מצרים]: זאגט רבי יצחק די גאנצי וועלט נאר אויס גנומן ישראל ליגן ווייער כח פון ווייערן [שר של מצרים], אבר ישראל ליגן ווייער כח פון הקב"ה, דרום הייסן זיי [עם ה'] גאטס פאלק ניט פאלק פון דיא שרים, דרום שטייט [כי כל העמים ילכו איש בשם אלהיו ואנחנו נלך בשם ה' אלהינו]: זאגט ר' אבא דר פסוק זאלט אזו רידן [הנה עם ישראל] אודר [הנה בני ישראל] וואס טייטש [עם בני ישראל] זיי גדענקן דאס זייא זענן ניט [עם ה'] נייערט [עם] פון דען [ישראל מצרים]. ר' יוחנן פרעגט ר' יצחק ווארום זאגט בלק [הנה עם יצא ממצרים] ווארום שטייט ניט [עם בני ישראל], זאגט רבי יצחק בלק איז געווען איין מכשף גדול אונ אזו איז דער סדר פון מכשפים, צו כעמען אזו איין זאך וואס קיין חסר איז דר ביי דרום זענן אויך זייער טאג ניט דער מאנן דען מענטשן [בשם אביו] נייארט נאך דער מוטר נאך דאס קיין חסר ניט איז. דען אזו איז דער סדר פון דיא שדים דאס זייא בטראכטן אין דיא זעלביגי זאך וואס מען ווי זאגט, איז עס שקר דא זענן זייא מודיע איר שקרים, איז עס אמת מען וואס זייא זאגן צו איין קליינה לייט איז אמת [מכל שכן] צו טאן איין מעשה:

רבי אבא זאגט בלק האט זיי גראָפט [דרך בזיון הנה עם] כלו' איר ווייסט ניט ווער זיי זענן אונ פון וואנן זיי זענן: זאגט ר' יוחנן [ממני אהה] פון וועגן ווען די פאלק פון דיא ע' שרים גהיט אונ דאס עם הקב"ה זענן ניט גהיט: זאגט רבי עס איז ניט גלייך איין עני צו איין עושר, איין עני איז דאס זייא היטן אונ איין עושר היט ניט [מכל שכן ישראל] זענן פון דען מלך עליון דר האט ליב [דין ואמת] אונ ער טוט דען ערשטן דין אן די הויז גיזינד געבר אז אן איין אנדרן דש זיי קערן מער גהיט זיין פאר עבירות, אז דר פסוק זאגט [רק אתכם ידעתי מכל משפחות האדמה על כן אפקוד עליכם את כל עונותיכם]: רבי יוסי ורבי חייא גייען אויף דען וועג זיי גייען שווייגט רבי יוסי שטיל אונ וואר טראכטן אין וועלטליכע זאכן אונ רבי חייא וואר טראכטן [בדברי תורה]. אז זייא אזו גייען זעהט רבי יוסי איין שלאנג אים נאך לויפן, ער שפראך צו ר' חייא זעסטו איר איין שלאנג נאך לויפן. זאגט ער איך זעה ניטש דא לויפט ר' יוסי אונ דיא שלאנג אים נאך, אזו פאלט רבי יוסי אונ דש בלוט רינט אים אויס זיין נאז. אזו הערט ער מען האט גזאגט [רק אתכם ידעתי מכל משפחות האדמה על כן אפקוד עליכם את כל עונותיכם] זאגט ר' יוסי ווא דאך איך האב נאר איין שעה מבטל געווען פון [דברי תורה] איז עס אזו, ווער דא זיך גאר פורש איז [מכל שכן], ער הייב אן [כי ה' אלהיך ברכך בכל מעשה ידיך ידע לכתך במדבר] אונ שטיט [המוליכך במדבר הגדול והנורא נחש שרף ועקרב] וואס זאגט ער דא [נחש שרף] אלזו דורך זיי צו שטראפן ישראל ווען זיי זיך אב שיידן פון דען [עץ החיים] אונ שטיט [כי היא חייך ואורך ימיך], זאגט רבי חייא עס שטיט [חושך שבטו שונא בנו] אונ שטיט [ואת עשו שנאתי] דש איז ווייל הקב"ה האט אים פיינט, דרום האט ער די רוט פר מיטן פון אים, ומכל שכן די תלמידי חכמים ווייל הקב"ה ניט האבן זיי זאלן זיך אב שיידן פון דען [עץ חיים אפילו רגע א']:

ויאמר אל עמו ער האט זיי געגעבן איין עצה צו טאן מיט זיי איין רעה, זאגט ר' תנחום די מצרים האבן געזעהן אין איר שטערן דש זיי ווערן [סוף] גשלאגן ווערן פון וועגן ישראל, דרום האט זיך דער שר מצרים גווינן צו טאן ביז מיט זיי; איר האבן גלערנט בשעה דש הקב"ה האט איבר גיענטפערט דיא ישראל צו דיא מצרים האט ער גוזר געווען אויף זיי זיבן גזירות, ווי דר פסוק זאגט [וימררו את חייהם בעבודה קשה בחומר ובלבנים ובכל עבודה בשדה את כל עבודתם אשר עבדו בהם בפרך] אונ דא קיגן שטייט [ובני ישראל פרו וישרצו וירבו ויעצמו במאד מאד ותמלא הארץ אותם]:

הבה נתחכמה לו דאס [הבה] איז טייטש לשון הזמנה אונ אן בריטן אונ [לשון הסכמה] זיי האבן אלי מסכים געווען דרין צו טאן אן זייא, [פן ירבה] אונ הקב"ה זאגט [כן ירבה וכן יפרוץ]: [ויקוצו] אונ דיא מצריים זענן צו זיי אז דיא דערנר די שטעכן די לייט: זאגט ר' יצחק וואס איז געווען די מחשבה פון מצרים צו פר מיידן זיי פון [פריה ורביה], אונ דר שר האט זיי דאס געגעבן אין זייער הארץ אריין אונ זאגט צו זיי עס ווערט געבארן ווערן פון ישראל

איינר

איינר דר ווערט איין דין טאן [במצרים]: זאגט [רבי יצחק בשעה] דאס משה האט גזאגט [ובכל אלהי מצרים אעשה שפטים], דא איז געגאנגן דער [רואה שר של מצרים] פיר הונדרט מייל. זאגט הקב"ה צו אים עס איז איין גזירה פר מיר נגזר גוואָרן ווי דער פסוק זאגט [ופקדתי על כל צבא מרום במרום]. [באותו שעה] איז גינומן געווארן דיא שררה פון אים אונ דר רואה איז גיזעצט געווארן פר איין [שר של גיהנם] דן צו זיין די [נפשות הרשעים]. ר' יודא זאגט ער איז גזעצט געווארן [על האטים]: זאגט ר' חנינא עס שטייט געשריבן [ובאלהיהם עשה שפטים] איז קשה איז דען גיטאן געווארן [שפטים באלהי כסף וזהב אונ עץ ואבן], אלא זאגט רבי יוסי די דא זענן געוועזן פון גאלד אונ זילבר זיין צו גאנגן אונ פון האלץ פר פוילט: זאגט ר' אלעזר דער אב גאט פון מצרים איז געוועזן איין שאף הט הקב"ה געבאטן אים צו בראטן אין פייער. וויא עס שטיט [פסילי אלהיהם תשרפון באש] כדי דס דס גישמאק זאל זיי שמעקן, אונ [ראשו על כרעיו ועל קרבו] אונ אויך דיא ביינר האבן זייא געווארפן פון דעם [קרבן פסח] אויף דר גאס דאס איז זיי נאך ערגר געוועזן אז אלס דרום שטיט שפטים. זאגט ר' יודא עס שטיט [ובאלהיהם עשה שפטים] דס איז דר שר שלמעלה, מקיים צו זיין (יפקד ה' על צבא המרום במרום), אונ דס האבן וואול גוויסט זייער חכמים ומכל שכן זייער שר. דרום זאגן זיי (הבה נתחכמה לו): ר' יוחנן זאגט פירלייא עבודה זרה האבן די מצרים געהאט אלס דר נילוס אויך, אונ אן אלי הט הקב"ה געטאן שפטים אונ אזו וואו דר אלוה ווערט פאר אלי גשלאגן. דרום שטיט (ויהי הדם בכל ארץ מצרים וגו') איז דר נילוס צום ערשטן געשלאגן גיווארן מיט דם אונ דר נאך אלי: (תנא דבי אליהו) וואָרום שטייט (בעצים ובאבנים), אלא לערנט אונז דאס דיא (עבודה זרה) זעלבסט האט פון זיך גלאזן דם. רבי שמעון זאגט דר עיקר שלאגן פון מצרים מאכט דאס איז געוועזן אין ים, ווי דר פסוק זאגט (לא נשאר בהם עד אחד) אונ פר דעם איז גיטאן געווארן שפטים אן אירע ע"ז. אויך דאס שטייט (הבה נתחכמה לו פן ירבה והיה כי תקראנה) אונ האבן נביאות געזאגט (על העתיד וויא עס זייא געשעהן, דר נאך זאגן זייא (ונוסף גם הוא על שונאינו) דאס איז דיא מחנות מלאכים ווערן רוען צווישן זיי, (ונלחם בנו) ווי עס שטייט (ה' ילחם לכם): (ועלה מן הארץ) וויא עס שטייט (ובני ישראל יוצאים ביד רמה):

וילך איש מבית לוי רבי אלעזר הייבט אן (שיר השירים אשר לשלמה) מיר האבן געלערנט בשעה דאס הקב"ה האט בשאפן מיט זיין רצון דען עולם הט ער בשאפן די הימל מיט דען ימין, אונ די ערד מיט דען שמאל, ווי דער פסוק זאגט (אף ידי יסדה ארץ וימיני טפחה שמים) אונ האט בשאפן מיט זיין רצון דען יום אונ לילה, אונ האט בשאפן מלאכים דיא זענן ממונה שירה צו זאגן ביום אונ מלאכים דיא זאלן שירה זאגן בלילה, אונ אלע ביידע פר נעמן דיא שירה פון ישראל: רבי יצחק זאגט דיא דא זאגן שירה בלילה, פאר נעמן דיא (שירה של ישראל ביום), דרום שטייט (חברים מקשיבים לקולך) אונ דיא דא זאגן (שירה בלילה) דיא שירים גייען מחבר אלע (בעלי שיר): אונ אז דיא חיים הויבן אן שירה איז די עליונים מערן כח צו וויסן אונ צו דר קענן משיג צו זיין וואס זיי ניט האבן משיג געוועזן. אפילו דיא (שמים וארץ) מערן אויך כח מיט דער שירה: זאגט רבי נחמיה וואול דעם דער דא זוכה איז צו דער שירה דר פר שטייט אונ איז (משיג) גרויסע חכמה אונ (כח וגבורה) צו וויסן וואס איז געוועזן אונ וואס עס וועט זיין אונ דוד האט גוואוסט אונ הט מתקן געוועזן פיל (שירות ותשבחות) אין ספר תהלים, אונ האט דרינן מרמז געוועזן וואס דא ווערט זיין אונ האט געלערנט (כח וגבורה ברוח הקודש) צו וויסן (בענייני תורה וחכמה), אונ שלמה אויך האט נאך מער זוכה געוועזן מיט דעם שיר האט ער מתקן געוועזן חכמות אונ פיל משלים אונ האט געמאכט איין ספר פון דעם שיר מאט. דרום זאגט ער (עשיתי לי שרים ושרות) כלומר איך האב נאך געפארשט צו וויסן פון דיא (שירים עליונים) אונ פון דיא אונטער זיי זענן, דרום זאגט ער (שיר השירים) כלומר דאס איז דער שיר פון דיא שירים שלמעלה דס איז אזו איין שיר דאס דרינן איז כולל אלע (ענייני תורה וחכמה וכח וגבורה) וואס דא איז געוועזן אונ וואס ווערט זיין דער שיר וואס דיא עליונים טאן זינגן. זאגט (רבי אלעזר דיא שרים שלמעלה) זענן געשטאנען ביז לוי איז געבאָרן געווארן אונ פון לוי אן אונ ווייטר האבן זיי דען שיר גזאגט: אז משה איז געווארן געבאָרן אונ אהרן געזאלבט אונ די לוים זענן מקודש גיווארן דען איז ערשט איר שיר גאנץ געווארן אונ דיא (שרים) זענן גקומן אויף איר משמר: אונ אז לוי איז געבאָרן געווארן הוב אן אלע (שרים למעלה) (שיר ה') (מי יתנך כאח לי יונק שדי אמי אמצאך בחוץ וגו') אונ פון לוי איז ארויס געגאנגן דיא לוים (משוררים) אונטן אונ זענן געהייליגט געווארן, אונ זיינן געשטאנען אויף איר (משמורות) אונ זענן געהייליגט געווארן קעגן דיא (שרים למעלה) די זאגן (שירה למעלה). זיינן דיא עולמות געווארן (חברים כאחד) אלע איינס, אונ איין מלאך דער דא רופט אויף אלי. זיי הייסן לוים איז טייטש לווין בהעפטן וויא לאה זאגט (הפעם ילוה אישי אלי) אזו אויך האט זיך דרום דיא שכינה בהעפט מיט אלע (זרע לוי משה אהרן מרים) מיט אירע קינדר, אונ די (משוררים) אובן זענן ניט געשטאנען אויף אירן משמר. ביז דיא דרייא ברידר זיינן געבאָרן געווארן (משה אהרן ומרים) דאס זייא האבן אלי שירה געזאגט, דס דרום שטייט שרים דס זיינן משה אהרן, ושרות (ותען להם מרים שירו לה' וגו'). (תנא באותו שעה) אז לוי איז געווארן געבאָרן הט אים הקב"ה גנומען אונ האט אים אויס דר וויילט פון אלי ברידר, דער נאך האט ער מוליד געוועזן (קהת אונ עמרם משה ואהרן) אונ אז עמרם האט זיך (פורש מאשתו) געוועזן אונ האט זיא ווידר גנומען (באותו שעה) האבן דיא (משוררים) אובן איר שירה געזאגט, האט זיי הקב"ה אן געשריאן איז איר שיר שטיל געווארן ביז הקב"ה האט (נוטה שמים) געוועזן (על עמרם וזרעו), וואָרום הייסט ער עמרם דרום ווייל עס איז פון אים אויס געגאנגן [עם רם על כל ראים), אונ וואָרום שטייט ניט בפירוש זיין נאמן נייערט (וילך איש) דרום ווייל ער איז געגאנגן בצנעה אונ האט ווידר גנומען (יוכבד בשתיקה) דאס קיינר זאל ניט וויסן, דרום שטייט (וילך איש) אונ שטייט ניט (וילך עמרם ויקח את בת לוי) אונ שטייט אויך ניט איר נאמן דרום ווייל זיא איז אויך צו אים גקומן בצנעה: רבי אבוהו זאגט (וילך איש) דס איז (גבריאל) האט זיי צו אנאנדר גבראכט: רבי יהודה זאגט

עמרם

עמרם זעלברט האט זיא מחזיר גוועזן, אונ שטיט ניט זיין נאמן צו ווייזן דז דאש איז אזו גוועזן (מן שמים), דען עמרם האט ניט קענן מוליד זיין משה ביז ער האט גנומן איין חלק פון דר שכינה, דרום אויך שטייט ויקח בייא משה אונ ניט ביי (אהרן ומרים) דר זיווג פון (עמרם ואשתו), דרום שטיט (ותרא אותו כי טוב הוא) דש הקב"ה האט זיין נאמן אויף אים מייחד גוועזן ווי עש שטייט (טוב ה' לכל) דר טוב פון הקב"ה איז ביי משה גוועזן: דבר אחר (וילך איש) דש איז גבריאל דר הייסט איש, ווי דר פסוק זאגט (והאיש גבריאל וגו'). (ויקח את בת לוי) דש איז די נשמה, דען מיר האבן גלערנט בשעה דאש מאן גבארן ווערט דר גוף פון איין צדיק אויף דען עולם, דא רופט הקב"ה צו גבריאל אונ נעמט דיא נשמה אויש דען ג"ע אונ נידרט זיא אין דעם גוף פון צדיק דר זאל גבארן ווערן, אונ ער איז איין ממונה דרויף זיא צו היטן, אוב דוא ווילשט פרעגן דער מלאך דאש ממונה איז אויף די (רוחות הצדיקים) הייסט דאך (לילה) ער איז (ממונה על הריון), אלא גבריאל הייסט אויך לילה ווייל ער איז (מצד השמאל). (וילך איש) דאש איז עמרם. (ויקח את בת לוי) דש איז יוכבד. אונ איין (בת קול) איז גנידרט אונ זאגט זיי זאלן זיך מזווג זיין, דען עש איז גגרייכט דער (זמן הגאולה) דורך אירן זון וואש זיי ווערן האבן, אונ הקב"ה האט גהאלפן דר צו, דען מיר האבן גילערנט דאש דיא שכינה איז גוועזן (על מטתם) אונ זייער ווילן איז גוועזן צו בהעפטן זיך מיט דיא שכינה, דרום האט זיך דיא שכינה ניט אפ געטאן פון דעם־זון דר דא איז ווארן גבארן, ווי עש שטייט (והתקדשתם והייתם קדושים) ווען איין מענש היילגט זיך אונטן היילגט אים הקב"ה אובן: ווייל זייער ווילן איז גוועזן (בדביקות השכינה) אזו איז אויך בהעפט דיא שכינה גוועזן אן זייערי מעשים וואש זיי טוען. זאגט (רבי יצחק ומנין) וואלן צו די צדיקים דש איר רצון אונ דביקות איז אלי מאל אן הקב"ה, אונ אזו וואלן זיא זיי בהעפטן זיך אן הקב"ה תמיד, אזו איז הקב"ה בהעפט זיך אן זייא תמיד, אונ פר לאזט זייא ניט לעולם, ווי צו דיא דאש דער רצון אונ דביקות איז ווייט פון הקב"ה, אונ ניט אליין דאש, דען זיי זענן זיך מדבק אן דר (טומאה וקליפות): קום אונ זעה עמרם האט זיך בהעפט אן הקב"ה איז פון אים אויש גגאנגן משה דש דיא שכינה איז פון אים ניט אפ געטאן גווארן פון אייביג אונ איז ווארן מיט אים בהעפט תמיד (אשרי חלקו). (ותהר האשה ותלד בן ותרא אותו כי טוב הוא) ער וואר גבארן גימלת, דען דר ברית הייסט טוב ווייל עש שטייט גשריבן (אמרו צדיק כי טוב). רבי יוסי זאגט אז משה איז ווארן גבארן איז דאש גאנצי הויז גווארן פול ליכט, עש שטייט דא (כי טוב) אונ דארטן (וירא אלהים כי טוב): (ותצפנהו שלשה ירחים) דאש איז מרמז דאש ער ווערט דער קענן דאש גרויסי ליכט ביי דיא היילגי (תורה מקבל) צו זיין. (בחודש השלישי) האט ער דיא תורה מקבל גוועזן, דיא שכינה האט זיך מגלה געוועזן אונ גירואט אויף אים פר אלי, ווייל עש שטייט (ומשה עלה אל האלהים ויקרא אליו ה'): (ולא יכלה עוד הצפינו) דען ביז צו דיא זעלביגי צייט איז ניט ווארן צו וויסן זייני רייד מיט הקב"ה, אונ שטייט (משה ידבר והאלהים יעננו בקול): (ותקח לו תיבת) איז מרמז אויף דען (ארון) מיט די (לוחות). (ותחמרה) איז מרמז דער ארון איז בדעקט געוועזן (בזהב בפנים. ובחוץ בחומר) ווייזט אויף דיא (מצות עשה אונ מצות לא תעשה) דש הקב"ה הט מחזיר גוועזן דרויף. (ותשם בה את הילד) דש זענן די ישראל ווי דר פסוק גלייכט זיי צו איין קינד (כי נער ישראל ואהבהו): (ותשם בסוף) דש די מצות התורה זענן ניט גוועזן איין חומר צו טאן אין די מדבר, ביז סוף פערציג יאר דש זיי זענן גקומן אין א"י דען דארטן זענן פיל מצות דש ניט נוהג זענן בח"ל: (על שפת) אויף די רייד פון דיא לומדים דיא דא פסקנן הוראות אונ חוקים צו דיא ישראל: (ותתצב אחותו מרחוק) דיא חכמה הייסט (אחותי) ווי עש שטייט (אמור לחכמה אחותי את) ווען ישראל זינדיגן איז דער מדת הדין מקטרג אויף זיי: דען ותתצב שטיט די שכינה אונ חכמה מרחוק ווייט פון זייא, ווייל עש שטייט (מרחוק ה' נראה לי) דענכשט מאל (ותרד בת פרעה) כל זמן ווייל זיי זענן צדיקים איז דיא שכינה ביי זייא נאהנט, אבר ווען זיי זענן זיך מרחיק פון דר תורה דא קומט דר (מדת הדין). (ותרד בת פרעה לרחוץ) צו וואשן אין בלוט פון ישראל אויף דען עלבון אונ ביוש פון דר תורה: (ונערותיה) דאש זענן די אומות דיא גייען אונ יאגן נאך זייא פון וועגן דיא (חרפת התורה), אונ וועגן דיא (מורי הוראה) אונ לומדים שלאפן זיך אירי הענד דרינן, אונ לערנן ניט ערנסט דש איז (מרמז על יד היאור). זאגט רבי יהודה אלי זאכן אויף דער וועלט הענגט אן תשובה אונ אן תפלה פר הקב"ה, (ומכל שכן) ווען איינר אין זיין תפלה מיט טרערן איז מתפלל. דען עש איז ניט קיין טויער פר שלאסן אובן פר טרערן, זייא גייען דורך אלי טויערן, דרום שטיט (ותפתח) דש איז די שכינה דיא שטיט אלי מאל אויף ישראל צו ווייזן זייערע זכיות אז ווי איין מוטר איבר דיא קינדר: (ותראהו את הילד) דש זענן דיא ישראל גגליכן צו איין (ילד שעשועים), ווען זייא גלייך חוטא זענן טוען זיי (תכף תשובה) אונ וויינן פר הקב"ה אונ בעטן ווי איין קינד פר זיין פאטר, וואש שטיט (והנה נער בוכה) ער וויינט פר הקב"ה, דענכשט מאל אז ער וויינט באלד ווערט אפ געטאן אלי (גזירות רעות) פון עולם. דען שטיט ווייטר (ותחמל עליו) זיא איז זיך מרחם אויף זייא מיט (מדת הרחמים) אונ זאגט (מילדי העברים זה) דש זענן פון (עברים) ניט מצד (עכו"ם קשה עורף) הארטי נאקין אונ הארטי הערצר, נייערט (טהור לב) פון זייערי אבות אונ אמהות ווייכי הערצר תשובה צו טאן פר אירי הערן. (ותקרא את אם הילד) דיא האט אויך גוויינט אז דער פסוק זאגט (קול ברמה נשמע נהי בכי תמרורים רחל מבכה על בניה מאנה להנחם) ער וויינט אונ דיא מוטר וויינט: זאגט (רבי יהודה לזמן העתיד) וואש שטיט גשריבן (בבכי יבאו ובתחנונים אובילם) בזכות דאש וויינן פון דער מוטר רחל ווערן זיי קומן אונ ווערן זיך איין זאמלן פון גלות: זאגט ר' יצחק דיא גאולה פון ישראל הענגט ניקש מער אז אן וויינן, ווען זייא ווערן צו געננט ווערן אונ ווערן פר לענגרן דיא טרערן וואש עשו האט גוויינט פר זיין פאטר אז דר פסוק זאגט (וישא עשו את קולו ויבך) זאגט רבי יוסי די זעלביגי טרערן דאש עשו האט גוויינט דיא האבן גנידרט ישראל אין גלות צו אים, אז זיי ווערן פאר לענדט זייני טרערן מיט דען וויינן פון ישראל ווערן זייא אויש גיין אויש דען גלות, ווי דער פסוק זאגט (בבכי יבאו ובתחנונים אובילם):

ויהי

ויהי בימים הרבים ההם. רבי יהושע זאגט עס איז געוועזן (סוף גלות) דען שטייט (וימת מלך מצרים) איז דר שר מצרים גנידרט פון זיין גדולה אונ איז גיפאלן פון זיין גאוה, דען אז ער הט איין מפלה גהאט האט הקב"ה גידאכט ישראל אונ הערט אירע תפלה. זאגט רבי יהודה ווייל דער שר מצרים האט גיהאט זיין ממשלה דא איז ניט גיהערט גווארן די גשרייא פון ישראל אונ אז דר שר איז גפאלן שטייט (וימת מלך מצרים ויאנחו בני ישראל מן העבודה ויזעקו ותעל שועתם אל האלהים) אבר ביז דיא זעלביגע צייט זיין זיי ניט גענטפערט גווארן מיט איר גשרייא. זאגט רבי אלעזר קום אונ זעה דש פון הקב"ה ווען ער זיך איז מרחם אויף ישראל ניידט ער דען (מדת הדין) אונ נידרט אים. זאגט ר' יהודה עס שטייט (והנה מצרים נוסע אחריהם), אונ רבי יוסי הט גיזאגט דש איז דר שר פון מצרים: אונ דוא זאגשט דאך (וימת מלך מצרים). ענטפרט ר' יצחק אדרבא דאס איז איין ראייה אונ איין סיוע דר צו. דען דא שטייט (וימת מלך מצרים) אונ דארטן שטייט נאר (והנה מצרים נוסע) אונ שטיט ניט (מלך מצרים) ווייל מען האט אים אראפ גינידרט פון זיין גדולה. אונ עס שטייט לשון (וימת) גלייך וויא עס שטייט ביי משה (כי מתו כל האנשים המבקשים את נפשך) איז דאך טייטש מען האט זיא גנידרט פון איר גדולה, אונ אז עס ווערט אפ גטאן אובן ווערט אויך אפ גטאן אונטן: ר' יוסי זאגט עס שטייט (הנה יום בא לי' והיה יום אחד יודע לי') זיינען דען אנדרע טעג ניט (לי') צו גאט. זאגט ר' אבא מיר לערנן פון מצרים דאס אלע טעג זיינען דראן די ממשלה צו די אומות אונ (שרים של מעלה), אבר ווען משיח ווערט קומן דער זעלביגר טאג ווערט זיין צו גאט אליין דין צו טאן אן דיא (עובדי ע"ז) אונ פון צו דיא שרים אונ (עובדי ע"ז) דען דענסט מאל ווערן פאלן פיל שרים פון אירע (מעלה) אונ אויף דעם שטייט (ונשגב ה' לבדו ביום ההוא) דאס דען זעלביגן טאג ווערט טון נאר זיין איין (מעלה) צו דיא שרים. ר' אבא זאגט ווען הקב"ה טוט איין דין (בשרים של מעלה) שטייט גשריבן אין (ישעיה ל"ד) כִּי רִוְּתָה בַשָּׁמַיִם חַרְבִּי איז דען איין חרב צו הקב"ה, זאגט רבי יצחק עס שטייט דאך גשריבן (חרב לה' מלאה דם) אונ שטייט (וחרבי תאכל בשר), ר' חייא זאגט דער (חרב) איז טייטש דר דין וואס ער טוט איז גלייך צו איין שווערד, וויא דר פסוק זאגט (וירא דוד את מלאך ה' עומד וחרבו שלופה בידו) האט דען דער מלאך איין שווערד בידו: זאגט רבי יהושע בן לוי דער (מלאך המות) האט מיר גיזאגט, זאלט איך ניט דער בארמען אויף דיא לייט, וועלט איך זייא אכט פולעקן דיא (בית השחיטה) ווען איך שעכט זייא אין דען האלז אזו וויא בייא איין בהמה: אבר ר' אבא זאגט דער (גזר דין) הייסט שווערד אונ איז גגעבן גווארן דעם שליח צו טאן (גזר דין) דרום הייסט ער חרבו, דרום שטייט (וחרבו שלופה בידו) דער שליח איז אים גגעבן גווארן צו טאן דין, (אי הכי) וויא איז ניט טייטש חרב ממש, עס שטייט דאך (וישב חרבו אל נדנה) איז משמע ער הט דעם שווערד איין גיטעקט אין דיא שייד. שפראך ר' אבא דארט איז אויך דט פירוש דער דין קערט זיך אום צו (בעל דין) וואו זיין ארט איז דאס ער ארויס קומט אונ גיט רשות צו דען חרב דען (כח הדין): (ויפן כה וכה) משה האט גזעהן אן דיא פינף אונ צוואנציג (אותיות פון שמע ישראל) דס ישראל זאגן אלע טאג צוויי מאל מיט דעם הט ער דעם מצרי ממית גוועזן, דרום שטייט (ויפן כה וכ"ה ויך את המצרי) ער זעט ניט אן אים (כ"ה וכ"ה), זאגט (רבי אבא ויפן כה) ער זעהט פאר אויב אן אים זיינן מעשים טובים, (וכ"ה) ער זעהט אויך אויב עס ווערט פון אים אויס גיין איין גוט קינד: (וירא כי אין איש) ער זעהט (ברוח הקודש) דס ווערט פון אים קיין גוט קינד אויף קומן דען שלאגט ער אים, דען רבי אבא האט גיזאגט דאס עס זיין וויא פיל (רשעים בעולם) דס פון זיי גייען אויס צדיקים אבער אז פון איין צדיק, אונ אז איין קינד וואס קומט פון איין רשע הט אבער מעלה אז איין אנדרר. דען ער איז (טהור פון טמא) (טוב פון רע אור פון חושך חכמה פון טפשות) דאס איז בעסר אז אלץ, אונ אז דאס משה האט גזעהן (ברוח הקודש) וויא עס וועט פון אים קיין (זרע כשר) קומן, אזו דר שלאגט ער אים, אונ הקב"ה האט גיוואלט אז ער זאל גיין וויא יעקב איז גיגאנגען צו דעם ברונן זא האט אויך אן יעקב בגעגנט, וויא עס שטייט (וישב על הבאר) אונ ביי יעקב שטייט אויך (וירא והנה באר בשדה) דס איז אלץ געוועזן איין ברונן. אונ וויא וואל דאך האט (משה אונ יעקב) זייער געוועזן איין מדרגה קיגן דעם באר צו זיי בהעפטן. איז דאך דיא מדריגה אונ מעלה פון משה בעסר געוועזן אז יעקב: ר' יוסי ור' יצחק זיינן גגאנגן אונטר וועגין, זאגט ר' יוסי דער ברונן דאס משה אונ יעקב האט גזעהן איז דס געוועזן דער ברונן וואס אברהם אונ יצחק האבן גגראבין אדרר ניט. שפראך רבי יצחק בשעה דאס דער עולם איז בשאפן גווארן איז דער באר בשאפין גווארן אונ ע"ש בין השמשות איז זיין מויל בשאפין גווארן, אונ דאס איז דר ברונן דאס יעקב אונ משה האבן גזעהן.

וּלְכֹהֵן מִדְיָן שֶׁבַע בָּנוֹת וַתָּבֹאנָה וַתִּדְלֶנָה זאגט ר' יהודה איז דס דער באר דיא ברונן פון יעקב, שטייט דאך גשריבן בייא יעקב אלו הערטן האבן זיך אוזין איין זאמלן דען שטיין אב צו וועלגרן. דיא בנות יתרו האבן זיי ניט גידארפט, אלא זייא קומן אונ שעפן אן אנדרי העלפר: זאגט ר' חייא יעקב האט דען שטיין אב גיטאן פון דעם ברונן. דען ביי דיא הערטן שטייט (והשיבו את האבן) זייא האבן פלעגין ווידר צו קערן דען שטיין אויף דעם ברונן, אונ בייא יעקב שטייט ניט (וישב את האבן) דען אין ערשטן פלעגין דיא וואסר ניט אויף גיין אונ אז יעקב איז גיקומן זיינן דיא וואסר אויף גיגאנגן צו אים אונ אויך צו משה, אונ דר שטיין איז שון ניט מער גוועזן אויף דעם ברונן דרום שטייט (ותבואנה ותדלנה): (סודות בדרך נגלה), ר' אלעזר ור' אבא זיינן גיגאנגן אין וועג פון טבריה נאך ציפורי אז זייא זיינן גיגאנגן דא וואר זייא בגעגנט איין יהודי ער וואר זיך בהעפטן צו זייא זאגט (ר"א) יעדער זאל זאגן (דברי תורה) היבט ער אן (ויאמר אלי הנבא בן אדם אל הרוח ואמרת אל הרוח) פון דעם פסוק ווייזט מען דט ארט וואו דער רוח ארויס קומט. האט דען יחזקאל גיקאנט נביאות זאגן אויף דעם (רוח) עס שטייט דאך גשריבן (אין אדם שליט ברוח לכלוא את הרוח), אלא איין מענש דר קאן ניט גוועלטיגן אויף דעם רוח אבר הקב"ה

דער

דער געוועלטיגט אויף אלים און אויף די רייד האט ער נביאות געזאגט, אין דעם שפּרינגט דער יהודי פֿאר אים און זאגט ר"א וואס האסטו געזעהן, שפּראך ער איך האב איין זאך געזעהן, שפּראך ר"א וואס איז עס, שפּראך ער ווען אנדערש דאס איז דס דער רוח ווערט אן גיקלייד אין גוף פֿון מענשען אויף דעם עולם וועלט שטיין (כה אמר יי מגן עדן באי הרוח) דען דיא רוחות קומען אויס דען ג"ע פֿון דארטען ווערן זייא אן גיקלייד אויף דעם עולם אין גוף, זאגט ר"א דער רוח ווען ער גייט ארויס אויס דעם ג"ע זיך אן צו קליידען אין גוף אזו ער פֿאהר ארויף גיין צו דעם (כסא הכבוד) דר. שטייט אויף די פֿיר זייל די דער קוואל און טורט זיין פֿון דיא פֿיר (יסודות) דאס איטליכר מענש האט וואסר פֿייער ווינד ערד, דא אזו פֿאהר דר רוח ביזאן פֿון דען (כסא הכבוד) דען כח און חיות פֿון דיא פֿיר (יסודות) דס ער זאל קענען זיין דאס חיות פֿון די פֿיר (יסודות) ווייא דער גוף האט אין גשמיות דער נאך ווערט ער אן גיקלייד אין גוף. שפּראך דר יהודי האט שפּרינגן דאס איך בין גישפּרונגען פֿאר אייך דען איך האב איין זאך גיזעהן פֿון דעם (גן עדן), איין טאג בין איך גגאנגען אין דער מדבר האב איך גיזעהן איין בוים דער איז געווען גלוסטיג צו זעהן און אונטער אים וואר איין הייל, איך האב איך גינענט דער צו און זעה אין הייל גייט אויף פֿון אלע ריחות (טביעולם) אזו האב איך איך גשטארקט זעלבערט און בין אריין אין דער הייל (באדריגות ירועים) אויף איין ארט דאס דרינען זיין געוועזן פֿיל בויאר און (ריח ובשמים) דס איך ניט גקאנט פֿאר ליידען, דארט האב איך גזעהן איין מענש און האט איין רוט אין זיינר האנט ער וואר גשטאנדען אין איין טיר, אז ער איך האט דער זעהן האט ער זיך גשטעלט צו מיר און וואונדרט זיך ער שפּראך צו מיר וואס טוסטו דא און ווער ביסטו, איך וואר זייער מורא און זאג צו אים איין העער איך בין פֿון דיא (חברים פֿון ר"ש בן יוחאי) אזו און אזו האב איך געזעהן במדבר און בין אריין גגאנגען אין דער הייל און בין גידרט דא. שפּראך ער צו מיר ווייל דו ביסט פֿון דיא חברייא דא נעם דס בוך כתבים און גיב עס לחברייא צו דיא מקובלים דיא דא ווייסן דיא סודות פֿון (רוחות הצדיקים) ער קלאפּט אויף מיר מיט דער רוט אזו בין איך אנטשלאפֿן גוואהרן. אין דעם זעה איך (כמה חיילות) און חברותות אין שלאף דיא דא קומן אין וועג אין דעם ארט און דער זעלביגר מענש שלאגט מיט דער רוט און זאגט צו זייא גייט אין דעם וועג פֿון דיא בייאר, אין דעם ווייא זייא גייען דא וואהרן זייא פֿליהן אין לופֿטן און גייען ארויף איך ווייס ניט וואו אהין זייא פֿליהן, און האב גהערט גרויסע קולות פֿון דיא חיילות גאנץ פֿיל און ווייס ניט וואו אהין און ווער זייא זיינען, אזו בין איך אויף גוואכט און האב שון ניקט גיזעהן און פֿארכט איך אויף דעם ארט, אין דעם האב איך גזעהן דען זעלביגן מענשן זאגט ער צו מיר האסטו וואס געזעהן, זאג איך צו אים איך האב געזעהן אין שלאף (כך וכך), שפּראך ער צו מיר אין דען וועג גייען דיא רוחות פֿון דיא צדיקים אין ג"ע און וואס דוא האסט גהערט פֿון זייא דאס איז דאס זייא שטייען אין ג"ע אין גשטאלט פֿון דעם עולם, און פֿרייען זיך מיט דיא (רוחות הצדיקים) דיא דא איין גייען דארט אהין, דען אזו וואל דאס דער גוף ווערט גבויאט אויף דעם עולם פֿון פֿיר יסודות אזו אזו דארטען דער רוח גבויאט ווערן פֿון דער נשמה פֿון דיא פֿיר (יסודות) פֿון דיא מורים פֿון גן וואו דער מקור ארויס קומט דאס רוחניות און חיות פֿון אלי פֿיר יסודות, און דאס בוך (כתבים) נעם און גיב דיא (חברייא) און גייא דיין וועגט, דא קומט ר' אלעזר און דיא חברים און קושין אים אויף דעם קאפּ, זאגט ר' אלעזר (ברוך רחמנא) דאס ער האט דיך אהער גשיקט גיוויס איז דאס דיא לוטרי זאך און הקב"ה האט מיר אין אויך גגעבן דעם פסוק, ער גיבט זיינו דעם בוך כתבים. וויא ר' אלעזר נעם אין דיא האנט און עפֿינט די כתבים קומט איין פֿייער און האט אים אום גרינגלט ער האט דרינען גזעהן וואס ער האט גזעהן דרינען און איז אוועק גפֿלוגין אויס זיינע הענט, וויינט רבי אלעזר און שפּראך ווער קאן בשטיין אין דיא (גנזי אוצרות) בהעלטנס פֿון אלך, (יי מי יגור באהליך מי ישכון בהר קדשיך) ווער קאן וואונען אין דיין געצעלט און ווער קאן רוען אויף דיין בארג, וואלן דעם וועג און דיא שעה דאס איך האב דיך בגעגנט און פֿון דער צייט וואהר זיך רבי אלעזר פֿרייען און האט ניקט גזאגט פֿאר דיא חברים, וויא זיי אזו גייען בגעגנין זייא איין ברונן וואסר זייא שטעלן זיך דארטן אהין און טרינקן וואסר. זאגט רבי אלעזר וואל דאס אלך פֿון דיא (צדיקים) יעקב וואהר אנטלאפֿן פֿאר זיין ברודער דא וואר זיך טרעפֿין צו איהם דער ברונן. וויא דער ברונן זעט איהם דא דער קענן דיא וואסר איהרן הערן און פֿרייען זיך מיט אים. און גייען אויף קעגין איהם און דארטין בקומט ער זיין (בת זוג). משה איז גילאפֿן פֿאר פרעה איז אויך אים גטראפֿן דער ברונן און דיא וואסר, דער קענן איהם און גייען אויף קעגין איהם בקומט ער אויך דארטין זיין (בת זוג). און אז משה זעהט דאס ווייסט ער דאס דא ווערט ער בקומן זיין (בת זוג), דען דער (רוח הקודש) איז זיין טאג ניט אפּ גישטאן גוואהרן פֿון משה. האט ער דארטן גוואוסט דאס צפורה ווערט זיין (בת זוג) זיין, זאגט דער מאן צו (רבי אלעזר) איך האב אזו גלערנט דאס יתרו איז געוועזן איין כומר צו דר ע"ז, וויא ער זעהט דאס איז קיין ממש דראן, וואר ער זיך אפּ שיידן דער פֿון אזו האבן זייא אים אין חרם גלייגט, אז זיינע טעכטער זיינן גקומן שעפּין וואסר האבן זייא הערטן פֿר טריבן, וויא משה זעהט (ברוח הקודש) דאס פֿון וועגן ע"ז איז דאס, (מיד ויקם משה) ער שטייט אויף (ויושיען) ער העלפֿט זייא (וישק את צאנם) און האט גטאן קנאה לה' הקב"ה מיט אלים. שפּראך ר' אלעזר דוא ביסט ביי מיר און מיר ווייסן ניט דיין נאמן זאגט ער מיין נאמן איז (יועזר בן יעקב) דא קומן דיא חברייא און קושין אים זייא שפּראכן דוא ביסט ביי אונז און מיר האבן ניקט גוואוסט פֿון דיר, זייא גייען בייא אנאנדר איין גאנצן טאג דען אנדרן טאג בלייט ער אים דרייא מייל און גייט זיין וועג פֿארט:

ותאמרן איש מצרי הצילנו דער רוח הקודש האט אויס זייא גרעדט וואס זייא זעלבסט ניט האבן גוואוסט, זייא זאגן דער מצרי וואס משה האט ממית געווען דאס האט גמאכט דאס ער האט אונז אהער קומן צו אונז, איין משל איין מענש זאלט אין דער מדבר ער וואלט גערן עסן פֿלייש, איין מאל האט איין בער גייאגט איין לאמ און קאם אהין צו

דעם

דעם מענשן · אזו שטארקט ער זיך קעגן דעם בער אונ נעמט דאס לעמל אונ שעכט עס אונ עסט עס :

וּמֹשֶׁה הָיָה רֹעֶה אֶת צֹאן יִתְרוֹ · [רבי שמעון) הויב אן [ודודי לי הרועה בשושנים] זאגט ער וויא צו דיא לייט דיא זיך ניט זיין [משגיח] אונ וויסן ניקס, דען בשעה דאס איז אויף גגאנגן אין גידאנקען פר הקב"ה צו בשאפן דעם עולם זיינן אלי וועלטן גוועזן אויף גגאנגן אין איין מחשבה, אונ מיט דער מחשבה זיין אלי בשאפן גווארן אז דר פסוק זאגט [כולם בחכמה עשית] אונ מיט דער מחשבה פון דער חכמה מיט דער רעכטר האנד האט ער בשאפן דיא אויבערשטע וועלט. אונ מיט די לינקע האנד [עולם הזה] וויא דער פסוק זאגט [אף ידי יסדה ארץ וימיני טפחה שמים] זייא זיינן אלי בשאפן גווארן אין איין שעה אין איין רגע, אונ ער האט גמאכט עולם הזה קעגן עולם הבא אונ אלז וואס איז אובן איז זיין גלייכין אונטן, אונ וואס דא איז אונטן איז זיין גלייכין אין [ים] און איז אלז מיינט. ער האט בשאפן אויבן מלאכים אונ אונטן מענשן אונ אין ים דעם (לויתן). אז דער פסוק זאגט [לחבר את האהל להיות אחד] דאס מ'ז אלס מיינט קעגין דעם אנדרן, בייא דעם מענשן שטייט [כי בצלם אלהים עשה את האדם] אונ שטייט [ותחסרהו מעט מאלהים] אונ האט אויס דער וועלט אן דיא ישראל, דיא עליונים רופט ער ניט בנים אונ דיא ישראל רופט ער יוא בנים, וויא דער פסוק זאגט [בנים אתם ליי אלהיכם] ער רופט זייא קינדר זייא הייסן אים אב פאטר וויא עס שטייט [כי אתה אבינו] דרום שטייט [דודי לי ואני לו] ער האט אויס דער וועלט אן איר אונ איך האב אויס דר וועלט אן אים. [הרועה בשושנים] ווען גלייך אום דיא רוזין ארום זיינן דערנר טוט הקב"ה דאך אונז ווידן צווישן דיא אומות עכו"ם דס קיינר אונז ניקס קען טאן. נאך איין פשט איז ווארום הייסט הקב"ה (רועה בשושנים) וויא איין רויז איז רויט אונ די וואסר דער פון זיינן ווייס, אזו אויך הקב"ה פירט דעם עולם מיטן [מדת הדין] דר איז רויט אונ [מדת הרחמים] איז ווייס, אונ שטייט [אם יהיו חטאיכם כשנים כשלג ילבינו]. רבי אבא גייט אונטר וועגן וואר מיט אים רבי יצחק, ווי זייא אזו גייען קומן זייא צו רויזן בייאר, ר' אבא נעמט איינע רויז גייט אזו בגעגינט זייא ר' יוסי, זאגט ער געוויס איז דיא שכינה דא אונ איך זעה אן דיא הענט פון רבי אבא דאס ער האט נאר דיא רויז גנומן נאר אום צו לערנן גרויסע חכמה, זאגט רבי אבא וועל דיך איין קינד זייא זעלן זיך אזו שמעקט רבי אבא צו דער רויז אונ זאגט געוויס האט דער עולם ניט קיין קיום נייערט דורך דעם [ריח], דען איך זעהן וואול דאס דער נפש האט קיין קיום נייערט [על הריח] דרום קער מען צו נאך [הבדלה במוצאי שבת] צו שמעקין דער צו. ער הויב אן [אני לדודי ודודי לי] ווער איז איר גורם דאס איך בין [לדודי אונ דודי] איז צו מיר, ווייל ער איז [הרועה בשושנים] ער פירט דעם עולם [בשושנים] וויא איז איין רויז, דיא רויז שמעקט מאן דר מאן אונ איז רויט ווען מען אויס קוועטשט איר וואסר איז ווייס אונ איר געשמאק ווערט ניט פר ענדרט, אזו אויך איז הקב"ה פירט דעם עולם בדרך זה, ווען ניט אזו קענט דר זינדיגר מענש קיין קיום ניט האבן, דען דער חטא הייסט רויט וויא דר פסוק זאגט (אם יהיו חטאיכם כשנים כשלג ילבינו) ער איז מקריב איין קרבן דאס איז רויט ער שפריינגט דאס בלוט פון קרבן אום מזבח איז אויך רויט, דער [מדת הדין] איז רויט, דר רויך און ריח גייט אויף נאר צו ווייס מאכן די זינד, דען ווערט פר קערט פון רויט צו ווייס, ווערט פון דעם [מדת הדין מדת הרחמים]. נאך זאגט רבי יצחק וויא איין רויז איז רויט אונ ווייס. אזו אויך דאס (ריח הקרבן) איז פון רויט אונ ווייס, קום אונ זעה פון די [סמים הקטורת] איין טייל זיינן ווייס אז לבונה, איין טייל זיינען רויט אז (מר דרור), אונ דער ריח גייט אויף פון ביידע רויט אונ ווייס, אזו איז הקב"ה פירט דיא וועלט [בשושנים] דיא זיינן רויט אונ ווייס, אונ שטייט [להקריב לי חלב ודם], קעגן דעם ווען איין מענש תענית האט, איז ער אויך [מקריב] זיין חלב אונ בלוט. דאס חלב איז ווייס דאס בלוט איז רויט אונ הקב"ה איז אים מכפר וויא איין רויז איז רויט אונ קאן ווייס ווערן דורך דעם פייער, אזו אויך דאס קרבן, מיצונד האבן מיר קיין קרבן זאגט [רבי יהודה] דורך דעם תענית פון מענשן ווערן די אברים שוואך, אונ דר יסוד פון פייער שטארקט זיך אויף אים, אין דעם פייער איז ער מקריב זיין [חלב ודם]. דאס איז גרופן [מזבח כפרה] דרום זאגט [רבי אלעזר] ווען ער איז געזעסן אין תענית האט ער אזו [מתפלל] געוועזן, [רבש"ע] עס איז אנטפלעקט פר דיר דז איך האב מקריב געוועזן מיין חלב און בלוט, אונ האב מאכן דער היצן זייא מיט חולשות אונ שלאפקייט פון מיינם גוף. עס זאל בווילגט זיין פר דיר דס דר ריח דער דא גייט אויז מיין מויל די שעה, וויא דר [ריח] פון עולה אונ קרבן אויף דעם מזבח אונ דוא זאלסט מיך בווילגן : נאך עס ווערט געפונדן בייא דעם מענשן דס ער איז [מקריב] אין זיין תענית דאס [חלב ודם], און דר פייער און דר ריח וואס אויף גייט איז איין [מזבח כפרה] דרום האט מען מתקן געוועזן די תפלות אן שטאט קרבן, נייערט ער זאל מכוון זיין וויא איר געזאגט האבן. זאגט (רבי יצחק מכאן והלאה) שטייט געשריבן [כל דבר אשר יבא באש תעבירו באש וטהר] אזו אז דער מענש חוטא איז אונ דר היצט זיך, אזו האט ער איין כפרה ווידר, אזו דורך דען פייער דאס שטארקט זיך בייא אים הן דורך תענית, אדר מיט דעסט גלייכן ווען ער זיך דר היצט מיט תורה לערנן אדר מעשים טובים דא ווערט ער טהור. זאגט [רבי יוסי] ווען דאס [בית המקדש] איז גישטאנדן האט דר מענש אזו מקריב געוועזן איין קרבן אונ האט איין כפרה גיהאט, מיצונד איז דיא [תפלה מכפר] אן שטאט קרבן אין זעלבין גישטאלט: נאך איין פשט וויא דיא רויזן זיינן דערנר צווישן זייא, אזו אויך הקב"ה פירט דעם עולם מיט צדיקים אונ רשעים, וויא רויזן קאנן ניט האבן איין קיום נייארט דורך דיא דערנר, אזו אויך וועלטן ניט זיין [רשעים בעולם] אזו וועלטן דיא צדיקים ניט רעכט דר קענט ווערן. ר' יהודה האט גיזאגט דורך וועמן ווערן דיא צדיקים דר קענט ווייל רשעים זיינן, מאלטן ניט זיין רשעים וואלטן דיא צדיקים ניט דר קענט ווערן. דורך אירה [מעשים הרעים] ווערן דר קענט אירה [מעשים טובים]. נאך איין פשט איז [הרועה בשושנים] מאכט [שש שנים] ער פירט דיא וועלט מיט זעקס יאר אונ דאס זיבטע איז [שבת לי׳]. אדר [הרועה בשושנים] דיא דא לערנן תורה [שונים] איז טייטש לערנן דיא תורה אין איהרן זכות פירט הקב"ה דיא וועלט :

ומשה

ומשה היה רועה את צאן יתרו. [ר' חייא] הוב אן [מזמור לדוד יי רועי לא אחסר וגו'] וויא איין פאסטוך ער פירט זיין שאף אויף רעכטי וייד אונ פעטי וייד וואו עס וואכסן טייכן וואסר, ער מאכט רעכט פערטיג איהר גאנג [בצדק ושפט], אזו אויך הקב"ה דרום שטייט [בנאות דשא ירביצני על מי מנוחות ינהלני נפשי ישובב], זאגט ר' יוסי דר סדר איז פון איין פאסטוך צו פירן די שאף [בצדק] צו דר ווייטרן זייא פון גזל דאש זיא זאלן ניקש עסן פון פרעמדי פעלדר, אונ האט זיין רוט אין דר האנט דאש זיא זאלן ניט נייגן רעכטש אונ לינקס, אזו אויך הקב"ה פיטערט דיא ישראל ער פירט זיא רעכט אונ דיא רוט אין דר האנט אלי שעה דש זיא זאלן ניט אב קערן רעכטש אונ לינקס. [דבר אחר] נאך איין פשט איז [ומשה היה רועה] זאגט ר' יוסי דאש איז בעוואוסט דאש ווען דער פאסטוך איז איין חכם צו פירן זייני שאף, איז ער גיגרייט מקבל צו זיין [עול מלכות שמים], ווען ער איז איין שוטה איז אויף אים גזאגט [תקוה לכסיל ממנו]. זאגט ר' יהודה משה איז גיוועזן איין חכם אונ גיניט צו פירן דיא שאף וויא אויך דוד, דען דוד איז איין חכם גדול גוועזן אונ האט גיפיטערט דיא שאף (כדין וכשורה), דרום האט אים הקב"ה גמאכט פר איין (מלך על כל ישראל), ווארום שטייט [והוא רועה צאן] שאף אונ ניט בקר, זאגט ר' יהודה ישראל הייסן צאן [ואתנה צאני צאן מרעיתי אדם אתם] אונ שטייט [כצאן קדשים כצאן ירושלים], וויא דיא שאף אויף דעם מזבח איז מען זוכה פון זיירט וועגן [לחיי עוה"ב], אזו אויך ווער עס פירט די [ישראל כדין וכשורה] איז אן זוכה פון זיירט וועגן [לחיי עוה"ב]. נאך מער ווייל דיא שאף גווינן דא נעמט דר פאסטוך דיא צער אין זיין שום דש זיא זאלן ניט מיד זיין ער טראגט זיא נאך מיהר אוטר אונ איז זיך מרחם אויף זיא, אזו קער אויך צו זיין איין מנהיג פון ישראל ער קער די צייט צו פירן מיט [רחמנות ניט מיט אכזריות] אונ זאגט אויך משה [כי תאמר אלי שאהו בחיקך], אונ וויא איין גוטר פאסטוך ער איז אליין דאש שאף פר חיות רעות, אזו אויך דער איז איין מנהיג אויף ישראל איז ער זיי אליין פון די [אומות עולם ומדין שלמטה ומדין שלמעלה], אונ איז זייא [מדריך לחיי עוה"ב]. אזו איז גוועזן דער רועה נאמן משה. הקב"ה האט גזעהן וויא ער פירט דיא שאף אזו ווערט ער פירן אין אזו איין מדה צו דיא ישראל, דרום שטייט (ומשה היה רועה את צאן יתרו) ווארום שטייט ניט צאנו זיין שאף אזו איין עושר גדול וויא יתרו איז גיוועזן אונ האט אים דיא טאכטר גיגעבן ווי האט ער אים ניט אויך שאף גיגעבן, אלא משה האט זיין שאף ניט וועלן ווידן מיט זייא. מען זאל ניט זאגן ווייל זיין שאף מיט זייא איז דרום טוט ער זייא ווידן גוט, דרום שטייט [את צאן יתרו חותנו] אונ ניט זיין שאף. [כהן מדין] זאגט ר' תנחום ווען גלייך יתרו איז גיוועזן איין עכו"ם, ווייל ער האט מיט אים גיטאן חסד האט ער גיפיטערט [כדין וכשורה] אין גוטע וייד:

וינהג את הצאן אחר המדבר. ר' יוסי זאגט פון טאג דאש משה איז גבארן גווארן איז פון אים ניט אב גטאן גיווארן דר רוח הקודש. ווייל ער האט גזעהן [ברוח הקודש] אז דר מדבר איז אן גיברייט מקבל צו זיין דריבן דען [עול מלכות שמים] דרום פירט ער דיא שאף היכטר דיא מדבר אונ זאלן ניט מריין גיין אין דער מדבר, [ויבא עד הר האלהים חורבה] ער איז אליין ארויף גגאנגן אויף דען בארג, עס איז איין משל איין שטיין דער אן פאנגט צו זיך אליין וויצן ער אים דער זעהט גלייך שפרינגט ער אויף אים, אזו אויך משה אז ער האט דער זעהן דעם בארג סיני דאש איז דער [הר חורב] שפרינגט ער דרויף, דרום שטייט [ויבא עד הר האלהים חורבה]. זאגט ר' אבא משה אונ דער בארג סיני זיינן אן גברייט גוועזן פון [ששת ימי בראשית] צו אננדר, אין דעם טאג ווי משה קומט אהין וואר דר בארג שטורמן קעגן משה אז ער זעהט דאש ער וואר שפרינגן אויף אים דא וואר דר בארג גשטאנן, [מזמור] דש זייא האבן זיך משמח גוועזן מיט אננדר: זאגט [רבי יצחק] משה האט גלייך גוואוסט דש דר בארג איז [הר האלהים], דען מיר האבן גלערנט וואש האט דען משה גזעהן אויף דען בארג, ער זעט דרויף עופות די פליען אונ שוועבן אונ שפרייטן די פליגל אונ גיין ניט ארויף צו שטיין דרויף: זאגט ר' יצחק ער זעהט עופות פליען אונ שוועבן פון דארטן אונ פאלן פאר זיין פיס פון משה, איד האט ער דאש גימארקט אונ לאזט שטיין דיא שאף היכטר דיא מדבר אונ ער גינג אליין אהין:

תנו רבנן דיא שעה דאש משה איז גקומן צום בארג סיני ווארום הט זיך הקב"ה בוויזן צו אים [בלבת אש] דש איז [אלו הדין], זאגט ר' יצחק דר זאן איז גוועזן פון מנחה דאש איז שולט דר [מדת הדין] ניקש איין וואר קשה ווארום האט זיך ניט הש"י פריער בוויזן פר דר צייט, אלא עס איז אלט איין שורט גווארלט, עס שטייט אלהיא [ויבא עד הר האלהים חורבה] אונ שטייט [ובחורב הקצפתם את יי] אונ שטייט [וירא מלאך יי אליו בלבת אש מתוך הסנה] ווייל זייא ווערן היכטן נאך זיין וויא דיא דערנר, עס שטייט [קוצים כסוחים באש יצתו] האט אים הקב"ה דאש גוויזן דש זייא ווערן דר נאך חוטא זיין אונ ווערן זיין וויא דערנר צו פאר ברענן אין פייער. זאגט רבי יהודה פון אלהיא לערנן מיר דאש רחמנות פון הקב"ה אויף דיא רשעים, עס שטייט [והסנ' בוער באש] דר [מדת הדין] ברענט אין פייער פון גיהנם אויף דיא רשעים דיא זיינן וויא איין דארן, אבר דש רחמנות איז פון הקב"ה [והסנה איננו אכל] דאש ער פאר דארבט זייא דאך ניט אין גאנצן אלד הרחמנות:

וירא מלאך יי אליו בלבת אש ווארום צו משה מיט פייער אונ ניט אזו בייא אנדרי נביאים, זאגט רבי יהודה משה איז ניט גוועזן ווי אנדרי נביאים ווער עס גנעהנט צו פייער ווערט פר ברענט, אונ משה גנעהנט צום פייער אונ וואר ניט פר ברענט וויא דר פסוק זאגט [ומשה נגש אל הערפל אשר שם האלהים] אונ שטייט [וירא מלאך יי אליו בלבת אש מתוך הסנה], זאגט ר' אבא עס שטייט בייא משה [כי מן המים משיתיהו] ווער עס איז אויס גלאזן גווארן אויס וואסר דר פארלעשט זיך ניט פאר פייער, דען מיר האבן גלערנט פון דען אורט וואו משה איז בשאפן גווארן איז קיין מענטש פון דארטן בשאפן גווארן ער איז גגרונד פעסט גווארן אין אלי מדות ומדרגות, דרום שטייט [בכל ביתי נאמן הוא], וואלט זיין חלק אז זיין העלער איז. אזו אויף אים מגיד:

זאגט

זאגט [רב ריאי] שטייט דאך גשריבן [ולא קם עוד נביא בישראל כמשה], אונ [ר' יהושע בן לוי] זאגט ביי ישראל וואלט נימר זיין וויא משה, אבר ביי אומות וואר יא וויא משה אונ דאס איז בלעם, זאגט ער וודאי דו רעדסט רעכט ער שווייגט ווייטר שטיל, וויא ר"ש קאם פרעגן זיא אים דיא קשיא, הויב ער אן ח"ו האט זאל גלייך זיין גוט געווירץ אונ שמעקדיגע איין מיט בייז געווירץ, אזו איז ח"ו ניט צו גלייכן בלעם צו משה, אלא עס איז אזו ביי דיא אומות איז אויך געשטאנען בלעם וויא משה ביי ישראל, אבר משה איז געוועזן אין דיא [מדרגות עליונים הקדושים] פון הקב"ה, אונ בלעם וואר בדינן [במדרגות התחתונים] דיא ניט קודש זיינן, דען הקב"ה האט אלץ בשאפן [את זה לעומת זה], וויא אין דער קדושה אזו איז דאס בקליפות [כקוף בפני אדם] אז איין אף קעגן איין מענש, אזו איז דיא טומאה דיא אדה וואס קעגן משה איז אין דער קדושה דארטן איז בלעם געוועזן, דרום שטייט [ואת בלעם הקוסם הרגו בחרב] הייסט ער אים צוברר, אוב דוא וואלסט מיינן ער איז העכר געוועזן גייא אונ פרעג זיין אייזל: קום רבי יוסי אונ קושט זיין הענט אונ זאגט מילוכר איז איין גלוסטיקייט פון מיין האלז ארויס גגאנגן, אונ פון אלהיא זאל מען וויסן עס זיינן [עליונים ותחתונים]. [ימין ושמאל, רחמים ודין, ישראל אונ עובדי זרה], ישראל בדינן אין די [מדות הקדושים עליונים], אונ די ע"ז אן די [מדות תחתונים] דיא ניט הייליג זיינן. ישראל זיינן פון רעכטס אונ זיי זיינן פון לינקס [על כן פנים] זיינן אפ גיטיילן די [נביאים עליונים פון נביאים תחתונים], נביאים קדושים פון נביאים דיא ניט זיינן קדושים: זאגט רבי יהודה וויא משה איז אפ געטיילן געוועזן פון אלע נביאים אין דר קדושה דאס ער איז העכר געוועזן אז [נביאי קודש], אזו איז בלעם אויך אין דר טומאה העכר געוועזן מער אז אלע נביאי חרשים מכשפים אונ צוברר דיא נבואה דיא ניט קודש איז, [ועל כן פנים משה] איז געוועזן [למעלה אונ בלעם למטה], דאס זייכען וויא פיל [מדרגות] די אפ שיידן איינס פון אנדרען: זאגט רבי יצחק משה וואר טראכטן שמא ח"ו ווערן ישראל פר דארבן ווערן אין דיא שווערע דינסט פון מצרים. דרום אויך [וירא מלאך ה' אליו בלבת אש מתוך הסנה וירא והנה הסנה בוער באש והסנה איננו אכל] כלומר ווען גלייך זייא ווערן זיין אין מצרים וויא איין דארן אין פייער ווערן זייא פארט ניט פר דארבן ווערן: זכאין זיינן דיא ישראל דאס הקב"ה האט זייא אפ געשיידן פון אלע אומות [עובדי ע"ז] אונ האט זיי גהייסן בנים ווי עס שטייט [בנים אתם לה' אלהיכם] אונ שטייט [ואתם הדבקים בה' אלהיכם חיים כולכם היום]:

פרשת וארא.

וַיְדַבֵּר אֱלֹהִים אֶל מֹשֶׁה: רבי אבא הוב אן בִּטְחוּ בַה' עֲדֵי עַד כִּי בְּיָה ה' צוּר עוֹלָמִים איטליכר מענטש קער זיך [כל ימיו] צו שטארקן אן הקב"ה: דען אזו האט דוד גזאגט [אלהי בך בטחתי וגו'] ווער דא טוט זיין בטחון אונ שטארקייט אן הקב"ה וויא עס זאל זיין דא קאנן אים ניט איבלן [כל בני עולם]: ווער דא טוט זיין שטארקייט אן דעם [שם הקודש] וויא דר פסוק זאגט [כי ביה ה' צור עולמים] דען מיט די צווייא אותיות זיינן דיא וועלטן בשאפן געווארן, עוה"ב מיט דיא יו"ד עוה"ז מיט די הי"א, דער עולם איז בשאפן געווארן מיט דין אונ אויף דין שטייט ער. ווי דער פסוק זאגט [בראשית ברא אלהים] ווארום כדי דס די לייט זאלן זיך פירן בדין אונ זאלן ניט גיין אויס דעם רעכטן וועג ארויס, דרום ווייל משה הט דר פר גירעדט [למה הרעותה לעם הזה] דא קומט צו אים דיא גזרות דין דרום שטייט [וידבר אלהים אל משה]: [דאס איז בקיצור מכת שורות]:

וָאֵרָא אֶל אַבְרָהָם אֶל יִצְחָק וְאֶל יַעֲקֹב. זאגט רבי חייא דער טבח אונ דס בעסט פון אלע אבות איז יעקב, דרום שטייט אל אברהם אל יצחק אן ו', אונ בייא יעקב שטייט [ואל יעקב] מיט דער ו' צו וויזן דאס ער איז דער שלום פון אלע אבר דאך ניט אז משה, דרום האבן זיי גאר געזעהן מיט דער מדרגה פון [אל שדי] אונ משה מיט דעם שם [יהוה], [ושמי ה' לא נודעתי להם]: [וגם הקימותי את בריתי אתם לתת להם את ארץ כנען], דען ווער עס איז נימול דר ירשנט דיא לאנד עס ירשנט קיינר דיא לאנד נייערט ווער עס איז איין צדיק, אונ ווער עס איז בשניטן הייסט איין צדיק וויא דער פסוק זאגט [ועמך כולם צדיקים לעולם ירשו ארץ] וויא אויז דאס ווען ער היט דען ברית אונ איז ניט פוגן דראן, וויא איר גפינן ביי יוסף ער האט ניט גהייסן צדיק ביז ער האט גהיט דען ברית אונ האט ניט מטמא געוועזן ביי [אשת פוטיפרע], זינט ער הט זיך גיהיט הייסט ער צדיק [יוסף הצדיק]:

רבי חזקיהו הייב אן [אשרי אדם לא יחשוב ה' לו עון] וויא גאר זיינן דיא לייט פר שטאפט דאס זייא ניט וויסן אונ זעהן ניט אויף וואס זיי שטייען אונ האבן איין קיום אויף דעם עולם. דען ווען הקב"ה האט בשאפן דעם מענטשן האט ער אים בשאפן אין זיין גשטאלט אונ האט אים מתקן געוועזן אין זיין תיקון. אונ האט אים בשאפן פון דעם ארט בית המקדש דארטן האב זיך בהעפט דיא פיר זייטן פון עולם: [ארבע יסודות מים אש רוח עפר] פון דען איז דער גוף בשאפן געווארן. אונ זיין נשמה פון בית המקדש שלמעלה איז אויך כלל געווארן אין עפר, נאך דריי יסודות דיא זייכען דיא נשמות ופנימיות פון דיא פיר [יסודות של מטה] מיט דעם איז דער אדם גאנץ געווארן כלל פון די [עליונים מצד הנשמה]. אונ [תחתונים מצד הגוף] דרום שטייט [אשרי אדם לא יחשוב יי' לו עון ואין ברוחו רמיה] דאס קיין חטא איז ברוחו דא איז ער איין אדם, אזו אויך משה איז העכר געוועזן אין דר מדרגה אז דיא אבות, דען אזו ווי דר בן אדם איז זיין נשמה דאס פנימיות פון גוף אזו איז

איז

איז משה געווען אז דיא נשמה פון דיא אבות, דרום שטייט (וארא אל אברהם אל יצחק ואל יעקב באל שדי וגו') דס איז בקיצור דרך נגלה געשריבן :

לכן אמור לבני ישראל אני יי והוצאתי אתכם פרעגט רבי יהודה דער פסוק רעדט פר קערט פֿאָר זאגט ער (והוצאתי) אונ דר נאך (והצלתי) אונ דר נאך (וגאלתי) ער קער צום ערשטן ריידן (וגאלתי) דר נאך (והוצאתי) אונ דר נאך (והצלתי), אזו ער האט זיא וועלן פֿאר זאגן די בשורה שבח פון אלים: זאגט רבי יוסי איז דאך דער שבח פון אלים (ולקחתי אתכם לי לעם והייתי לכם לאלהים) וואָרום זאגט ער עס צום הינטערשטן. זאגט רבי אבא דיא זעלביגי צייט איז דאס דער שבח געווען דר עיקר ארויס צו גיין, דען זיי האבן געמאכט דס זיא ווערן איר טאג ניט קענן ארויס גיין פון מצרים, דען זיא האבן געזעהן דארט דאס אלי תפוסים ווער עס איז נאר געקומן אין מצרים האבן זיא מיט כישוף געמאכט פר בינדן דס קיינר הט ניט זיין טאג קענן ארויס קומן. דרום איז דיא יציאה מער ליבר געווען אז אלץ, דרום זיינן זיי צום ערשטן אן געזאגט געווארן (והוצאתי אתכם). אויב דוא ווילסט זאגן ווען זיא נאך יוא ווערן ארויס גיין שמאר ווערן זיא נאך יאגן צו איבן זיא. זאגט ער (והצלתי אתכם מעבודתם) איך וויל אייך מציל זיין פון זיא. אויב דוא ווילסט זאגן ווען גלייך איר ווערט ארויס גיין אונ בשעראט ווערן אבר עס ווערט ניט זיין איין גאולה. דרום זאגט ער (וגאלתי אתכם בזרוע נטויה). אזו דוא ווילסט זאגן ווען צוא איר ווערט אויס געלייזט זיין, ווערט הקב"ה אונז ניט צו זיך נעמן פאר איין פאלק דא ווערט איין אנדרר מלך אונז נעמן אין גלות, דרום שטייט (ולקחתי אתכם לי לעם). אויב דו ווילסט ריידן ווען ער ווערט יוא זיך נעמן ווערט ער אונז ניט ברייגן אין ארץ ישראל אריין דרום זאגט ער (והבאתי אתכם אל הארץ וגו'):

ולקחתי אתכם לי לעם והייתי לכם לאלהים וידעתם כי אני יי אלהיכם דיא מצוה איז דיא ערשטי מצוה פון אלע מצות דאס מן זאל קענן (הקב"ה בדרך כלל ובדרך פרט. בדרך כלל) דאס ער איז (שליט עליון) אונ דער הער פון דיא וועלט אונ האט אלץ בשאפן (שמים וארץ וכל צבאם), אונ האט בשאפן דעם אדם פון דער ערד אונ האט אים אריין געבלאזן (נשמת חיים) דאס איז (בדרך כלל). אז ישראל זיינן אויס מצרים געגאנגן האבן זיא ניט געוואוסט אונ ניט געקענט הקב"ה. אז משה קאם צו דיא ערשטי מצוה דאס ער האט זיי געלערנט שטייט (וידעתם כי יי אלהיכם המוציא אתכם וגו') אלמא ווער ניט דיא מצוה דאס ער הט געזאגט העטן זיא ניט געגלייבט אן אלע נסים וגבורות דאס ער הט זיא געטאן אין מצרים אז זיא האבן דאס געוואוסט בדרך כלל. דען עס זיינן געטאן געווארן צו זיי (נסים וגבורות). אונ נאך פערציג יאר דס זיי האבן עוסק געווען (במצות התורה) אונ משה האט מיט זיא געלערנט עס זייא דיא מצות דיא נוהג זיינן אין א"י עס זייא דיא מצות דיא נוהג אין חוצה לארץ האט ער זיא געלערנט (בדרך פרט). דען זאגט ער (וידעת היום והשבות אל לבבך היו' דווקא) דיא דא ניט איז רשות געווען דר פֿיר. (כי יי הוא האלהים) דאס איז (בדרך פרט), אין דעם וואָרט זיינן ווי פֿיל סודות פֿר האָלן (ונסתרות). דרום איז דיא ערשטי מצוה צו קענן הקב"ה בדרך (כלל ופרט) דר סוד פון (אני ראשון בכלל ואני אחרון בפרט) אונ אלץ איז כלל אין איין סוד, ווען דר מענש דס ווייסט בכלל דא איז ער זיך משלים אלי זיינע (רמ"ח איברים אונ שס"ה גידים) מיט די מצות התורה (רמ"ח מצות עשה) קעגן דיא (רמ"ח איברים). (שס"ה מצות לא תעשה קעגן שס"ה גידים). ווען דער מענש משלים איז (שס"ה מצות לא תעשה) דיא זיינען קעגן (שס"ה ימים) דיא זיינן אין יאר דא ווערט ער געבענטשט פון זיא, דען דורך אים ווערן דיא שס"ה ימים געבענטשט דא ווערן דיא שס"ה ימים איין רפואה צו זיינע שס"ה גידין, דרום שטייט (ביום תתן שכרו) כלומר זיין שכר איז פון דיא טאג ווערט דיא זיינן איין רפואה צו אים. וואו צו דיא ישראל דאס דורך דיא מצות התורה הייסן זייא אדם וויא עס שטייט (אדם אתם) זייא זיינן (בדוגמת אדם של מעלה) וואו דיא מצות איין מחיצה האבן בתורה די האט אין דער צאל רמ"ח שס"ה תרי"ג מצות הייסט ער אדם, דרום שטייט (אדם אתם) איר הייסט אדם אונ ניט דיא עכו"ם. אזו אויך דס ער האט דיא תורה געגעבן זאגט ער (אנכי בדרך כלל). (יי אלהיך בדרך פרט) אונ דאס איז אלץ איין זאך צו פר שטיין, דען עס זיינן איניס דיא זאגן דאס צווייא זייא דיא זיינן (שני הפכים) ווידר אנאנדר, צום משל דין אונ חסד וויא קאן זיין אן איינם אורט, דרום זיינן זיי מאמין צוויי רשויות איינר איז (פועל רע) אונ איינר איז (פועל טוב), דרום איז דר (עיקר יחוד) צו אונזרי אמונה (כי יי הוא האלהים), מיט דעם (שם הוי"ה איז הקב"ה פועל רחמים) אונ מיט דעם (אלהים) טוט ער דין. אונ אזו אין מענשן זעלברט די (רמ"ח איברים) זיינן קעגן (רמ"ח מצות עשה) דיא זיינען (מלך יאין בחשבון אברה"ם) הט אין דר צאל רמ"ח דאס איז מלך החסד, אונ (שס"ה לא תעשה) זיינן קעגן (שס"ה גידין מלך שאול) אונ אלי זיינן דאך כלל איין אדם, דרום שטייט (והשבות אל לבבך) דר מענש זאל זעהן אין זיין הארץ זעלבשט, איינם טוט ער גוטס איינם בייז אונ איז דאך פון איין כח, אזו איז דער (כלל ופרט) אונ אלץ איין יחוד (יי אחד ושמו אחד) וואו דיא קדושה הייסט ראשון זיינן מייטן (חסד וטוב) אונ וואו זיא הייסט אחרון איז (דין ומשפט), דרום שטייט (אני ראשון ואני אחרון ומבלעדי אין אלהים):

וידבר יי אל משה ואל אהרן ויצום אל בני ישראל ואל פרעה מלך מצרים זאגט רבי יוסי ער האט געבאטן משה אונ אהרן צו בני ישראל פון אירעט וועגן צו פֿירן זיא בנחת וויא עס קער צו זיין. (ואל פרעה מלך מצרים) זיא זאלן נוהג כבוד זיין אן אים ווייל ער איז איין מלך. זאגט (ר' ייסא) וואָרום שטייט תיכף אלהיא (אלה ראשי בית אבותם), אונ הקב"ה שפראך צו אים וויא וואל זיא זיינן מיגונר בעבודה קשה דא פֿיר זייא בנחת זיינן דאך (מלכים בני מלכים). (אלה ראשי בית אבותם) דיא דאס דוא זעסט זיינן (ראשי בית אבות) זיי קאנן זיך וואל מייחס זיין נאך איר (בית אב), זיא האבן זיך ניט פאר מישט מיט דיא אומות, זייא זיינען געבליבן שטיין אין איר היילגן שטאנד אונ ניט משתתף געווען מיט דיא מצרים: ר' אבא זאגט דעסט וועגן זאגט דער
פסוק

פסוק (אלה ראשי בית אבותם) ווייל ער וויל בריינגן אלהיא צו רידן פון (משה ואהרן) צו ווייזן אירע מעלה דאס זיי זיינען ראוי אויס צו ציהן ישראל אונ צו רידן פר פרעה, אונ בצווינגן איהם מיט דעם שטעקן ווייל צווישן אלע ראשי ישראל איז ניט געוועזן דער זיא זאל גלייך זיין. קום אונ זעה עס שטייט (ואלעזר בן אהרן לקח לו מבנות פוטיאל לו לאשה ותלד לו את פנחס אלה ראשי אבות הלוים) איז קשה ער איז דאך איינער געוועזן ווארום זאגט ער (אלה ראשי לשון רבים) איז משמע פיל, אלא ער זאגט דרום פנחס אליין אלה איז טייטש פיל, דרום ווייל ער הט דער נאך במעשה זמרי דר האלטן (כמה אלפים ורבבות מישראל) אונ איבר איהם האט די מגפה אויף געהערט איז (זכות רבים) אן איהם, דרום זאגט ער (לשון רבים אלה ראשי אבות הלוים), ער האט אויך מקיים געוועזן דיא (ראשי אבות הלוים) דרום שטייט סתם (אלה ראשי אבות הלוים), אויך ווייזט אונז דיא תורה (ותלד לו את פנחס אלה ראשי) דיא נייא ראשי לוויים דיא זיינען (נדב ואביהו) דיא זיינען אירי נשמות אריין גקומן אין פנחס, דרום זאגט ער (ותלד לו את פנחס אלה ראשי) ער הט פר ריכט וואס זייא האבן פר דארבן אין (יסוד הברית) פון זיין ארט. אבר פנחס ער האט מקיים געוועזן דעם ברית דרום האט ער זוכה געוועזן צו אירע נשמות דאס איז אלהיא דר פסוק וארא וואס דער נאך ווערט זיין, אויב דוא ווילסט פרעגן וואס בגערט דר מיט אלהיא דיא תורה צו זאגן מיט פנחס, אלא אז הקב"ה האט גיזאגט (ואזכור את בריתי) זעט הקב"ה די (בני אהרן) ווערן פוגם זיין דרין, אונ איצונד זאל ער איהם שיקן אין מצרים האט ער אהרן וועלן (מעביר) זיין, ווי אבר הקב"ה זעהט וויא פנחס איז דאס ער ווערט איר פאר דארבן ווידר פר ריכטן, זאגט ער גלייך (הוא אהרן ומשה), זאגט הקב"ה איצונד איז ער (אהרן הוא אהרן) ער איז דר ערשטר, (הוא אהרן ומשה) זייא זיינען כלל אין אננדר, דרום שטייט (הוא) אונ ניט (הם) אלא זייא זיינען כלל אז וויא איינר:

מה לַעֲשׂוֹת לָךְ הֲיֵשׁ לָךְ לְדַבֶּר אֶל הַמֶּלֶךְ אוֹ אֶל שַׂר הַצָּבָא וואס בדארף דש איין משה די דא ניט איין גייט בייא איין מלך אלא דעם טאג ווערט הקב"ה גרופן [המלך המשפט המלך הקדוש] אונ זילט בדין, ער פרעגט זיא אויב ער זאל ריידן פר איר פר דען [מלך עליון] אויף אירי מעשים, זיא ענטפרט [בתוך עמי אנכי יושבת] וואס מיינט זי מיט דעם. אלא בשעה דש דער דין הייננט אויף דער וועלט זאל זיך איין מענש ניט אפ טיידן אליין דש ער זאל ניט אליין אובן גדאכט ווערן אונ גליינט ווערן, דען אין דער לייט אז דר דין הייננט אויף דר וועלט דיא דא זיינן דער קאנט אליין מובן אונ ווערן פר ליינט פר זיך זעלבשט ווען ער גלייך איז ננוי ווערט ער בלואנגן, דרום זאל זיך איין מענש ניט אפ טיידן פון רבים, דען דיא רחמים פון הקב"ה זיינן אלי מאל אויף רבים, דרום זאגט זיא [בתוך עמי אנכי יושבת] איך וויל גדאכט ווערן צווישן איין פאלק ניט אליין וויא איך האב גשאן ביז אלהער: [ויאמר גחזי אבל בן אין לה] זאגט אלישע וודאי דיא שעה איז איר באשטאנען וויל דר הייליגר טאג איז גורם דש דיא עקרות ווערן גדאכט אונ דר מאנט אובן, [ויאמר למועד הזה כעת חיה את חובקת בן] ווארום זאגט ער למועד אלא דאס קינד האט נאר געלעבט איין לייט דען דער נאך וואר ער געשטארבן. ווארום איז ער געשטארבן דרום ער הט געזאגט [את חובקת בן] איז ער צו איר געגעבן געווארן אונ ניט צו איר מאן אונ ווער עס איז פון אזו איין צד איז אן גבונדן אן דר מדה אונ האט קיין רעכט לעבן ניט, דרום שטייט בייא אברהם [למועד הזה משוב אליך] צו דיר אונ ניט צו איר, [ותעל ותשכבהו על מטת איש האלהים] וויא דאס קינד איז איר געשטארבן לייגט זיא עס אויף זיין בעט ווייל זי האט געזעהן קדושה דראן ווי אובן איז געשטאנען, [ויאמר לה השלום לך השלום לאישך השלום לילד] ווייל זיא איז געווען [עקרת הבית] אונ דרום קאם זיא צו אים אונ ניט דער מאן: אלישע שפראך גאט האט פון איר פר הוילן אונ ניט געזאגט איר ווארום, אלא הקב"ה האט געזאגט ווען איך ווער אים יוא זאגן ווערט ער דען ניט שטארבן איז דאך אזו געווען זיין נבואה וויא ער האט געזאגט [את חובקת בן] דא אזו ער דאך שטארבן: זאגט אלישע צו זיין [משרת גחזי] ער זאל אהין גיין מיט זיין שטעקן לעבנדיג צו מאכן, אונ די שונמית זאגט [חי ה' וחי נפשך אם אעזבך] ווארום האט זיא ניט וועלן נאך לאזן פון אלישע ווען גחזי גייט אין [שליחות], אלא זיא האט אים וואל גקענט דאס ער איז ניט [ראוי] געווען דש עס זאל דורך אים איין נס געשעהן, [וישם פיו על פיו ועיניו על עיניו] ווארום אזו [אלא אלישע] האט געוואוסט דאס דיא מיתה האט גורם געווען ווייל ער איז געווען אן גבונדן אן [צד הדין] וויא ער האט געזאגט [את חובקת בן], דרום האט ער וועלן אויף אים לייגן אזו איין רוח פון אובן דאס ווערט זיין צו אים לעבן, אונ ער הט מוס ניט געקענט מויט רייסן פון זיין ארט וואו ער איז געווען אן גבונדן אן [צד הדין] אלא דש ער האט אויף אים דר וועקט איין רוח פון אובן דאס ער זאל זיין [צד הרחמים] דאס ער איז דראן אן גבונדן געווארן, זונסט וואר ער ניט ווידר לעבנדיג געווארן, אונ דאס קינד איז געווען [חבקוק הנביא] ווארום הייסט ער [חבקוק אונ ניט חיבוק] עס שטייט דאך [את חובקת בן], אלא עס זיינן געווען צוויי ארלייא חיבוק איינס פון דר מוטר איינס פון אלישע, דרום זאגט ער [תפלה לחבקוק הנביא] דען זיין גוויכן איז געווען צום ערשטן [לצד התפלה], [על שגיונות] אן זעלביגן טאג אז אלי שגיונות פון עולם הייננן דראן, דרום דש דיא נבואה קאם אויף אים וואר ער זיך פארכטן פר דעם דין לאנג ווען מייכר גביסן ווערט פון איין הונט, דר נאך פארכט ער זיך אפילו פר זיין קול פון הונט, זאגט ער [יי שמעתי

שמעך

שמעך יראתי יי פעלך בקרב שנים חייהו], ער זאגט דאס אויף זיך, דוא זאלסט מיך געבן איך בין דיין ווערק צו דיא אויברשטע יארן וואו לעבן דראן היינגט דאס איך זאל ניט שטארבן וויא פאר, דרום ווען ער האט וועלן ציען אויף זיך דיא נבואה האט ער גינומן איין כלי זמר צו זינגן וויא דוד האט גיהאט, וויא עס שטייט [שגיון לדוד] אונ ער האט גשווינד גברויכט צו דער וועקן מיט גזאנג מבטל צו זיין דיא (כוחות הדינים) פון זיך: אונ אלי נביאים אוך אלישע שטיט (ועתה קחו לי מנגן) מיט דעם גזאנג האבן זיי אויף זיך גבראכט די נבואה, נאר משה דער האט ניט גדארפט קיין דער וועקן צו זיין נבואה, זיין מדרגה איז העכר גוועזן אז אלע נביאים מאל זיין חלק. קום אונ זעה אז ישראל זיינן אויס מצרים ארויס גגאנגן דא איז איהר רוח צו בראכן אין זייא גוועזן, אונ זיי האבן געהערט דיא ליב האבן זייא זיך ניט קענן משמח זיין. (ובסעה) דאס אלע (חיילות אונ מרכבות) פון אובן זיינן ארויס גגאנגן מיט דער שכינה האבן אלע גזונגען (שירות ותשבחות) פר הקב"ה, דען הט הקב"ה דר וועקט איהר רוח פון ישראל דאס זיי האבן גיהערט דיא (שירות ותשבחות) אונ איהר רוח איז פארט אין זיי גבליבן אונ איז ניט אויס גפלוגן פון זייא, איין מענש ווען ער הערט אויף צו ארבטן דען פיהלט ער זיך ערשט זיינע צו בראכענע ביינר אונ שווער גמיט, אזו זייא זיינן אויס מצרים גגאנגן האבן זייא גפילט איין טעם פון טויט, אונ הקב"ה הט זייא גהיילט וויא עס שטייט (וה' הולך לפניהם יומם) אונ אלע וועג זענן אויף גגאנגן ריח פון רפואה אונ זענן גגאנגן צו זיי אונ זיינן גהיילט גווארן. אונ דאס קול פון גזאנג אונ לוב דס זיי האבן געהערט האבן זיי זיך גפרייט אונ האבן גרואט זיין איהרן רוח. אונ פרעה מיט זייני חיילות זיינן נאך גגאנגן צו בלייטן זייא ביז זייא זענן ארויס גגאנגן אויס מצרים. אונ אזו וואל אז פרעה וכל חילו האבן ישראל אונטן בלייט, אזו אויך אלי טריט פון אובן דיא אויף זיי ממונה זיינן אונ אויף אנדרי אומות, האבן אלי בלייט דיא שכינה וישראל ביז זייא האבן גירואט אין איתם אין עק מדבר, אז דר פסוק זאגט (ויהי בשלח פרעה את העם וגו'):

ויהי בשלח פרעה וואס שטייט דר פיר ויקם פרעה לילה הוא וכל עבדיו קום אונ זעה דיא (נקמה עליונה) וואס הקב"ה האט געטאן (במצרים) זיינן דריי מיתות גוועזן, איינס דס זיי האבן געטאן אן גבורים פון מצרים דס זייא האבן ממית גוועזן. אונ איינס דס הקב"ה הט זיי געטייט אין האלבע נאכט, אונ איינס אז פרעה האט געזעהן דען טויט אין זיין הויז גזינד אונ אין זייני קינדר מיט זייני קנעכט, איז ער אויף געשטאנן אונ האט זיך דער וועקט אונ האט גיטייט זייני שרים אונ דוכסים אונ אלי דיא האבן איהם גימאכט צו איין הער אויף דס פאלק, ביז דס די תורה איז מעיד אויף איהם דס ער איז אויף געשטאנן ביי נאכט. דאס וויא די נאכט האט געטאן אין דיא (בכורים) דס הקב"ה האט זיי ממית גוועזן בליה, אזו אויך פרעה זעלבסט איז אויף געשטאנן אונ האט נקמות געטאן אן דיא שרים ודוכסים, וויא דר פסוק זאגט (ויקם פרעה לילה), ווי דר סדר איז פון איין הונט ווען מען איהם שלאגט מיט איין שטיין קוואט ער אונ בייסט איין אנדרן הונט. אזו אויך פרעה, דר נאך איז ער גגאנגן אויף די מערק אונ האט נויט גרופן צו ישראל (קומו צאו מתוך עמי) שטייט אויף אונ גייט פון מיין פאלק, איר האט גיטייט אלע שטאט לייט מיר האט ממית גוועזן אלע מיינע הערן אונ דוכסים אונ גאר איין הויז גיזינד, אז דער פסוק זאגט (ויקרא למשה ולאהרן לילה) ווייל עס איז אלס אין אייער הענט. (וברכתם גם אותי) מיר זאלט איך אויך בענטשן אונ זאלט איך ניט ממית זיין, דער נאך האט ער זייא אליין בלייט אונ הט זייא אויס גלאגין אויס זיין לאנד ווי דער פסוק זאגט (ויהי בשלח פרעה את העם:

ויסב אלהים את העם. פרעגט רבי יודא (מאי שנא) ווארום דיא ישראל זיינען גוועזן אין מצרים שטייט (שלח את עמי, כי אם מאן אתה לשלח את עמי, בני בכורי ישראל) אונ אין דר צייט זיינן זיי ניט גימלט גוועזן אונ זיינן נאך ניט אן גיקניפט גוועזן אן הקב"ה וויא עס קער צו זיין, אונ איצונד זיינן זייא גימלט גוועזן אונ האבן איין פסח גימאכט אונ זיינן נאך גוועזן אן גקניפט אן הקב"ה הייסט ער זייא עם. אלא פון וועגן דאס ערב רב דס איז אן זייא בהעפט גיוועזן אונ פר מיט הייסט ער זייא עם סתם, דרום שטייט (ויגוף ה' את העם על אשר עשו את העגל ויקהל העם על אהרן וירא העם כי בשש משה) אזוי אויך פיל מאל:

רבי יצחק ורבי יהודה זיינן גגאנגן פון אושא נאך לוד, עס וואר מיט זיי יוסף שייעה מיט קעמליך טראגן משאות, אז זיי אזו גייאן דא הט דר סוחר יוסי גפונדן איין נכרית האט גקליבן גריכס פון פעלד. ער וואר פון זיי אנטלאפן אונ שטארקט זיך אויף איר אונ ער גייט איר אונ ליגט ביי איר. רבי יהודה ורבי יצחק וואונדרן זיך אונ זאגן איר וועלן אום קערן פון דעם וועג, דען הקב"ה הט בגערט צו ווייזן דס איר זאלן זיך ניט בהעפטן מיט איהם, וויא זייא אזו זיך אום קערן פון דעם וועג, זייא זיינען בודק נאך איהם אונ נאך פארשטן גפינדן זייא ער ווער איין זון פון איין נכרית. אונ דר פאטר איז איין פסול זרע, זאגן זייא. גלויבט זייא גאט דס ער הט אונז מציל גוועזן: הובט אן רבי יצחק (לדוד אל תתחר במרעים) ווארום שטייט (מרעים) אונ ניט (חטאים אדר רשעים. אלא (מרעים) די דא זיך זעלבסט איבלן אונ דיא דא זיך בהעפטן צו זיי, רבי יהודה זאגט דרום זאגט ער (מרעים) זיי דיך מרחיק פון איר געזעלשאפט צו זיין חברים אונ געזעלן מיט אנדר, דס ער זאל דיר ניט איבלן מיט זייני מעשים ווערשטו בלואונגן ווערן אין זיינע חטאים, קום אונ זעה ווען ניט ווערן גוועזן די (ערב רב) מיט ישראל בהעפט, האטן זיי ניט (חוטא בעגל) גוועזן אונ ווערן ניט גשטארבן דריבר אזו פיל פון ישראל אונ זיי הטן ניט גורם גוועזן וואס זיי האבן גורם גוועזן, דען דר חטא אונ דאס מעשה ממש הט גורם גוועזן צו ישראל דס גלות. דען איר האבן גלערנט דס הקב"ה הט ישראל אויס מצרים ארויס גצוגן הט ער גוואלט זיי מאכן אז ווי די מלאכים, אונ צו מאכן זייא פרייא פון אלים, זיי זאלן זיין פרייא פון מיתה אונ פרייא פון (שעבוד מלכיות), ווי עס שטייט (חרות על הלוחות) דוא זאלסט ניט לייאנן חרות נייארט חירות, ווער דא וויל זיין פריי פון אלים זאל זיין עוסק בתורה דס דא איז אויף דיא לוחות

דס זיי זיינן איין גמאלט גוועזן אין איר הייזר. איז גוועזן דס זעלבע פון דר טבילה דס איז גוט צו דר בדיקה אויס צו ראמען דס חמץ די קליפות, דען הט דער (מדת הדין) גטאן דין אן אלי (באותו שעה), אונ איר האבן גלערנט דס דיא נאכט הט געלייכט ווי דר טאג אין (תקופות תמוז) אונ גאר דס פאלק הט געזעהן דעם דין פון הקב"ה, דרום זאגט דר פסוק (ולילה כיום יאיר כחשיכה כאורה) אונ בשעה דס זיי זענן ארויס געגאנגן אויס די הייזר, האבן זייא געפונען אלץ טויט אין אלע גאסן אלע האבן געזעהן אונ איז ניט קיינר געפונדן גוועזן דער האט זאלן זיי בגראבן. אונ דס איז זיי נאך שווערר גוועזן אז אלס זיי האבן געזעהן ישראל גייען אלי ארויס פאר אירע אויגן אויף איין זייט אונ האבן געזעהן מצרי מתים ליגן אויף דר אנדרי זייט, אונ אין דעם אלים איז גוועזן אזו איין (פירסום הנס) דס נאך איז ניט גוועזן אזו זינט וועלט איז בשאפן. קום אונ זעה עס שטייט (ליל שמורים לה' להוציאם הוא הלילה הזה לה' שמורים לכל בני ישראל) דער פסוק איז קשה ווען ער זאגט ליל איז טייטש איין נאכט ווארום זאגט ער ווייטר (שמורים) איז ל' רבים, ער קער צו רידן (שמור). אונ צום ערשטן זאגט ער (ליל), דר נאך (הוא הלילה הזה) רעט ער הלילה (ווייטר מאג איך ניט שרייבן וועגן סודות), אונ ווען משיח ווערט קומן וועט הקב"ה ווידר טאן נסים ווי ביי (יציאת מצרים) וויא דער פסוק זאגט (כימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות), אזו וואו ביי (יציאת מצרים) שטייט (ליל אונ לילה), אונ אזו ווערט דארטן אויך זיין מיט (ליל אונ לילה) דרום שטיט (שומר מה מליל שומר מה מלילה) וויא אין מצרים איז גוועזן שמירה אונ (ליל אונ לילה) אזו ווערט זיין (לעתיד לבא אומר שומר אתא בוקר וגם לילה) (דס איז אויך בקיצור דרך נגלה גשריבן):

רעיא מהימנא.

וישא העם את בצקו טרם יחמץ דיא מצוה איז אבער חמץ צו זיין; דען די מצוה איז איבר גענטפרט גוואָרן צו ישראל אז דער פסוק זאגט [וישא העם את בצקו טרם יחמץ] אונ שטייט [שמור לא יאכל בבתיכם]: וויא מוכרי חכמים האבן גזאגט דעם מיזוק פון [חמץ ומצה], דען מצה איז קעגן דעם [יצר טוב] אונ חמץ איז קעגן דעם [יצר הרע], נאך דעם איז איין מצוה צו דר מאנן [יציאת מצרים] דז דאס איז איין חיוב אויף מיטציילן צו דר ציילן פון דעם שבח איביג: דען מן האט אזו מפורש גוועזן מיטציילר מענש דר דא פרייט זיך מיט [יציאת מצרים] אונ דר ציילט פון [שמחה] מיט דעם סיפור וואס ער דער ציילט, דר מענש איז מן גברייט זיך צו פרייען מיט דער שכינה [לעו"הב] אונ מיט צו מאכן איין גרעסרי שמחה אז איין אנדרן, דען דער מענש פרייט זיך מיט זיינם הערן. אונ הקב"ה איז זיך משמח מיט דעם סיפור. [באותו שעה] זאמלט הקב"ה זיין [פמליא של מעלה] אונ זאגט צו זיי, גייט אונ הערט דעם [סיפור] פון איין שבח וואס מייני קינדר טוען דר ציילן אונ זענן זיך משמח אין מייגר גאולה. אזו זאמלן זיך אלי איין אונ בהעפטן זיך מיט ישראל אונ הערן דען [סיפור שבח] פון דר גאולה אין דער שמחה פון דער גאולה מירן הערן, דען קומן זיי אונ לובן צו הקב"ה אויף אלי [נסים וגבורות] אונ לובן צו הקב"ה אויף זיין [עם קדוש] וואס ער האט אויף דער ערדן, דען ווערט געמערט [כח וגבורה] אובן מיט דעם סיפור, ווי איין מלך דר האט הנאה ווען מען אים זאגט זייני [כח ומעשים] וואס ער האט גטאן. אונ דאנקט אים דורך דעם פארכטן זיך אלי פאר אים, אונ זיין כבוד גייט אויף אובן איבר אלי, דרום קער מן צו דר ציילן [ביציאת מצרים], אזו אויך איז איין חיוב אויף דעם מענטשן צו דר ציילן פאר הקב"ה. אונ מפרסם צו זיין אלי נסים וואס ער האט גטאן. אוב דו וועלסט פרעגן ווארום איז עס איין חיוב, הקב"ה ווייסט דאך אלץ וואס דא איז גוועזן אונ וואס דא ווערט זיין, וואס איז דס פאר איין פרסום פאר אים וואס ער האט גטאן אונ וואס ער אויך ווייס, אלא ודאי דער מענטש אזו מפרסם זיין די נסים אונ ארויס צו רידן אלץ וואס ער טוט. דען דיא רייד וואס ער ארויס רעט די גייען ארויף, אונ די פמליא של מעלה זאמלן זיך איין אונ זעהן די רייד אונ זיי לובן אויך אונ דאנקן צו הקב"ה, אונ זיין כבוד גייט אויף אובן אונ אונטן. דעסט גלייכן ווען איינר ארויס רעט אונ איז מתודה זייני חטאים וואס ער האט גיטאן. ווילסט דו אויך וועלן פרעגן וואס זאל דאס דען הקב"ה ווייסט וואל דר פון, אלא דר [שטן ומקטרג] שטיט אובן אלי מאל פאר הקב"ה אונ איז מקטרג, אונ ברענגט ארויף די עבירות פון די לייט צו ברענגען איין דין אונ איין שטראף צו זיי, אונ דר מענש איז זיך מקדים אונ איז [מתודה מפורש] די זינד מיטזייבע עבירה, אזו האט שון דר מקטרג קיין [פתחון פה] אויף אים אונ קאן שוין ניט בעטן אויף אים דין אונ ווערט אפ גשיידן פון אים לגמרי, איז ער [חוזר בתשובה] איז עס גוט [ואם לאו] נייערט ער איז מתודה אונ טוט קיין תשובה ניט, דא האט דער מקטרג ערשט נאך מער [פתחון פה] אונ זאגט רבש"ע דר פלוני איז גקומן פאר דיר [בעזות פנים] ער האט מורד גוועזן אן זיינם הערן. דס אונ דס האט ער זעלבסט גזאגט אונ טוט קיין תשובה ניט. דרום קער דר מענש זיך צו היטן אן אלי די זאכן, אונ זאל זיך גפינען צו זיין איין [עבד נאמן] צו הקדוש ברוך הוא:

פקודא נאך דען שטייט די מצוה בפסח, צו וויזן [לדורי דורות] דס דיא לייט זיינן איר ארויס געגאנגן אויס דען רשות פון די [קליפות עבודה זרות] די הייסן [חמץ]. אונ זיינן בהעפט גוואָרן אין דער קדושה די הייסט (מצה) דס איז דר [סוד אמונה ויחוד של מעלה]: ויאמר יי אל משה ואת חקת הפסח] דיא מצוה איז צו שעחטן דס [קרבן פסח בין הערבים בי"ד בניסן] איין זכר צו [פסח מצרים], אונ דס איז דער חיוב אויף אלי אז דר פסוק זאגט [ושחטו אותו כל קהל עדת ישראל בין הערבים] עס זאל גהיט זיין פון צעהן

צעהן טעג אין ניסן ביז דעם פערצעטן טאג, דען דיא צייט ווערט דיא לבנה דר לייכט און ווערט פֿון אין פֿופֿצעטן, אזו זאלן מען שעחטן (ביום י"ד בין הערבים) דש דיא דינים גוועלטיגן די צייט (בין הערבים) דען האבן דיא קליפות איין כח צו גוועלטיגן דיא גורם זענן (מיעוט הירח) דש דש ליכט פֿון דער לבנה ניט פֿול איז, דרום האט הקב"ה געהייסן זיי זאלן זיך פֿאר (מל) זיין און אב צו טאן דיא ערלה פֿון דעם ברית, און דש געשמאק פֿון געבראטן אין פֿייער איז איין הנאה צו האבן דר פֿון (ריח ניחוח) און דרום שטייט (וכל ערל לא יאכל בו) עש טאר קיין אנדרר עסן. דוקא ווער גימלת איז קאן צו ברעכן דען כח פֿון דר ערלה און כח פֿון דר ע"ז פֿון מצרים, דש איז געווען איין (שה בגימטריא ערלה), אבר ווער ערל איז געווען האט ניט דארפֿן עסן: אז הקב"ה איז געקומען אין מצרים האט ער געזעהן אויף דיא טירן דאש דם פסח און דם מילה דאש זיי האבן זיך (מל) געווען, עש שטייט [ולקחתם אגודת אזוב וטבלתם בדם אשר בסף] דר [אזוב] איז געווען אויס צו ראמען דען [רוח הטומאה] און אלי (רוחות רעות) האט עש מעביר געווען מיט זיין דר וועקן דש מען האט אים געטאן אונטן, און (בגאולה העליונה) פֿון ישראל דש ווערט זיין (לעתיד לבא) ווערט הקב"ה ברענגן דען יצה"ר און ווערט אים שעחטן, און איצונד בייא דעם (קרבן פסח) שטייט (ושחטו אותו כל קהל עדת ישראל) דש איז איין (זכר לזמן העתיד על הגאולה העליונה) מן האט געוויזן מיט דעם (דם על המשקוף ועל שתי המזוזות) דען צייכן פֿון אות ברית קודש), און צו ברעכן די ערלה פֿאר דעם (דם ברית) אז דער משחית איז געקומען און האט געזעהן דש דם האט ער זיך אוועק גלאזן דר פֿון. ווייא דר פסוק זאגט (ולא יתן המשחית לבא אל בתיכם), ווען הקב"ה האט אלין געשלאגן דיא בכורים וואָרום שטייט (ולא יתן המשחית) איז משמע דער משחית איז געגאנגן און ניט הקב"ה, אלא ודאי הקב"ה האט ממית געווען די מצרים און דר משחית איז געגאנגן צו געפֿינן איין צו טריט דש ער קענט זיי אויך משחית זיין. אז ער האט געזעהן דען ברמך פֿון דר ערלה אויף ביידי זייטן פֿון פסח און מילה, איז ער אנטלאפֿן געוואָרן און האט זיך פֿורט פֿון זיי געוועזן, און ווייל הקב"ה האט ממית געוועזן אלי די בכורים פֿון מצרים האט ער געגעבן די בכורים פֿון ישראל צו פדיון דש דר שטן זאל גאר ניט האבן איין (פתחון פה) כלל אויף ישראל, און אין מצרים האט הקב"ה די ישראל געהיט אז ווי איין פֿאטר היט זיין קינד:

בְּבַיִת אֶחָד יֵאָכֵל. דיא מצוה איז צו עסין דש קרבן פסח [על מצות ומרורים] עש שטייט מצות צו ווייזן דיא שכינה איז אויך געעסן אין גלות אין דעם מרור פֿון זיי, ווייא עש שטייט (וימררו את חייהם בעבודה קשה) און ווען זיי האבן געעסן דש פסח צו ווייזן אלץ וואש דיא מצרים האבן זיי געטאן אין דען גלות ובשעבוד, וואש שטייט (ועצם לא תשברו בו) צו ווייזן איר בזיון און חרפה דש איר ע"ז איז געווען דש שה איין צאן, ווען זייא קיין ביין צו בראכן האבן דר פֿון און האבן די ביינר ארויס געווארפֿן (דרך בזיון) דרום שטייט (ועצם לא תשברו בו), אבר די הינט זיינן געקומען צו די ביין און האבן זיי צו בראכן, ווייא די מצרים זיינן געקומען און האבן די ביינר געזעהן אויף דער גאס ליגן און די הינט שלעפן זיי ארום פֿון איין אורט צום אנדרן. האבן דיא מצרים פֿאר בארגן די ביין אין דער ערד פֿאר דיא הינט דאש זייא זאלן ניט געפֿינן, און דש איז ערשט געווען דר רעכטר ביטול ע"ז דאש זייא זעלברט האבן זייא פֿאר גראבן אין דר ערד. און מיט דעם איז געוואָרן הקב"ה (עולה ביקרו ובכבודו) אין העכסטין כבוד, און די קליפות זיינן צו בראכן געוואָרן און אונטר טאן געוואָרן דש ביטול פֿון איר ע"ז איז דורך זייא זעלברט געוועזן, דרום שטייט [ועצם לא תשברו בו]:

וְכָל פֶּטֶר חֲמוֹר תִּפְדֶּה בְשֶׂה. דיא מצוה איז צו לייזן דען [פטר חמור בשה) און ווער אים ניט לייזט זאל ער אים דען נאקין אפ שלאגן, אז דר פסוק זאגט (ואם לא תפדה וערפתו) דער טעם איז מען קער אום קערן דען (יצר הרע בתשובה) דש ער ווערט אויך איין יצר טוב, דרום שטייט (אעשה לו עזר כנגדו) איז ער זוכה איז ער צו אים איין הילף אין דר קדושה (לא זכה כנגדו) איז ער כנגדו ווידר אים, מקטרג אויף אים צו זיין, זיי זיינן דר ראית דר (יצר טוב בשה) און דר (יצר הרע בחמור), איז ער זוכה חוזר בתשובה צו זיין ווען גלייך ער איז איין חמור עם הארץ. (תפדה) ווערט ער אויס גלייזט פֿון דעם גלות אז איין (שה) דאש זיינן דיא ישראל דיזו הייסן (שה פזורה ישראל), ווען ער ניט איז חוזר בתשובה שטייט (וערפתו) דא איז ער גמאכט איין (קשה עורף) דיא הינטן נאך ווערן אויס געמעקט ווערן פֿון (ספר החיים), דא אויף זייא איז געזאגט געוואָרן (מי אשר חטא לי אמחנו מספרי):

והיה לך לאות על ידך ולטוטפות בין עיניך. דיא (מצות תפילין) הייסט קדושה און איז דיא שונהייט פֿון אלי גשטאלט אובן, מען קער צו לייגן נאך אנדרר (תפילין של יד ושל ראש) קיין הפסק צו מאכן צווישן זיי, ווער גקריינט ווערט מיט דיא תפילין דר שטייט אין דעם (ראות עליון) און איז (בצלם אלהים) ווער זיי אן טוט הייסט מקבל געווען אויף זיך (עול מלכות שמים שלימה) און ער איז אין דען גישטאלטן פֿון אובן. אויף אים איז געזאגט געוואָרן [וראו כל עמי הארץ כי שם יי נקרא עליך ויראו ממך) דש איז גמאנט בקיצור גשריבן וועגן סודות:

פרשת בשלח.

וַיְהִי בְּשַׁלַּח פַּרְעֹה אֶת הָעָם רבי שמעון הוב אן תְּפִלָּה לַחֲבַקּוּק הַנָּבִיא עַל שִׁגְיֹנוֹת. אין דען פסוק איז צו זעהן וואָרום שטייט נאר בייא (חבקוק תפלה לחבקוק) אבר אז בייא אלי נביאים, עש שטייט ניט תפלה לישעיה אודר תפלה לירמיהו אודר אנדרי נביאים. אלא איר האבן געלערנט דאש אלישע האט מער זוכה געווען אויף דר וועלט ווייא אלי נביאים אויס

מצות, אז זי האבן די מצוה געטאן מיט דעם עגל האבן זיא ווידר אלץ גורם געווען זייא האבן גורם איתה געווען אונ שעבוד מלכיות. אונ דאס די ערשטע מצות זיינן צו בראכן געווארן אונ האבן גורם געווען דאס ווי פיל טויזנט פון ישראל זענען געשטארבן. דאס האט אלץ געמאכט ווייל זייא האבן זיך בהעפט מיט דעם (ערב רב), דרום אייך פון אירגט וועגן ווערן זיי ניט גרופן (בני ישראל) ניט עמי נייערט (העם סתם). אונ דו ווילשט פרעגן עס שטייט דאך ווייטר (וחמושים עלו בני ישראל) ווען זיי זענען ארויס געגאנגען איי ער דאס ערב רב האט זיך בהעפט אן זיינו, הייסט ער זיי (בני ישראל), אונ אז זיי האבן זיך אן זייא בהעפט הייסט ער זיי העם (ולא נחם אלהים את העם). ר' יוסי פרעגט עס שטייט געשריבן (כי כל אשר ראיתם את מצרים היום לא תוסיפון לראותם עוד עד עולם) דר נאך האבן זיי דאך יא געזעהן אלי טאג דאס (ערב רב). זאגט ר' יהודה עס שטייט (ערב רב) אונ שטייט ניט מצרים, דען עס האבן אויך געוואוינט אין מצרים אנדרי אומות, אונ נאך מייכט זיי זענען דאך אלע גיאלת געווען, אונ אז זיי האבן זיך אל געווען הייטן זיי טון נאר מצרים, אונ אויף דעם דיבור פון משה (על פיו) האבן זייא מקבל געווען. דרום זאגט דער פסוק (לך רד כי שחת עמך סרו מהר מן הדרך אשר צויתם) שטייט איז טייטש דאס האסט זיי גבאטן אצינד וואס זיי מקבל זיין: (וחמושים עלו בני ישראל) זיי זיינן געווען איין פינפטל טייל פון ישראל. ר' יוסי זאגט פינף זיינן געווען פון ישראל אונ איינר פון זייא: ר' יהודה זאגט וחמושים איינר פון פופציג. זאגט ר"ש וחמושים איז טייטש פון וועגן דאס אויף זייא האט גלייכט דער יובל, דר איז (שנת החמשים) דרום זיינן זייא ארויס געגאנגען (ביובל בחשבון חמשים), אונ ווען ניט ווער דאס געווען דא ווערן זיי ניט ארויס געגאנגען, אונ דרום האבן זייא געמוזט זיצן פון (יציאת מצרים ביז מתן תורה) פופציג טאג מקבל צו זיין די תורה, דען פון דעם אורט וואו דיא תורה איז ארויס געגאנגען אובן דאס איז דר יובל דאס זי האט אויס גילוגין צו פרייען, דרום שטייט (וחמשים עלו חסר ו') צו לייענן חמשים, דרום זענען זיי ארויס געגאנגען אויס מצרים אין דעם כח פון יובל דאס הייסט חמשים: (ויקח משה את עצמות יוסף עמו) ווארום האט ער די ביינר אויך געבראכט דרום ווייל ער איז געווען דר ערשטר צו נידרן אין (גלות מצרים), אונ ער איז געווען דער סימן פון דער גאולה דאס ער האט איבר געענטפערט אונ האט געזאגט (ואלהים פקוד יפקוד), אונ אז משה איז געקומען אונ האט געזאגט (פקד פקדתי) האבן זייא געוואוסט דאס ער איז איין (נביא אמת). אונ ער האט געשווארן דיא ישראל אויף דעם ווי דר פסוק זאגט (כי השבע השביע את בני ישראל). (וה' הולך לפניהם יומם): ר' יוסי הייבט אן (למנצח על איילת השחר מזמור לדוד) ווי גאר זייער ליב איז די תורה פר הקב"ה, דען איטליכר ווער עס איז עוסק בתורה איז גליבט אובן אונ איז גליבט אונטן. הקב"ה הערט אים צו זייני רייד אונ פר לאזט אים ניט בעוה"ז. אזו פר לאזט ער אים ניט לעוה"ב, אונ אין דיא תורה איז אן עוסק זיין (יומם ולילה) ווי דר פסוק זאגט (והגית בו יומם ולילה) אונ שטייט (אם לא בריתי יומם ולילה) (תיכח) עס איז רעכט ביי טאג אבר ווארום ביי נאכט, אלא כדי עס זאל געוואונט זיין ביי אים דר גאנצר (שם הקודש)אזוי וואול אז ניט איז טאג אן נאכט דאס זיי זענען ניט גאנץ ווען ניט מיט אנדער הייסט איין טאג, אזו אויך אזו דיא תורה זיין געפונען בייא דעם מענטשן טאג אונ נאכט, כדי דאס ביי דעם מענטשן זאל זיין דאס שלימות געפונען (יומם ולילה), אונ איז דאך געלערנט געווארן דאס די עיקר נאכט הייסט פון דיא העלפט אונ ווייטר, ווען גלייך די ערשטי העלפט איז אויך אין כלל פון דר נאכט אבר די אנדרי העלפט גייט הקב"ה אריין אין ג"ע (משתעשע) זיך צו זיין מיט דיא צדיקים, דען זאל איין מענטש אויף שטיין אונ עוסק בתורה זיין ווי מיר טוען געלערנט האבן דאס הקב"ה אונ אלי צדיקים אין ג"ע הערן אלי צו זיין קול, ווי דר פסוק זאגט (היושבת בגנים חברים מקשיבים לקולך השמיעני, היושבת בגנים) דאס איז (כנסת ישראל) דיא דא לובן צו הקב"ה בתורה ביי נאכט, וואול איז צו דעם מענטשן אונ זיין חלק דער דא זיך איז משכים דר מיט צו לויבן הקב"ה מיט דער תורה, אונ אז דער מארגן שטערן קומט דאס זיך דיא (כנסת ישראל) (משתעשע) איז מיט הקב"ה אונ ליהט אויף זיי אונ אויף דיא וואס תורה לערנן ביי נאכט איין שנור פון (חסד), ווייא עס שטייט (יומם יצוה ה' חסדו ובלילה שירו עמי) דרום הייסט זי (איילת השחר), אונ אן פאנג נאכט ווערן אלע שטערן פאר שלאסן, אונ דער הייל וואכט אויף אונ דיא הינט שרייען. אונ אז האלבע נאכט איז ווער עוסק בתורה איז וואול צו זיין חלק, אונ צו מארגנס איז (הקב"ה ושכינתיה בשמחה), דא גיבט הקב"ה (במאתו שנה משכות אין אלע בני היכליה): (ווייטר זיינן סודות):

וַיְהִי הוֹלֵךְ לִפְנֵיהֶם יוֹמָם. ער מיט זיין ב"ד אונ דיא שכינה וואָרן בהעפט מיט דיא אבות: (וה' הולך לפניהם יומם) דאס איז דער כח פון אברהם הייסט יום, (בעמוד ענן) איז געווען יצחק, (לנחותם הדרך) דאס איז יעקב עס שטייט (ויעקב הלך לדרכו). (ולילה בעמוד אש להאיר) דאס איז דוד דר איז די (מרכבה הקדושה) צו דר שכינה, מיט דעם זיינן דיא ישראל געגאנגען מיט אלי שלימות אונ דיא אבות זאלן זעהן דיא גאולה פון דיא קינדר, ווי הקב"ה האט צו יעקב פאר זיכרט (אנכי אעלך גם עלה) עס שטייט גם, מרבה צו זיין די מרכבה: (ללכת יומם) ווארום זיינן זיי געגאנגען יום ולילה זיא האבן זאלן גיין נאר ביי טאג אונ ניט ביי נאכט גלייך אז ווי דיא לייט דיא אנטלויפן דאס זיי מוזין גיין (יום ולילה) ווייל הקב"ה האט זיי גהיט האבן זיי דאך ניט דארפן צו גיין ביי נאכט, אלא דאס עס זאל זיין דאס רעכטי שלימות ביי זיי ביי טאג אונ נאכט, אונ דיא מצרים זאלן זיך טועה זיין אונ זאלן מיינען דאס זייא פערלאטן זיך אין מאת פאר זייא אונ ווערן נאך יאגן, אזו ווערט געהערליכט ווערן דער נאמען פון הקב"ה:

וַיֻּגַּד לְמֶלֶךְ מִצְרַיִם כִּי בָרַח הָעָם. ווער האט אים געזאגט, זייני חכמים אונ מכשפים האבן זיך איין געמאסטן צו אים אונ האבן אים מודיע געווען, זיי האבן געזעהן דאס זיי גייען (יום ולילה), האבן זיי געזאגט בוודאי זיינן זיי אנטלאפן. אויך האבן זיי געזעהן דאס זיי ניט גייען אין גלייכן וועג ווי עס שטייט (וישבו ויחנו לפני פי החירות): (ויקח שש מאות רכב בחור) ער האט אלץ מיט מצוה געטאן אונ געקומען קיגן ישראל (שש מאות אלף רגלי) אונ די שלישים איבר אלע קיגן די (מדרגות

עליונות

עֲוֹנות. ר' חייא זאָגט עס שטייט געשריבן בזמן דס הקב"ה גיבט איין מאַטנה צו דיא (שרי אומות) אובן דא גיבט ער צו זיין פֿאָלק מאַטנה אונטן, ובשעת דאס ער נידרט דען (שר) אובן ווערט זיין אומה אויך גנידרט אונטן: (ויקח שש מאות רֶכֶב בחור) דס איז מיר משונה אובן דאס ער האט גפֿירט דיא מרכבֿות פֿון מצרי אונ אלי זיינן געפֿאַלן דער נאך אין דיא חיילות פֿון סיסרא דרום זאָגט ער (בחור וכל רֶכֶב מצרים):

וּפַרְעֹה הִקְרִיב ר' יוסי זאָגט ער האט גנעהנט ישראל צו הקב"ה דורך אים האבן זיי תשובֿה געטאָן, עס שטייט (יי בצר פקדוך צקון לחש מוסרך למו) די ישראל טון ניט רעכֿט גדענקן אן הקב"ה ווען זי וואָל גייט, נייארט ווען עס איז איין צרה אויף זיי דען גדענקן זייא אן אים. דרום זאָגט ער (צקון לחש) זייא זענן מתפלל בתפלה ובבקשה אונ היבן אויף מיר (תפלות בקול) ווען (מוסרך למו) ווען זייא הקב"ה שלאָגט מיט זיין רצועה, דען שטייט ער אויף זייא ברחמים אונ איז ניחא פֿר אים דס זעלביגי קול צו ווערן גלאָזט אן מירה פֿיינד, אונ אויך זיי ווערט ער דר פֿילט מיט רחמים זיי וואָרן ווי איין טויב, דס אונזרי חכמים גזאָגט האבן דס מטן אַז אויך דיא ישראל זיינן געוועזן ביי דען ים אונ דר ים האט אויך גבראַכֿט זייער אינדין האבן זיי זיך געמאַרכֿט, זיי היבן אויף מירע אויגן אונ זעהן פרעה מיט זייני חיילות אונ שלאָדר שטייגר אונ פֿיין, דען שטייט (וייראו מאוד), וויא טוען זייא (ויצעקו בני ישראל) שרייאן זיי צו גאָט, נוא ווער האט דאס גורם געוועזן דא ישראל זיינן גנעהנט צו הקב"ה מיט תפלות אונ תשובֿה, פרעה דרום שטיט (ופרעה הקריב) ער האט זייא גנעהנט צו הקב"ה מיט דען אז ער הט נאך גיזאָגט: (ויאמר משה אל העם אל תיראו) רבי שמעון זאָגט וואָס דס חלק פֿון ישראל דס משה דר הירט איז געאָנגן צווישן זייא, עס שטייט געשריבן (ויזכור ימי עולם משה עמו) הקב"ה האט גזאָגט (ימי עולם משה עמו), פֿון דען צערנן מיר משה איז געוואָרן געוועזן וויא (כל ישראל), אונ צערנן אויך דס דער רועה אונ מנהיג איז מאַט דאס גאַנצי פֿאָלק, איז ער זוכה, איז דאס גאַנצי פֿאָלק זוכה, איז ער ניט זוכה, איז דאס גאַנצי פֿאָלק ניט זוכה, אונ ווערן געשטראָפֿט פֿון זיינט וועגן, הִתְיַצְּבוּ וּרְאוּ איר דאַרפֿט קיין מלחמה צו האַלטן דען הקב"ה האַלט מלחמה פֿייערנט וועגן, אז דער פסוק זאָגט (ה' ילחם לכם ואתם תחרישון). קום אונ זעה אין דר נאַכֿט הט הקב"ה איין גמאַכֿט זייני פמליא צו משפט אונ האט דן געוועזן דען דין פֿון ישראל. אונ העטן זיך ניט מקריב געוועזן פֿאַר דיא ישראל די אבֿות, דא ווערן ישראל ניט ניצול געוואָרן פֿון דעם דין: רבי יהודה זאָגט דער זכות פֿון יעקבֿ האט מגין געוועזן צו ישראל אז דער פסוק זאָגט (לולי יי שהיה לנו יאמר נא ישראל), דער ישראל סבֿא יעקבֿ אבינו): רבי אבא הוב אן (אם תשיבֿ משבת רגליך עשות חפציך ביום קדשי וקראת) זעלי זיינן דיא ישראל דאס הקב"ה בגערט אן זייא זיך צו בהעפֿטן אן זיי מער אז אן אלי אומות, אונ מכח ליב שאַפֿט האט זייא הקב"ה מקרבֿ געוועזן צו זיך אונ האט זיא געגעבן דיא תורה אונ האט זייא געגעבן שבת דער דא איז קודש אז אנדרי טעג. עס איז איין מנוחה וחדוה דיא שמחה פֿון אים. אונ שבת איז געגליכן ווי כל התורה כולה, אונ ווער דא היט שבת איז גלייך אז ער זאָלט היטן כל התורה. (וקראת לשבת עונג) ער איז דער עונג פֿון אלע עונג פֿון נפֿש וגוף. עונג פֿון דיא עליונים ותחתונים, עס שטייט (וקראת) דוא זאָלסט רופֿן וואָס טייטש וקראת, אלא ער זאָל אן ברייטן דעם שבת וויא מען אן ברייט איין אורח אין זיין הויז, ער זאָל אן ברייטן דען טיש אונ זיין הויז גריכֿט במאכֿלה ושתיה מער אז אנדרי טעג, (וקראת לשבת) ווייל עס איז נאך טאָג פֿר נאַכֿט, (לקדוש יי מכֿובד) דס איז די נאַכֿט מיט דען טאָג איז אָלט מיינט, אונ ניט ווי איין טייל האבן זיך טועה געוועזן דיא קדושה פֿון דער נאַכֿט איז ניט ח"ו וויא דער טאָג. (ממצוא חפציך ודבר דבֿר) וויא מן האט טון גזאָגט דס דר דיבור פֿון שבת זאָל ניט זיין ווי דער דיבור פֿון וואָך, דען דער דיבור גייט מרויס אונ דער וועקט אויך פֿון וואָך אונ ניט קודש, דען ווען איינר ברייט אן איין אורח דא קער ער מיט אים עוסק זיין אונ ניט מיט איין אנדרן, אזו אויך שבת איז וויא איין אורח דער איז קודש זאָל ער ניט ריידן וואָכֿעדיגי רייד, קום אונ זעה צו וויסן דס מיטליכֿר דיבור וואָס דער מענש מויט דעם מויל גייט דאס גייט מרויט אונ דער וועקט אובן זיין גלייכֿן, איז דער דיבור צו גוטן דער וועקט ער צו גוטן, איז עס צו בייז דר וועקט ער בייז, אונ ווער עס זילט (בעונג שבת) איז אים אסור צו דער וועקן איין וואָכֿעדיגן דבור, דען ער איז פוגם איין פגם אין דעם (יום הקודש), ווער עס זילט בשמחת האלך איז דאָך ניט היפֿש שטין צו לאָזן דעם מלך אונ עוסק צו זיין מיט איין אנדרן, אונ אן אלים אזו מען ווייזן האט משמה אונ צו דער וועקן התעוררת פֿון וואָס ער בדאַרף שאָן אין שבת מיט אייטל (מילי דשמיא) אונ וואָס הקב"ה אן גייט אונ (קדושת היום) זאָל אן דער וועקן אונ ניט מיט אנדרי זאַכֿן. קום אונ זעה אז פרעה איז גנעהנט צו ישראל מלחמה צו האַלטן מיט זייא דא האט הקב"ה ניט וועלן האבן דאס זייא זאָלן גאָר דער וועקן איין מלחמה אונטן, דען דיא אבֿות האבן זיך געפֿינדרט אובן אונ מיר זכות איז גשטאַנן פֿר הקב"ה. דרום שטייט (ה' ילחם לכם ואתם תחרישון), אן בדאַרף טון ניט מייער דער וועקן פֿון אונטן: רבי יוסי ורבי יהודה זיינן געגאַנגן אין וועג, זאָגט רבי יוסי צו רבי יהודה מיר האבן גלערנט וואו עס שטייט דר (שם הוי"ה) איז רחמים, ווען גלייך ער האט גשטוסן איין מלחמה אונ האט געטאָן איין דין דא איז דער דין געוועזן ברחמים, אונ אלהיא שטייט געשריבן (ה' ילחם לכם) אונ אן זעהט ניט דאס אין דען דין איז געוועזן איין רחמים כלל, דען שטייט געשריבן (לא נשאר בהם עד אחד) עס איז דאָך קיינר ניט מיבר גבליבן פֿון זיי. שפראַך רבי יהודה צו מיך דיא רייד האב איך געהערט פֿון רבי שמעון דאס ער האט גזאָגט דס אפֿילו דא איז אויך געוועזן דין ברחמים, דאס ים האט זייא צו גדעקט אונ זיינן גשטאָרבן דר נאך הט זיי דר ים מויט גלוגן, אונ הקב"ה הט בגערט אן מיר כבֿוד אונ זיינן צו קבֿורה גקומען אין דער ערד, אונ דיא ערד האט זיי ניט וועלן צו נעמן ביז הקב"ה האט געוויזן זיין רעכֿטע האנד דען האט ערשט דיא ערד דיא מצריים מקבל געוועזן, אז דר פסוק זאָגט (נטית ימינך תבלעמו ארץ) כאַלאַ דס דא איז אויך געוועזן (דין ברחמים), דען ווען גלייך הקב"ה טוט איין דין איז ער דאָך חס אויף זיין מעשה ידיו,

דרום

דרום שטייט (ה' ילחם לכם ודומי. ואתם תחרישון) וואו דש חלק ישראל דש הקב"ה האט זייא אויש גקליבן צו זיין חלק ונחלה. ר' יהודה הוב אן (ויתפלל יונה אל ה' אלהיו ממעי הדגה) דער פיר שטייט (וימן ה' דג גדול) דש (וימן) איז טייטש אן ברייטן, עש זאגט שטיין (וימן ה' את יונה לדג) ער האט דאך יונה צו פיש אן גברייט אונ האט יונה צו אים געשיקט, אלא ודאי דער זעלביגר פיש איז אן גברייט געוועזן צו היטן יונה מער אז אנדרי פיש דאש ער זאל אים אין זיך בהאלטן: ווי ער איז אין פיש אריין גקומן האט ער געזעהן אין זייני געדערן דיא ברייט פון דיזם ארט פון ים אז איין גרויסר פאלאץ, אונ דיא צווייא אויגן פון פיש האבן געלייכט אז דיא זון, אונ איין (אבן טוב) איז געוועזן אין זייני געדערן האט אים געלייכט דש ער האט געזעהן אלץ וואש דא איז אין ים אונ אין זיין תהום: אוב דוא ווילשט זאגן דער נאך ווארום שטייט ער האט געזאגט דער נאך (קראתי מצרה לי) איז משמע דאש עש וואר אים אייגג אונ ניט [illegible] רווחה, אלא ודאי אז דער פיש האט אים גוויזן אלץ וואש איז (בים ובתהום) וואר דער פיש טויט ער האט ניט געקאנט דרייא טעג פאר צייטן דען וואר יונה אין איין צרה. רבי אלעזר האט געזאגט אז יונה האט געזעהן גאר דיא הרווחה וואר ער זיך פרייען, שפראך הקב"ה איך האב דיך דא ניט אריין געבראכט צו פרייען זיך. וואש טוט הקב"ה ער האט גטייט דעם פיש אונ אלע פיש פון ים זיינן גקומן ארום אים, דר ווארף אים בייסן פון דר זייט אונ דער פון דר זייט, דען זעהט יונה זיך צוברט בצרה, (איד. ויתפלל יונה אל ה' ממעי הדגה) נאך ערשטן שטייט (דג) וויל ער איז לעבנדיג געוועזן, אונ דר נאך שטייט (דגה) ווען ער איז את געוועזן גלייך ווי עש שטייט (והדגה אשר ביאור מתה): דרום שטייט (קראתי מצרה לי) אונ שטייט ניט (הייתי בצרה אדר ישבתי בצרה), אלא איך האב גרופן פון דער צרה וואש די פיש האבן אים גטאן אונ אלצר געוועזן, (מבטן שאול שועתי) ווארום שטייט ניט מבטן (דג) אדר (מבטן חי), אלא ער איז את געוועזן אז ער וואר מתפלל דא האט הקב"ה זיין תפלה מקבל געוועזן, אונ מאכט דעם פיש לעבדיג אונ שפייאט אים אויש פאר אלעם אויף דר יבשה, ווי דער פסוק זאגט (ויאמר י"י לדג ויקא את יונה) אונ זיא האבן געזעהן דיא נסים פון הקב"ה ער זאגט ווייטר סודות:

וְאַתָּה הָרֵם אֶת מַטְּךָ וּנְטֵה אֶת יָדְךָ הוב אויף דעם שטעקן דאש דער (שם הקודש) איז דרויף, נייג דיין האנד (בלד הקודש), אז די וואשר ווערן זעהן דען (שם הקודש) ווערן זייא אוועק לויפן אונ דרום (ונטה את ידך) נייג דיין האנד אויף איין זייט, דען די אנדרי זייט ווערשטו בדארפן איין אנדר מאל צו אנדרע וואשר: זאגט רבי אלעזר אפטר שטייט (מטה אלהים), זאגט ר"ש עש זיינן צווי געוועזן. אונ אין ספר פון רב המנונא סבא האט ער רעכט געזאגט עש איז אלץ איינר געוועזן אבר עש זיי פון הקב"ה אדר פון משה איז ער געוועזן צו דער ווייקן (דין וגבורה), דרום שטייט (ונטה את ידך) איז טייטש דיין לינקי האנט צו טאן דין, (ובקעהו) איז דאך דר תהום געוועזן אלא הקב"ה האט גטאן (נס בתוך נס) ווי דער פסוק זאגט (קפאו תהומות בלב ים)

זיינן זייא גאנגן טרוקן אין (ים) דרום שטייט (ויבואו בני ישראל וגו'):

וַיָּסַר אֵת אוֹפַן מַרְכְּבוֹתָיו ר"ש הוב אן **וָאֵרֶא הַחַיּוֹת וְהִנֵּה אוֹפַן אֶחָד בָּאָרֶץ** ער דרשנט דריגן (מעשה מרכבה) פון אובן. קום אונ זעה דש הקב"ה ווייזט אן אלים זיין מעשה ווי ער געוועלטיגט אן אלעם, אונ זיין מעשה ווערט ניט אב גטאן (לעולם ולעולמי עולמים) ער האט געמאכט איין מעשה מיט דיא אבות, ער נעמט אברהם אונ איז מקיים מיט אים דעם עולם ווי דער פסוק זאגט (אלה תולדות השמים והארץ בהבראם) איז (אותיות באברה"ם), ער נעמט יצחק אונ האט מיט אים געמאכט דיא וועלט דש ער שטייט אייביג ווי עש שטייט (ואת בריתי אקים את יצחק). ער נעמט יעקב אונ האט אים געזעצט פאר אים אונ איז זיך (משתעשע) אונ רימט זיך מיט אים ווי דער פסוק זאגט (ישראל אשר בך אתפאר) קום אונ זעה ווייל יעקב האט בגריפן אן (עץ חיים) דש אלץ לעבן הייגנט דארטן קיין מיתה, דרום איז יעקב (לא מת) (ווייטר קומן אן בדרך נגלה שרייבן מכח סודות המרכבה). קום אונ זעה די מרכבה דש מעשה איז אויף מצרים די האט געוועלטיגט איבר אנדרי מרכבות פון אלע אומות, אונ אז די מרכבה איז גנומן געווארן מירי מעשה זיינן אלע איבר פארן פון מיר מעשה, ווי דער פסוק זאגט (על מצרים ועל פרעה ועל הבוטחים בו) דרום שטייט (שאנן עמים ירגזון וגו'): אין דר צייט זיינן אלע גקומן העלפן צו מצרים אז זיי האבן געהערט דיא גבורה דאש הקב"ה האט גטאן אין מצרים איז שלאף געווארן מיר כח פון אלע דיא דא זיינן בגריפן געוועזן אן זיי, אונ אז דער כח איז צו בראכן געווארן אובן איז אויך צו בראכן געווארן אלי די דא האבן איין צו בונד גהאט אן זיי אובן אונ אונטן, דרום שטייט ווייטר (ויסר את אופן מרכבותיו וינהגהו בכבדות) אז דער אופן איז צו בראכן געווארן האבן זיי שוין ניט געקענט גיין, דרום שטייט ניט (אופני מרכבותיו אדר אופן מרכבתו). אלא ווייל אלע זייענען בהעפט אן דען איין אופן, וואו דש חלק פון ישראל דאש הקב"ה בגערט אן זיי דש זיי זאלן זיין זיין חלק אונ ער זייער חלק, ווי עש שטייט (ובו תדבק) אונ שטייט (ואתם הדבקים בי"י אלהיכם) אן הקב"ה ממש אונ שטייט (יעקב בחר לו יה) אונ שטייט (כי חלק י"י עמו). ער האט זיי אויש גלוגין פון זרע קודש צו זיין חלק, על כן האט ער זייא געגעבן דיא (תורה הקדושה עליונה) דיא דא איז בהאלטן געוועזן צווייא טויזנט יאר פריער ווי די וועלט בשאפן וואר. אונ וועגן זיין אהבה האט ער זי געגעבן צו ישראל מיר נאך צו גיין אונ צו ווערן בהעפט אן איר: זאגט ר' יצחק בשעה דאש הקב"ה האט געוואלט מעביר זיין די חיילות פון פרעה אונטן האט ער צום ערשטן אפ גיטאן מיר כח פון אובן. ווי האט ער גטאן דער ווייל אלי מיר מעשה וכח פון אלע מרכבות איז געוועזן אובן ווייל דיא קדושה האט זיך אן גקלייד אן זיא אובן דאש שכינה איז געוועזן אין מצרים, פון דען האבן זיי אלע כח גהאט אונ האט גפירט אלע מרכבות. דא האט הקב"ה אפ גטאן פון מיר כח אובן די קדושה, ביז דיא קדושה איז ארויש גגאנגן. דא האבן אלע מחנות ניט קענן גיין אונ פירן, אונ אז זי ניט האבן געקענט אזו האט מען דען ממונה פון מצרים מעביר געוועזן פון זיין מעשה מיט ברענענדיג פייער.

דא וואר די ממשלה פון מצרים אפ גטאן געווארן. אונ זאגט (ר' יצחק בשעה) דאש ישראל זענן גינעהנט צום ים, האט הקב"ה גירופן דען (ממונה הגדול) פון ים אונ זאגט צו אים בשעה דש איך האב דען עולם בשאפן האב איך דיך גזעצט אויף דעם (ים) דז דיא וואסר זאלן זיך שפאלטן פר מיינע קינדער, היינט איז דיא צייט גקומן דש מיינע קינדער זאלן איבר פארן אין (ים), אזו אויך דער נאך שטייט (וישב הים לפנות בוקר לאיתנו) וואס טייטש לאית"נו איז אותיות לתנא"ו צו זיין ערשטן תנאי דש הקב"ה הט גהאט מיט די וואסר (בשעת בריאת עולם). אונ ישראל זעהן די אינדן אונ גלגלים פון ים די גיאן שטארק הין אונ ווידר, זיי ריכטן אויף אירה אויגן אונ זעהן פרעה מיט זייני חיילות הינטר זיי, דען פארכטן זיי זיך אונ שרייאן צו גאט: דען אאל דר ים דש גזעהן ער אנטלויפט. וואס הט דר ים גזעהן דען (ארון פון יוסף) וויל ביי אים שטיט (וינס ויצא החוצה) דאש ער הט ניט וועלן ליגן בייא דיא ווייב פון (פוטיפרע) דרום האט זיך דער ים גשפאלטן: (ויאמר מצרים אנוסה מפני ישראל) ווארום דרום וויל ישראל האבן געזעהן גלייך אז גאנץ מצרים שטייט אין איין פייאר. ר' חייא ור' יוסי זענן גגאנגן במדבר זאגט ר' חייא צו רבי יוסי קום איך וויל דיר זאגן ווען הקב"ה וויל מעביר זיין איין ממשלה פון דר לאנד איז ער פֿאַר מעביר דען שר אין הימל, אונ איז אים ניט מעביר ביז ער זעצט איין אנדרן אן זיין שטאט כדי דאש ניט זאל חסר זיין איין (ממשלה) אין הימל. זאגט ר' יוסי ודאי איז עס אזו אונ זאגט ווייטר סודות: אין דעם זעהן זיי קומט איין מענש אונ איין משא וואר פר אים, זאגט ר' חייא מיר וועלן גיין פין לייבט איז ער איין עובד ע"ז אודר ער איז איין עם הארץ אונ עש איז אסור חברותה צו מאכן מיט אים אין וועג. שפראך ר' יוסי מיר ווילן זיצן אלהי אונ ווילן זעהן טאמר איז ער איין אדם גדול, אין דעם וואר ער פר בייא זייא אונ זאגט זיי אין דעם אום ריכגן דען וועג דש איך אזו דא אום ריכגן בגער איך [illegible] דיא חברותה, איך ווייס איין אנדרן וועג אונ איר ווילן אפ קערן דען וועג, איך וויל אייך זאגן אונ וויל ניט מחויב זיין אן אייך, אונ וויל ניט עובר זיין אויף [ולפני עור לא תתן מכשול]. איר זייט אין דען וועג אז די בלינדי איר זאלט ניט ברייגן אייער נפש אין איין סכנה. זאגט ר' יוסי געלובט איז הקב"ה דר [רחמן] אז איר האבן דא גווארט, זיי ווארן זיך בהעפטן מיט אנאנדר, ער שפראך צו זיי איר זאלט ניט ריידן דא ביז איר ווערן דאש אורט פר ביי זיין. זיי גייען אין איין אנדרן וועג, אז זיי זענן שון דש ארט פר בייא גיוועזן, זאגט ער צו זייא אין יענעם וועג וואו איר האבן גימייד, זענן מאמל גיגאנגן איין כהן חכם אונ איין עם הארץ מיט אים, אזו איז ער אויף גישטאנן אויף אים אונ וואר אים ממית אין דעם ארט. פון דען טאג אן ווער דא גייט איבר דען אורט ברינגט זיך אין סכנה, עש פר בארגן זיך דארטן גזלנים רויברש אונ הרגנען דיא לייט, אונ דיא חכמים ווייסן דש אורט ניט צו קיאן דארטן, דען הקב"ה בגערט דש בלוט פון דען זעלביגן כהן אלע טאג. ער הוב אן (ישעיה י"ב) (עוד היום בנוב לעמוד) ער זאגט סודות קום אונ זעה ער זאגט (גבעת שאול) וואס גידענקט ער דא שאול. אלא וויל שאול האט מאית גוועזן דיא (נוב עיר הכהנים) האט דער (מדת הדין) גשטארקט אויף דען עולם, אונ האט מאית גוועזן שאול מיט זיינה קינדר, אונ האט פר לארן דש מלכות אונ זענן אוועק גיקומן דריבר וויא פיל טויזנט [ישראל]. אונ ביז יעצט איז דער חטא נאך גשטאנדן ביז סנחרב איז גקומן אום ירושלים אונ האט אלט מאכן ליטרן. אזו אויך זינט דער כהן איז דארט אום גקומן איז קיינר ניט דארטן איבר פארן דש ניט זאלט זיין בסכנה: זאגט ר' חייא צו ר' יוסי האב איך דיר דען ניט גזאגט פיליייכט איז ער איין גרויסר מאן: ער הויב אן [משלי ג'] [אשרי אדם מצא חכמה] (אשרי אדם) אז איר זעהן דהט איר האבן דיך גפונדן אונ ווייטן פון [דברי חכמה]. (ואדם יפיק תבונה) דש איר האבן דיינר גווארט זיך צו בהעפטן מיט דיר, אונ אויף דעם שטייט גשריבן דש הקב"ה ברייט אים אן אין וועג די [פני שכינה], אונ אויף דעם שטייט גשריבן [ואורח צדיקים כאור נוגה], דר מאן הייב אן [לדוד מזמור לה' הארץ ומלואה] אונ זאגט סודות:

וַיָּסַר אֵת אֹפַן מַרְכְּבֹתָיו זיין ממונה אובן איז אפ גטאן געווארן, דען האט ער אונטן איין מפלה גהאט: אזו וואל אז ער איז גקומן אין (ים העליון) אזו זענן זיי אונטן גקומן אין (ים התחתון). [וינהגהו בכבדות] ווארום בכבדות, אלא פון אלהיא לערנן איר אין דען וועג דש זיך דער מענש בהעפט פירט מאן אים ווידר. עש שטייט ביי פרעה [ויכבד את לבו] אזו האט מן אים ווידר גפירט [בכבדות]: הש"י זאגט צו אים רשע דו בשווערשט דיין הארץ מיט דעם וויל איך דיך פירן דרום שטייט (בכבדות): [ויאמר מצרים אנוסה מפני ישראל] דש האט גזאגט דר שר פון מצרים אובן. שפראך ר' יוסי עש איז דאך קשה ווען מן האט אים מעביר גוועזן פון זיין ממשלה, ווי האט ער קענן נאך יאגן די ישראל: אלא וודאי עש איז אלט אזו גוועזן, אבר אז דר כח פון מצרים דר [שר פון מצרים] איז ווארן צו בראכן אזו איז צו בראכן געווארן איר כח אונ שטארקייט פון אונטן, דרום זאגט זיי (כי ה' נלחם להם במצרים) אן דען שר פון אובן (מעלה):

וַיּוֹשַׁע יְיָ בַּיּוֹם הַהוּא וַיַּרְא יִשְׂרָאֵל אֶת מִצְרַיִם מֵת עש שטייט לשון יחיד דש איז דר [שר פון מצרים] האט זיי הקב"ה גוויזן דש ער האט אים מעביר גוועזן אין [נהר דינור], אונ ווען מן איינם אובן מעביר איז הייסט ער מת פון זיין ממשלה:

וַיַּרְא יִשְׂרָאֵל. ר' יצחק זאגט מיר גפינן ניט דש איינר האט זיך אזו גישטארקט קיגן הקב"ה אז פרעה: זאגט רבי יוסי [סיחון ועוג] האבן זיך אויך גשטארקט, זאגט ר' יצחק עש איז ניט אזו, סיחון ועוג האבן זיך גישטארקט קיגן ישראל, אבר פרעה קיגן הקב"ה, ער האט געזעהן אלי טאג די גבורות אונ האט ניט תשובה גטאן: [רבי חזקיה] זאגט [אחת היא על כן אמרתי תם ורשע הוא מכלה] ער זאגט סודות: זאגט ר' חייא איוב איז ניט גשלאגן געווארן נייערט אין די צייט אז ישראל זענן אויז מצרים גגאנגן, זאגט איוב ווען עש איז אלט גלייך פר הקב"ה [תם ורשע] צו גלייכן: ער זאגט פרעה האט זיך גשטארקט קיגן הקב"ה אונ ישראל אונ האט גזאגט [מי ה' אשר אשמע בקולו] אונ איך האב ניט גטאן ווידר גאט זאל איך אויך גשטראפט ווערן, ווען איך וואל אזו איין מיט תם אונ איין רשע פר לעכט ער גלייך

דש

דש שטייט גשריבן [הירא את דבר ה' מעבדי פרעה] דאש איז איוב. זאגט רבי יודא די האגל שטיינר די זענן גנידרט אין מצרים אונ משה האט זיי אויף גהאלטן, דר נאך האבן זיי ממית גוועזן אין צייטן יהושע, אונ די נאך זענן איבר גבליבן זענן אן גבריית אויף [לעתיד לבא] אויף די אומות: דער פסוק איז קשה בתחלה שטייט [וירא ישראל את היד הגדולה] אונ דר נאך שטייט [וייראו העם את ה']. זאגט ר' יהודה דר ישראל איז דר אלטר [ישראל יעקב אבינו] דער איז אריין גנידרט אין גלות מיט זייני קינדר צו ליידן דאש גלות אונ ער זעלברט האט געזעהן אלי [נקמות וגבורות] דש הקב"ה האט גיטאן במצרים, דרום שטייט [וירא ישראל] ישראל ממש. אונ הקב"ה נעמט דעם אלטן אונ זאגט שטייא אויף אונ זעה דייני קינדר זענן אויז גנאמן פון דעם שטארקן פאלק, שטיי אויף אונ זעה די גבורות דש איך האב גיטאן פון וועגן דייני קינדר במצרים. דש האט ר' יוסי גזאגט בשעה דש ישראל איז גלעגן אין מצרים אריין אין גלות דא איז אויף אים גפאלן איין גרויסי מורא אונ איין ציטרניש, זאגט הקב"ה צו יעקב [אל תירא מרדה מצרימה] איז משמע ער האט זיך גפארכטן, זאגט הקב"ה צו אים פארכט דיך נישט, זאגט יעקב איך פארכט מיך פר דעם גלות דש מייני קינדר ווערן פר דארבן ווערן. זאגט הקב"ה [אנכי ארד עמך מצרימה], זאגט ער איך פארכט מיך פר דעם גלות דש איך וועל נישט זוכה זיין בגראבן צו ווערן מיט מיין אבות, אונ וועל נישט זעהן דיא גאולה פון מייני קינדר אונ די גבורות, דאש דוא ווערשט זיי טאן, זאגט הקב"ה (אנכי אעלך גם עלה). (אעלך) איך וועל דיך אויף ברענגן בגראבן צו ווערן בייא דייני אבות, גם עלה איך וויל דיך ווידר אויף ברענגן צו זעהן זייער גאולה אונ גבורות וואש איך וועל טון צו זיי, אונ דעם טאג דש ישראל זענן אויז מצרים גגאנגן האט הקב"ה גנומן [יעקב אבינו] אונ האט גזאגט שטייא אויף אונ זעה דיא גאולה פון דייני קינדר, אונ וויא פיל [כוחות וגבורות] דש איך האב גטאן, אונ יעקב איז גוועזן דארטן אונ האט אלץ געזעהן דרום שטייט [וירא ישראל את היד הגדולה]:

רבי יצחק זאגט עש שטייט גשריבן [ויוציאך בפניו בכחו הגדול ממצרים] וואש טייטש בפניו דש איז יעקב ער האט זיי אלי אריין גבראכט אין [גלות מצרים] פר מייני אויגן האט הקב"ה אלץ גוויזן: רבי חזקיה זאגט [ויוציאך בפניו] דש איז אברהם, אזו שטייט [ויפול אברהם על פניו] דש אברהם האט גזאגט [הלבן מאה שנה יולד] ווער איך דען צו הונדרט יאהר איין קינד האבן, זאגט הקב"ה [חייך] בייא דיינם לעבן דש דוא ווערשט זעהן וויא פיל [חיילות ומחנות] ווערן פון זיי אויז גיין, בשעה דש ישראל זענן אויז מצרים גגאנגן אלי שבטים וויא פיל צענדליג טויזנט, האט הקב"ה אויף גבראכט אברהם ער זאל זייא אלי זעהן דרום שטייט [ויוציאך בפניו], [ר' אבא] זאגט אלי אבות זענן דארטן גוועזן בייא דער גאולה, דרום שטייט [בפניו] דש זענן די אבות, זאגט [ר' שמעון] אזו אויך וועגן דיא אבות איז דיא גאולה תמיד צו ישראל אלי מאל. וויא דער פסוק זאגט [וזכרתי את בריתי יעקב ואף את בריתי יצחק ואף את בריתי אברהם אזכור והארץ אזכור] דש זענן די אבות. אבר וואש טייטש [והארץ אזכור] אלא דאש איז [דוד המלך] דש ער איז אן גבונדן אובן אן [ארץ החיים], אונ ער איז אין איין מדרגה מיט די אבות אונ דורך זיי איז אלי מאל די גאולה צו ישראל: רבי יוסי האט גפרעגט עש שטייט [וירא ישראל את מצרים מת על שפת הים] משה האט דאך גזאגט דר פאר [לא תוסיפון לראותם עוד עד עולם] זיי ווערן שוין נימר זעהן די מצרים אייביג, אלא בחיים ווי זי לעבן ווערט איר זיי שוין נימר זעהן אבר מתים יא, דרום שטייט אין פסוק משה זאגט [כי כאשר ראיתם את מצרים היום לא תוסיפון לראותם] כו' וויא איצונד [כאשר ראיתם] [ווייטר זענן סודות]:

אז ישיר משה ובני ישראל את השירה הזאת לה' וואָרום שטייט נישט [אז שר] איז טייטש ער האט גזונגן, וואָרום שטייט [ישיר] איז טייטש ער ווערט זינגן. אלא [לעתיד לבא] ווען גלייך דיא ערשטי צדיקים זענן שוין אויף גאנגן [במדריגות עליונים] פון אובן אונ זענן וואָרן גקניפט [בצרור החיים] דא זענן זיי אלי אן גבריית צו [תחיית המתים] צו ווערן לעבעדיג בגוף ווידר צו זעהן דיא [אותות וגבורות] דש הקב"ה ווערט טאן צו ישראל ווען משיח ווערט קומן, ר' שמעון זאגט איר לערנן פון פסוק [יוסיף ה' שנית ידו לקנות את שאר עמו], דש זענן די צדיקים די הייסן [שאר עמו], דען איר האבן גלערנט דש דער עולם האט קיין קיום נישט נייערט אויף די זעלבי דיא זיך מאכן צו איין איבר בלייבונג אונ האלטן פון זיך נישט. אויב דו וועלשט פרעגן דר וויל זיי זענן [בצרור החיים] אן גיבונדן אונ האבן תענוגים [בעולם העליון] וואָרום נידרט זיי הקב"ה אראב אויף דער ערד, גיי אונ לערן פון דר ערשטי צייט דש צום ערשטן זענן נאך גוועזן אלי [רוחות ונשמות במדרגות העליונות למעלה למעלה] אונ הקב"ה האט זיי גנידרט אונטן אויף דער ערד [אשר שכן] מיינדרט דש הקב"ה וויל רעכט ווערדיג מאכן די קרומי וועג דש עש שטייט [כי אדם אין צדיק בארץ אשר יעשה טוב ולא יחטא]. אונ דו וועלשט זאגן וואָרום די זעלביגי דש דא זענן גשטארבן אכח דר עצה ווייש דיא שלאנג האט [גורם מיתה] גוועזן אונ האבן גאר קיין זינד גיטאן נאך וואש זאלן זיי אויף שטין, אלא דיא אויז אויך אויף שטיין צו [תחיית המתים] צו זיין דיא [בעלי עצה צו מלך המשיח], דרום האבן איר גלערנט דש משה ווערט לעתיד זאגן שירה, ווי דר פסוק זאגט [כימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות], עש זאל שטין [אראך]. [אלא אראנו] איז טייטש איך וויל אים וויזן דש אנדרי מאל: דען [אז ישיר משה ובני ישראל את השירה הזאת לה'. די כנסת ישראל צו הקב"ה]: [תנינן] איר האבן גלערנט איטליכר מענש דער דא שירה זאגט אלי טאג אונ איז מכוון דריבן דא איז ער זוכה צו זאגן לעתיד, דען עש שטייט אין דר שירה וואש איז גוועזן אין דען [עולם העבר] אונ אין דעם הייניטיגן עולם אונ פון עוה"ב. אונ אין דר שירה איז דר יחוד אונ דער בונד [אמונה] אונ איז דריבן פון [ימות המשיח], אונ אן דר שירה הענגט אן איין צו ברענגן פר הקב"ה אלי שירות אנדרי וואש דא זאגן דיא [עליונים ותחתונים]. (ויאמרו לאמר) צו זאגן (לדורי דורות) דען די שירה ווערט נישט פר געסן ווערן פון זייא לעולם, דען ווער עש איז זוכה צו זאגן די שירה אויף דעם עולם איז זוכה דר צו לעולם הבא אונ איז זוכה צו לובן (לימות המשיח) מיט דר גרושי שמחה פון הקב"ה; דרום שטייט לאמר צו זאגן דיא זעלביגי צייט, לאמר צו זאגן אין א"י ווען ישראל

ישראל ווערן דרינן זיין. לאמר צו זאגן אין גלות. לאמר צו זאגן בעוה"ב, (אשירה לה' כי גאה גאה) ער האט געהערשט (בעוה"ז גאה בעוה"ב). סוס ורוכבו רמה בים, ער האט אריבער געוויזן דיא מכה פון די תחתונים און דעם כח פון די אובן וואו זיי האבן איין מחיצה דארט זענען אלי איבר געענטפערט געווארן (ביד העליון), וויא דיא (כנסת ישראל) האט פר זאגט פון הקב"ה דס אלי זאלן איבר געענטפערט ווערן אין אירי הענט, אזו האט הקב"ה געטאן דרום שטיט (סוס ורוכבו) דיא אונטערשטן און דר כח פון אובן וואס רייט דרויף, אלי צו זאמן (רמה בים) אובן און אונטן די (תחתונים פרעה וחילו) אין ים, און אובן זייערי (כוחות ושרים) אין (נהר דינור ביד העליון) וויא אובן איז געשטאנען:

זה אלי ואנוהו ר' יוסי זאגט ווי זאל איטליכר ליב האבן הקב"ה דען עס איז קיין גרעסר עבודה ניט צו הקב"ה אז דיא אהבה, און איטליכר דער וואס ליבט צו הקב"ה און טוט זיין [עבודה באהבה] דער ווערט גרופן צו הקב"ה פר איין גוטר פריינד. [אי הכי] דען נאך עס שטייט דאך [ריעך ורע אביך אל תעזוב] און שטייט [הוקר רגליך מבית רעך] אזא האבן טון אונזרי חכמים געזאגט עס גייט אויף [קרבנות עולות], און [ריעך ורע אביך אל תעזוב] ניט פר לאז אים נייערט צו דינן און צו בהעפטן אן אים און צו טאן זייני מצות, און אז עס שטייט [הוקר רגליך מבית רעך] איז אזו טייטש, כלומר' רייס דעם יצה"ר אוועק, ער זאל דיך ניט דר הילן און זאל ניט געוועלטיגן אן דיר און זאלסט ניט טראכטן אין הארצן דס ניט זאלסט דארפן צו ברענגן איין עולה. דרום הייסט רגליך איז טייטש געוואוינהייט דס דר מענטש געוואוינט איז. און ניט גהיט פון זייני טראכטן, דער נאך ווערט דרויס איין מעשה און די מחשבה מאכט נאר פיס צו דער מעשה, אזו וואו ווען ער קיין פיס העט וואלט ער ניט קענן גיין צו טאן. אזו ברענגט דיא מחשבה צו דער מעשה, וואס טייטש מבית דען דס איז די [נשמה הקדושה] דס דיר האט הקב"ה געגעבן דס ער הייסט ריעך, דרום זאל זיין די עבודה פון הקב"ה [באהבה] אין אלים, אז דר פסוק זאגט [ואהבת את ה' אלהיך בכל לבבך ובכל נפשך ובכל מאודך]. [זה אלי ואנוהו] כל ישראל האבן געזעהן ביים [ים] וואס ניט האט געזעהן [יחזקאל הנביא] אפילו די קינדר דיא דא זענן געוועזן אין מוטר לייב האבן געזעהן די שכינה, און האבן געלובט הקב"ה און אלי האבן געזאגט [זה אלי ואנוהו אלהי אבי וארוממנהו]:

רבי יהודה איז געזעסן פר ר' שמעון, ער זאגט עס שטיט אין פסוק (ישעיה נ"ב) קול צֹפַיִךְ נָשְׂאוּ קוֹל יַחְדָּו יְרַנֵּנוּ ווער זענן דיא צופיך, אזא דיא זענן די דא האפן ווען הקב"ה ווערט זיך מרחם זיין צו בויאן זיין הויז. [נשאו קול] ווארום שטייט נשאו, איז טייטש זיי האבן אויף געהובן זייער קול, עס קער צו שטיין [ישאו] זיי ווערן אויף היבן [קול יחדיו] אזא איטליכר מענטש דר דא וויינט און היבט אויף זיין קול אויף דעם [חורבן בית המקדש] דא איז ער זוכה צו וואס דר נאך שטייט, דס [לעתיד לבוא יחדיו ירננו] און ווערט זוכה זיין צו זעהן געבויטר הייט בשמחה, און אז הקב"ה ווערט ווידר קערן זאלן ווערן זיי זאגן [זה אלי ואנוהו] און שטייט [זה ה' קוינו לו נגילה ונשמחה בישועתו]:

מַרְכְּבֹת פַּרְעֹה וְחֵילוֹ יָרָה בַיָּם אז הקב"ה דר וועקט איין מלחמה דען ווערן צו ברעכן [מדרגות עליונים און מדרגות התחתונים] אונטן דאס איז געווען [מרכבות פרעה וחילו ירה בים], ר' יהודה הייב אן [רחוק מים אלהים רחוק מים יחילו אף ירגזו תהומות] בשעה דס ישראל האבן איבר ים געוואלט גיין, האט הקב"ה געזאגט צו דעם [שר פון ים] צו שייד דיין וואסר. זאגט ער ווארום, זאגט הקב"ה דס מייני קינדר זאלן דורך גיין, שפרעכט ער די [גאולה] פון נאר וואס דא איז מילוכדר ווער רעכט דיא און דיא זאלן אוועק קומן, ישראל האבן אויך אין אלרים ע"ז גדינט: זאגט הקב"ה דרום האב איך בשאפן דס ים און האב איין תנאי מיט גימאכט [בשעת בריאת עולם] דס ער זאל אינגדר גישפאלטן ווערן: וואס האט געטאן הקב"ה ער האט דר וועקט גבורה וואסר די וואסר איין גישטראפן געווארן, דרום שטיט [רחוק מים אלהים רחוק מים יחילו] דס זיי אים האבן געזעהן און זענן דר שיטרט געווארן, זאגט הקב"ה זיא מאית די חיילות דר נאך ווארף זיי ארויס, דר נאך האט זיי דס ים צו גידעקט, [מרכבות פרעה וחילו ירה בים] און אזו ער האט צו ברעכן אלי [מרכבות הטומאה] וואס איבר זיי איז מיט אירי כוחות אובן אזו זענן זיי אונטן אויך צו ברעכן און פר לארן געווארן, אזו איז הקב"ה אן גבריית ווען משיח ווערט קומן צו שיטן אלי [חיילות ורשעי גייסות] און שרים פון אדום וויא דר פסוק זאגט [מי זה בא מאדום חמוץ בגדים מבצרה וגו']:

און גיט ווידר אין איר קלייד אריין, עס איז איין משל. זיין געליבטע וואס (יפת תואר ויפת מראה) איז פאר בארגן אין איין היכל, זיא האט איין ליבהאבר דיא ווייס ווייא ניט אין אירי פאר בארגנים וואו זיא זיצט פאר בארגן נייארט דער ליב החבר, אונ זיין הארץ אונ נפש איז אלץ צו איר אונ ווייסט דש פאר גרושי ליבשאפט דאס זי צו אים האט ווערט זי זיך צו אים בוויזן גלייך וואו איין רגע צו דער ווייזן דיא ליבשאפט. ער גייט אין דעם הויז. אונ ריכלט ארונן. ער ריכט אויף זיין אויגן אויף אלי זייטן. זיא ווייסט וואול אז דער ליב החבר דער נאך האפט זיא צו זעהן אונ גייט פאר בייא דער טיר פון הויז, וואש טוט זיא. זיא עפנט דיא טיר פון דעם היכל וואו זיא איז פאר בארגן אונ ווייזט איר פנים צו איר (אוהב) אונ גיט תיכף אריין אונ ווערט פאר הולן פון אים. אלי דיא דער בייא זיינן זעהן זיא ניט נאר דער אוהב אליין. אונ אזו איז דיא תורה זיא זיך ניט אנטפלעקט נייארט צו איר ליב החבר, זיא ווייסט וואול דש איר אוהב גייט הין אונ ווידר צערכט אונ ווערט גערן רעכט פאר שטיין דאס (פניאיות) פון דער תורה וואש פאר הולן איז אין דען (מלבוש הנגלה), דען בווייזט זיא זיך אויף איין אורט איין טויר אונ פאר דעקט ווידער. אלי לייט זייאנן דאס אונ פאר שטייאן עס ניט נייערט ער אליין. אונ זיין הארץ אונ נפש אונ גידערים זיינן אלץ צו דער תורה. דיא תורה איז (מגלה) צו איר אוהב אין אן פתח איין ווייניג צו דר ווייזן דיא ליבשאפט. קום אונ זעה דר שטייגר פון דער תורה אין אן פתח ווען זיא זיך הייבט אן מגלה צו זיין ווייזט זיא זיך ברמיזה, פאר שטייט ער עס איז עס גוט ווען ניט אזו שיקט זי צו אים אונ הייסט אים [פתי טוטה], אונ שיקט צו אים אונ בפעלט אים זאג דער טוטה דא אונ דא קומן דא וויל איך מיט אים ריידן, דש מיינט דער פסוק [מי פתי יסור הנה חסר לב], זי רופט אים צו זיך אונ הייבט אן מיט אים צו ריידן היכטר דעם פרוכת ביז ער הייבט אן צו פאר שטיין דיא תורה [דרך דרשה בדרך פשוטו], דער נאך טוט זיא מיט אים ריידן דורך איין דין וואש קלאר איז [דברים של חידה] דש איז [הגדה]. דער נאך אז ער טוין געוואוכט איז מיט איר בווייזט זי זיך צו אים [פנים אל פנים] אונ רעט מיט אים אלץ פאר הולנע סודות אונ אירע פאר בארגנע אלע וועגן וואש זיא האט אין הארץ אונ איז פאר בארגן ביי איר (מימים קדמונים) דען איז ער איין גאנצר מענש איין (בעל תורה) ער איז דער הער פון הויז אלע אירע סודות ווייסט ער אונ פאר הולט נישט פון אים. אונ זאגט אים אן פתח האב איך דיר געוויזן (דרך רמז) דש איז געוועזן אלן (רזין סודות עליונים), דען זעהט ער דש דער עיקר פון אלים איז ניט צו מערן אונ ניט צו מינערן דער פון, אזו אויך (בדרך פשט) פון פסוק ניט צו מערן אונ ניט צו מינערן (אפילו אות אחד) אין דער תורה: דרום קענן דער מענש נאך צו יאגן נאך דער תורה צו זיין איר אוהב ווערט זיא זיך צו אים מגלה זיין. דאס האט ער געמיינט אין דער חידה דיא בתולה וואש היפש איז (דלית לה עינים) דאס מען זיא ניט קאן זעהן דש איז דיא תורה ווי איך געזאגט האבן: קום אונ זעה (אם אחרת יקח לו כמה גלגולים) זיינן זיך מגלגל אין דעם פסוק מפורש צו זיין אין ווייא פיל מראייא געשטאלט ווייא גרוס אונ הויך זייכן זייא: אלע נשמות גייען אין (בגלגול) אונ דיא לייט ווייסן ניט דעם וועג פון הקב"ה אונ ווי די וואג שטאן אובן שטייט, אונ ווי דער מענש ווערט געמשפט אלע טאג אין אלע צייט, אונ וויא דיא נשמות גייען צום דין אויב זיי ווערן בשאפן אויף דעם עולם אונ וויא זייא גייען ארוין בדין ווען זיא אוועק גיין פון דעם עולם, וויא פיל (גלגולים) אונ (מעשים סתומין) די פאר הולן זיינן וואש הקב"ה טוט מיט דער נשמה ווי פיל (נשמות) די זיינן וואש הקב"ה טוט היטן דיא נשמה. ווי פיל נשמות די זיינן נאקיט אן מלבוש אונ כמה רוחות די זיינן נאקיט די ארויף גיין אין עולם די דא ניט קענן אריין קומן אין דעם (פרגוד) דער לויט אונ אחילה פון הקב"ה: אונ ווי פיל וועלטן דיא זיינן דר מיט מהפך, אונ דער עולם ווערט פאר קערט (בכמה פלאות סתומים) פאר הולני וואונדר: אונ די לייט ווייסן ניט אונ זיין ניט משגיח דרויף אונ ווי די נשמות זיינן מגולגל וויא איין שטיין אין שליידער, ווי דער פסוק זאגט (נפש אויביך יקלענה בתוך כף הקלע) ווייטר קאן מען ניט שרייבן וועגן גרויסע סודות: נאך אלים ער קוסט זייא אונ בענטשט זיי אונ זיי גייען איר וועג, ווייל זיי קומן צו (ר' שמעון בן יוחאי) זייא דר ציילן אים וואש זיי איז צו גקומן מיט דעם סבא, ער וואר זיך משמח אונ וואונדרט זיך, ער זאגט צו זיי איר זייט דא געוועזן מיט איין (אריה עליון גבור חזק) דאס (כמה וכמה גיבורים) זיינן קעגן אים נישט געוועזן אין דער תורה אונ איר האט אים בלזד ניט דער קענט, איך וואונדר איר וויא איר זייט ניצל געווארן פון זיין עונש. נייערט הקב"ה דר האט אייך בגנרט אלץ צו זיין, ער צייכנט אויף זייא דעם פסוק (ואורח צדיקים כאור נוגה הולך ואור עד נכון היום וגו') אונ שטייט (ועמך כולם צדיקים לעולם ירשו ארץ נצר מטעי מעשה ידי להתפאר):

(עד כאן מן רבי ייסא סבא):

פקודא דיא מצוה נאך דעם איז מען זאל אוועק געבן איין אבידה געזלה אוועק צו געבן, ער זאגט ר' שמעון דער הייסט (בוצינא קדישא) הייליג ליכט צו משה. דו (רועה נאמן) הקדוש ברוך הוא ווערט דיר אוועק געבן דיין אבידה וואש דו האסט פאר לארן מיבר דען (ערב רב) דש זיי האבן געמאכט דש עגל. דריבר איז געפאלן דיין כלה די לוחות, אז דער פסוק זאגט (וישלך מידו את הלוחות). דענקט מען איז דיא תורה (שבעל פה) די כלה פון משה. אין דער ירידה גקומן. דרום איז צו דיר געזאגט געווארן: (לך רד) האט דיר הקב"ה ארויס געוועזן דיין (ירידה בגלות הרביעי). לך איז גלייך וויא דארטן שטייט (לך לך מארצך) עס שטייט (הן כל אלה יפעל אל פעמים שלש עם גבר) איז ארויס אזהיא דייני גלגולים דו מוסט נידרן אין גלות ווען דיין כלה דיא בת יחידה דיא הייליגי דש דא שטייט (נפלה ולא תוסיף קום בתולת ישראל) אונ אז דו ווערסט צו איר נידרן אין גלות ווערט זיא דורך דיר אויף שטיין דש איז (השבת אבידה). אונ די תורה דש דורך דיר איז מגולה געווארן דש איז דיא (השבת אבידה) אונ ניט בלחכם, איז דורך דיר מער מגולה געווארן אז דורך כל ישראל. אונ איז צו דיר עולה געווען וויא דיא וואסר אין דען ברונן קיגן דיר מער אז קיגן אלעם, דש אז דיא ברונן איר וואסר זיינן דיא תורה דש שטייט (ומשם בארה היא הבאר) דש איז די ברונן פון ים התורה דש כל הימים זיינן דריכן, אונ ווען גלייך אלי ענכים וואלקין אונ (כל בני עולם) וועלטן שעפין מיר וואסר ווערט ניקט חסר דער פון (אפילו

כחוט השערה). דען מיר וועלן זיין (מיט תמים זהם סוף), און איז עמוק גאנץ טיף דאס איז גזאגט גווארן (ורחבה מני ים), און אין דער ברונן פֿון דער תורה ווערן איין גשלונגען אלע וואסער און אלע חכמות פֿון עולם זיינען דרינען גפֿונדען, אזו אויך ווערט הקב"ה ווידר קערן דיין גזלה, דען משה דאס שטייט (ויגזל את החנית מיד המצרי) גימטריא משה, און אין דיין גלות אין דיין גלגול ווערט ער אב שיידן צו דיר ערי מקלט צו בשירמען דיך (מכמה רודפים). די דיר נאך יאגן דאס עס האט קיין סוף ניט, דען דו האסט במצרים אום גיבראכט דעם מצרי דאס אין אים זיינען גוועזן דיא נחש הקדמוני מיט אירי חיילות, און דו האסט אים ממית גוועזן פֿאר זיין לייט, און האסט דיך נישט גפֿארכטן פֿאר אלע רודפים דאס דיר האבן נאך גיאגט [כמה נסים כמ"ה מגר"ת לצי"ת] און הקב"ה האט דיר גגעבן ערי מקלט בשערמט צו ווערן פֿון זייא. דאס זיינען דיא שערי תשובה (ווייטער קאן מן ניט שרייבן בדרך כלל עס זיינען גרוסה סודות עליונות):

וְאֶל מֹשֶׁה אָמַר עֲלֵה אֶל ה' מיט זייא אריין צו גיין בברית, דען איצונד האבן זייא זיך אויך מקיים גוועזן מילת פריעה. דען במצרים האבן זייא זיך נאר מל גוועזן אן פריעה, און איצונד שטייט [שם שם לו חק ומשפט] זייא האבן מקיים גוועזן אויך מילת פריעה. [ושם נסהו] מיט דעם [אות ברית קודש], און איצונד האבן זייא כורת ברית גוועזן דורך משה ווי עס שטייט [ויקח משה חצי הדם וישם באגנות וחצי הדם זרק על המזבח]. [ונגש משה לבדו אל ה']. וואול זיין חלק פֿון משה דאס ער צו אזעלכי מדריגה האט גיהאט צו גינעהנען צו הקב"ה זעלבערט [אל יי'] וואס קיינר ניט האט זוכה גוועזן און ישראל האבן איצונד זוכה גוועזן וואס זייא ניט האבן זוכה גוועזן [עד היום]. [ובאותו שעה] האבן זייא גיקריגן אין קיום [בקיום עליון הקודש], און זיינען אן גיזאגט גיווארן דאס הקב"ה ווערט רוען צווישן זייא אין מקדש, ווי דער פסוק זאגט [ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם]:

וַיִּרְאוּ אֵת אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל וְתַחַת רַגְלָיו כְּמַעֲשֵׂה לִבְנַת הַסַּפִּיר אין גישטאלט דאס אבן טוב דאס הקב"ה ווערט לעתיד בויען דאס [בית המקדש], ווי עס שטייט [ויסדתיך בספירים]. [ואל אצילי בני ישראל לא שלח ידו] ווייל [נדב ואביהו] האבן הנאה גהאט [מזיו השכינה] ווער גלייך גוועזן איצונד [שולח יד] אן זייא צו שטראפֿן זייא. אבר הקב"ה האט זייא גווארט דעם שטראף אויף דער נאך. רבי זאגט [ויחזו ודמי] האבן זייא גיגעסן און האבן זיך גישפייזט דער מיט, און זיי זיינען איצונד גוועזן רעכט פֿארטיג דער צו און האבן דער מיט נישט אוסא גוועזן נייערט דער נאך, זאגט רבי אליעזר אפֿי' ישראל זיינען רעכט ווירדיג גוועזן דער צו אן גבונדען צו זיין אן דער שכינה מכח דעם ברית דאס זייא זיינען גגאנגען איצונד אין דיא תורה מיט איין מאל, און האבן דיא זכיה ניט גהאט צו זעהן אזו ווייא די צייט ביז [לעתיד לבא] איז הקב"ה אן גיברייט זיך צו אנטפלעקן צו ישראל מיט גאר זיין כבוד זייא ווערן זעהן [עין בעין] ווייא עס שטייט [כי עין בעין יראו בשוב יי' ציון] און שטייט [ונגלה כבוד יי' וראו כל וגו']:

וַיָּבֹא מֹשֶׁה בְּתוֹךְ הֶעָנָן. פָּתַח וְאָמַר אָמַרְתִּי לֹא אֶרְאֶה יָהּ יָהּ בְּאֶרֶץ הַחַיִּים. [לא אביט אדם עוד עם יושבי חדל] ווייא גאר זיינען פֿאר שטאפט דיא לייט דאס זייא ניט וויסן און זיינען ניט [משגיח בדברי תורה], און בגערן נאר צו זעהן אין אייטל וועלטליכע זאכן און ווערט פֿאר געסן פֿון זייא דיא [רוח החכמה], ווען דער מענש זעהט [בזה העולם בדברי תורה ומצות הקב"ה] אפֿט ווען ער קערט אפ אין וועלטליכע זאכן און ווערט נידון נאך זיינע מעשים נאך, ווען ער איז ווירדיג און זאל אוועק גיין פֿון דעם עולם און גיט חשבון אפ פֿאר זיין הערן אלץ וואס ער גטאן האט אויף דעם עולם ווייל ער איז נאך אין גוף, דען זעהט ער וואס ער זעהט [קודם מותו] איי ער גייט אויף יענעם עולם, דא קומט ער פֿאר [אדם הראשון] ער זיצט אין די טויערין פֿון (גן עדן) צו זעהן אלע די היטן דיא מצות פֿון הקב"ה און ער פֿרייט זיך מיט זייא, און ווייא פֿיל צדיקים דיא שטייען אום אים ארום דיא דא פֿאר מיטן ווערן און ניצול פֿון דעם (דרך גיהנם) און ווערן גקערט צום (גן עדן), זייא הייסן (יושבי חדל) און שטייט ניט (יושבי חלד), דרום ווייל זייא ניט זיינען גיוועזן ווייא איין חולדה איין ווייזל דאס דא שלעפט און לאזט ליגן און ווייסט ניט פֿאר וועמען זייא האט עס אן גיגרייט. נייערט (יושבי חדל) ווייא דער פסוק זאגט (חדלו לכם מן האדם) דאס איז טייטש זייא זיינען פֿאר מיטן גווארן צו גיין צום גיהנם און שטארקן זיך אן אים צו גיין אין גן עדן. אבר (יושבי חדל) איז טייטש די (בעלי תשובה) די זיך פֿאר מיטן האבן פֿון דעם (דרך רשעים) און דרום ווייל אדם הראשון האט (חוזר בתשובה) גיוועזן פֿאר זיינם הערן, דרום זיצט ער מיט דיא זיך אויך פֿאר מיטן האבן פֿון (דרך רשעים) אויף די טיר פֿון גן עדן און איז זיך משמח מיט דיא דא קומען צו גיין אין ג"ע, קום און זעה [חזקיהו המלך] האט זעלן שטארבן און האט תפלה גיטאן צו הקב"ה האט ער אים גמערט זעכצען יאר: זאגט ער (אמרתי לא אראה יה) איך האב גימיינט איך ווער ניט זוכה זיין צו (יה בארץ החיים) ווען די נשמות גייען ארויס אין (צרור החיים) צו זעהן דאס גרויסע ליכט דאס הייסט (אספקלריא המאירה) אזוי זיך די נשמות צום ערשטן אין קלייד פֿון ליכט פֿון אירי (מעשים טובים) אן טאן. אזו משה האט ניט קענען ארויף גיין ביז ער איז גקומען אין וואלקן וואר צו אים דער קלייד. דען האט ער קענען זעהן וואס ער האט גזעהן. דרום זאגט ער אמרתי איך האב גמיינט איך ווער ניט זוכה זיין צו זעהן אדם הראשון מיט די (יושבי חדל) די מיט אים זיינען, דרום ווייל ער האט קיין ווייב ניט גנומען און האט קיין קינד גהאט. דרום האט ישעיה צו אים גזאגט (צו לביתך כי מת אתה ולא תחיה), (כי מת אתה בעולם הזה ולא תחיה לעולם הבא) און דער נאך אז ער האט גינומען זיין טאכטער האט ער אזו ווייא אובן שטייט גזאגט, ווה דאך חזקיהו דאס ער האט גיהאט (זכות אבות) און איז איין גרויסער צדיק וחסיד גיוועזן האט אזו גירעדט, מכל שכן אנדרי די קיין זכות אבות האבן. און זינדיגן פֿאר דעם הערן ווייא עס נאך דאס קלייד צו דער נשמה הייסט חלוקא דרבנן דאס זייא זיך דארפֿן דרינען מתלבש זיין: וואול דאס חלק פֿון דיא צדיקים דאס הקב"ה האט זייא אויף גיהובן (כמה תענוגים כמה טובות לעולם הבא) אויף זיי שטייט (עין לא ראתה אלהים זולתך):

וידבר

וַיְדַבֵּר ה' אֶל מֹשֶׁה לֵּאמֹר דַּבֵּר אֶל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְיִקְחוּ לִי תְּרוּמָה וגו': ר' חייא הוב אן כִּי יַעֲקֹב בָּחַר לוֹ יָהּ יִשְׂרָאֵל לִסְגֻלָּתוֹ (כמה) זיינן ישראל אזו גליבט פר הקב"ה דש ער בגערט צו ווערן אן זיי בהעפטט אונ געקניפט אן זייא אונ הט זיי גמאכט איין איינציג פאלק בעולם, אז דר פסוק זאגט (ומי כעמך ישראל גוי אחד בארץ), אונ ישראל בגערן אויך אן אים אונ זיינן געקניפט אן אים אז דער פסוק זאגט (כי חלק ה' עמו) אונ ער הט געגעבן אלי אומות אונטר די שרים פון אובן, אבר דיא ישראל הט ער גנומן צו זיין חלק. דרום טייטש (דבר אל בני ישראל ויקחו לי תרומה) די ישראל זיינן אב גשיידן גווארן צו איין חלק דש איך בין אייבר זיי, אונ ניט דיא שרים וויא אנדרי אומות עכו"ם:

רבי יוסי היבט אן (ויקחו לי תרומה וגו') וואש טייטש ויקחו לי, ווער דא וויל נאך צו טאן איין מצוה אונ משתדל צו זיין אן הקב"ה, דער מוז זעהן דאש ער זאל ניט משתדל זיין אום זונשט, נייארט דר מענש מוז זעהן משתדל צו זיין וויא עש קער צו זיין נאך זיין כח אונ פר מעגן נאך: וויא מיר האבן דאש שון גשטעלט אין פיל ערטר דאש דר מענש זאל נעמן זיין השתדלות צו הקב"ה, וויא דער פסוק זאגט (איש כמתנת ידו כברכת ה' אלהיך אשר נתן לך): אויב דוא וועלשט פרעגן עש טייטש דאך (לכו שברו ואכלו ולכו שברו בלא כסף ובלא מחיר יין וחלב). איז דאך דאש השתדלות פון הקב"ה אונ זאגט דאך עש איז (בחנם בלא כסף), אלא דש השתדלות פון דער תורה איז פרייא ווער עש וויל קאן זוכה זיין דראן, אויך השתדלות פון הקב"ה צו קאנן אים איז אויך גרינג, ווער עש וויל קאן זוכה זיין דער צו אן שכר כלל. אבר זעלכש השתדלות וואש דא הייסט אן מעשה טאר מן ניט נעמן אום זונשט אונ לער, דען ער קאן ניט זוכה זיין דורך דעם מעשה אויף זיך צו ציהן דען רוח הקודש אלא דוקא בשכר שלם, מיט געלט ניט אום זונשט, אין דעם (ספר פון כישופים) וואש דער אשמדאי הט גלאזן (שלמה המלך) שרייבט אזו, ווער דא וויל משתדל זיין מעביר צו זיין פון זיך דען רוח הטומאה אונ אים אונטר טאן צו מאכן דאש זעלביגי מעשה דאש ער וויל דר מיט פועל זיין. דא מוז ער קויפן (בשכר שלם) וויא מען עש בעט אונ וויל האבן דער פיר, עש זייא פיל אדער ווייניג. דער (רוח הטומאה) איז אן גברייט אלי מאל אום זונשט אונ לער אן שכר אונ ער נייט דיא (בני אדם) צו רופן אויף זיי אונ רעט זייא אן צו וואונן ביי זייא מיט וויא פיל אן ריידן מיט ווי פיל דרכים פר פירט ער זיי פון דיא רעכטי וועג נאר צו טאן איר וואונונג ביי זיי. אבר דער (רוח הקודש) איז ניט אזוא נייערט פיר גוט געלט אונ מיט גרושי השתדלות אונ פיל פעולות אונ גרושי טרחה וויא ער זאל זיך מתקן זיין מיט (קדושה וטהרה) פון זיינם גוף אונ מיט זיין גאנצן הארץ אונ נפש, נאך אלים הלוואי ווער וואלט דאש ער קענט פאר דינן דאש דער (שם הקודש) זאלט מאכן זיין וואונונג בייא אים, אונ ווען ער שוין הט זוכה גוועזן דער צו מוז ער זיך פיר זעהן צו גיין (בדרך הישר) ניט אפ צו קערן רעכטש אונ לינקס, ואם לאו מיד טוט זיך די קדושה פון אים אפ, אונ ווערט ווייט אפ גטאן פון אים אונ קאן אים ניט ארויא זיין אז ווי פאר. דרום טייטש דא (ויקחו לי תרומה מאת כל איש) פון זעלכן דער הייסט איין איש, איין שטארקר מאן דער שטארקט זיך אייבר זיין יצה"ר אונ ער בגערט מיט זיין ווילן אן הקב"ה דער הייסט הארץ, אז דער פסוק זאגט (לך אמר לבי) אונ טייטש אויך (צור לבבי) אונ טייטש (וטוב לב) אונ טייטש (וייטב לבו) דש אלץ רעט פון הקב"ה, אזו אויך (אשר ידבנו) צו הקב"ה דער איז איין הארץ פון דיא זעלבי (תקחו את תרומתי), דען דארטן ווערט ער געפונדן ניט אין אנדר ארט. נישט מער אן וואש ווייסן מיר דאש הקב"ה בגערט אן זיי אונ מאכט זיין וואונונג ביי אים, ווען מיר זעהן אז דער ווילן פון דעם זעלביגן מענשן זיינן מיט (שמחה וברצון לב) אונ זוכט נאך מיט זיין הארץ אונ ווילן נאך דעם, דען ווייסן מיר אז דא רואט דיא שכינה, דען מוז מן דען זעלביגן מענשן קויפן אונ פיר גוט געלט אונ אים נאך צו זוכן משתדל צו זיין נאך אים, אונ צו בהעפטן זיך מיט אים מער צו לערנן פון אים. דרום האבן גזאגט דיא קדמונים (וקנה לך חבר) מן מוז אים קויפן פיר גוט געלט. מוז מן אים קויפן זוכה צו זיין בשכינה, אזו מוז מן נאך יאגן נאך איין זכאי, אזו אויך דער זכאי מוז ווידר אויך נאך יאגן נאך איין רשע אונ אים צו קויפן (בשכר שלם) דש ער זאל פון אים מעביר זיין דיא אום פלוט אונ זאל מאכן די קליפות אונטר טאן. אונ ער זאל פר ריכטן אים צו מאכן איין נפש, דען עש איז פאר רעכנט ווען ער מייכט פר ריכט זיין נפש איז גלייך אז ער העט אים בשאפן, אונ דש איז זעלבר שבח דאש עש גייט אויף דורך אים דר (כבוד הקב"ה) איז מער אז איין אנדרר שבח, אונ דער (כבוד הקב"ה) גייט אויף דורך אים מער אז אלש. ווארום ווייל ער איז גורם אונטר טעניג צו מאכן דיא (צד הטומאה) אונ אויף צו ברענגן דען (כבוד הקב"ה), דרום טייטש בייא אהרן (ורבים השיב מעון) ער האט פיל ווידר קערט פון זינד אונ טייטש (בריתי היתה אתו): קום אונ זעה ווער דא אן נעמט אן האנט פון איין רשע אונ קערט אים אום צו גוטן איין מ' לאזן דיא בייזי וועג. דער גייט אויף אין דרייא מעלות דאש קיין מענשט איז ניט עולה גוועזן. ערשט ער איז גורם אונטר טעניג צו מאכן דיא (צד הטומאה) אונטר דר קדושה. אונ איז גורם דאש הקב"ה איז (עולה בכבודו), אונ איז גורם מקיים צו זיין דען גאנצן עולם איין קיום פון אובן אונ אונטן, אויף אזו איין מענשן שטיט (בריתי היתה אתו החיים והשלום) דער איז זוכה צו זעהן (בנים לבניו) ער איז זוכה (לעו"הז אונ איז זוכה לעו"הב), אלי (בעלי דינים) פון אובן קאנן אים ניט דן זיין (בעו"הז). אונ (לעו"הב) גייט ער איין אין דריי צעהן טויערין אונ קיינר איז ניט ווער אים זעלט ווערן בידו, אויף אום שטייט גשריבן (גבור בארץ יהיה זרעו דור ישרים יבורך וגו) כלומר דאש אלש איז דער זוכה ווער עש מאכט דען רשע דער לייכטן אויס זיין פינשטרניש: (תוספתא) (ויקחו לי תרומה) די מצוה איז צו לערנן אלי טאג דעם שורש פון דער (אמונה עליונה) צו וויסן די וועג פון הקב"ה, דען דר דא איז עוסק בתורה איז ער זוכה בעו"הז אונ איז זוכה לעו"הב אונ ווערט ניצול פר אלי בייזי מקטריגים. דען דיא תורה איז דר עיקר פון דער אמונה, ווער דא איז עוסק דרינן איז ער עוסק אין דער (אמונה ויחוד עליון), הקב"ה מאכט רוען זיין קדושה אין אים דש ניט ווערט אפ גטאן פון אים, ווער עש ווייסט

די (דברי תורה) דען קער אין נאך צו יאגן דער נאך, און צו לערנען די זעלביגע רייד פון אים מקיים צו זיין. (אחת כל איש אשר ידבנו לבו תקחו את תרומתי) דש איז די תורה פון דעם (ים החכמה), די תורה איז איין עץ חיים צו געבן איין לעבן צו אלי, ווער זיך שטארקט אין דער תורה דער שטארקט זיך אן (עץ חיים), ווי דר פסוק זאגט (עץ חיים היא למחזיקים בה) ער איז זוכה זיך אן צו בינדן אין דער (תורה עליונה) אין דעם עולם איז ער נית שטיל אויך לעוה"ב, אפי' בקבר טוען זיינע לעפצן וויבלן תורה ווי דר פסוק זאגט (דובב שפתי ישנים):

ואת התרומה איז דאך געלערנט געווארן דאש הקב"ה הט זיך אנטפלעקט (על הר סיני) און הט געגעבן צו ישראל די תורה אין לעהן (אמירות), איטליכר דיבור איז ווארן געמאכט איין קול און דאש קול הט זיך גיטיילן אויף זיבניג (קולות), און אלע האבן גילייכט און גיפינקלט צו די אויגן פון (כל ישראל) און זייא האבן געזעהן עין בעין דיא ליכט פון (כבוד עליון) ווי דער פסוק זאגט (וכל העם רואים את הקולות), זיי האבן געזעהן ממש, און דש קול האט התראה געטאן אן איטליכן בזונדר פון ישראל און הט צו אים געזאגט בישטו איך מקבל אויף דיר מיט וואש פיל (מצות התורה) דיא אין איר כללות זיינן און ער הט געזאגט יוא. דר נאך האט דאש קול ווידר חוזר געווען אויף זיין קאפף און הט זיך אום גדרייט אויף אים און האט אים התראה געטאן און האט געזאגט, בישטו איך מקבל אויף דיר מיט אזוא פיל שטראפן אין דער תורה, האט ער געזאגט אויך יוא. דער נאך וואר דאש קול ווידר חוזר און קושט אים אין מויל, וויא דער פסוק זאגט (ישקני מנשיקות פיהו) דען אלז וואש ישראל האבן געזעהן די זעלביגע לייט האבן זיי געזעהן דורך איין ליכט דש איז כולל אלע ליכט און זיי האבן געלושט דש צו זעהן. דען אינונד זאגט הקב"ה צו זיי דש ליכט דש איר הט געזעהן בסיני דאש דא איז מקבל אלע ליכט דש אייער חלק איז דער צו דאש זאלט איר מקבל זיין און נעמט זיך אייך, דרום זאגט ער (תקחו את תרומתי) (ווייטר זיינן גרושע סודות), קומן דיא חברייא און קושן אים אויף זיין קאפף און זיי קומן פר רבי שמעון, זיי זענן מסדר די רייד פר אים, ווייכט ר"ש און זאגט איך ווייש בוודאי דש דער (רוח הקודש) העליון טוט לייכטן אין אייך, וואל דעם דור דז דאש זעהט, דען עש ווערט שון נית זיין אזוא איין דור ביז דיא צייט דאש ווערט קומן דער מלך המשיח, דען די תורה ווערט ווידר זיך אום קערן אויף איר ארט. וואול צו דיא צדיקים בעוה"ז ובעוה"ב:

כתוב עש שטיט געשריבן (ויאמר אלהים יהי אור ויהי אור), זאגט רבי שמעון דאש ליכט הט הקב"ה פר בארגן צו דיא צדיקים לעוה"ב, וויא אן האט עש געזאגט דש שטיט (אור זרוע לצדיק) און דש ליכט הט נית בנוצט אויף דען עולם נייארט דען ערשטן טאג דער נאך איז ער פאר בארגן געווארן: זאגט רבי יהודה ווען נית וואר דש ליכט פר בארגן געווארן גאר אין גאנצן, וועלט דר עולם נית קענן שטיין אפילו איין רגע, אלא הקב"ה הט עש בהאלטן און ווערט געזייאט וויא אן זייאט איין זרע און עש מאכט פירות און דער פון בלייבט דער עולם אין זיין קיום, און איז קיין טאג נית פר האנדן דש נית זעלט פון דען ליכט ארויש גיין און איז איין קיום דר פון און דער פון שפייזט הקב"ה דען עולם, און אויף אלע ערטר וואו מען עוסק בתורה איז ביי נאכט גייט ארויש איין שנור פון דען ליכט און ווערט גלוגן אויף די דא זיינן עוסק בתורה דרום שטייט (יומם יצוה ה' חסדו ובלילה שירה עמו) ווי מען שוין הט דש געזאגט בגמרא, און דעם טאג אז דש (משכן) איז אויף גשטעלט געווארן און דא שטייט (ולא יכול משה לבוא אל אהל מועד כי שכן עליו הענן) דער וואלקן איז געווען פון דעם ערשטן ליכט דש איז ארויש געגאנגן אינונד מיט שמחה פון דער שכינה אז זיא ארייין געגאנגן איז אין (משכן) פון אונטן, און פון דעם טאג אז דאש ליכט איז בהאלטן געווארן אין ערשטן טאג איז נית (מגולה) געווארן, נייערט עש הט בדינט בעולם און איז (מחדש בכל יום מעשה בראשית):

רבי יוסי האט זיך גוויט אין דער תורה, ער וואר מיט (רבי יצחק ורבי חזקיה), זאגט (רבי יצחק) איך זעהן דאש דש (מעשה משכן) איז גלייך אז (מעשה בראשית און שמים וארץ) ווי די חכמים האבן שוין געזאגט דער פון, אבר אין די סודות דער פון צו וויסן זיינן ווייניג, עש קאן קיין מענש עסין דר פון און צו דער שטערקן זיין האנט אין זיין מויל דר פון איין צו שלינגן, כלומר דש ער זאלט רעכט פר שטיין ווי מען פילט איין טעם אין איין גוט עסין דאש עש וואל שמעקט און איז זאט דער פון, אזו אויך פר שטייט מען נית רעכט דיא סודות דש דר מענש זאלט זיין דער פון (בהנאה) פון דעם טעם: זאגט רבי יוסי רייד ברייכגט אויף צו דעם היילגן (ר' שמעון בן יוחאי) דר טוט רעכט אן גרייטן דיא געקעכן און מאכט זיא זיש גשמאק מיט דעם טעם וויא זי הט אן גברייט הקב"ה זייגע מדרגות, ער קאן אן רעכטן זעלבע געקעכן דאש טון קיין מענש נית דש איין אנדרר זאלט דארפן צו דער נאך זאלן דריין צו טאן, כלומר דאש אן בדארף ווייטר קיין טעם צו וואש ער מגלה איז מיט אלע (סודות וטעמים) און נאך מער פון זיין עסין וואש ער מאכט איין מענש עסין און טרינקן און צו דער פילן דעם פון אלע (תענוגים שבעולם) און לוזט נאך איבר. אן ווערט מקיים (ויתנו לפניהם ויאכלו ויותירו כדבר ה'):

פתח ער הייב אן (וה' נתן חכמה לשלמה כאשר דבר לו וגו') דעם פסוק הט מען שוין געלערנט אויף וויא ערטר. (נתן חכמה) ער גיבט אים גלייך אז איינר גיט איין מתנה זיין גוטן פריינד: (כאשר דבר לו) דש ער גיט אים דש גאנצע חכמה מיט עושר און (שלום ומלוכה) דיא זיינן כלל אין דער חכמה וואש הקב"ה אים הט געגעבן: (ויהי שלום בין חירם ובין שלמה), ווארום, דרום ווייל זיי זיך דורך אנאנדר אלז מגלה געווען אלע סודות, דאש אנדרע לייט נית פר שטאנן נאך גוואושט האבן וואש חירם מגלה געווען צו שלמה. דען הט שלמה געזעהן דש אפי' דור דאש איז מער שלום געווען ווידר אלע אנדרע דורות, איז דאך נית געווען דעם רצון פון הקב"ה דש דיא חכמה זאל אזו מגולה ווערן אין דר תורה דש איז געווען סתום פר הולן. אין ערשטן הט ער אין דער תורה געעפנט טירן

איט

מיט זיינע חכמה, און ווען גלייך ער הט יא וואש גיפֿינט זיינן זיי דאך פֿאר הוילן נאר צו דיזע חכמים די זוכה זיינען צו די (סודות התורה) צו וויסן זענען זיי מנהגם דרינען אז מיינער שטמאלט און קאן ניט רעדן זיין מויל עפֿנן. און דאש דור וואש ר"ט איז דרינען איז דער ווילן פֿון הקב"ה אז עש זאל אנטפלעקן פֿון וועגן ר"ט די (סודות התורה) דורך איהם. אבר איך טוא איך פֿאר וואונדרן אויף דיזע היינטיגע (חכמי הדור) אז זיי זאלן ניט רוען אפֿילו איין רגע עוסק בתורה צו זיין וויל נאך ר"ט צייט אויף דען עולם, ווי צו דען דור ווערט די (חכמת התורה) ניט פֿאר געסן פֿון עולם. ווי צו דען דור ווען ר"ט ווערט אוועק גייאן פֿון דעם עולם און די חכמים ווערן זיך מיען און די (סודות התורה) ווערט פֿאר געסן ווערן פֿון עולם: זאגט רבי יצחק וודאי איז עש אזו, דען איין טאג בין איך געגאנגן מיט איהם אונטר וועגן, הט ער נאר געעפֿנט זיין מויל און דער תורה האב איך געזעהן איין (עמוד ענן) איז געשטאנען פֿון אובן ביז אונטן, און איין גרויס ליכט הט געלייכט אין דען (עמוד ענן), האב איך איך זייער גפֿארכטן האב איך געזאגט וואו צו דען מענטשן דאש מז איהם אן געבריישט (כזה העולם) וואש שטייט ביים משה (וקמו כל העם והשתחוו מיט פתח אהלו) עש איז רעכט געוועזן צו משה דש ער איז געוועזן איין (נביא נאמן על כל בני עולם), און דש דור דש האבן מקבל געוועזן דיזע תורה אויף דען (הר סיני) און האבן געזעהן (כמה נסים און כמה גבורות במצרים) און אויף דען ים דאש עש זאל אזו זיין. אבר אלהינו בדור הזה איז דער (זכות עליון) פֿון רבי שמעון מוזה פֿיל גורם און טוט לאז ווערן געזעהן (נסים על ידו):

ותכלת זאגט רבי יצחק (תכלת) ווערט גפֿארבט פֿון דעם פֿיש דש ווערט געפֿונדן אין (ים כנרת) אין חלק פֿון זבולן, מען הט מוזן האבן די פֿארב ביי (מעשה משכן) דאש דער גישטאלט (תכלת) האט מוזן דרויף געזעהן ווערן: ער הייב אן און זאגט (ויאמר אלהים יהי רקיע וגו') דר איז בשאפֿן געווארן אן אנדרן טאג (צד השמאל) דאש איז מיט בשאפֿן געווארן דש גיהנם, און דרום שטייט ניט (ביום שני כי טוב) דער וויל דש איז בשאפֿן געווארן דער (מלאך המות) דער הייסט מושך דש ער מאכט די צייט פֿינצטר מיר פנים: און דו וויסט פֿרעגן עש שטייט דאך (וירא אלהים את כל אשר עשה והנה טוב מאוד) זאגן אונזרע חכמים דאש איז דער (מלאך המות) ער איז (טוב מאוד), און ווארום שטייט ניט (ביום שני כי טוב) פֿון זיינט וועגן, אלא די הייליקייט איז וודאי העכר (מלאך המות טוב מאוד), ווארום דרום איבר אינן זעהן דיזע (בני עולם) דש זיי ווערן שטארבן, און ווערן ווידר אום קערן דרום זינן פֿיל די זיינן (חוזר בתשובה) פֿאר דער מורא פֿון איהם און פֿארכטן זיך אויך חוטא צו זיין. פֿיל פֿארכטן זיך פֿאר דעם (מלך עליון) דרום וויל זיין רצועה הייגנט פֿאר זיי וואש ער שלאגט דער מיט, וויא גוט איז די רצועה צו די צייט אז איבר די רצועה זיינן זיי גוט און גייען אין רעכטן וועג וויא עש קער צו זיין, דרום שטייט (והנה טוב מאוד). אבר וואש מיר האבן געלערנט פֿון דעם הייליגן ליכט (רבי שמעון בן יוחאי, והנה טוב) דש איז דער (מלאך חיים). (מאוד) דש איז דער (מלאך המות) איז זייער גוט ווארום, אלא דש הקב"ה האט דען עולם בשאפֿן האט ער אלן פֿאר ריכט איידער אדם איז געקומן דער איז דער זאך פֿון דיזם עולם. אז ער איז ווארן בשאפֿן הט ער איהם געמאכט און מתקן געוועזן (בדרך אמת), וויא דער פסוק זאגט (אשר עשה האלהים את האדם ישר וגו') הט ער איהם געמאכט (ישר) רעכט, דער נאך הט ער חוטא געוועזן און איז פֿאר טריבן געווארן אויס דעם גן עדן. איין גן עדן האט הקב"ה געפֿלאנצט אונטן ווי דר פסוק זאגט (ויטע ה' אלהים גן בעדן מקדם) אין געשטאלט פֿון דעם גן עדן פֿון אובן, און אלע געשטאלט (וציורים פֿון גן עדן) פֿון אובן זענן געווינבט און געמאלט אין גן עדן פֿון אונטן, און אלע צורות און אלע געשטאלט די דא זיינן אויף דעם עולם די זיינן אלע געמאלט און געקריצט דארטן, און דש ארט איז איין וואונג צו די (רוחות הקדושים) עש זיי די שוין זיינן געקומן אויף דעם עולם אדר דיזע נאך ניט זיינן בעולם, און דיזע דא אין געבריישט זיינן צו קומן אויף דעם עולם קליידן זיך דארטן אן אלע רוחות אין זעלבע קליידר און גופות און געשטאלטן גלייך ווי דעם געשטאלט וויא זיא זיינן אויף דעם עולם. און זיינן דארטן משתכל און זעהן אין דעם ליכטן ליכט פֿון אירן הערן ביז זיי קומען אויף דעם עולם אין דעם גוף (ולבוש החומר מטיפה סרוחה), דען צייגן זיי זיך אויס פֿון יענם לבוש וואש זיי האבן דארטן, און קליידן זיך אן אין דעם גוף אריין, ווען די צייט קומט אוועק צו גיין פֿון דעם עולם גייט ער ניט ארויס ביז דער (מלאך המות) קומט און ניט דען רוח אויס דען (לבוש הגוף) פֿון דען עולם, דא גייט דער רוח ווידר אין ג"ע און איז זיך מתלבש און טוט זיך אן דעם גוף אין גן עדן דר איז רוחני וואש ער הט דער פֿיר אן געהאט אין גן עדן איידער ער איז אויף דעם עולם געקומן, און איז קיין גרעסרע שמחה און פֿרייד ניט צו דעם רוח אז זיא איז זיך ווידר מתלבש אין יענם גוף ווש אין גן עדן, און איז זיך משמח אז זי הט אויס געצויגן פֿון זיך דעם גוף פֿון דעם (עולם החומר וגשמי), און אין יענם גוף פֿון ג"ע זיצט זיא אין ג"ע און גייט און זעהט און ווייסט דורך דעם (גוף סודות עליונות), און דורך דעם גוף הט דער רוח ווי פֿיל תענוגים, ווער איז דש גורם צו דעם רוח דש זי מילונד די (תענוגים און דען גרויסן בגריף) האט, דש איז דער (מלאך המות) דער זי הט אויס געצויגן פֿון דעם (גוף עוה"ז), און הקב"ה טוט איין גרויסע טובה מיט זיינע (בריות) דש ער בשאפֿט איר איין קלייד איידער זי אויס ציט זיך פֿון דעם (לבוש עוה"ז) און בקומט איין בעסרן, חוץ די רשעים די ניט האבן (חוזר בתשובה געוועזן) געוועזן צו אירן הערן דש זיי קומן נאקיט אן (לבוש בעוה"ז) און גייען ווידר נאקיט אוועק פֿון דעם עולם מיט חרפה און בושה צו איר גלייכן די אנדרי דש אויך קיין לבוש האבן און ווערן נידון אין גיהנם וואש דא איז אויף די ערד מיט דעם פֿייער פֿון אובן, איין טייל פֿון זיא זיינן מלפֿלף און טרייבן און גייען אויף דש זיינן די רשעים די דא האבן געטראכט תשובה צו טאן און האבן ניט געקענט די איז מען דן אין גיהנם און דער נאך טרייבן זי און גייען אויף. קום און זעה (כמה רחמנות און רחמים) וואש הקב"ה טוט מיט זייני בריות אפֿילו ווען ער איז איין גרויסר רשע נאר ווען ער הט נאר געטראכט תשובה צו טאן און הט ניט געקענט און איז געשטארבן, געוויס איז ער מקבל זיין שטראף וויל ער

איז

איז אוועק געגאנגען פון עולם אן תשובה, אונ דער נאך דיא מחשבה דש ער הט געטראכט צו תשובה איז ניט אז געטאן פאר דעם (מלך עליון) אונ הקב"ה הט אים אן געבריט איין ארט אין דער וואונונג (שאול) פון גיהנם אונ דארט איז ער (אלפני תשובה) אונ די (מחשבה טובה) די איז ביי אים געוועזן אונ איז ארויף געגאנגען פאר הקב"ה די נידרט אראפ אונ צו ברעכט אלע די כוחות פון דיא טויערן פון גיהנם ביז זי קומט אויף דעם ארט וואו דר רשע דארטן איז אין גיהנם, אונ דר וועקט אים די מחשבה ווי פאר דען איז ער (אלפני ועולה) אונ גייט ארויס דעם וואונונג פון גיהנם וואס דא הייסט שאול, דען עס איז קיין גוטע מחשבה פאר לארן ביי דעם מענשן דש פאר לארן ווערט פאר הקב"ה, דרום וואו דעם מענשן דער דא טראכט גוטע מחשבות פאר הקב"ה, ווען גלייך די (מחשבה טובה) קאן אים ניט פארט גיין צו טאן, פאר רעכנט אים הקב"ה גלייך אז ער האט זי (מוציא לפועל) געוועזן; אבר איין שלעכטי מחשבה איז הקב"ה ניט (מצרף למעשה) נאר אויט גלאזן ביי ע"ז, ווי די חכמים האבן שוין געזאגט אין דר גמרא, אונ די ניט האבן געטראכט תשובה צו טאן די נידרן אין שאול אונ גייען ניט ארויף אויף דור דורות, אויף זיי שטייט (כלה ענן וילך כן יורד שאול לא יעלה), אונ אויף די וואס אובן שטייען די וואס האבן יא געטראכט תשובה צו טאן שטייט (ה' ממית ומחיה מוריד שאול ויעל):

רבי יהודה זאגט דער דין פון דעם שטראף פון גיהנם האבן מיר געלערנט דש ווען איז דן דיא רשעים אויף וואס איז אן זיי דן אין פייער פון גיהנם, אלא דש גיהנם איז אזו איין פייער וואס ברענט טאג אונ נאכט, אזו וואו אז דיא רשעים דער וואראמען זיך מיט דעם פייער פון יצ"הר עובר צו זיין אויף דיא תורה, מיטלבן מיאוס אז זייא זיך דער היצן מיט דעם יצ"הר אזו דער היצן זיי דאס פייער אין גיהנם, איין מאל דש מען האט זאגן דער יצ"הר ממית זיין, דא האבן זייא אים איין געבראכט אין (נוקבא דתהום רבא) אונ האבן אים פאר חתמנט מיט איין אייזערני זיגל די זעלביגע צייט איז פאר לאשן געוועזן דאס פייער פון גיהנם ווייל קיין יצ"הר איז ניט געוועזן בעולם אונ האט גאר ניט געברענט, אז דער יצהר איז ווידר ארויס געקומן בעולם האבן זיך די רשעים אן געהויבן צו דער ווארעמן אין פייער פון יצ"הר, דא הט ווידר אן געהויבן דש פייער פון גיהנם צו ברענען, דען דש גיהנם ברענט נאר פון דעם דער ווארעמען פון רשעים מיט דעם יצ"הר, דרום ווערט דש פייער פון גיהנם ניט פאר לאשן טאג אונ נאכט, עס זייכען זיבן (מדורי גיהנם אונ זיבן נעמען פון יצ"הר) (אבואר לקמן בפרשת קרח):

וְאֵת הַמִּשְׁכָּן תַּעֲשֶׂה עֶשֶׂר יְרִיעוֹת ר' יהודה הויב אן (ברוב עם הדרת מלך) דש זיינען דיא ישראל דש ביי זיי שטייט (כי עם קדוש אתה לה' אלהיך) אונ זיי זיינען איין פאלק דש זיי ווערן ווי פיל טויזנט אונ רבבות, אונ דש איז דער כבוד הקב"ה, דען דיא (עליונים ותחתונים) זיי לובן דעם נאמן פון דעם (מלך עליון) פון וועגן דעם הייליגן פאלק, אז דער פסוק זאגט (רק עם חכם ונבון הגוי הגדול הזה), אוב דוא ווילסט זאגן עס שטייט דאך (כי אתם המעט מכל העמים), דש איז געוויס זיי זענען ווייניגר ווערדר אלע אומות, אבר זיי זיינען מער ווערדר איין אומה איז, דען עס איז קיין אומה בעולם וויא פיל אונ וויא גרויס ווי ישראל זיינען, אוב דו ווילסט פרעגן זיינען דאך (בני ישמעאל ובני אדום) זייער פיל, געוויס איז עס אזו, אבר די זיינען פאר מישט איינר מיט דעם אנדרן די קינדר מיט זיי אבר דיא ישראל זיינען ניט פאר מישט מיט איין אנדר פאלק נאר איין (עם בחור עם אחד) זיינען ניט פאר מישט מיט אנדרע אומות, אז דער פסוק זאגט (כי עם קדוש אתה לה' אלהיך ובך בחר ה') דרום שטייט (ברוב עם הדרת מלך) זיי זיינען די שיינהייט פון דעם (מלך עליון הקב"ה), נאך מער ווען הקב"ה קומט אין שול דאס איז איין מקדש אונ אלי פאלק קומן מיט איין מאל מתפלל צו זיין אונ זיי לובן אונ דאנקן צו הקב"ה, דען איז עס איין שיינהייט צום מלך דש ער איז אן געבריט מיט שיינהייט אין זיין (תיקון עולה) צו זיין: (ובאפס לאום מחיתת רזון) ווען הקב"ה פאדרט זיך אין שול אונ דאס פאלק קומט אים לא לובן, דען זיינען צו ברעכן אלע דש געוועלטיקייט פון אובן פון איר מיצה, אונ אלע מלאכים וחיילות עליונים דיא דא זיינען געוועזן מתוקן בתיקון המלך: (מאי טעם) דרום בשעה אז די ישראל זיינען מסדר אונטן אירי (תפלות ובקשות צו דעם מלך עליון) דא זיינען אלי חיילות מעליונים מסדר אירע שבחות מתקן צו זיין דעם (תיקון הקודש) מיט אירי תקונים פון אובן, דען דיא חיילות עליונים זיין חברים צו דיא ישראל צו לובן צו הקב"ה מיט איין מאל אויף צו ברענגן דעם כבוד הקב"ה אובן אונ אונטן מיט איין מאל, אונ ווען זיך די עליונים אן ברייטן צו זיין חברים מיט ישראל אונ ישראל קומן ניט אין שול מסדר צו זיין אירע תפלות ובקשות אונ צו לובן צום מלך עליון, דען ווערט צו ברעכן דש געוועלטיקייט פון דיא הייליגע קדושים עליונים פון אירן תיקון, דען זיי קאנן ניט אויף גיין מיט אירע תיקונים ווי עס קער צו זיין: דען דער שבח הקב"ה קער צו זיין דיא (עליונים ותחתונים) מיט איין מאל בשעה אחת: דרום שטיט ניט מחתת מלך נייערט מחתת רזון, דש זיינען די (מושלים ושרים עליונים) דש זיי מערן מפילו עס זיינען ניט פיל אין שול נייערט צעהן דא זיינען דיא חיילות עליונים ברייטן זיך אן צו זיין חברים מיט זיי, (מאי טעמא) דען אלע דער תקון פון אובן איז אלן מיט צעהן. דרום ווען ניט קענן זיין מער אז צעהן איז גינוג מיט צעהן: דרום שטייט אויך ביים משכן (ואת המשכן תעשה עשר יריעות):

וְעָשִׂיתָ אֶת הַקְּרָשִׁים לַמִּשְׁכָּן עֲצֵי שִׁטִּים עֹמְדִים אלן וויא עס איז (ממעלה שרפים עומדים ממעל לו שש כנפים), דען דש משה משכן מיט די ברעטר איז אלן געווען אין גשטאלט אובן, דרום ווי ביי זיי שטיט (עומדים) אזו שטיט דא עומדים: אויב דו ווילסט זאגן אלע מלאכים וחיילות פון אובן אוון שטיין, וויא דער פסוק זאגט (ונתתי לך מהלכים בין העומדים האלה) דען זיי האבן קיין קפיצה אונ קיין געניק, עס איז אזו זיי הייסן אפט (שרפים), אונ אפט איין אנדרן נאמן, אבר אלע אוון שטיין: דער פסוק זאגט (מזמור לדוד ה' רועי לא אחסר) איר האבן דאך געלערנט, וואו עס שטייט (מזמור) אונ דער נאך (לדוד) דא איז די שכינה פאר בייא אים געקומן, אונ וואו עס שטייט (לדוד מזמור) הט ער

פאר

פֿאר גיזונגן אונ דער נאך הט די שכינה אויף אים גרוהט, נאך וואָרום הט די שכינה דא פֿר זיך מקדים גוועזן, דרום ווייל דער מזמור רעדט פֿון מזונות. אונ אלע מזונות נידערן דורך איר צולם, דרום הט זיא זיך מקדים גוועזן. זאגט (דוד ה׳ רועי לא אחסר) אזו ווי איין פאסטוך דר דא פֿירט זיין שאף וואו גראז אונ גוטע קרייטך איז, אזו איז הקב״ה איין שפייזר: (דבר אחר ה׳ רועי לא אחסר) מיר האבן געלערנט עס איז שווער דעם מענטשנס שפייז פֿאר הקב״ה ווי (קריעת ים סוף): אין דעם זיינן צוויי פרושים אונ אלע ביידע זיינן אמת: מיינט ווייל הקב״ה אלץ זיינע מעשים זיינן (בדין ואמת וצדק) אונ (בדין צדק) שטייט דער עולם, אונ אלי טאג אונ אלי צייט איז ער דן די גאנצי וועלט צו צדיקים אונ צו רשעים אונ צו אלע וואס אויף דער וועלט, אז דער פסוק זאגט (כי צדיק ה׳ צדקות אהב). אונ אז ער דן איז די מענטשן אונ זעהט ווי פֿיל רשעים אונ זינדיגי אויף דער וועלט, דען איז שווער פֿאר אים צו געבן צו זיי שפייז אלע צייט, דען ער שפייזט אויך די רשעים וחטאים אונ הקב״ה טוט לפנים משורת הדין אונ שפייזט זיי בחסד עליון דורך דעם חסד דאס ליהט זיך (לצדיקים וחסידים ולכל באי עולם) אונ אלע חיות אין וואלד (ובהמות ועופות מקרני ראם ועד ביצי כנים). איז קיין בריה דס גרעסטע אונ דאס קלענסטע דס ער ניט שפייזט אלע, עס איז קשה פֿאר הקב״ה צו געבן זיי זייערע מעשים נאך, אז ביי קריעת ים סוף איז קשה, איז דען זיא איין גרויסע זאך גוועזן ביים הקב״ה דס ים צו שפאלטן עס שטייט דאך (הגוער בים ויבשהו, הקורא למי הים וישפכם על פני כל הארץ) ווען נאר עס גייט אויף איין (מחשבה) פֿאר הקב״ה איז דיא גאנצע וועלט ניט גרעכנט, אין איין רגע קאן ער אלן חרוב מאכן ווי זאגסטו קשה לפניו. איז משמע עס וואר פֿאר הקב״ה איין זאך שווער צו טאן ח״ו. אלא בשעה דס הקב״ה הט זעלן שפאלטן דס ים צו ישראל איז גקומן (רהב) דר שר פֿון מצרים: אונ האט בגערט איין דין פֿון הקב״ה, ער זאגט (רבש״ע) וואָרום ווילשטו טאן דין אן מצרים אונ צו ישראל ווילשטו שפאלטן דס ים דורך צו גיין, זיינן דאך אלץ גלייך חייבים פֿאר דיר, אונ דיינע ווערק זיינן מיטן דין אונ אמת, די זיינן (עובדי ע״ז) אונ די זיינן (עובדי ע״ז), די זיינן בגילוי עריות אונ די זיינן בגילוי עריות, די זיינען שופכי דמים אונ די זיינן שופכי דמים. באלא שעה איז שווער גוועזן פֿאר הקב״ה צו טאן ווידער דעם דין צו שפאלטן פֿאר זייא דס ים, ווען ניט ווער דאס הקב״ה האט גזעהן דעם זכות פֿון אברהם דעם חסיד אזו ווערן אלי פֿאר לארין גיוואָרן אין ים, דען די גאנצע נאכט איז הקב״ה גוועזן בדין אויף ישראל. דען מיר האבן געלערנט וואס מיינט דער פסוק (ולא קרב זה אל זה כל הלילה) פֿון מלאכים לערנן מיר דס אין דער נאכט זיינן גיקומן די מלאכים אונ האבן וועלן שירה זאגן פֿאר הקב״ה, האט הקב״ה גזאגט (מעשי ידי) זאלן דערטרינקן אין ים אונ איר ווילט פֿאר מיר שירה זאגן, מיר (ולא קרב זה אל זה כל הלילה) עס שטייט (ויהי באשמורת הבוקר), הקב״ה האט גילוגט (בזכות אברהם) דער זיך האט גיפֿעדערט צו טאן דעם ווילן פֿון הקב״ה וויא עס שטייט (וישכם אברהם בבוקר), דען וואָרן דיא וואסער אוועק גילאפֿן פֿאר די ישראל, דרום שטייט (וישב הים לפנות בוקר לאיתנו) איז אותיות (לתנאו) דאס הקב״ה האט איין תנאי גיהאט מיט דעם ים פֿון ששת ימי בראשית. (לאיתנו, בזכות אברהם) דער הייסט (איתן האזרחי). דען וואר דס ים גישפאלטן. (ויהם את מחנה מצרים) דרום איז קשה פֿאר הקב״ה די מזונות צו טאן ווידר דעם דין דס דער דין ניט גיט צו שפייזן רשעים וחוטאים, גלייך עס איז גוועזן (בקריעת ים סוף) דאס דער דין האט ניט געגעבן דאס ים זאל זיך שפאלטן פֿאר ישראל ווייל זיא האבן אויך גיזינדיגט. דעסט גלייכן האבן מיר געלערנט קשה זיווגין. פֿאר הקב״ה איז קשה מזווג צו זיין זכר ונקיבה אז קריעת ים סוף, וויא קריעת ים סוף האט ער משנה גוועזן אין דר זייט די מצרים, אונ אין דער זייט דיא ישראל האט ער מקיים גאוועזן; אונ אזו אויך ביים זיווגים שטייט געשריבן (מוציא אסירים בכושרות) האבן מיר געלערנט (בכי ושירות) איז צווימארלייא וויינן אונ גיזאנג, דער מוז שטארבן אונ ער גיט זיין ווייב צו איין אנדרן. מאנכר איז איין רשע אונ איז אים אן גיברייט איין גוטע אשה, אונ עס איז בדין, אבר עס זיינן גרוסע (סודות ורזין סתומין) אויף אלים. ער זאגט ווייטר זיינן גרוסע סודות, ביז רועי לא אחסר וואס ער האט אובן אן גיהויבן. ווען דיא מזונות פֿון אובן נידערן אראפ זאגן די מלאכים שירה, די מחנה זאגט קדוש אונ רופֿן צו דיא אנדרע אונ זאגן קדוש, אזו אויך דיא דריטע ביז מיט איין מאל (ק׳ ק׳ ק׳ יי צבאות מלא כל הארץ כבודו). אונ אלי זיינן גפֿלאכטן אונ בהעפֿט איינר מיט דעם אנדרן, דרום שטייט דעסט גלייכן ביים די קרשים די זיינן קעגן דיא מלאכים (משולבות אשה אל אחותה כן תעשה לכל קרשי המשכן), אזו וויא זיי אובן שטייען גלייך אונ ניט גיבויגן, אזו אויך (קרשי המשכן עומדים), אונ זיינן גוועזן (שתי ידות לקרש האחד) איטלעכר איז כולל גיוועזן פֿון זיינם אונ דעם חבר, אזו אויך די תורה (כי טוב סחרה מסחר כסף ומחרוץ תבואתה) דער לערנט מיט דעם אונ דער מיט דעם, דא ווערן זיא בהעפֿט אונ גיפֿלאכטן איינר מיט דעם אנדרן דער האט זיין תורה, אונ וואס ער האט גילערנט פֿון חבר דעסט גלייכן דער חבר אויך אזו. דס איז בקיצור גשריבן אויס די סודות:

וְעָשִׂיתָ קַרְסֵי נְחֹשֶׁת חֲמִשִּׁים. רבי אלעזר ור׳ אבא זיינן גיזעסן,

איין נאכט אז עס איז אובנט גיוואָרן זיינן זיא אריין גגאנגן אין איין גארטן [בים של טבריה], אין דעם האבן זיי גזעהן צווייא שטערן די גייען איינר פֿון דיא זייט אונ איינר פֿון די זייט. אונ האבן זיך בגעגנט אונ זיין פֿר בארגן גוואָרן. זאגט רבי אבא וויא גרויס זיינן [מעשה הקב״ה בשמים ממעל ועל הארץ מתחת] ווער קאן ווייסן וואס דאס בטייט. זאגט רבי אלעזר איך האב זיא דאך יוא גזעהן אונ האב משגיח דרויף גיוועזן אונ האב איין גיזעהן אין וויא פֿיל אנדרי מעשים דאס הקב״ה טוט תמיד. פתח ער הייב אן (גדול אדונינו ורב כח) ווייס מען דען ניט דס הקב״ה איז (גדול ורב עליון) וואס האט דוד פֿר איין שבח גזאגט דער מיט וואס שטייט דר פֿיר (מונה מספר לכוכבים לכולם שמות יקרא). ווען זייא זעלטן זיך איין זאמלן אלע מענשן פֿון דער וועלט זינט (אדם הראשון) איז בשאפֿן גוואָרן צו ציילן דיא שטערן קענן זייא ניט דער ציילן, וויא דער פסוק זאגט (וספור את הכוכבים אם תוכל לספור אותם), אונ ביים הקב״ה שטייט (מונה מספר לכוכבים לכולם שמות יקרא) דרום ווייל ער איז גדול ורב כח

אונ

אונ אזו וואז אז קיינר קען ניט מעה ציילן דיא שטערן נייערט ער אליין, אזו שטייט ביים איוב (ותבונתו אין מספר). קומט אונ זעה עס שטייט (המוציא במספר צבאם לכולם בשם יקרא)· אלע די שירות ותשבחות אונ שטערן לויבט הקב"ה אויס צו איטליכן אין זיין נאמן, אונ ווערט אפילו איינר ניט געברעכט פון שטערן ומזלות פון די היאל ווערן גיזעצט הערן ופקידים שרים די זאלן בדינן דעם עולם איטליכר וויא זיין כח אונ איז ראוי איז, אונ איז ניט קיין גראז אין דער וועלט פר האנדן דס ניט זאלט דרויף גוועלטיגן איין שטערן אונ מזל אין היאל, אונ אויף איטליכן שטערן וואל איז איין שר ממונה דער דא בדינט פר הקב"ה איטליכר וויא איס איז ראוי אלי שטערן אין היאל בדינן אויף דעם עולם, עס שפראצט אונ וואקסט קיין גראז אונ בויאר אונ קרייטכר ניט גיבר נאר מיט דעם אז זעהן פון דעם שטערן וואס דריבר שטיט אונ ווערט גיזעהן דרויף (פנים אל פנים) צו איטליכן גראז וויא איס ראוי איז: וויא זיין כח אובן איז אזו האט עס אונטן איין סגולה אונ רפואה צו אלע זאכן. דיא גרויסע וואונדר פון דיא חיילות שטערן ומזלות די גייען אלע אויס אין אן פאנג נאכט ביז דריי שעה איינער אין פירטל, דער נאך גייען זייא ניט אויס, נייערט דיא קליינע אונ זייא אלע ווערן ניט גזעהן אום זונסט, עס זיינן איין טייל שטערן די בדינן איין גאנצי נאכט צו מאכן שפראצן אונ צו מאכן וואקסן אויף וואס זייא זייכן גזעצט, עס זייכן איין טייל שטערן דיא דא בדינן ביז האלבע נאכט, זיי מאכן שפראצן אונ מאכן וואקסן אויף וואס זיי זייכן גזעצט פון אן פאנג נאכט ביז די שעה, עס זייכן שטערן די נאר בדינן ווייניג פון דער נאכט· אז זיך נאר דער שטערן זעהט מיט זיין גראז אויר דשא אויף וואס ער איז גזעצט, באלד איז זיין דינסט אויס וואס ער איז ממונה אונ ברויך ניט מער צו זיין ביים נאכט, דען זיי שטייען ניט לער. אז זייא אויס האבן געטאן איר דינסט פון הקב"ה אזו גייען זייא איין אין זייער ארט. (בספר החכמה העליונה) פון די בני קדם זאגן זיי אויף די שטערן פון די (כוכבי שרביטא) וואס דא שטייט וויא איין רוט אין דעם היאל, דס דער פון וואקסן די גראז פון דער ערד די הייסן (סמי חיים), דער פון זייכן אויך אין דער ערד דיא (אבנים טובות). אונ (זהב שחוט) גילייגן גאלד דס זיא וואקסן אין די הויכע בערג דאס ווייניג וואסר טוט זיא בדעקן, אונ אויף דיא אלע גוועלטיגט דיא שטערן פון (שרביטא), אונ דיא זייכן זייא מגדל, אונ איר תקון אונ איר גידול איז נאר פון דעם גיזיכט אונ דאס ליכט דאס פון זייא דרויף שייכט פון דיא שטערן (שרביטא), פון דען ווערן זייא פאר ריכט אונ וואקסן דער פון, עס איז פאר האנדן איין קרייניק ביים די לייט איז אז ווי איין (חולי ירקון) געל זוכט ב"א אז קטטירון, איז איר רפואה דס דר חולי אזו זעהן אין דער מראה פון פיין שטאל לויטר וואס דא פינקלט, אונ ווערט ניט גישטילט דער מיט ביז דס איבר פארט די מראה אין דער זייט אונ אין דער זייט, אזו וואל אז דער (שרביט) אין היאל דאס גרייכט דאס פינקליג דער פון אז איין בליק אין פנים, אונ מיט דען זעלביגן גרייכן דס פינקלונג צו די עינים קומט איס די רפואה, אזו אויך אלע די דא גוועלטיגן אויף זייא דיא שטערן דיא האבן קיין תיקון אונ קיין גידול ניט נאר מיט דעם גרייכן דאס פינקלונג אונ זעהן פון דעם שטערן (שרביט), דען דאס גלייכן האט מראה גוועזן (שלשה האלך) מיט זיין מראה פון דיא (אבנים טובות) ווען עס מעכט חסר ווערן, פון זייא דאס ליכט פון דען פינקלען אונ פלאמונג פון די גיוויסע שטערן דא זייא וואוכס זייען דרויף, דא מעכטן זיי זיך ניט קאנן פאר ריכטן אונ ניט וואקסן בעולם, אונ אלז האט הקב"ה מתקן גיוועזן פון דעם עולם וועגן, וויא עס שטייט (והאיר על הארץ) צו וואס מען בדארף אויף דעם עולם מתקן צו זיין: עס שטייט (ועשית קרשי נחושת שטים) אונ שטייט (ועשית שטים קרשי זהב) אונ איר האבן גילערנט ווער דא ניט האט גזעהן די קרשים אין משכן דער האט ניט גזעהן די שטערן אין היאל, דען זיי זייכן גוועזן ממש אז דיא שטערן, ווער דא האט דריין גזעהן מיינט עס זייכן שטערן אין היאל די דא אויס גייען פון דעם היאל, דאס אלע שטערן זייכן דארט בהעפט, פון דעם היאל זייכען הונדרט פענסטר אפין, איין טייל זייכען צו מזרח איין טייל זייכן צו דרום, אונ אין איטליכר פענסטר איז איין שטערן אונ ווען דיא זון גייט דורך די פענסטר, דא פינקלט זיא מיט לייכטונג. אונ דיא שטערן גייען צו לייכטן פון דעם לייכטונג דער זון, עס ווערן גיפארבט איין טייל פארב רוט ווי קופפער, איין טייל אז גאלד פארב. ווייטר שטייט (בפרשת דברים):

רבי שמעון זאגט (ולא אָמַר אַיֵּה אֱלוֹהַ עוֹשָׂי נוֹתֵן זְמִירוֹת בַּלָּיְלָה)

דען דיא כנסת ישראל שוען אלע מאל לויבן צו דעם מלך (שהשלום שלו) וויא איין ליכט דאס ניט שטילט, אזו אויך טוט זיא לויבן תמיד מקבל צו זיין דס ליכט (שמחת עליון) אלע שטערן די לייכטן ביים נאכט דיא זאגן אלע שירה, אונ זייא זינגן אונ לויבן צו הקב"ה אזו לאנג אז זייא ווערן גיזעהן אין היאל, דען די מלאכים זאגן שירה אין דריי משמרות פון דר נאכט, אז נאכט ווערט דען פאר שפרייטן זיך בעולם אלע רוחות רעות אונ קליפות די זיך פר שפרייטן אין דער גאנצר וועלט, אונ אז זייא זיך דר וועקן דען שלאפן די לייט אונ פילן איין זעכליג טעם פון טויט, אונ אז דיא (שטים רבוא מלאכים) ווילן שירה זאגן אובן, דא קאנן זייא ניט ביז זייא אפ טיירן פון זיך די קליפות אונטן פר שפרייטן זיך. דורך דעם אז די שטים רבוא מלאכים ווארפן איין שלאף אויף דיא לייט אונ זייכן דיא קליפות שולט אויף דיא לייט דען ווערן זיי שמח פון זייא, נאר אויס גינומן אין א"י דאס זייא האבן דארט קיין שליטה, נאך דעם אז די מלאכים אפ שיירן דיא רוחות רעות צו גוועלטיגן אונטן, דען זאגן זיי שירה אונ לובן פר הקב"ה· אזו אויך ישראל אונטן קאנן זיך ניט בהעפטן צו הקב"ה ביז זייא אוון פאר דיא טומאה אוועק שיקן אונ געבן איס זיין חלק וויא אן י"כ דער שעיר לעזאזל אונ אנדרע זאכן דעסט גלייכן, דען בהעפטן זייא זיך אן הקב"ה וויא אובן· דען הקב"ה האט גימאכט אום דיא קדושה איר שליטה וויא איין מלך דער לייגט איין שלאנג אין איין קאסטין מיט (אבנים טובות) דס קיינר זאל דער צו קענן קומן, איין גוטר פריינד פון מלך זאגט דער מלך צו איס, ווען דו ווילסט גיין איבר איין אוצר טוא דיא שלאנג אוועק אונ אוועק דען קאנסטו דוא זיא אוועק טאן קאנסטו דוא ממש זיין מיט איין אוצר, אזו אויך הקב"ה צו ישראל אונ ווען דיא מלאכים ווילן זיך בהעפטן (בקדושה) קענן זייא ניט איבר די קליפות ביז זייא שטויסן זיא אוועק דערויטן, אוב דו ווילסט פרעגן עס זייכן

דאך

נאך די מלאכים מיטן פייער איז דאך ניט אקעגן טומאה, קומט אונז זעהט עס שטייט (עושה מלאכיו רוחות) די מלאכים וואס דערווייטן זיינען, (משרתיו אש) די דריטע זיינען, די דערווייטן זיינען רוח, און די קליפות אויך רוח הטומאה דא קענען ווייל זיך ניט פאר אייטן אנאנדער: דרום שטעהען ווייל אקעגן די טומאה דס איז אלץ בקיצור געשריבן:

פתח ער הייב אן הללויה אודה ה' בכל לבב בסוד ישרים ועדה האבן דאך די מלאכים געזאגט, דס (דוד המלך) האט געזאגט אין תהלים מיט צוועהן (אילי טבח) און איבער אלעם איז (הללויה) העכער איז פון דעם (טם וטבח) מיט אנאנדער (אודה ה' בכל לבב) מיט צוויי הערצער דס איז דער יצ"ט און יצ"הר דען פון דען יצ"ט קומט דעם מענטשן גוטס קען ער צו בענטשן דרוך (הטוב והמטיב), און פון דעם יצ"הר קומט ביז דעם מענטשן און קיטרוג קען דער מענטש צו לויבן (ברוך דיין אמת על הרעה) אזוי ווי (על הטובה). (בסוד ישרים ועדה) דאס זיינען די ישראל די דא ווייסן די רזין וסודות פון הקב"ה, און פארזאמלען זיך איין עדה צוזאמען צו לויבן הקב"ה, דרום זאגט ער (בסוד ישרים ועדה). דרום קען איינער צו לויבן הקב"ה אויף גוטס און שלעכטס און קען אויך מפרסם צו זיין, אויב דוא ווילסט זאגן הקב"ה ווייסט דאך אלץ וואס בהאלטן איז מפרסם צו זיין, אלא מיט דעם ווערט געהערט הקב"ה זיין כבוד בעולם מפרסם צו זיין איין נס, דרום שטייט ביים הקב"ה (והתגדלתי והתקדשתי ונודעתי לעיני גוים רבים וידעו כי אני ה'): זאגט רבי יצחק פאר לייטן האט איין מענטש געדעט צו זיין חבר זאג מיר איין ווארט (דברי תורה) און נעם צו אן איין פונט זילבער, און הייסט זאגט איין מענטש צו זיין חבר נעם איין פונט זילבער און צו לערנן תורה, איז קיינער דא דער זיך זאגט קערן און זיין אויערן נייגן צו הערן, און אויס געוואונען די נעבעכיגע ווינקל (קדושים עליונים) דאס הקב"ה רימט זיך מיט זייא, אזוי דער פסוק זאגט (ועמך כולם צדיקים לעולם ירשו ארץ נצר מטעי מעשה ידי להתפאר):

פרשה תצוה.

ואתה הקרב אליך זאגט ר' טאנון עס איז כאטש איין (קריבה) ווער דא ווייסט צו מייחד זיין דעם (יחוד השם) און צו דינען זיינעם הערן: דען בזמן דאס דיא קרבנות זיינען געווען האט דער כהן געמאכט איין יחוד אין אלע וועלטן, דרום שטייט דא (ואתה הקרב אליך את אהרן) דס ער האט מייחד יחודים געמאכט אין אלע וועלטן, און אלץ איז דער זייגט געווארן אפילו דיא קליפות האבן אויך הנאה געהאט אין דיא קרבנות; און מיט דעם אז זייא האבן אויך בקוואן איר חלק האבן ווייל זיך אפ געטאן פון דען (אור הקדושה) און זא איז דער זייגט געווארן. און דרום אז ישראל זיינען אויס מצרים גאנגען איז איר זייגט ניט רעכט דא זייגט געווען, ביז הקב"ה האט דעם שטן זיין חלק געגעבן, אז איוב זאל יסורים האבן און ווייל דער שטן האט זיך מיט אים אתעסק געווען איז די טומאה אפ געטאן געווארן פון זייא און ישראל זיינען ריין געווארן פון דער טומאה מיט דעם קרבן פסח. דרום שטייט (פסח ה' אלהיך), און דרום האבן זייא עס וואן עסין בחפזון אייליגדיג דאס דער שטן זאל ניט מקטרג זיין אויף זייא. און האט דער יצר בקוואן איוב אין זיין הנאה, דעסט אז האבן זייא זיך ערשט מעכט בהבפט אן הקב"ה, און אז דער שטן האט זיין חלק גענומען האט ער זיך אפ געטאן פון זייא, ווארן צו די דא רעכטע ישן איחד צו זיין דעם יחוד פון הקב"ה ווייא עס זאל זיין. עס שטייט געשריבן (ואלהי מסכה לא תעשו לכם את חג המצות תשמור) ווי קוואן די לוויי צו אנאנדער, אזא מוז האבן די חכמים געזאגט, ווער עס עסט חמץ אום פסח איז גלייך אז ער גאט דינען ע"ז, דען חמץ איז דער (יצר הרע) און ע"ז. דס מצרים זיינען אויס מצרים געגאנגען זייטען זייא ארויס געגאנגען פון דעם רשות פון די קליפות דיא הייסן (חמץ ושאור רע) ע"ז, ער הייסט אויך שאור: דען דער יצר הרע איז ביים מענטשן גלייך ווייא דאס זויערע אין טייג; ער גייט אין מענטשן איינליג ווייז, ביז ער ווערט דורך דעם גאנצן גוף און ווערט פארמישט מיט אים ווי דער כח פון דיא זויערטייג אין טייג. דרום שטייט (לא יהיה בך אל זר) (בך) איז טייטש אין דיר וואקסט דער (אל זר יצר הרע), און (את חג המצות תשמור) דאס איז דער (יצר טוב נר הקדושה, ואלהי מסכה לא תעשו לכם) אייך זאלט איר ניט מאכן פאר איין ע"ז מכח דס ער פאר מישט אין אייך ווערט מיט דעם גאנצן גוף זאלט איר זיך ניט מאכן צו איין ע"ז דרום שטייט לכם:

רבי יודא הייב אן חדלו לכם מן האדם אשר נשמה באפו כי במה נחשב הוא דעם פסוק האבן די חכמים אפגערעדט געזאגט, אבר איז קשה ווען זיך דער מענטש ווערט פאר אייגן פון זיין חבר, אזוי ווערט זיך דאך יעדער פון אים אויך פאר אייגן און ארחיק זיין, כאלה ווערן די לייט ניט זיין געפונען ביי אנאנדער. אלא אזוי האבן אונזערע חכמים געזאגט, עס גייט הויך אין מענטש דער זיך פארדערט צו גיין צו זיין חבר צו געבן שלום איידער ער האט אתפלל געווען, דא ווייסט ער עס איז אזוי חשוב צו געבן אים שלום פאר הקב"ה, און אזוי האט עס אפגערעדט געווען בפסוק אחר (מברך רעהו בקול גדול בבוקר השכם קללה תחשב לו). ווייל אויף אזוי דער צו אמרגט גייט אין הויז פון חבר אים שלום צו געבן, ווי ווארן דאס אלץ איז רעכט דער פסוק, און דער פסוק קאן אויך אזוי טייטש זיין אבר וואס טייטש (חדלו לכם מן האדם אשר נשמה באפו) ווארום שטייט (אשר נשמה), אלא הקב"ה פאר זאגט דעם מענטשן ער זאל זיך היטן פאר די מענטשן דיא אפ קערן אירע וועגן פון גוטן וועג צו בייזן וועג. און זענען משמא זייער כפים מיט דר (טומאת הקליפות). דאס הקב"ה האט דעם מענטשן בשאפן האט ער אים געמאכט (בדמות עליון) און האט אין אים געבלאזן איין (רוח הקודש) דער דא איז נכון. אין דרייא ארליי, זיי הייסן (נפש רוח ונשמה) און די העכסטע מדריגה

איז

איז די נשמה דער כח צו היטן דיא (מצות הקב"ה), און ווען ער מאכט די (נשמה הקדושה) איין גיין אין איין עבודה פון דער קליפה דר מיט איז ער זי מטמא און זיא גייט אויס פון (עבודת הקב"ה), דען דיא דרייא (נפש רוח ונשמה) איז אלץ איינס, זייא בהעפטן זיך צו אנאנדר צו רואן בייא דעם מענשן, אויף דעם איז געזאגט געווארן (הולך את חכמים יחכם) ווען דו זעהסט איין מענשן דער האט אלי דריי מדריגות נשמה איי ער דו רעכט ווייסט זייני מעשים אוב דו זאלסט דיך מקרב צו אים זיין אדר מרחיק זיין מיט וואס ווערט ער דער קאנט אויב ער האט געהיט דיא (נשמה הקדושה) און איז ביי אים. דר קענסט דו אין זיין רוגז ווער ער איז אויב זיין נשמה איז בייא אים געהיט, אויב ער ניט האט זיא מיט דעם רוגז אויס געריסן פון זיין ארט און הט אן שטאט די נשמה געבראכט דעם (אל זר) די קליפה, אז איינר איז איין מענש וויא ער זאל זיין ער איז דער קנעכט פון זיין העררן דער איז איין (איש תמים)· אבר ווען זיא דר מענש ניט היט און מכח זיין רוגז רייסט ער אויס די נשמה (באפו) מיט זיין צארן, און ברענגט אריין אין איר ארט דיא קליפה דעם (אל זר) געווייסט דער מענש איז איין מורד אן זיין העררן, מען טאר זיך ניט מקרב צו אים זיין און זיך ניט מתחבר מיט אים זיין. און ער הייסט (טורף נפשו באפו)· כלומר ער רייסט אויס זיין נשמה מיט זיין רוגז. אז ער צארניג איז, דריבר ווערט די נשמה אויס געריסן און רואט אן איר שטאט דיא (אל זר), דרום זאגט דער פסוק (חדלו לכם) פר מיידט אייך פון זעלכי מענשן (מן האדם אשר נשמה באפו), דאש ער פר נוקט דיא (נשמה מכח אפו) זיין צארן דש האט ער פר וועקסלט די נשמה מיט זיין צארן און האט זיא מטמא געוועזן מיט דעם (אל זר)· (כי במה נחשב הוא) זייאן עס במה ער איז נחשב פר איין ע"ז, דער מענש דער רעט מיט אים און איז זיך מחבר מיט אים איז גלייך אז ער זיך זעלט מחבר זיין אן דער ע"ז ממש· (מאי טעמא) וויל דער (אל זר) די ע"ז רואט ביי אים, ניט דאש מיין ער האט אויס געריסן דיא (קדושה עליונה) די היילגי נשמה פון זיין ארט און האט מאכן רואן אן איר שטאט דיא ע"ז (אל זר), ווי דר (אל זר) דש שטייט בייא אים (אל תפנו אל האלילים) אזו אויך איז ניט צו זעהן אין זיין פנים. אויב דו ווילסט פרעגן איז דאך איין רוגז אפט בייא דיא רבנן ווי פלעגן צו זיין ברוגז, דר רוגז פון רבנן איז גוט אויף אלי זייטן, דען איר האבן געלערנט די תורה איז אייטן פייער און די תורה טוט זיי מאכן צערנן, וויא עס שטייט (הלא כה דברי כאש נאום ה'), דען דער רוגז פון רבנן איז (בדבר תורה), דער רוגז פון רבנן איז צו געבן כבוד צו דער תורה און איז צו דיא (עבודת הקב"ה). דרום שטייט [כי ה' אלהיך אש אוכלה הוא אל קנא] אבר ווען דער רוגז איז וועגן אנדרי זאכן איז ניט [עבודת הקב"ה]. און בייא אלי חטאים וואס דער מענש טוט איז ניט וויא ע"ז ממש דאש עס ווער מותר צו אים מקרב צו זיין אז בייא דער עבירה פון כעס, אויב דוא ווילסט מיינען די נשמה גייט ווארן אוועק אויף דער שעה אבר זי קומט ווידר, עס איז ניט אזו דרום וויל ער אויס רייסט דיא קדושה פון זיין נפש פון איהן פון זיין ארט. און דר [אל זר] בצווינגט דש ארט און ווערט געשטארקט דראן און לאזט זיא ניט, ווען ניט דער מענש ווערט גירייניגט מיט תשובה פון אלי זייני עבירות, און רייסט ווידר דעם אל זר פון זיך אויס אויף אייביג, און דער מענש זעהט דער נאך און זוכט נאך צו ווערן געהייליגט און צו ציהן אויף זיך דיא קדושה, דען נאך אלים הלואי דש ער וועלט זיין גרייניגט. זאגט רבי יוסי ער ווערט געהייליגט ממש· זאגט ר' יהודה קום און זעה בשעה דאש ער רייסט אויס זיין [קדושת הנפש] פון זיך, און דער [אל זר] רואט אין אים אן שטאט דר נשמה, דען ווערט ער טמא און ווערט אום ריינג און איז מטמא אלי דיא צו אים גנעהנן, און דיא קדושה לויפט אוועק פון אים, און אז נאך איין מאל לויפט פון איהן וואס אז ער הלט דער צו טאן אז ער קאן זיא ווידר קערן אויף זיין ארט. זאגט רבי יוסי (אי הכי) זעהן דאך וויא פיל טמאים דיא דא ווערן גירייניגט. זאגט רבי יהודא דאש איז ווידר איין אנדרש איין טומאה אחרת דיא קאן ניט מער טאן וויא זיא איז ווערט זיא ווידר טהור, אבר דאש איז איין אנדרי טומאה דאש דער גוף ווערט טמא פון אינווייניג און פון דערויסן. אינווייניג און אויס ווייניג· און דער נפש ווערט טמא, אבר אנדרי טומאה ווערט נאר פון דערויסן דער גוף אליין טמא; דרום שטייט [חדלו לכם מן האדם אשר נשמה באפו], דאש מען זאל זיך היטן פר אים און אפ שיידן פון אים, דרום שטייט [ואלהי מסכה לא תעשה לך] דו בישט דיך זעלברט מטמא מיט [אלהי נכר]· און דער נאך שטייט [את חג המצות תשמור] דאש איז די [צר הקדושה] דאש דער מענש קען זיך צו היטן ניט צו פר וועקסלן מיט דער טומאה, ווען ער זיא פר וועקסלט איז ער טמא און אלץ וואש זיך מקרב איז צו אים:

וְעָשִׂיתָ צִּיץ זָהָב טָהוֹר ווארום הייסט עס ציץ, אזא ציץ איז לשון (מציץ) זאגן, דען אן דעם ציץ האט אן געזאגט צו ווישן און דער קענן דעם מענש וואש ער איז, עס זענן אין ציץ געוועזן דיא אותיות פון [שם הקודש] אויס גיקריצט אין גאלד, און ווען איין זכאי איז געשטאנדן פר דעם ציץ זענן דיא אותיות וואש זענן גיגראבן געוועזן אריין, זיינן זיי ארויס בולט געוועזן פון וועגן ארויף און האבן געלייכט אן זיין פנים דא האט ער געוואוסט דאש הקב"ה בגערט אן אים, און אז ער איז איין בן עוה"ב, וויל דאש ליכט האט געלייכט אן אים פון ציץ, און ווען איין מענש איז געשטאנען פר דעם ציץ און אן זיין פנים איז ניט געזעהן געווארן דאש [מראה הקודש] האט דער כהן געוויסט דאש ער איז איין [עזות מצח] און מוז אויף אים מכפר זיין און מתפלל אויף אים זיין. [ככתב בקיצור]:

קום און זעה האבן זיא דאך געזאגט אלי די זענן (עזות מצח) און האבן קיין בושה ניט דיא האבן קיין חלק (בעוה"ז ובעוה"ב) ניט. אלי דיא (עזות מצח) דיא דא זענן געוועזן ביטראכט ווען זי האבן נאר געזעהן אן דעם ציץ איז איר הארץ צו בראכן געווארן און האבן געזעהן אן אירי מעשים, דען דער ציץ איז געשטאנען אויף איין אות צו איין צייכן ווער דא הט דריין געזעהן הט זיך געשעמט אויף זייני מעשים, דרום הט דר ציץ מכפר געוועזן אויף (עזות מצח), די אותיות פון סוד (שם הקודש) די זענן אויס גקריצט געוועזן אויף דען ציץ

ציץ דא האבן זיי גזייגט אונ זיינן בולט גוועזן גפינקלט, ווער דא הט משתכל גוועזן אין דען פינקלן פון די אותיות איז זיין פנים פר ענדרט גווארן מכח פחרכט (ווארא ולא נשבר) זיין הארץ וואר אים צו בראכן גווארן. דען העט דר ציץ מכפר גוועזן אויך זיי דער ווייל ער הט גורם גוועזן צו ברעכן דיא הארץ אונ צו ווערן אונטר טאן פר זיין הערן. דעשט גלייכן דש קטורת ווען עש האט גשמעקט אן דעם רויך אז דער זייל פון (מעלה עשן) איז אויך גמאכט אין קטורת דא האט אים גווייטרט מיט ווייטרקייט פון דעם זיכט מיט פרייד צו דינן צו זיין הערן, אונ הט פון אים מעביר גוועזן דיא מום פגום פון יצ"הר ער הט נאר גהאט אין הארץ (לפני אביו שבשמים). דרום ווייל דאש קטורת איז דאש צו ברעכנט פון דען יצ"הר גוויש אין אלע זייטן, אונ אזו וואו אז דר ציץ איז גשטאנן (על המצח) אזו אויך דש קטורת, דען עש איז קיין זאך אויף דעם עולם דש זאל אזו צו ברעכן דען יצ"הר אז דאש קטורת, קום אונ זעה עש שטייט גשריבן (קח את המחתה ותן עליה אש מעל המזבח ושים קטורת) ווארום (כי יצא הקצף מלפני ה' החל הנגף) דען עש איז קיין גרעשר בראך צו די קליפות דש זיי זאלן צו בראכן ווערן אז דורך דען קטורת, דען עש איז ניטש אזו ליב פאר הקב"ה אז דאש קטורת, אונ דאש קטורת האט מבטל גוועזן אלע כשוף אונ שלעכטע זאכן, פון דעם הויז. מאכן דאך לייט דער פיר איין ריח אונ רויך פון קטורת צו דר מעשה ווען זיי בדארפן אזו איז עש מבטל, מכ"ש קטורת די נאך איז איין גוויסי גזירה פאר הקב"ה, ווער דא לייאנט אלע טאג אונ זעהט איין (במעשה קטורת), דר ווערט ניצול פון אלי זאכן אונ מכשפים אין דער וועלט פון אלע פגעים רעים אונ פון בייזי גדאנקן אונ פון (דינים רעים) אונ פון טויט. אונ ווערט ניט ניזוק דעם גאנצן זעלביגן טאג. דש די קליפה קאן ניט אויף אים געוועלטיגן באופן ווער עש זיך רעכט מכוון איז דרינן: זאגט ר"ש וועלטן דיא לייט וויסן ווי גאר עליון אונ חשוב איז דש (מעשה הקטורת) פאר הקב"ה, וועלטן זייא נעמען איטליכס דיבור דער פון, אונ זעלטן זיך מאכן איין קרוין אויף זייער קאפף אז איין קרוין פון גאלד. אונ ווער דריכן איז משתדל אונ עוסק דא מוז ער איין זעהן (במעשה קטורת) אונ זאל זיך מכוון זיין אלע טאג. דא האט ער איין חלק בעוה"ז ובעוה"ב אונ טוט אפ דען טויט פון זיך אונ פון דען עולם, אונ ווערט ניצול פון אלע דינים פון דען עולם, אונ פון רוחות אונ פון דין פון גיהנם אונ פון די מלכיות אחר, ווען מען האט (מקטיר קטורת) גוועזן אונ דער רויך איז אויף גגאנגן אין זיין זייל האט דער כהן גזעהן דיא אותיות פון (סוד שם הקודש) פר שפרייט אונ גפלויגן אין דער לופטן, אונ זייכען ארויף גגאנגן אובן אין דעם זייל, דער נאך האבן זיך אום גריגלט נאה (מרכבות הקדושים) אונ הט משאח גוועזן אובן ומט עש האט דער וועקט אין זיין מדרגה, אונ (מקשר קשרים) גוועזן אלש (מייחד) צו זיין, ווי טון מן הט עש מפורש ווען דש עש איז מכפר אויף דעם יצ"הר אונ ע"ז פון דען (כל הקליפות):

עש שטייט מִזְבַּחַ מִקְטַר קְטֹרֶת אין דעם פסוק זאל מען אין זעהן עש זיינן דאך גוועזן צוויא מזבחות מזבח העולה אונ מזבח קטורת הסמים) דש (מזבח העולה) איז דרויסן גשטאנן אונ (מזבח קטורת איז גוועזן בפנים. איז קשה ווארום הייסט דש מעשה קטורת הפנימי מזבח) דש ווארט מזבח איז טייטש (לשון שחיטה), מען הט דאך ניטש דרויף גשעכט נייארט אויף דעם מזבח וואש דרויסן, אלא דרום ווייל עש הט גבונדן אונ מבטל גוועזן כמה רוחות רעות וקליפות דש זיא האבן ניט קענן געוועלטיגן אונ ניט מקטרג זיין דרום הייסט עש מזבח, ווייל זיי זענן גלייך אז גשעכט גוועזן דורך דעם קטורת: אז דער יצר הרע וקליפה האט גזעהן (מעשה הקטורת) הט ער זיך אפ גטאן אונ גווארן אונטר טאן אונ איז אנטלאפן גווארן אונ האט ניט קענן גנעהנן כלל צום משכן, אונ דרום ווייל קיינר הט ניט זוכר גוועזן צו דער שמחה פון אובן וואש דש קטורת האט דער וועקט נייארט הקב"ה אליין. דרום איז עש אזו זייער ליב, אונ דרום איז דש מזבח ניט גשטאנן נאר בפנים אינווייניג. דען דש מזבח איז דש איין ברכה איז גפונדן דריכן דרום איז עש פאר הולן פון אויג גוועזן, עש שטייט ביי אהרן (ויעמד בין המתים ובין החיים ותעצר המגפה), ער האט גבונדן דען מלאך המות אונ אונטר טעניג גמאכט דש ער זאל ניט קענן שולט זיין כלל אונ קיין דין ניט קענן טאן. דעם סימן האבן מיר בקבלה דש מען הט אונז איבר גענטפרט. אלע מאל ווען מען ווערט זאגן (בכוונה וברצון לב מעשה הקטורת) דש אן דעם ארט ווערט קיין טויט געוועלטיגן אונ קיינר ווערט ניט ניזק, אונ דיא אומות קאנן דארטן אויף זיי ניט געוועלטיגן: קום אונ זעה ווער דא איז דש די דינים יאגן אים נאך, דר מוז האבן דש קטורת ער זאל תשובה טאן צו זיין הערן, דען עש איז איין סיוע איין היילף דש די דינים זאלן זיך אפ טאן פון אים, אונ מיט דעם טוען זיי זיך גוויש אפ פון אים, ווען ער זיך מרגיל איז צו גוויינן צו לייאנן צוויא מאל אלע טאג בבוקר ובערב, ווי עש שטייט (קטורת סמים בבוקר בבוקר אונ שטיט בין הערבים יקטירנה) אונ האט איז דער קיום אובן אונ אונטן, אז דער פסוק זאגט (קטורת תמיד לפני יי) דש איז אובן, (לדורותיכם) איז אונטן אבר דען מאל דש מן ניט דער מאנט (מעשה קטורת) רואן דיא דינים פון אובן דארטן, אונ פין איתה איז גיוואנט דארטן אונ די עכו"ם געוועלטיגן דארטן דרום שטיט (קטורת תמיד לפני יי) דש קטורת איז מער קיום פר הקב"ה ווידר אלי אנדרי עבודות, עש איז ליבר אונ חשוב פר הקב"ה מער פר אלע עבודות ורצון שבעולם, ווען גלייך תפלה איז בעסר אז אלץ, אבר מעשה קטורת איז נאך מער חשוב אונ ליבר פר הקב"ה: קום אונ זעה דעם חילוק צווישן תפלה אדר קטורת, די תפלה הט מן מתקן גוועזן אן שטאט קרבנות וואש ישראל האבן מקריב גוועזן אונ אלי קרבנות זיינן ניט אזו גוט אז קטורת, נאך מער דיא תפלות זענן נאר מתקן וואש מן בדארף, אבר קטורת פר ריכטן אונ (קושר קשרים), דער תרגום מאכט אויך (קטר קטר), עש קניפט אונ מאכט איינציג דיא ליכט צו דער לייכטן מער אז אלץ, עש איז מעביר די מום פגום אונ איז (מטהר דש משכן) דש עש ווערט דר לייכט אונ מקושר: דרום מוז מן צום ערשטן מעביר זיין דיא מום פגום פון עולם דש איז דער (עיקור תיקון) אלע טאג אז ווי איין גליבטן קרבן דש הקב"ה בגערט דראן: קום אונ זעה דש קטורת איז דש ערשטי גוועזן אלי מאל פר דעם (קרבן תמיד) דרום אויך דש מעשה הקטורת קער מן מקדים צו זיין פר די (תפלה שירות ותשבחות), דען עש קאן ניט אויף גיין אונ

די תפלה קאן ניט פאר ריכטן ווערן אונ אקוטר ביז אן פאר אז אב צו טאן דיא אונז פלוט לום ערשטן אונ דיא טואמה אז אב גטאן זיין, וויא עס שטייט (ולפר על הקודש), דען גייט דיא תפלה ארויף ריין אן קיטרוג. האט אן פאר אלע חילוקים אעביר איז אום דער קרושה: דער נאך (טירות ותשבחות אונ תפלות); וואו צו דיא ישראל בעו"הז ובעו"הב, דען זיי ווייסן צו פאר ריכטן אובן אונ אונטן וויא אן קער אתקן צו זיין:

ובמדרש הנעלם זאגט (ר' תנחום) איין מאל בין איך גגאנגן אונטר וועגן, האב איך בגעגינט אליהו הב איך גזאגט צו איהם זאג מיר הער וואס דא איז גוט פר די צייט; האט ער גזאגט הקב"ה האט גוזר בשבועה גוועזן אונ זייכן איין גגאנגן פאר איהם אלי מלאכים דיא דא ממונה זייכן צו גדענקן דיא זיכר פון די צייט, איין ווענפי צייט די צייט ווען דר מאכן דיא קרבנות ווי זיי משה הט גזעלט אונ געגעבן אין זיין גדאנקן אונ ווען דר צו, דס אלי מלאכים זאלן איהם דר מאנען צו גוטן, אונ אויך איין דר צייט דמט ווען זיי גוואוכט איתה נווישן די צייט איז אויך נגזר גוואורן אונ איין כרוז איז ארויס איבר אלע חיילות פון הימל ווען איינר קינדר גיין אין דיא שולן אונ בתי מדרשות אונ זאגן (ברצון ובכוונת הלב) דס ענין פון (קטורת הסמים) דס ישראל האבן גיהאט, דא ווערט בטל דר טויט פון זיי: זאגט רבי יצחק קום אונ זעה עס שטייט (ויאמר משה אל אהרן קח את המחתה וגו') שפראך אהרן צו איהם ווארום שפראך ער (כי יצא הקצף מלפני ה') וואס שטייט דער נאך (וירץ אל תוך הקהל והנה החל הנגף) אונ שטייט (ויעמוד בין המתים ובין החיים ותעצר המגפה) דר (משחית ואחבן) הוט ניט קענן געוועלטיגן איז בטל געווארן דר טויט: ר' אחא וואר גגאנגן נאך (כפר טרשה) ער קאם אין איין האהרבריג ער זעט דס די לייט רוען זיך זיי זאגן עס איז גקומן איין גרויסר מאן ער וועלן צו איהם גיין, זייא קומן צו איהם אונ זאגן ער זאל זיך מאן זיין הארץ זייא צו האטן וועגן דעם טויט דא איז שוין זיבן טאג אונ שטארקט זיך אלי טאג אונ הערט ניט אויף, ער זאגט זיי זאלן גיין אין שול אונ זאלן בעטן רחמים פון הקב"ה, וויא זיא גייכן קומן לייט אונ זאגן (פלוני ופלוני) איז גשטורבן (פלוני ופלוני) איז (נטוי למות); זאגטן זייא צו רב אחא עס איז אנגהג קיין צייט צו ווייזן דען די שעה איז קורץ אונ דרינקט, נייערט איר זאלט פון אייך טיילן פערציג מענטשן די פרומסטי צדיקים. אונ איך אויך אונ צו טיילט צו נעהן אויף פיצייכן ווינקל פון דר שטאט אויף אלע פיר זייטן, אונ זאגט (בכוונה גדולה ורצון הלב) דמט ענין פון (קטורת הסמים) דס הקב"ה האט געגעבן דורך משה אונ דמט ענין פון קרבן דר מיט: זייא טואן אזו דריי מאל אונ זייכן אזו איבר פאהרן אויף אלי פיר ווינקלן פון דר שטאט אונ האבן וויא גזאגט. דר נאך האט ער גזאגט איר ווערט גיין צו זייט די דא כאנט צום שטארבן זייכן אונ טייאט זיא אפ פון אייך אין אירי הייזר אריין אונ זאגט אזו. אונ דער נאך זמון זאגט די פסוקים (ויאמר משה אל אהרן קח את המחתה. ויקח כאשר דבר משה ויעמוד בין המתים ובין החיים ותעצר המגפה) זיי האבן אזו גטאן דא וואר דר טויט בטל גווארן פון זייא, נאך דעם האבן זיי גהערט איין קול דס הט גרעדט (סתרא סתרא קדמאה): (אזלי אזלי) די ערשטי בעלי דינים בלייבט אובן אונ נידרט ארמפ: דען דר דין שאים הט דא קיין שליטה ניט, דען זייא ווייסן איהם אבטל צו זיין. וואר רבי אבא איין שלאף זיין הארץ אונ וואר אנטשלאפן, הט ער גהערט דמט אן הט צו איהם גזאגט אז דוא האסט דאס גטאן טוא דאס אויך, גייא זאג זיי דס זיי זאלן חוזר בתשובה זיין זיי זייכן חטאים פאר איר, ער איז אויף גשטאנן אונ האט זיא אום גקערט (בתשובה שלימה), אונ האבן אויף זיך מקבל גוועזן האט זיא וואלן איבריג ניט מבטל זיין (מדברי תורה): זיי האבן דר שטאט איר נאמן פר ענדרט אונ געבן איר איין נאמן (מתא מחסיא) כלומר דס איז די שטאט דס גאט הט אויף זי אס גוועזן אונ בשערעט פון טויט, דער זוהר איז מאריך אין (בגדי כהונה אונ חושן) ביז עס שטייט (אחור וקדם צרתני ותשת עלי כפכה), בשעה דס הקב"ה האט (אדם הראשון) בשאפן, וואר זיי בהעפט אן אננדר (זכר ונקבה), דר זכר פארן אונ די נקבה היכטן, ביז הקב"ה הט זי גשיידן אונ הט זי פר איהם גבראכט (פנים אל פנים), דען האבן זיי גמערט זיבטאפט אונ האבן גוואונן קינדר דמט ניט איז גוועזן דער פיר, דער נאך אז זייא האבן חוטא גוועזן אונ דיא שלאנג איז גיקומן בייא חוה אונ האט אין איר מריין גיבראכט די אום פלוט הט זיא אוליד גוועזן (קין) אויט דר אום פלוט פון דר שלאנג, דר איז גוועזן איין גשטאלט פון די (עליונים אונ תחתונים); אונ דרום ווייל ער איז גוועזן פון דער אום פלוט פון דער שלאנג איז ער דר ערשטר גוועזן דער האט מיתה גוועזן בעולם זיין ברודר הבל: איר הבן גפונן (בספרים קדמונים) אז קין האט ווען זיין ברודר הבל ממית זיין האט ער איהם גביסן מיט די ציין אז ווי איין שלאנג אזו לאנג ביז ער האט איהם ממית גוועזן: דרום ווייל ער איז גיקומן פון איין שלאנג, הען אלז קערט זיך נאך שורש: אונ אז אדם האט גזעהן אז הבל איז אום גקומן אונ קין איז פארטריבן גווארן, שפראך ער וואס זאל איך ווייטר אוליד זיין הט ער זיך אפ גשיידן פון זיין ווייב הונדרט אונ דרייסיג יאר. זייכן גקומן (רוחות נקבות) אונ האבן זיך דער ווארמט אונ האבן פון איהם אוליד גוועזן (רוחות ושדים) דיא הייסן (נגעי בני אדם) ביז דר נאך הט ער זיך בדאכט אונ הט אוליד גוועזן (שת בדמותו בצלמו) דס דיא קינדר דר פיר זייכן ניט גוועזן (בצלמו ודמותו) דס איז גוועזן ווייל ער זיך הט בהעפט מיט חוה דרום שטייט (זאת יקרא אשה) דרום שטייט (אחור וקדם צרתני) אונ אזו הט זיך אויך דער כהן גדול אן גקליידט אין (חושן אונ אפוד) דס איז אויך גוועזן (אחור וקדם): דס אלז איז גוועזן מיט דיא פיר היכגן ווי דיא פיר פיס פון דר מרכבה אובן אונ (אופנים וחיות הקודש), אזו אלע ומעשה מטכן) איז אלז גוועזן אין גשטאלט פון דיא צלם פון מקדש פון אובן דיא שכינה זאל דרינן רוען וויא אובן.

וידבר

וַיְדַבֵּר יי אֶל מֹשֶׁה לֵּאמֹר כִּי תִשָּׂא אֶת רֹאשׁ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל לִפְקֻדֵיהֶם וְנָתְנוּ אִישׁ כֹּפֶר נַפְשׁוֹ לַיי וגו', וְלֹא יִהְיֶה בָהֶם נֶגֶף בִּפְקֹד אֹתָם: ר' אבא ור' יוסי זיינן געגאנגן פון (טבריה נאך צפורי) אז זייא אזו גינגן דא זעהן זי קומן ר' אלעזר ור' חייא. זאגט ר' אבא גוויס ווערן מיר זיך אהיא בהעפטן מיט דר שכינה, זיי ווארטן ביז זיי קומן ווייא זיי זיינן גקומן זאגט רבי אלעזר עס שטייט גשריבן (עיני יי אל צדיקים ואזניו אל שועתם) דער פסוק איז קשה אז הקב"ה משגיח אויף זייא גוטן צו טאן בעוה"ז, מיר זעהן יוא וואל ווייא פיל צדיקים דיא זייכען אויף דער וועלט דיא האבן קיין מזונות ניט אפילו ווייא איין רחב פון פעלד, נוא אז זאגט ער (עיני יי אל צדיקים), אלא קום אונ זעה אלי די בריות אין עולם ווערן דער קענט אונ צו וויסן משגיח אויף זייא צו זיין פון אובן, עס זייא (צד הטומאה) אדר די דא זיינן (צד הקדושה) די זיינן דר קענט אונ צו וויסן (אותו צד הקדושה) אויף זיי משגיח צו זיין. אלי אמן, אונ דיא זיינן (אלה הטומאה) ווערן אויך דר קענט, אונ זו איז משגיח אויף זיי פון דעם צד, אונ וואו דא שולט איז די (צד הקדושה) איז ניט משגיח די (צד הטומאה) אונ קאן ניט הער צו גנעהנן איביג: אונ קאן איס ניט דוחה זיין פון זיין אורט אין אלים וואס ער טוט, דרום זאגט ער (עיני יי אל צדיקים) דען דער צד הטומאה קאן אויף זיי ניט שולט זיין: אונ אילנד איז איין חברותא אונ איין היכל פון היאל דא, אונ אלי די גוטע השגחה פון אובן איז היא, אונ קיין (צד טומאה) אונ (דבר רע) קאן אן אייך ניט גוועלטיגן, זאגט ר' אבא מיר האבן דאך גלערנט בכל מקום אז דער (צד הקדושה) גוועלטיגט אונ רוהט דרויף, ווען גלייך עס ווערט גלייזט אונ קומט צו חשבון ווערן דיא ברכות ניט פר מיטן דר פון, זאגט ר' אלעזר גוויס איז עס אזו. זאגט ר' אבא זיינן די ישראל קודש אונ קומן (צד הקדושה), עס שטייט (קודש ישראל) אונ שטייט (והתקדשתם והייתם קדושים כי קדוש אני יי), נוא ווארום אז דוד המלך הט זיי גלייזט איז אויס גקומן ביי איין דבר עס שטייט (ויתן יי דֶּבֶר בישראל מן הבקר ועד עת מועד), זאגט ר' אלעזר ווייל ער האט ניט גנומן פון זיי שקלים אויס צו לייזן עס שטייט (ונתנו איש כופר נפשו ליי בפקוד אותם ולא יהיה בהם נגף בפקוד אותם), דען מן מוז געבן דען כופר פון קודש, אונ דער (כופר קודש) איז ניט גנומן גווארן פון זיי. קום אונ זעה ישראל זיינן קודש די ניט שטיין בחשבון, דרום ווען זיי (כופר נפש) געבן, דר דש (כופר נפש) ווערט גלייזט אונ ניט ישראל, דען דאס קודש איז (באדרגה העליונה) וואס שולט איז איבר אלים. דרום איז ניט (עולה בחשבון): ווי זיי אזו ווייטר גינגן, הייב אן ר"א עס שטייט (והיה מספר בני ישראל כחול הים אשר לא ימד ולא יספר), וואס טייטש (כחול הים), אלא עס זיינן אין צווייא גשטאלט, דען דאס ים ווען די אינדן אויף גיין מיט לארן אונ ווילן דיא וועלט פר פיילן אונ זיא זעהן דען זאנד אויף דעם בארטן, דאס זאנד באלד זיינן זיי אונר הינטר זיך, אונ ווערן צו ברעכן אונ ווערן גשטילט אונ קענן ניט פאר פיילן דען עולם אונ קענן ניט שולט זיין. אזו אויך ישראל זאנד פון (ים) אונ ווען די רשעים דיא זיינן ווי די אינדן די הערן פון רוגז די הערן פון דינים קשים ווילן אויף גיין, אונ בגערן צו פר פיילן אונ (שולט זיין בעולם). אונ אז זיי זעהן ווייא ישראל

די זיינן אן גקלעבט אן הקב"ה ווערן זיי צו ברעכן אונ זיינן הוור פון זיי אונ קענן ניט שולט זיין בעולם. דאס איז אין איין גשטאלט ווארום זיי זיינן גגליכן ווי זאנד פון ים: איין אנדרן גשטאלט ווייא זאנד פון ים האט קיין חשבון ניט, אזוא אויך ישראל האבן קיין חשבון אונ שטייען ניט אין חשבון אונ ניט במדה אין מאסין, דרום שטייט (אשר לא ימד ולא יספר), דרום אין טעג פון דוד האט ער זיא גלייזט אונ האט ניט גנומן כופר איז גוועזן איין רוגז זיינן פר לארן גווארן פון דיא ישראל ווייא פיל חיילות אונ שיירות, דרום שטייט (באצשה אשכן כל העובר על הפקודים): קום אונ זעה קיין ברכה רוהט ניט אויף איין זאך וואס גלייזט ווערט, דרום האט אן גנומן כופר אונ דר חשבון איז ניט גוועזן ביז אן האט איין גזאמלט דעם (כופר נפש) אונ דר נאך הט מן גבענטשט דיא ישראל, דער נאך הט מן גלייזט דעם כופר, דער נאך הט מען ווידר גיבענטשט דיא ישראל. נמצא זיינן דיא ישראל גבענטשט גווארן אין אן אנפאנג אונ סוף, דען הט קיין טויט אן זיי גוועלטיגט ווארום איז דער טויט יוא שולט ווען מען לייזט, דרום ווייל די ברכה רוהט ניט וואו אן לייזט, אונ אז די ברכה ווערט אפ געטאן איז דר (צד הטומאה שולט) אונ קאן מזיק זיין. דרום נעמט אן (כופר ופדיון נפש) דש דער צד מאג זיין אויף דעם כופר אונ ניט אויף דיא ישראל, ווייא מען שוין הט גזאגט אנדרשט וואו דר פון: ר' יוסי ור' חייא זיינן געגאנגן אונטר וועגן, ווייא זיא אזו גינגן וואר פינסטר אונ נאכט, זיי זעצן זיך אז זיי אזו זיצן וואר דר טאג דר לייכט: זיא שפראכן מיר ווילן גיין, ווי זיי גייען זאגט ר' חייא זעה ווי דר פנים פון מזרח דש דא לייכט איצונדרט: קום אונ זעה די דא וואונן (בהררי קדם) דארטן צו מזרח דינן צו דען לייכט פון מזרח איידי די זון אויף גייט אונ אז די זון אויף גייט זיינן ווידר די דא דינן צו דר זון. אונ די דא דינן צו דען לייכט פון מזרח הייסן זיי דעם (אור אלוה דארגלא דנהיר) אונ איר עבודה איז דעם (אלוה דארגלא דנהיר), אויב דוא ווילסט זאגן דש איז אום זונסט עס איז ניט אזו, דען זייא האבן דיא חכמה אהער פון אלטע לייטן, פון לייט ווען דיא זון זאל לייכטן אויב זיא אויף גייט דא איז איין ממונה גזעצט אויף דער זון גייט ארויס (אותיות קדושות) פון דעם (שם עליון הקודש) זיין גלייכנט אויף דען (ראש השמש), אונ מיט דען כח פון דיא (אותיות הקדושי') עפנט ער אלי פענסטר אין היאל, אונ דר ממונה גייט אין דען לייכט אריין וואס דא לייפט אום דר זון, דארט איז ער גוואנגט ביז זיא אויס גייט אונ פר שפרייט זיך אין דר וועלט: אונ דר ממונה איז גזעצט אויף דען גאלד אונ רוטע פערל אונ דיא וואונר פון (הררי קדם) דיא דינן צו דעם גשטאלט. אונ אין די נקודות אונ סימנים דש זי האבן גירשנט פון אלטע יארן דא גייאן זייא אונ וויסן די נקודות השמש צו גפינן דאס ארט פון גאלד אונ פערל: זאגט ר' יוסי ווייא לאנג ווערן נאך זיין דיא ע"ז בעולם הט דאך שקר קיין קיום ניט: פתח ער הייב אן (שפת אמת תכון לעד ועד ארגיעה לשון שקר) קום אונ זעה ווילטן דינן די גאנצי וועלט צו דעם שקר ווער עס אזו. אבר דאס טייטש לייכט וואס דא לייכט דיא שטערן פון היאל זיינן אמת, אויב נוא די נארן וואס אן פר שטאנד זיינן דינן דר צו אונ הייטן זיי אלוה דא ווייל הט"י פון מירנט וועגן ניט אלוה זיין דען עולם, אבר (לעת העתיד) ווערט הקב"ה ניט אלוה זיין די שטערן

אונ דיא ליכט פון דער וועלט. אבר דיא דא האבן דר צו גדינט די ווערט ער אבלה זיין: אונ אזו טייטש דער פסוק (שפת אמת תכון לעד) דס זיינן די ישראל דיא האבן (שפת אמת) אונ זאגן (יי׳ אלהינו יי׳ אחד) אונ אלס איז אמת אונ סוד פון אמת אונ זאגן אויך (יי׳ אלהיכם אמת) דס ווערט זיין אן גבריית אייביג, (ועד ארגיעה לשון שקר) עס קער צו שטיין (ועד רגע) וואס טייטש ארגיע. אזא ווי לאנג ווערט איר קיום זיין פון דר ע״ז. ביז הקב״ה ווערט זי פר דארבן אונ ווערט אבודה זיין פון אירי עבודות די רופן גאט צו זעלכי די זיינן קיין גאט: אבר ישראל דיא (שפת אמת) שטיט ביי זיי גשריבן (עם זו יצרתי לי תהלתי יספרו): איך גדענק איין אמל בין איך גגאנגן מיט רבי אליעזר בגעגנט אונז איין העצר, ער שפראך צו רבי אליעזר וויסטו פון די (תורה פון יהודים) זאגט ער איך ווייס וואל, זאגט ער צו אים איר זאגט אייער אמונה איז אמת אונ אייער תורה איז אמת אונ אונזרי אמונה אונ תורה איז פאלש, עס שטייט דאך (שפת אמת תכון לעד ועד ארגיעה לשון שקר) איר האבן איין קיום פון אייביג. אן אין אונזר מלכות, איין דור נאך דעם אנדרן אונ איז ניט אפ גיטאן געווארן אייביג, דרום שטייט (תכון לעד) גוויס, אונ צו אייך איז ווייניג געוועזן מלכות אונ באלד הט זיך אפ גטאן פון אייך דס מלכות, איז אן אייך מקויים דר פסוק (ועד ארגיעה לשון שקר) איין רגע איז דר שקר אונ האט קיין בשטאנד ניט: שפראך ר׳ אליעזר איך זעה דוא ביסט איין (חכם בתורה תיפח רוחך): ווען עס וועלט שטיין (שפת אמת כוננת לעד) איז טייטש דען אמת האסטו אן גבריית אייביג, וועלסטו רעכט רייד, אבר עס שטייט (שפת אמת תכון לעד) עס ווערט אן גבריית ווערן אויף אייביג, עס איז אן גבריית צו זיין ערשט דער (שפת אמת לעתיד) וואס אילוכד דר שקר האט איין קיום אונ דר אמת ליגט אויף דר ערד: אונ אין דר לייט דר (שפת אמת) ווערט אויף שטיין אויף זיין שטאט אונ ווערט שפראצן פון דער ערד, דען ווערט זיין (שפת אמת תכון לעד). ווי דר העטר דס הערט, זאגט ער וואל צו דיר אונ וואל דעם פאטר די דא האבן די (תורת אמת) גירשנת, דער נאך האב איך געהערט דס דר העטר האט זיך מגייר געווען: זיי גייען ווייטר זיי קומן צו איין פעלד אונ זיינן מתפלל דארטן, זיי שפראכן פון אילוכד וואס איר זיך בהעפטן בטבילה, אונ וואלן גיין אונ וואלן עוסק בתורה זיין, ער זאגט ווייטר אנדרי זאכן (תאנא בפ׳ נלבים אונ סודות): קום אונ זעה עס שטייט (וירא העם כי בשש משה) ווער איז דס עם דס זיינן דיא (ערב רב) ווער זיינן דס ערב רב דען געווען (לודים כושים כפתורים ותוגראים) דאס ער הייסט זי (ערב רב): זיי זיינן יאח ניטש אער או פון מצרים געווען, וועלטן זיי פון אנדרי אומות געווען זעלט שטיין עם, וואדרום שטייט דען עם, אלא עס איז איין (עם ולשון) געווען אבר אזי מכשפים פון מצרים אונ איר חרטומים, דס אויף זיי שטייט (ויעשו גם הם חרטומי מצרים) דאס זיא האבן וועלן שטיין קיגן דיא (ניסים ונפלאות פון הקב״ה): ווי זיי האבן געזעהן דיא (ניסים ונפלאות) דאס משה גטאן במצרים, וואדן זייא אזי צו גטרעטן צו משה. זאגט הקב״ה צו משה זיי זיי ניט מקבל, זאגט משה רבש״ע וויל זייא האבן געזעהן דייני גבורות דא וויל זי זיך מגייר זיין זייא ווערן זעהן גבורה אלע טאג דא ווערן זיא וויסן דאס קיין גאט איז ניט

אן דיר, אזו איז ער זייא מקבל וואדרום הייסן זייא (ערב רב) אזא עס זיינן געווען אזי מכשפים אונ איר עלטסטי איבר זייא זיינן געווען (יונים וימברוס) דיא זיינן געווען דיא לווייא זין פון (בלעם הרשע), אונ אין גווישי לייט פון טאג האבן זיי גטאן אירי כשפים, אונ אזי די העכסטי מכשפים די האבן געזעהן דאס זיך די זון נייגט פון אן פאנג זיבטע שעה ביז אן פאנג נייכטע שעה דאס הייסט (ערב רב) גרוטער אובנט דיא לווי שעות נאך מיטאג, אונ די אנדרי מכשפים די קלענרי האבן גטאן כישוף פון אן פאנג נייכטע שעה ביז האלבע נאכט: דיא (מכשפים עליונים) וואס האבן געזעהן פון אן פאנג זיבטע שעה אז דיא זון אונ דיא לבנה אויך צו נייגן, האבן זייא אן גהובן צו טוועבן כיין הוכדרט פינף אונ ניינציג (מדריגות) אויף דיא (הרי חושך), אונ איר רוח האט טאן שוועבן אויף אלע מכשפים מיט אירי לויברייא: זייא האבן גטאן וואס זיי האבן גוואלט, ביז אזי מצרים האבן איר בטחון גהאט צו זייא. אונ דרום האט אן זיי גהייסן (ערב רב) דיא האבן גיטאן אירי כשפים ווען עס איז געווען דער הוכר אובנט גלייך נאך מיטאג, דען זייא האבן אירי כשפים גטאן פון ניין שעה מיט איין האלב, ווייטר הייסט (ערב זוטא), דען עס זיינן לווייא מרלייא ערב, דרום שטייט (גם ערב רב עלה אתם), אירי חכמה איז געווען גרויס, זיי האבן געזעהן אין דיא אונטרשטי אדריגה: אונ (בשעות היום) דס די ערשטי זעקס שעה ביז מיטאג קאנן זייא ניט געוועלטיגן מיט דיא עליונים, אונ דען אמל האט משה זאלן נידרן פון בארג, אונ זיי זעהן ער קומט ניט באלד, שטייט (ויבא העם על אהרן), דען איר האבן אזו גלערנט (כאותו שעה) אז משה איז גנידרט האט ער אלזיין מקבל דיא תורה געווען, דען פון (כלל כל ישראל) האט ער אפילו מקבל גיוועזן (מגילת אסתר), אז דער פסוק זאגט (וקבלו היהודים) עס קער צו שטיין (וקבלו היהודים), אלא משה דער איז געווען דער כלל פון אזי יהודים האט עס מקבל געווען, זיי זאגן (קום עשה לנו אלהי׳) זייא האבן אזו גזאגט, איר זעהן דאס איר ישראל האט אלן כבוד אונ (כל טוב העולם) איז צו אייך אליין, אונ איר (ערב רב) זיינן אויס גשטוסן דרויסן, ביי אייך שטיט (וה׳ הולך לפניהם יומם) אזו אויך וועלן איר האבן פון אונזרן לד איין אלהים ווער פר אונז זאל גיין, ווען איר ווערן פר אים (פיוגלת עבודת מעשה) טאן ווערט ער פר אונז אזו וואלן גיין ווי גאט פר אייך, דען אזי (ענני כבוד) דיא דא זיינן גגאנגן אין דער מדבר דיא דא האבן ניט בדעקט כייארט צו ישראל אליין, וויא דער פסוק זאגט (וה׳ הולך לפניהם יומם) אונ אזי (בהמות לאן ובקר) די זיינן גגאנגן (מחוץ למחנה) לום היכטרשטין. קום אונ זעה די פערליג ייאר דאס ישראל זיינן גיוועזן במדבר איז קיין זילוך קיין טינוף קיין אום רייני זאך גאר ניט געווען אין ענן מינווייניג פון (מחנה ישראל), אונ דרום זיינן די (בהמות) אזן שאף די האבן געגעסן גראז דרויסן געווען מיט דיא זיי גהיט האבן. זאגט ר׳ אליעזר צו ר׳ אבא (מי הכי) דעם נאך האבן האט (ערב רב) קיין מן גיגעסן, זאגט ר׳ אבא וודאי איז עס אזו, כייארט וואס דא ישראל האבן זיא גיגעבן גלייך אז מיינר גיבט זיין קנעכט צו עסן, אונ פון וואס האבן זייא גיגעסן פון דאס רעשט דאס ערגסטי וואס ישראל האבן גלאזן היכטר דען איז דס פסולת, דרום רופט דער פסוק אויס (ובני ישראל אכלו את המן ארבעים שנה), דיא ישראל

האבן

האבן גיגעסן אונ ניט דאט (ערב רב), (ויראו בני ישראל ויאמרו מן הוא) אונ ניט (ערב רב וצאן ובקר) דט בייא זיא איז גוועזן. די לייט זיינן דיא (ערב רב) אונטר טאן גוועזן צו ישראל אונ אוילנדרט זיינן זיי אויך גשטאנן אונ האבן בגערט צו טאן איין אעשה צו ווערן געשטארקט אירי (צד הטומאה) אונ האבן גזאגט עכפרט איר זאלן זיין אזי איין פאלק איר וועלן זיין אויט אייך (ישראל עם אחד בלבן אחד), אדר זאל וואט צו אונז זיין ווער דא זאל גיין פר אונז וויא אייער גאט גייט פר אייך, האט אהרן גזאגט דט זיא ווערן אאכן זיכריגן דט (עם הקודש) דאס דיא (ערב רב) זאלן זיין אויט זיי (כלן אחד) אונ ישראל (עם הקודש) זאל ניט זיין אויט דיזו (ערב רב) פר איטט אין איין כלל, אלא עט איז בעטר זיא פורט צו זיין פון דעם עם הקודש ביז אשה ווערט קואן. אונ דיא כוונה פון אהרן איז גוועזן לטובה, כייארט עט זיינן פיל פון ישראל גוועזן דט זיך האבן בהעפט אויט גאכלן הערלן. אונ דרום או אשה איז ארחפ גיקואן דא האט ער זייא אוון צו זייטרן אונ ווייטן די ישראל (עם הקודש) פון דעם חטא, אונ האט זייא גטרענקט אויט דעם וואטר האט ער זיא בודק גוועזן ווי די סוטות ביז די ישראל זיינן זויטר אונ קלאר גווארן דאט צוויטן זייא איז ניט איבר גבליבן קיין (פסולת כלל). הט אהרן גזאגט (פרקו נזמי הזהב) האבן דען זייא קיין אנדר גאלד גיהאט, אלא אהרן הט זיך גדאכט דער וויל וועלן זיי זיך קריגן אויט אירי קינדר אונ ווייבר, אויב זיי ווערן וועלן געבן דער ווייל ווערט אשה קואן. קום אונ זעה איר האבן גלערנט דאט דיא גרים זיינן וויא איין געוויכטט אונ צרעת אויף דעם פלייט אזו זיינן די גרים צרעה צו די ישראל. (אכן שכן די ערב רב) זיינן קיין רעכטי גרים גיוועזן וויא זייא קערן צו זיין, וואט האבן זייא גיטאן (ויתפרקו כל העם את נזמי הזהב אשר באזניהם) עט זיינן גוועזן דארט (כאה אלפים ורבבות) פון אירי נאז בעכדר, וואט שטייט (ויקח אידם ויצר אותו בחרט) אהרן האט זיך ניט גהיט פר דיא צווי גרויטי (חבאים אכטפים) די צוויטן זייא זיינן גוועזן (יוכים ויאברוס), אייכר איז געשטאנדן אונ דער אגדרר האט זיין כשוף גאאכט, או דיזו צווי וואהרן זיך אויט אגכדר בארחטן האבן זיי גקואן דט גאלד. אייכר הט גנואן צווי אלקים אין אזין האכט דער אגדרר דאט טלויט אין דער אגדרר האגט, דען או אזו עט זיין אין די כישופים וועון זייא או אאכן. בכה ר"ט ער וויינט אונ זאגט (אי חסידא קדישא) דו (אהרן אשיח אלוה הגדול) איבר דיין חסידות זיינן גפאלן פון עם ישראל פיל אונ דוא האטט ניט גוואוסט וואט זייא טואן, וואט האבן זייא גטאן אז דיא זעקס טעה זיינן גקואן אונ דער טאג איז גוועזן גראד אין דר העלפט באטקן, האבן זיי גקואן דט גאלד דט זייא האבן אב גלעהרט פון דיא אוהרין וואהרום שטייט (ויתפרקו), דען דער כישוף איז אזו דט אן דארף ניט חט זיין אויף דעם געלט זייא האבן גזאגט דיא טעה שטייט אונז איר וועלן ניט זיאן עט איז אוילנכר ניט די לייט אן זאל חס זיין אויף גאלד (איד ויתפרקו כל העם) ויתפרקו גלייך או עט שטייט (ואפרק הרים ושבר סלעים) דא האבן זי אויט גוואלט אב גריסן אונ פר דארבן אונ צו ברעכן אירי אורין:

פרשת ויקהל •

ויקהל משה את כל עדת בני ישראל ר' חייא הייב אן ויאמר שאול אל הקני לכו סורו רדו מתוך עמלקי פן אוסיפך עמו וגו'. קום אונ זעה וואט דא שטיט בייא עאלק [פקדתי כל אשר עשה עאלק לישראל וגו'] איז קשה ווארום גפינן איר ניט בייא אזי אלחאות וואט אגדרי אוואות האבן גהאלטן אויט ישראל איז ניט שווער גוועזן פר הקב"ה או דיא אלחאה פון עאלק וואט ער האט גהאלטן אויט ישראל, אלא גיוויט דיא אלחאה פון עאלק אוז גוועזן הויך אזי זייטן אובן אונ אונטן דען אין דער צייט וואר געשטארקט דיא [כחש הרעה] אויף ישראל אובן אונ אונטן וויא איין טלאנג זיגט וואו צוייא ווען טיידן זיך, אזו אויך עאלק אויף ישראל, ער האט גלוגט אונ גווארט פר בארגן אויף זייא וואו צווי וועגן טיידן זיך. דרום שטייט ווייטר [אשר שם לו בדרך בעלותם אמצרים] ער וואר פר בארגן אטואא צו זיין [אקדש ה'] אונ איז פר בארגן אונטן אטואא זיין די ישראל, [אגלן] עט שטייט דא [אשר קרך בדרך] אונ דארט שטייט אויך (אקרה לזה) דאט קרך איז טייטש לשון (אקרה לזה). אזו שטייט אויך בייא בלעם (ויקר אלהים אל בלעם) ויקר איז טייטש ל' קר"י אונ טומאה. אויב דוא וועלסט פרעגן וויא איז ויקר לשון טומאה עט שטייט דאך (ויקר אלהים אל בלעם), אלא הקב"ה האט אים

אן גיגרייט דאט ארט פון (טומאה אטואא) צו זיין דראן אן דער אדריגה וואט ער אוז בהעפט גוועזן דראן אטואא אים צו זיין, וואט האט גטאן בלעם ער האט גדאכט אויט די קרבנות וואט ער האט אקריב גוועזן (עולה ואעלה) צו זיין. איר האט אים הש"י אן גברייט זיין ארט ווי איט ראוי איז אטואא צו זיין. אונ זאגט הקב"ה צו אים דא האסטו דיין ארט וויא דיר גבירט, דרום שטייט (ויקר אלהים אל בלעם), אזו אויך ביי עאלק (אשר קרך בדרך) ער האט דיר אן גברייט (אותו כחש) קיגן דיר אובן אטואא צו זיין אויף אזי זייטן, אונ וועגן זיך ניט העט געשטארקט אשה קיגן זיין כח אובן-אונ יהושע קיגן זיין כח אונטן, העטן ישראל אים ניט קענן בייא קואן דרום היט הש"י די שנאה אויף דור דורות. ווארום ווייל ער האט גוואלט (פוגם) זיין אן דעם (אות ברית), עט שטייט (ויאמר שאול אל הקני) דער קני איז יתרו, ווי קואן די קינדר יתרו צו עאלק זיי האבן דאך גוואוכט אין יריחו ווי עט שטייט (ובני קני חתן אשה עלו אעיר התארים את בני יהודה), אלא פון דר לייט האבן זייא גרואט אין גרענצן פון עאלק, ביז (שאול האלך) איז גקואן שטעט (ויסר קני אתוך עאלק) דען אין דער לייט ווען רשעים זיינן די צדיקים וחסידים דיא זיינן ביי זיי גפונן ווערן נתפס אן אירי עונות, אזו אויך אלאלו ווער ניט גוועזן דאט פר איטוג פון (ערב רב) דיא האבן זיך בהעפט

בהעפט אין ישראל ווערן ישראל ניט גשטראפט געווארן (במעשה עגל)· קומט און זעה עס שטיט בתחלה (ויקחו לי תרומה מאת כל איש אשר ידבנו לבו), זאגט ער כל איש פון מיט'לכם (אפילו ערב רב), דען הקב"ה האט וועלן מאכן דאס (מעשה משכן מכל צד) פון אלי זייטן ווי איין פרי איז ארום איין שילכטס אזו ישראל זיינן מיטווייניג. און די (ערב רב) הערויסן ארום זיי: דרום וויל די (ערב רב) זיינן געוועזן צווישן זיי, דרום (מאת כל איש אשר ידבנו לבו) די (ערב רב) כולל צו זיין מיט ישראל. דר נאך אז זיי זיך האבן ווידר בהעפט אן זייער (מין המעשה בעגל) און האבן מפה גיקערט דער נאך און האבן גורם (מיתה והרג) גיוועזן צו ישראל, דער נאך זאגט הקב"ה פון איצונד אן זאל דאס (מעשה משכן) ניט זיין נייערט פון ישראל אליין אן דען (ערב רב)· דרום שטייט (ויקהל משה את כל עדת בני ישראל) און שטייט דר נאך (קחו מאתכם תרומה לה' מאתכם) פון אייך אליין, ניט ווי דר פיר האט עס שטייט (מאת כל איש אשר ידבנו לבו). (ויקהל משה) פון וואנן האט ער זייא איין גזאמלט, אלזו וויל די (ערב רב) זיינן געוועזן צווישן זייא האט משה אויזן אפ שיידן פון זייא און ישראל אליין איין זאמלן· ר' אליעזר ור' יוסי קומן פאר ר' שמעון זאגט ר"ש איין זון (אליעזר וחברייא) זאלט מיטווייניג די דרייא טאג און ווייזט אייך ניט דערוויסן· דען דער (מלאך המות) איז איצונד גיוואוכט אין דער שטאט· און ווייל עס איז אים גגעבן געווארן רשות צו פאר דערבין קאן ער מחבל זיין גלייך איין אנדרן אויך, און ניט דאס אליין ווען זיך איין מענש ווייזט פאר אים גייט ער ארויף און דער מאנט זייני זינד און איז מקטרג. אויף אים און בגערט משפט פון הקב"ה אויף אים און גייט ניט אוועק ביז דער מענש ווערט נידון און ווערט אים גגעבן רשות ביז ער איז אים ממית. זאגט ר' שמעון דא שווער איך בייא דעם (שם אלהים) דאס דער רוב עולם שטארבן מייער מיר נייט קומט ווייל זייא זיך ניט וויסן צו היטן, דען בשעה דאס מן ארויס טראגט איין (מת צו בית הקברות) איז דער (מלאך המות) גיוואוכט צווישן די ווייבר. ווארום צווישן די נשים, דען אזו איז זיין סדר, אזום דס ער האט אן גיהייבט צו חוה און האט מיט איר (גורם מיתה) גיוועזן צום גאנצן עולם, דרום ווען ער איז איין מענש ממית און ווייבר ווערן גיפונדן מיט דעם מת דא גייט ער צווישן דיא ווייבר אין וועג בשעה דאס מען דאס מת ארויס טראגט מיט דען הויז ביז זייא קערין צו ריק צו הויז דען האט ער רשות מזיק צו זיין, און דריבר האט ער גורם גוועזן מיתה צו פיל לייטן דס זיינן גישטארבן פאר דער צייט, און דרום שטייט (ויש נספה בלא משפט) דאס איין טייל שטארבן אן משפט, דען ער גייט ארויף און דער מאנט דיא זינד פון מענשן ביז דער מענש ווערט נידון און שטארבט פאר זיין צייט. ווי ווערט מן ניצול בשעה דאס מען דאס מת טראגט צום קבר, זאל דר מענש דס פנים אום קערן דאס דיא ווייבר זאלן גין הינטר זיין רוקין, און ווען זייא זענן זיך מקדים זאל ער גיין הינטר זיך דס ער זאל ניט זיין מיט זיי געזען (פנים בפנים), און ווען ער צו ריק גייט פון (בית הקברות) זאל ער ניט גיין אין דעם וועג וואו דיא ווייבר שטיען און זאל זיי ניט אנזעהן כלל, נייערט ער זאל איין אנדרן וועג גיין מהיים, און דרום וויל די לייט האבן ניט וויסן און זיינן ניט משגיח און מקפיד דרויף, דא ווערן דאס רוב מענשן (נידון בדין) און שטארבן פאר זייער צייט· זאגט רבי אליעזר נאך דעם נאך ווער בעסר גאר ניט אזוי צו זיין איין מת. זאגט ר' שמעון ניין דען איין מענש דאס ער איז גהיט היינן, דא איז ער (זוכה לאורך ימים, אבל שכן לעולם הבא. קומט און זעה ניט אום זונסט האבן די קדמונים פאר צייטן מתקן גוועזן ווען מן איין מת האט ארויס גיטראגן פון צו הויז (לבית הקברות) האבן זייא גיבלאזן מיט דעם שופר, דעסט וועגן אויב ווענדט איינן אן האט מען מתקן גוועזן פון (כבוד המת) וועגן, ניין נייערט מגין צו זיין (על החיים) דאס ניט זאל שולט אויף זיי זיין דער (מלאך המות משטין ומקטרג) צו זיין אויף לעבעדיקע און זאל גהיט זיין פון אים:

פתח ער הייב אן (וכי תבואו מלחמה בארצכם על הצר הצורר אתכם והרעותם בחצוצרות) זיינן מיר מדייק עס שטייט (על הצר) דס איז דער (מלאך המות). (הצורר אתכם) ער בצוייגט אייך תמיד, ער איז (ממית בני אדם לצדיקים) דס די לייט זיינן זיך מצער אויף איר מיתה, און ער בגערט ממית צו זיין מנהרי, וואס פאר איין תקנה זאלט איר טאן (והרעותם) דאס איז (בראש השנה) דס איז דער (יום הדין) אובן דער (מלאך המות) נידרט מראפ משגיח צו זיין אויף די מענשן און אויף צו גין מקטרג צו זיין אובן. און ישראל ווייסן וואול דאס דער (מלאך המות) נידרט אונטן מקטרג צו זיין· זיינן זיא זיך מקדים (בשופר יבבא) צו שלאן אויף אים דאס ער זאל צו ברכן ווערן בתרועה, און זאל ניטס קענן טאן, און זאל מגין זיין אויף זייא, (ואבל שכן) ווען ער טוט איין דין און איז ממית מענשן און ער איז גיוואוכט אונטן. (ואבל שכן) ווען מן גייט (לבית הקברות) און ווען מען צו ריק גייט פון בית הקברות, דען בשעה דאס דיא ווייבר גיאן מיט דעם מת נידרט ער און איז גיוואוכט בייא זייא, אז דער פסוק זאגט (רגליה יורדות מות) ווען נידרן אירי פיס מראפ מות צו דעם דא דר הייסט מות. (על כן) האט חוה גורם גיוועזן די (מיתה לכל העולם)· הקב"ה דער דא הייסט רחמן זאל אונז מציל זיין: קומט און זעה עס שטייט (כן דרך אשה מנאפת) דאס איז דער (מלאך המות) און אזו איז עס, און אזו ווערט ער גהייסן (אכלה ומחתה פיה) ער פר ברעננט דען עולם און איז ממית מענשן פער זייר צייט. (ואמרה לא פעלתי און), ער זאגט ער טוט קיין אום רעכט דר מיט, דען ער בגערט איין דין, און (בדין מיתה) שטארבן זייא. ובשעה דס ישראל האבן גמאכט דס עגל און זיינן אזו פיל מין אוועק גשטארבן פון זייא, איז דער מלאך המות גיוואוכט און גפונדן גיוועזן בייא זייא. אז משה זעהט דאס ער איז גיפונדן צווישן דיא ווייבר און (מחנה ישראל). (מיד ויקהל משה וגו') דאס זיינן דיא מאנן האט ער אב גישייד און איין גיזאמלט בזונדר, און דער (מלאך המות) האט זיך אב גישייד פון די מאנן ביז דאס משכן איז אויף גיריכט גיווארן, (אפילו בשעה) דאס דיא נשים האבן גברענגט (נדבות המשכן) איז ער צווישן זייא גוועזן, ביז משה זעהט דאס און האט גיגעבן איין עצה צו דיא מאנן דאס זייא זאלן קומן צו גיין מיט איין מאן בחברותה מיט די ווייבר און זאלן ניט זיין גזעהן מיט זייא (פנים אל פנים) נאר הינטר אירי אקסין זאלן זיין די ווייבר, אז דער פסוק זאגט (ויבאו האנשים על הנשים) ווארום שטיט ניט ויבואו (האנשים עם הנשים), נאר מיר דרך צו גיין איז ניט גוועזן מיט זיי, דרום שטייט

שטייט ויבאו זי קומן דיא מאנן פֿר די ווייבר. דרום ווייל דר (מלאך המות) האט זיך ניט אב גישייד פֿון ווייב ביז דר משכן איז גשטעלט געווארן. דרום שטיט (ויקח משה את המשכן) ער האט די קליפה אפ גשיידן אין הקדושה. מסתמא זייא וואָרן געזעסן דיא חברייא דען גאנצן טאג אונ וואָרן (עוסק בתורה).

פתח ר"ש הייב אן וַיֹּאמֶר יְיָ לְנֹחַ בֹּא אַתָּה וְכָל בֵּיתְךָ אֶל הַתֵּבָה

דען פסוק האבן דיא חברייא שון אפֿורט גוועזן, אבר קום אונ זעה האט דען הקב"ה ניט גקאנט היטן נח מיט איין אנדר מיטל דס אויף דען ארט זאל קיין מבול זיין, אז בייא גדעון שטיט גשריבן (ויהי חורב אל הגזה לבדה) דער וואל וואר אליין טרוקן. אונ דר טויא איז גוועזן אין אלע ערטר. אדר ער האט איהם קענן היטן (בארץ ישראל) דאס דארטן איז קיין מבול גוועזן, ווייא עס שטייט (לא גושמה ביום זעם) דער רעגן פֿון דען טאג דס דר צארן איז גוועזן איז אין (ארץ ישראל) ניט גוועזן, אלא ווען דער (משחית ומחבל) נידרט בעולם ווער זיך פֿר איהם ניט צו שליסט אונ איז אפֿין פֿר איהם איז ער (מתחייב בנפשו) ער איז זיך אליין ממית. מאגן איר לערנן פֿון לוט, עס שטיט (המלט על נפשך אל תביט אחריך) דרום ווייל דר משחית גייט הינטר דיין אקסין דא דוא ווערסט דיין פנים אום קערן צו איהם (פנים אל פנים) ווערסטו ניזוק ווערן, דרום שטייט בייא נח (ויסגור יי בעדו) דאס ניט דער (מלאך המות) זאל זעהן אונ קענן שולט אן איהם זיין, ווייל זייא זיינן דא פֿר בארגן גוועזן זיינן אין דער שטאט גישטארבן דרייא צעהן מענטשן. זאגט ר"ש (בריך רחמנא) גילובט זיי הקב"ה דער רחמן דס דר (מלאך המות) האט ניט גזעהן אן אייער גשטאלט:

דער זוהר איז מאריך אין קדושה פֿון שבת אונ אין די תפלות, אונ אז שבת איין גייט דא רופֿט איין כרוז אויס אין אלי היכלן זייט מייך (מתקן מרכבות) אונ חיילות קיגן אייערן הערן. דען גיט אויס איין (רוח מצד ימין) דער הייסט (לבוש יקר) ער פֿר שפרייט זיך איבר אלי (חיילות ושירות), דען ווערט דער טיט פֿון דען עולם אן גיברייט בשמחה, וואָרן זיין חלק פֿון דען מענטשן דר מן ריכט זיין טיט ווייא אן דארף אונ דער טיט שטייט אן חרפה מיטנידר נאך זיין פֿר מעגן אונ זיין נח נאך. אז שבת גייט איין אזוי זיך דער מענטש אפ וואשן, דען אן דר וואכן גוועלטיגט איין (רוח חול). אונ אן שבת בקומט ער דען (רוח אחר הקודש) קער ער זיך מקדש דער צו זיין אונ אין מרחץ צו וואשן אפ צו שאן פֿון זיך דען שמוץ פֿון וואך, מקבל צו זיין דיא הייליגי (נשמה יתירה), דורך דער (נשמה יתירה) ווערט פֿר געסן אלי אום לוסטיקייט אונ צער, דען דארטן וואו זיא איז דא איז מייטן (שמחה וחדוה): דען אז דער רוח אונ (נשמה יתירה) מראב קומט, ווערט זיא פֿאר גוואשן אין דיא בשמים פֿון ג"ע אונ נידרט צו רוהן אויף (ישראל עם הקודש) אונ ווען זיא נידרט מראפ צום ערשטן אין ג"ע נידרן מיט איר צווילף (מרכבות) די ווערן גקריינט אויף זעקס זייטן, אונ אז זי קומט אין ג"ע אלי רוחות ונשמות די זיינן אין ג"ע דער וועקן אלי דען רוח וואס דא נידרט אויף ישראל אונ זאגן וואויל צו אייך ישראל (עם הקדש) דאס דער רצון פֿון אייערן הערן טוט אזוי זיך דער וועקן צו אייך, דרום שטייט (ושמרו בני ישראל את השבת) דאס ווארט את איז מרבה דעם רוח וואס נידרט אויף זייא אן שבת אז ער זאל אויך גיהיט ווערן מיט תענוגים אונ שמחה דאס ח"ו קיין דאגה ולצער אונ אום לוסטיקייט זאל בייא דען מענטשן זיין. אדר כעס ורוגז דען איז ער פֿוגע אן דען (רוח ונשמה יתירה), דען דארטן וואו זיא איז בגריפֿן איז מייטן (עוז וחדוה ושמחה ורצון), אונ ווען ער זיא דאס טוט דער מאכט ער דען כח פֿון דער צעבר דאס דער וועקט דען כעס דאס איז דער כח פֿון סמא"ל, אונ ווען ער אום לוסטיג איז דאס קומט פֿון מיין. דיא מיין דארט וואונט די לילי"ת ווייא דער וועקן זיך אויף דער קדושה פֿון שבת. דאס איז אויך מרמז (לא תבערו אש) אז מען ניט אן צינדן ווייל מיר נח גאנצן שבת איז פֿר לאשין אונ איז שטיל דס זיא ניט קאנן שולט זיין, אונ ווען דער מענטש דאגה אדר צער וכעס האט בשבת, שטארקן זיא זיך אויף דר הייליגה נשמה. דרום זאגט דער פסוק (ושמרו בני ישראל את השבת) צו היטן אויך דיא (נשמה ורוח יתירה) דאס דיא קליפות זאלן ניט זיך בייא איהם שטארקן אונ אן גילונדן ווערן, דרום שטיט (ישעיה נ ו) (כל שומר שבת מחללו) צו היטן דען שבת דאס די קליפות זאלן ניט מאר שוועכן דיא קדושה פֿון שבת. אין דער זאך איז נאך איין זאך דער רוח וואס אן שבת שולט איז אויף ישראל, דער האט איין הנאה פֿון אירי (תענוגים) פֿון עסין אונ טרינקן אין דיא דרייא סעודות דיא דא זיינן אין דרייא (מדריגות עליונות), דען נעמט זיא איין (עונג ושמחה) אין דיא סעודות. וואָרן זייער חלק ווער דיא נשמה איז מהנה מיט תענוגים אן שבת. דען דר רוח האט אובן איין הנאה די גנצי וואך פֿון דען (רוח עליון) פֿון די (אורות הקדושים), אונ אן שבת אז זיא נידרט מראפ אונ ווערט גיוואשן אין (ג"ע) בייא נאכט האט זיא איין (תענוג והנאה) פֿון דעם (עונג הגוף), אונ דער רוח ווערט גיקריינט פֿון אובן אונ פֿון אונטן אונ ווערט גיזעהן אויף אלי זייטן מיט דער קרוין פֿון אובן אונ אונטן, אונ ווייל זיא איז דיא צייט בייא דען מענטשן, דא אזוי ער זיא היטן אונ מוזן זיא מענג זיין מיט אלי (תענוגים) עסין אונ טרינקן מיט אלי שמחה מיט שייני קליידר, דען אזוי ווערט זיא גקריינט אונ גהיט אונטן. ובספֿר פֿון (שלמה המלך) אונ דאס הייליגה ליכט ר"ש האט געזאגט עס שטייט (וביום השביעי שבת וינפש) ווען דיא נשמה יתירה אוועק גייט נאך שבת זאגט זיא (וינפש) זיא האט פֿאר לארן דאס נפש, איז קשה ווארום איז ווייא צו דען נפש, ווייא צו דען גוף קער צו זיין, דער גוף פֿר לירט נאך שבת דען נפש. אלא דער טעם איז דאס בייא דען מענטשן איז איין נפש דער דא נעמט צו זיך צו רואן דריכן דעם רוח פֿון אובן, דען דער נפש איז איין ארט צו דען רוח ווייא דער גוף צו דען נפש, אזוי גאנצן שבת רואט דער (רוח יתירה) אין דען נפש, דען האט נפש גרוטן (עונג ומנוחה יתירה ותוספת) מער אז עס איז געווען אין דער וואכן, דרום האבן מיר גילערנט אז אלי נפשות פֿון ישראל די ווערן גיקריינט אן שבת, אונ מיר קרון איז דאס דער רוח רואט דריכן אן שבת, אבר נאך שבת אז דער רוח גייט אוועק פֿון דען נפש דרום איז רעכט (וינפש) עס איז ווייא צו דען נפש דאס זי פֿר לירט דען נחת רוח) אונ מנוחה וואס זיא האט גיהאט גאנצן שבת, אונ דרום ווייל דער רוח רואט אן שבת אויז די

בהעפט אן ישראל ווערן ישראל ניט געשטראפט געווארן (במעשה העגל)· קומט אונ זעהט עס שטייט בתורה (ויקחו לי תרומה מאת כל איש אשר ידבנו לבו), זאגט ער כל איש פון איטליכן (אפילו ערב רב), דען הקב"ה האט וועלן מאכן דאס (מעשה משכן מכל צד) פון אלי זייטן ווי איין פרג אלז ארום איין שינליכטס אלז ישראל זיינן אינווייניג. אונ די (ערב רב) הערויסן אום זיי: דרום ווייל די (ערב רב) זיינן געווען לוויטן זיי, דרום (מאת כל איש אשר ידבנו לבו) די (ערב רב). כוול לו זיין מיט ישראל. דר נאך אז זיי זיך האבן ווידר בהעפט אן זייער (אין הטומאה בעגל) אונ האבן מש גיקערט דער נאך אונ האבן גורם (מיתה והרג) גיוועזן לו ישראל, דער נאך זאגט הקב"ה פון איצונד אן זאל דאס (מעשה משכן) ניט זיין נייארט פון ישראל אליין אן דען (ערב רב)· דרום שטייט (ויקהל משה את כל עדת בני ישראל) אונ שטייט דר נאך (קחו מאתכם תרומה לי. מאתכם) פון אייך אליין, ניט ווי דר פיר הט עס שטייט (מאת כל איש אשר ידבנו לבו). (ויקהל משה) פון וואנן האט ער זיא איין גיזאמלט, אלז ווייל די (ערב רב) זיינן געווען לוויטן זייא האט משה אווק מפ טיידן פון זייא אונ ישראל אליין איין זאמלן· ר' אלעזר ור' יוסי קומן פר ר' שמעון זאגט ר"ש איין זון (אלעזר וחברייא) זיצט אינווייניג די דרייא טאג אונ ווייזט אייך ניט דערויסן· דען דער (מלאך המות) איז איצונד געוואונט אין דער שטאט· אונ ווייל עס איז אים געגעבן געווארן רשות לו פאר המרבין קאן ער שאדן זיין גלייך איין אנדרן אויך, אונ ניט הט אליין ווען זיך איין מענש ווייזט פר אים גייט ער ארויף אונ דער מאנט זייני זינד אונ איז מקטרג אויף אים אונ בגערט משפט פון הקב"ה אויף אים אונ גייט ניט אוועק ביז דער מענש ווערט נידון אונ ווערט אים געגעבן רשות ביז ער איז אים ממית. זאגט ר' שמעון דא שווער איך בייא דעם (שם אלהים) דאס דער רוב עולם שטארבן מייער איר צייט קומט ווייל זייא זיך ניט היטן לו היטן, דען בשעה דאס אן מרויס טראגט איין (את לבית הקברות) איז דער (מלאך המות) געוואונט לוויטן די ווייבר. ווארום לוויטן די נשים, דען אזו איז זיין סדר, איזום הט ער האט אן גירעכט לו חוה אונ האט מיט איר (גורם מיתה) געוועזן לגנץ עולם. דרום ווען ער אז איין מענש ממית אונ ווייבר ווערן גיפונדן מיט דען מת דא גייט ער לוויטן דיא ווייבר אן וועג בשעה האט מען דאס מת ארויס טראגט מיט דען הויז ביז זייא קערן לו ריק לו הויז דען האט ער רשות מזיק לו זיין. אונ דריבר האט ער גורם געוועזן מיתה לו פיל לייטן דס זיינן גישטארבן פר איר צייט, אונ דרום שטייט (ויש נספה בלא משפט) דאס איין טייל שטארבן אן משפט, דען ער גייט ארויף אונ דער מאנט דיא זינד פון מענשן ביז דער מענש ווערט נידון אונ שטארבט פר זיין צייט. ווי ווערט אן ניצול בשעה האט מען דאס מת טראגט לום קבר, זאל דר מענש דס פנים אום קערן דאס דיא ווייבר זאלן גיין הינטר זיין אקסיל, אונ ווען זייא זענן זיך מקדים זאל ער גיין הינטר זיך דס ער זאל ניט זיין מיט זיי גיזעהן (פנים בפנים), אונ ווען ער לו ריק גייט פון (בית הקברות) זאל ער ניט גיין אין דען וועג וואו דיא ווייבר שטיאן אונ זאל זיי ניט אן זעהן כלל, ניימרט ער זאל איין אנדרן וועג גיין מהיים, אונ דרום ווייל די לייט האט ניט ווסן אונ זיינן ניט משגיח אונ מקפיד דרויף, דא ווערן דאס רוב מענשן (נידון בדין) אונ שטארבן פאר זייער צייט· זאגט רבי אלעזר נאך דעם טאק ווער באשטר גאר ניט אלזה לו זיין איין מת. זאגט ר' שמעון ניין דען איין מענש קאט ער איז געהיט היינט, דא איז ער (זוכה לאורך ימים, אבל שכן לעולם הבא). קומט אונ זעהט ניט אום זונשט האבן די קדמונים פר לייטן מתקן געוועזן ווען אן איין מת האט ארויס גיטראגן פון לו הויז (לבית הקברות) האבן זייא גיבלאזן מיט דען שופר, דעמט וועגן אויב וועלטס איינן אן האט דאס מתקן געוועזן פון (כבוד המת) וועגן, ניין נייארט אגין לו זיין (על החיים) דאס ניט זאל שולט אויף זיי זיין דער (מלאך המות משטין ומקטרג) לו זיין אויף לעבעדיקע אונ זאל געהיט זיין פון אים:

פתח ער הייב אן (וְכִי תָבֹאוּ מִלְחָמָה בְּאַרְצְכֶם עַל הַצַּר הַצֹּרֵר אֶתְכֶם וַהֲרֵעֹתֶם בַּחֲצוֹצְרוֹת) זיינן מיר מדייק עס שטייט (על הצר) דס איז דער (מלאך המות). (הצורר אתכם) ער בעלייזיגט אייך תמיד, ער איז (ממית בני אדם לדיקים) דס די לייט זיינן זיך מלעך אויף איר מיתה, אונ ער בגערט ממית לו זיין אנהרי, וואס פר איין תקנה זאלט איר טאן (והרעותם) דאס איז (בראש השנה) דס איז דער (יום הדין) אובן דער (מלאך המות) נידרט ארמפ משגיח לו זיין אויף די מענשן אונ אויף לו גין מקטרג לו זיין אובן. אונ ישראל ווייסן וואו דאס דער (מלאך המות) נידרט אונטן מקטרג לו זיין· זיינן זיא זיך מקדים (בשופר ויבבא) לו שאלן אויף אים דאס ער זאל לו ברעכן ווערן בתרועה, אונ זאל ניטש קענן טאן אונ זאל מגין זיין אויף זייא, (ואכל שכן) ווען ער טוט איין דין אונ איז ממית מענשן אונ ער איז געוואונט אונטן. (ואכל שכן) ווען מן גייט (לבית הקברות) אונ ווען מען לו ריק גייט פון בית הקברות, דען בשעה דאס דיא ווייבר גיאן מיט דען מת נידרט ער אונ איז געוואונט ביי זייא, אז דער פסוק זאגט (רגליה יורדות מות) ווען נידרן אירי פיס ארמפ מות לו דעם דא דר הייסט מות. (על כן) האט חוה גורם געוועזן די (מיתה לכל העולם)· הקב"ה דער דא הייסט רחמן זאל אונז אלין זיין: קומט אונ זעהט עס שטייט (כן דרך אשה מנאפת) דאס איז דער (מלאך המות) אונ אזו איז עס, אונ אזו ווערט ער גהייסן (אכלה ומחתה פיה) ער פר ברענגט די גנן עולם אונ איז ממית מענשן פער זייער לייט. (ואמרה לא פעלתי און), ער זגט ער טוט קיין אום רעכט דר מיט, דען ער בגערט איין דין, אונ (בדין המות) שטארבן זייא· ובשעה דס ישראל האבן אומכן דס עגל אונ זיינן אזו פיל אין מוועק גשטארבן פון זייא, איז הער מלאך המות געוואונט אונ גפונדן געוועזן ביי זיא. אז משה זעהט דאס ער איז גיפונדן לוויטן דיא ווייבר אונ (מחנה ישראל). (אזיד ויקהל משה וגו') דאס זיינן דיא מאנן האט ער אב גיטייד אונ איין גיזאמלט בזונדר, אונ דער (מלאך המות) האט זיך אב גיטייד פון די מאן ביז דאס משכן איז אויף גיריכט גיווארן, (אפילו בשעה) דאס דיא נשים האבן גברענגט (לנדבות המשכן) איז ער לוויטן זייא געוועזן, ביז משה זעהט דאס אונ האט געגעבן איין עצה לו דיא מאנן האט זייא זאלן קומן לו גיין מיט איין אנדר בחבורתה מיט די ווייבר אונ זאלן ניט זיין גזעהן מיט זייא (פנים אל פנים) נאר הינטר אירי אקסיל זאלן זיין די ווייבר, אז דער פסוק זאגט (ויבאו האנשים על הנשים) ווארום שטייט ניט ויבאו (האנשים עם הנשים), נאר מיר דרף לו גיין איז ניט געוועזן מיט זיי, דרום

שטייט

שטייט ויבואו זי קומן דיא מאנן פֿר די ווייבר. דרום וויל דר (מלאך המות) האט זיך ניט אב גישייד פֿון ווי ביז דר משכן אויף גשטעלט גווארן. דרום שטיט (ויקם משה את המשכן) ער האט די קליפה אפּ גשיידן אן הקדושה. מסתחרן ווייא ווארן גזעסן דיא חברייא דען גאנצן טאג אונ ווארן (עוסק בתורה).

פתח ר"ט הייב אן וַיֹּאמֶר יְיָ לְנֹחַ בֹּא אַתָּה וְכָל בֵּיתְךָ אֶל הַתֵּבָה

דען פסוק האבן דיא חברייא שון מפֿורש גוועזן, אבר קום אונ זעה האט דען הקב"ה ניט גקאנט היטן צו נח מיט איין אנדר מיטל דז אויף דען ארט זאל קיין מבול זיין, אז ביים גדעון שטיט גשריבן (ויהי חורב אל הגזה לבדה) דער וואל וואר אליין טרוקן. אונ דר טויא איז גוועזן אין אלע ערטר. אדר ער האט אים קענן היטן (בארץ ישראל) דאס דארטן איז קיין מבול גוועזן, וויא עס שטייט (לא גושמה ביום זעם) דער רעגן פֿון דען טאג דש דר צארן איז גוועזן איז אין (ארץ ישראל) ניט גוועזן, אלא ווען דער (משחית ומחבל) נידרט בעולם ווער זיך פֿר אים ניט צו שליסט אונ איז אפֿין פֿר אים איז ער (מתחייב בנפשו) ער איז זיך אליין ממית. מכלל מיר לערנן פֿון לוט, עס שטיט (המלט על נפשך אל תביט אחריך) דרום וויל דר משחית גייט הינטר דיין אקסל דא דוא ווערשט דיין פנים אום קערן צו אים (פנים אל פנים) ווערשטו ניזוק ווערן, דרום שטייט ביים נח (ויסגור יי בעדו) דאס ניט דער (מלאך המות) זאל זעהן אונ קענן שולט אן אים זיין, וויל זייא זיינן דא פֿר בארגן גוועזן זיינן אין דער שטאט גישטארבן דרייא צעהן מענשן. זאגט ר"ט (בריך רחמנא) גילובט זיי הקב"ה דער רחמן דש דר (מלאך המות) האט ניט גזעהן אן אייער גשטאלט:

דער זוהר איז מאריך אין קדושה פֿון שבת אונ אין די תפֿלות, אונ אז שבת איין גייט דא רופֿט איין כרוז אויס אין אלי היכלן זייט אייך (מתקן מרכבות) אונ חיילות קיגן אייערן הערן. דען גיט אויס איין (רוח מצד ימין) דער הייסט (לבוש יקר) ער פֿר שפרייט זיך איבר אלי (חיילות ושיירות), דען ווערט דער טיש פֿון דען עולם אן גיברייט בשמחה, וואל זיין חלק פֿון דען מענשן דר אן ריכט זיין טיש וויא אן דארף אונ דער טיש שטייט אן חרפה איטליכר נאך זיין פֿר מעגן אונ זיין כח נאך. אז שבת גייט איין מוז זיך דער מענש אפּ וואשן, דען אן דר וואכן גוועלטיגט איין (רוח חול). אונ אן שבת בקומט ער דען (רוח אחר הקודש) קער ער זיך מקדש דער צו זיין אונ אין מרחץ צו וואשן אפּ צו טאן פֿון זיך דען שמוץ פֿון וואך, מקבל צו זיין דיא הייליגי (נשמה יתירה), דורך דער (נשמה יתירה) ווערט פֿר געסן אלי אום לוסטיקייט אונ צער, דען דארטן וואו זיא איז דא איז אייטל (שמחה וחדוה): דען אז דער רוח אונ (נשמה יתירה) אראב קומט, ווערט זיא פֿאר גוואשן אין דיא בשמים פֿון ג"ע אונ נידרט צו רואן אויף (ישראל עם הקודש) אונ ווען זיא נידרט אראפּ צום ערשטן אין ג"ע נידרן מיט איר זעכציג (מרכבות) די ווערן גקריינט אויף זעקס זייטן, אונ אז זי קומט אין ג"ע אלי רוחות ונשמות די זיינן אין ג"ע דער וועקן אלי דען רוח וואס דא נידרט אויף ישראל אונ זאגן וואול צו אייך ישראל (עם הקדש) דאס דער רצון פֿון אייערן הערן טוט אזו זיך דער וועקן צו אייך, דרום שטייט (ושמרו בני ישראל את השבת) דאס ווארט את איז מרבה דעם רוח וואס נידרט אויף זיא אן שבת. אז ער זאל אויף גיהיט ווערן מיט תענוגים אונ שמחה דאס ח"ו קיין דאגה וצער אונ אום לוסטיקייט זאל בייא דען מענשן זיין. אדר כעס ורוגז דען איז ער פוגם אן דען (רוח ונשמה יתירה), דען דארטן וואו זיא איז בגריפֿן איז אייטל (עוז וחדוה ושמחה ורצון), אונ ווען ער יוא דאס טוט דער מאכט ער דען כח פֿון דער לעבר דאס דער וועקט דען כעס דאס איז דער כח פֿון סמא"ל, אונ ווען ער אום לוסטיג איז דאס קומט פֿון מילץ. דיא מילץ דארט וואונט די ליל"ית זייא דער וועקן זיך אויף דער קדושה פֿון שבת. דאס איז אויך מרמז (לא תבערו אש) מן זאל ניט אן צינדן וויל איר כח גאנץ שבת איז פֿר לאשין אונ איז שטיל דש זיא ניט קאנן שולט זיין, אונ ווען דער מענש דאגה אדר צער וכעס האט בשבת, שטארקן זיא זיך אויף דר הייליגה נשמה דרום זאגט דער פסוק (ושמרו בני ישראל את השבת) צו היטן אויך דיא (נשמה ורוח יתירה) דאס דיא קליפות זאלן ניט זיך בייא אים שטארקן אונ אן גיצונדן ווערן, דרום שטיט (ישעיה נ ו) (כל שומר שבת מחללו) צו היטן דען שבת דאס די קליפות זאלן ניט פֿאר שוועכן דיא קדושה פֿון שבת. אין דער זאך איז נאך איין זאך דער רוח וואס אן שבת שולט איז אויף ישראל, דער האט איין הנאה פֿון אירי (תענוגים) פֿון עסין אונ טרינקן אין דיא דרייא סעודות דיא דא זיינן אין דרייא (מדריגות עליונות), דען נעמט זיא איין (עונג ושמחה) אין דיא סעודות. וואל זייער חלק ווער דיא נשמה איז מהנה מיט תענוגים אן שבת. דען דר רוח הט אובן איין הנאה די גאנצי וואך פֿון דען (רוח עליון) פֿון די (אורות הקדושים), אונ אן שבת אז זיא נידרט אראפּ אונ ווערט גיוואשן אין (ג"ע) בייא נאכֿט האט זיא איין (תענוג והנאה) פֿון דעם (עונג הגוף), אונ דער רוח ווערט גיקריינט פֿון אובן אונ פֿון אונטן אונ ווערט גיזעהן אויף אלי זייטן מיט דער קרוין פֿון אובן אונ אונטן, אונ וויל זיא איז דיא צייט בייא דען מענשן, דא מוז ער זיא היטן אונ מוזן זיא מענג זיין מיט אלי (תענוגים) עסין אונ טרינקן מיט אלי שמחה מיט שייני קליידר, דען אזו ווערט זיא גקריינט אונ גהיט אונטן. ובספר פֿון (שלמה המלך) אונ דאס הייליגה ליכֿט ר"ט האט גזאגט עס שטייט (וביום השביעי שבת וינפש) ווען דיא נשמה יתירה אוועק גייט נאך שבת זאגט זיא (וינפש) זיא האט פֿאר לארן דאס נפש, איז קשה ווארום איז ווייא צו דען נפש, ווייא צו דען גוף קער צו זיין, דער גוף פֿר לירט נאך שבת דען נפש. אלא דער טעם איז דאס בייא דען מענשן איז איין נפש דער דא נעמט זיך צו רואן דרינן דעם רוח פֿון אובן, דען דער נפש איז איין ארט צו דען רוח וויא דער גוף צו דען נפש, אזו גאנץ שבת רואט דער (רוח יתירה) אין דען נפש, דען האט דאס נפש גרוסן (עונג ומעלה יתירה ותועלת) מער אז עס איז גוועזן אין דער וואכן, דרום האבן מיר גילערנט אז אלי נפשות פֿון ישראל די ווערן גיקריינט אן שבת, אונ איר קרון איז דאס דער רוח רואט דרינן אין שבת, אבר נאך שבת אז דער רוח גייט אוועק פֿון דען נפש דרום איז רעכֿט (וינפש) עס איז ווייא צו דען נפש דאס זי פֿר לירט דען נחת רוח) אונ מעלה וואס זיא האט גיהאט גאנץ שבת, אונ דרום וויל דער רוח רואט אם שבת איז די

צייט

לייט פון דיא (חכמים צדיקים וחסידים) זיך בהעפטן מיט אירי ווייבר, דען קאן ער ציהען (נשמות קדושות) און ירשנן די (קדושה עליונה) ווייל עס קען צו זיין צו דיא קינדער, אז דר (רוח וטומאה יתירה) קומן אראפ און רוהן אויף דעם עולם, דען טוהן זיך אפ אלי (רוחות רעות) און אלי מקטרגים פון דעם עולם, דען דארף מען ניט מתפלל צו זיין אויף שמירה דרום ווייל שוין ישראל זיינן געהיט מכח דעם רוח און דיא (סכת שלום) פר שפרייט איר פליגל אויף ישראל זיינן זי געהיט פון אלים. און דוא ווילסט פרעגן איר האבן געלערנט דאס איין מענש זאל ניט גיין אליין נאך דיא פירטע נאכט און ניט די נאכט פון שבת פון וועגן מזיקים, וואס בדארף ער זיך צו היטן, ווען (בליל שבת) זיינן זיא דאך געהיט פר אלי מקטרגים און בדארף ניט מתפלל צו זיין אויף שמירה קומט און זעה עס איז בוודאי אמת, דיא פירטע נאכט האבן זיא איין שליטה דרום ווייל דען פירטן טאג איז די לבנה געקלענערט געווארן, דרום שטייט (יהי מארת ברקיע) חסר ו', דרום האבן דיא מזיקים און (שדים וקליפות) איין שליטה די נאכט און (בליל שבת) ווייל אלי ווערן פר שפרייט צו גיין אין נאך פון התהום אראפ דאס זיא ניט קענן שולט זיין, קער זיך איין מענש אליין היטן, דען ווען גלייך זיא האבן קיין שליטה ווערן זיא צו זייטן געזעהן, דרום ווען איין מענש אליין איז מוז ער זיך דאך היטן, דען אן שבת איז איין שמירה צו ישראל (עם הקודש), און ווען שבת איין גייט דא קריינט הקב"ה צו מיטליכם פון ישראל דא מוז זיא דיא קרוין היטן, און ווען גלייך דיא קליפות זיינן ניט געוואנט אין ישוב נייארט באדבריות, צו זייטן ווען איינר אליין איז ווערן זיא געזעהן קאן זיין (ריעה מזלא): דא מוז דער מענש געקריינט ווערן מיט הייליגי קרוינן און מוז היטן זיך, און (יום השבת) איז דער טאג פון שמחה צו אלי, און אלס ווערט געהיט אובן און אונטן, אז דאס הייליגע ליכט פון שבת קומט, זיינן זיך דאס עם הקודש מקדים אין שול מיט שמחה געקריינט מיט הייליגע קרוינן פון אובן מיט (חשובה) קליידר. זיא טוהן ליבן מיט ליב און געמיט מיט דעם רוח וואס אויף זיא שטייט אונטן דא גייט דער (שיר ושבח) אובן, און דיא (עליונים ותחתונים) זיינן אלי בשמחה און ווערן אלי מיט אמאל געקריינט, דען היבן אן דיא עליונים און זאגן וואול צו דיא הייליגע פאלק אויף דער ערד דאס איר העכר ווערט געקריינט אויף זיי, און אלע (חיילות הקדושים) דיא ווערן געקריינט מירכט וועגן, דער טאג פון שבת איז דער טאג פון דער נשמה און ניט פון גוף, אז דיא עם הקודש גיאן אין שול איז אסור משתדל צו זיין אפילו אין שול זאגן נאר אין אייטל (שירות ותשבחות) און תפלות און תורה ווי עס ראוי איז, און ווער עס איז עוסק אין וועלטליכע זאכן, דער מענש איז (מחלל שבת) דער האט קיין (חלק בעם ישראל). צוויא מלאכים זיינן ממונים דרוף (ביום השבת) און זיא טוהן אירי הענט אויף זיין קאפף און זאגן, וויי צו דעם פלוני דער האט קיין חלק אן הקב"ה, דרום מוז מן משתדל זיין אלס מיט (תפלות שירות ותשבחות) פון אירן הערן און עוסק בתורה זיין, און דער טאג איז פון דער נשמה, דרום לובט מן זיא מיט דען שבח פון דער נשמה און זאגט (נשמת כל חי תברך את שמך יי אלהינו ורוח כל בשר) עס איז קיין שבח ניט נייארט (אלא נשמה ורוח), און דער טאג שטייט (ברוח ונשמה) און ניט בגוף, און דען שבח פון (סוד יום הקודש) דאס ליכט פון טאג זאגט מן (יוצר אור) דאס איבערשטי ליכט וואס פון אים ווערן געשפייזט און לייכטן אלי (חיילות און מרכבות ומזלות) און אלי דיא דא געוועלטיגן אויף דער וועלט דער שבח פון (עולם הבא) כיום זה. והיינו דש איז דר שבח [אל אדון על כל המעשים]:

אל אדון דער שבח איז מיט צוויא און צוואנציג (אותיות עליונים) נאך דער סדר (אל"ף בי"ת) דאס ווערט געקריינט מיט די אבות און (מרכבה הקדושה עליונה) און צווי און צוואנציג קליינע אותיות (אל ברוך גדול דעה וגו') איז אויך דש סדר פון (אל"ף בי"ת) זיינן גרושה סודות דרוף. ווען דער שבח גיט ארויף קומן זיבציג (מרכבות עליונים) און ברענגן דען שבח פון דעם הייליגן פאלק און ברענגן אים ארויף צו ווערן געקריינט (כסא מרכבות עליונים) דיא נשמה זיינן אויף דיא צדיקים אין ג"ע זיינן אלע געקריינט מיט דען שבח, און אלע (מרכבות) און אלע נשמות פון דיא צדיקים דיא גיאן אלע אויף מיט דען שבח ביז אן דען אורט פון (כסא הכבוד), און אז זיא קומן צום (כסא הקודש) דער (שבח פון כל ישראל) שטייאן זיא דארטן ביז זיא זאגן דיא (קדושה עליונה) פון מוסף, דען גייט ארויף פון אונטן אובן צו ווערן בגריפן גאנץ הויבן צו זיין אלס מיינט דאס איז דער שבח וואס גייט אויף איבר אלע שבחים, ווייטר (ישמח משה) איז דיא שמחה פון דיא אבות זיינען זיך משמח מיט דיא (מתנת חלקו) פון משה, (דש איז בקיצור וועגן סודות), ווייטר שטייט דער סוד פון ס"ת צו לייאנן שבת אויף צו רופן נאר זיבן קיגן זיבן קולות די שטייאן אין (מזמור הבו ליי בני אלים). (ביאים טובים) לייענט מען פינף: (כי"כ) זעקס: (בר"ה) פיר: זיינן אייטל סודות: דיא תיבה וואו מען דרויף טוט ליגן דיא ספר תורה מוז האבן זעקס מדרגות שטאפלן ניט מער קיגן זעקס טרעפ פון שטול (שלמה המלך) דאס איז אלס איין סוד, און ווען מען לייאנט דארף מען נאר צו הערן נאר אין קול פון חזן: אז דיא ס"ת קומט אויף דער בימה, קערן זיך אלע לייט אן צו גרייטן צו שטיין מיט יראה און ציטרניש און צו הערן בכוונה, גלייך אז זיא זאלטן דא שטיין אויף בארג סיני מקבל צו זיין דיא תורה זיא זאלן צו הערן און נייגן אירה אורין, און קיינר טאר ניט דאס מויל עפנין אפילו בתורה מכ"ש אנדרע רייד נייארט צו שטיין במורא גלייך אז דער מענש האט גאר קיין מויל ניט, ווי דר פסוק זאגט (וכפתחו עמדו כל העם ואזני כל העם אל ספר התורה). זאגט רבי שמעון אז מען אויס נעמט די ספר תורה צו לייאנן בציבור און עפינט דאס ארון הקודש, דא ווערן געעפינט דיא (שערי שמים של רחמים) און זיא דער וועקן ליבשאפט אויבן דא קער דער מענש דאס צו זאגן (בריך שמיה): (ווער דען בריך שמיה אויף תרגום לשון ניט מאר שטייט, איז בעסר אזוא אויף טייטש צו זאגן בכוונה):

בריך געלויבט איז זיין נאמן פון דען (רבון עולמים) דער הער פון אלי וועלטן געלובט איז דיין קרון און דיין ארט. עס זאל זיין דיין ווילן מיט דיין פאלק ישראל אייביג און דיא גאולה פון דיין רעכטע האנט זאלסטו ווייזן דיין פאלק ישראל אין דיין בה"מק און צו גרייכן אונז פון דיין גוטע ליכט

און

און מקבל צו זיין אונזערי תפלות מיט דיין דער בארעמיקייט ניט לאז זיין לרצון פאר דיר: און דוא זאלשט אונז דערצייכנען (חיים טובים). און מיר זאלן נאכדעם ווערן צווישן דיא צדיקים מרחם צו זיין אויף מיר און צו היטן מיך און אלעס וואס צו מיר קער און צו דיין פאלק ישראל, דוא ביסט (זן ומפרנס לכל) דוא געוועלטיגסט איבר אלע מלאכים, דאס מלכות איז דיין איך בין דער קנעכט פון הקב"ה בין מודה ומשתחוה פאר איהם און פאר דער כבוד התורה אלע צייט, איך טוא מיך ניט פארזיכרן אויף קיין מענטש און אויף קיין מלאך בין איך זיך ניט סומך נייערט אן דעם גאט אין הימל דר איז איין (אל אמת) און זיין תורה איז אמת און זיינע נביאים איז אמת און מערט צו טאן גוטס און אמת, אן איהם טוא מיך איך פארזיכרן, און צו זיין גיעהרטן הייליגן נאמען זאג איך לויב (יהי רצון מלפניך) דוא זאלשט עפענען מיין הארץ צו דער תורה און זאלשט מלא זיין דאס בגער פון מיין הארץ און פון דעם הארץ (כל ישראל לטובה ולחיים ולשלום אמן:

אונ ווען מען זאגט בתורה דא זאל דער קורא אובן שטיין און אלע זייט אונטן, גלייך וויא (בהר סיני) שטייט (ויתיצבו בתחתית ההר ומשה עלה אל האלהים), און דר דא זאגט דער זאל זיין כוונה מיט זיין הארץ און זאל האבן צו דיא רייד וואס ער זאגט. און זאל וויסן דאס ער איז דער שליח פון זיינע הערן צו מאכן הערן דיא רייד (לכל העם): דען ער שטייט איבר אלע אין געשטאלט פון אויבן דאס הקב"ה האט גירעדט פון בארג סיני, דרום ווער עס זאל זאגן בתורה קען זיך פאר דער פיר מסדר צו זיין דר היים, (ואם לאו) זאל ער ניט זאגן אין דער תורה, מיר לערנן פון הקב"ה ער האט פאר געזאגט דיא תורה פאר זיך אליין ער האט ארויס גירעדט צו ישראל, וויא דער פסוק זאגט (אז ראה ויספרה הכינה וגם חקרה). דר נאך (ויאמר לאדם הן יראת יי היא חכמה), אויך איז אסור דער דא זאגט בתורה מפסיק צו זיין אין פרשה אחר (אפי' דבור אחד) נייערט די פרשיות אין ארט דאס משה האט מפסיק געווען (נעם הקודש). ער זאל אויך ניט מפסיק זיין דיא פרשה פון דעם שבת אן אנדר שבת, דער טעם איז ווען מען האט אויס געזאגט דיא פרשיות פון גאנצן יאהר און ווערן גיקריינט פאר הקב"ה און ווערט איטליכע פרשה גיקריינט און שטייט פאר הקב"ה אלע שבת, און אז מען גאר איז מסיים פון גאנצן יאר און ווערן גיקריינט פאר הקב"ה, זאגט הקב"ה דוא ביסט פון דעם שבת פלוני און די איז פון שבת פלוני, (כאותו שעה) רופט הקב"ה צו דעם (מלאך יופי"י השר הגדול) און דרייא און פופציג (מרכבות קדושים) דיא זיינען אונטר איהם און זעלט זיא (בשמות של תורה) און איטליכה מרכבה זעלט ער אויף דיא פרשה פון דעם שבת. און איטליכר בודקט צו דער תורה זיין שבת: און עס איז אסור צו מישן איינס מיט דעם אנדרן און ניט מאכן אין גיין איין מרכבה אין דער מרכבה פון זיין חבר (אפילו כמלא נימא) אפילו מיט איין ווארט ניט אפילו מיט איין (אות) אויך ניט. נייערט איטליכע פרשה וויא הקב"ה האט זיא גיטיילט און גיזעצט אין דיא פרשיות פון יעדער משמר און אויף זיין משמר, און דרום ווען דיא זעלביגע פרשה ווערט גיקריינט דא גיהן אויף דיא רייד פון דער פרשה דס דא איז כתוב געווארן בצבור. דא נעמט דיא מרכבה דיא ממונה איז אויף דער פרשה און ברענגט זיא ארויף פאר הקב"ה: און דיא רייד ממש וויא זיא ווערן גיזאגט אונטן שטיין פאר הקב"ה און זאגן מיר פרשה פלוני דס איך האב געזאגט אויס דאס צבור פלוני אזו און אזא איז גיזאגט געווארן וויא מיר רמי וכלון איז: גיהן די רייד אויף און ווערן גיקריינט אויף דעם (כסא הקודש) און דיא מרכבה איז משמש פאר איהם, און אז איטליכע מרכבה פון איטליכן שבת די ווערן אזוי גקריינט אין דעם (כסא הקודש) און מיט דעם גייט זיא ארויף נאכן אובן דס אלע ווערט גימאכט איין (כולן אחד) דרויס, דרום זאל זיין אלץ ווער רעדט איז משלים אלע שבת זיין פרשה כראוי, אז שבת אויס גייט דא מוזן ישראל אונטן זאגן. דען דער שבת איז דר (יום הגדול העליון) דער חשובר גאסט רוהט אויף איהם: דרום זאל מען ווייזן צו זיין דס מען ניט איז דוחה דעם הייליגן גאסט, זאל מען ניט איין מיט מעריב, דען הייבן ישראל אן (והוא רחום יכפר עון) דאס איז דער רעכטר תיקון אין דער נאכט. ווייל דער דין און דיא קליפות זייגען גאנץ שבת פר בארגן גוועזן און איצונד קערין זיא ווידר צו זייער ארט, דרום הייבט מען אן (והוא רחום יכפר עון) דאס ארט פון די קליפות (עון און משחית אף חימה) די גאנצע זייגן אין (והוא רחום) זאל קיין שליטה האבן אויף אונז:

בשעה אז ישראל הייבן אן (ויהי נועם און ואתה קדוש) מיט דער (קדושת הסדר) הייבן אן אלע רשעים און זאגן וואוהל צו אייך (ישראל עם הקודש) וואוהל צו אייך צדיקים דיא היטן דיא (מצות התורה), וויא צו דיא רשעים דיא ניט זוכה האבן געווען צו היטן די תורה. דען איז זיך דער ממונה (דומה מקדים) און איין (כרוז) דער וועקט זיך און זאגט (ישובו רשעים לשאולה כל גוים שכחי אלהים), און אלע (מלאכי חבלה) טרייבן זיא אין גיהנם און איז קיינר דער זיך איז מרחם איבר זיא: וואוהל צו זיא דיא רעכטע האלטן (שבת בזמן הזה) און זייגן זיך (מתענג מיט תענוגים). צו דעם עונג וואס אויף די רוהט אן שבת פון אובן וויא אובן איז גיזאגט געווארן. און ווער דא זיצט (בתענית) אן שבת זייגן צווי די דא זיך אויף איהם דר וועקן פון אובן פאר (המלך הקדוש), איינר דער (רוח הקודש) וויא אובן איז גישטאנדן דער נשמה האט פון (עונג שבת) דיא (נשמה יתירה) און ער האט זיא ניט מתענג געווען: און איינר דער דא שטייט אויף דיא דא האבן (בשבת התענית) ער הייסט (סנג"ר) און גיהן ארויף פאר דעם (מלך הקדוש): און זיא דער וועקן אויף איהם דעם רוח פון שבת וואס גייט אויס בחסרון דס ער האט קיין (עונג שבת) גיהאט אונטן, און אז ער איז ניט גאנץ אונטן איז דער רוח פון אובן אויך ניט גאנץ: און ווען זיא זייגן ניט גאנץ מחמת דעם תענית איז דער מענטש ראוי איין עונש און גיפסלט צו ווערן, נייערט ווען ער וויל מאכן איין אנדר מאל מיט (עונג שבת) געווארן, און דער ממונה אויף דעם (תענית שבת) ווערט גאנץ דורך נדרי ממונים מיט דעם עונג פון אובן, דרום צו רייסט מען איהם זיין גזר דין פון זיבציג יאהרן (ענויים), עס איז איין וועג צו איין אוק דר זיך איז משמח אין זיין (שמחה וחדוה) און אלע

צייט

לייט זיינען זיך מיט אים משמח, זעהט ער איין מענש זיצט תפוס גיבונדן אין גרוסר צער. זאגט דער מלך מען זאל אים פריי לאזן כדי דאס אלע זאל זיך משמח זיין. דרום ווער זיצט (בתענית בשבת) צו רייסט מען זיין (גז"ד הרעה כדי) דאס אלי זאל לוסטיג זיין (בשמחת המלך עליון), אבר דער נאך קערין זיך אום דיא מלאכים דיא דא שטראפן צו מענשן אונ בלאזן דעם מענשן ווייל פון זיינט וועגן איז איין חסרון גוועזן אובן אונ אונטן: וואס איז זיין תקנה ווייל ער האט מבטל גיוועזן דען (עונג שבת) אונ זעלט אן דער וואכן ניט תענית האבן, ווערט גיזעהן אז ער האלט חשובר דיא וואכענדיגע טעג אז יום (שבת קודש), אונ דעם (רוח עליון הקודש) דאס ער האט ניט מענג גוועזן, אונ דען (רוח חול) איז ער יוא מענג אזו ווערט ער בלאזט מיט שטראף פון עו"הז אונ עו"הב: דרום זאל ער ווידר תענית הבן (בחול יום ראשון), דש דער (רוח של חול) זאל אויך בתענית זיין דאס אזו איז זיין רפואה: דאס איז גלייך אז דיא תורה האט מער חרב גימאכט בייא איין גנב אז בייא איין גזלן דרום אזו איין גנב צאלן (תשלומי כפל), דרום ווייל דער גנב פארכט זיך מער פר דיא לייט אז פר הקב"ה, אבר איין גזלן דר פארכט זיך פר קיינם ניט אונ גזלת פריי ניט בשתיקה: אזו אויך ווען ער ניט זאלט ווידר פאסטן (ביום א') מאכט ער חשובר דיא וואכענדיגע טעג אז (יום השבת), וואל דען מענש דער דא מאכט גאנץ אונטן צו דען (עונג העליון) וויא עס קער זיין: דער (יום שבת קודש) ווערט גיקריינט מיט זיבציג קרונן אונ דער (שם הקודש העליון) ווערט גאנץ אויף אלע זייטן. אלץ מדריגות ווערן דער לייכט אונ אלע זיין (בחדוה ושמחה פון ברכות וקדושה על קדושה ותוספות קדושה) דא אזו דער מענש עדות זאגן דיא נאכט פון שבת מיט דען (קידוש בשמחה וברצון לב) מעיד צו זיין (זכר למעשה בראשית), אונ ווער זיין מחשבה ורצון לב הט דר צו איז הקב"ה מכפר זיין עונות:

(דאס איז אלס בקיצור גשריבן מכח סודות):

פרשה פקודי.

אלה פקודי המשכן משכן העדות. דר (רוח הקודש) זעלבסט האט גוויזן צו אלע דען חשבון פון אלים גאלד אונ זילבר וואס ישראל האבן מנדר גוועזן: אונ דער (רוח הקודש) האט גיזאגט (וכסף פקודי העדה מאת ככר וגו'): (כל העשוי למלאכה) דען הקב"ה האט בגערט אין דיא (בעלי מלאכות) אום ווילן אויט ליהן אונ צו ווייזן איר נאמנות פאר אלע: דרום שטייט (אלה פקודי המשכן): קומ אונ זעה (במותו שעה) דאס איז גימאכט גווארן דער משכן דא איז דער שטן גיגאנגן אונ האט גישוועבט אונ העט גערן איין קיטרוג גיפינן אונ האט ניטס גיפונן איבר אירן נאמנות, ביז הקב"ה האט אים מאכן מונטר שאן בוקנדיג פר משה. דא האט ער גימאכט דען (חשבון) איבר גוואלט. אזו הט ער איר נאמנות אויף גבראכט פר אלע, קומ אונ זעה דאס משכן איז גציילט גיווארן דרום הוט משה מוזן מתפלל זיין דאס דיא ברכה זאל דרויף רוען, דרום שטייט (ויברך אותם משה) וואס פאר איין ברכה האט זיא משה גבענטש (יהי רצון) עס זאל רוען דיא (ברכה במעשה ידיכם), דען איין זאך וואס מען ציילט איז קיין ברכה רואט דרויף אונ דיא ברכה האט ניט גירוהט אויף דען חשבון ביז משה האט עס גיקניפט אונ בהעפט אובן: דרום שטייט (אלה פקודי המשכן משכן העדות אשר פקד על פי משה) ווען עס ווער ניט גיציילט גווארן דורך משה העטן זייא ניט קענן מאכן איין חשבון, דען דיא מדריגה פון משה האט גיטאן דאס ער האט גורם גוועזן דען עס איז גציילט, דרום שטייט (אשר פקד על פי משה): קומ אונ זעה בשעה דאס אלע (בעלי מלאכה) האבן אן גהובן צו ארבייטן דאס זעלביגי מעשה ממש האט זיך זעלבסט גימאכט אונ האט זיך (משלים) גיוועזן, דער (בעל מלאכה) האט נאר אן גיהויבן אונ דיא מלאכה האט זיך זעלבסט גימאכט. דרום שטייט (ותכל כל עבודת משכן אהל מועד), אזו אויך בייא (בריאת עולם ויכלו השמים והארץ) איז אויך טייטש זייא האבן זיך זעלבסט משלים גיוועזן. אונ אויך אז מען האט גיבויאט דאס (בית המקדש) האט זיך אויך איטליכע מלאכה אליין גימאכט, אונ דיא (בעלי מלאכה) האבן נאר אן גיהויבן אונ דאס מעשה האט זיך אליין משלים גיוועזן: דרום שטייט (והבית בהבנותו), עס זאל שטיין (והבית אשר בנוהו) וואר משמע זייא האבן גיבויאט. אלא שטייט (בהבנותו) איז טייטש אין זיינעם טון בויאן פון זיך זעלברט, אלא אויך שטייט (אבן שלמה מסע נבנה) אונ ניט בונה, אלא (נבנה) עס איז אליין גבויאט גווארן. אזו אויך אלס וואס איז קודש איז צו גענצט גווארן פון זיך זעלבערט: (ויקם משה את המשכן) רבי יהודה הייב אן אַל תִּשְׂמְחִי אֹיַבְתִּי לִי כִּי נָפַלְתִּי קָמְתִּי ווער איז דער פיינד דאס איז דער (סמאל ומלכות הרשעה) אונ דיא זיינען שונא (במלכות הקדושה), דא זאגן כנסת ישראל איר מייכע פייכט זאלט אייך ניט פרייען, דען ווען איך פאל שטייא איך ווידער אויף, אבר ווען דיין מפלה ווערט זיין ווערסטו נימר אויף שטיין, (גם כי אשב בחושך ה' אור לי) דען וויא פיל מאל איז דיא (כנסת ישראל) גפאלן בגלות, איז גיוועזן צווישן איר שונאים פון דיא עכו"ם אונ אלע זיינען אויף ישראל מכלה צו זיין פון דער וועלט, אונ האבן ניט גיקענט, אז דער פסוק זאגט (על עמך יעריאו סוד ויתיעצו על צפוניך, אמרו לכו ונכחידם מגוי ולא יזכר שם ישראל עוד, כי נועצו לב יחדו עליך ברית יכרותו): (ועל כל זאת) האט זייא הקב"ה

ניט

ניט גילאזן אין זייערע הענט, ווען זיא זיינען גלייך גיפאלן בידי עכו״ם זיינען זיי אויך גישלאגן. עש שטייט (כי נפלתי קמתי) דען הקב״ה האט זיי ווידר אויף גיריכט, ״ אונ כנסת ישראל איז אן גבריית צו זאגן אין דער צייט דאש הקב״ה ווערט זיא אויף ריכטן פון דער ערד אין גלות (אל תשמחי אויבתי לי כי נפלתי קמתי) דוא זאלשט דיך ניט פרייאן דאש איך זייען גיפאלן אין גלות ושעבוד, דען איך בין ווידר אויף גישטאנן אין דער צייט. דרום אויך (בגלות מצרים) דאש משה האט זיא ארויש גיצויגן אונ הקב״ה האט זיא געטאן (ניסים ונפלאות), דען (ויקם משה את המשכן) ער האט זיא אלע אלן אויף גיריכט: וַיָּקֶם הָעָם אֶת אֹהֶל מוֹעֵד

אז דער וואלקן האט צו גידעקט דאש משכן האט גירואט דיא (שכינה) אויף דער ערד. אונ איז צו ברעכן גווארן דער (רוח הטומאה) דער דא איז (קץ כל בשר) פון עולם, אונ איז אב געטאן גווארן אין דען לאך פון (תהום רבה), אונ דער (רוח הקודש) האט גרואט אויף דען עולם, וויא דער פסוק זאגט (ויכס הענן את אהל מועד) אונ שטייט (ולא יכול משה לבוא אל אהל מועד כי שכן עליו הענן) דען דער (רוח הקודש) האט גרואט אויף דען עולם, אונ דער (רוח הטומאה) איז אב געטאן גווארן. נאך דיא רשעים האבן אים ווידר גיצויגן אויף דער וועלט וויא פון ערשטן, ווען זייא האבן אים ניט ווידער גיצויגן ווער ער גאר בעולם: (ולעתיד) איז הקב״ה אן גבריית אים אנועבור צו זיין פון עולם: אז דער פסוק זאגט בִּלַּע הַמָּוֶת לָנֶצַח, וּמָחָה ה׳ אֱלֹהִים דִּמְעָה מֵעַל כָּל פָּנִים וְחֶרְפַּת עַמּוֹ יָסִיר מֵעַל כָּל הָאָרֶץ כִּי פִּי ה׳ דִּבֵּר. אונ שטייט וְאֶת רוּחַ הַטֻּמְאָה אַעֲבִיר מִן הָאָרֶץ. בָּרוּךְ ה׳ לְעוֹלָם אָמֵן וְאָמֵן.

יִמְלוֹךְ יְיָ לְעוֹלָם אָמֵן וְאָמֵן.

תם
חלק ראשון

ספר

נחלת צבי

על חמשה חומשי תורה

חלק שני

דיזי (דברי אומר) פון (זוהר הקדוש)· האבן מיר מעתיק גיוועזן אונ גקליבן דיא (דברים פשוטים)· צו מאכן טרינקען דיא הייליגי גמיין. די קוועלנדיגי וואסר פון טיפי ברונן וואס זיינן זיסר אז האניג. אונ גלייטערט אז גיט גאלד· וואס דש הט גמאכט דר געטליכר **תנא רבי שמעון בן יוחאי**· מיט זייני הייליגי חברים· צו דר לייכטן דיא אויגן פון (עברים). וואס זיינן בהעפט אן גאט. אונ (אודיע) צוא זיין דיא (מצות התורה) אונ אירי (חקים אונ משפטים) וואס זיינן רעכט פארטיג. און דיא (מעלות) פון (בעלי תשובה) אונ טוען (צדקה). אונ די (מדרגות הנשמות) וואס זיינן ריין פון (עבירות). וויא זייא זיינען העכר אז דיא מלאכים פון הימל· אונ דעם גוטס פון רשעים וואס זיינן ווייט פון (יראת ה'). אונ פון זיין (תורה) טוען זיי אפ קערן. אונ ווייער האלן איז אין דעם גיטמארקט ווי זיי ברענגן אין פאלק פייער פון (גיהנם). אונ ווייער נפש ווערט ווערן גיווארפן אין (כף הקלע). איז אלן גיטטעלט געווארן אויף איטליכי (סדרה) פון וואך. דאס האט (מחבר) גיוועזן (הרב הדרשן הגדול צבי הירש זצ"ל בהר"ר ירחמיאל זצ"ל) שטאט קראקא בן האלוף הרב אהור"ר יוסי זצ"ל אביגא)· ובזכות דעם צערכן ווערט הש"י בווייזן אונ פאר נעמן אונזרי (תפלות) אין זיין (בית המקדש). וואס ער ווערט אונז בויאן. במהרה בימינו אמן סלה:

מיר האבן דיזן טייערן ספר גידרוקט פון דאס נייא· מיט (כמה מעלות) וואס נית גיוועזן איז אין דיא ערשטי וואס טוין פון פיל יארן פר בייא:

א איר האבן דא ארויין גיבראכט אלי גאנצי (מאמרים) אויך אנדרי פיל ווערטר וואס גיפעהלט האט אין די ערשטי. אונ אילונגד האבן איר אלי (מאמרים) אויך אנדרי (חסרים) אלט גיטטעלט אויף ווייער ארט.

ב דיא (פסוקים) פון תנ"ך אויך אנדרי נית גיוויינליכע (לשון הקודש) ווערטר וואס דא גיבראכט ווערט. האבן איר גשטעלט אויף עברי טייטש.

ג איר האבן גיטטעלט צווישן איטליכט בזונדר (ענין) מיט איין (הפסק נקודה) אדר צוויא (נקודות) כדי דאס קענן פר שטיין· גאר דאס גאיין· גרויס אונ קליין·

נדפס בתכלית ההידור והיופי. וכאשר נדפס מלפנים

באמשטרדם

בשנת נחלת צבי לפ"ק

ספר
ויקרא

וַיִּקְרָא אֶל מֹשֶׁה רבי חייא הייב אן (בָּאתִי לְגַנִּי אֲחוֹתִי כַלָּה אָרִיתִי מוֹרִי עִם בְּשָׂמִי אָכַלְתִּי יַעְרִי וְכוּ׳ אִכְלוּ רֵעִים) איז קשה ער זאגט צום ערשטן (אכלתי) דער נאך (אכלו רעים) איז דען וואו דער סדר ווען איינר בריים איינם אויף צו איין סעודה אז דש שפייז איז אן גבריים אונ ער האט שוין געגעסן וויא ברייאט ער אן ווידר אנדרי אז ער זאגט דער נאך (אכלו רעים): אלא וואו צו ישראל האט הקב״ה וויל זייא מטהר אונ מזכה זיין אונ בגערט אן זיי מער אז אלע אומות עכו״ם. אונ ווייל ער זיא בגערט וויל ער זייא אויף ברענגן פֿון אלי (מקטריגים) וואס אין דער וועלט: קום אונ זעה דער נאך אז דש משכן איז געשטעלט געווארן אונטן איז דער נאך אובן דש משכן אויף געשטעלט געווארן אין דעם טאג: דרום שטייט (הוקם המשכן סתם) מיינט ער דאס (משכן) פֿון אובן: אונ אין דעם טאג איז געוועזן דיא חדוה אונ שמחה פֿון הקב״ה, אונ אז משה האט אחנך געוועזן די גאנצי משכנות שטיט (ולא יכול משה לבוא אל אוהל מועד), אז הקב״ה האט געזעהן אזו שפראך ער דורך משה איז עס ווארן אויף גרעכט אונ ער זאל דרויסן שטיין אונ ווארטן, (ויקרא אל משה) ער שפראך צו משה דר חנוך הבית קער צו זיין מיט איין סעודה דרום אדם (כי יקריב וגו׳). ווייטר דען פסוק (באתי לגני וגו) (איז ער מפורש גרושי סודות):

רבי שמעון וואר געגאנגן נאך טבריה, בגעגינט אים אונטער וועגן (אליהו הנביא) אונ שפראך צו אים (אליהו), שלום זאל זיין צו דעם הערן, שפראך רבי שמעון וואס איז איצונד הקב״ה עוסק אין הימל, שפראך אליהו אין דער פרשה פֿון קרבנות איז הקב״ה איצונד עוסק אונ זאגט פֿון דייגט וועגן דייני חבירים וואס דוא האשט מחדש געוועזן אין דער תורה וואז צו דיר, דרום בין איך דא געקומן דיר מקדים שלום צו זיין. אונ צו פֿרעגן דיך איין זאך צו ענטפֿרן וואס איז געפֿרעגט געווארן אין דר (ישיבה של מעלה) משפיע

צו זיין אין דער ישיבה פֿון אובן דיא שאלה ואס זייא האבן געפֿרעגט, עס שטייט. (באתי לגני אחותי כלה. אכלתי יערי עם דבשי וגו׳) איז מיינט הקב״ה זאגט איך בין געקומן צו איין (כלה כנסת ישראל אכלתי יערי עם דבשי בעולם הבא), אובן איז דאך ניט טייך (אכילה ושתיה), וויזו זאגט הקב״ה (אכלתי יערי עם דבשי שתיתי ייני עם חלבי) דאס איז געפֿרעגט געווארן אין דער ישיבה פֿון אובן: דא שפראך רבי שמעון וואס האט הקב״ה דרויף געענטפֿרט, זאגט אליהו הקב״ה האט געענטפֿרט איז דאך פֿאר החכם (ר׳ שמעון בן יוחאי) זאל ער ענטפֿרן, דרום בין איך דעשט וועגן צו דיר געקומן דוא זאלשט דיא קשיא ענטפֿרן, דא שפראך רבי שמעון ווי גאר איין גרושי אהבה האט הקב״ה געליבט צו דיא (כנסת ישראל) דאס פֿר גרושי ליבשאפֿט צו זי האט ער משנה געוועזן בייא זייא וואס ער פֿלעגט צו טאן, ווען גלייך בייא אים ניט טייך איז (אכילה ושתיה), ווען ער קומט צו זיי זאגט ער (אכלתי שתיתי) צו טאן איר רצון פֿון דר כלה דש איז (כנסת ישראל). איין כלה זיא גייט אונטר דיא חופה אונ וויל וואס עסן, ווי דאך בילך דש דער חתן זאל מיט איר עסן, ווען גלייך דש איז ניט זיין סדר, איר לערנן אויך פֿון (דוד המלך ע״ה): ער שפראך צו הקב״ה (כהניך ילבשו צדק וחסידך ירננו) ער האט קערן צו זאגן (לויך ירננו) וויא איר גפֿינן דאס לשון פֿון (רינה ושירה) האבן דיא לוים געזאגט אין (בית המקדש) ווארום הט ער געזאגט (וחסידך ירננו), שפראך הקב״ה דוד איין סדר איז ניט אזו, שפראך דוד (בעבור דוד עבדך אל תשב פני משיחך) צוואר ווייל איך האב דיך צו איר געבייט קערטשו איין רצון צו טאן וויא איך וויל, דער (דרך ארץ) איז ווען איינר איינם בעט צו זיך קער דר אורח צו טאן אל דעם רצון פֿון (בעל הבית), אזוי טוט איין רצון ווען גלייך ניט דיין סדר איז אזו, דא ענטפֿרט אים הקב״ה ווייל דו האשט איך אן געבייט וויל איך טאן דיין ווילן: דעסט גלייכן דיא מלאכים זיין געקומן צו אברהם ווען גלייך אייבן איז ניט טייך קיין עסן אונ טרינקען, פֿון אברהם וועגן האבן זיי געגעסן אונ געטרונקן. אזו אויך הקב״ה פֿר גרושי אהבה וועג צו די

(כנסת ישראל) זאגט ער (אכלתי יערי עם דבשי שתיתי ייני עם חלבי), דא שפראך אליהו צוא רבי שמעון, רבי (חייך) דא שווער איך ביי דיין לעבן דאס הקב"ה זעלבסט האט וועלן דעם תירוץ ענטפרן וויא דוא זאגסט, נישט מער ער האט זיך ניט וועלן (מחזיק טובה) זיין פר (כנסת ישראל): דרום האט ער איך געהייסן דיך פרעגן דוא זאלסט ענטפרן, (אשריך) וואול דיר וואול איז דיין חלק דאס הקב"ה טוט זיך לובן ברימן מיט דיר, אויף דיר זאגט דער פסוק (צדיק מושל ביראת אלהים): אָדָם כִּי יַקְרִיב מִכֶּם קָרְבָּן ווער עס איז איין אדם דר קאן מקרב זיין אלי (מדריגות עליונים) אונ איין גאנץ יחוד צו מאכן: אבר ווער עס האט קיין מעשה ניט דער הייסט קיין אדם, זיין קרבן איז קיין קרבן אונ דיא ברכות זיינן ניט געפונן בייא איהם ניט אובן ניט אונטן, דען דיא שכינה רוהט ניט אויף איהם ווייל ער הייסט קיין אדם, ער איז איין (בעל מום), אונ ווער דא איז איין פגום דר ווערט פאר שטויסן פון אליס, אונ דרום אויך (נדב ואביהו) ווייל זיי האבן קיין ווייבר געהאט אונ זענן גינעהענט צו דר עבודה זיינן זייא געשטראפט געווארן, ווי עס שטייט (ותצא אש מלפני יי) דרום שטייט דא (אדם כי יקריב מכם קרבן), ווער עס הייסט איין אדם דער דא איז (זכר עם נקבה) דרום שטייט (זכר ונקבה בראם ויקרא את שמם אדם):

רבי אחא גינג אונטער וועגן וואר מיט איהם רבי יהודה, שפראך רבי יהודה איר האבן געלערנט אין בתולה ווערט געבענטש מיט זיבן ברכות, דען זיא איז קעגן דר (כנסת ישראל) דיא הייסט בתולה, עס שטייט (ואתה בן אדם שא קינה על בתולה ישראל) דאס איז דאך בוודאי געזאגט אויף (כנסת ישראל): אונ דאס איז קשה אונ שווערר אז אלס, עס שטייט (נפלה לא תוסיף קום בתולת ישראל) איז משמע דש ח"ו זיא ווערט קיין קימה האבן אויף צו שטין, אונ אלס וואס דיא חכמים האבן געזאגט דארינן איז רעכט ווען דיא פרשה ווער געזאגט געווארן (דרך נחמה), אבר עס שטייט דר בייא קינה ווי דער פסוק איז משמע: זאגט ער צו איהם וודאי איז עס אזו אונ איר איז אויך דיא זעלביגה זאך קשה געווען, אזו זיינן איר געקומן צו רבי שמעון מיט פר פינצטרניש פנים אכה לער צו פרעגן איהם, ער שפראך אין דיין פנים ווערט דער קענט דיין הארץ, שפראך איך וודאי איז איין פנים אונ דיא הארץ גלייך, ער שפראך זאג איר דייני רייד. האב איך צו איהם געזאגט, עס שטייט געשריבן (נפלה לא תוסיף קום בתולת ישראל) ווער דא הט איין רוגז אויף זיין ווייב אונ זיא איז פון איהם אוועק אויס געגאנגן זאל זיא דען ניט ווידר אום קערין צו איהם אייביג: ווען אזו איז, איז ווי צו דיא קינדר דאס זי זיינן אזו פר טריבן געווארן, שפראך ער צו איר האטטו דען ניט גענוגט אן דעם תירוץ וואס די חכמים האבן געזאגט, האב איך גיענטפרט איך הב יוא געהערט אירי רייד אבר זייא ווילן ניט רעכט איין גיין, שפראך רבי שמעון אלס וואס דיא חכמים האבן געזאגט איז רעכט אונ גוט, אבר ווי צו דעם דור דאס קיין הירטן זיינן ניט געפונדן אונ דאס שאף גיאן ניט רעכטס אונ ניט לינקס. גווייס אזו מען מגלה זיין דעם פסוק צו פאר שטיין: קום אונ זעה אלי דיא גלות דש די ישראל זיינן געווען פר טריבן צו אליס האט הקב"ה געמאכט איין זמן אונ איין קץ, אונ אלע מאל זיינן דיא (בתולת ישראל) ווידער קערט צו זייער ארט צו הקב"ה צו דער צייט ווי ער האט גוזר געווען, אונ היינט אין דעם לעצטן גלות איז ניט אזו דאס זי ניט ווערט אליין ווידר קערן צו קומן וויא אלי מאל, אונ דר פסוק ווייזט אזו אויס ווייל ניט שטייט (נפלה לא תוסיף להקימה בתולת ישראל) ווער טייטש זיא איז געפאלן אונ איך וויל זיא ניט אויף ריכטן ח"ו, אבר ווייל עס שטייט (לא תוסיף קום) איז טייטש זיא ווערט ניט אויף שטיין אליין דיא (בתולת ישראל) כלומר זי איז געפאלן אונ ווערט נימר פאלן אונ ווערט נימר אויף שטיין צו גיין צו איר ארט אז ווי דער פיר, אלא הקב"ה זעלברט ווערט זיי מיט זיין האנט אויף ריכטן אהיים צו פירן, דרום שטייט (לא תוסיף קום) זיא ווערט ניט אליין אויף שטיין נייערט הקב"ה זעלברט ווערט זייא אויף הייבן. עס איז איין משל צו איין מלך דר דא איז ברוגז אויף זיין ווייב ער שטוסט זיא אויס זיין היכל ארויס אויף איין צייט דש זיא זאל אזו לאנג נימר צו איהם קומן, אז דיא צייט קומט דא גייט זיא אליין אונ קומט ווידר פר דעם מלך, אזו אויך ווידר איין מאל ביז צווי דריי מאל. אז דער מלך האט זיא ארויס געשטויסן צו איין צייט. ווען עס איז געקומן צו דר צייט איז זיא אליין אהיים געקומן פר דעם מלך, אבר צו דר לעצטר צייט ווען אילוכה די גאולה ווערט זיין דש זי איז ווייט פון היכל המלך דש דר מלך הט זיא ארויס געשטויסן אויס זיין היכל אויף איין לאנגי צייט, דא שפראך דער מלך דש מאל איז ניט אז איין אנדר מאל דש זיא זאל אזו קומן פר איר אליין וויא דער פיר, נייארט איך וויל זעלברט נאך איר גיין מיט אלי אייני לייט (בני היכלא) אונ וויל זיא פירן ווידר צו איר, אז דער מלך קומט צו איר דא זעהט ער זי ליגט אויף דער ערד בשפלות, ווער זעט דעם גרויסן כבוד פון דער אהבה אין דער צייט דאס ער בעט איר איבר אונ איבר רעט זיא אונ בגרייפט זיא אן מיט זייני הענט אונ ריכט זיא אויף אונ ברענגט זיא ווידר אין זיין פאלאץ, אונ שווערט איר איין שבועה דאס ער זיך טוין ניט ווערט אפ שיידן פון איר אייביג אונ טוין ניט ארחיק צו זיין פון איר לעולם. אזו אויך הקב"ה (כל זמן) אז די (כנסת ישראל) איז געווען בגלות אלי מאל ווען דער זמן איז געקומן איז זיא אליין ווידר געקומן פאר דעם מלך, אבר אין דעם לעצטן גלות ווערט ניט זיין אזו, אלא הקב"ה ווערט זי בגרייפן מיט זיינע הענט אונ ווערט זיא ווידר קערן אין זיין פאלאץ, אונ דרום שטייט (נפלה לא תוסיף קום) זיא ווערט ניט אליין אויף שטיין, אונ דרום שטייט (ביום ההוא אקים את סכת דוד הנופלת) שטייט אקים איז טייטש איך וויל זיא אליין אויף ריכטן, ווער איז דיא (סוכת דוד) דאס איז דיא (בתולת ישראל הנופלת) די דא פאלט, וויא עס שטיט נפלה זי איז געפאלן פון איר הויכי מדריגה אין גלות, אונ דאס איז דר כבוד פון (בתולת ישראל) אונ איר שבח, אונ איך האב דאס געלערנט פון ר"ש, דיא שעה זאגט ר' יהודה גוויס מיט דעם איז איין דעה גמאכט וואל צו פרידן אונ מיושב אויף איין הארץ וואס מיר איז קשה געווען אונ דש איז די לויטרי זאך, אונ די זאך דש איך האב דא געהערט איז גלייך אז איר געלערנט האבן, ר' יוסי זאגט הקב"ה איז אן גבריית אויס צו רופן אויף (כנסת ישראל) אונ ווערט זאגן צו איר (התנערי מעפר קומי שבי ירושלים) גלייך אז איינר דער דא אן נעמט זיין חבר ביי זיינר האנט אונ זאגט צו איהם שטיי אויף פון דער

ערד

ערד און טיקן דיך אַש פֿון דעם ערד. זאָגט רבי אחא אַז אויך אַלי די (בני היכלא) פֿון מלך ווערן אָן הייבן מיט דעם לשון, אַז דר פסוק זאָגט (קומי אורי כי בא אורך) שטייא אויף איין ליכט. דאָ איז דער מלך זעלבסט אַליין דאָ ווערט זיין דר כבוד און שמחה פֿון אַלי, ווען ער בעט זיא מחבר, עס שטייט (והבאה בת טבע אל המלך החדרה) דס איז איין רמז אויף (כנסת ישראל) די (בתולת ישראל) ווערט געבענטשט מיט די זיבן ברכות איז זיא געקומען פֿר דעם מלך אין זיין חדר, אַזוי אַלי מאָל איז זי אין זיין חדר געקומען און איז פֿר אים געשטאַנען, ווי אויך מרומז איז אין פסוק (ותבא לפני המלך ותעמוד לפני המלך) אבר דיא צייט לעתיד ווערט דער מלך צו איר קומען און רעדט זיא מחבר בעטן אַז דער פסוק זאָגט (הנה מלכך יבא לך) ער ווערט צו דיר קומען ניט דו צו אים, ער ווערט צו דיר קומען דיך מחבר בעטין (יבא לך) ער ווערט קומען (לשמח לך) שטאַרק צו מאַכן, (יבא לך) ער ווערט קומען דיך אויף צו ריכטן, ער ווערט קומען איין צו ברענגן דיך אין זיין היכל און מיט דיר מזווג צו זיין בהעפֿטונג פֿון אייביג, ווי דר פסוק זאָגט (וארשתיך לי באמונה). אַזוי זיי גיהן בגעגינט ווי ר' אבא זאָגן זייא דאָ קומט דר (שר החכמה) איר ווילן מקבל זיין (פני השכינה). ווי זיי געגעהן צו אים וואָר ער זיך אַראָפּ שלאָפֿין פֿון זיין מטה דס ער איז דרויף געזעסן און נידערט אַראָפּ פֿון אייזן (מקבל פניהם) צו זיין (ווי זאָגן ווייטר גרושי סודות):

אם עולה קרבנו מן הבקר זאָגט ר' יוסי מאי טעמא, וואָרום דס מען ברענגט פֿון (בקר לעולה) פֿון (עוף לעולה) ווען עס איז גאַנץ מיינט וואָרום איז דען מייגר אַנדערשט אַז דס אַנדרי און ניט גלייך, אָבער ווער דאָ פֿר מאָגט ברענגט איין רינד ווען ער ניט פֿר מאָגט צו ברענגן איין רינד ברענגט ער איין שאָף. ווער דס אויך ניט פֿר מאָגט ברענגט ער איין עוף, דען הקב"ה הט דעם מענטשן ניט מער מטריח געווען אַז ער פֿר מאָגט און קאָן, אַז דער פסוק זאָגט (ואם דל הוא ואין ידו משגת), שפּראַך ר' אלעזר ווי דר חטא איז, איז דער מענטש מקריב איין עושר איז האָפֿערטיג און בגאווה דאָ ברענגט ער איין רינד: דען (מכח עשירו) און גאווה זינדיגט ער געבר פֿר הקב"ה, איין מיטל מענטש איז ניט אַזוי בגאווה ברענגט ער איין שאָף, איין עני דר איז (שפל רוח) ברענגט ער איין עוף, דען הקב"ה איז מיטלייכם דן אין רעכטן גוויכט ווי ער גזינדיגט הט אַזוי זאָל ער ברענגן זיין קרבן. ר' אלעזר פֿרעגט זיין פֿאָטער ר"ש מיר האָבן געלערנט דס אויף דריי מאָלי עבירות קומט הונגר אויף דען עולם, און די דריי עבירות ווערן דאָך געפֿונען ביי די עשירים דס מיר האַלטן איז בגאווה און ניט ביי די עניים. נאָך וואָרום ברענגט הקב"ה הונגר וואָס איז דס פֿר איין דין, די אָרעמע מוזן אוועק קומען און דיא עשירים פֿר בלייבן, נאָך ווערן זייא פֿון מילוכד אָן נאָך מער חוטא זיין: שפּראַך ר"ש דו האָסט רעכט געפֿרעגט און די חכמים האָבן עס מפֿורש געווען, ווען הקב"ה וויל דיא רשעים בלאָזן און פֿר לירן זיי פֿון עולם דאָ גיבט ער זיי שלום און מאַכט זיי גמלן מיט מזלי. אבר קומט און זעה אַלי (בני עולם) זיינן ניט אַזוי נאָגענט צו הקב"ה אַז די אָרעמע, דען זיי זיינן דיא כלים פֿון הקב"ה דס ער ניצט און ווער זיינן זייא (לב נשבר ונדכה ואת דכא ושפל רוח) דס זיינן די כלים פֿון (מלך עליון), און ווען עס קומט הונגר אַדר בצורת און דר דין איז געשטאַרקט אויף די עניים, דען וויינן זיי און שרייען פֿר הקב"ה און ער הערט זיי און איז צו זיי מער נאָענט ווי צו אַלע, דרום שטייט אין (תהלים כ"ב) (כי לא בזה ולא שקץ ענות עני) דען איז הקב"ה גוזר אויף דער וועלט מיתה אַדר הונגר: ווי צו דיא רשעים די דס זיינן גורם, ווען הקב"ה דער וועקט זיך משגיח צו זיין אויף דר וועלט איז ער משגיח אויף דען קול פֿון די אָרעמע (רחמנא הקב"ה) זאָל אונז מציל זיין פֿר איר געשריי, ווען זיי שרייען דען שטייט (שמוע אשמע צעקתו): עס שטייט צווי מאָל (שמוע אשמע) מיינט משגיח צו זיין אָן איר קול, און מיינט צו בצאָלן די דס גורם האָבן געווען, און שטייט געשריבן (ושמעתי כי חנון אני וחרה אפי וגו'), דרום ווען הונגר איז אויף דער וועלט ווי צו די רייכע רשעים פֿון וועגן דאָס קול פֿון די עניים פֿר הקב"ה, קום און זעה דס קרבן פֿון איין אָרעמאַן איז גרינגער ווידר אַלץ, דרום וויל זיין האַרץ איז צו בראָכן, ווען גלייך ער הט אין זיין מחשבה צו זינדיגן דאָ איז עס פֿון אים עובר און טוט פֿאָרט ניט מכח גרויסין צער און צו בראָכן האַרצן, און מכח זיין צער פֿון הויז גזינד וואָס ער הט געלוסט איז ניט כפשוטו איין עבירה צו טאָן, דרום איז זיין קרבן גרינגער, דרום אויך איז מיטלייכט קרבן פֿון מיטלען בזונדר גלייכנט געווען פֿר דעם כהן: עס גישאַך איין מאָל איין מעשה מיט מיינם רייכן מאַן ער הט געבראַכט איין קרבן צווייא טויבן צו דעם כהן, אַז דער כהן דאָס זעהט שפּראַך ער צו אים דס קרבן איז ניט דיין, ער קאָם אַהיים און וואָר גאָר טרויריג, שפּראַך ער דרום וויל דר כהן הט ניט וועלן מקריב זיין איין קרבן, אַזוי זאָגן זיי וואָס איז עס געווען פֿר איין קרבן, זאָגט ער צווי טויבן. זאָגן זיי דס איז ניט דיין קרבן, דען דער פסוק זאָגט (ואם דל הוא ואין ידו משגת וגו') ווען ער ניט פֿר מאָגט דער זאָל ברענגן טויבן, שפּראַך ער וואָס איז דען יוא איין קרבן, שפּראַכן זיי איין אָקס איז דיין קרבן, שפּראַך ער וויא גאָר האַרב איז ווען מיינר איין מחשבה הט חוטא צו זיין. איך נעם איין נדר אויף מיר דז עס זאָל ניט אויף גיין אויף איין מחשבה קיין חטא, פֿון זעלביגן מאָל אָן הט ער אַלי טאָג (עוסק בסחורה) געווען און ביי נאַכט הט ער ווייניג געשלאָפֿט. און אַז ער איז אויף געוואַכט הט ער גרופֿן זייני ברידר מיט אים צו לערנן ביז עס וואַר טאָג. איז געוואָרן מיט אים איין (תלמיד חכם) און הייסט אים (יהודא אחרא), איין מאָל הט זיך צו אים גפֿיגט (רבי ייסא סבא) דאָ צו טייטש ער זיין הב און גוט די העלפֿט אויף עניים, און די אַנדרי העלפֿט הט ער געגעבן די סוחרים אין הענדן דיא וואָס האַנדלן מיט יאים און ער זעלבט זיך לערנן תורה:

פתח ער הייב אָן דער (יהודא אחרא), (ויאמר שאול אל הקני) ווער איז דער קני דס זיינן דיא קינדר פֿון יתרו דר שווער פֿון משה, דיא האָבן זיך געמאַכט איין נעסט איין (ק"ן) אין דר מדבר אַזוי ווי איין פֿויגל דר הייסט דרור, ווי דר פסוק זאָגט (ודרור קן לה) דרום האָבן זיי זיך געמאַכט דאָרטן איין נעסט צו לערנן און צו מיהן זיך בתורה, זיא האָבן ניט בגערט קיין סחורה קיין תענוגים נייאָרט צו לערנן תורה צו מיהן זיך דרינן (יומם ולילה): דרום זיינן זיא גלויגין

פֿון

פון ירחו אין דר מדבר, אז דר פסוק זאגט (ובני קני חותן משה עלו מעיר התמרים): וְאַתָּה עָשִׂיתָ חֶסֶד עִם כָּל יִשְׂרָאֵל

וואס פאר איין חסד האט יתרו געטאן צו די ישראל, אלא ער האט מהנה געווען (משה רבינו) אין זיין הויז, און איר האבן געלערנט ווייל ער האט געמערט איין פרשה אין דר תורה פון (ואתה תחזה מכל העם), אבר וויא קומט דאס צו (מלחמת עמלק) דא ער האט וועלן מלחמה האלטן מיט עמלק זאגט ער דעם שבח פון יתרו, אלא שמואל האט אזוי געזאגט, אז ישראל זיינן אויס מצרים געגאנגן האט זיך קיין מורא אין עולם געשטעלט מלחמה צו האלטן קיגן ישראל נאר עמלק איז געגאנגן קיגן זיא מקטרג צו זיין און מלחמה צו האלטן. און דו יתרו האשט געטאן חסד און שלום מיט ישראל, דרום איז ניט גלייך דו זאלשט צווישן זייא זיין, און ניט דש אליין עס שטייט ביי יתרו (ויקח יתרו חותן משה עולה וזבחים לאלהים) ער האט (מקריב קרבנות) פאר הקב"ה געווען און וואר זיך מגייר, און זיין קרבן וואר גאר חשוב פאר הש"י, דרום שטייט (ויבא אהרן וכל זקני ישראל לאכל לחם עם חותן משה לפני האלהים) זיי מדייק (לפני האלהים): פון דען לערנן מיר ווען איינר מקריב איז איין (קרבן ברצון לב) דא טרעפט זיך הקב"ה צו אים: קום און זעה דאס קרבן פון איין עני איז חשוב פאר הקב"ה, דרום ווייל ער איז מקריב צווי קרבנות, איינס זיין אייגן חלב און בלוט פון זיין גוף, און דש אנדרי דש קרבן וואס ער ברענגט, ער האט זעלבסט ניטש צו עסן און ברענגט איין (קרבן שתי תורים או שני בני יונה), (ואם לאו) ברענגט ער איין ווייניג מעל און הקב"ה איז אים מכפר, (ובמותו טעה) רופט מן אויס און זאגט (כי לא בזה ולא שקץ ענות עני), דא שפרעכט ער דרום ווייל דש קרבן עני איז אזו חשוב מער אז אלש. און דרום האט דש (קרבן עני) מיר אויך גורם געווען דש איך בין געקומען אין דעם חלק פון הקב"ה, און דרום האב איך געטיילט גאר איין פאר מענגין צו דיא עניים, דרום ווייל זיי האבן מיר דש אלש גורם געווען, און אזו וואלט אז זיך דר הילט דעם עני זיין (חלב ודם) אזו אויך די מנחה וואס ער ברענגט פון מעל אויף דער (מחבת און מרחשת), און אזו האבן מיר געלערנט, אזו וואלט אז מיטלפר ווערט דער הילט מיט דעם יצר הרע מיט זיינם פייער זיין (חלב ודם) און אלי אברים, אזו אויך איז דש גלייכן געווען דש קרבן פון דעם חטא דאס ער זאל ברענגן מיט זיין רצון פון נפש און רוח דש איז מער צום לעבטן אז אלש דר (רצון הלב). וואלט צו די צדיקים דש זיא ברענגן איין קרבן צו הקב"ה בכל יום ויום דש ער איבר ענטפערט זיין נפש פאר הקב"ה: אבר דאך איין קרבן איז בעטר, דען דורך דען קרבן ווערן אלי וועלטן געבענטשט: (ער זאגט ווייטר טורות): זאגט רבי יוסי צו אים וואול דיין חלק אז דו האשט צו דעם זוכה געווען, וואול צו די דא (עוסק בתורה) זיינן, דען ווער עס איז עוסק בתורה דר איז גלייך אז ער וואר בגריפן אין הקב"ה, אז דר פסוק זאגט (ואתם הדבקים ביי אלהיכם חיים כולכם היום):

נֶפֶשׁ כִּי תֶחֱטָא. ר' יוסי הייב אן עַד שֶׁיָּפוּחַ הַיּוֹם וְנָסוּ הַצְּלָלִים אֵלֶךְ לִי אֶל הַר הַמּוֹר וְאֶל גִּבְעַת הַלְּבוֹנָה: וויא זאל דער מענש אזו געהיט זיין אן די עבירות דש ער זאל ניט זינדיגן פאר הקב"ה, דען אלע טאג טרייט אויש איין כרוז, דער וועקט אייך איר מענשן אייער הערצר פאר דען (מלך הקדוש), דער וועקט אייער נשמה הקדושה דש אין אייך איז געגעבן געווארן פון איין (מקום קדוש העליון), דען איר האבן געלערנט בשעה דש הקב"ה נימט אויס דיא נשמה צו נידרן אין דיא לייט אויף דען עולם, פר זאגט ער מיר און איז מיר מתרה מיט פיל שטראף און עדים די מלאכים זיינן צו פר זאגן דעם מענשן צו היטן די תורה און מצות, און ניט דש אליין, נאר אן איז די נשמה מעביר אין טונקל און אכליג וועלטן משתעשע צו דער איילן מיט איר. און צו ווייזן איר דעם כבוד פון די דא זיינן (עוסק בתורה): און דען אלן שטיט זי פאר הקב"ה אין איין חשובה קלייד און אין דען געשטאלט פון דעם עולם וויא זיא דר נאך איז אין גוף, אזו שטייט זי דארטן אין איין גרויש חשוב און ליכטיג קלייד, זי זעהט דען כבוד פון הש"י אלע טאג און ווערט געקרוינט מיט פיל קרונן אלע טאג: ובשעה דש די לייט קומט צו נידרן אוף דר וועלט, דא איז מיר וואונדר אין אונטרשטן ג"ע דרייסיג טאג צו זעהן דען כבוד פון די צדיקים, דען גייט זי ווידר ארויף אויף איר אורט אובן, דר נאך גייט זי ארויש אויף דען עולם אין גוף אריין קרייגט זי הקב"ה מיט זיבן קרונן ביז זי קומט אראפ אין גוף אריין און זילט אין דען פינצטרן וועלט: און איז עוסק מיט פינצטרע זאכן און מיט זינד, פר וואונדרט זיך די תורה אויף איר און זאגט, זעה אהער ביי אן דען כבוד וואס דו האשט געהאט און האשט געזעהן דש נפלאות ווי דיך הקב"ה הט משלים געווען נאך דעם זאלשטו זינדיגן: און זאגט נפש רוח (נפש כי תחטא) (בתמיה) ווארום זאלשט דו זינדיגן: זאגט רבי יוסי דר פסוק (ונסו הצללים) דר קומט און גיבט איין עצה צו דעם (נפש כי תחטא) דאס ער זאל זיך היטן פון חטאים, און זאל זיך האלטן (בקדושה ובטהרה) און דר טאג קומט פון יענם עולם און דר טאג פון דעם עולם גייט אוועק און איז אוועק געגאנגן, און קומט דר שטארקר טאג דאס דר מלך ווערט פאדערן נום דין אוועק צו גיין פון דעם עולם: (ונסו הצללים) אז די שאטן אוועק גיין, זאגט רבי אלעזר מיטלפר מענש הט צווי שאטן איין גרויסן און איין קליינם, און ווען די צווי זיינן ביי אנאנדר דען איז דער מענש אין איין קיום און שטאנד, און אז ער זאל שטערבן גיין אוועק פון אים די שאטנס, דרום זאגט דער פסוק (עד שיפוח היום), דען ווען דער (יום המיתה) זאל קומן (ונסו הצללים) גיין זיי אוועק, דרום זאל מיטלפר מענש זעהן צו פר ריכטן זייני מעשים פאר הש"י און זאל מודה ומתודה זיין: דען הקב"ה איז (רחום וחנון) ער איז מקבל דיא טוהן תשובה, וויא עס שטיט (עד שיפוח היום). אויב דר זאן קומט דש די שאטנס אוועק גיאן דען דש מאל ווען נאך דיא שאטנס אוועק גיין איז גלייך אז ווען איינר תפוס זילט אין קייטן אויף זיין האלז און איז געבונדן מיט שטריק, עס איז וואול איין תשובה אבר ניט אזו גוט אז ווען דר מענש שטייט אין זיין כח און קיום, דרום זאגט שלמה (וזכור את בוראך בימי בחורותיך עד אשר לא יבואו ימי הרעה), און דרום זאגט דר פסוק (עד שיפוח היום), אויב דר (יום הדין הגדול) קומט, דען קער דער מענש זייני מעשים רעכט פר ריכטן דר פיר, דען ווען די לייט קומט דאס דער מענש זאל אוועק גיין פון עולם פאר וואונדרט זיך הקב"ה און זאגט, נפש רוח (נפש כי תחטא) ווארום זאלשטו זינדיגן (ושמעה קול אלה) האשטו דאך געווארן בשבועה

בשלויכה פֿר איין נאמן דש זיא זאָל ניט פֿעלן אַן איר אונ האָב פֿר זאָגט אונ מתרה גוועזן אַן איר איז זיא איז אַרויס גקומן אויף דער וועלט, (והוא עד) איך זעלברט האָב אַן איר תמיד גוועזן צו היטן מייני מצות, דרום אויך ווייל דער מענש נאָך שטאַרק איז (והוא עד) איז ער קומט פֿר הקב"ה קער ער תשובה צו טאָן, (או ראה או ידע) די עבירות וואָס ער ווייש וואָס ער האָט גטאָן אונ זעהט זי פֿר זיך גמאַנן קלאָר, (אם לא יגיד) ווען ער ניט ווערט (מודה ואתודה) זיין דרויף פֿאַר הקב"ה, שטייט ווייטר ווען ער אַוועק גייט פֿון דעם עולם (ונשא עונו) אזוי ער אויף זיך די עבירות טראָגן, נאָך ווי זאָל אַן אים עפֿנן איין טיר אונ וויא ווערט ער קענן בשטיין פֿר הקב"ה זיין הערן, דרום שטיט (ונפש כי תחטא):

פרשת צו.

וַיְדַבֵּר יְיָ אֶל מֹשֶׁה לֵּאמֹר. צַו אֶת אַהֲרֹן וְאֶת בָּנָיו לֵאמֹר זֹאת תּוֹרַת הָעֹלָה הִיא הָעֹלָה העולה דאָס איז דיא בייזע גידאַנקן דאָס קומט אויף זיין גידאַנקן צו זינדיגן אונ אָפּ צו קערן פֿון (דרך אמת). (היא העולה) דיא גייט אויף בייא אים, דאָ אזוי ער זיא פֿר ברענגן אין פֿייער דאָס זיא זאָל ניט מאַכן זינדיגן, דורך וועלכן דורך דער שכינה דיזע הייסט (אש אכלה) צו פֿאַר ברענגן דיא טומאה פֿון זיך (מטהר) צו זיין דורך איר פֿון דער מחשבה, אזוי וואָלט אז ווען אן וויל אויבן איין (שר מעביר) זיין פֿון זיין ממשלה, דאָ איז אן אים מעביר דורך דעם (נהר דינור) איין באַך אויס פֿייער, אזוי אויך מיט דעם קרבן חטאת אן אויס גירויאַט דיא (רוח הטומאה) דיזע דאָ זיך בהעפֿט אן מענשן דורך זייני בייזי גידאַנקן, אזוי ווערט דיא טומאה אונטר טאָן אונ דיא קדושה איז (עולה למעלה) אונ ווערט גקריינט, דרום שטייט (היא העולה) דער דורך גייט דיא קדושה אויף אונ דער (רוח הטומאה) ווערט אָב גשיידן דער פֿון. רבי אמא הוב אן וְהָאֵשׁ עַל הַמִּזְבֵּחַ תּוּקַד בּוֹ לֹא תִכְבֶּה וּבִעֵר עָלֶיהָ הַכֹּהֵן עֵצִים בַּבֹּקֶר בַּבֹּקֶר וואָרום שטיט (ובער עליה הכהן), אלא איר האָבן אזוי גילערנט, איין מענש דער דאָ קומט צו זינדיגן פֿאַר זיין הערן, דאָ ליגט ער זיך אן ברענט זיך זעלברט אין פֿלאַם פֿון יצה"ר אונ דער יצה"ר איז (מצד הטומאה). דאָ רוהט אין אים די (רוח הטומאה) קאָן ער ניט בטל ווערן פֿון דעם מענשן נייאָרט אין פֿייער פֿון מזבח, דען דער פֿייער רויאַט אויס אַלי בייזי מינים פֿון עולם, אונ אז דער כהן האָט אָן גירעכט דאָס פֿייער פֿון מזבח אונ דיזו האַלט האָט ער זיך דער צו מצווה גיוועזן צו פֿר ברענגן דש פֿייער פֿון יצה"ר דז דאָ איז (מצד הטומאה) דרום שטייט (לא תכבה) דאָס פֿייער דאַרף קיין מאָל ניט אויס גילאָשן זיין, דאָס עס זאָל ניט גישוואַכט ווערן זיין (כח הקדושה) אונ זאָל שטאַרקן תמיד צו פֿאַר צערן דאָס פֿייער פֿון (טומאה) פֿון עולם. דרום האָבן איר גילערנט עס איז איין (אש אוכלה אש) דש פֿייער פֿון מזבח הט פֿר ברענט דעם פֿייער פֿון ס"מ, אונ דרום שטייט (לא תכבה) אונ דר כהן האָט עס אסדר גיוועזן אַלי טאָג. זאָגט (רועה נאמן משה רבינו) (אש תמיד תוקד על המזבח). מיט דאָס איז דיא תורה דאָס דער בייא שטייט (הלא כה דברי כאש נאם יי), (לא תכבה) ווען אן גלייך זינדיגט אזוי טוט דיא עבירה ניט אויס לעשן דען זכות פֿון דער תורה, אבר דיא עבירה לעשט אויס דעם זכות פֿון איין מצוה וואָס ער האָט גיטאָן, דרום איז גיגליכן דיא תורה צו אור אונ דיא מצוה צו נר, וויא עס שטייט (כי נר מצוה ותורה אור), גלייך אז איין ליכט ווערט אויס גילאָשן אזוי קאָן דיא מצוה אויס גילאָשן ווערן דורך דר עבירה אונ וואָר דאָ לעשט אויס מיט דר עבירה די מצוה די איז איין נר, אזוי ווערט אויס גילעשט זיין נשמה די הייסט (נר יי נשמת אדם), איז בלייבט דר גוף אין חשך, אזוי אויך וואָר דאָ גורם איז דש די שכינה טוט זיך אָפּ פֿון איר אָרט, איז גורם איין אויס לעשונג אונ איין פֿינסטרניס צו די גאַנצי וועלט, אונ חשך צו דעם אָרט וואו זיא איז גיוועזן, דאָ רוהט די (שפחה הקליפה) ווי עס שטיט (ושפחה כי תירש גבירתה). אונ דר (סילוק המצוה) אז דער זכות פֿון מצוה ווערט אָפּ גיטאָן (מצד עמי הארץ), בייא זייא לעשן זייא אויס דיא מצוה עס זאָל אן זיא מקוים ווערן (ורשעים בחושך ידמו), אבר צו דיזו (שרי תורה) איז קיין אויס לעשונג אייביג, זיא דער לייכט זייא אין וויא פֿיל (סודות התורה), מיט דיזו (סודות התורה אונ קבלה) דער לייכטן זייא דיא שכינה די זייגן מקיים (והגית בו יומם ולילה) אונ דאָס רויך דאָס זיא גייט אויס דען מזבח דש איז (עשן המערכה) גלייך וויא אויף דעם מזבח איז גוועזן איין רויך פֿון דער מערכה, אונ ברענגן דיא שכינה אַרויף אונ זייא צו זאַמן בינדן אונ זייגן (מיחד) אַלע וועלטן וכו' (ווייטר זייגן סודות):

בזוהר בראשית, זאָגט ר"ש עס שטייט וַיַּסֵּב חִזְקִיָּהוּ פָּנָיו אֶל הַקִּיר וַיִּתְפַּלֵּל קום אונ זעה דען גרויסן כח פֿון דער תורה וויא זיא איז איבר אַלים אויף דער וועלט, דען ווען ער איז עוסק בתורה דער פֿאָרכט זיך ניט פֿר קיין בשעפֿניש שבעולם, עס זייא (עליונים אודר התחתונים) אויך פֿאַר קיין בייזי קריינק אין דער וועלט, דען ער איז בגריפֿן אן דען (עץ החיים), ער לערנט תורה דיא איז (עץ החיים) אַלי טאָג, זיא גיבט אים איין עצה צו גיין אין דיא רעכטי וועג, אונ וויא דער מענש זאָל תשובה טאָן פֿר הקב"ה מבטל צו זיין אַלי בייזי גזירות, אַפֿילו ווען אויף אים איז נגזר גיוואָרן דאָס דיא גזירה זאָל ניט בטל ווערן איז דאָך דיא תורה מבטל אַלי בייזי גזירות אונ קומן ניט אויף אים, דרום זאָל איין מענש (עוסק בתורה יומם ולילה) זיין, אונ זאָל זיך ניט אָפּ טאָן פֿון דער תורה אונ מקיים זיין (והגית בו יומם ולילה), אונ ווען זיך דער מענש אָפּ טוט פֿון תורה איז ער זיך פֿורש פֿון (עץ חיים). קום אונ זעה מיין עצה צו דען מענשן, ווען ער גייט בייא נאַכט צו בעט ליגן דאָ זאָל ער אויף זיך מקבל זיין דען (מלכות שמים) מיט גאַנצן האַרצן אונ זאָל מוסר ענטפֿרן זיין נשמה צו הקב"ה פֿר איין פקדון

דרום

דרום זאגט מן (בידך אפקיד רוחי וגו') מיט ווערט ער שיצן פאר אלי בייזי מקטריגים אונ (רוחות רעות), צו מארגנס ווען ער אויף שטייט זאל ער לויבן צו הקב"ה זיינעם הערן אז ער אים זיין פקדון ווידר אפ גיגעבן, אזוי זאל ער גיין אין דר שול צו בוקן פר דען היכל מיט גרויסי יראה, דער נאך זאל ער מתפלל זיין זיין תפלה, אונ זאל נעמן איין עצה פון דיא (אבות הקדושים) דיא האבן מתקן גיוועזן דיא תפלות פאר הקב"ה, אונ זאל זאגן דעם פסוק (ואני ברוב חסדך אבוא ביתך) מכוון צו זיין קיגן זכות אברהם, (אשתחוה אל היכל קדשך ביראתך) קיגן זכות יצחק, אונ דער נאך (מה טובו אהליך יעקב). אונ מיט דעם זאל ער אריין קומן אין דר שול, ווען ער איז אזוי מכוון טוט זיך הקב"ה מיט אים בריאן אונ זאגט, דוא ישראל ביסטו איין קנעכט דאס איך טוא מיט דיר בריאן:

וואל זייער חלק פון די וואס לערנן תורה און ווייטן דען
וועג פון (מלך הקדוש) דס איר ווילן איז צו דער תורה,
אויף זייא שטייט (כי בי חשק ואפלטהו וגו' אחלצהו
ואכבדהו):

וּלְקַחְתֶּם לָכֶם בַּיּוֹם הָרִאשׁוֹן ר"ש הייבט אן (כל הנקרא בשמי
ולכבודי בראתיו יצרתיו אף עשיתיו) דס איז דער
אדם דס הקב"ה האט אים גיהייסן איז זיין נאמן, אז דר
פסוק זאגט (ויברא אלהים את האדם בצלמו) ווען ער טוט
מאת וואטפט האט ער אים גהייסן אין זיינם נאמן אלהים,
אז דער פסוק זאגט (אלהים לא תקלל), מיר האבן גיפונן
אין ספר פון (שלמה המלך) בשעה דס זיך דער מענש איז
מזווג במטתו · דא שיקט הקב"ה ארמב איין גישטאלט ממש
ווי ער זאל גבארן ווערן, און (מלאך) ווערט זיין רשות צו
דען אויג וועלט דער מענש קענן זעהן שטיין אויף זיין קאפ
גלייכנט דאס זעלביגי (צלם דמות), אז דער פסוק זאגט
ויברא

(ויברא אלהים את האדם בצלמו) דער נפש גייט פאר אים אז ער קומט אויף דער וועלט, אז ער גייט ארויס מיט דעם נפש ווערט ער גרויס, או דער פסוק זאגט (אך בצלם יתהלך איש), און דער נפש איז פון אובן, בטעם דאס דיא רוחות געהן ארויס פון איר ארט אובן, מיטלבר (רוח ורוח) איז אן געברייט פון דעם (אוצר הקדוש) אין דעם געשטאלט פאר הקב"ה וויא ער איז דר נאך אויף דער וועלט, און דר נפש פאדערט זיך פאר אלין אויף דעם עולם (בטעמת הזיווג), און איז ניט פאראנדרן ניקס בעולם דס ניט דריכן זעלט זיין איין נפש: אבער עס איז איין חילוק פון דעם נפש ישראל, אדר דער נפש פון עכו"ם, דר נפש פון ישראל איז הייליג און קומט (ממקום קדוש), אבר דר נפש פון עכו"ם דר קומט (ממקום טומאה), דרום זאל דער מענש ניט מאר מיטן זיין נפש מיט דעם נפש פון עכו"ם, דער איז טמא און דער איז טהור: קום און זעה דען חילוק צווישן ישראל אדר עכו"ם, ווען איין ישראל שטארבט דא איז דער גוף טמא און איז מאכט מטמא אין גאנצן הויז, אבר ווען איין עכו"ם איז מת איז ער ניט אזו טמא און איז ניט מטמא ווייטר, ווארום דען ווען איין ישראל שטארבט דא גייט פון אים אוועק די קדושה פון זיינם הערן דער (נפש הקודש) דער (רוח אלה' הקדושה), דא בהעפטן זיך געגרן די טומאה אויף דען ארט וואו קדושה איז געווען (וויא אובן שטייט פ' קדושים), אבר איין עכו"ם איז טמא בייא זיין לעבן פון אלי (איכי טומאה), זיין נפש איז טמא זיין רוח איז טמא, דרום זאל מן זיך ניט צו אים מקרב זיין, און אז ער שטארבט געהן אלע טומאות פון אים אוועק, דא בלייבט זיין גוף אליין איבר אן טומאה ווען גלייך ער איז טמא (בחייו ובמותו), און מן טאר ניט אן רירן אן אים דאך דר נאך איז דיא טומאה ניט אזו שטארק דס זיא זאל קענן ווייטר מטמא זיין, אבר בייא ישראל דאס דיא קדושה גייט אוועק דען בהעפטן זיך אן גוף דיא טומאה: קום און זעה כל זמן אז דיא צוויי נפש זיינן בייא דעם מענשן בייא אנאנדר איז דער מענש גיהיט און זיין גוף איז אין זיין שטאנד און האט איין קיום, און דער רוח רואט אין אים, בטעם דאס זיין צייט קומט צו שטארבן געהן זייא אוועק פון אים און אייכט ברענגט דאס אנדרי ארויף דא בלייבט דער מענש אן שמירה און דרום שטייט (עד שיפוח היום ונסו הצללים) צלים איז צוויא; קום און זעה אן (יום הדין) דאס איז (ראש השנה) דאס הקב"ה זיצט (על כסא הדין) צו זיין דען עולם, דא זאל זיך איין מענש דר וועקן מיט תשובה, דען אן צעהניגן טאג ווערן אלע (פיתקים) די בריבליך גשריבן און זיינן געגרייט אויס צו געבן. איז ער זוכה און טוט תשובה צו רייסט מען זיין בריבל, דער נאך גיבט הקב"ה אים צייט ביז (יום כיפור דר יום התשובה), איז ער (חוזר בתשובה) איז גוט, איז ער ניט (חוזר בתשובה) דא הייסט דר מלך חתמנן די (פיתקין), ווי צו אים דס דיא תשובה איז פון אים אפ געטאן. איז ער נאך (חוזר בתשובה שלימה) ווי עס זאל זיין הייגט זיין דין נאך. ביז אן היינטרשטן טאג פון סוכות דס איז (הושענא רבה):

דען (שמיני עצרת) קער ניט צו סוכות, ער איז דער אנדער טאג איין יו"ט פר זיך, און די (גמר חתימה) אזו זיין אן היינטרשטן טאג פון סוכות דען זיבנטן טאג, טוט ער נאך תשובה שלימה פאר זיינם הערן דא ווערן זיי צו ריסן אדר זיי ווערן אויף געהאלטן מען גיבט זיי ניט ארויס, איז ער אבר ניט (חוזר בתשובה) דא גיבט מן ארויס דיזו פיתקים אויס דען (בית המלך) און ווערן איבר געענטפרט ביד (סנטריא), דס איז גלייך אז מן גיבט איינם פסק דען מיין ער זאל זיין דין טאן. אזו אויך דס איז דר (מלאך המות) און די פתקים קערין שון זיך ניט ווידר צום (בית המלך), דען ווערן ניט געפונן בייא אים דיא צוויי שטנס. זיי געהן אוועק פון אים און אזו פאר זאגן דאס נוס פון טויט, דען דיא נאכט זיינן דיא משחיתים אן גיברייט צו נעמן דיא פתקים, און אז זיי נעמן ווערט פון אים אפ געטאן די שטנס, און ווען דער מענש זעהט דען נפש ווייניג ניט ווי עס פלעגט צו זיין, דא ווערט אויף אים עובר זיין איין דין אדר חולאת ווערן קומן אויף אים ב"א: און אין די (ספרים הראשונים) האבן איר געפונן, ווען איין מענש דיא נאכט זעהט ווען דיא לבנה איז צו ווייטר און צייכט, און ער זעהט זיין גוף אליין און ניט זיין קאפ, דא אזו ער אוועק געהן פון עולם און זיין זון אדר ווייב בלייבן, און דס איז ווען ער קיין תשובה דיא צייט טוט דער נאך, אבער ווען ער דר נאך יום תשובה טוט איז ער נצול (שונאם שלום איתה) און ווערט געהיילט: און ווען דער גוף איז ניט דא נאר די קאפף דא בלייבט ער און זיי געהן אוועק פון עולם, און רוקא ווען דער זון איז נאך קליין אדר דס ווייב איז אין זיינם רשות, און ווען די הענט זיין געפעלט און זעט זיי ניט דא ווערט זיין פר דינטט זיין גיפעלט: און ווען ער ניט זעהט זיין פיס דא יאגן אים נאך קרענקייט, צוליפט דר נפש היין און הער און קומט ווידר. אויף אים איז גזאגט (בבקר תאמר מי יתן ערב, ובערב תאמר מי יתן בקר) מכח גרוסי צרות דאס אויף אים ווערן זיין: אבר דיא (זכאים חסידים) זעהן אלע טאג אין איהרן הארצן גלייך אז זיי זאלן דען טאג אוועק גיין פון עולם, און טואן תשובה שלימה פר איהרן הערן און בדארפן צו קיין אנדרי זאכן. וואו איז איהר אנק (כעוה"ז ובעוה"ב): קום און זעה (כל הנקרא בשמי) וויא גאר הויך זיינן די מעשים פון הקב"ה דס די (בריות) די ער אונטן בשאפן הט. האט ער זיא אן געקניפט אן איהרי כוחות אובן: און ווען מען נעמט אונטן צו טאן דיא מצוה, דער מיט דא דער וועקט מען אובן. וויא איר זאגן אנדרש וואו בייא דען (מזבח און על ארז), און אייטן זאכן זיינן דיא דער וועקן אן דעם (שם הקודש) דהיינו דיא פיר מינים פון (לולב אתרוג הדס ערבה) דס מיט דער מצוה ווערט דער וועקט אובן, אזו אויך (הן בדיבור הן במעשה) דער וועקט מען אובן: דרום שטייט (כל הנקרא בשמי וגו') צו דער וועקן מיין כבוד אובן, (יצרתיו) צו טאן דער מיט איין מצוה, (אף עשיתיו) מען זאל דער וועקן דען כח דער פון אובן:

(ווייטר זיינן סודות פון די פיר מינים פון לולב):

וידבר

וַיְדַבֵּר ה׳ אֶל משֶׁה בְּהַר סִינַי לֵאמֹר וגו׳. כִּי תָבוֹאוּ אֶל הָאָרֶץ רבי חןעזר הייב חן זאת תּוֹרַת הָעוֹלָה הִיא הָעוֹלָה וגו׳:

קום חוג זעה חז די כחכט גייט חיין חוג די טוערן ווערן לו גיטחן, דח דר וועקן זיך דיכים חוכטן חין עוןם, חוג טוועבן דיח קיפות הייטן (חאוריס חוג חתוכות חוג כןבים): דיח חאוריס טוועבן דין לו טחן בעוןם, חוג די (חתוכות חוג כןבים) טוועבן כיט, כייחרט חען טוט איט זיי כיטוף די ןייט וויח בןעם החט גיטחן דורך זייח, דען טןחפן (כן בכי עוןם) חוג חויף דען אזבח פון חוכטן חיז (חט תאיד תוקד בו) ברעכט דחט פייער: חין החןבע כחכט דער וועקט זיך דר רוח לפון, חוג פון דען אזבח חוכטן גייט חיין פןחם פייחר, חוג די טויערן ווערן גיעפכט, חוג די (כוחות הדיכים) ווערן חיין גזחאןט חין חירה ןעכר, חוג די טוערן פון ג״ע ווערן חויך גיעפכט, חוג דער פןחם גייט חוג טוועבט חוג ווערט גיטייןט חויף פין זייטן פון עוןם, חוג קואט דעם החן חוגטר זייכה פןיגן דען קרייט דער החן, דען חיז הקב״ה לוויטן דיח לדיקים חין ג״ע: חוג די ככסת ישרחן זובט לו הקב״ה ביז פריח אחרגן, דען דר וועקט זיך דר חסד פון חברהם (בבוקר) חוג חןי דיכים ווערן גיטיןט, דרום ווערט חויך חיין חוןה גריכגר קיגן אחרגן דט די דיכים ווערן גטןחפט, דען חןי חוןחת קואן (אלד הדין) חויף דען אעכטן: קום חוג זעה חז ישרחן זייכן חריין גיקואן חין (חרן ישרחן) דח זייכן כיט גיפונן גווחרן די (דיכים התחתוכים) חוג די טכיכה הט רעכט גירוחט חויף חירי (כרובים), דען הט זי גיהחט חיין אכוחה איט חןים· דען ווען גןייך ישרחן החבן חוטח גיוועזן החבן זייח כיט חיבר כעכטיגט ביז אען החט אקריב גוועזן (קרבן תאיד טן בין ערביים) החט אכפר גוועזן חוף דיח עבירות פון טחג, דח החבן זיך חב גטחן חןי דיכים חוג די עוןה הט גיברעכט חויף דען אזבח, דען החט דיח קדושה גהחט (כחת חוג אנוחה), דרום טטייט (כי תבוחו חן וכו׳. וטבתה החרן) דט חיז (ככסת ישרחן) די הייטט (חרן החיים חרן חפן), דען ווערט זי זיין (בטביתה ואנוחה) לו הקב״ה, דרום טטייט (ושבתה החרן טבת ןיי): (וכי תחארו אה כחכן בטכה הטביעית) ר״י הייב חן (בטח בי״י ועטה טוב טכן חרן ורעה חאוכה) איטןיכר אעכט זחן חייביג זיין גיהיט חן זייכם הערן, חוג זחן זיך בהעפטן זיין החרן חן דר (חאוכה טןיאה) דט ער זחן גחכן זיין איט זייכם הערן, ווען ער חיז גחכן איט הקב״ה דח קחן חים (כן בכי עוןם) קייכר קיין בייז טחן: קום חוג זעה איר הבן חזו גןערכט דט איט דען חוגטרטטן אעטה וואט ישרחן טוחן חוכטן דח דר וועקן זיי חובן. אן ןערכט פון (ועטיתם חותם) כביכון איט חייערן דר וועקן פון חוכטן דח טוט חיר חןט חובן: דרום טטיט (בטח בי״י ועטה טוב) לו דר וועקן דען כח פון לדיק דר הייטט טוב, דחט ער רוחט חויף דר ערד חוג אחכט חןי (יחודים בעוןאות) חיז חןט דורך דען דר וועקן פון חוכטן: קום חוג זעה דיח (בכי חאוכה) די ליהן חויף זיך דען טוב חןי טחג ווען זייח געבן לדקה חוג גידעכקן כיט חיר געןט ווערט גיאיכרט, דען זיי החבן חיין חאוכה זיח ווייטן דחט הקב״ה ווערט זיח אער געבן זייכן זיי כיט חס חויף חיר געןט וויח דר פסוק זחגט (יט אפזר וכוסף עוד), ער חיז איט די לדקה דער וועקט ער חובן דחט אען חים אערט גוטט, וויין ער זחגט כיט ווען חיך ווער הייכט חוועק געבן וואט ווער חיך טחן חויף אחרגן, חןח הקב״ה גיבט חים ברכות (עד בןי די), דרום טטייט (וכי תחארו אה כחכן בטכה הטביעית) טטייט ווייטר (וןויתי חת ברכתי ןכם בטכה הטטית) חיך וועןן געבן ברכה דחט זעקסטי יחר חז דיח תבוחה ווערט וואקסן חויף דריי יחר· דחט אן ווערט החבן לו עסין דחט זעקסטי יחר חוג דחט זיבכטי יחר דט אן כיקט זייט חין טביעית חוג דר כחך דט חכטי יחר איי עט ווידר וואקסט: (רבי חייח ור׳ יוסי) זייכן גגחכגן חין וועג חוג זייכן גיקואן חן דען גיבערג, דח זייכן גגחכגן לוויי ןייט· חין דעם החבן זיי גזעהן קואן לו זייח חיין אעכט, טפרחך לו זייח חיך ביט חייך גיבט איר ברויט לו עסין דען חיך בין דח לוויי טעג פר חירט גיוועזן חין דר אדבר חוג החב כיקט גיגעסן, דח גיכג חייכר פון די לוויי חוג כעאט חרויס זיין עסין וואט ער זיך החט איט גכואן חויף דען וועג חוג גיבט חים לו עסין חוג לו טריכקן, טפרחך דער חכדרר לו חים וואו ווערסטו כעאן לו עסין חיך ווער דט איין עסן וואט חיך הב, טפרחך ער וואט ןיגט דיר דרחן בין חיך דען גגחכגן איט דיר לו עסן, ער זעלט זיך ביי דען חראן ביז ער החט חויף גגעסן חוג דחט חיבריגי גיבט ער חים איט חויף דען וועג חוג חיז חוועק גגחכגן, טפרחך רבי חייח· הקב״ה הט כיט גיוואןט דחט דט זחן זיין גטעהן דורך חוכז דט איר העטן זען די אלוה טחן· טפרחך רבי יוסי פיןייכט חיז כגזר חויף דען אעכט גוועזן חיין (גזר דין) כוח הט הקב״ה לו פןיים חים דען אחן לו גטיקט דט דט דורך דען זכות זחן ער כיכון ווערן פון דר גזירה, חז זייח חזו גייען דח וואר דער אחן איד גווחרן חין וועג: טפרחך דר חכדרר לו חים החב חיך דיר דען כיט גזחגט דו זחןטט גיט חוועק געבן דיין ברוט לו חיין חכדרן, טפרחך רבי חייח לו רבי יוסי החבן איר דחך ברויט איר וועןן חים געבן לו עסין, טפרחך ר׳ יוסי ווייןטט דו דען חים זיין זכות חוועק כעאן, איר וועןן גיין חוג ווען זעהן דען בוודחי חן זיין לורה פון זיין פכים זעה חיך דחט חיין פןחם פון איתה חיז חן חים בגריפן, חוג הקב״ה הט חים דחט לו גטיקט ער זחן כיכון ווערן דער פון, חין דעם זעלט זיך דער אחן חוכטר חיין בוים חוג חכטטןואט דרוכטר חוג זיין חבר זעלט זיך חויף חיין חכדרי זייט חין וועג ווייט פון חים, טפרחך רבי יוסי איר וועןן זיך זעכן חוג ווען זעהן בוודחי וויל חים הקב״ה חיין כס טחן, זייח החבן דחרטן גיווחרט, חין דעם זעהן זייח טטיין בייח חים חיין פןחם פייחר, זחגט רבי חייח ווייח דעם אעכט ער ווערט חיםחד טטחרבן, טפרחך ר׳ יוסי זכחי חיז דער אעכט דט הקב״ה ווערט חים טחן חיין כס, חין דען כידרט חיין טןחכג חרחפ פון בוים חוג וויל חים אאית זיין, דח קואט דט פייער חוג פחר ברעכט דיח טןחכג חוג דער פןחם החט חרום גריכגןט זיין קחפף חוג חיז פון חים גגחכגן, טפרחך רבי יוסי החב חיך דיר דען כיט גזחגט דחט הקב״ה וויל חים חיין כס טחן חוג דוח זחןטט כיט זיין זכות חוועק כעאן, חין דעם וואר דער אעכט חויף וואכין חוג טטייט חויף חוג וואןט חוועק גיין, דח בגרייפט חים רבי יוסי חוג רבי חייח חוג גיבן חים לו עסין, חז ער החט גגעסן החבן זייח חים גוויזן דחש כס וואט חים הקב״ה החט גיטחן, הייב חן רבי יוסי (בטח בה׳ ועטה טוב) וואוןן לו דען אעכטן דער דח

פון

פון זיינם טוט צדקה אונ פר זיכרט זיך אן הקב"ה, דרום שטייט (וצדקה תציל ממות) ווארום דאש צדקה האט איין צו נוגר אן דעם (עץ החיים). אונ דר עני איז גירעכנט וויא איין מת איז בגריפן אן דעם בוים פון טויט, אונ מיט דער צדקה דער וועקט ער דעם (עץ החיים אחיה) צו זיין דעם דר דא איז (חשוב כמת) אזו איז עש אים אויך אלז פון טויט:

פרשת בחקותי.

אם בְּחֻקּוֹתַי תֵּלֵכוּ דאש איז (תורה שבעל פה) דאש דראן הענגין אלי דינים אונ עונשין אונ פקודין אונ משפטים, (תשמרו) דש איז (תורה שבכתב), אונ דיא צוויא איז אלש איינש, וויא זיינן דר כלל פון (שם הקודש), אונ ווער עובר איז אויף (דברי תורה) גלייך אז ער מאכט פעלן אן שם פון הקב"ה. (ועשיתם אותם) עש שטייט (אתם, כביכול) ווען איר האלט די תורה איז גלייך אז איר וועלט מאכן דען שם, אונ כביכול גלייך אז איר העט אלט געמאכט. דעשטן גלייכן שטייט (ויעש דוד שם) איז קשה הט דען דוד געמאכט דען (שם), אלא וויל ער איז געגאנגן אין וועג פון תורה ומצות אונ הט גפירט דאש מלכות וויא עש זאל זיין, איז גלייך אז ער העט געמאכט דען (שם כביכול), אונ עש איז ניט געווען קיין מלך בעולם דש ער האט זוכה געווען אז דוד. ער איז אויף גישטאנדן אין האלבע נאכט אונ האט משמח געווען אונ גלערנט תורה ביז דר (שם הקודש) איז אריין געגאנגן (בכסא הכבוד) ביז דש טאג ווארד, דען ווער עש גלייך אז ער האט געמאכט דען (שם הקודש), דרום זאגט דא דער פסוק (אם בחקותי תלכו ועשיתם אותם) ווען איר ווערט עוסק זיין מתקן צו זיין דען שם הקודש מיט (תורה שבכתב ושבעל פה בייחוד אחד), דען ווערן ביי אייך די ברכות געפונדן ווערן מתוקן וויא עש קער צו זיין:

וְנָתַתִּי גִשְׁמֵיכֶם בְּעִתָּם וְנָתְנָה הָאָרֶץ יְבוּלָהּ וְעֵץ הַשָּׂדֶה יִתֵּן פִּרְיוֹ

איטליכר בזונדר ווערט געבן זיין כח אויף אייך, דרום דש איר הט געמאכט דען (שם הקודש) אז דר פסוק זאגט (ושמרו דרך יי לעשות צדקה ומשפט) ווען ער זאגט (ושמרו דרך יי) נאך וואש זאגט ער (לעשות צדקה ומשפט), אלא ווער דא היט דען דין פון דר תורה איז גלייך אז ער האט געמאכט (כביכול צדקה ומשפט) דאש איז דער יחוד פון שם הקודש: (בכה ר"ש) וויינט אונ שפראך וויי צו די לייט דאש זיא ניט ווייסן אונ זיינן זיך ניט משגיח אן דען כבוד פון איר הערן, ווער מאכט אלי טאג דעם (שם הקודש) דר דא גיבט צדקה צו איינם ארעמן, דער עני איז בגריפן אן דען דין אונ זיין עסין שפייז קומט אלץ אהער פון דין, ער הט נישט פון זיינם נייארט וואש מען אים גיבט, גלייך אז דיא לבנה האט פון זיך זעלבשט קיין ליכט נאר וואש איר גיבט די זון, קום אונ זעה ווארום איז איין ארעמער גרעכנט וויא איין מת, דרום וויל דאש ארמט איז גורם וואו ער בגריפן איז דראן, אונ ווער דא איז אם אויף מיקדא רואט אול אים דר (עץ החיים) דר דא הייסט צדקה, אז דר פסוק זאגט (וצדקה תציל ממות) אונ דרום איז די צדקה איבר אלין, אזו וואול אז דער מענש גיבט אונטן צדקה אונ דער עני איז מקבל פון אים. אזו דר וועקט זיך אובן אויך אונ דר וועקט (צדקה ומשפט), אזו ווערט דער (שם הקודש ביחוד), וואול דען מענשן דר דא איז זוכה צו מאכן דעם (שם הקודש) אונ דש איז דוקא ווער דא טוט (צדקה לשמה): דש זיין כוונה איז (לשם שמים) ניט פון פריס וועגן, בסתר דש קיינר ניט ווייסט דען איז ער גורם דש דער שם ווערט גאנץ (ובצדקה הכונני) דרום שטייט (ועשיתם אותם) איז ער מייחד (הקב"ה מיט כנסת ישראל): וְנָתַתִּי שָׁלוֹם בָּאָרֶץ רבי יוסי הייב אן (רגזו ואל תחטאו) דיזן פסוק האט מען מפורש געווען דש דער מענש זאל מאכן ציטרן דעם יצ"ט איבר דעם יצ"הר אונ עש איז רעכט אזו, אבר בשעה דאש עש ווערט נאכט אונ דער מענש ליגט אויף זיין בעט דא דר וועקט זיך וויא פיל (בעלי דינים), אונ דיא (שלוחי הדין) גייען אונ שוועבן אום אין עולם, דא זאל איין מענש ציטרן אונ פארכטן זיך פר הקב"ה, דש ער זאל ניט זיי אין הענדין קומען זיא זאלן ניט געוועלטיגן אויף אים. דא מוז דער מענש זיין גיהיט דש ער זאל קיין בייז לשון מויט זיין אויז דאש זיי זאלן זיך ניט דער וועקין צו אים, דרום שטייט (אמרו בלבבכם על משכבכם ודומו סלה) איר זאלט אלי וועגן שווייגן דש נישט אויט אייער מויל ארויט גייט, קום אונ זעה בשעה דש ישראל זיינן גיפונן זכאין פר הקב"ה עש שטייט (ונתתי שלום בארץ) איז הקב"ה בהעפט זיך מיט (כנסת ישראל). (ושכבתם ואין מחריד) איר ווערט ליגן אונ קיינר ווערט אייך דר שרעקן, דרום וויל (והשבתי חיה רעה מן הארץ) דש דיא (אגרת בת מחלת) מיט איר חברותה די (קליפות מינים הרעים) אונטן דש ווערן קיין שליטה אן אייך האבן אונ ווערן ניט געוועלטיגן בעולם דאש איז בייא נאכט, אונ ביי טאג פון די לייט דיא דא קומן פון זיינם צד אהער ווערן אן אייך ניט קענן געוועלטיגן, דרום זאגט ער (וחרב לא תעבור בארצכם). ר' אבא זאגט (וחרב לא תעבור בארצכם) אפילו איר חברותה. (והשבתי חיה רעה) דש זיא ווערט ניט געוועלטיגן אונ ווערט ניט איבר פארן אפי' דורך צו גיין אפי' שווערד פון אנדרי אומות, אפילו איינר דר אן הט כלי זיין זאל ניט איבר פארן אויף אייך, אונ דש הט גידרשנ"ת (יאשיהו המלך) אונ איז בלוואונגן גווארן פון ישראל חטא וועגן, אז דער פסוק זאגט (רוח אפינו משיח יי נלכד בשחיתותם), אין דען פסוק איז קשה איר האבן יוא גילערנט ווען דער שלעכטער פון דאש פאלק איז גוט דא ווערן גאר דאש פאלק בשירמט פון זיינט וועגן, אונ יאשיהו איז יוא פרום כשר גיווען ווארום איז ער בלוואונגן גווארן אירנט וועגן, אלא וויל ער הט ניט וועלן גלייבן (ירמיה הנביא) דש ער הט גזאגט וויא ישראל זיינן בייז ער זאל זייא אונטר לאזן מאכן אונ אפ שטראפן. ער האט עש ניט גיטאן, ער האט גימיינט זיא זיינן אלי אזו פרום וויא ער איז, דרום איז ער נתפס גווארן אין אירי זינד: אִם בְּחֻקֹּתַי תִּמְאָסוּ רבי יוסי הוב אן מוּסַר יי בְּנִי אַל תִּמְאָס וְאַל תָּקֹץ בְּתוֹכַחְתּוֹ וויא גאר גליבט זיינן דיא

ישראל ביי הקב"ה דאש ער זיא שטראפט צו פירן זייא (בדרך הישר) זיא זאלן זיך ניט קערן רעכטש אונ לינקש אז דער פסוק זאגט (את אשר יאהב יי יוכיח וכאב את בן ירצה). אונ ווען הקב"ה ניט ליב האט דא קערט ער אפ פון אים דיא שטראף אונ דיא רוט, עש שטייט (אהבתי אתכם אמר יי), מנה גרושי ליבשאפט דש איך צו אים האב דרום האב איך די רוט אין דר האנד אים צו שטראפן. (ואת עשו שנאתי) עשו האב איך פיינד דרום שטראף איך אים ניט דאש איך וויל אים ניט לאזן איין חלק אן מיר: קום אונ זעה ווען זיך דר וועקט דר (דין צדק) פון הקב"ה, דא דר וועקן זיך פיל (שרי דינים) פון רעכטש אונ לינקש פייאריגי רוט. ריטער פון קולן פון פלאם גייאן אויש בעולם די צייט צו שלאגן, אונטר זיי זיינן ווידר אנדרי ממונים פון פייאר צו שלאגן אלקות ניין אונ דרייסיג, דיא שוועבן אונ נידרן אונ שלאגן די צייט, דרום שטייט (ויספתי ליסרה אתכם) איך וויל געבן צו דען (מדת הדין) איין מערונג צו שטראפן אייך נאך ווי איר עש ווערט קענן דער לידן אונ ניט גאר מכלה זיין דען עולם, ואלט הקב"ה גובה זיין פון מענשן וואש ער פר שולדיגט קיגן אים. קענט דיא וועלט קיין קיום האבן, אז דער פסוק זאגט (אם עונות תשמר יה יי מי יעמוד):

סליק ספר ויקרא.

ספר במדבר.

וידבר יי אל משה במדבר סיני באהל מועד וגו' רבי אבא הייב אן ויברא אלהים את האדם וגו' בשעה דאש הקב"ה האט (אדם הראשון) בשאפן האט ער אים בשאפן (כדאותו) אין גישטאלט פון דיא (עליונים אונ תחתונים), אז ער כלל גוועזן פון אלי בשעפניש, אונ זיין שונהייט האט גילייכט פון עק וועלט ביז עק וועלט, אונ אלי האבן זיך פר אים גיפארכטן וויא וואול דאך איר האבן דאש טון מפורש גוועזן אויף איין אנדר אורט אז דאך צו פר שטיין, ווען ער זאגט (ויברא אלהים את האדם בצלמו) וואש דארף ער נאך איין מאל צו זאגן (בצלם אלהים ברא אותו), אלא וויל ער אז גוועזן כלל פון (זכר ונקבה) ער איז גיוועזן צווייא גשטאלטן, דרום שטייט (זכר ונקבה ברא אותם) ער האט גיזעהן מיט זיינר גרושה חכמה אובן אונ אונטן, אונ אז ער האט חטא גיוועזן איז זיין ליכט גמינרט גווארן אונ זיין חכמה אוועק גיגאנגן, אונ האט נאר גיזעהן אין זעלכי זאכן פון עולם הזה (גשמיים) ניט פון אובן אין (רוחניות), דער נאך האט ער קינדר גיהאט דיא זיינן גיוועזן אין גישטאלט דיא (עליונים אונ תחתונים), זייא ניט גיבליבן בעולם ביז ער האט גיהאט דער נאך דען (שת) דז דר עולם איז פון אים גיגרונד פעסט אונ גיפלאנצט גווארן, דאך איז דער (עולם התחתון) ניט גאנץ גיוועזן אין זיין רעכטן שטאנד ביז אברהם איז גיקומן, דער האט בגריפן (בצד הימין) האט אייטל חסד גיטאן בעולם, גלייך אז ווען איינר פאלט אונ מן נעמט אים אן רעכטן האנד. איז גקומן יצחק אונ האט דען עולם בגריפן (בצד שמאל) האט ער מער קיום גיהאט, אז יעקב איז גקומן האט דער עולם ערשט איין רעכטן שטאנד בקומן דאש שוין ניט איז צו גענצט גווארן, דאך איז ער ניט רעכט גיפלאנצט גווארן אין זיין ווארצל ביז ער האט מוליד גוועזן צוועלף שבטים אונ זיבציג נפשות איז רעכט גיפלאנצט גווארן. דאך איז ניט גאנץ גווארדן רעכט, ביז ישראל האבן מקבל גוועזן די תורה אויף דעם בארג סיני אונ דאש משכן איז אויף גיריכט גווארן, דען האט דער עולם איין רעכטן קיום גיהאט, אונ זיינן רעכט מיושב בישטענדיג גווארן דיא (עליונים אונ תחתונים) אז דיא תורה אונ דאש משכן זיינן אויף גריכט גווארן האט הקב"ה בגערט צו ציילן דיא חיילות וויא פיל זיינן אין דר תורה אונ אום משכן ארום: קום אונ זעה אלט דאש מן וויל מיישב זיין אויף איין אורט קאן ניט מיושב ווערן מן מוז עש ציילן אונ גידענקן מיט דען מויל ארויש צו רעדן, אזו אויך די תורה אונ דש משכן האט הקב"ה בגערט צו ציילן די חיילות פון דער תורה. אונ פון משכן אונ אלי זיינן אלש איינש דיא שיידן זיך ניט פון אנדר ווי אובן, אונ דרום שטייט (במדבר סיני ובאהל מועד), איינש ווייזט אויף דער תורה, אונ איינש אויף דען משכן דאש זייא זאלן כלל זיין וויא אובן דיא (תורה אונ משכן ביחוד אחד): בְּאֶחָד לַחֹדֶשׁ הַשֵּׁנִי בַּשָּׁנָה הַשֵּׁנִית

דער איז חדש (זיו) איז טייטש ליכט, כלומר דאש דער מיעוט פון דער לבנה איז ווידר פר ריכט גווארן דיא צייט וואש איז גיקלענרט גווארן (בשעת ימי בראשית). רבי יצחק הויב אן (יי זכרנו יברך יברך את בית ישראל יברך את בית אהרן. יי זכרנו יברך) דאש זיינן דיא מאנן דיא דא זיינן גיגאנגן אין חשבון אין דער מדבר, אונ הקב"ה האט זייא גיבענטשט אונ האט אויף זייא גימערט אלי צייט די ברכות, ווען איינר ציילט דען שבח פון זיינם חבר, הן ער לובט אים מאך זיין קינדר אדר זיין געלט מוז ער אים בענטשן אונ מוז מעהרן אויף אים ברכות. (מכאן) איר לערנן עש פון משה, ער האט גיזאגט, (והנכם היום ככוכבי השמים לרוב) דר נאך שטייט (יי אלהי אבותיכם וגו') דא זיינן דא צווייא ערלייא ברכות איינש (יי אלהיכם הרבה אתכם וגו'), דיא אנדרי ברכה (ויברך אתכם כאשר וגו') צו ווייזן איין ברכה אויף דער אנדרי, אונ ווען איינר דער ציילט דען שבח פון זיינן חבר אונ בענטשט אים ניט דא ווערט ער בצוואונגן צום ערשטן פון אובן, אונ ווען ער אים

אים יאָ בענשט ווערט ער אויך געבענשט פֿון אויבן, און ווער דאָ בענשט דער אזוי בענשן (בעין טוב) און ניט (בעין הרע) און בייא אונז ווייל הקב"ה האָבן (אהבת הלב), וואָס דאָך ווער זיין חבר בענשט ווייל הקב"ה האָבן ער זאָל אים בענשן (בעין טוב) און מיט איין גוטי און ליב האַרץ, ווען ער בענשט הקב"ה (אכל שבע), און דרום שטייט (ואהבת את ה' אלהיך בכל לבבך ובכל נפשך ובכל מאודך), קום און זעה דאָס קיין ברכה רוהט ניט אויף איין זאַך דאָס מן ציילט. אוב דוא ווילסט פֿרעגן וויא האָט מן ישראל געציילט, מן האָט ניט געציילט ביז מן האָט (כופר נפש) צו אננדר גזאמלט. און האָט פֿאַר געבענשט דער נאָך האָט מן דיזן (כופר נפש) געציילט, און דער נאָך האָט מן זייא ווידר געבענשט, כללא זיינען ישראל געבענשט געוואָרן (בתחלה וסוף) דאָ איז קיין שום ניט שולד געוועזן אויף זייא, ווען מן יאָ ציילט איז דער שוט דאָרטן, דרום ווייל קיין ברכה רוהט ניט וואו מן ציילט און אז דיא ברכה גייט אַוועק דאָ איז דער (צד הטומאה און קללה) געוועלטיגט און קאָן מזיק זיין: (יברך את בית ישראל) דאָס זיינען דיא ווייבר דיא דאָ ניט זיינען געוועזן אין חשבון: (יברך את בית אהרן) דיא דאָ בענשן צו דיא ישראל (בעין טוב) און מיט איין גוט און ליב האַרץ (את בית אהרן) דאָס זיינען דיא ווייבר דיא דאָ ווערן געבענשט מיט איר ברכה (יברך יראי יי) דאָס זיינען די לוים דאָס זייא פֿאָרכטן זיך פֿאַר הקב"ה, דאָ ווערן אלי געבענשט קליין און גרויס, ווען גלייך זייא ניט זיינען געקומען אין דער צאָל זאָלן אלי געבענשט זיין: קום און זעה דו ווערסט ניט געפֿינען אין קיין צאָל ווען זייא זיינען געציילט געוואָרן האָט זייא זיינען אזוי געבענשט געוואָרן אז דאָ, דען דאָס צאָל איז נאָר געוועזן זייא זאָלן געבענשט ווערן און גאַנץ צו מאַכן די שלימות פֿון דיא וועלטן די (עליונים און התחתונים). דען דאָס צאָל איז געוועזן פֿון אזוי איין אָרט אויבן בגריפֿן דאָס אלי ברכות פֿון דאָרטן אַרויס קומען, דרום שטייט (באחד חדש השני), אזוי איין חודש דער דאָ הייסט (זיו) דאָס אלי שטאַרקייט גיין פֿון אים אַרויס, דרום שטייט (יברכך יי מציון) און שטייט (כי שם צוה יי את הברכה) דאָס איז אלס איין זאַך: אִישׁ עַל דִּגְלוֹ רבי אלעזר הייב אָן שִׂמְחוּ אֶת יְרוּשָׁלִַם וְגִילוּ בָהּ כָּל אֹהֲבֶיהָ וגו' וויא גאָר גליבט איז דיא תורה פֿאַר הקב"ה דאָס אלי ערטר אז דיא (דברי תורה) ווערן געהערט, דען קומט הקב"ה און אלי זייני חיילות צו הערן און צו פֿאַר נעמען זייני רייד, און הקב"ה קומט צו וואוינען מיט אים און בענשט אים, אז דער פסוק זאָגט (בכל מקום אשר אזכיר את שמי אבוא אליך וברכתיך). און ניט דאָס אליין נאָר זייני שונאים פֿאַלן פֿאַר אים: קום און זעה דיא עלות פֿון דער תורה דיא זיינען גאָר הויך אויבן, קומט איין מענש און טוט איין עלוה דאָ שטעלט זיך דיא זעלביגי עלוה פֿאַר הקב"ה און שפרעכט דער פֿלוני האָט מיך געמאַכט און פֿון דעם פֿלוני בין איך, דען אז ער דער וועקט זיך אונטן אזוי דער וועקט זיך אויך אויבן און מאַכט שלום אויבן און אונטן, אז דער פסוק זאָגט (או יחזק במעוזי יעשה שלום לי שלום יעשה לי). (יעשה שלום לי) אויבן (שלום יעשה לי) אונטן, וואויל זיין חלק ווער עס טוט די (עלות התורה). (שמחו את ירושלים), דרום ווייל קיין (חדוה ושמחה) איז נייערט ווען ישראל זיינען אין (ארץ הקדושה) דען דאָרטן איז בהעפֿט הקב"ה מיט (כנסת ישראל), דען איז שמחה אויבן און אונטן, אָבער בזמן ווען ישראל זיינען ניט אין אירן לאַנד, דאָ דאַרף זיך ניט איין מענש משמח זיין און צו ווייזן איין שמחה, דרום שטייט (שמחו את ירושלים וגילו בה) זייא מדייק (בה), דריבן דווקא און ניט אין גלות: רבי אבא האָט אמאָל געזעהן איין מענש דאָס ער האָט זיך משמח געוועזן אין איין הויז פֿון איין שררה אין בבל, דאָ האָט ער אים איין שטויס געגעבן און זאָגט עס שטייט געשריבן (שמחו את ירושלים) ווען ירושלים איז בשמחה זאָלט איר אויך בשמחה זיין, און ווען ירושלים איז בצער איז אסור משמח צו זיין: רבי אלעזר גייט זיין טעם נאָך (שמחו את ירושלים) איז גלייך אז (עבדו את יי בשמחה), איין פסוק זאָגט (עבדו את יי בשמחה) און שטייט (עבדו את יי ביראה וגילו ברעדה) די פסוקים זיינען ווידר אננדר, אלא בזמן ווען ישראל זיינען אין אירן לאַנד איז בשמחה, (ובזמן) דאָס זייא רוען אין איין פֿרעמדי לאַנד איז עס (ביראה): נאָך איין פשט איז (עבדו את יי ביראה) דאָס איז דיא (כנסת ישראל) ווען די (כנסת ישראל) איז אין גלות צווישן דיא אומות: שפרעכט רבי יודא עס שטייט דאָך (כי בשמחה תצאו) איז טייטש זי הייסט שמחה: שפרעכט ער גוויס ווען זיא ווערט אַרויס גיין אויס דעם גלות הייסט זיא שמחה: שפרעכט רבי אלעזר בוודאי איז אזו. (כל זמן) אז דיא כנסת ישראל איז אין גלות און ליגט אויף דער ערד בשפֿלות ווערט זיא ניט גרופֿן שמחה, ביז הקב"ה זעלבסט ווערט צו איר קומען און ווערט זיא אויף ריכטן פֿון דער ערד. און ווערט זאָגן (התנערי מעפר קומי) און ווערן זיך בהעפֿטן מיט אננדר, דען ווערט הייסן דיא רעכטי שמחה (כי בשמחה תצאו), דען ווערן קיגן איר גיין ווי פֿיל חיילות צו דר (שמחת החתונה) דאָס הקב"ה ווערט האָבן מיט ישראל, אז דער פסוק זאָגט (ההרים והגבעות יפצחו לפניכם רנה) און שטייט (כי הולך לפניכם יי ומאספכם אלהי ישראל): (ר' אלעזר בן ר' שמעון) זאָגט גרויסי סודות אין דיא דגלים, ווי די צוועלף שבטים זיינען געלעגן אום דעם משכן מיט פֿיר דגלים. איז גלייך געווען ווי די מלאכים אויבן זיינען אום דעם (כסא הכבוד) אַרום, און איז אלס געווען וויא דיא (מרכבה עליונה) דאָס מן ניט קאָן שרייבן. אזו הערט זיין שווער רבי יוסי און קושט אים, ער וויינט און לאַכט און זאָגט וואויל זיין חלק (בעוה"ז ובעוה"ב): ער הייב אָן (יי אורי וישעי ממי אירא יי מעוז חיי ממי אפחד) אז דער מענש זוכה איז צו זעהן אין דעם אויבערשטי ליכט און הקב"ה דר לייכט אויף אים, דען פֿאָרכט ער זיך ניט פֿאַר די עליונים אויך ניט פֿאַר די תחתונים, און ווען הקב"ה בגרייפֿט אן איינעם מענטשן דר האָט זיך ניט צו פֿאָרכטן בעוה"ב פֿאַר אלי (מדת הדינים), אז דר פסוק זאָגט (יי מעוז חיי. ועליך יזרח יי וכבודו עליך יראה), אזו איז אויך דאָס גלייכן ווייל איך בין בגריפֿן אין דיינעם פֿאַטר (רבי שמעון בן יוחאי) און אין דיר. וויא זאָל איך מיך פֿאָרכטן (בעולם הזה ובעולם הבא), אויף דיר איז געזאָגט געוואָרן (ישמח אביך ואמך ותגל יולדתיך). (ישמח אביך) דאָס איז הקב"ה (ואמך) דאָס איז דיא (כנסת ישראל) (ותגל יולדתיך) דאָס זיינען דיין פֿאַטר און מוטר די דיך געבאָרן האָבן: עס שטייט (בידך אפקיד רוחי פדית אותי יי) זאָגט רבי אלעזר אין דעם פסוק איז צו זעהן. איז דען דער סדר אז איינר גיבט דען איך וואָס צו בהאַלטן, אלא וואויל איז דעם מענשן דער דאָ גייט (בדרך האמת הקדוש) און איז ניט חוטא פֿאַר אים: קום און זעה

אז:

אז דיא נאכט קומט איז דר (מדת הדין) וואו דר טויט איז בגריפֿן דרין שולט אויף דען עולם. אונ דער (עץ החיים) גייט ארויף, אונ וויל ביי נאכט איז שולט דער כח פֿון טויט אליין, דרום פֿילן די גאנצי וועלט דעם (טעם מיתה), דרום וויל דר (מדת הדין) איז גורם וואס דעסט מאן גוועלטיגט, דרום זאל זיך דער מענש מקדים זיין אונ צו דען אורט זיין נפש געבן צו בהאלטן (בדרך פקדון), גלייך אז איינר דער גיבט איין פקדון צו זיינם חבר, דען ווען ער גלייך חייב איז אונ האט חוטא גיוועזן דא טוט ער ניט פֿר האלטן דען פקדון. וויל ער האט אים איבר געענטפֿערט (בתורת פקדון), אונ ווער דא איז מסרב אן דען ווארט, דער איז ניט (מזרע הקודש) גוויס איז מען בודק נאך אים אונ זייני מעשים אונ ער איז ניט (מבני מאומה) דרום נעמט דער (מדת הדין) אלי נשמות פֿון עולם צו זיך, דעסט מאן פֿילן אלי דעם (טעם מיתה) אונ גיבט ווידר איטליכן זיין פקדון זיין נשמה אין זיין גוף, אונ דער מדת הדין איז ניט כדאי דאס זיא גיבט ווידר די נשמה ביז עס ווערט טאג, דען איז דער (עץ החיים) שולט דאס איז אייטן החיים, דרום איז ער גורם דיא לייט מחיה צו זיין מיט זיין כח איטליכן מיט זייני נשמה, אונ דער כח פֿון טויט איז אפ גיטאן פֿון עולם: אויב דו וועלסט פֿרעגן זיינן דאך פֿיל לייט דיא אויף שטיין ביי נאכט אונ ווי קאן זי ווידר געבן דען פקדון איי דער עץ החיים איז שולט צו מארגנס, אלא דאס טוט דער מדת הדין צו פֿלייס צו פרובֿן די לייט (לראות היש משכיל דורש את אלהים) צו זעהן אויב עס איז איין משכיל דאס ער ווערט אויף שטיין לערנן תורה אונ צו פֿארשטן גאט, אונ דער מענש זאל קיין (פתחון פה) האבן, ער מאכט ריידן העט איך גיהאט איין נפש ביי נאכט ווער איך אויף גישטאנדן לערנן תורה: פֿרעגט רבי יהודא דו רעדסט רעכט אונ דאס שיקט זיך ביי ישראל, אבר מיר זעהן דאך דס ביי עכו"ם איז אויך אזו ווי איז דס. (פתח) ער הייב אן מָה אֶקֹּב לֹא קַבֹּה אֵל קום אונ זעה אין איין גישטאלט וויא עס איז אובן בקדושה, אזו איז אלס גפֿירט דאס גלייכן ביי די חלונים אונ עכו"ם. דען אלי אירי (יניקה) קומט פֿון דיא איבערשטי קדושה: (ווייטר קאן מאן ניט טרייבן בלשון אשכנז): (כלה רבי אלעזר) וויינט אונ הייבט אן עס שטייט (קולה כנחש ילך) איצונד זיינן די ישראל אין גלות אז וויא איין שלאנג גייט. דא איז איר קאפ אונטן אונ איר עק אובן איבר דען קאפ, דען שלאגט דער עק אלי דיא ער גפֿינט, ווער איז גורם דען עק דאס זיא שלאגט אויף אלי זייטן, דרום וויל דר קאפ איז איין געבויגן (בעפֿר), אזו אויך דער קאפ דאס זיינן דיא ישראל בגריפֿן, אונ דיא עכו"ם זיינן בגריפֿן אן עק, היינט איז דער קאפ אין דער ערד אז דער פסוק זאגט (נפלה ולא תוסיף קום) אונ דער עק שטארקט זיך אונ איז שולט בעוה"ז, ווער איז גורם דאס דר עק גייט אויף אובן, דרום וויל דער קאפ איז געבויגן אונטן אראפ, דאך פֿירט דער קאפ דעם עק אונ היט אים, אז דר פסוק זאגט (שמוני נוטרה את הכרמים) די (שכינ') שפרעכט זיא האבן מיך געמאכט דאס איך זאל היטן דיא עכו"ם דיא זיינן איין עק אונ נידרן דיא ישראל דיא דא זיינן איין קאפ: דא קומט רבי יודא אונ קושט אים אונ שפרעכט (אלמלא) העט איך אויף דען עולם ניקט מער גיפֿרעגט אז דז דאס איך האב איצונד זוכה גיוועזן צו הערן איז מיר גנוגן; דאס איך איצונדערט ווייס וויא דיא שליטה פֿון דיא עכו"ם גפֿירט ווערט, וואלן צו דען חלק פֿון ישראל דאס אויף זיא שטייט (כי יעקב בחר לו יה), שפראך רבי אלעזר וואס איז דאס וואס ווייטר שטייט (לסגולתו), שפראך ער דאס זיינן די דרייא אבות דיא זיינן ווי איין (סגו"ל), עס זייא אובן עס זייא אונטן, דעסט גלייכן זיינן איין (סגו"ל) די (כהנים לוים וישראלים) אונ דאס איז אלס איין סוד, דיא זיינן אלי איין (סגולה) צו הקב"ה, אז דער פסוק זאגט (והייתם לי סגולה מכל העמים). (ער זאגט סודות פֿון דיא רגלים): רבי שמעון הייב אן (לדוד אליך יי נפשי אשא) וואס האט דוד גיזעהן דאס ער אז האט דען מזמור מסדר גיוועזן, אונ אין אלי מזמור וואס דא איז על פי סדר (א"ב) איז גאר דאס (א"ב), אונ דא גייט אפ די (ו), אונ וואָרום זאגט מאן (לדוד אליך יי נפשי אשא) נאך (שמונה עשרה) אז מאן פֿאלט תחנון. אלס די הייליגקייט איז דאס אויך דר פֿיר איז גשטאנדן, ווען דיא נאכט קומט איז דער (מדת המות) שולט דא פֿילן דיא לייט דעם (טעם מיתה): דא מוז מאן מקדים זיין צו געבן צו דען אורט זיין (נשמה בפקדון). אז מארגן קומט אונ זיא גיבט אים ווידר זיין פקדון דעם נפש, דא קער דער מענש לובן צו הקב"ה דער איז (נאמן העליון), דער נאך זאל ער גיין אין שול גיקריינט מיט תפֿילין צו גידעקט מיט ציצית, אונ איז זיך משהר מיט דיא (פרשת קרבנות אונ איזהו מקומן) נאך ערשטן, דער נאך זאל ער אויף זיך מקבל דאס יאך פֿון (מלכות שמים) מיט דען (סדר פסוקי דזמרה פֿון ברוך שאמר) אונ ווייטר אויס די מזמורים וואס דוד המלך האט גיזאגט דען סוד פֿון (מלכות), אונ ווען גלייך דיא עיקר תפֿלה איז דער דיבור וואס ער ריידן טוט מיט דען מויל, הענגט אלס פֿארט אן דען מעשה נאך ערשטן דס ער איז מקיים מצות ציצית אונ תפֿילין דאס איז (תפֿילין של יד אונ תפֿילין של ראש) זיינן גישטעלט קיגן דיא תפֿלות דאס מאן זאל טאן מיט ישיבה, אונ ווידר שמונה עשרה דאס איז (בעמידה) צו שטיין דוקא, דען דיא תפֿלה איז גישטעלט (בדיבור ובמעשה) דאס זיא זאלן איין בונד האבן, אונ ווען דער מענש פֿעלט אן דער מעשה פֿון (ציצית אדר תפֿילין) איז דער דיבור פֿון דר תפֿלה ניט מתוקן צו רואן דרויף, אונ דער מענש מאכט פֿעלן אובן אונ אונטן. דען דער מענש מוז גיזעהן ווערן מיט רעכטי מעשים דער נאך קאן זיין דיבור מיט דער תפֿלה אן גנומן ווערן, דען איז דיא תפֿלה גאנץ אונ רעכט, ווי צו דען מענשן דער איז פוגם אן זיינר תפֿלה דאס איז דיא עבודה צו זיינם הערן. אויך שטייט גישריבן (כי תבואו לראות פני וכו' גם כי תרבו תפֿלה אינני שומע) איך טוא ניט פֿר נעמן אייערי תפֿלות דען עס הענגט אלס אן דער מעשה אונ אן דבור, אונ ווען דר מענש דיא תפֿלה יוא רעכט אזו טוט במעשה אונ דבור בייא אננדר ביחוד, ווערן דורך אים גיבענטשט דיא (עליונים אונ תחתונים), דען ווען ער האט מתפלל גוועזן שמונה עשרה קער זיך דער מענש צו ווייזן גלייך אז ער אוועק גייט פֿון דען (עולם החיים) דאס דיא אפֿשלצהן ברכות בגריפֿן זיינן דרין, אונ גייט הינטר זיך צו דען עולם גלייך אז ער זאל שטארבן, אונ בגרייפֿט אן דעם מדת הדין וואו דיא מיתה איז בגריפֿן דרין דאס ער האט אים זיין נשמה דען פקדון ווידר גיגעבן צו מארגנס דא מוז ער פֿאלן אויף זיין פנים,

אונ

אונ זאגט (לדוד אליך יי נפשי אשא) אונ איז זיך (מוסר נפש) צו דר מיתה, אבר ניט וויא צום ערשטן ביי נאכט האט ער זיין נפש גיגעבן נייארט (בתורת פקדון), אבר איצונד ווא ער האט מודה זייני זינד אונ מתפלל גיוועזן אונ מקטר גיוועזן מיט דער מעשה אונ דיבור אלי וועלטן אובן דאש גישטעלט זיינן דער קיגן נוא איצונד בין איך מיך מוסר צו דער רעכטי מיתה מאש גלייך אז ער וועלט רעכט שטארבן פֿון דען עולם: דרום איז נון דען מזמור (כ"ה) דאש גישטעלט איז נאך דען (אל"ף בי"ת) קיין אות (ו) דרינן דען דיא (ו) איז ארויז אויף דען (כל החיים) אונ ער ענטפֿרט זיך דא איבר למיתה, אונ די הייליכקייט איז דער פֿון דאש עש זיינן פֿיל חטאים דאש דער מענש האט דרויף קיין כפרה ניט, ביז ער שטארבט פֿון עולם. וויא עש שטייט ביי די (בני עלי אם יכופר העון הזה לכם עד תמותון), אונ ווען דער מענש איז זיך (מוסר נפש למיתה) אז ער פֿאלט תחנון איז איהם איין כפרה גלייך אז ער ווער רעכט גישטארבן ווען ער דער צו זיין כוונה האט, אונ ניט אז וויא ביי נאכט דש איז נאר גיוועזן (בדרך פקדון) נייארט ער איז זיך איצונד (מוסר נפש) רעכט, דרום איז דש איהם מכפר פֿר איין רעכטי מיתה: וואן דען מענשן דר רעכט קאן מכוון זיין אין דיא (תפלות בכוונת הלב), דען איז הקב"ה זיך מרחם אויף איהם אונ איז איהם מכפר זייני חטאים, ווי צו דעם דר דא קומט צו הקב"ה איבר צו ריידן מיט איין דער ווייטרט הארץ אז דער פסוק זאגט (ויפתוהו בפיהם ובלשונם יכזבו לו ולבם לא נכון עמו), ווען ער זאגט (לדוד אליך יי נפשי אשא) אונ ניט רעכטי כוונה מיט זיין גאנץ הארץ נייארט מיט איין דער ווייטרט הארץ פֿון הש"י, איז ער אויך זיך גורם צו שטארבן פֿר זיין צייט ווען די (מדה) איז שולט צו דר וועקן דען (דין בעולם), דרום קער איטליכר מענש צו זעהן צו בהעפֿטן זיין (נפש ורצון) אן הקב"ה אונ זאל ניט פֿר איהם קומן מיט פֿאלשן הארץ אונ פֿאלשן ווילן, דען עש שטייט (דובר שקרים לא יכון לנגד עיני), ומכל שכן ער קומט אייכליגן דען שם הקודש אונ אייכליגט ניט ווי עש זאל זיין, דען גייט אויס איין קול אונ זאגט (לא יכון לנגד עיני) דאש איז ניט אן גיברייט קיגן מיין אויגן, וואז דער חלק פֿון דיא צדיקים בעו"הז ובעו"הב, אויף זייא שטייט גישריבן (ובאו וראו את כבודי) אונ שטייט (אך צדיקים יודו לשמך): דא קאם ר' אלעזר אונ קושט איהם זיין האנד אונ זאגט (אלמלא) ווען איך נאר ווער גקומן אויף דען עולם נאר דאש צו הערן ווער גינוג, זאגט ר' יהודה וואז איז אונזר חלק אונ דש חלק פֿון ישראל דש זיי בהעפֿטן זיך אן הקב"ה, ווי דר פסוק זאגט (ואתם הדבקים בה' אלהיכם חיים כולכם היום) אונ זאגט (ועמך כולם צדיקים וגו'): (מאר המעתיק להודיע) דאש (המהר"י ז"ל) שרייבט דאש ווער ניט רעכט קאן מכוון זיין דען סוד פֿון תחנון מוסר צו זיין דען נפש אויף (קידוש השם) אונ זאגט (לדוד אליך ה' נפשי אשא) שטייט גרושי סכנה דרויף, אונ איז אויך אזו משמע אין (זוהר הנ"ל), דרום זאל ניט איטליכר זאגן דען פסוק, אונ אויך נאך אונזר מנהג דאש מן ניט זאגט דען (מזמור כ"ה נאר מזמור ו') אונ ער קער נאר מכוון צו זיין (בנפילת אפים דרך כלל) דש איין כוונה איז צו אלים ווי דיא (אנשי כנסת הגדולה) האבן גמיינט, אונ זאל נאר מכוון זיין צו וויסן וואש ער רעט איז שון גינוג פֿר דען גמיינן מאן, (ובפי' יתרו) ווען דער מענש טוט איין מצוה אונ איז מכוון דר צו בכוונה, איז ער רעכט ווערדיג, אונ ווען גלייך ער ניט איז מכוון מוז ער דאך אויך זכאה אונ ווערדיג דאש ער טוט די מצוה פֿון זיינם הערן. אבר עש איז ניט אזו פֿר רעכנט גלייך אז איינר טוט בכוונה אונ איז מכוון דרינן אונ רעכט היט זיינר מחשבה דען כבוד פֿון זיינם הערן, דען וואו דא איז לשמה הענגט אלש אן דער מחשבה, אונ מיט דער מעשה לשמה אונטן הענגט אובן ווי דיא קער זיין אונ איז אלש מתקן, אזו אויך מיט דען (מעשה הגוף) ווערט פֿר ריכט מיט דער מחשבה דאש מעשה פֿון נפש. דען הקב"ה בגערט דש הארץ אונ דען ווילן פֿון מענשן, ואפֿי' ווען גלייך ניט איז דיא מחשבה אויף אלים, דאש איז דער עיקר פֿון אלים האט דוד מתפלל גיוועזן (ומעשה ידינו כוננה עלינו) דאש הקב"ה זאל פֿארט אן נעמן, דען ניט איטליכר איז אזו חכם דאש ער זאל קענן מכוון אלש זיין (ברצון ולב) אונ זאל אזו דיא מצוה טאן, דרום זאגט ער (ומעשה ידינו) אונזרי ווערק ווען מיר דיא מצוה טוען ווען גלייך מיר קענן ניט דר מיט רעכט מתקן זיין ווי עש גהערט צו זיין (כוננה עלינו) זאלשטו אן ברייטן אובן ווי עש גיהער צו זיין, אונ וויל מיט דער מחשבה דר וועקט דער מענש אין דעם (עולם המחשבה) דער גאנץ הויך איז בעו"הב דש דא הייסט (נועם ה') דרום זאגט ער (ויהי נועם ה' אלהינו עלינו) ווען גלייך דאש מיר זיינן ניט מכוון אונ בגרייפֿן מיט אונזרן שכל אזו הויך נייארט במעשה, זאלשטו אן ברייטן גלייך אז מיר העטן רעכט מכוון גוועזן, אונ זאל אויף אונז רוען די קדושה דאש דא הייסט (נועם ה' אלהינו) ווי דער זוהר זאגט: זאגט ר' אלעזר ווי זיינן דיא לייט נארן דיא דא ניט ווישן אונ זיינן ניט (משגיח בדברי תורה), דען עש זיינן דרינן וויא פֿיל סודות עליונים פֿר בארגני דאש מן מיט דיא ווינג איז זוכה צו זעהן (בנועם ה'). דש דער בייא שטייט (דרכיה דרכי נועם וכל נתיבותיה שלום), וואש איז דאש נועם דאש איז דאש ארט דאש די תורה איז דער פֿון ארויש גקומן: זאגט ר' חייא מיר האבן גלערנט בשעה דאש הקב"ה האט גגעבן דיא תורה צו ישראל, דא איז גקומן איין גרויש ליכט פֿון דען נועם אונ האט גקריינט הקב"ה, אונ פֿון דעם ליכט ווערן דער לייכט דיא לייכטונג פֿון אלי וועלטן אונ אלי היכלן, אויף די זעלביגי לייט שטייט גשריבן (צאנה וראנה בנות ציון במלך שלמה בעטרה שעטרה לו אמו), ובשעה דאש ב"ה איז גבויאט גווארן איז הקב"ה גקריינט גווארן מיט דר קרוין דען איז גזעסן (המלך הקב"ה) אויף זיין שטול, אונ בשעה דאש ב"ה איז חרב גווארן איז הקב"ה ניט גקריינט מיט דער קרוין אונ דיא קרוין איז פֿר בארגן גווארן:

אמר (ר"א בשעה) דש משה איז אריין גיגאנגן אין וואלקן אז דער פסוק זאגט (ויבא משה בתוך הענן) איז ער דרינן אריין גקומן גלייך אז איין מענש דער דא קומט אין איין גרויש ארט אריין וואש גאנץ ווייט איז (בתוך הענן) דא האט איהם בגעגנט איין גרוישר מלאך דר דא הייסט (קמ"ו), דר מלאך איז ממונה אויף צוועלף טויזנט (ממונים שלוחים), ער קאם אונ וואלט זיך אן איהם בהעפֿטן, דא עפֿנט משה זיין מויל אונ האט דר מאנט דען שם פֿון (י"ב אותיות הקדושים), דאש ער האט גלערנט פֿון הקב"ה אין (סנה) דא ווער דר מלאך פֿון איהם דר ווייטרט צוועלף טויזנט מייל, דא גינג משה

אין

אין וואלקן און זייני אויגן ווארן פלאמן ווי פייאריגי קוילן. ביז עס הט איהם נאך איין העכרר מלאך בגעגינט דר נאך אטובר איז ער הייסט (הדרנ"י)· ער איז העכר איבר אלי אנדרי מלאכים טויזנט און צוועליף (רבות) מייל, און זיין קול וואר גגאנגן אין צוויא הונדרט טויזנט היאלן דיא דא זיינן ארום גרינגלט (במט לבן) מיט ווייס פייער, און אז איהם משה האט געזעהן האט ער ניסט קענן ריידן, ער האט זיך וועלן ארויס ווארפן אויס דעם וואלקן ארויס· שפראך הקב"ה צו משה ביסטו דער דא האסט פר מיר געמעהרט רייד בייא דעם (סנה) דרייא טאג. און הט וועלן וויסן דעם סוד פון (שם המפורש הקודש) און האסט דיך ניסט גפארכט, און הייניט פארכטסטו דיך פאר איינעם פון מייני דינר. אז משה האט געהערט דאס קול פון הקב"ה האט ער זיך גשטארקט און עפינט זיין מויל מיט דעם (שם של ע"ב אותיות של שם העליון), אז דר מלאך (הדרנ"י) עס הט געהערט דעם (שם הקודש) פון משה זיין מויל וואר ער דר ציטרט און גנעהנט צו איהם און זאגט צו איהם וואול צו דיר וואול צו דיין חלק משה דאס צו דיר איז מגולה געווארן דאס ניט איז מגולה געווארן צו דיא (מלאכים עליונים), ער גייט מיט איהם ביז זיי קומן צו דעם שטארקן פייער פון דעם מלאך דער דא הייסט (סנד"ל), (ותמנא) סנדל איז העכער איבר אנדרי מלאכים פינף הונדרט יאר, ער שטייט הינטר דעם (פרגוד ומחיצה) פון זיין הערן און בינד קרוינן אויס דיא תפלות פון ישראל, ובשעה דס דער קרוין קומט ארויף (בראש האל הקדוש) און ער איז מקבל תפלות פון ישראל, דא טוען אלי (חיילות אוכלסין ומחנות) דר ציטרן און ברומן און זאגן (בריך יקרא דה' מאתר בית שכינתיה), שפראך דער (מלאך הדרנ"י) צו משה, איך קאן שוין ניט ווייטר מיט דיר גיין דס איך ניט זאל פאר ברענן דס שטארק פייער פון (סנדלפון) (באותו שעה) וואר משה דר ציטרט, ביז הקב"ה נעם אן צו משה און דר שטארקט איהם און זעצט איהם פאר זיך, און הט געלערנט מיט איהם די תורה און האט איהם צו גדעקט מיט דעם ליכט וואס דא הייסט (נועם), דא וואר דס פנים פון משה לייכטן אין אלע היאלן, און אלי דיא חיילות פון היאל ווארן ציטרן פאר איהם, (באותו שעה) דס ער איז אראפ גנידרט מיט דיא תורה און אז ישראל האבן מונטן חוטא גוועזן, האט הקב"ה גנומן פון משה טויזנט חלקים פון דעם ליטרקייט דאס אובערשטע ליכט דס הייסט (נועם) דס ער גיהאט האט. (באותו שעה) האבן וועלן אלי (חיילות עליונים) און מלאכים צו משה פאר ברענן, בשעה דס הקב"ה האט גירעט צו משה (לך רד כי שחת עמך) וואר משה דער שראקן און קענט ניט ריידן, ביז דאס ער האט (תפלות ובקשות) גימעהרט פאר הקב"ה, שפראך הקב"ה צו איהם משה שטארק דיך אן איין (כסא הכבוד), און הט אן גשריאן אן אלי (חיילות ומחנות), און משה האט גשטארקט אן די צוויי (לוחות אבנים) און האט זיא גנידרט מונטן, און אויך דס שטייט (עיר גבורים עלה חכם ויורד עוז מבטחה), און פון דעם ליכט דאס נאך איז גבליבן פון די טויזנט חלקים האט זיין פנים אזו גלייכט, וואָרע דאך פון דעם ליכט וואס איז איבר גבליבן הט זיין פנים אזו גלייכט דס מען הט ניט קענן זעהן אין פנים, נוא מכ"ש דאס ליכט וואס איז אוועק גינומן געווארן: זאגט רבי חייא (ימינך ה' נאדרי בכח) הט איז די תורה איז גגעבן געווארן (מימין, ימינך ה' תרעץ אויב), דען עס איז ניסט פאר הנדן בעולם דס זאלט אזו צו ברעכן דעם כח פון דיא עכו"ם אז דיא תורה. דרום הייסט דיא תורה (עוז), איז טייטש שטארק, אז דער פסוק זאגט (ה' עוז לעמו יתן), און ווען ישראל ניט זיינן עוסק בתורה דען ווערט גשטארקט דר כח פון דיא עכו"ם און זייא גוועלטיגן אויף ישראל און זיינן גוזר גזירות דס זיי קענן קיין קיום האבן: און דרום זיינן ישראל פר טריבן געווארן און פר שפרייט צווישן די פעלקער אז דר פסוק זאגט (על מה אבדה ארץ ויאמר ה' על עזבם את תורתי), דען (כל זמן) ווען זייא זיינן עוסק בתורה דא צו ברעכן זיי אירן כח פון דיא עכו"ם דס איז (ימין ה') דיא תורה (תרעץ אויב) צו ברעכט דעם פייגד, זאגט ר' אלעזר וודאי עס איז (הקול קול יעקב) כל זמן אז דס קול פון יעקב ווערט גיהערט אין דיא שולן און אין (בתי מדרשות) דא גוועלטיגן ניט די הענט פון עשו, אבר ווען ניט איז (קול יעקב) דא גוועלטיגט דיא הענט פון עשו: (ווי איר האבן עס גזאגט בפ' חיי שרה): ר' אלעזר הייב אן (גל עיני ואביטה נפלאות מתורתך) וויא גאר זיינן דיא מענטשן נארן דס זיי ניט וויסן און זעהן ניט און זיינן ניט משתדל בתורה, דען דיא תורה איז אל דאס לעבן און אל דאס פרייהייט און אלס (בעוה"ז ובעוה"ב), זיא איז דיא פרייהייט (בעוה"ז ובעוה"ב) איז דאס לעבן דאס ער איז זוכה (לאורך ימים שלמים) אז דער פסוק זאגט (את מספר ימיך אמלא) (ולאורך ימים בעולם הבא) זיא איז דיא שמחה. זעלבסט לעבן איז אן איהם, און ווער (משתדל בתורה) איז קאנן קיין עכו"ם אן איהם שולט זיין: אויב דו ווילסט פרעגן פון (ר"ע וחביריו און דיא בני שמד), דס איז גוועזן איין גזירה פון היאל און אזו איז עס אויף גנאנגן אין מחשבה פאר הקב"ה דס עס האט אזו מוזן זיין, דער מלאך המות האט אן איהם קיין שליטה ניט, אזו אויך וואלט זיך (אדם הראשון) האבן בהעפט אן דעם (עץ החיים) דס איז דיא תורה העט ער ניט גורם מיתה גוועזן זיך און אלי דורות, און דרום אז הקב"ה האט גיגעבן דיא תורה צו די ישראל איז גוועזן (חרות על הלוחות), און ווען זיי העטן אויך ניט חוטא גוועזן דאס זיי האבן אב גילאזן פון דעם (עץ החיים), העטן זיי אויך ניט דערפן צוא שטארבן אז וויא (אדם הראשון), און דרום זאגט הקב"ה (אני אמרתי אלהים אתם ובני עליון כולכם. אכן) אז איר הט חוטא גיוועזן. (כאדם תמותון) אזוי איר שטארבן וויא אדם הראשון, דרום ווער דא איז עוסק בתורה דא קאן אן איהם ניט שולט זיין דר בייזער שלאנג דער מלאך המות דער דא האט דען עולם פאר פינסטרט. שפראך רבי יוסי נאך דעם נאך ווארום איז דען משה גשטארבן: שפראך ער גוויס איז ער ניט גשטארבן און דר טויט הט אן איהם ניט גוועלטיגט דאס ער איז ניט גשטארבן דורך איהם און ער האט איהם ניט משמא גוועזן, ער איז בהעפט געווארן אן דער שכינה און איז גנאנגן (לחיי עולם הבא). און ער הייסט חי אזוי ווי איר זאגן בייא (ובניהו בן יהוידע בן איש חי רב פעלים מקבציאל) אזו אויך די צדיקים דיא קאנן אירן הערן די זיינן (לחיי עולם), אז דר פסוק זאגט (כל הכתוב לחיים בירושלים) דרום אויך ווער דא איז (משתדל בתורה) דער האט פרייא הייט פון אלים בעוה"ז פון עכו"ם און פריי לעולם הבא דס מען פארדרט פון איהם קיין דין ניט לעולם הבא: קום און זעה

אין

אין דער תורה זענן וויל פֿיל סודות דיא זיינן פֿר הוילן דרום שטייט (יקרה היא מפנינים) ווי פֿיל פֿר בארגני אוצרות זיינן דרינן, אז דוד האט דאש געזעהן (ברוח הקודש) אונ האט גיוואושט וויא פֿיל וואונדר קומן אויש דער תורה ארויש, הויבט ער אן (גל עיני ואביטה נפלאות מתורתיך) אנטפלעק מיינה אויגן ווייל איך זעהן דיא וואונדער פֿון דער תורה:

ובפרשת (ויקרא רבי-שמעון) זאגט עֲשָׂרָה עֲשָׂרָה הַכַּף בְּשֶׁקֶל הַקֹּדֶשׁ ווארום שטייט אין פסוק צווייא מאל (עשרה), מאל איין (עשרה) זיינן דיא צעהן מאמרות וואש מיט זיא איז די וועלט בשאפֿן גווארן. אונ דיא אנדרי צעהן זיינן דיא (עשרת הדברות) צו לאזן וויסן דש דיא צעהן מאמרות דאש דער עולם איז דער מיט ווארן בשאפֿן דאש איז גווען פֿון וועגן די תורה, ווען ישראל זיינן עוסק בתורה האט דער עולם איין קיום. אונ ווען זיא זיינן מבטל שטייט (אם לא בריתי יומם ולילה חוקות שמים וארץ לא שמתי). קום אונ זעה דאש די (עשרת הדברות) זיינן גראד קיגן דיא (עשרה מאמרות) דש זיינן (במעשה בראשית), דער דיבור (אנכי יי אלהיך) איז קיגן דעם ערשטן מאמר (יהי אור ויהי אור), דען דיא (אמונה ויחוד הקב"ה) הייסט ליכט אז דער פסוק זאגט (יי אורי וישעי ממי אירא). דר אנדרר דיבור (לא יהיה לך) איז קיגן דעם אנדרן מאמר (יהי רקיע בתוך המים) דאש זיינן דיא ישראל דאש חלק פֿון הקב"ה, דאש זיר אן בונד איז אן דעם ארט דאש דא הייסט הימל וויא דער פסוק זאגט (ואתה תשמע השמים) דאש איז אויך איין ארט, דאש מאל האט גיפֿרעגט רבי יוסי צו רבי אלעזר די עכו"ם זיינן אונטר (שרים וממונים), וואו האבן ישראל איר ואחיזה, הט ער גיענטפֿרט (ויתן אותם אלהים ברקיע השמים) אונ ער האט אים רעכט גזאגט דאש דיא אחיזה פֿון ישראל איז אן הקב"ה דער דא הייסט שמים, אונ ישראל זיינן אין הימל די דא מאכן איין חילוק צווישן וואשר אונ וואשר, צווישן הש"י דער דא הייסט (מים חיים) אונ צווישן דיא ע"ז דיא דא איז (בורות נשברים) גרובין מיט פֿר שטונקני וואשר, דרום דיא (ישראל קדושים) זיין זיא שיידן פֿר נאנדר (בין מים למים). עש שטייט בדבור (ג') (לא תשא את שם יי אלהיך לשוא) אונ שטיט במעשה בראשית (יקוו המים מתחת השמים אל מקום אחד) ווער עש שווערט פֿאלש דר מאכט זיין צווישן שייד ביי (הקב"ה ושכינתיה), דרום שטייט (יקוו המים אל מקום אחד) עש זאל איין יחוד זיין. עש שטייט (זכור את יום השבת) קיגן דעם מאמר (תדשא הארץ דשא) דען ווערט די (ארץ הקדושה) גיגרייסט אויש צו זיהן (דשא עשב מזריע זרע) דאש זיינן (נשמות ואיילות) פֿון אובן דאש איז בשבת, דאש אן שבת ווערט זיא גיבענטשט אונ איז דר יחוד הקב"ה ושכינתיה) דאש דא הייסט (ארץ חפץ לה'), עש שטייט (כבד את אביך) קיגן (יהי מאורת) דיא תורה איז מרמז מיט דיא (מאורות שמש וירח) אויף (הקב"ה ושכינתיה) דאש הייסט זון אונ לבנה, אז דער פסוק זאגט (כי שמש ומגן ה' צבאות וירחך לא יאסף) אונ ווייל עש איז לט מיינט אן צווישן שייד, דרום שטייט (יהי מאורת לשון אור): עש שטייט (לא תרצח קיגן ישרצו המים), דאש דוא זאלשט ניט טייטן איין מענשן דער דא הייסט (נפש חיה), דאש איר זאלט ניט זיין וויא דיא פֿיש דאש איין גרושר פֿיש שלינגט איין קליינן פֿיש, עש שטייט (לא תנאף קיגן תוצא הארץ) דאש איטליכר קער זיך בהעפֿטן צו זיין אין זיין ווייב. דער דיבור (לא תגנוב קיגן הנה נתתי לכם את כל עשב) דאש וואש איך האב אייך געגעבן זאלט איר עסין אונ ניט איין פֿרעמדנש דאש איר זאלט שטעלן, דער דבור (לא תענה קיגן נעשה אדם בצלמנו), ווער עש איז בצלם אונ גישטאלט פֿון מלך זאלשטו אויף אים ניט זאגן פֿאלש עדות, אונ ווער פֿאלש עדות זאגט אויף זיין חבר איז גלייך אז ער זאלט זאגן אויף הקב"ה, עש שטייט (לא תחמוד קיגן לא טוב היות האדם לבדו) דו האשט דיין (בת זוג) זאלשט דיך ניט גלוסטן דיא ווייב פֿון דיין חבר דרום שטייט (עשרה הכף) דיא (עשרת הדברות) זענן קיגן דיא צעהן מאמרות וואש מיט זיא איז דיא וועלט בשאפֿן גיווארן: (ובזוהר יתרו) זאגט ר' יצחק דיא פֿינף דברות די דא זיינן גישטאנן אויף איטליכם לוח איינר קיגן דער אנדרי, זיא זיינן נאר איינר אין אנדרן (אנכי קיגן לא תרצח). דען ווען איינר איז ממית דר קלענרט ער דעם (צלם ודמות) פֿון זיינן הערן. דען דר מענש איז (בצלם אלהים). (לא יהיה לך קיגן לא תנאף) ווער עובר איז אויף זנות פֿעלשט ער אן הקב"ה דש דר (שם הקודש) איז גצייכנט אן מענשן, אונ ווער דא איז מזנה איז גורם צו פֿעלשן אן מלך, אז דר פסוק זאגט (בה' בגדו כי בנים זרים ילדו) אונ שטייט (לא תשתחוה להם ולא תעבדם) אונ מיינט הייגט אן אנדרן, (לא תשא קיגן לא תגנוב) איטליכר גנב איז גיגרייט פֿאלש צו שווערן, ווער דאש טוט, טוט דאש אויך. אונ דר פסוק זאגט (חולק עם גנב שונא נפשו אלה ישמע ולא יגיד): (זכור את יום השבת קיגן לא תענה ברעך עד שקר) דען שבת איז עדות אויף הקב"ה דאש דער מענש איז עדות זאגן (כי ששת ימים עשה וגו') אונ שבת איז דר כלל פֿון אלים, ווער עש פֿעלשט אן שבת דר פֿעלשט אן (כל התורה כולה). (כבד את אביך קיגן לא תחמוד), ווען ער זיגט ביי איין מענטשנש ווייב דא איז דאש קינד מכבד זיין פֿאטר, ער מיינט דאש איז דער פֿאטר, אונ ווער יוא דער פֿאטר איז שוט ער קיין כבוד, דרום שטייט ביי כבוד (למען יאריכון ימיך על האדמה אשר ה' אלהיך נותן לך) וואש דיר גאט גיבט אונ ניט דאש דוא זאלשט גלוסטן (שדהו עבדו וגו' וכל אשר לרעך). זאגט ר' אלעזר אין דיא (עשרת הדברות) זיינן אויש גקריצט אונ אנטפלעקט (כל' מרמז) דרינן אלז (מצות התורה גזירות ועונשין טהור וטמא) ליגן אונ ווארלן, כלו' אלש איז דרינן ביימר פֿלאנצליג הימל אונ ערד (ים ותהום), דען דיא תורה איז דער שם הקב"ה, ווי דער שם הקב"ה איז אויש גגראבן מיט צעהן מאמרות אזו איז אויך די תורה (בעשרה מאמרות) אונ דיא (עשרת הדברות) זענן דער שם הקב"ה, אונ (כל התורה כולה) איז דר איין שם פֿון הקב"ה ממש, וואול זיין חלק ווער דא איז זוכה צו דער תורה איז זוכה צום (שם הקודש) פֿון הקב"ה ממש, זאגט רבי יוסי ער איז זוכה דורך דער תורה צו הקב"ה ממש, דען ער אונ זיין נאמן איז אלש איינש. (ברוך שמיה לעלם ולעלמי עלמין אמן):

בזוהר שמות, רבי חייא הוב אן אִתִּי מִלְּבָנוֹן כַּלָּה אִתִּי מִלְּבָנוֹן תָּבוֹאִי תָּשׁוּרִי מֵרֹאשׁ אֲמָנָה וגו' דער פסוק גייאט אויף (כנסת ישראל), בשעה דש זיי זענן גקומן מקבל צו זיין דיא תורה האט הקב"ה גיזאגט צו איר (אתי מלבנון

כלה

להפטורה דוגמא מפרשת כי תשא.

אויף אייך געווען און האב אייערי זאכט גנומן אויף אירי העלזור, און איר האט זיא געלעשטערט: זאגט ר' יוסי עס איז קיינר אזו איין רחמן געוועזן און עניו אז הקב"ה, אז דער פסוק זאגט (ונפשו דבר אחד אכן דברו הטוב) און זעהט זיין רחמנות, זעלט ער האבן גרעדט (ונפשו דבר אחד אכן דברו) און ניקט מער. וואר בעסער דאש דער עולם וועד ניט בשאפן געווארן, דען עס וועד משמע דאש ביז וואש ער האט גירעדט איז אויך מקיים געווארן, אבר ווייל ער האט געזאגט (את דברו הטוב) האט ער אויס געלאזן דאש ביז היינטר זיך, כלומר דען גוטש אליין איז (ונפשו) און איז מקיים געווארן, אבר ניט דאש בייז, וויא וואל דאך ער האט זייא געמאכט איין אורח און האט אויך געהובן די רצועה די בייטש, איז גקומן די שכינה און האט זיא אויף געהאלטן דאש איז ניט מרחף גווארט. (אכן) איר לערנן עס פון משה, אז הקב"ה האט צו אים גזאגט (לך רד כי שחת עמך) הקב"ה האט אן געהובן דיא רצועה אויף צו הייבן. הוך משה האט ניט געוואוסט דען סדר פון דער שכינה און האט געשוויגן, אז הקב"ה דאש זעהט האט ער אים איין שטוש געגעבן און מרמז געווען דאש ער האט עש גמערקט, ווייל הקב"ה האט גירעדט (ועתה הניחה לי) גלייך ער האט אים געהאלטן ווייל ער זאגט לאז איך גיין, דען שפראך ער (זכור לאברהם) דא איז דער רעכטי האנד פון הקב"ה, דא וואר די רצועה ניט גירירט מרחף: אויב דוא וועלשט פרעגן (אמאי) ווייל די שכינה איז געוואונט געווען אזוי אמל צו בגרייפן דיא רצועה פון אנך וואש איז זיא געווען דען אמל דאש זיא האט גלאזן דאש צו משה דאש ער זאל אן נעמן אן די רצועה פון אנך און האט ניט זעלבשט גיטאן וויא אזוי אמל, שפראך ר' יוסי איך האב דאך עש גזאגט אבר איך קאן ניט וויסן די לויטרי זאך דען טורש דער פון ביז איר ווערן זיין פר דעם הייליגן זיכט ר' שמעון, וויא זיי זענן גקומן פר ר' שמעון האט ער געזעהן איין סימן אן אירן פנים, שפראך ער גייט אריין איר (בני הקדושים) גייט אריין די ליב האבר פון אנך, גייט אריין מייני אוהבים גייט אריין מייערי אוהבים אייכר נאך דען אנדרן, דען ר' אבא זאגט אזוי דיא (חברים תלמידי חכמים) דיא ניט ליבן אייכר דעם אנדרן גייען זייא אוועק פון דער וועלט, מייער איר לייט קומט אוון זייא שטארבן, און אזוי חברים דיא זענן געוועזן אין טעג פון ר' שמעון איז בייא זייא געוועזן דיא (אהבה פון נפש ורוח), דרום אויך איז געוועזן די סודות אין טעגן ר' שמעון אנט אנטפלעקט, זאגט ר' שמעון אזוי דיא (חברים בתורה) דיא זיך ניט ליבן אייכר דען אנדרן. זייא זענן גורם דאש זייא ניט גייען (בדרך הישר) און מאכן איין (חסרון בתורה), דען די תורה איז מייטן (אהבה ואחוה ואמת), אזו וואלן אז דיא אהבה איז געוועזן אברהם צו יצחק און יצחק צו אברהם און יעקב אן ביידי, אזו אוון זיין דיא חברים און זאלן ניט מאכן איין חסרון: אז ר' שמעון זעהט איין סימן אן איר פנים און האט אזו גזאגט צו זיי, שפראכן זייא צו אים געוויש רואט דר רוח נבואה אויף (בוצינא קדישא) דאש הייליגי ליכט און אזו אוון איר וויסן, (בכה ר' שמעון) וויינט און שפראך דאש דא איז קשה ווארום דאש דיא שכינה האט עש גלאזן צו משה דיא זאך איז איין זאך פון די רייד דאש אן האט איר נוין גרויאש פון דען (רחש ישיבה פון גן עדן) און האט איר אנטפלעקט שטיל בסוד דאש זייא עש ניט האבן איר געזאגט (כגוי) אפנטליך, דען עש איז איין גרושר סוד, וואש זאל איך שאן איר זייט איר געליבט און איין נפש איך זאל אייך זאגן אפין: און ער זאגט עש זייא דש איך ניט וויל שרייבן נייארט דרך כלל, ווייל זיי היבן פונם געווען הויך מיט איין (חטא עגל) דא האט זיא ניט דארפן דר צו האלטן דיא רצועה דרום האט הקב"ה געלאזן צו משה: (עכיין מגלת רות):

בפרשת ויקהל רבי יהודה הוב אן עֵינַיִךְ בַּשָּׂדֶה אֲשֶׁר יִקְצוֹרוּן וְהָלַכְתְּ אַחֲרֵיהֶם הֲלֹא צִוִּיתִי אֶת הַנְּעָרִים לְבִלְתִּי נָגְעֵךְ אין דעם פסוק איז צו זעהן וואש בדארף דאש דיא תורה אונז דא אן צו שרייבן. שפראך רבי יצחק עס זענן דאך וויא פיל פסוקים אין דער תורה דיא אן מיינט זיא זיינן ניקש נוץ, און איר זעהן דאש זענן הייטן גרויסי סודות: זאגט רבי יהודה דעם פסוק ווער עש איס אן זעהט און ניט רעכט דריכן זיגן שוט, איז גלייך אז ער זאלט ניט האבן קיין געקעכטש פר זכט, האט עש איז איין הייליכקייט און איז (ברוח הקודש) געזאגט געווארן. דען דער בועז דער (דיין ישראל) האט געזעהן אירי גרויסי ענוה פון דער צדקות דאש זיא ניט האט אויף געהובן אירי אויגן צו זעהן צו אנדער מרט נאר אלס פר זיך, און זיא איז ניט געווען איין (עזות מצח), דרום האט ער אירי אויגן גלובט, דען עש זענן פר אנדרן אויגן דאש וואו זייא זעהן רואט קיין ברכה ניט, און אלס וואש רות האט געזעהן איז געווען (בעין טובה) און אלס וואש זיא האט געקליבן האט מגלית געווען און איז געמערט געווארן אין פעלד, און דער (רוח הקודשה) האט אויף איר גירואט, דא שפראך ער (עיניך בשדה אשר יקצורון) דייני אויגן ווייל דוא זעלבי געבענטשטי אויגן האשט דאש זיא זענן גורם ברכה (והלכת אחריהם) מעגשטו וואלן נאך גיין דר נאך אבר אנדרי לייט האבן קיין רשות ניט צו גיאן נאך אירי אויגן, אבר דו מעגשט יוא גיין, דרום ווייל זיא גורם ברכה זענן, נאך איין פשט ער האט געזעהן (ברוח הקודש) דאש פון איר ווערן אויס גיאן דיא (עינים עליונים הקדושים) דיא דא זענן דיא אויגן פון אלי לייטן דאש זענן מלכים און געוועלטיגר, דען אזו וואלן אז דער גוף גייט נאך דיא אויגן, אזו גייט דאש פאלק נאך דען מלך און מנהיגים, וויא אויך שטייט בייא תמר (ותשב בפתח עינים) זיא זאלט איין דער טיר וואו אלי מלכים און געוועלטיגר זענן ארויס געגאנגן, דרום זאגט דער פסוק (ואם מעיני העדה) די מלכים און סנהדרין הייסן (עינים), דרום זאגט ער (עיניך) דייני אויגן, דיא מלכים און געוועלטיגר דיא ווערן פון דיר אויס גיין: (בשדה) אין (ציון וירושלים) דאש דא הייסט שדה (ציון שדה תחרש) און שטייט (כריח השדה אשר ברכו ה') דאש איז דיא שכינה, דיא איז דארטן דאש זייא ווערן געוועלטיגן איר עינים (בשדה) אין ציון וירושלים, (אשר יקצורון) פון דארטן ווערט אן שניידן, כלומר מקבל זיין אלי תורה, אז דער פסוק זאגט (כי מציון תצא תורה)· (והלכת אחריהם) מיט מענטשן טובים וואש איך אן דיר זעה. זאג איך דיר (הלא צויתי את הנערים) איז כפשוטו, דוא זאלשט דיך היטן, דען איין משה האט איין גרינגי דעה, דרום האב איך זייא בפוילן זייא זאלן דיך ניט אן רירן, (ולמית) און ווען דוא ווערשט דארשטיג זיין דאש איז (כנוי בלשון נקיה) ווען דוא ווערשט זעהן האבן דיך

כלה) דוא ביסט מיר געקומן פון דעם (עדן עליון) דוא
(כלה שלימה) (אתי מלבנון תבואי) דו ביסט געקומן פון וועגן
די קינדר זאלן מקבל די תורה זיין. (תשורי מראש אמנה) דו
זאלסט מקבל זיין איין מתנה אויף דיינה קינדר דאס זיי זיינן
אריין גגאנגן (בראש אמונה העליון) אונ האבן געזאגט (כל
אשר דבר יי נעשה ונשמע) אונ זענן געווען (במשקל אחד)
וויא דיא (מלאכים עליונים) דאס ביי זייא שטייט אויך אזוא
(ברכו יי מלאכיו גבורי כח עושי דברו לשמוע בקול דברו)
שטייט צום ערשטן (עושי), דער נאך (לשמוע), אזו אויך
ישראל זאגן צום ערשטן (נעשה) דער נאך (נשמע):
מראש שניר וחרמון דאס איז דער בארג סיני דש זיי האבן
גינעהנט דער צו אונ געשטאנען דרונטר, וויא דר פסוק זאגט
(ויתיצבו בתחתית ההר): ממעונות אריות דאס זיינן דיא
(בני שעיר) דאס הקב"ה האט זיי גבעטן דאס זייא זאלן
דיא תורה מקבל זיין אונ זייא האבן ניט געוואלט מקבל זיין:

(מהררי נמרים) דאס זענן דיא ישמעאל, אז דער פסוק
זאגט (ה' מסיני בא וזרח משעיר למו הופיע מהר פארן
ואתא מרבבות קודש) וואס טייטש (ואתא מרבבות קודש) אז
הקב"ה האט וועלן געבן דיא תורה צו ישראל זיינן געקומן
(חיילות מלאכים עליונים), אונ האבן געזאגט (ה' אדונינו מה
אדיר שמך בכל הארץ אשר תנה הודך על השמים) דש מן
זאל צו זיי דיא תורה געבן. שפראך הקב"ה צו זיי איז דען
צווישן אייך מיתה, אז דר פסוק זאגט (אדם כי ימות באהל,
וכי יהיה באיש חטא משפט מות והומת) איז דען איין חטא
צווישן אייך אדר ווייבר דאס שטייט (לא תנאף),
איז צווישן אייך שקר דאס עס שטייט (לא תענה ברעך עד
שקר), איז דען צווישן אייך (חמדה) דש שטיט (לא תחמוד)
ווארום בגערט איר דיא תורה. (איר) זאגן זיי (ה' אדונינו
מה אדיר שמך בכל הארץ), אונ זאגן ניט (תנה הודך על
השמים)· דרום שטייט (ואתא מרבבות קודש) פון די מלאכים
הקדושים דיא זענן (רבבות קודש):

להפטורה דיומא מפרשת כי תשא.

תחלת דבר ה' בהושע והיה מספר בני ישראל וגו' עס איז הקב"ה
ניט ליב ווער עס רעדט בייז אויף ישראל ווען גלייך זיי
זענן חוטא, אונ דרום ווייל הושע הט בייז גירעדט אויף זייא
האט ער זייא דער נאך געבענטשט מיט וויא פיל ברכות (והיה
מספר בני ישראל כחול הים וגו') זיי צו ווידר קערין בתשובה
צו הקב"ה, אונ איז ניט אפ גיטאן גווארן פון דארט ביז
הקב"ה האט זיי מוחל גיוועזן אירי זינד אונ זענן ריין גווארן
פאר אים: אזו אויך בייא אליהו שטייט בייא אים (ויבא וישב
תחת רותם אחד וגו') ער שפראך אליהו, איין משה האטסטו
געשיקט צו ישראל איר נאמן וואר דבורה, עס שטייט בייא
איר (והיא יושבת תחת תמר דבורה) (תמר) איז אותיות
(רתם) זיא האט ישראל ווידר גיקערט צו גוטן ווי דער פסוק
זאגט (עד שקמתי דבורה), אונ איך בין גיגאנגן צווישן זייא
אונ האב אויס גרופן פאר זייא אונ האב ניט גיקענט זיי גוט
מאכן, ווי ער איז גיזעסן וואר זיך הקב"ה צו אים אנט
פלעקן אונ שפראך (מה לך פה אליהו) כלו' וואס טוסט דוא
אצונד ניט ווי פאר. אין טעג משה ביסטו געוועזן איין (מקטרג
ומקנא) פון מענטשן בייא (מעשה זמרי), דען פנחס איז אליהו
אונ דאס דוא ביסט מקנא פון אייכט וועגן במות ברית. דא
האב איך דען ברית גנומן ברצון משה אונ האב דיר מים
געגעבן, ביז משה זעלברט האט געזאגט (הנני נותן לו את
בריתי שלום), אונ היינט אז ער איז דיר ניט רצוי
דו זאלסט דרויף מקטרג זיין, אונ זאגסט (עזבו את בריתך)
דוא האסט לאזן דיין קנאה צו מיר ווי עס איז פאר איין געוועזן.
איך האב עס גילאזן (ביד אחר) אונ האב ניט דרויף מקטרג
געוועזן, דרום זאגט ער (מה לך פה) (פ"ה בגי' מילה). ווייל
דו האסט אים צו מיר גלאזן זאל ער ווידר חוזר זיין צו משה.
(במותו שעה) האט מן אים אוועק גינומן די מתנה וואס אים
משה האט געגעבן, דרום שטייט (וילך בכח האכילה ארבעים
יום עד הר האלהים) ער גייט אהין צו בגערן ווידר דיא
מתנה דען ברית דאס משה האט גירעכנט (בהר האלהים).
שפראך משה צו אים דוא קענסט שוין אים ניט פון מיר
מקבל זיין, גייא דוא צו דיא ישראל פון דיא זעלביגן ווערשטו
אים מרוויח זיין אונ זיא ווערן אים דיר געבן, ער האט אזו
גיטאן. ווי פיל טובות האט הקב"ה גיטאן צו ישראל אין איטליכש
דור ווען גלייך זיי זענן בייז געוועזן האט ער פארט ניט וועלן מן
זאל מקטרג אויף זייא זיין אונ בייז רידן. קום אונ זעה עס
שטייט גשריבן (ומשלח לפניך משה ואהרן ומרים), עס זענן
דאך וויא פיל נביאים געוועזן נאך משה. עס זאל אזו שטיין
(ומשלח לפניך את משה אהרן אלעזר פנחס יהושע אלישע)
אונ אנדרי צדיקים, ווארום זאגט ער נאר דיא דרייא, אלא
הקב"ה האט אזו געזאגט, אייני קינדר, איין פאלק ווארום זאלט
איר ניט גידענקן אלי טובות וואס איך האב אייך גיטאן אז
איך האב אייך געשיקט משה אהרן מרים, עס איז איין משל
צו איין (מלך בשר ודם) ער האט איין מדינה אונ שיקט צו
זייא גרויסע לייט אונ (שרים פחות וסגנים הטובים) די זאלן
דאס פאלק פירן אונ זאלן מדריך זייא זיין אין אירי דינים.
אזון דען ניט דאס פאלק זייא כבוד אן טאן, אזון דאך זייא
געבן איר שפייז אונ וואס זייא בדארפן, אונ איך האב אייך
גיגעבן משה ער האט אייך גפירט אונ אייערי קינדר אונ
אירי בהמות, אונ האט מתפלל געוועזן אן אירי דינים אונ
וואס איר האט בדארפט, איך האב אייך געשיקט אהרן ער
האט אייך גבראכט דיא (ענני כבוד) אייך צו בדעקן אז די
מלאכים, זיי האבן אייך גיוואשן אייער קליידר מיט דען טייערן
טויא זיי זאלן ניט פר פוילן, אייערי קליידר אונ שיך זענן אלי
מאל נייא געוועזן אלץ טאג. איך האב אייך געשיקט מרים דיא
האט אייך גיבראכט דיא ברונן (בארה של מרים) אייך צו
טרינקן דרויס אונ אייערי בהמות, זייא האבן אייך געגעבן פון
דען מירן אונ האט פון מירן גיגעסן אונ גיטרונקן, אונ זענן
גיזעסן אין איין חופה פון כבוד, אונ מיר האט זייא ניקט
גיגעבן פון דען אייערן, אונ ניט דש מיין זי האבן מתפלל
אויף

אויף אייך גוועזן און האב אייערי לאסט גנומן אויף מירי העלזר, און איר האט זייא גילעסטרט: זאגט ר' יוסי עס איז קיינר אזו איין רחמן גוועזן און ענו אז הקב"ה, אז דער פסוק זאגט (לא נפל דבר אחד מכל דברו הטוב) און זעה זיין רחמנות, זעלט ער האבן גרעט (לא נפל דבר אחד מכל דברו) און ניקט מער. נאר בעסר דאס דער עולם ווער ניט בשטאנן גווארן, דען עס ווער משמע דאס דאס נייז וואס ער האט גירעדט איז אויך מקוים גווארן, אבער ווייל ער האט גזאגט (את דברו הטוב) האט ער אויס גלאזן דאס בייז הינטר זיך, כלומר דען גוטס אליין איז (לא נפל) און איז מקוים גיווארן, אבער ניט דאס בייז, וויא וואלן דאך ער האט זייא גמאכט איין אורח און האט אויך גהובן די רצועה די בייטש, איז גקומן די שכינה און האט זיא אויף גיהאלטן דאס איז ניט מרמז גנידרט. (מכאן) איר לערנט עס פון משה, אז הקב"ה האט צו אים גזאגט (לך רד כי שחת עמך) הקב"ה האט אן גהובן דיא רצועה אויף צו הייבן, האט משה האט ניט גוואוסט דען סדר פון דער שכינה און האט גשוויגן, אז הקב"ה דאס זעהט האט ער אים איין שטוס גיגעבן און מראה גוועזן דאס ער האט עס גמערקט, ווייל הקב"ה האט גירעדט (ועתה הניחה לי) גלייך ער האט אים גהאלטן ווייל ער זאגט לאז איך גיין, דען שפרעך ער (זכור לאברהם) דא איז דער רעכטי האנד פון הקב"ה, דא ווער די רצועה ניט גנידרט מרמז: אויב דוא וועלסט פרעגן (מאחר) ווייל די שכינה איז גוואוסט גוועזן אלי מאל צו בגרייפן דיא רצועה פון אלך וואס איז זיא גוועזן דען מאל דאס זיא האט גלאזן דאס צו משה דאס ער זאל אן נעמן אן די רצועה פון אלך און האט ניט זעלבסט גישאן וויא אלי מאל, שפרעך ר' יוסי איך האב דאך עס גזאגט אבער איך קאן ניט וויסן די לויטרי זאך דען שורש דער פון ביז איר ווערן זיין פאר דעם היילגן זכות ר' שמעון, וויא זיי זענן גקומן פאר ר' שמעון האט ער גזעהן איין סימן אן אירן פנים, שפרעך ער גייט אריין איר (בני הקדושים) גייט אריין די ליב האבר פון אלך, גייט אריין אייני אוהבים גייט אריין אייערי אוהבים איינר נאך דען אנדרן, דען ר' אבא זאגט אלי דיא (חברים תלמידי חכמים) דיא ניט ליבן איינר דעם אנדרן גייען זייא אוועק פון דער וועלט, איידער איר צייט קומט מוזן זייא שטארבן, און אלי חברים דיא זענן גוועזן אין טעג פון ר' שמעון איז בייא זייא גוועזן דיא (אהבה פון נפש ורוח), דרום אויך איז גוועזן די סודות אין טעגן ר' שמעון אלס אנטפלעקט, זאגט ר' שמעון אלי דיא (חברים בתורה) דיא זיך ניט ליבן איינר דען אנדרן. זייא זענן גורם דאס זייא ניט גייען (בדרך הישר) און מאכן איין (חסרון בתורה), דען די תורה איז אייטל (אהבה ואחוה ואמת), אזו וואלן אז דיא אהבה איז גיוועזן אברהם צו יצחק און יצחק צו אברהם און יעקב אן ביידי, אזו מוזן זיין דיא חברים און זאלן ניט מאכן איין חסרון: אז ר' שמעון זעהט איין סימן אן איר פנים און האט אזו גזאגט צו זיי, שפראכן זייא צו אים גוויס רוהט דר רוח נבואה אויף (בוצינא קדישא) דאס היילגי ליכט און אזו מוזן איר וויסן, (בכה ר' שמעון) וויינט און שפרעך דאס דא איז קשה ווארום דאס דיא שכינה האט עס גלאזן צו משה דיא זאך איז איין זאך פון די רייד דאס אן האט איר נוין גרויסט פון דען (רמז ישיבה פון גן עדן) און האט איר אנטפלעקט שטיל בסוד דאס זייא עס ניט האבן איר גיזאגט (בגלוי) אפנטליך, דען עס איז איין גרויסר סוד, וואס זאל איך טאן איר זייט איר גילויבט אין איין נפש איך זאל אייך זאגן אפין: און ער זאגט עס זייא דס איך ניט וויל טרייבן נייארט דרך כלל, ווייל זיי הובן פגם גוועזן הויך מיט איין (חטא עגל) דא האט זיא ניט דארפן דר צו האלטן דיא רצועה דרום האט הקב"ה גלאזן צו משה: (מעיין מגילת רות):

בפרשת ויקהל רבי יהודה הוב אן עֵינַיִךְ בַּשָּׂדֶה אֲשֶׁר יִקְצֹרוּן וְהָלַכְתְּ אַחֲרֵיהֶן הֲלוֹא צִוִּיתִי אֶת הַנְּעָרִים לְבִלְתִּי נָגְעֵךְ אין דעם פסוק איז צו זעהן וואס בדארף דאס דיא תורה און דא אן צו טרייבן. שפרעך רבי יצחק עס זענן דאך וויא פיל פסוקים אין דער תורה דז מן מיינט זיא זיינן ניקט נוץ, און איר זעהן דאס זענן אייטל גרויסי סודות: זאגט רבי יהודה דעם פסוק ווער עס איז אן זעהט און ניט רעכט דריכן זייגן טוט, איז גלייך אז ער זאלט ניט האבן קיין גיקעכלטט פר זכט, אלא עס איז איין היימליכקייט און איז (ברוח הקודש) גיזאגט גיווארן, דען דער בועז דער (דיין ישראל) האט גיזעהן אירי גרויסי ענוה פון דער צדקת דאס זיא ניט האט אויף גהובן אירי אויגן צו זעהן צו אנדר ארט נאר אלס פר זיך, און זיא איז ניט גוועזן איין (עזות מצח), דרום האט ער אירי אויגן גלובט, דען עס זענן פר אנדרן אויגן דאס וואו זייא זעהן רוהט קיין ברכה ניט, און אלס וואס רות האט גזעהן איז גוועזן (בעין טובה) און אלס וואס זיא האט גקליבן האט אליין גוועזן און איז גמערט גיווארן אין פנים, און דער (רוח הקודשה) האט אויף איר גירוהט, דא שפרעך ער (עיניך בשדה אשר יקצורון) דייני אויגן ווייל דוא זעלבי גיבענטשטי אויגן האסט דאס זיא זענן גורם ברכה (והלכת אחריהם) מענטשן וואלן נאך גיין דר נאך אבער אנדרי לייט האבן קיין רשות ניט צו גיאן נאך אירי אויגן, אבער דו מעגסט יוא גיין, דרום ווייל זייא גורם ברכה זענן, נאך איין פשט ער האט גיזעהן (ברוח הקודש) דאס פון איר ווערן אויס גיאן דיא (עינים עליונים הקדושים) דיא דא זענן דיא אויגן פון אלי לייטן דאס זענן מלכים און גוועלטיגר, דען אזו וואלן אז דער גוף גייט נאך דיא אויגן, אזו גייט דאס פאלק נאך דען מלך און מנהיגים, וויא אויך שטייט בייא תמר (ותשב בפתח עינים) זיא זיצט אין דער טיר וואו אלי מלכים און גיוועלטיגר זענן ארויס גיגאנגן, דרום זאגט דער פסוק (ואם מעיני העדה) די מלכים און סנהדרין הייסן (עינים), דרום זאגט ער (עיניך) דייני אויגן, דיא מלכים און גוועלטיגר דיא ווערן פון דיר ארויס גיין: (בשדה) אין (ציון וירושלים) דאס דא הייסט שדה (ציון שדה תחרש) און שטייט (כריח השדה אשר ברכו ה') דאס איז דיא שכינה, דיא איז דארטן דאס זייא ווערן גוועלטיגן איר עינים (בשדה) אין ציון וירושלים, (אשר יקצורון) פון דארטן ווערט אן שניידן, כלומר מקבל זיין אלי תורה, אז דער פסוק זאגט (כי מציון תצא תורה) (והלכת אחריהם) מיט מעשים טובים וואס איך אן דיר זעה. זאג איך דיר (הלא צויתי את הנערים) איז כפשוטו, דוא זאלסט דיך היטן, דען איין משה האט איין גרינגי דעה, דרום האב איך זייא בפוילן זייא זאלן דיך ניט אן רירן, (וצמית) און ווען דוא ווערסט דארשטיג זיין דאס איז (כנוי בלשון נקיה) ווען דוא ווערסט לוסט האבן דיך

צו בהעפטן צו איין מאן (והלכת אל הכלים) זאלסטו גיין צו די צדיקים דיא דא הייסן (כלי ה') דאס זייא זיינן אן גברייט דאס זייא ווערן ברענגן זיי (כלי עולם) פאר איין מתנה צו דען (מלך המשיח), וויא איין חשוב כלי, אויך זענן זייא דיא כלים פון הקב"ה דאס ער האט הנאה פון זייא; זייא זענן (בעולם הזה) צו בראכי כלים, כדי דאס זיי זאלן קענן האלטן די (תורה ומצות) דאס הש"י גילט זיי, און אז דוא ווערסט דיך אן זייא בהעפטן. (ושתית וגו') (ווייטר שטייט בפ' עקב ויאכל בועז וישת וייטב לבו):

בפרשת לֶךְ לְךָ שטייט מְצָאוּנִי הַשֹּׁמְרִים הַסֹּבְבִים בָּעִיר

(תנן) מיר האבן גילערנט דאס די חלקים פון דער נשמה פון מענשן זיינן גטיילט צו פיר חלקים (נפש רוח נשמה. און נשמה לנשמה) דאס הייסט חיה און יחידה דאס איז מרמז אין (רוח אלימלך) דאס איז דיא העכסטי מדריגה קיגן חלק חיה, (נעמי) הייסט דיא נשמה דיא איז פון דעם ארט דער דא הייסט אובן (נועם ה' אלהינו), (מחלון) הייסט דר רוח, (רות) דר נפש. (כליון) איז דער (רוח הבהמה) דאס איז דער חלק יצר הרע, אזו איז אויך איין חלק נפש (מצד בת זוג) פון יצר הרע דאס הייסט ערפה, פון מיר קומען דאס (עם קשה עורף) און ערב רב, ווען דער מענש איז זוכה זיינן זייא בייא אים, (ואם לאו) שטייט (ותצא מן המקום אשר היתה שמה ושתי כלותיה עמה): (ותאמר נעמי אל כלותיה שובנה בנותי הנה שבה יבמתך) די נשמה איז ארויף גגאנגן פון אים און איר בלייבט דא, (וערפה שבה אל עמה ואל אלהיה) מצד היצר הרע דיא רעט אן צו אירי מעשים: תנן מיר האבן גילערנט הש"י האט געמאכט איין ירושלים אובן און גשטאלט ירושלים אונטן מיט מויארן און טויערן און טירן דיא אפין זיינן, און אויף דיא מויארן זיינן שומרים ממונים דיא דא היטן דיא טויערן פון דיא מויארן, אז דער פסוק זאגט (על חומותיך ירושלים הפקדתי שומרים וגו') און (מיכאל כהן גדול) אובן איז ממונה איבר אלי שומרים און ווען דיא נשמה דיא דא הייסט (נעמי) גייט ארויס פון דעם עולם, ווען זיא איז זוכה גייט זיא אריין אין אונטרשטן (גן עדן) וואס איז אויף דער ערד דס הש"י האט גיפלאנצט צו די (רוחות הצדיקים) אין גישטאלט פון אובערשטן (גן עדן) דאס דארטן זענן אלי (נשמות הצדיקים) פון עולם, און אז דיא נשמה גייט אוועק פון דען עולם גייט זיא אריין אין דר (מערת המכפלה) דאס דארטן איז דיא טיר פון ג"ע, דא בגעגנט זיא (אדם הראשון) און די אבות דאס דארטן זיינן. איז זי זוכה פרייען זייא זיך מיט איר און עפנן איר די טיר דאס זי גייט אריין. (ואם לאו) שטויסן זיי די נשמה ארויס. און אז מן זיא שטוסט ארויס זאגט זיא (מצאוני השומרים הסובבים בעיר הכוני פצעוני נשאו את רדידי מעלי), און אזוי דיא נשמה איז גקומן אויף דען עולם האט מן איר גיגעבן איין לבש אויף איר קאפף, אז דער פסוק זאגט (בהלו נרו עלי ראשי), און ווען מען זיא איצונד שטוסט ארויס און וויל זיא נאר אן נעמן די נשמה הייסט (נעמי), ווער זיא זעהט פר וואונדרט זיך אויף איר און דר שרעקן און זאגן (הזאת נעמי) איז דאס דיא (נשמה הקדושה) וויא זיא האט דער פיר גלייכט. ווי זיא הייסט איז פר פינצטרט און איז (נע ונד) דס זיא קיין ארט האט אהין צו גיין, און זיא ענטפרט רופט איך נישט נעמי (קראן לי מרה וכו' אני מלאה הלכתי) פון בין איך און היפש אוועק גיגאנגן פון אובן אין גוף אריין, און איצונד (וריקם השיבני ה') בין איך לער ווידר גקומן אן תורה און מצות און אן מעשים טובים, מען האט איך אריין גיבראכט אין איין בייזן גוף פון איין רשע, אבר ווען זיא יא זוכה איז קומט זיא אריין אין ג"ע, און אז זיא אריין קומט בהעפט זיא זיך אן אלימלך דיא חיה און (רוח ונפש השכלית) און טוט זיך דארטן אן קליידן מיט דען קלייד דאס איז אין גישטאלט וויא דר גוף איז גיוועזן אין דען עולם, און איז מקבל דארטן אלי תענוגים און זענפטיקייט, און אין אונטרשטן (גן עדן) קליידן זייא זיך אן אין דען אויר פון דארטן וויא די (מלאכים עליונים) ווען זי קומן ארויף אין דען עולם אריין, דען זייא זענן אויך פון דען רוח וויא דער פסוק זאגט (עושה מלאכיו רוחות), אזו אויך דער רוח קלייד זיך אן דארטן אין (ג"ע שלמעלה) אין גישטאלט פון דען עולם, און טוען דארטן זיך זענפטיגן מיט אלי תענוגים, אין דען ג"ע זענן אלי גימעהל און גישטאלט פון דעם איברשטן עולם, און אויך פון דען אונטרשטן עולם, און דיא צדיקים האבן דארטן אלי תענוגים. אן שבת און ר"ח דא ציהן זיא זיך אויס דר נפש און רוח פון איר מלבוש און גיין אויף אין (ג"ע עליון) און זייא קליידן זיך דארטן אן אין איין קלייד דאס איז אין אלרלייא גישטאלט. אויס אייטל (אורות עליונים) און זייא האבן איין הנאה (מזיו השכינה), און אין דען אונטרשטן ג"ע איז איין זייל אויס אלרלייא גישטאלט פון ליכט, און ווען דער רוח וויל ארויף גין צו זיין ארט וואו ער איז ארויס גקומן (והרוח תשוב אל האלהים אשר נתנה), נעמט זיא (מיכאל כ"ג) און איז זיא (מקריב לריח ניחוח) פאר הקב"ה, איז זיא דארטן אין תענוגים אין דעם (צרור החיים) דאס דרויף שטייט (עין לא ראתה אלהים זולתך), און דר נאך גייט זי ווידר אראפ אין אונטרשטן (ג"ע) און הט אלי תענוגים טאפל מער אז פאהר און קלייד זיך ווידר אן אין איין קלייד און גייט אויף אין דיא ישיבות פון ג"ע און איז עוסק בתורה, און ווען דר רוח גייט אוועק פון דען עולם דא קומט ער פאהר אין דר (מערת המכפלה) צו אדם און די אבות, און זייא געבן איר איין בוך פאר איין סימן אז מן זאל זיא לאזן ווייטר גיין, אז זיא קומט פאר דען ג"ע בגעגנט זי מן דיא (כרובים און להט החרב המתהפכת) די זענן פאר דען ג"ע צו היטן דען וועג פון (עץ החיים), ווען זי איז זוכה זעהן זייא דאס בוך פון דיא אבות, עפנט מן איר דיא טיר גייט זיא ווייטר, (ואם לאו) שטוסט מן זיא דארטן ארויס, זי זיצט דארטן און קלייד זיך דארטן אן אין גישטאלט פון דען עולם, און ווען מן איר דען בוך נעמט אוועק זאגט זיא (מצאוני השומרים הסובבים בעיר הכוני פצעוני נשאו את רדידי מעלי וגו') און דער נפש בלייבט ביים דען גוף אונטן אויף די ערד, דרום שטייט (אך בשרו עליו יכאב ונפשו עליו תאבל), און אויף דעם האט מן גזאגט אז דיא מתים וויסן בעולם הבא פון דען (כבוד הצדיקים) און פון דען עולם און ריידן מיט אנדר, (עס שטייט בפ' תרומה וויך דער פון), און איין טעם ווארום דער נפש פר בלייבט אין גוף, און אין (תיקון ל"א) שטייט אזו, (ותלבנה שתיהם) דאס איז מרמז אויף די צוויי לוחות און אויך צוויי תורות (תורה שבכתב און תורה שבעל פה) דיא זענן אראפ גיגעבן פון אובן אויף דען בארג סיני, (ותהם כל העיר) דאס דר גאנצר עולם האט

האט גליטערט, ווי דער פסוק זאגט (וכל העם רואים את הקולות וגו'): (וירא העם וינעו) און האבן געזאגט (הואת כנאי) דיא תורה די הייסט (זאת) איז גאר ליאליך און זיס, אבער אז דיא לוחות זיינן צו בראכן געווארן (וישבר אותם תחת ההר) זיינן דיא (אותיות התורה) ארויף געפלויגן, האט זיא געזאגט (אני מלאה הלכתי) איך בין פול געגאנגן פון דען בארג סיני און הייסט (וריקם השיבני) בין איך לער ארויף געקומען ווידר: (דבר אחר) (ותלכנה שתיהם) דאס איז דער גוף מיט זיין נפש, און ווען דער מענטש איז (חוזר בתשובה) האט דער נפש ליב דען גוף און זאגט נאך אים (כאשר תמותי אמות ושם אקבר) כלומר ווען גלייך דו ווערסט שטארבן וויל איך בלייבן בייא דיר אין קבר, אויף דעם שטייט (בהתהלכך תנחה אותך) דאס איז בעולם הזה, (בשכבך תשמור עליך) דאס איז אין קבר היט דאס נפש דען גוף, (והקיצות) זיא ווערט דיך אמאל ווידר אויף שטיין צו (תחיית המתים), אבער ווען ער טוט קיין תשובה ניט הייסט זיא (ערפה), דרום דש זיא קערט איר אקין צו אים כלומר זיא גייט אוועק פון זיין גוף דען ווערט ער פאר לארן פון ביידי וועלטן: זאגט רבי שמעון דעם נאך זיינן פיל קברים אום זונסט, ווען דער גוף זאלט פאר לארן ווערן אויף וואס ווערט דען דער נפש אויף שטיין צו (תחיית המתים), אלא געוויס הקב"ה ווערט ניט פאר דארבן זיין בשעפניש, נייארט ווען הקב"ה ווערט אבטון דיא קליפות זיין און ווערט מקוים ווערן אויף דעם (סמא"ל) מיט זיין כת צוג, דאס אויך זיא שטייט (כי שמים כעשן נמלחו והארץ כבגד תבלה), אז זייא ווערן אויס גימעקט און פאר דארבן ווערן. דען ווערט הקב"ה באנייען די וועלט, אז דר פסוק זאגט (כי כאשר השמים החדשים והארץ החדשה אשר אני עושה) דען ווערן זיא אין תיקון האבן, דען הקב"ה בגערט ניט דאס זייני (מעשה ידיו) זאל פאר דארבן ווערן דער גוף און דער נפש, (ביום ההוא יהיה ה' אחד ושמו אחד):

פרשת נשא.

וַיְדַבֵּר יְיָ אֶל מֹשֶׁה לֵאמֹר נָשֹׂא אֶת־רֹאשׁ בְּנֵי גֵרְשׁוֹן וגו' ר' אבא הובט אן אַשְׁרֵי אָדָם לֹא יַחְשׁוֹב ה' לוֹ עָוֹן וְאֵין בְּרוּחוֹ רְמִיָּה

דעם פסוק איז דאך רעכט צו פר שטיין, קום און זעה אזוי, אלז ווען (זמן מנחה) קומט הייבט זיך אן צו דער וועקן דר (מדת הדין) בעולם, און אז נאכט ווערט דער וועקן זיך אזוי שוורים אובן פון די טירן פון דר דערויטן און פר שפרייטן זיך בעולם, און דער גאנצר עולם פילן (טעם מיתה) ווען זייא שלאפן, אז עס קומט מיטן דער נאכט דען רופט אויס אין כרוז בעולם אילוכד איז די צייט זיך צו דר וועקן מיט (שירות ותשבחות) פר הקב"ה, דען דער הייבן זיך נו. דער וועקן אובן די מלאכים מיט (שירות ותשבחות), דען ווערט געפונדן דער תענוג און זיסקייט פון אלים, וואול צו דעם מענטשן דער דיא זעלביגי צייט שטייט אויף לערנן תורה (לשם יחוד קב"ה ושכינתיה) דאס איז דענסט אלן דר (עת רצון), און בייא נאכט גייט דיא נשמה ארויף און זיא ווערט געפרעגט אויף אירי מעשים וואס זיא האט אין גאנצן טאג גיטאן און זיא זעלבסט זאגט עדות אויף אלים, און אלץ ווערט אויף געשריבן, אפי' איטליכט ווארט וואס דען מענטש מויט זיין מויל ארויס גייט אין גאנצן טאג גייט אלץ ארויף און שפאלטן אלי הימלן און שטייט אויף אין געוויס ארט, ביז דיא נשמה גייט ארויף און ברייגנט עס פר הקב"ה, ווי דער פסוק זאגט (משוכבת חיקך שמור פתחי פיך), דען ווערט אלץ פר לייקנט די רייד און די עבירה פון מענטשן, דרום שטייט (אשרי אדם לא יחשוב ה' לו עון) ווען ווערט אים זיין זינד ניט גירעכנט ווען עס ניט (ברוחו רמיה) דאס זיין (נשמה ורוח) ניט זאגן עדות אפילו אויף זיין (רוח פיו) דען ווערט אים ניט גירעכנט ווען ניט וואס זיין אייגני נשמה און זיין דיבור אויך זאגן אויף אים עדות: אִישׁ אוֹ אִשָּׁה כִּי יַעֲשׂוּ מִכָּל חַטֹּאת הָאָדָם וגו' קום און זעה עס שטייט גישריבן (וחבר הקיני נפרד מקין מבני חובב חותן משה) די זיינן גיוועזן דיא קינדר פון יתרו, ווארום הייסן זיא (קיני) איז טייטש לשון נעסט, דרום ווייל זייא האבן זיך געמאכט איין נעסט אין דר מדבר תורה צו לערנן, גלייך אז איין עוף מאכט זיך איין נעסט אזו האבן זי זיך פורט גיוועזן פון דיא לייטן אין דר מדבר: וואול איז דעם מענטשן דער זוכה איז צו דר תורה צו גיין און צו בהעפטן אין איר וועג, דען ווען דער מענטש גייט אין די וועג פון דר תורה דר ציהט אויף זיך דען (רוח הקדושה עליונה), ווי דער פסוק זאגט (עד יערה עלינו רוח ממרום) און ווען ער איז מקיים דיא (מצות התורה) איז ער מקיים די איבערשטי וועלט און די אונטערשטע וועלט ווי איר האבן דר פיר מפורש גיוועזן דאס עס שטייט (ועשיתם אותם) ליינן (אתם) גלייך אז איר אלט וואלט מאכן. און דער יתרו איז אין ערשטן איין (כומר לע"ז) גיוועזן און האט גדינט צו דער (צד הטומאה), דער נאך האט ער זיך אפ גשיידן פון זייא און האט זיך בהעפטן אן הקב"ה, דרום שטייט (ובני קיני) די זיינן גיוועזן (מבני יתרו נפרד מקין) זיא זיינן גיוועזן אפ גשיידן פון דער טומאה דאס דא קומט (מצד קין) אהער. און ווער עובר איז אויף דר תורה מאכט ער פעהלין אובן און אונטן צו זיך און צו כל עולם. עס איז איין משל צו איין שיף מיט לייט און איז אונטר זייא איין שוטה דער מאכט איין לאך אין דר שיף אונטר זיך, דא איז ער (גורם רעה) צו זיך און צו אלי לייטן דיא אין דער שיף זיינן דאס זיא אלי מוזן דער טרינקן, דרום שטייט (איש או אשה) עס זייא גלייך; נאר איינר (אשר יעשו מכל חטאת האדם) הייגגט איר חטא צו אלי לייטן, קום און זעה עס שטייט (והמה כאדם עברו ברית) אדם הראשון האט עובר גיוועזן איין מצוה, האט ער גורם גיוועזן מיתה צו זיך און צו כל עולם, און האט געמאכט פעהלין אובן און אונטן און זיין חטא הייגגט נאך. ביז הקב"ה ווערט מתקן זיין דען עולם ווי ער איז דר פיר

פֿיר געוועזן, און ווערט דען פגם אפ טאן פֿון עולם ווייא דר פסוק זאגט (בלע המות לנצח ומחה ה' אלהים דמעה מעל כל פנים) דרום זאגט דר פסוק (כי יעשו) זיא ווערן שאן (אכל חטאות האדם) פֿון אדם הראשון. (ומעלה מעל בה') ער האט פוגם געוועזן (בה') דש ער איז ארויס געגאנגן אויס דיא (מדת הרחמים) פֿון הקב"ה, הקב"ה דער רחמן זאל אונז אלץ זיין אויך דען עולם און פֿון די רשעים און פֿון אירן חטא. ווייא פֿיל צדיקים דיא זיין שטארבן פֿון אירנט וועגן נאר וואס זייא זיינן גורם אויבן און אונטן.

רבי (יצחק ורבי יהודה) זיינן געגאנגן פֿון אושא קעגן לוד, שפראך רבי יהודה איר וועלן ריידן דברי תורה און וועלן גיין, ער הוב אן עס שטייט ווען איינר ווערט עפֿן איין גרוב אדר גראבן שטייט ווייטר ווען איינר ווערט דרינן ניזוק געווארן (בעל הבור ישלם) אזו דער מאן פֿון דער גרוב באצאלן: כמו ווען עס אזו איז ביי דען, (על אחת כמה וכמה) ווען איינר איז גורם דורך זיינע חטאים צו איבלן דען גאנצן עולם (אכל שכן) ווייא איז כמו זיין שטראף, איך טוא איך וואונדרן ווען ער איבלט דען גאנצן עולם פֿאר וואס זאל אים העלפֿן תשובה, ווי דער פסוק זאגט דא (איש או אשה כי יעשו מכל חטאת האדם) שטייט ווייטר (והתודו את חטאתם והשיב וגו), אזא גרויס דיא תשובה איז אזו גרויס דס מיט דער תשובה איז ער אלץ מתקן, הן וואס ער האט פוגם געוועזן אויבן און אונטן און זיך און כל עולם: פתח הייב אן (רבי יהודה) נאך אים, דר פסוק זאגט (בצר לך ומצאוך את כל הדברים האלה) פֿון דא לערנן איר דאס די תשובה גייט איבר אלעס דהיינו אייער דער דין געוועלטיגט בעולם, אבר אז דער דין געוועלטיגט איז זיין כח גאר שטארק ווער קאן אים ווידר אוועק ברענגן פֿון עולם, דען אז דר דין געוועלטיגט בעולם גייט ער ניט אוועק ביז ער איז משלים זיין ווערק, דער נאך ווען דער מענש טוט תשובה איז ער מתקן זיך און (כל העולם), דרום שטייט (בצר לך ומצאוך וגו') דר נאך (ושבת עד ה' אלהיך וגו') ווען גלייך הקב"ה שיקט דען דין בעולם וויל ער דאך המבין אן זאל תשובה טאן זייא גוטס צו טאן בעוה"ז ובעוה"ב, און עס איז ניט פֿאר האנדן דש דא קאן בשטיין פֿאר תשובה, ער איז אויך גורם מיט דר תשובה דש די שכינה הייסט תשובה קערט זיך אום אויף איר ארט אויס דען גלות, און די בעשטע תשובה איז (בזאת) ווען ער ענטפֿערט איבר זיין נפש אין דער תשובה צו דער שכינה, כנאמר זיא אים ווען עס איז אין דער תשובה אזו איז אלץ מתוקן ער און כל עולם אויבן און אונטן, און דורך איין רשע ווערט פֿאר דארבן ער און כל עולם זיינט וועגן. ווייא נאם רשע ווייא צו זיין שכן: קום און זעה יונה איז אנטלאפֿן געווארן און האט ניט וועלן גיין אין שליחות פֿון הקב"ה. ווי פֿיל מענטשן דיא זיינן מיט אים געוועזן אין דער שיף די זיינן באלד פֿאר לארן געווארן אין ים פֿון זיינט וועגן, ביז זייא זיינן אלי איבר אים געקומען און האבן אים דן געוועזן בדין אין דען ים, דען זיינן אלי ניצול געווארן, דער נאך האט ער תשובה געטאן בשעה דאס ער האט הקב"ה אן גערופֿן אויס זיין צרה איז ער ניצול געווארן און האט אלץ געוועזן אין שטאט (נינוה) ווייא פֿיל (חיות בעולם). דאס אלץ ווייל ער האט אן גערופֿן צו הקב"ה אויס זיין צרה, אז דר פסוק זאגט (קראתי מצרה לי אל יי ויענני) און שטייט אויך (מן המצר קראתי יה וגו'): (רעיא מהימנא) דאס האט געזאגט משה רבינו דער (רועה נאמן) צו רבי שמעון:

איש איש כי תשטה אשתו וגו'. שפראך (רעיא מהימנא) צו אליהו, היב אן דוא אליהו מיט איר אין דיא מצות, דען דוא ביסט איר אלץ משל איין העלף, דוא ביסט דאך געוועזן אויך צום ערשטן (פנחס בן אלעזר בן אהרן הכהן) איין ברודר, (ואח לצרה יולד), ער הוב אן און זאגט, במצוה פֿון (פרשת סוטה) שטייט (ועבר עליו רוח קנאה וקנא את אשתו) דאס ווייזט אויף דען (יצה"ר סמ"אל) דער איז זיך מקנא אן דער הייליגי נשמה דיא איז געגליכן צו איין הייפש ווייב, און איז שיין אין אירע מעשים, דאס אויך איר איז געזאגט (אשת חיל עטרת בעלה), און ער מאכט זייני קנאה ווייל ער זיא משמא זיין, ווייא ער האט געטאן בייא (אדם הראשון) ער הט זיך מקנא געוועזן אויף זיין ווייב ביז ער האט זיא בערעט און האט זיא (גורם מיתה) געוועזן, און צו לייטן דאס ער איז איבר איר שולט איז ער זיא משמא, און זיין ווילן איז צו פֿאר ברענגן דיא נשמה אין זיין פֿייאר פֿון גיהנם: וְקִנֵּא אֶת אִשְׁתּוֹ וְהִיא נִטְמָאָה און דרום האבן איר געלערנט (ובת איש כהן) דש איז מיכאל כהן גדול, (כי תחל לזנות את אביה היא מחללת באש תשרף) דאס די נשמה און טומאה פֿון איר ווערט דארט אין גיהנם פֿאר ברענט און געלייטרט, אז ווייא מען לייטרט זילבר אין דער טיגל דאס דאס פסולת ווערט פֿאר ברענט צו ערד און ווערט פֿאר לארן. אזו אויך ישראל ווען זייא עובר זיין אויף דער תורה ברענגט זייא הקב"ה אין גיהנם דאס זי ווערט דארטן געלייטרט ווייא גאלד און זילבר, אז דער פסוק זאגט (וצרפתים כצרוף את הכסף וגו') ביז עס ווערט אן זייא מקוים ווערן (אם יהיו חטאיכם כשנים כשלג ילבינו). דען ווען ישראל פֿאר מישט זיינן מיט דען (ערב רב) זיין אזוי (אילן עץ טוב ורע) זיס און ביטר, און ווען זייא מאכן זינדיגן צו ישראל איז גלייך אז זיי זיינן אזוי (אילן הרע). און זיינן ווי דיא וואסר פֿון (מרה) די זיינן ביטר געוועזן און הקב"ה האט געהייסן דריין ווארפֿן איין האלץ ווייא עס שטייט (ויורהו ה' עץ וישלך אל המים וימתקו המים וגו'), אזו וואלט אז ביי דער סוטה ווען דער כהן האט אין וואסר דען שם אריין געווארפֿן דר דא הייסט (עץ) ווען זיא איז אום ריין געוועזן זיינן דיא וואסר ביטר געווארן, איז געוועזן (וצבתה בטנה ונפלה ירכה) איז זיא צו שפרונגן געווארן, און ווען זיא איז ריין געוועזן דען שטייט (וימתקו המים) זיינן זיי זיס געווארן און האט איין בן זכר געהאט אזו איז זיא פֿאר זוכט און געפרובט געווארן דורך דיא וואסר, אזו וועט ווערט הקב"ה פרובן דיא ישראל בייא דר לעצטר גאולה, דרום זאגט (דניאל י"ב) (יתבררו ויתלבנו ויצרפו רבים) דיא דא ווערן זיין (אילן הטוב) דיא ווערן בשטיין ביי איר (נסיון), און אן דיא רשעים ווערט מקוים ווערן (ולא הדעת ישראל לא יבואו) דאס הקב"ה ווערט זייא אום ברענגן, אבר שטייט ווייטר (והמשכילים יבינו) דיא חכמים די זיינן בגריפֿן אן (עץ החיים) פֿון אירנט וועגן האט דניאל געזאגט (והמשכילים יזהירו כזוהר הרקיע) דיא דא ווערן קלייגן אין דען (ספר הזוהר) דא איז בגריפֿן אן (עץ החיים)

דיא

דיא ווערן ניט בדארפן צו פרובן זיי, נייערט דיא אנדרי די זיינן (אילן עץ טוב ורע), אונ דר ווייל דס דו (ספר הזוהר) ווערט ערשט היינט נאך אנטפלעקט ווערן, אונ ישראל ווערן דרמאן פר זוכן פון (עץ החיים), אונ בזכות דאס זייא ווערן אין דעם (ספר הזוהר) לערנן ווערט דיא גאולה קומן (אילן הרחמים), דען ווערט אן זיי מקוים ווערן (ה' בדד ינחנו וגו') דס קיין (צד הרוגז) ווערט ניאר זיין צווישן ישראל אונ ביי דר קדושה, דאס הייסט איז דיא (תורה הקדושה) געשטעלט אין דעם קלייד אונ סיפורים דיא ריידן (אסור מותר, כשר פסול, טומאה טהרה) דאס אילן הטוב איז (כשר מותר טהור). אונ אילן הרע איז (פסול אסור טמא) דאס איז דרום ווייל דר עולם ווערט היינט געפירט (בדרך טוב ורע), אבר לעתיד ווערט דער בוים ניאר דיא שליטה האבן אויף ישראל, דען אירה פרנסה פון ישראל ווערט זיין (אילן עץ החיים) דען ווערט ניאר אין דער תורה איין מחלוקת זיין אילן הרע אונ קיין קשיא ווערט ניאר זיין (אילן הטומאה), דען מכח דיא שליטה פון דער (טומאה אונ רע) דרום פר שטייט מען ניט רעכט די תורה, דרום זיינן אין דער (גמרא מחלוקת אונ קושיות) דר פר שטייט אזו אונ דער זאגט ניט אזו, אבר (ביאת הגאולה) ווערט מקוים ווערן (ואת רוח הטומאה אעביר מן הארץ) דאס קיין טומאה ווערט ניאר געוועלטיגן ווערט איטליכר דיא תורה רעכט פאר שטיין, אונ דיא (תלמידי חכמים) ווערן ניאר געשפייזט ווערן דורך די (עמי הארצים) נייערט אילן הטוב, דיא עסין (טהור כשר מותר), אונ ניט פון ערב רב דיא עסין (טומאה פסול אסור), זייא זיינן טמא אונ זיינן זיך מטמא מיט זנות פון עכו"ם, זיי זיינן די קינדר פון דער זנות, אויף זיי איז געזאגט געווארן (כי משורש נחש יצא צפע) פון דער ווארצל דיא שלאנג גייט ארויס איין אונק אזו אויך זיינן די (ערב רב) מיטן טומאה ווייא איר שורש די זנות, אונ כן זאן ווייל זייא האבן איין שליטה דס איז (חולין אילן הטהרה), אונ (חולין אילן הטומאה), האבן די (תלמידי חכמים) דיא זייכען געגליכן צו שבתות אונ ימים טובים קיין פרנסה נייערט אז פון די זיינן חולין, אזו וואלן אז שבת ניט האט נייערט וואס אן אן גרייט אין דער וואכן, אונ לעתיד אז דער (עץ החיים) ווערט געוועלטיגן ווערן די וואס בגריפן זיין אין (עץ טוב ורע) די ווערן אונטר טאן ווערן, אונ דיא (עמי הארצים) ווערן ניט מער האבן אז וואס דיא (תלמידי חכמים) ווערן זיי געבן, אונ ווערן ניט גערעכנט זיין גלייך אז זיי ניט ווערן אויף דער וועלט, זייא ווערן ניט פאר זוכן פון (עץ החיים), אויף זיי איז געזאגט געווארן דס עס ווערט קיין חילוק זיין צווישן (עוה"ז אונ ימות המשיח) נייערט (שעבוד מלכיות) דאס קיין גלות ווערט ניאר זיין, זונסט אין אנדרי מעלות ווערן זייא ניט האבן וויא זאדים קיגן זייא איז דיא משכיות מיט (איסור והיתר, טומאה וטהרה) ניט קיגן דיא תלמידי חכמים זייא ווערן רעכנט דאס (פנימות) פאר שטיין דאס איז (מט טהור) זייא ווערן מבזה זיין פר דיא (תלמידי חכמים) דס זיי ווערן זיין קיגן זיי (כיתרון האור מן החשך), דיא (ערב רב די עמי הארצים) ווערן זיין פינצטר אונ ווערן זיין צו ישראל קנעכט דרום ווייל די (ערב רב עמי הארצים) זיינן אז דיא בהמות, אונ ישראל הייסן אדם וויא דר פסוק זאגט (ואתנה צאני צאן מרעיתי אדם אתם) • (ואתנה צאני צאן מרעיתי) דאס זיינן די (עמי הארצים) דיא דא זיינן (אילן הטוב), אונ אדם (אתם) זיינן דיא (תלמידי חכמים) הייסן אדם, אזוי אויך שטייט אין פסוק (לו עמי שומע לי ישראל בדרכי יהלכו) ווען ער הייסט זיי עמי ווארום זאגט ער דער נאך ישראל, אלא (עמי) הייסן דיא (עמי הארצים) דיא טוב זיין • אונ ישראל דיא (תלמידי חכמים) . אונ פון אירכט וועגן שטיט (ובני ישראל יוצאים ביד רמה). אונ אזו וואלן אז הקב"ה האט זיי אפ געשיידן אויף דעם בארג סיני, אזו ווערט ער זייא אב שיידן ביי דער לעצטר גאולה. ביי ישראל שטייט (וחמשים עלו בני ישראל מארץ מצרים) דאס חמשים איז טייטש דר (שער החמשים) דס דר יובל מאכט פון דארטן פריי דיא קנעכט צו פופציג יאר דארט איז דר (עץ החיים) בגריפן דאס אלע פרייהייט קומט ארויס, דרום איז אויף זיי אויך געזאגט געווארן (המה יעלו בהר) זיי זאלן יוא ארויף גיין אויף דעם בארג סיני, אויף זיי שטייט אויך (ויסע מלאך האלהים ההולך לפני מחנה ישראל) אונ אויף זיי שטייט אויך (ואשא אתכם על כנפי נשרים) דאס זיינן דיא (ענני כבוד) • (ואביא אתכם אלי), אבר דיא (ערב רב) זיינן ניט אין (ענני כבוד) געוועזן נייערט ישראל, אויף זייא שטייט (ובני ישראל יוצאים ביד רמה) אזו ווערן לעתיד דיא ת"ח ארויס גיין אין אלרלייא כבוד, אונ אזו וואלן אז עס איז געזאגט געווארן אויף די (יצאי הארצים) דיא זיינן אילן הטוב ביי מתן תורה וַיִּתְיַצְּבוּ בְּתַחְתִּית הָהָר אזו בייא דער גאולה ווערן זיי שטיין אונטר די ישראל, גלייך אז איין פערד אונטר זיין הערן אונ איין קנעכט נאך זיינם הערן, אונ אזו וואלן אז הקב"ה האט צו זיי גירעט דאס זיי זיינן געשטאנדן אונטרן בארג סיני ווערט איר מקבל זיין דיא תורה איז גוט (ואם לאו) אזוי איר דא בגראבן ווערן, אזו ווערט הקב"ה ריידן בייא דער לעצטער גאולה צו די (עמי הארצים) אילן הטוב, ווילט איר אויך אייך מקבל זיין דיא (תלמידי חכמים) גלייך איינר דער דא רייט אויף איין פערד אונ דער קנעכט טוט אים דינן איז גוט (ואם לאו) אזוי איר אלי דא אין גלות פר גראבן ווערן, אונ דיא (ערב רב) אזו וואלן אז בייא זייא שטייט ביי מתן תורה (וירא העם וינעו ויעמדו מרחוק) דאס זיי זיינן פון ווייטן געשטאנן, אזו ווערן זייא לעתיד אויך ווייט זיין פון דר גאולה, אונ ווערן זעהן די (תלמידי חכמים) אונ (ישראל עם הקודש) אין אלי כבוד אונ זייא ווערן ווייט דר פון זיין, אונ ווען זייא ווערן זיך אויף וועלן אן זייא נהעפטן שטייט ביי זיי (לא תגע בו יד, כי סקול יסקל או ירה יירה) דען אזוי ווערט מקוים ווערן בייא דיא ישראל (ה' בדד ינחנו, ואין עמו אל נכר) אז מען ווערט אין משיח נייט קיין גרים ניאר מקבל זיין, אונ חנה האט געזאגט (ורשעים בחשך ידמו) דס זיינן די (ערב רב), אונ דרום האט געזאגט אויף זיי דר נביא (ואל אדמת ישראל לא יבואו), שטייט אין (זוהר פנחס) ווייטר, אויף די לעבּיגי לייט שטייט (כה אמר ה' ורועים הפושעים בי) דס זיינן דיא הערטן מנהיגים פון ישראל דיא (פרנסי הדור) די רשעים זיינן, אויף זיי איז געזאגט געווארן (הנה אנכי מפתיה והולכתיה המדברה, ונשפטתי אתם כאשר נשפטתי את אבותיכם) דאס זייא ווערן אום קומן (במכת חושך): ע"כ הט משה גירעט: שפראך רבי שמעון צו אים, דוא (רועה נאמן) דיא לייט איז גיקומן ארויף צו גיין, איך בשווער דיך רייד דו זעלבסט דר פון אובן, דען פון דיינט וועגן וויל איך אויף גיין דס הקב"ה זאל רשות געבן מגלה צו זיין דען (ספר הזוהר)

מיט

מיט דיא סודות, דאס מיט דעם וויל איך דיך אויס לייזן אויס דיינר תפיסה דש דוא ביסט אין גלות, דש דו ביסט מחולל אין חטא פון ישראל, וויא דער פסוק זאגט אויף דיר (והוא מחולל מפשעינו) דרום וויל איך מיט דיר טובות טאן דורך דיין דיבור (כמ"ש זוהר כי תשא ופ' משפטים ובתיקונים). שפראך דער (רועה נאמן משה) צו רבי שמעון, דא בשווער איך דיך בייא דעם (שם הקדוש ה') דאס דוא זאלסט ניט זיאן מיט דיינר מאכט, דען איך בין אין גרוסן צער, איך קער מיך (כ"ה וכ"ה) הין אונ הער, אונ (וירא כי אין איש) עס איז קיינר דר מיר זאלט ארויס העלפן אויס צו ציהן מיך אויס מיינם צער מיט דר קבורה. דש אויף מיר שטייט גשריבן (ויתן את רשעים קברו) דאס זייא וועלן מיך ניט דער קענן דש איך בין געווארפן צווישן רשעים, איך בין גרעכנט צווישן די (ערב רב רשעים) אז ווי איין (נבלה מת) דר דא שטינקט, אזו איז מיין היילגי תורה צווישן זיי (חכמת הסופרים תסרח), די תורה אונ (תלמידי חכמים) זיינן גאכן ממש אין אלי ערטר וואו ישראל זיינן פר שפרייט צווישן דיא אומות, אונ די ערב רב זיינן אויך הירטן איבר ישראל דיא זיינן דאס שאף פון הקב"ה, אונ האבן קיין מאכט ניט צו טאן גוטס מיט דיא (תלמידי חכמים), אונ די (אנשי חיל יראי חטא) מוזן ארום ציהן אונ ארום גיין פון שטאט צו שטאט אונ ווערן ניט גיצעליגט, מן איז זיך ניט מרחם איבר זיי, אונ די (ערב רב רשעים) מאכן איין חרם אונ תקנות צווישן זיך אין פיל ערטר דש מן זאל זיי ניט געבן נאר איין (קצבה) כדי דאס זאל ניט זיין איין תקומה צו זיי אין איר שפלות (אפילו חיי שעה), אונ אלי חכמים אונ (אנשי חיל יראי חטא) זיינן בצער אונ ברוחק אין אום לוסטיקייט, זייא זיינן גירעכנט אז די (כלבים), די (בנים המסוללים בפז, איכה נחשבו לנבלי חרש בראש כל חוצות), זייא ווערן זייא ניט לאזן בייא זיך איבר נאכטיגן אין הויז צו גאסט צו נעמן, אונ דיא ערב רב זיינן רייך אונ זיינן בשלוה גאר אן צער אונ טרויעריקייט, זייא זיינן (גזלנים בעלי שוחד) זייא זיינן דיינים אונ שלטי, (כי מלאה הארץ חמס מפניהם) אויף זייא איז גזאגט געווארן (היו צריה לראש), איך בשווער דיך נאך איין מאל (בחי ה' צבאות אלהי ישראל יושב הכרובים) דאס פון דיא אלי רייד זאל דיר ניטס פר לארן ווערן אויס דיין מויל, נייארט דוא זאלסט זייא ריידן פר הקב"ה מיט אל דיין קרעפט צו וויזן זיין דוחק פון דיא (תלמידי חכמים), ע"כ (אלשון רעיא מהימנא): (איש איש כי תשטה אשתו ומעלה בו מעל) ווארום שטייט צווייא מאל דאס ווארט (מעל), אלא דיא פעלשט אן מיר מאן אונ אן דיא (כנסת ישראל), אונ דרום וויל זיא פעלשט אן דער שכינה, דרום שטייט (והביא האיש את אשתו אל הכהן), דען דר כהן איז געוועזן דער (שושבין) אונ ליב האבר פון דער שכינה האט ער זייא מוזן דן זיין. איז דא צו פרעגן ווארום צום כהן, האבן איר דאך גלערנט דאס בייא איין קרבן האט מוזן איין פרעמדר שעכטן אונ דער כהן האט ניט דארפן שעכטן, דרום וויל דער כהן איז בגריפן אן מדת חסד דרום טאר ער קיין דין ניט טאן, ווען ער וועלט שעכטן דאס קרבן שוט ער איין דין וועלט ער פוגם זיין אן זיין מדת החסד, נא ווארום האט ער בייא דער סוטה יוא איין דין גטאן מיט די (מים המאררים), אלא דער כהן האט דאס מוזן טאן וויל ער איז מדת חסד אונ שלום צו מאכן צווישן מאן אונ ווייב, ער מאכט שלום דורך דיא (מים המאררים), ווען זיא טהור איז אונ ניט האט חוטא געוועזן שטייט (ונקתה ונזרעה זרע) קריגט זיא איין בן זכר, דא מאכט דער כהן (שלום ואהבה) צווישן מאן אונ ווייב, ער זעהט דאס ער האט זי אום זונסט חושד געוועזן, אונ ווען זיא איז ניט ריין געוועזן האט איר דין ניט גיטאן דער כהן, נייארט דער (שם הקודש) וואס דער כהן האט אין די וואסר אריין גיטאן, אונ דער כהן האט זי גפרעגט איין מאל אונ ווידר זיא זאל מודה זיין, דאס דער שם הקודש) זאל ניט פר מעקט אין וואסר איבר איר ווערן, אונ זיא האט גילייקנט דראן, דרום האט דער שם הקודש אליין אין איר דעם דין גטאן אונ ניט דר כהן. אָמַר הַמַּעְתִּיק

דרום שטייט אין פסוק (ובאו בה המים המאררים למרים) די וואסר זיינן גוט אונ זיס געוועזן, נייארט אין איר האט דר שם הקודש געמאכט אז זיא זיינן איר ביטר געווארן וויל זיא האט דראן פוגם געוועזן. ר' הלצר הייב אן אין דער פרשה (ויבואו מרתה ולא יכלו לשתות מים ממרה כי מרים הם) איך פר וואונדר מיך וויא דיא לייט ניטט פר שטייען אין דער תורה, עס איז דאך אין דער פרשה צו פר שטיין, ווארום שטייט גראד בייא דיא וואסר פון מרה וויא זייא זיינן אויס מצרים ארויס גגאנגן (שם שם לו חק ומשפט ושם נסהו), אלא דיא הייליגקייט פון דער סוטה איז דראן געוועזן בייא דיא וואסר, דען דיא מצרים האבן גזאגט דאס דיא קינדר פון ישראל זיינן גקומן פון זיי מהער, אונ אויך פיל פון ישראל האבן אויך מירה ווייבר חושד געוועזן דאס זייא האבן מזנה געוועזן מיט דיא מצרים, ביז הקב"ה האט זייא גבראכט צו דעם מורט (מרה) זייא בודק צו זיין וויא איין סוטה מיט די וואסר, דרום שטייט (ויצעק משה אל ה'), שפראך הקב"ה צו משה, משה וואס ווילסטו האבן, עס זיינן וויא פיל מקטריגים אונ משחיתים וויל איך בודק זיין די ווייבר פון ישראל, דרום שרייב אויף דען (שם הקודש) אונ ווארף אים אין וואסר אריין, דא וויל איך בודק אלי זיין דיא ווייבר אונ דיא מאנן, דער ווארטן דאס עס זאל שון קיין רייד אונ שם רע אויף אייער קינדר זיין, אונ (כל זאת) וויל איך ווער ניט אלי בודק זיין וויל איך ניט איין נאמן אויף זייא רופן, (ויורהו) שטייט (ויורהו ה' עץ) דאס איז דער (שם הקודש) אונ האט אים געווארפן אין וואסר, (וישלך אל המים) דעם שם וואס דער כהן האט בודק דיא סוטה געוועזן מיט האט ער אין וואסר אריין געווארפן, דען עס שטייט (שם שם לו חק ומשפט ושם נסהו) דא אן האט דארטן גיטאן (חק ומשפט) אונ האט זייא פר זוכט דארט. אויב דו וועלסט פרעגן אז אן האט בודק געוועזן דיא ווייבר איז רעכט, אבר ווארום האט מן די מאנין בודק געוועזן, אלא אויב זיך דיא מאנן האבן אויך ניט מטמא געוועזן מיט ווייבר פון מצרים, אונ אויב די ווייבר ניט האבן מזנה געוועזן מיט מאנן פון מצרים דיא גמאכט לייט אז זייא זיינן געוועזן אין מצרים. דען זיינן אלי גיפונן געווארן (זכאים לדיקים), אונ מן האט געזעהן דאס זרע ישראל זיינן קדושים אונ ווערדיג, דרום שטייט בייא דיא וואסר פון מרה (שם שם לו חק ומשפט ושם נסהו) דארטן זיינן זייא פר זוכט געווארן. אונ אזו האט דער כהן בודק געוועזן די סוטה מיט דעם (שם הקודש), אונ ווען דיא אשה איז גירעכט געוועזן זיינן דיא וואסר אין איר אריין גגאנגן אונ ווארין זיס

אונ

און רייניגן זיא, און זיינן געבליבן ביי איר ביז זי איז מעוברת האבן די וואסר אין איר דאס קינד שיין און היפש און ריין געמאכט דאס עס האט קיין חסרון ניט געהאט קיין פֿעלער אין דער וועלט, און ווען זיא איז ניט ריין גוועזן דא ווארן זיך דיא וואסר אין איר פֿר קערן צו נויין טואגג, האט פֿון איר געשמעקט דיא אום פֿליט די טומאה פֿון וואס זי האט מקלל געוועזן און געזינדיגט איז זיא ווארן בגריפֿן, איז ווארן געזעהן איר חרפה און בושה פֿר מאן: וואול איז דס חלק פֿון ישראל דאס הקב"ה בגערט אן זייא אום זייא מטהר צו זיין. רבי חזקיהו הוב אן (אשתך כגפן פוריה) דיא משה איז געגליכן צו איין וויין שטאק, וויא איין וויין שטאק איז ניט מקבל איין (הרכבה) דלוט מן מוז איין זעלין איין צווייג דוקא פֿון זיין מין ניט אנדר מין נעמט דער וויין שטאק ניט אן, אזו אויך דיא ווייבר פֿון ישראל דיא בהעפֿטן זיך נייארט צו אירן (בן זוג), וויא איין טויב אזו אויך דס בלייבט נאר ביי איר (בן זוג): (פוריה) זיא בליט און ליט אויס צווייגן אויף אלי זייטן דאס איז (בירכתי ביתך) אין דיינם הויז, דיא אין הויז בלייבט דער היים און לויפֿט ניט ארום אויף דער גאס דס זיא ניט זאל קומן צו קיין שטרויכלונג און חטא: זאגט רבי חזקיה איין קללה זאל קומן אויף דען מאן דער דא לאזט גיין דאס ווייב מיט איר האר פֿון קאפּ ארויס, דאס איז איינה פֿון דיא צניעות דס דא קער צו זיין אין הויז. אז וועלכי משה דיא לאזט גערן איר האר דרויסן פֿר איין צירונג, איז זיא גורם ארעמקייט צו אירן מאן. און איז גורם צו אירה קינדר דאס זיא זיינן שפל און ניט חשוב בייא לייט, און איז גורם איין אנדרי זאך דאס דא רואט אין איר הויז, וואס איז דס אלס גורם דרום ווייל זיא לאזט איר האר דרויסן אפֿילו דער היים, וכ"ש אויף דער גאס, וכ"ש אנדרי חליפֿות, דרום זאל איין משה זיין גהיט אפֿילו דער היים פֿר דיא ווענט איין האר אויך ניט דרויסן צו פֿר לאזן פֿון קאפּ צו געזעהן צו ווערן, דען זיא דער וועקט איין קליפה דאס דא הייסט (שער), דרום אפֿילו ווען קיינר זעהט דרויף אויך ניט, וכ"ש דרויסן אויס דען הויז דס זיא איז גורם קללה און ארעמקייט און פֿיל בייז צו אירי קינדר, (רחמנא ליצלן) הקב"ה זאל אונז אלץ זיין פֿון אירי חליפֿות, און ווען זיא איז יוא גהיט דראן, דען שטייט (בניך כשתילי זתים) אירי קינדר זיינן וויא איין פֿלאנצונג פֿון איין בער בוים, וויא אין איין בער בוים איז שענר אז אלי ביימר, עס זייא אן זומר אודר ווינטר פֿר לירט זי ניט אירי בלעטר, און בלייבט אייביג שענר אז אלי ביימר און חשובר אז אלי ביימר, אזו אויך אירי קינדר ווערן אויך זיין מער חשובר אז אלי מענשן, און ניט דאס אליין אפֿילו איר מאן ווערט גיבענשט מיט אלי ברכות אובן און אונטן מיט עשירות און קינדר און קינדס קינדר, אז דער פסוק זאגט (כי כן יבורך גבר ירא ה') און שטייט (יברכך יי מציון וראה בטוב ירושלים כל ימי חייך, וראה בנים לבניך שלום על ישראל):

אִישׁ כִּי יַפְלִא לִנְדּוֹר רבי אלעזר הוב אן מַדּוּעַ בָּאתִי וְאֵין אִישׁ וויא גאר גליבט זיינן דיא ישראל פֿר הש"י. אין אלי ערטר וואו זייא זענן דא איז ער געפֿונדן בייא זייא דאס ער זאל ניט אפ גיטאן זיין פֿון זייא, עס שטייט (ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם) שטייט מקדש סתם, דען אלי שולין אין דר וועלט הייסן מקדש, וויא מן האט עס שון אנדרשט וואו מפֿורש געוועזן, און דיא שכינה פֿעדרט זיך אין שול. וואול צו דען מענשן דער דא ווערט געפֿונדן פֿון דיא ערשטי אין שול דיא זיך היילגן מיט דער שכינה צום ערשטן און ברייטן זיך אן, און די ערשטי צעהן מוזן מיט איין מאל אריין גיין אין איין לייט און ניט איינליג ווייט, דען דיא צעהן לייט זענן גלייך אז איין מאן, דרום מוזן מיט איין מאל דיא צעהן לייט קומן גלייך וויא דער מענש ווער מיט איין מאל בשאפֿן, אז דער פסוק זאגט (הוא עשך ויכוננך):

אִישׁ כִּי יַפְלִא וואס טייטש (כי יפליא), ער ווערט זיך אפ טיילן פֿון דיא אנדרי לייט, ער זאל זיין קודש אין איברשטן גישטאלט און צו ווערן גאנץ געפֿונדן, דען איין מענש דער דא קומט זיך (מקדש ומטהר) צו זיין, דא איז מען אים פֿון אובן (מקדש ומטהר) ער זאל הייליג און ריין זיין, און מן פֿר שפרייט אויף אים די איברשטי קדושה דאס הש"י ווערט געהייליגט דער מיט:

פרשת בהעלותך.

וַיְדַבֵּר ה' אֶל מֹשֶׁה לֵּאמֹר וגו' בְּהַעֲלֹתְךָ אֶת הַנֵּרוֹת וגו', זאגט רבי יהודה וואול דער חלק פֿון ישראל דאס הקב"ה האט אן זייא בגערט און האט זייא געגעבן איין (תורת אמת) איין עץ חיים, דאס דורך דער תורה ירשנת דער מענש לעבן (בעוה"ז) און לעבן (לעוה"ב): און ווער עס בגרייפֿט דראן און איז עוסק בתורה דער האט דאס לעבן, און ווער זיך איז פורש פֿון דער תורה איז גלייך אז ער וואלט זיך פורש זיין פֿון לעבן, דען זיא איז לעבן און אלי אירי רייד זיינן אייטל (חיים הם למוצאיהם) און שטייט (רפֿאות תהי לשרך וגו') (ער זאגט ווייטר סודות): רבי אבא הייב אן אַשְׁרֵי הָעָם יוֹדְעֵי תְרוּעָה ה' בְּאוֹר פָּנֶיךָ יְהַלֵּכוּן (זכאין) ווערדיג זיינן די ישראל דס הקב"ה האט זיי געגעבן איין (תורה הקדושה) און האט זייא געלערנט איר וועג צו בהעפֿטן דראן צו היטן דיא מצות התורה דער דורך זוכה צו זיין לעוה"ב, און האט זייא אויס מצרים ארויס געצוגן אויס דער (רשות הטומאה) און האט זייא צו זיך מקרב געוועזן צו ווערן בגריפֿן אן זיינם נאמן דער דא געוועלטיגט אויף (עליונים ותחתונים): און מכח גרויס אהבה האט ער זייא גרופֿין (בני בכורי ישראל) זיינן פֿרייא פֿון אלים, און זיינן אין גישטאלט דיא (קדושה עליונה) און האט זייא אויס דיא (כוחות הטומאה) פֿון מצרים ארויס גיצוגן און צו בראכן, און אויך גיטאן אלי בינד וואס דיא מצרים אויף זייא געמאכט האבן מיט כישוף דס זיי זאלין ניט קענן ארויס גיין, דרום האט הקב"ה ממית געוועזן אלי בכורים אין מצרים מיט אירי (כוחות וממונים) פֿון אובן. דרום האט הקב"ה ניט בגערט צו טאן די (מכת בכורות) ניט דורך איין

האבן זייא ניט פֿר געסין, זייא גינגן ארויס אונ עס קומט צו גיין איין אנדרר מעשה, ער שפראך צו זייא, איר חברים, ר' אילעי האט געשיקט צו אייך איר זאלט ווארטן בייא דער טיר פֿון (מערה), ער ווערט אייך מודיע זיין (דברי סודות עליונים) דאס איר נאך ניט האט געוואוסט, ער האט רשות גינומן פֿון (ראש ישיבה) דאס ער זאל אייך מגלה זיין, זיי זיין גיגאנגן מיט אים אונ קומן (ע"פ המערה) אונ ווארטן דארטן אויף אים, אונ ווארין אוס הורין אלי רייד וואס זייא האבן דארטן גילערנט אונ גזעהן, אין דעם קאם (רבי אילעי) ער לייכט אזו וויא דיא זון, שפראכן זייא צו אים האטשו גיהערט (חידושי תורה), שפראך ער גוויס האב איך גהערט אונ איז מיר רשות געגעבן געווארן אייך מגלה צו זיין, דיא חברים זייא זעצן זיך מיט אנאנדר (על פי המערה), שפראך ער צו זייא, איר ווערדיגי לייט דאס איר הט זוכה געוועזן דס אייך מייער הער הט אזו פֿיל געוויזן דס געשטאלט פֿון (עולם עליון) אונ איז צו אייך קיין מורא אונ קיין ציטרניש: שפראכן זייא גוויס אונ עס איז אזו, אונ איר האבן זיך שון אזו ווייט ארייין גילאזן דאס נאך איר האבן ניאר דען (דרך בני אדם) וויא עס איז בייא דיא לייטן, אונ עס איז איין גרויס וואונדר אויף אלים וואס איר האבן גיזעהן אין דען בארג. שפראך ער צו זייא דיא אלי בערג דאס איר גזעהן האט דאס זענן מייטן (ראשי ישיבות) צו די (דור המדבר) דיא הא זענן, אונ זייא זענן מינונד זוכה וואס זיי האבן ניט זוכה געוועזן ווען זיי גלעבט האבן, אונ אלי ישיבות אן (ראש חודש אונ שבת אונ ימים טובים) זאמלן זייא זיך איין צו דען בארג וואו (אהרן הכהן) איז בגראבן, אונ דער וועקן זיך צו אים אונ גייען ארייין אין זיין ישיבה אונ זענן זיך משתדל מיט דען (של הטהור והקדוש שאן הקדוש) דאס זיך ליהט אויס אים, אונ זענן זיך אלי מיט אים (מחדש בחדושי אהבה של אלף הקדוש), ביז דיא ישיבה גאר ווערט גיהייסן (ישיבה פֿון אהבה) אונ דער מיט אלי (בני ישיבה) ליאן אונ פֿליאן (בדרך נסתר ונעלם) דאס גאנץ פֿר הולין איז, אונ שוועבן וויא דיא אדלרס אין דער לייכטיגע ישיבה פֿון (משה רבינו), אונ אלי בלייבן דרויסן אונ גייט נאר ארייין צו אים נאר אהרן אליין: (ולפי שעה) ווערן זייא אן גרופֿן מיט אירן נאמן, אונ קיינר זעהט ניט דאס פנים פֿון משה, דען איין מַסְוֶה איז גישפרייט פֿר זיין פנים, אונ אום אים ארום זיינן זיבן (ענני כבוד), אהרן שטייט אין (פרגוד ומחילה) דאס דא אונטר משה איז יוחת מפסיק אונ ניט מפסיק, נאר קיין רעכטר הפסק איז צווישן זייא, אונ אלי ראשי ישיבות זענן דרויסן פֿון דען פרוכת פֿון דען פרגוד, אונ אלי אנדרי זענן דרויסן פֿון דיא (ענני כבוד), אונ נאך דיא חדשים נאך די לייכטן פֿון דער תורה אזו ווערן דער לייכט די (ענני כבוד). אונ לייכטן אזו קלאר אונ דין אונ לויטר אז מען דורך דיא (ענני כבוד) קאן זעהן דיא (מסוה) פֿון משה דאס ער פֿאר זיין פנים האט. דורך דען (מסוה) זעהט מן איין לייכט דס לייכט מער אז אלי לייכט שבעולם, אונ דאס איז דאס פנים פֿון משה, אונ זיין פנים ווערט גאר ניט גזעהן צו קיינם ניט, נייארט דאס לייכט וואס דא לייכט דורך דען (מסוה) אונ דורך דיא זיבן (ענני כבוד), משה זאגט דיא רייד פֿרט צו אהרן, אונ אהרן איז זייא ווייטר מפֿורש צו דיא (ראשי ישיבות): מיט וואס איז ער זייא מפרש מיט דיא (דברים מעיינות החכמה) די זיינן פֿון אים פֿר הולין גיווארן בשעה דאס דיא לייט איז גקומן פֿון יהושע, וויא דער פסוק זאגט (לא אוכל עוד לצאת ולבוא) דאס איז פֿון אים פֿר הולין גווארן דיא מעיינות החכמה, אונ אילונד איז ער זייא מפרש מיט גרושי וואונדר אונ קערט זייא ווידר מיט קוואלין אונ בעך ווי וואסר קוועלן פֿון איר ארט גאנץ פֿיל, אזו קוועלט איטליכס ווארט מיט מייטן (סודות נפלאות), אונ אלי (נשים צדקניות) פֿון דען (דור המדבר) די קומן אלי צו (מרים) אויך אין דיא לייט וויזו אובן שטייט, דען גיין אלי ארויף וויא איין דאמפֿן רויך אין דער מדבר, אונ דער טאג ווערט גירופֿן (יומא דהילולא יומא של שמחה) דיא ווייבר קומן צו מרים (ובליל שבת ובליל יו"ט), אונ ווייטן אלי משתדל צו זיין (בידיעת בורא עולם), וואלו צו דען דור מער איז צו אלי דורות בעולם, זייא גייאן ארויס פֿון דער ישיבה פֿון אונטן אונ פֿליאן אין דער ישיבה פֿון הימל. אונ דיא נאך מער ראוי זיינן דאס פֿליאן נאך העכר, דיא הייסט ישיבה פֿון אובן, דער חלוק פֿון די צווייא ישיבות ווערשטו געפֿינן (בפ' כי תצא), אויף דען (דור המדבר) איז גיזאגט (אשרי העם שככה לו) שֶׁכָּ"כָה בְּגִימַטְרִיָא מֹשֶׁה (אשרי העם שה' אלהיו): (פתח ר' אילעי) הייב אן מגלה צו זיין סודות אין פסוק (תמים תהיה עם ה' אלהיך) ביז ער קומט ארויס אויף דען פסוק (במדבר הזה יתמו) ניט מיין דו דס איז צרה גזאגט גווארן. עס איז אזו, זייא האבן זאלן זיין אין דער מדריגה פֿון (תמים תהיה עם ה') אין ארץ ישראל אין דען סוד וואס ער דארט גזאגט האט, אבר היינט האבן זיי נאר דיא מדריגה אין דער מדבר ווייט פֿון דארטן. ניט (פנים לפנים) וויא עס האט זאלן זיין אין ארץ ישראל, (ושם ימותו) דאס זייא מוזן אזו אלי טאג ווידר שטארבן אונ באלד אויף צו שטיין אן צו קליידן אנדרי לייכטיגי קליידר וויא איר דאס גזעהן האט, דאס איז טייטש (ושם ימותו) דר מיט ווערן זייא גאנץ, דרום שטייט (יתמו), וואל מייער חלק וואל מייער חלק איר (חברים קדושים) דאס איר האט זוכה גוועזן דאס אלץ, אונ דיא צווייא (מערות) דאס איר ניט האט גפֿונן אונ זיינן פֿון אייך אלי פֿר הולין גווארן, דען דיא דרינן גייען ארויף צו דער ישיבה פֿון משה אונ זענן פֿון ווייטן. דרום שטייט בייא משה (במדבר י"ח) (והאיש משה עניו מאוד) מער אז אלי נביאים: האט דר רבי אילעי זיי אן גוויזן אין זייער ישיבה ארייין זעגט זייא האבן אן גהובן צו זעהן ביז צו דער לייט איז גוועזן זיבן טאג, דס זיי האבן גאר ניט פֿר זיך גזעהן פֿון דען עולם גאר נישט, ער שפראך רבי אילעי איך וויל אייך זאגן דען פירוש פֿון דען קול וואס איר האט גהערט ווער עס ווערט ניט מסתכל זיין דער איז ווערט צו וויסן וואס אובן אונ וואס אונטן איז, דער ווערט זוכה זיין דיא תורה צו פֿאר שטיין מיט אפֿני אויגן, נאר עס ווערט אים אלץ מגולה זיין, דר נאך האט איר גהערט דער בוים פֿון אכטצעהן דס זיינן דיא אכטצעהן (חוליות וואס אין (שדרה) בייא דען מענטשן, ווען ער זיך דער מיט רעכט בוקט פֿר זיין הערן בייא מודים דער ווערט זיין אויף גריכט (לתחיית המתים), אבער ווער זיך ניט רעכט בוקט בייא מודים דא ווערט אויס זיין איין שלאנג דס ער ווערט ניט אויף שטיין (לתחיית המתים), דר נאך הט איר גהערט

ווער אריין גייט צו צווי (כרובים) ווערט זיין ווילן גטאן, איז אזו טייטש, ווער עס גייט אריין אין שול דען שיעור פון צווי טירין דער נאך איז ער מתפלל אונ בהעפט זיך אן זיינעם הערן, דען ווערט זיין תפלה אן גנומן, דער נאך ווער דא איז (מעיין) דריכן דאס ער בגערט ברצון צו דאס זיינע בקשות זאל מקוים ווערן, דען ווערט זיין בקשה גיווייטרט פון אים · דער נאך האט איר געהערט דאס קרבן פון איין קינד, דאס איז ווער עס ברענגט זיין קינד (מל) צו זיין, אדר ער פירט עס צום רבי, דס איז איין רעכט קרבן דס מקובל ווערט: פון איר אונ ווייטר איר ליבי לייט גייטש (חסר): (בזוהר) שטייט ווייטר דר סדר וויא זיי ליגן אין דר (מערת המכפלה), איטליכר (זכר ונקבה) בייא אנדר, דער סדר וויא זייא ליגן איז אזו, ווייבר בייא ווייבר אונ מאנן ביי מאנן, אדם צום ערשטן אונ בייא אים חוה, דער נאך שרה אונ בייא איר אברהם, יצחק בייא אברהם אונ בייא אים רבקה, לאה בייא רבקה, אונ יעקב בייא לאה: (כאלה) ליגט אדם אויף איין זייט אונ יעקב די אנדרי זייט: אבר אין ספר וואט (שלמה המלך) האט גיזאגן שטייט דער סדר אזו, אדם חוה, שרה אברהם, יעקב לאה, רבקה יצחק, (כאלה) איז אדם אויף איין זייט אונ יצחק די אנדרי זייט, עס איז איין גרוסר סוד דרויף דאס איך טאר ניט שרייבן, אונ וויא זיי ליגן אזו ווערן זייא אויף שטיין לתחיית המתים, לאה ווערט זיך משמח זיין מיט (משיח בן דוד) פון אינן ווייניג דאס פון איר איז ארויס געגאנגן, אונ רחל דיא ליגט דרויסן ווערט זיך משמח זיין אויך דרויסן (חוץ לירושלים) מיט (משיח בן יוסף): זייא זעהן ווייטר פיל שורעמס אונ טויערן, אונ צווישן אלי איז איין שורעם פון אלין (אבן טוב) מיטן דריכן דער דא גייט גאנץ הויך, אונ ווערט איצונד ניט געזעהן ביז דיא צייט דאס דער (ראש הישיבה) קומט. אונ דרויף שטייט געשריבן דער פסוק (מגדל עוז שם ה' וגו'), ער זאגט סודות דרויף אונ איז מפורש אויך אויף דעם (מגדל) דאס שטייט אין שול דס דרויף ווערט גזייכנט דיא (ספר תורה) דיא הייסט (עוז), וויא מן זיא נעמט אויס דעם (היכל הקודש), דס דאס אלט ווייזט אויף אייטל סודות, דא צו דער מגדל האבן זעקס שטאפלין צו אן ארויף גיין, אונ דער חזן פון שול צו איין צדיק זיין, אונ ווער עס ווערט אויף גרופן צו ליינן צו אויך זיין איין צדיק, אונ איבר אלי דער ווערט אויף גרופן (שטי) פון דיא זיבן, דרום שטייט (בו ירוץ צדיק וגו'), ער ווערט גיגרייסט אונ גישטארקט, ער איז (מאריך ימים), אונ פארכט זיך ניט פר דען (מלאך המות) דס ער אים ניט קאנן מזיק זיין: ווייטר זאגט ער פון דעם (מגדל) גרוסי סודות ווס מן ניט שרייבן דארף: (זכאה) ווערדיג איז דיין חלק דס דו האסט זוכה גוועזן צו דיא (דברים סתומין) דאס פאר הולין זיינן פון אלי זייטן פון אובן אונ פון אונטן (מעו"הז ומעו"הב): שפראך רבי שמעון איין זאך וויל איך אייך פרעגן צו ווישן אויב איר קענט מיר עס מודיע זיין, די ווייבר אויף יענם עולם, אויב זייא זענן זוכה אויך צו גיין אובן, אדר וויא זענן זייא דארטן, שפראך ער. רבי זעקס (היכלות) האט מען מיר געוויזן מיט וויא פיל תענוגים אונ צניפטיקייט ביז אן פרוכת פון ג"ע אונ פיר האנג, אונ ווייטר דארפן קיין זכרים ניט אריין גיין לגמרי. אין איין היכל איז דריכן (בתיה בת פרעה) אונ (כמה אלפים ורבבות) ווייבר דיא דא זענן זוכה מיט איר, איטליכי בזונדר האט ערטער פון אייטל ליכט דיא לייכטן אונ האבן תענוגים גאר אן דוחק, אלי טאג דרייא מאל גייט אויס איין כרוז אונ זאגט, דא קומט אריין צו גיין דאס גישטאלט פון (משה נביא הנאמן), דא גייט ארויס מקיגן (בתיה בת פרעה) צו איינר מחילה דס זיא האט, אונ זעהט דאס גישטאלט פון משה, דא בוקט זיא זיך צו אים אונ זאגט, וויא ווערדיג איז איין חלק דאס איך האב דער צוגין דאס ליכט: אונ דאס איז איר גרעסטר תענוג, דאס זיא איז זוכה צו זעהן דאס גישטאלט פון (משה רבינו), דער נאך גייט זיא ווידר אריין צו דיא ווייבר, אונ זייא זענן דארטן עוסק צו לערנן (במצות התורה), אלי אין איר גשטאלט וויא זייא זענן גיוועזן אין דעם עולם, אין קליידר אויס אייטל ליכט, נאר זייא ניט לייכטן אזו אז די קליידר פון מאנין, דרום ווייל זייא האבן ניט קענן מקיים זיין דיא (מצות התורה): אבר דארט לערנן זייא אונ זענן משתדל דריכן אונ אין אירי טעמים פון די מצות אויף יענם עולם, אונ אלי ווייבר דיא זיצן מיט (בתיה בת פרעה) הייסן (נשים שאננות) דיא זיך גאר ניט זענן מצער אין צער פון גיהנם: אין אנדרן היכל איז (שרח בת אשר) אונ מיט איר זענן וויא פיל ווייבר (אלפים ורבבות), דרייא מאל אלע טאג רופט אויס איין כרוז פר איר, דא קומט דיא צורה פון (יוסף הצדיק) אונ זיא איז זיך משמח אונ גייט ארויס צו איין (פרגוד) וואס זיא האט, אונ זעהט דס ליכט פון גישטאלט (יוסף הצדיק), בוקט זיא זיך צו אים אונ זאגט, ווי ווערדיג איז דער טאג אז איך האב די בשורה גיזאגט צו איין עלטר פאטר יעקב· דער נאך גייט זיא ווידר אריין צו אנדרי ווייבר אונ זיינען משתדל אין שבחות צו לובן פר הקב"ה אונ זייני נעמן, אונ וויא פיל ערטר אונ שמחות האט איטליכי מטה בזונדר, דר נאך קערן זייא זיך ווידר עוסק צו זיין (במצות התורה) אן אירי טעמים פון דיא מצות: אין דריטן היכל איז דריבר (יוכבד) דיא מוטר פון (משה נביא נאמן)· אונ (כמה אלפים ורבבות) ווייבר זענן מיט איר, אין דעם היכל ווערט קיין כרוז אויס גרופן וויא אין יענה היכלות דער פיר, נייארט דרייא מאל אלע טאג לובן זייא אונ דאנקן צו הקב"ה זייא אונ אלי ווייבר דיא מיט איר זיינן, אונ דיא (שירות הים) דאס זיי האבן גזאגט ביי דעם (ים) זינגן זיי אלי טאג, אונ זי אליין זאגט פון (ותקח מרים הנביאה את התוף בידה וגו'), אונ אלי צדיקים דיא דא זענן אין ג"ע הערן זייא צו אונ פאר נעמן איר זיס ליבליך קול, אונ (כמה מלאכים קדושים) דיא לובן אונ דאנקן אויך (לשם הקב"ה): אין פירדן היכל איז דריבר דבורה אונ אנדרי ווייבר מיט איר, די לובן אונ זינגן דיא שירה וואס זיא האט גזאגט אויף דעם עולם, מי רבי מי רבי ווער האט נאר געזעהן דיא שמחה פון דיא צדיקים אונ (נשים צדקניות) וואס זייא טואן צו הקב"ה· גאנץ איינן ווייניג פון דיא היכלות זענן פיר פר באחרני היכלות פון דיא (אמהות) דיא היילגי (שרה רבקה רחל לאה), דאס דיא היכלות איז ניט רשות מגלה צו זיין אונ קאן זיא קיינר ניט זעהן: (רבי שמעון) וואר זיך משמח אונ זאגט (אלמלא) ווען איך האב נאר זוכה גיוועזן דאס צו הערן, ווער גינוג זיך משמח צו זיין דאס איך האב זוכה גוועזן צו הערן די (דברי אמת) פון יענם עולם: שפראך ער (מי חסיד מי קדוש)· אלמלא ווערשטו וויסן דיא שמחה פון דיא רייד אויף יענם

עולם וואס דער (ראש הישיבה) האט גזאגט, ווילסטו דיך נאך מער מטמא זיין: שפראך רבי שמעון וואס פאר איין חידוש איז איצונד גיוועזן דאס דוא ביסט צו מיר גיקומן, שפראך ער דען פסוק האט דער (ראש הישיבה) גידרשנט, הקב"ה האט צו יעקב גזאגט (ויוסף ישית ידו על עיניך), ווארום זאל מן איין מת דיא אויגן צו טאן, דרום ווייל דאס אויג פון מענשן איז גגליכן צום גאנצן עולם, דש ווייסי רינגלט ארום דאס מיטלשטי, וויא דער (ים אוקינוס) דען גאנצן עולם, דאס אנדרי דער נאך קיגן (מדבר אונ ישוב) ביז דש מיטלשטי דאס שווארצי איז קיגן (נקודת ציון), דא מאכט מן דרום דעם מת זיין אויגן צו, צו ווייזן דאס דער עולם איז שוין פר הולין אונ פר שטאפט פון אים, דאס ער שוין נימר האט גזעהן צו דעם עולם. פרעגט רבי שמעון (אדרבא) עס איז צו פרעגן, מען קער אים אויף צו טאן דיא אויגן, צו ווייזן דש דר עולם איז ניט פר לורן פון אים דש ער ווערט (תחית המתים) אויף שטיין, שפראך ער (מי חסיד מי קדוש), ווען מן ניט זאלט גאר פר שטאפן פון אים אלס גישטאלט פון דעם עולם, זאלט ער קיין חלק ניט האבן אן גישטאלט פון יענם עולם, דען יענר עולם איז אלס פר קערט פון דען עולם, דען ווען דיא צייט פון תחית המתים ווערט זיין, דא מוז פֿאָר אלי זאכן פון דען עולם פר לורן זיין, אונ שאר ניט איבר בלייבן (אפילו כחוט השערה) דורך דען טויא פון (תחית המתים) וואס הקב"ה ווערט נידרן אויף זייא, דאס דורך דען טויא ווערט ער מעביר זיין אלין אום זויברקייט פון דען גוף פון עו"הז, דער נאך ווערט ער זיין וויא איין טייג דז דש זויער טייג מאכט אים אויף גייאן, אונ פון דעם ווערט ער באנייט ווערן צו איין נייע בריה, דרום ווייזט מן אים דאס ער ווערט שוין נימר זיין אין דען גישטאלט פון דעם גוף וואס אין דער וועלט איז. שפראך רבי שמעון דש ווייס איך וואל דאס מיר זייט אויף יענם עולם גיקלייד אין (לבושי כבוד) אייטן (אורות קדושים) דאס זיינן (גוף נקי טהור וקדוש), אבר איך פרעג דיך אוב עס קאן זיין ווען איינר זוכה איז דאס ער זאל אזו איין ריין גוף האבן אויף דער וועלט. שפראך ער עס זיינן גיוועזן צוויי (נזירים) דיא זיך מתלבש גוועזן צווישן אונז, נאך דעם אז דיא (נזירים) האבן שוין אויס גיליטן אירן עונש אויף אירן חטא דש מן ניט דארף מגלה זיין, האבן זיי דש גיפרעגט דען (ראש ישיבה), האט ער גיענטפרט עס איז דאך שון דאס גלייכן גוועזן אויף דער וועלט, עס שטייט (ויהי ביום השלישי ותלבש אסתר מלכות) זיא האט זיך אן גיקלייט אין איין מלבוש פון עו"הב, דער (לבוש מלכות) דאס איז דער (רוח הקודש פון מלכות שמים), אונ אז זיא איז גקומן פר דען רשע, איז איר דיא קדושה אפ גיטאן גיווארן דאס מלבוש, אזו אויך מרדכי שטייט בייא אים (ומרדכי יצא מלפני המלך בלבוש מלכות), דאס (לבוש מלכות) איז דש גישטאלט פון די קליידר פון עו"הב, דרום שטייט (כי נפל פחד מרדכי עליהם), וועלט זיין גוועזן מכח זיין ממשלה, זאלט שטיין (פחד אחשורוש) נאר (פחד מרדכי) דאס ער האט אן זיך גיהאט דש קלייד פון עו"הב, זאגט ר"ש וויא זיס זיינן דיא רייד, וואל צו איין חלק דש איך האב דש גיהערט, אז דיזי צדיקים אויף יענם עולם ווערן אן גיקלייט אין (לבוש מלכות) אונ אזו איז עס בוודאי. שפראך ער דער לופט פון ג"ע דאס דא ווייאט פון דען (רוח הקודש) דאס זיינן די (לבושי מלכות) וואס דיא צדיקים דרינן קליידן אן אין גישטאלט וויא זייא זיינן גיוועזן אין דען עולם, דער נאך רואט דער (רוח הקודש) אויף אירן קאפ אויף איטליכש בזונדר, אונ ווערט גיקריינט דער מיט פר איין קרוין אויף זיין קאפ, אזו איז אויך מרדכי גיוועזן, דרום שטייט (בלבוש מלכות) אין גישטאלט פון יענם עולם, אונ דער נאך (ועטרת זהב גדולה) דאס איז די קרוין דאס דא איז אויף זייער קאפ פון דיא צדיקים אויף יענם עולם, אונ דאס האבן ישראל זוכה גיוועזן (במתן תורה) צו דעם לבוש ביז זייא האבן מיט (ביוש) אפ גיטאן אז זיי האבן חוטא גיוועזן, שטייט (ויתנצלו בני ישראל את עדים מהר חורב) דש זייא האבן זיך אויס גיצוגן אויס דעם לבוש ארויס, אזו שטייט ביי יהושע כהן גדול הָסִירוּ הַבְּגָדִים הַצּוֹאִים מֵעָלָיו דאס מן האט אויס גיטאן פון אים דיא אום זויברי קליידר אונ שטייט וַיַּלְבִּשֻׁהוּ בְּגָדִים האבן אים אן גיטאן די קליידר פון יענם עולם, אונ (כל זמן) ווייל דער גוף איז נאך אין קבר קאן זיין רוח דארטן ניט אן טאן דיא קליידר, דרום שטייט דארטן מן זאל פֿאָר אפ טאן צום ערשטן די (לבושי צואה) דש איז דר גוף פון דעם עולם, דער נאך שטייט (וילבישהו בגדים) פון יענם עולם, אז ער האט דעם לבוש אן גיטאן שטייט (ומלאך ה' עומד), דאס איז די קרוין פון (רוח הקדש) אויף זיין קאפ דאס הייסט (מלאך ה'), דער שטייט אויף דיא קאפן פון די צדיקים, דאס אלס איז ווען יענר גוף שוין ניט מער דא אין קבר, דען דיא צווייא קאנן ניט בייא אננדר זיין: (כל זמן) ווייל דער גוף האט נאך איין קיום קאן זיין רוח ניט מקבל זיין איין אנדר לבוש, אז דער גוף אין קבר איז שוין אוועק, דען איז דער לבוש גיגרייט אן צו קליידן דען רוח. דאס גלייכן וויא דער יצ"ט מיט דען יצ"הר דאס זייא ניט קאנן זיין בייא אננדר. שפראך ר"ש איך פר וואונדר מיך אז דא שטייט בייא (יהושע כ"ג) וְהַשָּׂטָן עֹמֵד עַל יְמִינוֹ לְשִׂטְנוֹ ווען דש שטייט בייא אים וואס זאל טון זיין בייא אנדרי לייטן, שפראכן זיי צו אים, איי דו (חסיד וקדוש) וויא זיינן דאס פר בארגני זאכן אונ פר הולין. שפראך ר"ש ווען גלייך דאס אונזרי חברים ווייסן פון דיא זאכן פון יענם עולם, אבר אוב מיר דאס קאנן ווייסן, ווען דער מענש נאך שטארבט אונ איז נאך אויף יענם עולם וואס האט דער שטן פאר איין תועלת דער פון דאס ער איז נאך דארטן אויף אים מקטרג, האט ער דען ניט גנוגין דאס ער האט אים דיא נשמה אוועק גינומן אונ האט אים ממית גיוועזן, דש שטייט (והשטן עומד על ימינו לשטנו). שפראך ער איי דוא (חסיד וקדוש) וואל איז דיין חלק: קום אונ זעה אז זיין חשק אונ לוסט פון שטן איז נאר דאס דער צדיק זאל ניט קענן אן טאן דאס קלייד (הטהור והקדוש). דען דער גוף פון מענשן דאס איז (חלק השטן) אונ זיין מעשה פון זיין (כח הטומאה) ויצ"הר דאס דרין בגריפן איז. אז ער נאך זעהט דאס דער לבוש פון עו"הז דער גוף איז שון נישט גירעכנט אונ איז שון פר שטויסן גיווארן, דרום איז ער מקטרג דרויף, דען ווען דער רוח ווערט זיך אן קליידן אין זיין קלייד (הקדוש והטהור) פון יענם עולם, באלד מוז דער גוף דש מוז (מעשה ידיו) פון שטן בטל ווערן אונ דאס איז אים ניט ליב, אונ

נאך

נאך הייסט דען (לו זאן) דאס דער רוח נאך האט ניט אן גיטאן דעם (לבוש הטהור) פון יענעם עולם, דא קומט דער רוח אונ שפרעכט צו איהם אונ בזוכט דעם גוף אין קבר, אונ דאס איז זיין חלק דרום איז דאס איהם ניחא, אבער ווען ער זעהט נאך ער האט זיין (לבוש כבוד) אן גיקלייט, דען ווערט בטל דאס גישטאלט פון יצ"הר אין יענעם גוף, אונ האט שון ניאר קיין ארט ניט מיט דעם גוף איהם צו גידענקן אייביג: אונ דוא וועלטסט פרעגן מיר בזוכן דאך (לבית הקברות) אלי אן הייב נאכט דאס איז ניט אויף דעם גוף, נייארט דער נפש דאס דא גייט נאקיט אן לבוש אזו לאנג אז דאס פלייש האט נאך איין קיום אין קבר, דא איז דער רוח בזוכט אונ קומט צו דעם נפש, אונ דער נפש בזוכט צו דעם גוף, אבער איצונד ווען נאך איז קיין פלייש פר האנדן פון גוף בזוכן מיר דען נפש דאס דא ליגט נאך צווישן דיא ביינר, דרום וויל אן הייב נאכט איז דער רוח בזוכט דעם נפש אונ ניט צו דעם בשר, דרום וויל ער האט גערן דאס דער גוף זאל קיום זיין, דאס נאך דער רוח זאל איין קירוב האבן צו דעם בשר, דרום איז ער דארטן איין שטן צו הינדרן, (ווייטר טאר איך דיר ניט שרייבן דיא סודות):

פָּתַח הַהוּא יְנוּקָא הייבט אן אין דען פסוק גרויסי סודות מגלה צו זיין, דא שטייט אויף דר (ראש הישיבה) אונ קושט איהם, ער זאגט (חייך) דאס דיא רייד זיינן אזו גזאגט גוואָרן אין דער ישיבה פון היאל אונ אזו איז עס, איי דוא (חסיד וקדוש), וויא פיל שמחות איז גיווארן מיט דען קינד אין דער ישיבה, זיבן אונ צוואנציג טעמים האט ער גזאגט אין דער תורה, אונ מיט זיבציג קרוינן האט מען זיין פאטר אין דעם טאג גיקריינט, וואל דאס חלק ווער זוכה איז צו לערנן תורה זיין קינד. שפראך רבי שמעון, זיין פאטר האט ניט זוכה גיוועזן אליין מיט איהם צו לערנן. שפראך ער, דער פאטר האט עס גלאזן לערנן, אבער עס איז איין פר בארגני הייליגקייט ווארום דאס קינד איז גישטארבן, נייארט וויל אן האט ווען (דן) זיין איז שון נגזה גוואָרן זיין חטא אונ איז ניצול גיוואָרן, דאס זיין חטא איז גיוועזן דאס ער איז איין גרויסר חריף גיוועזן דאס ער האט מיט דיא קושיות אונ חריפות זיין רבי מבייש גוועזן פר אלי. אונ האט ניט בגערט צו גיין צו איין אנדרן דער איהם זאל רעכט מאכן זיין צימור, אונ איבר דען וואר די דעה פון זיין רבי שוואך גוואָרן אונ האט זיך אלעס גוועזן דרויף, דרום האבן זייא איהם זאלן (דן) זיין מיט איין שווערן דין. אונ דרום ווען גלייך ער איז ניצול גוואָרן פון דיא (טרי הדיכים) דיא האבן איהם ווען דן זיין, איז ער דאך ניט ניצול פון דין גוואָרן. דען דיא זיבן טעג דס ער איז דא ניט גיזעהן גיוואָרן אין זיין גישטאלט רעכט, ביז ער האט זיך גיוואשן פר אלי מיט גרויסה ווייטאג דיא זיבן טעג. ביז זיין גישטאלט וואר ווידר רעכט גאנץ: אונ ווארום ער איז גישטארבן דארפשט דוא ניט צו וויסן: (אי רבי אי רבי) וואל איז דיין חלק, ער זאגט ווייטר פון דיא (מים חיים) דאס ווערן גיין אויס דיא חדרים אונ ווערט זיך פר שפרייטן דרויסן, אונ ווערט גיין אין (ים הגדול) אונ ווערט דריכן אן גלייכנט איין וועג אין מיטן (ים), אונ דער פון טרינקט דער (לויתן) אונ ווערט זאט אונ פרייאט זיך אונ גיקרייכט (בגדולתו), אונ אז נאך איין קוואל ווערט גיין אויס דיא קוואל ווערט זיך פר שפרייטן, אונ ווערט גיין פר בארגנהייט אונטר דען (תהום) אין צעלטן (ים) אונ אלי (מים הזדונים) אונ שטארקי וואסר ווערן נידר אונ שלאף אונטר טאן ווערן, דס זייא ניט זאלן ארויס גיין צו פר דארבן די צייט אונ דער סימן איז הַנּוֹתֵן בַּיָּם דָּרֶךְ וּבְמַיִם עַזִּים נְתִיבָה. אונ אין דער שורה זיינן פר האנדן צוויי (כרובים), זיי זיינן (מעשה אומן פון מלך הקדוש), דאס עס קאן קיינר פאר שטיין אויף זייא דיא (עליונים אונ תחתונים). אונ אונטר דיא זיינן אן גבריישט צו שטיין (כל ישראל) דאס זייא ניט ווערן ארויס גיין אויס אירי פליגל, זייא ווערן ווערדיג זיין אלי דיזו דא ווערן אריין גיין אונטר אירי פליגל, (ווייטר פעלט אין זוהר), דער ראש ישיבה האט דרום זוכה גיוועזן צו דעם כבוד, ווער קאן זאגן פון די דברים דאס מען מחדש איז אלע טאג פאר דען (ראש ישיבה): אי רבי אלע נייט דאס די (רוחות הזכרים) גייען אויף אובן, אין דר צייט גיין ארויס אלע ווייבר אונ זמלן זיך איין צו (בתיה בת פרעה) אין איר היכל, אונ זיינן זיך דארטן משמח (בכמה דברים משונים); אונ פון דארטן גייט (בתיה) מיט אלע ווייבר אין היכל פון (שרח בת אשר) אונ זיינן זיך אויך משמח מיט וויא פיל צייט מאכן אונ אלטע, אונ פון דארטן גייט זיא ארויס מיט אלי ווייבר, אונ גייען אין היכל פון יוכבד אונ אזו אין אלי היכלות: איצונד ר' וויל איך דיר זאגן איין סוד. קום אונ זעה אין יעדער (שמיטה) גייט אויס איין כרוז, זמלט זיך איין מאנין אונ ווייבר אונ אלי דיא (בני אמונה) אונ גייט ארויף, דען זיינן זיך (מתפשט) מאנין אונ ווייבר אונ גיין ארויף, אונ אלי קליינע קינדר דיא זיינדיגי גיין אריין אין דער ישיבה פון היאל, אונ זיינן זיך דארטן (משמח בשמחה) אונ דער שר דאס דיא שליטן פון הקב"ה זיינן אין זיין האנט, שטייט אויף אונ זאגט זייא וויא פיל מאכן זייא אונ אלטע, אונ אלי זעהן שמחות דאס איז ניט גיוועזן זעלכי שמחה, דען גייאן אלי אריין מיכוויניג, וויא פיל (פרוכת) וויא פיל (היכלין) פר בארגני זיין דארטן, דס דא לייכט פון דעם (נוצץ) דאס איז בעו"הב, אין דען היכל דס דא הייסט (היכל אהבה) פון הקב"ה, אונ דרויף שטייט (לחזות בנועם ה' ולבקר בהיכלו), דער נאך פליאן דיא קינדר ארויף אונ דיא פליאן ארום יעדער אויף זיין ארט אונ קליידן זיך ווידר אן אין אירי לבושים וויא צום ערשטן, וואל איז דס פאלק דאס דא האפן צו אלי דיא (טובות לעו"הב). שפראך ר"ש וויא גאר זיס זיינן דיא רייד דאס איך דא הער, וואל איז איין חלק דס איך האב אלס זוכה גיוועזן צו הערן אונ וואל איז דר טאג דס איך ווער אהין גיין: זייא שפראכן ר' דרייא טאג האבן מיר נאר רשות בייא דיר צו זיין, (ווייטר איז קלת חסר אונ איין טייל זיינן סודות), עס הייבט זיך אן פון (יצר הרע ושטן) עס שטייט דער פר ניטש עַד הַכְּסִיל חוֹבֵק אֶת יָדָיו וְאוֹכֵל אֶת בְּשָׂרוֹ דס איז דר שטן ער איז (חובק) זייני הענט פר ביטרטר הייט אונ קלאגט, אונ דער נאך עסט ער דאס פלייש איבר גיוואלד, דען דאס האט ער פון אלי זייני מאן אונ קיטרוג דאס ער טוט אויף דען מענטשן, האט ער ניט מער הנאה אונ קיין רשות נייארט אויף דעם זיינס. דער נאך שפרינגט ער אונ פרייאט זיך אז איין נאר גאר אן שלן, אונ גייט אן תועלת, אונ ער עסט זיין פלייש אונ ווייטר האט ער קיין רשות ניט, דאס ביטרונג אובן אונ אונטן איז, ווען ישראל זיינן (בצרה) אונ מיר טוגאים פר דארבן

זייא

זייא, און זייא געבן קיין כח ניט אובן מיט מירי (מעשים טובים), אפילו פון דיזן פסוק דש דא איז פון דינן נר יל"הר איין אויך זייער צו הקב"ה דאס זייא זאלן איין שליטה האבן דען ער איז מיין (רחום וחנון), אבער אויף דיזו דא זייגן פון הקב"ה דער (רוח ונשמה הקדושה) קאנן ניט שולט זיין דיזו (עליונים ותחתונים) נאר ניט. און דרום אזוי זייני (מלאכים וקטרוגים) פון שטן איז אלס נאר צו געוועלטיגן אויף דען (רוח הקדושה ונשמה). אבער דער ניך קען ער ניט, קערט ער צו ריק און נעמט דאס פלייש פון מענטשן, וואס האט ער געהאט איין תוספת דר פון: און דו ווילשט וויסן ווש איז איין שמחה דען (מלאך המות) ווען ער דיזו זייט מאית איז, כיין. מאל ער זעהט דז דאס איז דער רצון זיינס הערן, מאכט ער זיך גלייך אז ער וואר לוסטיג צו טאן די ווילן פון הקב"ה אז דער פסוק זאגט (רוח סערה) דש איז דר שטן, (עושה דברו) ער טוט דיא בפעל פון הקב"ה: פרעגט ר"ש ער גייט דאך און שפריגט פר דיזו ווייבר. שפראך ער (אי חסיד וקדוש), ער טוט דז צו וויזן פר דען אוך דאס איס ליב איז (ברצון האוך). אבער זיין (נחת רוח) איז אין דען (הספד) פון ווייבר דען שפריגט ער און זיין אויגן ווייגן צו דען (הספד). שפראך ר"ש ווען ער ניט גערן איז מאית די זייט, ווארום גיט ער ארויף נאך דר מאכט מירה זכה. שפראך ער דרום ווייל ער איז איין (זקן ובטין) מיינט ער ווערט איין שליטה האבן אויף דען רוח, און אזוי זיין זאלט איז נאר דעשט וועגן, אבער צום גוועלטיגט ער נאר אויף דען פלייש דאס זייני אזיין: און דרום שטייט יָשׁוּב עֲמָלוֹ בְרֹאשׁוֹ (ווייטר איז חסר), און זאגט סודות כיז אזי ערב שבת אז ישראל מוגטן זיין (מקדש היום), דען זאלן זיך איין דיא (מחנות) אובן, און איין כרוז רופט אויס ברייט אן די הייליגי (כסאות), ווער זעהט נאר דיא גרויסי שמחה דאס דא איז אין דרייא הונדרט און כייליג היאל, וויא פיל מאוכים וויא פיל געוועלטיגר דיא זאלן זיך איין צו אירן אורט, און אז ישראל מוגטן זייגן (מקדש שבת) און הקב"ה דר וועקט זיך אויף (קדושת שבת) דען הייבט אן דער (עץ החיים) אין ג"ע צו שיטלן אין דיא בלעטר מיין רוח פון עו"הב ארויס, און דיא נוייגן שואן זיך שיקלען, דען קומט איין געשמאק פון עו"הב, און דער (עץ חיים) דער וועקט זיך און ניאט אויס (נשמות קדושים) און שפרייט זייא אויף דער וועלט, (אעפ"כ) גיין נשמות ארוין, עס גייען אויך נשמות ארויס, אייני שואן דער וועקן דיא אנדרי, דיא גייען ארויס און דיא גייען ארוין און דער עץ החיים איז בשמחה, דען וועלן (כל ישראל) געקרייכט מיט קרוגן פון דיזו (נשמות הקדושים) און אזי זייגן במנוחה: און גאנץ שבת האבן זייא (מנוחה ושמחה), אזו אויך דיא צדיקים אזי אין גן עדן זייא גייען אזי ווין, און זייגן זיך (מתענג בתענוג עליון) פון עו"הב. און אז שבת אויס גייט פליהן ווידר אזי נשמות פון ישראל ארויף: קום און זעה אז שבת גייט איין דא כידרן ארמג (נשמות יתירות) פון אובן צו רוען אויף דעם (עם הקודש), און די נשמות הצדיקים פון אונטרשטן (ג"ע), גייען אויף אין דעם אויברשטן (ג"ע), און אז שבת גייט אויס דיא נשמות די דא האבן גרואט אויף ישראל גימן ווידר ארויף. און דיא (נשמות הצדיקים) נידרן ווידר פון אובן אן אונטרשטן (ג"ע), און אז די (נשמות יתירות) גייאן ארויף שטעלן זייא זיך אין אירן געשטאלט פר דען (מלך הקדוש). און הקב"ה פרעגט זייא אזוי וואס פר מיין חידוש האט איר געהאט אויף יענם עולם אין דער תורה, וואזן צו דעם ווער דא איז אן שבת (מחדש חידושי תורה) דא זאגט דאס דיא נשמה פר הקב"ה, וואס פר איין שמחה מאכט הקב"ה, ער זאמלט איין זיין (פמליא של מעלה) און זאגט הערט צו די חידושי תורה וואס דא זאגט די נשמה פון דעם פלוני און די רייד ווערן געשטעלט אין ביידי ישיבות די זייגן אונטן, און הקב"ה אובן מתאכת די רייד. קום און זעה ווער עס ווערט (דבריו מחדש בתורה) און דיא נשמה נידרט אראפ און איז עוסק אין די (דברים חדושים) און גייט דער מיט אויף פר הקב"ה, דא הערן צו דיא גאנצי (פמליא של מעלה) די רייד, און דיא (חיות הקודש) קריגן מער פליגן די זיך אן זייגן אן קליידן, און ווען הקב"ה דיא נשמות פרעגט און זי ווייזן ניקט און שווייגן, דען שטייט ביים דיא חיות בְּעָמְדָם תְּרַפֶּינָה כַנְפֵיהֶם (בעמדם) איז טייטש ווען זיי שווייגן צו ריידן (דברי תורה), דען (תרפינה כנפיהם), וועלן שלאן מירי פליגל. (עמידה) איז טייטש שווייגן, דרום ווייל אין דיבור זיינן זיבן (חבריא) די זיך רירן און ריידן די האלן און ריאה און גארגל און לונג, און ציין און לעפלן און בשר, ווען אן שווייגט שטין שטייאן זייא און רירן זיך ניט, דרום הייסט (עמידה):

דהא (רב המנונא סבא) האט אן גהובן (ישלח עזרך מקודש ומציון יסעדך). (מקודש) דאס זיינן דיא (קידוש ידים) דאס מן זיך וואשט פר דען עסן, (ומציון יסעדך) דש איז המוציא דאס דא זעגט מונטר דאס הארץ פון מענטשן, (יזכור כל מנחותיך). (כל איז ארבה די מים אחרונים) דאס מן זיך וואשט פר דען בענטשן. (ועולתך ידשנה סלה) דש איז בענטשן מיט איין כוס, ווען דאס אזו טוטש (יתן לך כלבבך וכל עצתך ימלא), דען גיבט אן דעם מענטשן אן זייני בגער וואס ער נאר פר לאנגט, און אן שבת איז אזו טייטש (ישלח עזרך מקודש) אויף קידוש דאס ער מאכט פר דען עסן, און אויף דער זאך ווערן געקרייכט די צדיקים אין ג"ע פון איין שבת צום אנדרן, דער נאך אזר הוכט ער אן עַל הַר צִיּוֹן גָּבוֹהַּ עֲלִי מְבַשֶּׂרֶת צִיּוֹן ווענכר איז דער (הר גבוה) דאס איז דער (הר העברים) דאס משה איז דארטן בגראבן, דיא שכינה ווערט ארויף גיין און ווערט אן זאגן בשורה, איז מיט איר דיא מוטר פון (משיח בן דוד) ער הייסט מְנַחֵם בֶּן עַמִּיאֵל אונ חֶפְצִי בָהּ אֵשֶׁת נָתָן בַּת דָּוִד זיין מוטר ווערט מיט איר גיין, און ווערט אן זאגן צו ציון, און דאס קול ווערט געהערט ווערן בעולם, און נויי מלכים ווערן זיך דר וועקן בעולם מלחמה צו האלטן, און דר (שם הקודש) ווערט ארויס גיין אויף דר וועלט, וואס ווערט זי אן זאגן, זי ווערט זאגן הִנֵּה ה' אֱלֹהִים בְּחָזָק יָבוֹא וּזְרֹעוֹ מֹשְׁלָה לוֹ הִנֵּה שְׂכָרוֹ אִתּוֹ וּפְעֻלָּתוֹ לְפָנָיו הקב"ה ווערט אויס רופן אין אזוי זייני (פמליא של מעלה) און ווערט זאגן זאמלט אייך איין און טוט משפטן ווער זיך האט (מוסר נפש) געווען צוליב (קדושת שמו). וואס איז זיין שכר, און זייא ווערן זאגן דאס און דאס, ווער דא האט געליטן אין גלות וויא פיל שמאך און צער פון אייכט וועגן,

וואס

וואס איז זיין שכר, ווערן זייא זאגן אזו אונ אזו שכר קער אים, ווער דא איז גישטראפט גיווארן אלע טאג פון מיינט וועגן וואס איז זיין שכר, ווערן זייא זאגן אזו, אונ דער פסוק זאגט (הנה שכרו אתו ופעולתו לפניו) וואס איז טייטש (ופעולת) ווי עס שטייט (מה רב טובך אשר וגו') דאס איז זיין פעולה פון הקב"ה. (נגד בני אדם) דס זיינן די (מאוות עולם). עס שטייט (אשר צפנת) דאס גאט האט דען שכר פאר בארגן, וואס דארף הקב"ה פאר בארגן. פאר וועמן פארכט ער זיך דאס דא ווערט גיגאנבט אדר גיגזלת ווערן וואס ער וויל מיינס געבן, אלא גייא אונ זעה די (מעשה רחמים) וואס הקב"ה טוט, מיט וואס ער שלאגט גיבט ער איין רפואה, דען הקב"ה שלאגט מיט דער לינקע האנד אונ איז מקרב מיט דער רעכטע האנד, מיט דער לינקר דס ער שלאגט, מיט דען ווערט ער איין רפואה געבן לעולם:

עס שטייט מִצָּפוֹן תִּפָּתַח הָרָעָה דען צפון איז לינקס דער מיט שלאגט ער, פון דארטן גיין ארויס אלי (דינים וגזירות קשות) אונ דארינן רוהט אלי גוטי שכר אונ אלי טובות דאס הקב"ה האט אן גיגרייט צו ישראל לעו"הב, דען ווערט הקב"ה רופן צו צפון אונ ווערט זאגן דיר האב איך גיגעבן אלע טובות אונ אלע (שכר טוב) צו מיינע קינדר, דאס זייא האבן גיליטן וויא פיל רעות אויף דען עולם אויף מיין (קידוש השם), גיב ארויס דען שכר דאס איך האב בייא דיר בהאלטן, אז דער פסוק זאגט אוֹמַר לַצָּפוֹן תֵּנִי וּלְתֵימָן אַל תִּכְלָאִי איז דען דאס דער סדר אז (דרום) זאל פאר מיידן ברכות, דען ברכות קומן דאך פון (דרום) דאס איז דער רעכטער האנד דאס אלי ברכות ארויס קומן פון דארטן, וויא זאגט ער (ולתימן אל תכלאי): אלא (במותו שעה) ווערט הקב"ה אויף וועקן אברהם אונ ווערט צו אים זאגן, שטייא אויף דען די צייט איז גיקומן דאס איך זאל מיט דייני קינדר, אונ צו געבן זייא איין (שכר טוב) אויף אלים וואס זיי האבן גיליטן אין גלות, אונ דרום וויל אברהם איז גיוועזן אין דעם פאר קויפונג דאס ער האט אונס פאר קויפט אין גלות דאס ער האט מיט דער ווילט (כברית בין הבתרים) דיא קינדר זאלן זיין בגלות, אז דר פסוק זאגט אִם לֹא כִּי צוּרָם מְכָרָם דאס איז אברהם דער דא הייסט (צור) האט זיי פאר קויפט אין גלות, דרום ווערט זיך אברהם מאנן כלומר אז ער וועלט געבן זעהן דא זייא זאלטן גישלאגן ווערן אונ גשטראפט אויף אירי עבירות נאך אונ ווערט זאגן, זייא נאך גובה פון זייא אוון אירי עבירות. ווערט הקב"ה זאגן איך פאר שטייא דיך וואל דאס דוא נאר אזו זאגסט (לפנים) ניט ערנסט, אזו זאג איך אויך (לפנים). (אומר לתימן) צו אברהם דר דא איז דער (יד ימין לד דרום), (אל תכלאי) איך בין גיקומן דיך מבייש צו זיין אויף דייני קינדר, דוא זאלסט ניט פאר מיידן אירי טובות אונ אירן (שכר טוב) פון זייא, זייא האבן שוין גנוג וויא פיל צרות גליטן אויף איר זינד, דרום זאגט ער (ולצפון תני) גיב דען (שכר טוב אשר צפנת) וואס דא איז (בלד צפון) איר (טובות ושכר טוב) אונ דיא זאך ווערט זיא אן זאגן: נאך מער ווערט זיא אן זאגן דאס אנדרי מאל בשעה דאס דיא שכינה ווערט ארויף גיין אויף דען גרויסן בארג ווערט זיא גיין אן צו זאגן די אבות, פון דארטן ווערט זיא זיין אין ירושלים צו זעהן איר חורבן, אונ ווערט גיין אין ציון אונ ווערט דארטן ווידר קלאגן וויא צום ערשטן אויף איר ארט אונ איר כבוד דס דארטן איז גוועזן, אונ דארטן ווערט זיא שווערן אז זיא ניט וויל ארויס גיין ביז ישראל ווערן אויס גלייזט ווערן, אונ דיא (חפצי בה) ווערט אן זאגן וויא צום ערשטן, אונ ווערט זאגן (צהלי ורני יושבת ציון כי גדול בקרבך קדוש ישראל), וואס איז טייטש (גדול בקרבך) דס איז הקב"ה, דאס ער צו איר קומט זיי אויך צו ריכטן פון דער ערד, אונ ווערט צו איר זאגן (התנערי מעפר וגו') וודאי זיא הייסט ירושלים אונ איז ירושלים, אונ מיט דעם אויך ווערן זיין וויא פיל שמחות אויף שמחות צו צדיקים (בגן עדן), אונ דרום אויך וויא ווערדיג איז דער מענטש וועמן דיא נשמה זאגט אובן עדות (לפני המלך) דיא חדושי תורה פון שבת וואס דער מענטש מנשטן מחדש איז, דאס הקב"ה אונ אלי זייני (פמליא של מעלה) אונ אלי נשמות הצדיקים דיא דא זיינן (בגן עדן) ווערן אלי גיקריינט מיט דער (חדושי תורה), נאך מער האב איך גיהערט דו הייליג ליכט, דאס ווי פיל כבוד מען אונ קרוינן אויף קרוינן טוט מען קריינן צו דען פאטר פון דעם מענטשן דארטן, בשעה דס הקב"ה זאגט זאמלט מייך איין צו הערן (חדושים דברים חדושים) פון דער תורה (פלוני בר פלוני), וויא פיל זיינן דיא אים קומן אויף זיין קאפף: וויא פיל צדיקים דיא אים טוען קריינן ווען זייא אראב נידרן, וואס זייער חלק דיא דא זיינען (משתדל בתורה) אן (שבת) נאך מער אז איין אנדערן טאג: ע"כ:

וַיֹּאמֶר ה' אֶל מֹשֶׁה לֵּאמֹר דַּבֵּר אֶל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְאָמַרְתָּ אֲלֵיהֶם וְעָשׂוּ לָהֶם צִיצִית רבי חזקיה הייבט אן וַיַּרְאֵנִי אֶת יְהוֹשֻׁעַ הַכֹּהֵן הַגָּדוֹל וגו' זכאים זיינן דיא ישראל דאס הקב"ה האט בגערט צו אירן כבוד מער אז (כל בני עולם), אונ האט זייא גגעבן דיא (תורה הקדושה) אונ דיא (נביאים נאמנים) די זייא גפירט האבן (בדרך אמת): קום אונ זעה, איטליכר נביא דאס הקב"ה האט גשיקט צו ישראל איז הקב"ה צו אים בוויזן גווארן (במדרגות הקדושים העליונות) אונ האבן גיזעהן דס גשטאלט (כבוד המלך ממקום העליון), אבר שטיט דאך בייא זיי (מרחוק ה' נראה לי), אבר קיינר איז ניט אזו נאנט גיוועזן אז משה, וואס זיין חלק מער פאר אלע (בני עולם), דאס בייא אים שטייט (פה אל פה אדבר בו ומראה ולא בחידות) (ער זאגט ווייטר סודות במעלות משה). קום רבי אבא קושט אים אונ זאגט גוויס האסטו רעכט גזאגט אונ עס מוז אזו, וואס זיין חלק פון משה מער וויא אלע נביאים. דאס ווען ער איז מסולק גיווארן פון עולם, האט זיך קיינר ניט מתעסק מיט אים גוועזן, נייארט הקב"ה אליין האט אים מקבר אין גין הין זיין מחילה מריין, אבר אנדרי נביאים האבן גיזעהן דיא שכינה דורך פיל ווענט: (ויראני את יהושע הכהן הגדול) ווארום איז יהושע גשטאנען פאר דעם מלאך אין איין גרעסטי בשמירטי קליידר דיא ניט ריין זיינן, ביז עס איז איין כרוז אויס גגאנגן (הסירו את הבגדים הצואים מעליו) מען זאל פון אים אראב טאן די אום רייני קליידר. זאגט רבי יצחק עס שטייט דא (ועומד לפני המלאך) וואס טייטש (לפני המלאך), אלא ער האט אים דן גוועזן אונ איז פאר אים גשטאנען בדין, גלייך וויא עס שטיים

ואן

(ואל תאמר לפני המלאך כי שגגה היא), דען מיטלער מענש דר דא ניט זוכה איז אויף דעם עולם זיך אום צו ווענדן מיט מצות ווענדיג פון מצות, דאס ער מלבושים פון מצוה אן האט, ווען ער שטארבט דאן שטייט ער אין זיין אין גיריכט קלייד אויף יענעם עולם אונ שטייט ברין דרויף, קום אונ זעה וויא פיין קליידר זיינען אן גיבורייט אויף יענעם עולם, אונ דר מענש דער ניט זוכה איז אויף דעם עולם אין קליידר פון מצוה. ווען ער קומט אויף יענעם עולם טוט אן אים אן אזא איין קלייד דאס ער זאל דרינן דער קענט ווערן צו די שרים פון גיהנם, ווייל צו דען ווער דאס קלייד אן טוט, דען עס זיינען (כאלה בעלי אדת הדין) דיא אן גברייט זיינען אים צוא בגרייפן אונ מאכן אים איין גיין אין גיהנם, אונ דרום האט שלמה המלך גזאגט (בכל עת יהיו בגדיך לבנים) דאס דער מענש זאל זיין גהיט אן צו טראגן (מלבושי מצוה ציצית תפלין) אונ דאס גלייכן, דש ער זאל אויף דארטן לעו"הב איין ווייט ווייסר קלייד אן האבן וויא אויף דער וועלט: (אדרש רות בזוהר ע"פ), (פתח ר' נהוראי) הייב אן אין (פ' ציצית), עס שטייט דא (על כנפי בגדיהם לדרתם) שטייט חסר, אזוא אויך בייא שבת שטייט (לעשות את השבת לדרתם), איר האבן גילערנט אז האט מתקן גוועזן (פ' ציצית) אין (קריאת שמע), אונ אין דער דירה פון מענשן דיא מזוזה שטייט (קריאת שמע) מיט פ' ציצית, מיט וואס ווערט (כתלם) דיא (פ' ציצית) בייא דר מזוזה, ווען איין מענש איז זיך (מתעטף באלות ציצית) אונ גייט אויס (מפתח ביתו) גאנץ פון זייער דירה, דא איז זיך הקב"ה משמח, אונ דר (מלאך המשחית) אנטלויפט פון דארטן אוועק, דען ווערט דר מענש ניצול (מכל נזק ומכל משחית), דרום שטייט (לדרתם חסר), עס מאכט פון וועגן לשון דִירָה שָם דאס ער ארויס גייט (שלם) אונ גאנץ במצוה, דא האט דער משחית אויף אים קיין מאכט ניט, דרום שטייט מזוזת ז"ז מָוֶ"ת דר משחית דר הייסט (מו"ת איז ז"ז) אוועק פר רוקט פון דארטן, אונ האט קיין רשות משחית ומחבל צו זיין, בשבת שטייט אויך (לדרתם) אז שבת איין גייט, קער דיזו דירה צו זיין מיט ליכט זאל ברענן אונ דער טיש גיגרייט אונ אן גברייט, אז איין דירה פון איין חתן מקבל צו זיין דיא כלה, דאס איז שבת קער אן זיא אריין צו ברייגן אין איין שייני דירה אן גברייט וויא איר ראוי איז: דרום שטייט (לעשות את השבת) ווארום (לדרתם) אריין צו ברענגן דיא כלה דרינן אין דער דירה צו זיין ווען דער טאג ווערט מקודש ווערן, אונ ווען זיא קומט אונ גפינט ניט איין טיש גיגרייט אונ ליכט ברענט אן גברייט רעכטי דירה, זאגט דיא (כלה שבת) דיא דירה איז ניט פון ישראל, (ביני ובין בני ישראל) ער איז אין הפרש אונ אונטר שייד צווישן איר אונ ישראל, דרום שטייט (לדרתם) בייא שבת אונ בייא ציצית: זאגט רבי נהוראי איך בין מעיד אויף איינם דער דא גייט אויס פון זיין הויז (בציצית ותפלין) צווישן צוויא בייא שטידל דער טיר. דא קומט דיא שכינה צו אים אונ צוויא מלאכים בייא אים איינר רעכטס אונ איינר לינקס, וויא באגלייטן אים ביז אן דער שול אונ בענטשן אים. אונ דער מקטרג דער דא שטייט פאר דער טיר פון מענשן, דער גייט הינטן נאך אונ איז גיינייט צו זאגן דרויף אמן:

אמר רבי יהודה וויא פיל (עדות) האט הקב"ה גמאכט צו איינם מענשן עדות צו זאגן אויף אים, אונ אלי שטייען קיגן אים (בעלה ועדות), שטייט דער מענש אויף צו מארגנס ער שטרעקט אויס זיין פוס צו גיין, דיא עדות דיא שטיאן קיגן אים זאגן (רגלי חסידיו ישמור, שמור רגליך כאשר תלך, פלס מעגל רגליך), דאס איז ער זאל היטן זייני פוס, דוא חסיד היט דייני פוס ווען דוא גייסט אין הויז פון גאט, ווענג דייני פוס. ער עפנט זייני אויגן צו זעהן דעם עולם, דא זאגן דיא עדות עֵינֶיךָ לְנֹכַח יַבִּיטוּ דייני אויגן זאלן פלייסיג זעהן קיגן הקב"ה: ער עפינט זיין מויל צו ריידן, זאגן דיא עדות (נצור לשונך מרע) היט דיין צונג פון בייז ריידן: ער שטרעקט זייני הענט צו שאן עפיס, דיא עדות זאגן (סור מרע ועשה טוב) קער אפ פון בייזן אונ טוא גוטן, פאלגט ער דיא עדות איז גוט, (ואם לא) ער פאלגט זיא ניט, שטייט גשריבן (והשטן עומד על ימינו לשטנו) זאגן אלי עדות אויף אים צו בייז, ווען דער מענש וויל עוסק זיין (בעבודת הקב"ה) זיינן אלי (סניגוריא) פיר שפרעכר אונ שטייען אלי עדות אויף אים צו זאגן צו גוטן, אונ זיינן מליצים פר אים ווען ער זייא בדארף: ער שטייט אויף צו מארגנס ער מאכט זי פיל ברכות, ער לייגט תפלין אויף זיין קאפף, ווייל ער אויף ריכטן זיין קאפף אונ דער (שם הקודש העליון) איז אן אים בגריפן אונ גלייכנט אויף זיין קאפף, אונ דיא רצועות הענגן פון ביידע זייטן אויף זיין הארץ, דא זעהט ער אין כבוד פון זיין הערן: שטרעקט ער דיא הענט אונ זעהט דיא אנדרי הונט איז אן גקניפט מיט דעם בונד פון (שם הקודש) זעהט ער ווידר אין כבוד פון זיין הערן, איז ער זיך (מתעטף בציצית) מיט ארבע כנפות (בכסותו) זייא הענגן אום אים ארום אזוי וויא צוויין טרויבן הענגן דראן פון אלע זייטן, אזו אויך ציצית איז איין מצוה אונ הענגן דראן דיא (כריכות), דען מען מאכט ניט ווייניגר וויא זיבן (כריכות) אונ ניט מער וויא דרייצעהן דאס זיינען גרויסה סודות: עס גייאן פר אים פיר מלאכים פיר (עדות מאת) פון אלך דיא דא הענגן אן דיא (ארבע כנפות), אונ ווייל דר (טלית פון ציצית) ווייזט אויף דר שכינה דאס איז דאס הארץ פון אלע (עולמות עליונים ותחתונים), אונ שטייט (עיני ה' אל צדיקים וגו'): זאגט הקדוש ברוך הוא, ווער עס וויל גייאן נאך מיינר יראה דער זאל גייאן נאך איין הארץ אונ אויגן דיא אובן זיינען, אבר איר (ולא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם) ווארום (אשר אתם זונים אחריהם) איר זינדיגט מיט אייער הארץ אונ אוגן, אונ דרום ווייל דיא (מצות ציצית) ווייזט אויף דער שכינה דיא האט ממית גיוועזן אלע בכורים פון מצרים, דרום שטייט דער בייא (אני ה' אלהיכם אשר הוצאתי אתכם מארץ מצרים): זאגט (רבי יוסי) עס שטייט (כימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות) ווארום שטייט ניט (כיום), זיינן זי דען אין פיל טעג ארויס גיגאנגן, אלא דאס ווייזט אויף דיא טעג אובן דאס (כנסת ישראל) ווערט דער פון גיבענטשט: ווען דיא לעצטע גאולה ווערט זיין, שטייט (ואמרתם ביום ההוא

ההוא הודו לה' קראו בשאו, זארו ה' כי גאות עשה אודעת זאת בכל הארץ) דאט ויא דער קענט ווערט דורך דער (אלות לילית) דיא וויעט אויך דיא (כנסת ישראל) דאט ווערט דער קענט ווערן אין דער גאנלר וועלט דאט הקב"ה ווער טאן (נסים ונפלאות). דען (ביום ההוא יהיה ה' אחד ושאו אחד אאן):

פרשת קרח.

וַיִּקַּח קֹרַח ער נעם לו זיך איין בייזה עלה, ווער דא כאך יאגט, כאך איין זאך וואט איס ניט גיבירט, דא לויפט עס פון איס אוועק דאט ער עס ניט בקואט, און ניט דאט אליין אפילו וואט ער האט• נעאט אען איס אויך אוועק, אזו אויך קרח האט כאך גיאגט כאך וואט איס ניט איז גבירט, האט ער דאט זייכה אויך פר לארן און דאט יעניגה הט ער ניט בקואן, קרח איז כאך גיגאנגן (אחלוקת) איז טייטט טיילן• די וועלט שטייט אויף שלום, הט ער איס וועלן טיילן און האט גיקריגט אויף שלום דאט איז דער (שם הקודש) דאט דא הייטט שלום, ווער עט קריגט דרויף ווערט פר לארן פון אלע וועלטן, בטעה דאט הקב"ה האט דיא וועלט בשאפן האט דיא וועלט קיין קיום ניט קענן הבן ביז הקב"ה האט גילאזט רואן דרויף שלום, דאט איז דיא קדושה פון שבת, דאט איז דער שלום פון דיא (עליונים ותחתונים), און ווער עט קריגט דרויף דער ווערט פאר לארן פון אלי וועלטן: אזו אויך (לפחד) האט גיקריגט אויף שבת און האט האלן גקליבן אן שבת, איז ער אויך פאר לארן גיווארן, דרום וויל ער הט גקריגט אויף שלום פון דר וועלט: זאגט רבי יוסי שטייט (שלום רב לאוהבי תורתך ואין לאו אכשול) און דיא תורה הייטט שלום, און שטייט (וכל נתיבותיה שלום) און קרח הט דרויף גיקריגט, דרום איז ער גשטראפט גווארן פון אובן און פון אונטן:

וַיֹּאמֶר משֶׁה אֶל אַהֲרֹן קַח אֶת הַמַּחְתָּה וְגוֹ' רבי חייא הוב אן חֲמַת מֶלֶךְ מַלְאֲכֵי מָוֶת וְאִישׁ חָכָם יְכַפְּרֶנָּה וויא גאר שטארק זאל זיך דיא לייט פיר זעהן דאט זייא זאלן ניט זינדיגן און זאלן היטן אירה אעטים, דען אלע טאג גייאן ארויט אירי אעטים (באטקל), און אן איז אובן דרויף אשגיח און ווערן אויף גשריבן, דרום קער דער אענט זיך לו היטן פון חטאים, דען דער עולם ווערט גאשפט וויא פיל אאל, דען גייט אויף דער לארן פר דען אלך, און דער (אדת הדין) טוט זיך דער וועקן, דרום שטייט (חאת אלך אלאכי אות ואיט חכם יכפרנה), בשעה דאט דיא (שרי הדיכים) שטייאן אויף אקטרג לו זיין בעולם און דער רוגז הייכגט אויף דער וועלט. ווען זיך גפיכט אין דור איין לדיק דער איז גלייכט אובן פאר איין לדיק, דען איז הקב"ה אשגיח אן איס און דער רוגז ווערט גישטילט: עט איז איין אטל לוא איין אלך דער איז ברוגז אויף זייני קנעכט, ער בגערט דען תליין ער זאל איר אטפט טאן, אין דעם קואט אריין דער גוטר פרייכד פון אלך און שטעלט זיך פר איס, אז איס דר אלך דר זעהט קריגט ער איין פרייליך פנים קיגן איס, דא הייבט אן דער גוטר פרייכד לו ריידן, און דער אלך ווער זיך אשאח, דער כאך קאם פר איס דער תליין אטפט לו טאן, ווי דט פנים פון אלך ווער לוסטיג און איז גיאר ברוגז, דען הייבט אן דער גוטר פרייכד לו בעטן דען אלך פאר זייני קנעכט ער זאל זייא אוחל זיין, דען איז ער אוחל און אכפר אירי חטאים, דרום שטייט (חאת אלך איז אלאכי אות), אבר ווען עט איז איין (איט חכם יכפרנה) דער ווישט אב און שטיילט דען רוגז, אזו אויך אז אשה האט גזעהן עט איז פאר האנדן איין רוגז פר הקב"ה, (איד) שפראך ער לו אהרן (קח את האחתה) נעם דיא פייאר פאן און ברענג דאט קטורת, דרום וויל אהרן איז גיוועזן דר גוטר פרייכד פון דער שכינה, און דאט קטורת איז ניט גיבראכט גווארן נייארט דורך איס, דרום וויל ער הט גיאערט שלום בעולם, קטורת איז לשון בוכד• ער הט (אייחד) און לו זאאן גיבונדן אלי וועלטן און גיאאכט דער איט שאחה אין אלי וועלטן, אז דער פסוק זאגט (שאן וקטרת ישאח לב), דען איז (איט הכם יכפרנה), ער האט ריין גאאכט און אפ גווישט דען רוגז און האט דער וועקט דיא רחאים פון הקב"ה: רבי אלעזר זאגט (כל אטר תאלא ידך לעשות בכחך עשה, כי אין אעטה וחטבון וגו') אלי רייד פון שלאה זייכן אייטל פאר בארגני חכאות און פאר הולין, און אין דיא פסוקים איז אטאע דאט ח"ו איז אותר גיווארן לו טאן אלע (אעטים הרעים), אזו איין חכם אז שלאה איז גוועזן אער פר אלע אעכטן ויא ווערט ער אזו ריידן, אלא דאט איז אלט אייטל חכאה, אזו זאגט ער, וויל דער (ילר טוב) איז אין רעכטן זייט פון אעכטן און דער ילר הרע איז אין ליכקן זייט, און שטייט (ואהבת את ה' אלהיך בכל לבבך) איז טייטט איט דען (ילר טוב און ילר הרע), דוא זאלטט אויט דען ליכקן דען (ילר הרע) אויך אאכן איין רעכטס, ער זאל ווערן (ילר טוב), און דר ליכקער האכט הייטט יָדְךָ וויא עט שטייט בייא תפילין (והיה לאות על ידך) דאט איז דיא ליכקע האכט, און די רעכטע האכט הייטט כֹּחַ וויא עט שטייט (יאיכך ה' כאדרי בכח), זאגט ער אזו, דער אעכט זאל זעהן זיך לוא היטן דאט אלע זייני אעטים זאל זיין אלט (לגד יאין) לו דען ילר טוב: (תאלא ידך) דאט די ליכקי האכט זאל גפוכן ווערן לו טאן, (לעשות בכח לגד יאין) איט דייני (אעטים טובים), דען ווערט הקב"ה רואן בייא איס בעולם הזה• און נעאט איס לו זיך לעוה"ב: און דער אעכט זאל זיך ניט גדעכקן לו זאגן, איך וויל ערשט תשובה טאן און וויל הקב"ה בעטן אוס רחאים ווען איך ווער קואן אויף יעכם עולם. דרום זאגט ער ווייטר (כי אין אעטה וחטבון בשאול אטר אתה הולך שאה), דען ווען דער אעכט טוין גייט אוועק פון דען עולם אן תשובה, העלפט איס שוין דארטן ניט קיין חכאה קיין דעת, ווען אן איס דן איז איט דעם שטארקן דין אין גיהנם• כייארט ווען דער אעכט וויל כילול ווערן, און דר אלך הקדוש זאל איס דער לייכטן און זאל איס געבן איין חלק אויף עולם

הבא, ווען ער (משתדל) זיין דרויף בעוה"ז איי ער שטארבט, דאס זייני מעשים טובים ווערן כנגד זיין (יצר יאין) צום יצר טוב אונ ווען זיין (עסק טאים), דען ווערט ער זוכה זיין (לחלק טוב לעוה"ב), אונ ווערט ניצול ווערן פון דעם שווערן דין פון גיהנם: נאך איין פשט איז (כי אין מעשה וחשבון בשאול וכו') עס זיינן אין גיהנם פיל וואוניג איינס איבר דעם אנדרן, אונ דאס אונטערשטי וואוניג הייסט (שאול), אונ דס גאנץ אונטערשטי הייסט (אבדון) די זענן נאהנט ביי אננדר, ווער עס קומט אריין אין (שאול) איז מען אים דארטן (דן) אונ קומט ווידר אויף, אז דער פסוק זאגט מוֹרִיד שְׁאוֹל וַיָּעַל, אונ ווער דא נידרט אין (אבדון) דער קאן שוין נית ארויף קומען אייביג, אבר ווער דא הט אן זיך מעשים טובים, אודר ער איז זיין (בעל חשבון), דאס ער טוט אלע מאל חשבון האלטן וואס ער האט געטאן אונ טוט תיכף תשובה דרויף, זעלבר קומט נית אריין, וויא איר האבן אפורט געוועזן, דאס איטליכר מענש אזי נאכט איי ער זיך לייגט שלאפן, ווען ער פאר חשבון האלטן אויף זייני מעשים דאס ער האט דעם גאנצן טאג געטאן, אונ זאל בעטן רחמים אונ זאל תשובה טאן דרויף, דען בייא נאכט דאס דער כח פון מדת הדין געוועלטיגט בעולם, אונ איטליכר פילט (טעם מיתה), דרום זאל איטליכר אין דער נייט איין חשבון מאכן אונ מתודה זיין וויא וויא פאר דען טויט, דיא זייט הייסן (בעלי חשבון), אז ווער דא איז (עוסק בדעת ובחכמה) צו קענן זיין יצר, אזו ווען אן אים ווערט דורך פירן דורך דעם גיהנם ווי אן אזי כשאות פירט דורך. אונ ער זעהט אזי כשאות רשעים אין גיהנם אונ דיא וואס זיינן אין גרוב (שאול), אונ ער הערט אזי שרייען אויס איר וואוניג ארויס וואו זייא זיינען, אונ ער בלייבט אויבן אונ נית צווישן זיי, נייארט וואו עס זיינן אגרויסא זיכטיקייט, אונ וויא פיל (מיני תענוגים), אונ הקב"ה קומט זיך צו דער מחיין מיט צדיקים דיא דא זיינען אין (גן עדן), דאס איז ווייל ער איז איין (בעל חשבון) תשובה צו טאן אויף זייני עבירות אזי מאל: (אשרי חלקם של צדיקים בעולם הזה ובעולם הבא), אויף זייא שטייט געשריבן (אך צדיקים יודו לשמך ישבו ישרים את פניך): רבי שמעון הייב אן וְהֵמָּה כְּאָדָם עָבְרוּ בְּרִית וְגוֹ׳ וואו איז דער דאס ער ווען אויף דעקן דיא ערד פון דיין אויגן דוא (אדם הראשון), דאס הקב"ה האט דיר געבאטן איין מצוה, אונ האסט נית געקענט מקיים זיין, דרום ווייל דוא ביסט ווארן בוויליגט אונ איבר רעט צו דיא (דברים רעים) דאס דיך דער בייזר שלאנג האט אפ גיקערט דער צו, אז דער פסוק זאגט (והנחש היה ערום), דרום ביסטו איבר רעט געווארן נאך אים, אונ האסט גורם געוועזן מיתה צו דיר אונ דיא גאנצע וועלט צו אזי (תולדות) דיא דא זיינן אויס גיגאנגן פון דיר. קום אונ זעה, ווער זיך לאזט איבר ריידן פון דעם שלאנג דאס איז דער יצר הרע אונ נידרט צו אים, ער ווערט פאר לארן אין איין רגע. קום אונ זעה פון דוד המלך, ער איז געוועזן אין דר העכסטי מדריגה, אין דען (מקור) פון די קוועלדיגי וואסר. אונ אז ער איז פאר שטויסן געווארן אין איין פרעמדע לאנד פאר גרויסן צער דאס ער איז גיזאגט געוועזן פון (ארץ הקדושה למדריגה התחתונה) איז ער פארט געשטאנען אין זיין שטאנד, אונ איז נית גיגאנגן אין דער (צד הטומאה חס ושלום) אונ האט זיך גהיט פאר אים, וואס שטייט געשריבן (ואולם חי ה' וחי נפשך כי כפשע ביני ובין המות), דוד האט געווארן פאר יהונתן דאס ער איז אזו נאהנט געוועזן אין דעם טויט דאס איז דיא קליפה נאר איין טריט, ער איז אזו טיף גנידרט ביז ער איז שוין נאהנט געוועזן דראן דען שיעור, אונ הט דאך זי נית דראן בהעפט: וואול זיין חלק ווער זיך קאן היטן פון דעם (צד הטומאה) אונ פון אירי מדריגות צוא דען (יצר הרע): ער הייסט נָחָשׁ, עֲקַלָּתוֹן, שָׂטָן מַלְאַךְ הַמָּוֶת יֵצֶר הָרָע, וויא מען האט שוין גילערנט דער פון, וויא וואול דאס ער ווערט גהייסן מיט דיא נאמן, דא האט ער זיבן נאמן רַע טָמֵא שָׂטָן שׂוֹנֵא אֶבֶן מִכְשׁוֹל עָרֵל צְפוֹנִי דיא זיינען דיא זיבן נאמן קיגן דיא זיבן היכלות דיא דא זיין (מצד הטומאה): דער קיגן זיינען אויך זיבן נאמן צו דעם גיהנם וואו אן דיא רשעים דרינן איז (דן), (ואלו הם) (בור שחת דומה טיט היון שאול צלמות ארץ תחתיות): דיא זיבן נאמן פון גיהנם, זיינן זיי קיגן די זיבן נאמן פון (יצר הרע). (והא מוקמוה) איז שוין גלערנט געווארן אנדרשט וואו, אזו וואול אז עס זיינן מדריגות אונ היכלות (מצד הקדושה), אזו זיינן מדרגות אונ היכלות (בצד הטומאה), אזי געוועלטיגן אונ ווערן גפונן בעולם (בצד הטומאה מצד שמאל), דיא זיבן היכלות קיגן דיא זיבן נעמן פון יצר הרע, דא שטייען אלס (דן) צו זיין אונ משמא צו זיין דיא רשעים דיא דא בהעפטן אן זייא אונ היטן זיך נית אין אירי וועגן פאר אים ווען זייא זיינן אויף דען עולם, דען ווער דא קומט זיך מטהר צו זיין אויף דר וועלט (מצד הטהרה). איז מען אים מטהר אין דעם ארט דאס דא הייסט (סוד של אמונה והייחוד), דען עס זיינן וויא פיל (מדריגות) אונ וויא פיל (ממונים) דיא דא אלע שטייען מקרב צו זיין דיא מענשן צו דער (עבודת הקב"ה) אונ מטהר צו זיין: אונ ווער עס קומט זיך מטמא צו זיין, איז אן אים מטמא מיט דר (צד הטומאה) וואס דא איז טמא, דען עס זיינן אויך (כמה מדרגות אונ כמה ממונים) די דא שטייען אויך מטמא צו זיין דיא מענשן די זיך צו זייא מקרב זיין, אונ ציען זיך צו דר (צד הטומאה): עס שטייט (מי גבר יחיה ולא יראה מות ימלט נפשו מיד שאול), ווער איז דער מענש דער איז בשאפן אין דר וועלט, דער דא נית זאל זעהן דען טוט דער איז דער (יצר הרע אונ מלאך המות) דאס זיך דיא לייט נאך ציהן, דען אין דר לייט אז איין מענש קומט חשבון אב צו געבן פאר זיין הערן אייער ער גייט אוועק פון דער וועלט, דא זעהט ער אים, דרום זאגט דער פסוק (מי גבר יחיה ולא יראה) דאס ער נית זאלט זעהן דעם דער דא הייסט (מות), אונ דיא זיבן (היכלות) דיא דא זיינן זיבן (ארורי גיהנם) דיא ווערן גרופן (שנים עשר חדש), דען אזו וואול אז דיא זיינן (שנים עשר חדש בצד הקדושה והאמונה במדריגות עליונים) אזו אויך זיינ (שנים עשר חדש בצד הטומאה) דאס דיא רשעים ווער גיאשטפט מיט אירי כשאות. וואול דער חלק פון צדיקים דיא זיך היטן אונ פאר מיידן אירי פים פון זייא אויף דען עולם, אונ זיינן זיך נית מקרב צו איר טוערן, כדי דאס זייא זאלן בשעראט ווערן אויף יענם עולם פון זיי:

היכל הראשון איז דיא (התחלה) פון דען (צד של יצר הרע

(מגילת אסתר) איז ברוח הקודש געזאָגט געוואָרן, דרום שטייט דיא מגילה צווישן דיא כתובים. (ויהי ביום השלישי) דאָס זיא האָט תענית געהאַט אונ איר גוף געשוואַכט געוואָרן איז זיא געשטאַנען ברוח אָן גוף, (ותלבש אסתר מלכות) דען האָט זיא אָן געטאָן מלכות: אויב דאָ ווילסט זאָגן זיא האָט אָן געטאָן (בגדי מלכות חשובה) קליידער, זאָלט שטיין (ותלבש בגדי), אַלאַ זיא האָט זיך אָן געקלייד (במלכות שמים הקדושה) דאָס איז דיא שכינה, אונ האָט זוכה געוועזן (לרוח הקודש). (וכן אצלי מסת"ר ג' מלכות), וואָרום האָט זיא דאָס זוכה געוועזן ווייל זיא האָט געהיט איר צונג פֿון ריידען, וויא דער פסוק זאָגט (אין אסתר מגדת), אונ איר לערנן ווער דאָ היט זיין צונג אונ זיין מויל דער איז זוכה אָן געקלייד צו ווערן (ברוח הקודש), אונ ווער דאָ אַב קערט זיין מויל צו (לה"ר ודבר רע) דאָ איז גוויס דיא זעלביגי בייז רייד איבער אים איז דען ניט, דאָס קומט אויף אים (נגעים מדר צרעת) די דאָ ברענגן אים וויא איין גיפֿט פֿון איין שלאַנג וויא איר שוין האָבן מפֿורש געוועזן: (וידבר העם באלהים ובמשה) זיי האָבן בייז גירעדט אויף הקב"ה אונ אויף משה אונ האָבן געזאָגט (למה העליתנו) זייא האָבן געמאַכט (כל אפי שווים) עס איז אַלץ גלייך, וואָרום האָט איר אונס אויס מצרים אַרויס געבראַכט, אונ דרום איז גשיקט געוואָרן דיא שלאַנגן דאָס האָבן זייא פֿאַר ברענט אַז איין פֿייער, אונ איין פֿייער איז זיא געקומען אין איר מויל צו איר גדערם זענען זיי געפֿאַלן מתים, אַז דר פסוק זאָגט (וישלח ה' בעם את הנחשים השרפים): רבי חייא זאָגט עס זיינן געקומען שלאַנגן דיא האָבן געשפּריצט מיט זייער מויל, אַז דער פסוק זאָגט (אם ישוך הנחש בלא לחש), פֿלאַם פֿייער איז געוועזן אין איר מויל, זייא האָבן גביסן אונ פֿייער געוואָרפֿן אין זיי אַריין. דיא געדערם זענען פֿאַר ברענט געוואָרן אונ זייענען געשטאָרבן, דיא רייד זיינען אייטל סודות וואָרום עס איז אַזוי געוועזן (ווייטער איז אָסר אין זוהר):

וּמִשָּׁם בְּאֵרָה הִיא הַבְּאֵר ער זאָגט סודות וואָרום הייסט ער אַמאָל (באר) אונ איין מאָל (בארה): (היא הבאר אשר אמר ה' למשה אסוף את העם), דען דיא ברונן איז ניט אַב גיטאָן געוואָרן פֿון זייא. אויב דאָ ווילסט פֿרעגן וויא האָבן זייא קענן אַלע שעפּן דער פֿון, אַלאַ זיא איז אַרויס גיגאַנגן צו צוועלף שיין, טייכן אונ קוואַלן זיינען דער פֿילט געוואָרן אונ זיינען גיגאַנגן אין אַלע זייטן, אונ אַז ישראל האָבן גרויס אונ בגערט וואַסער האָבן זייא זיך געשטעלט ביים דעם ברונן אונ האָבן דיא שירה געזונגן אַזוי. עֲלִי בְאֵר עֱנוּ לָהּ ברענג אויף דייני וואַסער צו אַלע זאָלן גיטרענקט ווערן פֿון דיר, אונ דען (שיר שבח) האָבן זייא געזאָגט פֿון דען אַזוי (באר חפרוה שרים כרוה נדיבי העם) דיא האָבן געזאָגט דעם אמת דס דען ברונן האָבן גיגראָבן די אבות ווי מדרש וואָס שטייט: מכאן לערנן איר ווער דאָ וויל דער וועקן דברים עליונים (בין במעשה בין בדיבור) ווען אַנטפֿאַנגט דאָס זעלביגי דיבור אָדר מעשה ניט רעכט ווערט גיטאָן וויא עס זאָל זיין. דאָ העלפֿט עס ניטס אונ עס דר וועקט ניט. (כל עולם) גייען אין שול צו דער וועקן (דברים עליונים), אָבער עס זיינן גאָר ווייניג דאָ ווייסן רעכט צו דער וועקן, אונ הקב"ה איז נאָנט צו אַלי, אָבער ווער דאָ ניט קאָן אים אָן רופֿן רעכט, איז ער ניט נאָנט, אַז דער פסוק זאָגט (קרוב ה' לכל קוראיו) וואָס ברויך ער ווייטער צו זאָגן (אשר יקראוהו באמת) דיא רעכט ווייסן אים אָן צו רופֿן וויא עס געהער צו זיין, אַזוי אויך דאָ אַז (ישראל) האָבן געזאָגט (דברי אמת) דער מיט האָבן זייא דער וועקט צו דיא ברונן דאָס זיא האָט אויף גבראַכט אירי וואַסער צו טרינקן צו ישראל, אונ (כל זמן) אַז זייא ניט האָבן גירעדט דיא רייד איז ניט אַרויף געגאַנגען: זאָגט רבי שמעון דאָ וויל איך אייך מגלה זיין איין זאַך: קום אונ זעה ווער עס וויל מסדר צו זיין דס מעשה אונ רייד וויא עס זאָל זיין, דאָ איז ער גוויס מתעורר הקב"ה צו ציען (דברים עליונים) צו זייא, דיא זיך (מתקשר) זיינן, (ואם לאו) איז זיך ניט מקשר צו זייא, (אי הכי) דען דעם נאָך כל העולם ווייסן מסדר צו זיין (במעשה ובדבור). (אם כן) וואָס איז דען דיא מעלה פֿון דיא צדיקים דיא דאָ ווייסן דעם עיקור פֿון דיא רייד אונ מעשה אונ ווייסן מכוון דאָס הארץ אונ דען ווילן צו זיין מער ווידר איין אנדרר וואָס זייא ניט ווייסן אַזוי וויא זייא, אַלאַ דער חילוק איז דיא דאָ ניט ווייסן דעם (שורש ועיקר) דער פֿון אונ דיא רעכטי מעשה, נייאָרט איין (סידור בעלמא) וואָס פֿאַר אים שטייט אָן רעכטי כוונה, דיא ציהן אויף זיך פֿון הינטר דיא אקין (כביכול אחוריו של הקב"ה) איז קיין רעכטי שמירה אויף אים, אָבער דיא דאָ רעכט ווייסן אונ זיינן מכוון איר הארץ אונ ווילן, דאָ ציען זייא אויס (ברכות ממקום מחשבה עליונה בכל הצדדים) אונ פֿון (שורש הברכה) פֿון אויבן (בדרך הישר) מראש, ווי עס געהער צו זיין, ביז עס ווערן גבענטשט (עליונים ותחתונים), אונ דר (שם הקדוש) ווערט גבענטשט דורך זיי, וואָל זייער חלק דאָס הקב"ה איז נאָנט צו זייא אונ איז אָן גברייט קיגן זייא אונ בשטייט אַז זייא אים אָן רופֿן בשעה דס זייא זענען בצרה, ער ווערדיקט זייא (בעו"ה ובעו"הב), וויא דר פסוק זאָגט (כי בי חשק ואפלטהו אשגבהו כי ידע שמי יקראני ואענהו עמו אנכי בצרה אחלצהו ואכבדהו):

וַיֹּאמֶר ה' אֶל מֹשֶׁה אַל תִּירָא אוֹתוֹ צוויא מאָל שטייט אין דער תורה (אותו) מיט דער ו אונ אויף אַזי זייטן שטייט (אתו) חסר מיט איין ו, מיינט איז היא (אות), אונ (דרוש אחיך אותו). ווי דאָרטן איז טייטש דאָס זאָלסט ווידר געבן דיא אבידה וואָס דו גפֿונן האָסט, דוקא ווען דאָס האָסט גפֿאָרשט אים אויב דער איז עס דער וואָס האָט פֿאַר לאָרן, דרום שטייט (אותו) דאָס זאָלסט רעכט נאָך פֿאָרשן, אַזוי דאָ דער (עוג מלך הבשן) איז געוועזן פֿון די הויז לייט פֿון אברהם, דאָ שטייט (וכל אנשי ביתו נימולו אתו), האָט אברהם אים אויך (מל) געוועזן, אונ עוג האָט געזעהן ישראל גינעהנן צו אים, שפּראַך ער זייא האָבן איין זכות פֿון דעם צייכן

צייכן דאש איז דיא אינזע, איך האב דעם צייכן פֿריער אויף מיר, אונ אויף דעם פֿר זיכרט ער זיך דאש דער זכות פֿון זיין צייכן ווערט אים העלפֿן. (באותו שעה) האט זיך משה גיפֿארכטן וויא איז מיגלך אויש צו רייסן דעם צייכן אונ (אות) וואש אברהם אבינו האט אן אים גלייכט, דען אברהם איז גוועזן (מלך היאין) אונ מיין (יאין) איז גישטארבן דאש איז אהרן, אונ אן קאן אים ניט אנדרשט בייא קומן אז מיט דעם (יאין, יאיכך ה' תרעל אויב), דא שפראך הקב"ה צו אים (אל תירא אותו), דען צייכן וואש דו דיך פֿארכטשט דר מיט ווערט בייא שטייאן פֿארכט דיך ניט, מען דארף קיין (יאין) צו אים. (כי בידך נתתי אותו) מיט דיין צונגן האנט קאנשט אים אויש רייסן, דען ער האט פֿוגם גיוועזן אן צייכן, אונ ווער דראן איז פֿוגם, איז ראוי אויש גירישן צו ווערן פֿון דער וועלט, (אכל שכן) דיין צונגע האנט ווערט אים מיט זיין קינדר מיט אלט וויל צו אים מכלה זיין, ווען גלייך ער איז גיוועזן פֿון דיא גבורים אז דער פסוק זאגט (אותו ואת בניו ואת כל עמו) זיינן אלי גפֿאלן אין האנד פֿון משה: וואול צו דיא ישראל דאש משה דער נביא איז גיוועזן צווישן זייא דאש פֿון זייכט ווענן האט זייא הקב"ה גיטאן אלי נסים, אונ ווען גלייך האט אברהם (אל) גיוועזן זיין הויז גיזינד אונ קינדר, האט הקב"ה מיט קיינר אוואה ניט (כורת ברית) גיוועזן מקשר צו זיין מיט זייא אז מיט ישראל, זייא זיינן דיא קינדר פֿון אברהם וויא דער פסוק זאגט (ולזרעך אחריך לדורותם ברית עולם) אונ שטייט (ואני זאת בריתי אותם אמר ה' וגומר):

פרשת בלק.

וַיַּרְא בָּלָק בֶּן צִפּוֹר אֵת כָּל אֲשֶׁר עָשָׂה יִשְׂרָאֵל לָאֱמֹרִי וואש הט בלק גיזעהן אז ער זאגט (וירא), אזא ער הט גזעהן אין פֿענצטער פֿון (חכמה), אזוא וואו דאש שטייט וַיַּשְׁקֵף אֲבִימֶלֶךְ בְּעַד הַחַלּוֹן איז אויך טייטש דאש עש איז פֿר האנדן איין פֿענצטר דאש דרינן רואן אלי חכמות, אונ דרינן האט ער גיזעהן וואש ער האט גיזעהן אין דעם עק פֿון דיא שטערן, אונ בלק האט גזעהן (בן צפור ממש) איז ער גוועזן, דען ער האט גקאנט כישוף אין וויא פֿיל מינים, ער האט גינומן איין פֿויגל אונ הט אן אים (מכשכש) גוועזן מיט קרייטר, אונ צאן שוועבן אין צופֿטן אונ האט גימאכט מיט (לחשים) אונ דער פֿוגל קאם אונ איין קרייטך אין זיין מויל, אונ וואר (מלפֿנך) זינגן פֿר אים, האט ער אים גיטאן אין איין שטייג, אונ וואר פֿר אים מקטיר איין גוויסי קטורת וואש דער צו קער, אזו האט אים דער פֿויגל מודיע גיוועזן וויא פֿיל זאכן, ער האט גיטאן זיין (מעשה כישוף). אונ דר עוף האט (מלפֿנך) גוועזן אונ איז אוועק גיפֿלוגין צו די מזיקים דיא הייסן (גלוי עינים) האט ער אים מודיע גוועזן, אונ דר עוף האט ווייטר מודיע גוועזן צו בלק, אונ אלע זייני מעשים איז גיוועזן מיט דעם פֿויגל, איין מאל האט ער זייני (מעשה כשפֿים) גיטאן מיט דעם פֿויגל, ער פֿליאט אוועק אונ בלייבט אויטן. בלק וואר זיך מצער, ער זעהט אים קומן אונ איין פֿלאם פֿייאר שוועבין דעם פֿויגל נאך, ער פֿר ברענט זייני פֿליגל. דען האט ער גיזעהן וואש ער האט גיזעהן, אזוא פֿארכט ער זיך פֿאר ישראל, וויא הייסט דער פֿויגל, זיין נאמן איז (ידוע), אונ אלע דיא מיט אים האבן משמש גוועזן מיט כישוף האבן קיינר ניט אזוא פֿיל גיוואושט וויא בלק, אונ אלש וואש ער האט גיוואושט איז אלש פֿון דען צפור מאכן, דאש ער האט זיך גבוקט פֿר אים אונ מקטיר פֿר אים גיוועזן: קום אונ זעה בשעה דאש ישראל האבן חרוב גימאכט (ארץ סיחון) איז איין כרוז אויש גגאנגן אובן (במלכות שמים) זאלט אייך איין (גבורים שלטונים) איבר אנדרי אומות, אונ זעט ווי (מלכות אמורי) איז חרב גווארן. (באותו שעה) דיא ממונים דיא זיינן איבר דיא זיבציג אומות האבן זיך איין גימאלט, אונ האבן ווען ווידר קערן דאש מלכות וויא עש איז גיוועזן, אז זייא האבן גזעהן דען כח פֿון משה האבן זייא צו ריק גיקערט היכטר זיך, אז דער פסוק זאגט (על כן יאמרו המושלים) דאש זיינן דיא ממונים איבר זייא, די זיך האבן איין גימאלט אונ האבן גיזאגט (בואו חשבון) ווער איז דער דאש האט חרב גימאכט. (תבנה ותכונן) מיר ווען עש מאכן (חוזר ליושנה) צו זיין ווידר צו בויאן וויא צו פֿאר, אונ אז זייא האבן גזעהן דיא גבורה פֿון משה אונ דען פֿלאם פֿון מלכות, האבן זייא גיזאגט (כי אש יצאה מחשבון להבה מקרית סיחון) דאש זעהן זייא דאש ניט מיגליך איז ווידר (מחזיר ליושנה) צו זיין, דען זאגן זייא (אוי לך מואב) (נכתב בקיצור):

וַיֹּאמֶר מוֹאָב אֶל זִקְנֵי מִדְיָן וגו' ר' חייא הויב אן וַיַּרְאֵנִי אֶת יְהוֹשֻׁעַ הַכֹּהֵן הַגָּדוֹל עוֹמֵד לִפְנֵי מַלְאַךְ ה' וְהַשָּׂטָן עוֹמֵד עַל יְמִינוֹ לְשִׂטְנוֹ וויא גאר זעהר זאל איין מענש גהיט זיין אין זיינה וועג צו גיין (בדרך אמת), דען אלי וועג פֿון מענשן זיינן אלי מיט דען צאל. אונ דיא שוטרים שטייאן אונ דיא עדות זיינן אן גבריים אונ בגערן איין דין אמת, אונ דיא דיינים שטייאן מקבל צו זיין דאש עדות, אונ דיא דא טענן די טענות זייא ווייסן ניט וויא עש ווערט אויש גין צו רעכטס אדר צינקס, דען אלי דיא רוחות וואש אויש גיין פֿון דיא צייט, זיינן וויא פֿיל מקטריגים דיא שטייאן פֿר זייא, אונ כרוזין דיא גייאן אויש צו גוטס אדר צו שלעכטס וויא עש אויש גייט פֿון משפט, דען מיר האבן גלערנט מיט ווי פֿיל דינים ווערט דער מענש גמשפט אויף דעם עולם, עש זייא פֿר זיין לעבן אדר דער נאך, דען אלי זייני זאכן זיינן בדין, אונ הקב"ה איז אלי מאל ברחמים, אונ זייני רחמים זיינן איבר אלי, אונ ער וויל דען מענשן ניט דן זיין נאך זייני מעשים נאך, וויא דוד האט גיזאגט (אם עונות תשמר יה ה' מי יעמוד), קום אונ זעה (יהושע בן יהוצדק) איז איין צדיק גמור אונ איין כ"ג גיוועזן, ער איז גיגאנגן (לפני ולפנים) אונ האט (משמש) גוועזן, נאך דעם אז מן האט אים מאכן מריין גיין אין דער ישיבה פֿון היאל, האבן זיך איין גימאלט אלי

אזוי (בני ישיבה) דארטן נאך צו קלערן אין דין, אז איז דר סדר פון די (מתיבתא דרקיע) אז זיא גיין אריין לדין משפטן. דא גייט אויס איין כרוז און רופט אויס אזוי (בני הישיבה) גייט אריין אין דעם פר בארגנן חדר, און דאס ב"ד קומן צו אננדר, און דער רוח פון מענשן קומט פיר פאר זייא דורך צווייא ממונים, אז ער אריין קומט דא גינעהנט ער צו מיינן זיין פון פייער דאס דארט שטייט חסד, און אזוי זיא (מחדש חדושים) זיינן אין דער תורה, דא ווערט דרויף אויף גשריבן בייא זיא (בני ישיבה), דא קומן זיא (בני ישיבה) די רייד צו זעהן, דיא צווייא ממונים גיין ארויס און ברענגן אים אין דער ישיבה פון הימל, (מיר) זעהן זייא, זיינן זייא רעכט וויא עס זאל זיין, וואול צו אים, וויא פיל ליכטיגע קרוינן דיא פינקלן דאס דיא (בני ישיבה) קריינן אים אן. (ואם לאו) ווייא צו די חרפה מן שטויסט אים ארויס און ער שטייט אין דעם זייל. (רחמנא) השי"ת זאל אונז מציל זיין, עס זיינן ווידר אנדרי דאס מן ברענגט הין ווען הקב"ה איז מחולק מיט דיא (בני ישיבה), און ער זאגט (מאן מוכח) ווער זאל מכריע זיין צווישן אונז, דער (פלוני) זאל בווייזן, דא ברענגט מן אים ארויף דא איז ער מכריע דיא זעלביגי זאך וואס זייא מחולק זיינן הקב"ה מיט דיא (בני ישיבה), עס זיינן ווידר אנדרי די דא ארויף גיין (לדין מברר) צו זיין און ווייטר צו מאכן צו ווייסן קלאר דעם דין, שפראך (רבי יוסי, אי הכי) דעם נאך, ווערט איין מענש גייען פון דער וועלט מן משפט, איז עס יוא (כספה במשפט) מוז ער שטארבן, ווארום איז מן אים דארטן ווידר דן. שפראך ער אזו האבן מיר געלערנט און גיהערט, דאס גוויס גייט ער פון דער וועלט (על פי דין), אבר אייער מן לאזט אים אריין אין דר מחילה פון דיא צדיקים, ברענגט מן אים ארויף נאך דין פאר דער ישיבה פון הימל, דארטן שטייט דער ממונה פון גיהנם מקטרג צו זיין. וואול איז דעם מענשן ווער דארטן (זוכה בדין) איז, (ואם לאו) אז ער איז ניט (זוכה בדין) נעמט אים דארטן דער ממונה פון גיהנם בשעה דאס מן אים איבר ענטפערט אין זיין האנד און שליידרט אים פון דארטן אז וויא מן שליידרט איין שליידר, אז דער פסוק זאגט (ואת נפש אויביך יקלענה בתוך כף הקלע) און ווארפט אים אין גיהנם מקבל צו זיין דארטן דען שטראף וויא ער האט פאר דינט און איז גיפסקנת גיווארן: קום און זעה עס שטייט (ויראני את יהושע הכהן הגדול עומד לפני המלאך) דא ער איז (נפטר) גיווארן פון דער וועלט האט מן אים גיבראכט פאר דען (ראש הישיבה) דער דא אויס שפרעכט אזוי דיא דינים איבר אזוי, דרום שטייט (עומד לפני מלאך ה') דאס איז דער (מט"ט). (והשטן עומד על ימינו) דער איז ממונה איבר דיא נפשות צו ברענגן אין גיהנם, דאס איז זיין חשק און לוסט מן זאל אים געבן, ער שפראכט אזוי מאן הַב הַב גיב גיב דיא לייט אין גיהנם, ער שטייט לְשִׂטְנוֹ צו הינדרן און צו גידענקן דיא זינד, דען (ויאמר ה' אל השטן יגער ה' בך השטן) ווארום שטייט צוויי מאל (יגער ה' בך), אמאל מיינט צו דען (מלאך דומה), און איין גשרייא צו דען דער דא גייט אויס דען גיהנם, דער דא שטייט אייביג מקטרג צו זיין אויף דיא לייט: קום און זעה דער (שטן עליון) דר נידרט אראפ אין גישטאלט אזוא וויא איין אקס, און אזוי דיא נפשות פון (רשעים רוחות) דאס מיר פסק איז גמשפט צו ווערן אין גיהנם, דא עסט ער זיא אפ כִּלְחֹךְ הַשּׁוֹר אזוי אין נויין מאל אין איין רגע, און מאכט זייא זינדיגן און נידרט זייא און גיבט זיי צו (דומה), נאך דעם אז ער האט זיא איין גישלונגן, דרום האט בלק גיזאגט (עתה ילחכו הקהל את כל סביבותינו כלחוך השור) אז דער אקס (הידוע) דער דא שטיים איין צו שלינגן און אפ צו עסין דיא רוחות פון מענשן: אֶת יֶרֶק הַשָּׂדֶה דאס זיינן דיא רוחות פון דיא לייט די דא קומן אז גראז פון דעם (שדה עליונה). שפראך רבי יוסי (אי הכי) דעם נאך, איז בלק איין גרויסר חכם גיוועזן אז ער דאס האט גוואוסט, שפראך (רבי חייא) בודאי עס איז אזו זיין, ער מוז יוא האבן גוואוסט אזוי דיא וועגן פון דען אקס, ווען ער ניט וואלט רעכט זיינה (עסקים) האבן גוואוסט אזוי וועג פון דען אקס, העט ער ניט קענן זייני (חרשים וכשפים) טאן. שפראך רבי יוסי, גוויס איז עס אזו רעכט דוא האסט רעכט גיזאגט, און דער כח פון דען זעלביגן אקס איז ווען מן אובן רופט אויס אויף (תבואה) וויא זיא זאל גראטן, אזוי טעג דיא מן אויס רופט און אזוי טעג דיא מן (מכריז) איז אויף דיא רוחות פון לייט וויא זייא זאלן זיין, דאס זיינן דיא טעג פון (ניסן און תשרי) וויא מיר האבן מכדרש וואו עס מפורש גיוועזן:

וַיִּשְׁלַח מַלְאָכִים אֶל בִּלְעָם וגו' עס זיינן דיא אכט און צוואנציג ווערטר קיגן אכט און צוואנציג מדריגות פון דען (כישוף וקסם) פון דעם פויגל דאס ער האט גימאכט, עס איז דא צו פרעגן, ווער איז אזו איינר דער זיך האט גוואלט צו בלעם מחבר זיין, העט ער פאר זאל זיך אים מחבר זיין און איבר בעטן און משחד זיין, און דער נאך פון אים זאל דס בגערן ניט תיכף צו אים צו שיקן הִנֵּה עַם יָצָא מִמִּצְרַיִם וכו' לְכָה אָרָה לִּי וגו' זאגט רבי יוסי פון איר לערנט מן דאס בלק האט וואול גוואוסט דער וויל און חשק איז פון דעם רשע, דאס ער וויל זיין תמיד גיערט מיט (דברים גדולים) און צו טאן אייטל רעות, בלק הט קוֹסֵם בַּקְּסָמִים גוועזן און חוֹרֵשׁ בַּחֲרָשִׁים מיט כישוף גימאכט, און מתקן גוועזן דען פויגל, און האט גוואוסט דיא מדריגה פון משה ווי זיא איז גאר הויך און חשוב, און האט גוועזן (חורש בחרשים וקוסם בקסמים) ביז ער האט פאר שטאנן, דס דיא מדריגה פון בלעם איז גוועזן אין דער טומאה קיגן דיא מדריגה פון משה אין דר קדושה. דען (מיד) שיקט ער צו (בלעם בן בעור פתורה) ווארום הייסט דאס (פתורה) וויא עס שטייט (מפתור ארם נהרים) דארטן רופט מען איין טיש (פתורה), דרום ווייל זייא זיינן גוועזן פון דיא הייזר פון (עבודה זרה) הָעֹרְכִים לַגַּד שֻׁלְחָן זייא האבן אן גריכט איין טיש מיט עסין און טרינקן צו דר (לד הטומאה) און האבן גמאכט מיט כישוף און האבן איין גוויס (קטורת) גמאכט פאר דען טיש, דא האבן זיך דארטן איין גזאמלט אזוי (רוחות הטומאה) און האבן זייא מודיע גוועזן וואס זייא בגערן, און אזוי מיט (חרשים וקסמים) פון כישוף וואס אויף דען עולם איז גמאכט גווארן אויף דען טיש. דרום הייסט דר נאמן פון דער שטאט (פתורה) איז טייטש טיש

טיש: פתח ער הייב אן וְעָשִׂיתָ שׁוּלְחָן עֲצֵי שִׁטִּים און שטייט (ונתת על השולחן לחם פנים) אלי דיא (כלי קודש) זיינען געוועזן דאס אן דורך זייא האט מען געצויגן דען (רוח הקודש) פון אויבן אונטן, אזו האט דער רשע מסדר געוועזן צו דען (צד הטומאה) און האט מסדר געוועזן איין טיש און ברויט דאס דא הייסט (לחם מגואל), דען עס איז אלט (את זה לעומת זה) און דיא קליפה קעגן דער קדושה איז איין (אך) קעגן דיא קליפה וויא מיר האבן שוין אפורט געוועזן, און (שלמה המלך) זאגט (כי מה האדם שיבא אחרי המלך את אשר כבר עשהו): קום און זעה ווייל ישראל האבן גרעדט (במיני נעשה) דריבר פארכטן זייא זיך נישט פר אלי טאן וואס אן מאכט מיט (מעשה כשפים) און קיין (קסמים וחרטין) קאנן זייא נישט טאן. (אמי טעמא) ווארום, מיינט פון דעסט וועגן, נאך מיינט דא הקב"ה האט דיא ישראל אויס געצויגן אויס מצרים האט ער צו ברעכן פר זייא אלי מיני (כשפים וחרטים וקסמים) דאס זייא זאלן ניט קענן אויף זייא געוועלטיגן, (ובאותו שעה) דאס בלק איז געקומן האט ער דאס וואהל געוואוסט, דרום שיקט ער צו (בלעם בן בעור פתורה אשר על הנהר) וואס בדארף ער דא צו זאגן (פתורה), אלא ער האט אן געגרייט אזו איין טיש דארטן צו געוואר ווערן דורך די (רוחות ושדים) איין עצה וואס אן זאל דא טאן ' וויא אן קאן דיא ישראל בייא קומן, דרום שיקט ער צו בלעם (הנה עם יצא ממצרים) כלומר איין אנדרן איז לייכט כישוף צו טאן, אבר זייא זיינען ארויס געגאנגען דען מאל דאס הקב"ה האט פון זיי צו ברעכן אלי (מעשה כישופים) זאלן אויף זייא קיין שליטה האבן (על כן) שיק איך צו דיר:

וַיַּרְא בָּלָק בֶּן צִפּוֹר ווארום שטייט בייא אים דער נאמן פון זיין פאטר מער אז ביי אנדרי מלכים, ער הייב אן ר' אלעזר צִפּוֹר מָצְאָה בַיִת דאס איז יתרו וּדְרוֹר קֵן לָהּ דאס זענן זייני קינדר די זיינן געוועזן (בלשכת הגזית) תורה לערנן און האבן (מחתך) געוועזן (דברי תורה) פון זייער מויל, וואס טייטש (אלמה בית) אין ערטטן זיינן זייא געצויגן פון דען עולם און זיסקייט פון (ירחו) און זיינן פון דארט אין דער מדבר אריין געגאנגען צו לערנן תורה דארטן מיט מנוחה. אז הקב"ה האט געזעהן דאס מיר שטק איז נאר אלז צו לערנן, דא האט ער זייא געצויגן פון דארטן און האט זייא געבראכט (ללשכת הגזית) דרום שטייט (אלמה בית), און יתרו דער איז אוועק פון אדין פון דער עבודה זרה און איז געקומן מיט זייני קינדר צו בהעפטן אן ישראל, און אלי מואבת האבן אים (מנדה) געוועזן און רודף געוועזן דריבר, און בלק איז פון זייני קינדר געוועזן, ער איז אוועק פון פאטרש וועג, און אז דיא (זקני מואב וזקני מדין) האבן דאס געזעהן דאס זייא זיינן בייא אננדר געוועזן אין איר ברידר שאפט (בעבודה זרה) אן איר חלק, און יתרו מיט זייני קינדר האבן זיך בהעפט אן דער שכינה, און דער בלק האט זיך פון זייא אפ געשיידן, זיינן זייא געגאנגען און האבן אים צו איין מלך געמאכט דיא זעלביגי צייט, דרום שטייט (ובלק בן צפור מלך למואב בעת ההיא) דיא צייט איז ער מלך געווארן אבר ניט דר פיר, דרום שטייט (בן צפור) ווארום זייא האבן אים געמאכט, דאס ער איז זונשט ניט ראוי געוועזן דר צו: (ועתה לכה נא ארה לי את העם הזה) ער זאגט (ועתה) דיא שעה שטייט מיר איצונדר צו טאן וואס איך וויל, ער האט יא געזעהן און ניט רעכט, ער האט געזעהן דאס דורך אים ווערן פאלן אין (שיטים) ווי פיל טויזנט פון ישראל אין קורצי צייט, דער נאך גדענקט ער בוודאי שטייט מיר איצונדר איין אלז צו טאן, אלא וואס טייטש (ועתה לכה) ער קער ריידן לך, אלא ער האט געזאגט מיר וועלן זיך (מזרז) זיין אויף דער קדושה פון הקב"ה דאס דא הייסט **כה**, דיא שוועבט אויף זייא אים מירי פליגן, דיא קדושה האט געשלאגן אין מצרים (כה אמר ה' כחצות הלילה), ביז אלהער איז קיינר געוועזן אין דער וועלט דער זיי האט קענן בייא קומן אויבר דען (כה) דער אויף זיי געוועלטיגט, נאר איצונדר שטייט אונזר מזל, ווילן מיר זיך מאכן איין עצה אויבר דער קדושה דאס דא הייסט (כה), אז דער פסוק זאגט (ומכלי מקרה כה) מיר וועלן אויס רייסן דען (כה) פון זיין ארט, און אלי ביידי זיינן געוועזן (בעצה רעה), וויא עס שטייט (על ה' ועל משיחו), אבר זיי האבן ניט געוואוסט אז דער נאך דער (כה) האט זייא אויס גריסן פון דער וועלט:

כִּי עָצוּם הוּא מִמֶּנִּי וואס האט ער געמיינט (כי עלום הוא ממנו) גלייך אז זייא העטן נאך געהאלטן מלחמה קיגן אנדר און האבן אים בייא געקומן, אז ער זאגט (עלום הוא ממנו) זייא זיינן שטארקר אז אונז, אלא דער רשע איז איין חכם געוועזן, ער האט געזעהן פון ווייטן דאס דוד ווערט ארויס קומן פון (רות המואביה) דער איז געוועזן איין גבור וויא איין לייב און ווערט שטארק מצלח זיין דיא (אומה מואבים) ביז ער ווערט זייא אונטער טעניג מאכן אונטער אים, דרום זאגט ער אויך (לשון יחיד, עלום הוא) עס ווערט אויס גיין איין מלכות צו זייא פון אונז, דער אונז ווערט בצווינגן און מכלה זיין, דרום זאגט ער (ממנו) דרום זאגט ער (אולי אוכל נכה בו) ער זאגט (אוכל) איך וויל קענן און (נכה) מיר וועלן שלאגן: אלא מיר וועלן זיך בהעפטן צו שלאגן די מלכות פון דעם לייב דאס פון אונז זאל קומן, דאס ער זאל ניט קענן קומן אויף דער וועלט ארויס, דאס ער זאל דער נאך פאר טרייבן צו מואב פון זיין שטאט:

אָרָה לִי וואס טייטש (ארה לי), זאגט רבי אבא דער רשע האט גירעדט צו בלעם מיט צוויא לשונות, (ארה לי און קבה לי), וואס איז דער חילוק דער פון, אלא (ארה לי) קלייב מיר גראז און דיא קעפ פון די שלאנגן און טוא זייא אין איין טאפ פון דיא (מכשפים) און טוא צוברייא דר מיט, דאס איז געוועזן צו טאן (מעשה כשפים). נאך ווי ער האט געזעהן דאס זיין כח איז מער מיט דען מויל, איז ער חוזר און זאגט (קבה לי), דאך האט דער רשע בלק זייני כשפים ניט גלאזן, און האט געקליבן אלי מיני גראזן און האט כישוף געמאכט מיט דיא קעפ פון שלאנגן, און נעמט איין טאפ של (מכשפים) און האט אים איין געגראבן אויף פינף הונדרט איילן און האט אים בהאלטן (לסוף ימים), און דוד המלך האט געגראבן דען תהום צו (מזבח מנסך) צו זיין טויזנט פינף הונדרט איילן אויף טויזנט פינף הונדרט איילן (באותו שעה) זאגט ער איך וויל דעם טאפ אויס וואשן. (מואב סיר רחצי) (סיר רחצי) גוויס וואס מיינט ער ווייטר (על אדום אשליך נעלי

נעלי), אלא דאש איז אויך גירעט פון ווייטן, אז דער פסוק זאגט (ויאמר עשו אל יעקב הלעיטני נא מן האדום), ער וויל אויך שאן זיין מויל אונ יעקב זאל דיא לינזן אריין מאכן שלינגן. שפראך דוד איך וויל ווארפן איין שוך צו פר שטאפפן זיין קעל. (עלי פלשת התרועעי) דאש איז אויך (למרחוק) אויף ווייטן גיזעהן, ער זעהט דען (צד הרע פון פלשתים) דיא זעלביגי קליפה מוז גיבראכן ווערן דוקא מיט (תרועה), אז דער פסוק זאגט (וכי תבואו מלחמה בארצכם והרעותם) צו ברעכן זיא מיט (תרועה) איר כח, דרום וויל איך צו ברעכן דען כח פון פלשתים מיט תרועה (עלי פלשת התרועעי), דען אזו איז אים ראוי צו זיין (צד הטומאה דוקא) מיט תרועה: זאגט ר"ש (תיפח רוחיה) פון בלק, אויש גיבלאזן זאל ווערן דער רוח פון בלק אין גיהנם, אונ בלעם זאל דארטן צו מאלן ווערן זיין בייכר מיט זיין רוח, וואש פר איין (עלה רעה) זיי האבן גיהאט אויש צו רייסן דיא קדושה פון (כ"ה) אונ אויף צו ברענגן דען (צד הרע) מיט דען מויל (ובמעשה מיט קבלה אונ מיט מרה), דער רשע האט גיזאגט דיא (קדמונים האבן אשתדל) גוועזן דרינן. אבר זיא האבן ניט גיקענט, די (דור הפלגה) האבן גיטאן מיר זאלן (במעשה), האט גיפעלט דיא מויל פון זיא, דען איר לשון איז מבלבל גיווארן דרום האבן זיא ניט גיקענט, אבר דא איז דאך דיין כח שטארך אונ דיין לשון איז דיר דאך אן גבריית אין צווי צדדים די דא זאגן (את אשר תברך מבורך ואשר תאור יואר) עש הענגט אן דיר, וועלכן (צד) דוא ווילשט אויף ברענגן דא איז אויך גבראכט מיט דיינם מויל אונ לשון, דען צד אז דו בענטשט איז גבענטשט, דען צד אז דוא פלוכשט איז גיפלוכט, ער האט אבר ניט גוואושט דאש הקב"ה איז (מסיר שפה לנאמנים) עש שטייט אלש אין זיין רשות, דיא (דור הפלגה) האט ער איר לשון מבלבל גיוועזן דאש איר דור האבן ניט שולש גיוועזן דאש דער פסוק זאגט (אשר לא ישמעו איש שפת רעהו). (וטעם זקנים יקח) דאש זיינן בלעם אונ בלק, דאש אלי ביידי זיינן גיוועזן אין איין עצה: זעה די מעשים פון דען רשע איז אלש גיוועזן לרעה מיט האפרטיג הארצן, אלי ביידי האבן אויף גיבראכט קרבנות, עש שטייט (ויעל בלק ובלעם) אונ די מזבחות האט בלק מסדר גיוועזן, אונ דער רשע זאגט אונ בריאמט זיך (את שבעה מזבחות ערכתי ואעל פר ואיל במזבח), אונ איז בלק צו זיך ניט (משתך). שפראך הקב"ה, דוא רשע איך ווייש אלש וואל, אלא (שוב אל בלק) אונ דוא דארפשט ניטש צו ריידן נייארט, (וכה תדבר), (וטעם זקנים יקח) אבר דען טעם פון זיא האט הקב"ה אוועק גנומן דאש די האבן ניט קענן גוועלטיגן מיט אירי (חרשים כאן): וַיְדַבְּרוּ אֵלָיו דִּבְרֵי בָלָק די רייד זיין גיוועזן אפנטליך, אונ ניט פר בארגן, ער איז גיוועזן איין חסר אונ (בעל מום) אן דיא דרייא שטעלן, אן איין אויג אן איין אויער אן איין פוס, ער איז גיוועזן אן גבריית צו דער קליפה דא מוז דוקא איין (בעל מום) מיטלינבט צו זיין. אונ (בלק אונ בלעם) האבן זיך איין (חברותה רעה) גימאכט, דאש אירה נעמן איז גורם בייא צו קומן יתרון: עמלק זאגט איין נאמן איז עמלק, מאכט ע"ם ל"ק איין פאלק האט זיא גשלאגן, גלייך אז איין שלאנג דיא דא שלאגט מיט דעם עק דאש מיינט אן קיין אנדרן צו אונש: בלק האט גזאגט בלק מאכט ב"א ל"ק ער איז גקומן אונ האט זיי גשלאגן ווי זיין ווילן איז גוועזן: בלעם מאכט ב"ל ע"ם, איז קיין פאלק ניט, האט אויך קיין רועה ניט, אונזר נעמן זיין גורם זייא מכלה צו זיין פון דער וועלט, אבר הקב"ה האט עש אנדרשט פר טייטשט אירה נעמן, בייא בלק איז (ב"ל) ביי בלעם איז (ע"ם) מאכט (בלבל) בלייבט איבר (עמ"ק), הקב"ה האט מבלבל איר (עמק מחשבות) גיוועזן דש זייא זאלן ניט קענן גוועלטיגן בעולם, שפראך ר"ש צו רבי אלעזר דוא רעדשט רעכט:

וַיֹּאמֶר מִי הָאֲנָשִׁים הָאֵלֶּה עִמָּךְ דאש האט ניט גיפרעגט הקב"ה (חס ושלום), אלא זיין (מדריגות הטומאה) דש דא ניט ווייסט האט גיפרעגט. ווען אויך אנדרי חברים זאגן, הקב"ה האט אים מיט פלייס פר אירט, אזו איז בייא (אדם וקין) אונ וויא מן האט עש מפורש גיוועזן (במדרש), איין כותי האט גיפרעגט צו רבי אלעזר, ער שפראך איך זעה איין גרעשטן (כח מדריגה) בייא בלעם אז בייא משה, דען בייא משה שטייט (ויקרא אל משה) ער האט אים צו זיך גרופן, אונ בייא בלעם שטייט (ויקר אלהים אל בלעם) ער איז צו אים גקומן. שפראך רבי אלעזר עש איז וויין משל צו איין מלך דער זיצט אין פאלאץ אויף זיין שטול, עש קומט צו גיין איין מצורע פר זיין טיר אונ רופט, פרעגט דער מלך ווער איז דער וואש קלאפט אן, מן זאגט יענער מצורע, שפראך דער מלך זאל ער ניט אריין גיין, ער ווערט מיר פר אום רייניגן מיין פאלאץ, איך וויים וואל ווען איך וועלט אים בפעלן דורך איין שליח, ווערט ער ניט אזו מלבן אונ ווערט זיך מקרב זיין צו מיין זון אונ ווערט אים פר אום רייניגן, איז בעסר איך זעלבסט וויל ארויש צו אים גיין, אונ וויל איין מורא מאכן ער זאל זיך מרחיק זיין פון מיין קינדר דש ער זאל ניט טמא ווערן פון אים, דער מלך איז זיך זעלברט מקדים צו אים ארויש, אונ מאכט אים איין מורא אונ קומט צו אים אונ זאגט, דוא מצורע איך בפעל דיר דיין פוס זאלשטו פאר מיידן פון מיין זון ניט צו גיין אין זיין וועג, ווערשטו עובר זיין. שווער איך דש איך לאז דיין גוף אויף שטיק צו האקן. אבר ווען דר גוטר פריינד קלאפט אן ביי דען מלך, פרעגט דער מלך ווער דאש איז. זאגט מן אים יענער דיין גוטר פריינד איז, דא שפראך דער מלך איין (אוהב נפשי), עש איז אים קיין כבוד ניט אז איין אנדרר זאל הייטן אריין גיין, נייארט איך זעלבשט קער אים צו רופן, ער טרייט איין (אוהב נפש פלוני) גייא אריין. ער שאפט מן זאל אן בריייטן דען פאלאץ צו ריידן מיט אים: אזו אויך בלעם איז גיוועזן איין (מצורע טמא) ווייט פון דיא לייט, ער האט גרופן צו דיא טיר פון מלך, זאגט דר מלך דו (טמא מצורע) גייא ניט אריין צו מיר פר אום רייניגן דאש פאלאץ אונ זיי גהיט ניט צו גיין צו דעם היכל פון דען זון דוא מצורע: לֹא תֵלֵךְ עִמָּהֶם לֹא תָאֹר אֶת הָעָם כִּי בָרוּךְ הוּא דוא דארפשט גאר ניט צו גנעהנן צו זיי עש זייא צו גוטן אדר צו שלעכטן דען דוא ביסט אלש טמא: (ויאמר בלעם אל האלהים בלק מלך מואב שלח אלי) וואש הט ער דארפן צו ריידן (מלך מואב), ווען ער נור האט גיזאגט (בלק בן צפור), אלא זעהט דיא גאווה פון דעם רשע, דר פסוק זאגט עדות דער נאך (מלך מואב) איז משמע דאש ער איז ניט ראוי גוועזן צו מלך, נייארט מן

האט אים גיוואלט צו איין מלך וויא דער טעם אובן שטייט, אונ האט זיך ברימט גלייך אז ער ווער איין חשובר מלך, דער העכסטער מלך פון עולם האט צו מיר גשיקט:

פתח רבי אליעזר הוב אן עַמִּי זְכָר נָא מַה יָּעַץ בָּלָק מֶלֶךְ מוֹאָב וּמֶה עָנָה אוֹתוֹ בִּלְעָם בֶּן בְּעוֹר ער זאגט (עמי) וויא גאר שטארק איז הקב"ה איין רחמן צו זייני קינדר. ווען גלייך זיא זינדיגן פאר אים, זיינן זייני רייד אז וויא איין פאטר צו זיין קינדר, ווען דאס קינד איז חוטא קיגן דעם פאטר, ער שלאגט דען זון, איז ער פארט ניט חוזר, דא שרייט ער אים אן מיט רייד, ער גידענקט זיך, ווער איך אים נאך שלאגן, ווערט אים דיא קאפ ווייא טאן, דא איז זיין ווייא טאג בייא מיר דאס איך ווער מיך מצער זיין זיינר, דא גידענקט דער פאטר זאל איך אים אן שרייאן דא ווערט זיין פנים פאר ענדרט ווערן, איך וויל גיין צו אים בעטן מיט גוטי רייד דאס ער זאל זיך ניט צו הערצן נעמן אונ ניט מצער זיין, אזו אויך אין ערשטן האט הקב"ה דיא ישראל גשלאגן, האבן זיא דאך ניט חוזר גוועזן. האט ער זי אן גישריאן, זיינן זיא דאך ניט חוזר, שפראך הקב"ה איך זעה איבר דיא מכה דאס איך האב אויף זיא גשיקט טוט זיא ווי זייער קאפף אונ זיינן זיך מצער דאס איז מיר אויך איין צער, אז דער פסוק זאגט (בכל צרתם לו צר), זאל איך זיא מער אן שרייאן ווערט איר פנים פאר ענדרט ווערן אונ ווער זיא ניט דער קענן, אז דער פסוק זאגט (חשך משחור תארם לא נכרו בחוצות) וויא דאס ווען אן זייא אן זעהט דר קענט מן זייא ניט, איך וויל ריידן מיט זיא בתחנונים (עמי מה עשיתי לך ומה הלאתיך) איין גליבט פאלק איין (בן יחיד) דוא ביסט מיין (אוהב נפש) איך האב דיך לאזן גוועלטיגן אויף (בני היכלא) דש זיינן די מלכים, דו האסט גוועלטיגט אויף אלי מלכים פון דר וועלט, האב איך דיר דען גיטאן אנדרי מעשים, זייא דוא איין עדות. (מה הלאתיך) וואס האב איך דיר משריח גוועזן, (עמי) איין ליב פאלק (זכור נא) איך ביט דיך גדענק נאר וואס בלק האט עצות אויף דיר גיהאט אונ וואס האט אים בלעם גיענטפערט, איצונד איז צו זעהן וואס איז דען דיא עצה גיוועזן פון בלק, אונ דיא תורה האלט זייני מעשים פאר ניטש, ניימרט אלש בלעם אז דער פסוק זאגט (ארמי אובד אבי) (ווייטר איז חסר בזוהר):

וַיָּקָם בִּלְעָם בַּבֹּקֶר וַיַּחֲבֹשׁ אֶת אֲתֹנוֹ צו טאן זיין ווילן אונ ווילן פון בלק, אונ ניט דיא ווילן פון הקב"ה, דרום (ויחר אף אלהים כי הולך הוא) דאס ער זיך אויס ליהט אויף דען רשות דאס הקב"ה האט אים גזאגט, (ואפס את הדבר וגומר) קום אונ זעה עס איז אזו, צום ערשטן האט ער אים גיגעבן רשות אונ זאגט (קום לך אתם), אונ איצונד שטייט (ויחר אף אלהים) ער וואר ברוגז, אלא דער פסוק פאר ענטפרט, דרום (ויחר אף אלהים) דרום וויל (כי הולך הוא) זייא מדייק (הוא), ער איז גיגאנגן צו טאן וויא ער ווערט וועלן, ניט וויא הקב"ה האט אים גיזאגט, אלש וואס איך ווער דיר הייסן זאלשטו טאן: שפראך הקב"ה, רשע דוא ריכטסט דיך אונ ביסט דיך מורז מיט דייני (כלי זיין) אויס צו גיין אויס איין רשות (חייך) דוא אונ דיין אייזל מיט דיא (כשפים) דאס דוא מולבשט מיט אים, דיא ווערן זיין אלי אין איין רשות, (מיד ויתיצב מלאך ה' לשטן לו) וואס טייטש (ויתיצב מלאך ה'), רבי אבא שפראך, ער איז אויס גיגאנגן אויס זיין (אומנות) אונ שטונד אין איין אנדרן (אומנות), דען ער איז גיוועזן איין (מלאך הרחמים), דרום האט רבי שמעון גיזאגט, דאס דיא רשעים פאר קערן דען רחמים צו דין, דרום שטייט דא (מלאך ה') איז טייטש רחמים, (לשטן לו) צו אים וואר ער שטן צו דין. רבי אלעזר זאגט ער האט זיך ניט פאר ענדרט, ער איז ניט ארויס גיגאנגן אויס זיין (אומנות), אלא וויל דער מלאך איז גיוועזן (מצד הרחמים) אונ איז קיגן אים גישטאנדן אלי זייני (פיצוות מקלקל) צו זיין אונ זיין ווילן צו פאר שטערן, דרום זאגט ער (לשטן לו). (תנא) מיר האבן גילערנט, ר"ש זאגט וויא איין חכם איז גיוועזן בלעם אין כישוף מער אז אלי מענשן, דען אז הקב"ה שפראך צו אים (ואך את הדבר אשר אדבר אותו תעשה) אלש וואס איך ווער דיר הייסן זאלסטו טאן, אונ ער האט זיך גנומן איין עצה ארויס צו גיין אויף דען רשות פון הקב"ה האט ער איין גיזעהן אין זיינה (חרטים אונ כשפים) ווי ער זאל קענן ישראל בייא קומן, האט ער ניט מער גפונן ניט אנדרש אז דורך דען זעלביגן אייזל, דא שטייט (ויחבוש את אתונו) ער האט אים אן גלאדנט מיט אלי (חרטים אונ כישוף), וואס ער נאר האט גיקאנט האט ער אלש נוצן גיוועזן, אונ אן גישטעלט צו טאן דורך דען אייזל צו פלוכן ישראל, (מיד) (ויחר אף אלהים) וואר הקב"ה ברוגז (כי הולך הוא) זיין ווילן גייט ער צו טאן, אונ ניט מיין ווילן, וואס טוט הקב"ה ער האט מקדים גיוועזן איין (מלאך הרחמים) דער קיגן אים זאל שטיין, אונ זאל אלש פאר שטערן אלי זייני כשפים וואס ער האט אן גישטעלט. דרום ביז אלהער שטייט ניט דער (שם ה') איז רחמים ער איז ניט גיזעהן גיוועזן מיט זייני כשפים, אונ איצונד אז ער האט אן גיגרייט אונ מתקן גיוועזן דען אייזל מיט אלי (כשפים אונ כוחות הדינים) צו שעלטן דיא ישראל, דא שיקט הקב"ה דען (מלאך הרחמים) קיגן אים אוועק צו פירן דען אייזל אויס זיין וועג, דרום שטייט (ותט האתון מן הדרך) הקב"ה שפראך, דוא רשע האסט דיך אן גברייט מיט אלי (מיני טומאה וכוחות הדינים) צו פלוכן מייני קינדר, איך שיק דיר איין (מלאך הרחמים) אים צו הינדרן צו פאר שטערן דייני מעשים:

וַתֵּרֶא הָאָתוֹן אֶת מַלְאַךְ ה' פרעגט רבי יצחק וואס איז דאס, אזו איין חכם אז בלעם איז גוועזן, האט ער דען מלאך ניט גזעהן, אונ דער אייזל האט אים יוא גזעהן, שפראך ר' יוסי (חס ושלום) דער רשע זאל זעהן (במראה הקודש). שפראך ר' יצחק (אי הכי) דעם נאך, עס שטייט דאך (נופל וגלוי עינים), שפראך ר' יוסי איך האב פון דעם ניטש גיהערט אונ קאן ניטש זאגן. שפראך רבי יצחק, איך האב גהערט, ווען ער האט גדארפט צו זעהן איז ער גיפאלן אונ האט גיזעהן, אונ איצונד האט ער ניט בדארפט צו זעהן שפראך רבי יוסי אויב עס אזו איז דא ווער דר רשע גוועזן אין איין העכרה מדריגה אז אלי (נביאים נאמנים בעולם) דש ער איז גיוועזן (גלוי עינים) צו זעהן אונ (אסתכל) גיוועזן (בכבוד הקב"ה), האט דאך רבי שמעון גזאגט, דש בלעם האט מיט זייני כשפים גוואוסט אין די (מדריגות התחתונים) וואס אונטן זיינן בטומאה, וויא דער פסוק זאגט (ואת בלעם

בן

בן בעור הקוסם) דער פסוק הייסט אים נאר (קוסם) דאס איז דער שינוי, פון דעם שינוי וויא זאל ער זעהן בכבוד הקב"ה, (ועוד) נאך מער הט רבי שמעון גזאגט מיט איינם זעהן דאס ער הט (לפי שעה) גזעהן, דא זיינן גיווארן זייני אויגין פר קרימט: עס שטייט (ויגל ה' את עיני בלעם), אונ דוא זאגסט ער האט גיזעהן אונ (מסתכל) גיוועזן (בכבוד הקב"ה) מיט אפֿני אויגן. שפראך רבי יצחק איך בין חוזר, דיין זאך אונ מיין זאך מוזן האבן איין לויטרקייט, געוויס דיא (סודות התורה) זיינן גאנץ הויך דאס דיא מענשן קאנן זייא ניט פר שטיין, אונ דרום איז אסור זיך (מקדים) צו זיין אונ צו הייון אין דער תורה, ביז דס ער זיא רעכט הערט אונ ווייט רעכט קלאר, זייא קומן צו רבי שמעון אונ פֿרעגן אים דיא זאך: פֿתח ער הייב אן (מה אנוש כי תזכרנו) דען פסוק האט מען אפֿורט גוויזן דאס דס האבן גיזאגט דיא (שרים עליונים), בשעה דאס הקב"ה האט זלן דען מענשן בשאפֿן, האט ער גרופֿן (כתות כתות) פֿון (מלאכי עליון) אונ זעצט זייא פֿר זיך, אונ שפראך איך וויל איין מענשן בשאפֿן. שפראכן זייא פֿר אים (אדם ביקר בל ילין) דער מענש זאל ניט זיין אין זיין (כבוד) איבר נאכט, האט הקב"ה אויס גישטרעקט זיין פֿינגר אויף זייא אונ האט זייא פֿר ברענט, ער האט אנדרי (כתות) גזעצט אונ שפראך, איך וויל אין (צלם אדם) בשאפֿן, שפראכן זיי (מה אנוש כי תזכרנו) וואס איז דער מענש פֿר איין (טבע) אונ ווי זאל ער זיין. שפראך הקב"ה, דער מענש זאל זיין אין אונזר גישטאלט (בצלמנו כדמותינו) זייני חכמה ווערט מער זיין אז אייער (חכמה), אז ער האט בשאפֿן דען מענשן אונ ער האט חטא גוועזן אונ איז אויס גגאנגן במשפט, דא קאמן (עז"א ועזא"ל) אונ שפראכן (לפניו רבונו של עולם) מיר האבן איין (פתחון פה) צו דיר, דעם מענשן וואס דוא האסט בשאפֿן האט דאך חטא גוועזן: שפראך הקב"ה אלמלא וואלט עטץ זיין גוואוכט בייא זיי דא ווערט איר נאך ערגיר. וואס טוט הקב"ה ער ווארפֿט זייא אראפ פֿון זייערי (מדריגה הקדושה) פֿון הימל: זאגט רבי שמעון איצונדרט וויל איך (חוזר) זיין צוא אייער גלוסטיקייט, דאס בלעם האט גירעט (נופל וגלוי עינים) זאל איך זאגן עס איז ניט אזו גיוועזן אונ ער האט זיך נאר אזו ברימט דער מיט, וויא ווערט דיא תורה איין (שקר) אן שרייבן, איז עס דען יוא אמת, וויא זאל דער רשע זיין ברימט מיט איין אזו מדריגה די איז איבר אלי נביאים, נאך איינט דיא (קדושה עליונה) רומט ניט אנדרש נייארט אויף איינם דאס דר צו ראוי איז, איצונד וויל איך מיר ווידר קערן צו דיא ערשטי רייד, דער נאך אז הקב"ה האט זייא אראפ גווארפֿן פֿון הימל אונ האבן זיך טועה גוועזן בעולם, איז דאך דא צו פֿר שטיין אונ צו זאגן, עס שטייט דאך (עושה מלאכיו רוחות משרתיו אש לוהט) זייא זיינן ניט וויא איין מענש, אונ זייא זאגן דאך מלאכים גוועזן, אלא קום אונ זעה, אלי (מלאכים עליונים) דיא האבן קיין קיום ניט אונ קאנן ניט בשטיין, נייארט מיט דיא אובערשטע ליכט דאס דא זיי לייכט אונ איז זייא מקיים, אונ ווען עס זעלט אפ שטאן דיא ליכט פֿון זייא, דא קענטן זיא קיין קיום האבן, (אכ"ש) דיא ער האט אראפ גווארפֿן אונ האט אב גיהאקט פֿון זייא דאס ליכט פֿון אובן דאס איז פֿר ענדרט געווארן איר גישטאלט, אונ אז זייא זענן אראפ גנידרט אונ האט אן זייא גוועלטיגט דער (אויר העולם) דא זיינן זייא פֿר ענדרט געווארן אין איין אנדרי מדריגה: קום אונ זעה, דער (מן) דאס איז גנידרט צו ישראל אין דער מדבר, (מן) איז געוועזן פֿון גאר איין גאנץ הויכה מדריגה, אונ אז ער איז אראפ גנידרט דא הט ער גלייכט אין אלי (עולמות עליונים), אונ ווערן גשפייזט דר פֿון דיא מדריגות אונ אלי (מלאכים עליונים). אונ אז ער איז גנידרט אין דען עולם אריין, אז דער (אויר עולם) הט אן אים גוועלטיגט איז ער (נתגשם) געווארן, אזו וויא וואסר פֿר גליוורט איז פֿר ענדרט געווארן זיין גשטאלט, אונ איז נישט מער געוועזן וויא עס שטייט גשריבן (והמן כזרע גד לבן הוא וגו') אונ ניט מער, (אכ"ש) די מלאכים אז זייא זיינען אראב גנידרט אן דער וועלט אונ דער (אויר עולם) הט אן זייא שולט גיוועזן, דאן זיינען זייא פֿר ענדרט געווארן פֿון איר ערשטן מדרגה וויא זייא זיינן גוועזן: וואס האט הקב"ה גיטאן אז ער האט גזעהן דאס זייא מאכין פֿאר אירן דעם עולם, האט ער זייא אן גיקניפט מיט אייזרני קייטן אן דיא (הרי חושך), אין גאנצן טיפֿניש פֿון הרי חושך האט ער גיזעצט (עזא) אונ הט גיווארפֿן חושך אין זיין פנים. דען (באותו שעה) דאס ער האט זייא אן גיקניפט, האט עז"א גשטארקט מער אונ דער צערנט פֿר הקב"ה, הט ער אים אראפ גווארפֿן אין טיפֿניש ביז אן דעם אקין אין פֿינצטרניש, אונ דיא מענשן דיא דא ווייסן איר ארט קומן צו זייא, דא לערנן זייא דיא לייט (כישוף ונחש וקסם), אונ די (הרי חושך הייסן הררי קדם), דרום ווייל דאס חושך זיך האט מקדים געוועזן פֿאר דעם ליכט, דרום הייסן זייא (הררי קדם): (לבן אונ בלעם) האבן פֿון דעם (כישוף וחרטים) גילערנט, אונ דאס האט בלעם גזאגט (מן ארם ינחני בלק וגו'): קום אונ זעה בלעם הט זיך ברימט מיט דעם ארט, ער זאגט (נאם שומע אמרי אל) האט ער גימיינט (עז"א ועזא"ל) דיא דא זיינן דיא לייט פֿון דיא עליונים, דאס זייא האבן פֿון דר פֿיר געוויסט אז זייא זיינן געוועזן (בעולם הקודש), דרום זאגט ער (אמרי אל) אונ זאגט ניט (קול אל), ער זאגט דיא רייד פֿון אים, גלייך אז ווען איינר קומט פֿון איין דרשה אונ מען פֿרעגט אים פֿון וואנן קומסטו. דא שפראך ער פֿון דעם צו הערונג דיא רייד פֿון (מלך הקדוש), אזו אויך (אמרי אל) דען ער האט געוואוסט מכוון דיא שעה צו זיין מיט כישוף ווען דר דין איז דא בעולם: אֲשֶׁר מַחֲזֵה שַׁדַּי יֶחֱזֶה ווער איז דער (מחזה שדי) דיא זיינן (נופל) אונ (גלוי עינים), (נופל איז עז"א), דאס הקב"ה האט אים גיזעצט אין דיא טיפֿניש ביז אן אקין אין חושך דס איז געווארפֿן אויף זיין פנים, דרום הייסט ער נופל, ער איז איין מאל פֿון הימל גפֿאלן אונ דער נאך אין טיפֿן חושך. (עזאל הייסט גלוי עינים) ווייל אויף אים איז ניט דער חושך, ער האט ניט דער צערנט גאט אז עזא. אונ בלעם רופֿט זייא (מחזה שדי יחזה) דיא זיינן (נופל וגלוי עינים), אונ דיא זעלביגי לייט איז ניט געוועזן אין עולם דאס דא ווערן בייא זייא, נייארט אז בלעם, אלי מאל איז ער געוועזן אין דיא בערג מיט זייא, דרום זאגט ער (ינחני בלק מלך מואב מהררי קדם) מיינט ער דיא בערג.

זאגט רבי שמעון וויא פֿיל מאל האב איך גזאגט דיא זאך, אונ דיא חברים זעהן ניט דאס הקב"ה רוהט ניט נייארט (במקום הקודש) אזו איין ארט דאס איז ראוי צו רוהן, אונ

דרום האט הקב"ה פאר זאגט (לא ימצא בך מעביר בנו ובתו באש קוסם קסמים מעונן וגו'). כלו וויא זאל ער זיך קוואן צו איצט נוויטן זעלבי. וואל איז דאט חלק פון ישראל דט הקב"ה האט זייא געהייליגט צו רואן נוויטן זייא, דרום זאגט ער (כי ה' אלהיך מתהלך בקרב מחניך והיה מחניך קדוש) אונ שטיט (והייתם קדושים • אל תטמאו בכל אלה), אונ שטייט וָאָקוּץ בָּם דאט איך ניט קאן גינעהנן צו זיי • וואל דר חלק פון ישראל אונ וואל דער חלק פון דיא (נביאים הקדושים), זייא זיינן הייליג אונ זייער חלק איז (מטמט צו זיין בקדושת עליונים):

וַתֵּרֶא הָאָתוֹן אֶת מַלְאַךְ ה' וְחַרְבּוֹ שְׁלוּפָה בְּיָדוֹ עס איז קשה,

איז דען דער מלאך ארויס גיקומן קיגן דעם איזל, ווארום שטייט (וחרבו שלופה בידו), איז ער גקומן קיגן בלעם ווארום האט דער איזל יוא אים געזעהן אונ ניט בלעם, אלא צו מזי איז דער (מלאך הרחמים) אן גבערייט געוועזן, צו דעם איזל אים אפ צוא קערן פון וועג וואס אים בלעם האט אן גיטטעלט מיט כשפים, אונ איז אויך אן גבערייט געוועזן קיגן בלעם אים צו שטראפן, דאט ער העט ניט זעלן גיין אין (רשות אחר) נייארט וויא הקב"ה אים האט גזאגט • זאגט ר' יוסי אילוכדרט איז צו פרעגן ווען זייני רייד פון בלעם זיינן געוועזן פון דיא (אדריגות התחתונים הקליפות) ניט פון הקב"ה, ווארום שטייט דען (ואך את הדבר אשר אדבר אליך אותו תעשה), שפראך רבי יצחק ח"ו, הקב"ה הט ניט גירעט מיט אים נייארט דער מלאך פון ישראל וועגן: אויב דו ווילסט פרעגן עס שטייט דאך (ויבא אלהים אל בלעם), איר האבן מיר געלערנט, דאט (אלהים) איז אויך איין מלאך דער דא קומט (אלד הדין הקשה), עס ווערט אפט איין מלאך גירופן (בשם עליון): וַתֵּט הָאָתוֹן מִן הַדֶּרֶךְ ער הט אב גיקערט פון דעם וועג וואס אים בלעם הט אן גילאדכט קיגן ישראל' וויא האט דט בלעם גוואוסט, ער הט זיך גשטעלט תיכף אין וועג אוך קיגן ישראל צו טאן מיט דעם אייזל, אז ער דער זעהט דאט עס וויל ניט פארט גיין, שטייט (ויך את האתון באקל) האט ער אים אן גילאדיכט מיט (כוחות הדינים קשים) דרום שטייט ניט (באקלו), אלא ער הט אים אלביט געוועזן מיט (דינים קשים וחזקים): קום אונ זעה דיא שטארקי חכמה פון דעם רשע, דען ער האט גרויסן חשק גיהאט מיט זיינר גרוסי חכמה ארויס צו גיין פון (רשות עליון) אונ צו אייבלן דיא ישראל, דט ער זאל דר דורך גיערט ווערן פאר (כל עולם):

וַיּוֹסֶף מַלְאַךְ ה' עֲבוֹר וַיַּעֲמֹד בְּמָקוֹם צָר. (באותו שעה) האט

ער צו גיטטאפט אזי וועגן פון אלע זייטן דאט זי הט ניט קענן גיפינן איין וועג ביז זיא טוט זיך הויארן אונטר אים: (ותרבץ תחת בלעם ויחר אף בלעם ויפתח ה' פי האתון) דאט איז אייכט פון דיא זאכין דיא דא זיינן בטאפן גווארן (בערב שבת בין השמשות). שפראך ר' יצחק, צו ווען איינרי זאך אזו גרוט געוועזן דאט ריידן פון אייזל, כלוואר כאך וואט איז עס כון געוועזן, אויב צו בלעם אדר צום אייזל אדר צוא ישראל: זאגט רבי יוסי, קיגן דיא (טרים) דיא מיט אים זיינן געוועזן איז צום איין גרוטי חרפה געוועזן, זיי הבן גזאכט

אונ גישפאטט אויט אים, אז זייא זיינן גיקומן צו בלק האבן זיי צו אים גזאגט, צו דעם שוטה האטטו זעלכן כבוד גשיקט, עס איז אן אים קיין אמונות, ניט נאך אן זייני רייד, מיט דיא רייד פון אייזל איז ער אבודה גווארן פון זיין כבוד • זאגט ר' חייא, ווען העט דער אייזל דאט ניט גירעט, דא העט בלעם ניט נאך גלאזן פון זיינר זאך, אונ מיט דיא רייד פון אייזל איז זיין כח צו ברעכן גווארן • רבי אבא שפראך ווארום בייא קרח שטייט (ותפתח הארץ) אונ דא שטייט (ויפתח ה' את פי האתון) ווארום שטייט ניט דארט אויך (ויפתח ה' את פי הארץ), אלא דארט האט משה גוזר געוועזן אויף איר דא הט זי זיין (ליווי) גיטאן וויא ער בגערט האט (ופצתה האדמה את פיה) עס איז ניט היפט אן געזעהן ווען עס זאלט שטיין הקב"ה האט גיטאן זיין ליווי פון זייכט וועגן, נייארט דיא ערד האט גיטאן וויא ער האט גיטאפט, (ופצתה האדמה את פיה), אבר דא גיפינדן איר ניט ווער עס האט אויף איר גוזר געוועזן, נייארט עס איז געוועזן דיא ווילן פון הקב"ה וויא ער האט געוואלט אזוא איז עס געוועזן, דרום שטייט (ויפתח ה' את פי האתון) פון אים איז דער רצון געוועזן: רבי יהודה זאגט, איך האב איין געזעהן אין דער פרשה אונ אין דיא רייד פון אייזל • עס ווערט געזעהן גלייך דאט ניטט קומט ארויס דער פון, נאר דער וויל דאט הקב"ה האט איר געפכט דאט אויל, דא קערן דיא רייד חשובה זאכן צו זיין (דברי חכמה) צו זיין: אויב דו ווילסט זאגן דיא (חברייא) האבן געזאגט זיא האבן אים גיפרעגט וואו איז דיין פערד. האט ער גיזאגט, עס ווידט זיך אין דער וויז. דרום האט דער אייזל גיענפרט, דוא זאגסט ליגן, איך בין דיין אייזל אזי אאל, האט זיך תכף אזו זעלן אן הייבן (הלא אנכי אתונך), ווארום האט זי דעם אן גהובן (מה עשיתי), פון העטט וועגן הט הקב"ה אטריח געוועזן דיא רייד זאל דער אייזל ריידן, פון דיא רייד וועגן איין נס צו טאן: זאגט (רבי אבא) גוויט לערנן איר פון דיא רייד זיין דעה פון בלעם, דאט ער איז ניט ראוי געוועזן דט אויף אים זאל רואן דער (רוח הקודש), אונ צו ווייזן אוך דט קיין מכשף איז ניט אין דעם אייזל גוטט אדר בייז צו טאן: אויך לערנן איר פון דעם אייזל דאט קיין כח איז אין איין בהמה צו רואן אויף איר איין (דעת שלם): קום אונ זעה, בלעם האט ניט קענן בשטיין אויף דער נאריטע דעה פון דעם אייזל. (אכ"ט) צו וויטן (דעת עליון): וַתֹּאמֶר הָאָתוֹן לְבִלְעָם מֶה עָשִׂיתִי לְךָ איז דען אין איין רשות צו טאן גוטט אדר בייז, זי גייט נאר ווי אן זי פירט, ווען גלייך דר אייזל איז אנדרשט געוועזן אז איין אנדרי בהמה, איז דאך ניטט געוועזן אין איר רשות, ער הט זיא אן גלערנט מיט (מעשה כשפים) שטייט זיא אין זיין רשות: וַיֹּאמֶר בִּלְעָם לָאָתוֹן כִּי הִתְעַלַּלְתְּ בִּי זעה וויא ער איז איין שוטה געוועזן, ער האט זעלן לאכן אויט איר גשפעט טרייבן, אונ ער האט נאך איר רייד אן גנומן אונ איר געענפרט דרויף, דען האבן די טרים גלאכט אויט זייני שטות, האבן זיי געזעהן ער איז איין שוטה אונ איז אבודה גווארן אין זייער אויגן: ער זאגט (לו יש חרב בידי), שפראכן זיא וואט איז דאט פאר איין שוטה, ווען ער וויל איין גאנצי אומה אכלה זיין מיט זיין אויל, דא זאל ער דארפן

דארפֿן צו איין אייזן שווערד, איר לערנן אויך דש איין בהמה קער נאר צו איר זאך אונ קער ניט אויף איר צו רואן איין אנדרר רוח: ווען עס ווער קשה איינם, ווארום זאגן דיא בהמות ניט קענן ריידן וויא דיא לייט, דא זעה אן דען אייזל, הקב"ה האט אים געפֿנט זיין מויל, זעה וואס ער גרעסער האט, אזא דיא רייד שטייען נאר אן דען מענשן:
(ווייטר איז חסר בזוהר):

וַיְהִי בַבֹּקֶר וַיִּקַּח בָּלָק אֶת בִּלְעָם זאגט רבי יצחק, בלק איז איין גרעסרר מכשף גיוועזן אז בלעם, נאר ער האט ניט גקענט מכוון זיין דיא שעה צו שעצן וויא בלעם, דרום (ויקח בלק את בלעם ויעלהו) ער האט אלץ אן גריכט אונ אים גפֿירט צו אלים: (ויעלהו במות בעל) וואס טייטש (במות בעל), אזא דער האט גזעהן אין זיין כשפים וואו ער קאן ישראל בייא קומן, דא זעהט ער דאס זיי ווערן מאכן במות צו דער (עבודה זרה) דיא הייסט בעל, אז דר פסוק זאגט (וילכו אחרי הבעלים), דרום שטייט (ויעלהו במות בעל). פֿון דען קען מן זיא בייא קומן: (וירא משם קצה העם) ער זעהט דיא קלינים די חשובים מיט אירן מלך ווערן דינן דען (בעל), וויא דער פסוק זאגט (ויקראו בשם הבעל), אונ אויך איר מלך אחאב (ויקרא בשם הבעל שם ה' הוא האלהים), אונ בלעם דאס זעהט זאגט ער (בנה לי בזה שבעה מזבחות), ער זעהט איר מדריגה איז אובן מיט זיבן (כוחות) דרום מאכט ער זיבן (מזבחות). עס איז איין משל איין מלך האט איין גוטן פֿריינד, עס איז איינר דאס זיך וויל מיט אים קריגן, פֿארכט ער זיך פֿר דען מלך, ער גינג אונ ברענגט איין מתנה דען מלך. ווי דר מלך זעהט דיא מתנה, שפראך ער ווארום קומסט דוא צו מיר מיט דיא מתנה, אזא ווען איין גוטן פֿריינד, ער הייסט די מתנה ווארפֿן פֿר די הינט, אונ אויך בלעם ברענגט די קרבנות צו הקב"ה וועגן ישראל, שפראך הקב"ה דוא רשע וויא קומסט דוא צו מיר נאר וועגן מייני קינדר, דיין קרבן קער פֿר דיא הינט, דרום שטייט (ויקר לשון טומאה וקרי) פֿאר דיא קצרן דייני קרבנות: זאגט רבי שמעון, קום אונ זעה דען גנאי פֿון דעם אום ווערדיגן רשע, דאס דו גפֿינסט ניט אין דער גאנצי פרשה דאס זעלט שטיין (ויאמר ה' אל בלעם) אדר (וידבר ה') ח"ו, נייארט (וישם ה' דבר בפי בלעם) גלייך אז: איינר דער טוט זיין אייזל אן איין מויל באנד, דאס ער זיך ניט זאל קענן רירן ניט הין ניט אהער, אזו אוך (וישם ה' דבר בפי בלעם) זאגט הקב"ה, דוא רשע דוא מיינסט דאס ניט שטייא צו דיר אפֿילו ניט צו בענשן לא מְעוּקָּצָךְ וְלֹא מִדּוּבְשָׁךְ, נייארט גייא צו בלק אונ ווען דוא ווערסט וועלן עפֿנן דיין מויל ווערט עס ניט אין דיין רשות זיין, אונ ניט אן דיין מויל הענגט אן דאס ריידן אפֿילו ניט צו בענשן, נאר איין קדושה ווערט זיי בענשן דיא דא הייסט (כ"ה תברכו את בני ישראל), דרום שטייט (שוב אל בלק, אבר וכ"ה תדבר) איין קדושה פֿון (כה תברכו) דיא ווערט בענשן אונ ריידן: אונ וויא ער איז גקומן צו בלק, אונ בלק האט דאס אלץ גהערט דיא ברכות, האט ער גמיינט בלעם טוט זייא אזו בענשן: שפראך ער (לקוב אויבי לקחתיך) ווארום בענשט דוא זיי. שפראך בלעם, נעם נאר דיא כשפים אין דיין האנט דאס מען קענט מיט דיא כשפים דער האלטן דיא קדושה מעכב צו זיין אונ אויס צו רייסן פֿון די ברכות, דרום זאגט ער (התיצב כ"ה על עולתך) מיט די כשפים ווערסטו דיא קדושה קענן מעכב זיין, (ואנכי אקרה כ"ה) איך וויל די קדושה (כ"ה) אויס רייסן פֿון די רייד אונ ברכות. שפראך הקב"ה, דוא רשע איך ווער דיך אויס רייסן. (שוב אל בלק וכ"ה תדבר) איין (קדושה כ"ה) מוז פֿארט ריידן: ווי נא דער רשע האט גזעהן דאס אלץ העלפֿט ניטס, שפראך ער (הנה ברך לקחתי וברך ולא אשיבנה) כלומר דיא ברכות פֿון דער (קדושה כ"ה) קאן איך ניט אום קערן זייא אויס צו רייסן דש זיא זאל ניט בענשן. שפראך בלעם:

הֶן עָם כְּלָבִיא יָקוּם וויא זאל מען דען פֿאלק עפיס קענן טאן, וואו איז אזו איין שטארק פֿאלק אז ישראל זיינן, אין ערשטן אז עס מארגן ווערט, ער שטייט אויף אויס זיין בעט אונ שטארקט זיך וויא איין לייב צו דען דינסט צו אירן הערן, זייא הובן תיכף אן וויא פֿיל (שירות ותשבחות), זייא לערנן תורה איין גאנצן טאג. וויל דער מענש ליגן גיאן אויף זיין בעט, לייגט ער זיך ניט ביז ער פֿאר מקדש איז דען (שם עליון), אונ לייאנט (קריאת שמע) אונ איז מקבל אויף זיך דש (מלכות שמים) אובן אונ אונטן. עס זיינן בייא נאכט ווי פֿיל (משחיתים מלאכי חבלה) דיא גוועלטיגן, אונ אז דיא עפֿנן איר מויל אויף אירן בעט אונ לייאנן קריאת שמע, דא ווערן אלי (משחיתים ומקטריגים) פֿר זייא גבונדן אז דיזו זאגן (שמע ישראל וגו') אונ זיינן מתפלל פֿאר דען (מלך הקדוש) כמה פסוקים אונ תפלות, נא וויא קאן מן זייא וואס טאן, (הן עם כלביא יקום) זייא זענן אן גברייט (לעתיד) אויף צו שטיין אויף אלי (אומות עכו"ם), (כאריה) דער איז (גבור חיל וחזק). דער סדר פֿון איין לייב איז, ער לייגט זיך אונ לאזט איבר שפייז, אבר זיי (לא ישכב עד יאכל טרף): דבר אחר (הן עם כלביא יקום) מקריב צו זיין קרבנות אויף דען (מזבח): אונ מיר האבן גלערנט, בשעה דאס דש קרבן איז פֿאר ברענט גוואָרן, הט זיך גוויזן אויף דען מזבח ווי איין גשטאלט פֿון איין לייב פֿון פֿייער דער הייסט (אוריא"ל), דער האט פֿאר לעכט דאס קרבן, אונ ווען דיא ישראל ניט גוט זיינען גוועזן, האט דש פֿייער אויף דען מזבח גוויזן איין גשטאלט פֿון איין (כלב) איז גיהויארט דרויף, דען האבן ישראל גוואוסט דאס זייא מוזן תשובה טאן: (לא ישכב עד יאכל טרף) דאס זיינן דיא קרבנות פֿון נאכט (כגון עולות), אונ איבר די קרבנות, (דם חללים ישתה) האלט הקב"ה מלחמה מיט זייערי שונאים: רבי אלעזר זאגט, (לא ישכב עד יאכל טרף) איטליכר מענש דער דא גייט (במצות הקב"ה), ער לייגט זיך ניט, ביז ער איז ממית פֿון די מזיקים טויזנט אונ הונדרט פֿינף אונ צוואנציג דיא דא רואן בייא אים: (רבי אבא) זאגט זיינן טויזנט (אלף שמאל), עס שטייט (יפול מצדך אלף ורבבה מימינך וגו') מיט וואס, דרום זאגט דער פסוק (יעלזו חסידים בכבוד ירננו על משכבותם) (רוממות אל בגרונם וגו'. לעשות נקמה בגוים וגו'), דרום זאגט ער (לא ישכב עד יאכל טרף) דאס איז (לעשות בהם משפט כתוב וגו'): זאגט רבי חזקיה, קיגן דרייא מאל דאס ער דען אייזל הט גישלאגן אונ אן גיזארנט מיט כשפים, דרום זיינן ישראל דרייא מאל גיבענשט גיוואָרן. אונ קיגן די דרייא מאל, זיינן

זיא

זיא זוכה צו זעהן (פני ה') דרייא מאל אין יאהר (עולה רגל) צו זיין, דרום שטייט (הכית את אתונך זה שלש רגלים, אראו) צו זיין אויף שלש רגלים:

וירא בלעם כי טוב בעיני ה' וכו'. ער זעהט דאס זיין כישוף וויל ניט אן גיין, אונ קיין רוגז וואר ניט פאר האנדן אובן: ולא הלך כפעם בפעם לקראת נחשים ער וואר זיך פורט פון דיא כשפים, ער וואלט זיך דר וועקן (ברוח אחר) צו זוכן די ישראל. שפראך רבי יהודה, עס שטייט דאך דא אויך (ותהי עליו רוח אלהים) אונ ניט (רוח ה'), אלא ער הט ניט דער וועקט בקדושה, נייארט דיא (כוחות הטומאה) די אונטער דיא קדושה זיינן הייסט אויך (אלהים אחרים): זאגט רבי יוסי ווען דאס (רוח אלהים) איז ניט קדושה, ווארום שטייט דען ניט ביז אלהער אזו (ותהי עליו רוח אלהים) נאר דא שטייט, שפראך רבי אלעזר אזו האב איך גילערנט, קום אונ זעה, עס שטייט גישריבן (טוב עין הוא יבורך) אן זאל לייאנן (יברך), איין גוט אויג קער צו בענטשן איין מענש, אונ בלעם איז גיוועזן איין (רע עין) דאס זיין גלייכן איז ניט גוועזן אין דר וועלט. וואו ער הט אהין גיזעהן איז גפלוכט גיוועזן. אונ דרויף האט מען גיזאגט, ווען איינר פירט זיין קינד אין גאס אונ פארכט זיך מן ווערט אים איין (עין הרע) געבן, דא זאל ער בדעקן אים מיט זיין מאנטיל זיין קאפ, דאס דער (עין הרע) זאל ניט קענן אויף אים גוועלטיגן. אזו אויך אז בלעם האט גיזעהן דאס אלי זייני כשפים וועלן ניט העלפן צו איבלן ישראל, דא וויל ער אויף זיי זעהן מיט (עין הרע) דס וואו ער זעהט איז גיפלוכט, דרום שטייט (וישת אל המדבר פניו) דיא טומאה אין דר מדבר זאל אים העלפן רעות צו טאן ישראל: זעה וואס שטייט (וישא בלעם את עיניו וירא את ישראל שוכן לשבטיו). (כמותו שנה) ווען העט הקב"ה ניט מקדים גיוועזן איין רפואה, העט ער זייא מכלה גיוועזן אונ פר לארן מיט דען עין הרע. וואס טוט הקב"ה איין רפואה צו ישראל, (כמותו שנה) שטייט (ותהי עליו רוח אלהים), (עליו) איז טייטש אויף ישראל, אז ווי איינר שפרייט איין מאנטיל איבר דען קינד דאס קיינר זאל קיין עין הרע געבן, דא גייט ניט (ותהי עליו רוח אלהים) אויף (בלעם הרשע), נייארט אויף ישראל, דען הויב ער אן) (מה טובו אהליך יעקב)· קום זעה, ווען איינר וויל איינם געבן איין (עין הרע), דא קאן ער אים ניטס טאן, נייארט ווען ער פאר לובט אונ עהרט דיא זאך אונ זאגט, וויא שיין ווי היפש איז דאס, דער מיט איז דער (עין הרע) גוועלטיגט, אזוא אויך שפראך בלעם, (מה טובו אהליך יעקב) וויא שיין זייגען זיא וויא פיל שייני גיפלאנצרייא איז גיפלאנצט צווישן זייא, זיי זיינן גלייך אז דיא פלאנצונג וואס הקב"ה האט גיפלאנצט אין ג"ע, ווער וואלט געבן אז די פלאנצונג וואלטן זיין גפלאנצט אין איין (משכן), (יזל מים מדליו) עס איז ניט גיפונן אזוא איין פלאנצונג פון דער תורה אז אין זעלביגן משכן פון זייא, (וזרעו במים רבים) עס זאל זיך ניט מערן ניט גרייטן דער (רוח הקודש): זאגט הקב"ה, רשע דיין אויגן קאנן זי ניטס טאן, וויל דיא קדושה איז איבר זיא גשפרייט· דען זאגט ער (אל מוציאו ממצרים) אל איז לשון (חוזק), כלומר דער שטארקר (כח) פון אובן איז בגריפן אן זייא, אונ נאך איינס (כתועפות ראם לו), דיא הייך דאס קיינר אין דער וועלט קאן ניט גרייכן צו שטרעקן זיין האנט אויף אים פאר גרוסי הייך, אירי (מדרגה ומעלה) דאס איז, ווען זיי פרום זייגען אין זייערי מדרגה. (יאכל גוים צריו), אפילו אין דער צייט ווען זיא נידרן אין גלות אונ זי ליגן צווישן דיא (אומות), זיינן זייא שטארק אין זייערי (מצות ותורה) אונ איר (שולטנות) איז אן אירן הערן, אפילו אלי (מלכי עולם) קומן איבר זיא אויס צו רייסן קונן זייא ניט, אזו וויא איין לייב דער דא ליגט אויף זיין שפייז דס קיינר קאן אים ניט אוועק ברענגן, אזו אויך זייא (כרע שכב כארי וכלביא): זאגט רבי אלעזר, עס גפינד זיך ניט אין דער וועלט אזו איין (חכם להרע) אז (בלעם הרשע) איז גוועזן, דס ישראל זיינן גוועזן אין מצרים, דא האט דער רשע גימאכט מיט כישוף אונ האט זיא אן גיבונדן דאס זייא אייביג ניט זאלן ארויס קענן קומן אויס דר עבודה· דרום האט ער דא גזאגט, וויא זאל איך איצונד זיי קענן ביז טאן, איך האב גימאכט דאס זיא זאלן ניט קענן אויס מצרים גיאן, אונ דער צו (אל מוציאו ממצרים), דא קאן זיא שוין ניטס טאן אלע (חכמים אונ אלע מכשפים) אין דער וועלט:

רבי יוסי הייב אן ויעל משם בית אל והוא עולה בדרך ונערים קטנים יצאו מן העיר ויתקלסו בו ויאמרו עלה קרח עלה קרח גייא אויף דוא קאלר אונ האבן אים מבזה גוועזן· זאגן אונזרי חכמים דאס עס זיינן גיוועזן מנוערים אויס גלערטי פון מצות אונ פון דער תורה אונ פון דער אמונה, רשעים דיא זיינן חייב גוועזן (בדין עו"הז ועו"הב), אונ אז שטייט (יצאו מן העיר) דיא זייגען ארויס גגאנגן פון (סוד הייחוד), שטייט ווייטר (ויפן אחריו ויראם) דער אלישע האט זיך אום גזעהן נאך זייא, אוב זייא ווערן חוזר בתשובה זיין, אונ עס ווערט איין רעכטי זרע פון זיי קומן· (ויראם) ער זעהט דס אירי מוטר זייגען טראגן ווארן אן יו"כ. (מיד· ויקללם בשם ה') האט ער זייא גשאלטן (בשם ה', ותצאנה שתים דובים ותבקענה מהם ארבעים ושנים ילדים), זייא הבן פון די צייט מאית גוועזן צווייא אונ פערציג נפשות, קיגן דיא צווייא אונ פערציג קרבנות וואס בלק האט מקריב גוועזן:

אראנו ולא עתה די דאזיגי רייד זיינן איין טייל מקוים גווארן דענסמאל, איין טייל דר נאך, איין טייל אז משיח וועט קומן· (תניא) איר הבן גלערנט, הקב"ה איז אן גבריישט צו בויאן ירושלים, אונ צו ווייזן איין שטערן אין מיטן דעם הימל דער דא ווערט פינקלן פון זיבציג (רהטין) אונ זיבציג ליכטיגע פונקן אונ פון אים ווען לייכטן זיבציג אנדרי שטערן· אונ ווערט פינקלן אונ לייכטן זיבציג טאג, אונ אן (יום הששי) אין פינף אונ צוואנציג טאג אין זעקסטן חודש ווערט ער גזעהן ווערן, אונ ווערט איין גטאן ווערן אן שבת סוף זיבציג טאג: דעם ערשטן טאג ווערט ער גזעהן ווערן אין דער גרויסער שטאט, אונ דרייא מויארן ווערן איין פאלן אונ איין גרויס פאלאץ פון דער שטאט, אונ דר (מושל) פון דער שטאט ווערט שטארבן, דא ווערט זיך דער שטערן פר שפרייטן גזעהן צו ווערן, צו דיזע צייט ווערן זיך דער הייבן גרוסי מלחמות אין דער וועלט אויף אלי פיר עקן וועלט, עס

עס

עס ווערט קיין מלאכות נויטן זייא זיין, אונ אין מיטן וועלט ווערט דר שטערן לייכטן אין הימל, דא ווערט אויף שטיין איין גרויסער מלך אונ געוועלטיגער בעולם, אונ ווערט זיך גרויס האלטן מעהר וויא אלי מלכים אין דער וועלט, אזוא ווערט דער וועקט ווערן מלחמות אויף צווי זייטן, אונ ווערט גובר זיין אויף זייא, אונ דען טאג אז דער שטערן ווערט אויף געהובן ווערן, ווערט (ארץ ישראל) ליטערן פינף אונ פערציג (תחום שבת) ארום דער ארט פון (בית המקדש), אונ איין (מערה) ווערט אנטפלעקט ווערן צו דיא זייט, אונ פון דר זעלביגי (מערה) ווערט אויס גיין איין פייער צו פר ברענען דיא וועלט, אונ פון דער היץ ווערט זיך גרייסן איין גרוסער לוך (העליון), דער דא ווערט געוועלטיגן אין דער גאנצר וועלט, אונ אים ווערט אב געגעבן ווערן דאס מלכות, אונ דיא (קדושי עליונים) ווערן זיך איין זאמלן צו אים. דען ווערט אנטפלעקט ווערן דער (מלך המשיח) אין דער גאנצר וועלט, אונ אין דער צייט ווערט זיין איין צרה נאך דער אנדרר, אונ אויף דיא (שונאי ישראל) ווערט זיך דער וועקן משיח אונ ווערט זיי פר לכרן, דס דען ווערט מקוים ווערן (וישראל עושה חיל) : אין דר צייט ווערט הקב"ה אוף ריכטן דיא מתים פון זיין פאלק, אונ דיא מיתה ווערט שון פאר געסן ווערן פון זייא, אז דער פסוק זאגט (ואין ה' עושה אין לא מאות כי אחיה, ועלו מושיעים בהר ציון לשפוט את הר עשו והיתה לה' המלוכה, והיה ה' למלך על כל הארץ : ביום ההוא יהיה ה' אחד ושמו אחד), אונ ווערן אויס גיין מיט דער שכינה אויס דעם גלות דאס זיא הייסט שמחה, אז דער פסוק זאגט (כי בשמחה תצאו וגו') (אמן וכן יהי רצון) :

פרשת פנחס.

וַיְדַבֵּר ה' אֶל מֹשֶׁה וגו' פִּנְחָס בֶּן אֶלְעָזָר בֶּן אַהֲרֹן וגו' רבי אלעזר הויב אן שְׁמַע בְּנִי מוּסַר אָבִיךָ דאס איז הקב"ה, וְאַל תִּטּוֹשׁ תּוֹרַת אִמֶּךָ דאס איז (כנסת ישראל), וואס איז (מוסר אביך) דאס איז דיא תורה, דאס דרינן זיינן וויא פיל (תוכחות אונ מוסר אונ עונשים), אז דער פסוק זאגט (מוסר ה' בני אל תמאס ואל תקוץ בתוכחתו). דען ווער דא איז (עוסק בתורה בעו"הז) איז ער זוכה דאס אן אים עפנט וויא פיל טויערן לעו"הב אונ (מאה אורות) : (בשעה) דס ער גייט אוועק פון דען עולם, דיא תורה פאדרט זיך פר אים אונ גייט צו אלי שומרים אין דיא טויערן אונ רופט אויס (פתחו שערים ויבא גוי צדיק) גרייט אן שטולן צו דעם פלוני דער קנעכט פון מלך, דען עס איז קיין גרעסערי שמחה פר הקב"ה אז דער דא איז (עוסק בתורה). (מכל שכן) אזו איינר דער אויף שטייט ביי נאכט לערנן, דען אלי צדיקים אין גן עדן הערן אים צו זיין קול אונ הקב"ה איז צווישן זייא. אז דער פסוק זאגט (היושבת בגנים חברים מקשיבים לקולך השמיעני) (היושבת בגנים) דאס איז (כנסת ישראל) דאס זיא איז אין גלות, (חברים מקשיבים לקולך) דס זיינן די (מחנות עליונים) זייא אלי הערן דיר צו דיין קול אונ ליב אין גלות. קום אונ זעה ווער זיך שטארקט אן דער שכינה, זאל ער זיך שטארקן מיט זעלבי זאכן וואס איין (מחיצה) האבן אן מיר, דאס ער ניט זאל פעלן אונ פוגם זיין אן (אות ברית קודש) דר דא איז בגריפן (בשכינה) אונ זיא היט אים אונ גיבט אים שלום. (ומכל שכן) ווען ער נאך איז (מקנא על הברית) וויא פנחס האט גיטאן, דאס ישראל וואלטן מכלה גיווארן ווייל זיי האבן בועל גיוועזן (בת אל נכר) אונ פוגם גיוועזן אן דעם ברית, ווען ניט ווער גיוועזן פנחס, אז דער פסוק זאגט (פנחס בן אלעזר בן אהרן הכהן השיב את חמתי) :

אמר (רבי שמעון) ווארום שטייט צווייא מאל (פנחס בן אלעזר בן אהרן הכהן), אלא איצונד זיינן אין אים אריין גקומן צווייא נשמות פון (נדב ואביהוא), דרום זאגט ער (פנחס בן אלעזר) איז גיווארן איצונד (בן אהרן הכהן) (מנא) דאס ער האט בקומן דיא נשמות פון זייני קינדר : (רבי שמעון) איז געזעסן אונ האט עוסק גיוועזן אין דער פרשת פנחס, קאם פר אים זיין זון רבי אלעזר, שפראך ער וויא קומן (נדב ואביהוא) אין פנחס אריין: אויב דוא וועלסט זאגן, פנחס איז נאך איר טוט גבורן גיווארן, ער איז דאך דער פיר איין (סגן הכהן) גיוועזן, שפראך ער, איין קינד איך וויל דיר זאגן דיא הייליגקייט פון דער זאך, בשעה דאס (נדב ואביהוא) זיינן געשטארבן, האבן אירי נשמות ניט קענן ארויף קומן (תחת כנפי השכינה), דרום ווייל זייא זיינן געשטארבן אן קינדר, שנאמר (ובנים לא היו להם), אונ ווער עס האט קיין קינדר דער איז (ממעט) דען (דמות) פון אובן, אונ זייא זיינן ניט ראוי גיוועזן משמש זיין (בכהונה גדולה), (ובשעה) אז פנחס האט מקנא גיוועזן (על ברית קודש), אונ איז אריין גיגאנגן צווישן אלי חיילות, אונ האט מיט זיין שפיז געשטאכן דען זמרי מיט דיא (זונה כזבי) אונ האט ביידי ארויס געטראגן אויף דעם שפיז פאר (כל ישראל). אונ (שבט שמעון) זיינן אלי איבר אים גקומן, דען וואר אים זיין נשמה פר דער שרעקניש אויס גפלויגן, דען האבן זיך אן זיינר נשמה בהעפט די צוויא נשמות פון (נדב ואביהוא) דיא זיינן (נע ונד) גיוועזן (בלא לבוש), דען איז אין אים ווידר אריין זיין נשמה (כולל) מיט דיא צוויא רוחות, אונ האבן זיך געשטארקט אן אים. דען האט ער פר דינט איצונד איר ארט צו זיין איין (כהן גדול) וואס ער איז דער פיר ניט ראוי גיוועזן, דרום זאגט איוב (ה' זכר נא מי הוא נקי אבד), דער ריינר צדיק איוב ער האט פר לארן זיין נשמה אז זיא איז פון אים אוועק געפלויגן, (ואיפה ישרים נכחדו) דאס זיינן דיא רעכט פערטיגע (בני אהרן) איז ניט פון זיא פר מיטן גיווארן צו ביקומן איצונד וואס זיא האבן פר לארן דער פיר האבן זייא איצונד זוכה גיוועזן אין פנחס צו דער (כהונה גדולה), דרום שטייט (פנחס בן אלעזר) איז אויך גיוועזן איצונד (בן אהרן הכהן), דער פיר שטייט (ויאמר ה' אל משה קח את כל ראשי העם והוקע אותם לה' נגד השמש), ווארום קיגן דער זון האט אן זיי דן גיוועזן. זאגט

רבי

(רבי יהודה) וויא זייא האבן חוטא גיוועזן פֿר אזי אזו האט מן זייא פֿר אזי (דן) גיוועזן: זאגט (רבי שמעון) פֿון דא לערנן מיר, וויא דער מענש זאל זיין חטא מתקן זיין מיט (תשובת המשקל והגדר), וויא ער חוטא איז, אזו מוז דער תיקון זיין. זייא האבן (פוגם) גיוועזן אן ברית דאס דא הייסט (שמש), דרום האט מן זייא דן גיוועזן (כנגד השמש). אונ ווען איינר יא טוט תשובה אונ טוט ניט רעכט מתקן צו זיין אין דען גישטאלט וויא ער האט חוטא גיוועזן, האט ער אויך קיין רעכט תיקון ניט: נאך איין פשט (ואיפה ישרים נכחדו) דאס זיינן דיא רעכטע ווירדיגי. מעשים האבן פֿר אירן הערן, אונ זיינן (מקנא לשמו הגדול) אונ זיינן (מקדש שמו ברבים), אזו איז מן מקדש אובן לוויטן דיא שרים פֿון אובן, אונ הקב"ה ווערט דער קענט לוויטן אזי מיט זיין (שם כינוי), אבר ישראל דיא דר קענן אים דאס ער ווערט לוא זיא דר קענט מיט זיין רעכטן (שם הוי"ה). איטליכר' (שם כינוי) כלומר איין צו נאמן זיינן אזי שמות צו דען (שם הוי"ה). מיט אֵ"ל איז מעיד דאס ער איז איין אֵ"ל אבר אזי דיא הייסן אויך אֵ"ל, מיט דען שם (אלהים) ווערט ער דר קענט דאס ער הייסט (אלהי האלהים). מיט דען שם (אדני) ווערט ער דער קענט דאס ער איז (אדוני האדונים), אזו איטליכר מלאך האט זיין נאמן דער קענט צו ווערן מיט דען (שם המלך שלו), אבר ישראל מיט דען (כלל שם הקודש): זאגט ר"ש וועלכר מענש זיין נשמה ווערט מגולגל אין איין אנדרן גוף, אונ ער פֿר ריכט ניט וואס ער האט דער פֿר חוטא גיוועזן, איז גלייך אז ער זלט פֿעלשן (בחותם המלך), אונ איך לייאן אויף אים דען פסוק (ומצא אבידה וכחש בה ונשבע על שקר, וכחש בה) כלומר ער האט איין אבידה גפֿונן דיא נשמה אונ ער לייקנט דראן, איז אים בעסר דאס ער ווער ניט בשאפֿן גיווארן: מיר האבן גלערנט איין (צדיק גמור) ווערט ניט פֿר שטויסן פֿר איין רשע, אונ דר רשע קאן אים ניט איין שלינגן, אונ איין (צדיק שאינו גמור) ווערט יוא פֿר אים פֿר שטויסן. וועלכש הייסט איין (צדיק גמור) אדר (שאינו גמור), אלא איין (צדיק גמור) הייסט דר ניט איז אן אים איין פֿר קריאט נשמה דיא האט דער פֿיר מקלקל גיוועזן אונ ער פֿר ריכט אזי מיט זיין חלק, ער בויאט הייזר אונ שלעסר אונ ווייארן אונ גרובן אין זיין (חלק ונחלה), אבר איין (צדיק שאינו גמור) הייסט, ווען איינר בויאט (בנינים) אין איין פֿרעמדי (נחלה) וואס ניט זיין איז, כלומר ער טוט מצות אונ (מעשים טובים) ער ווייסט ניט אויב זייא זיינן פֿר אים פֿאר איין (צר) הייסט ער איין צדיק, אבר מכח זיין נשמה הייסט ער (צדיק שאינו גמור) דער ווערט פֿר שטויסן פֿאר איין רשע. גלייך אז איינר שטעלט אויף איין היפש בנין, ער זעהט אן דען פֿונדאמענט ער איז איין גיזונקן אונ קרום פֿון אזי זייטן, דאס בנין איז ניט גאנץ ביז ער מוז אלס איין ליגן אונ מוז אלס רעכט מאכן אונ פֿאר ריכטן, (מצד הבנין) וואס ער האט גימאכט איז שיין אונ היפש, (ומצד היסוד) איז ניט גוט אונ רעכט, דרום אויך הייסט אזו איינר (צדיק שאינו גמור): אזו אויך (פנחס) האט ניט זוכה גווען צו דער (כהונה גדולה), ביז ער האט (מקנא גוועזן לשם הקודש) אונ אלס רעכט פֿאר ריכט וואס דער פֿיר איז פֿר דארבן גווען: (ר' יהודה פתח) לְדָוִד שָׁמְרָה נַפְשִׁי

וגו' שטייט ווייטר (הבוטח אליך), עס קער צו שטיין (הבוטח בך) איז טייטש איך פֿר זיכר מיך אן דיר, אזו שטייט (הבוטח אליך) איז טייטש, דוד האט פֿר זיכרט צו הקב"ה דאס ער (כביכול) זאל פֿר זיכרט זיין אן אים דאס ער ווערט אויף שטיין אזי האלבע נאכט צו לובן הקב"ה, וויא אויך שטייט (חצות לילה אקום להודות לך), עס שטייט (אקום) איך וויל אויף שטיין מיך מקדש אן דיר צו זיין: ער זאגט (שמרה נפשי) היט מיין נפֿש ווען זיא ווערט פֿון מיר אוועק גיין, דען ווען דער נפֿש גייט ארויס פֿון מענשן צו ירשנן יענס עולם, ווען זיא זוכה איז, וויא פֿיל (חיילות מלאכים) דיא גייאן איר אנטקיגן אונ היטן זיא, אונ זיא צו ברענגן מקשר צו זיין אין דער שכינה אזי (ר"ח אונ שבת), אבר ווען זיא איז ניט זוכה; וויא פֿיל משחיתים קומן איר אנטקיגן אונ זיינן זי דוחה. ווייא צו דען נפֿש דאס זיך איז מגולגל (בדבר רק) אז איין שטיין אן שליידר, דרום האט דוד גבעטן, הקב"ה זאל אים היטן זיין נפֿש אונ זאל מקובל ווערן פֿר הקב"ה: (כי חסיד אני) ווי האט ער זיך גהייסן (חסיד), אלא ווער דא היט דען (ברית קודש) פֿר זנות, דער הייסט איין (צדיק וחסיד) דר ירשנט עו"הב, דרום שטייט (ועמך כולם צדיקים לעולם ירשו ארץ) דאס (ארץ החיים לעו"הב): (ר' חייא פתח) עֵדוּת בִּיהוֹסֵף שָׂמוֹ וגו' שְׂפַת לֹא יָדַעְתִּי אֶשְׁמָע ער האט גיקענט זיבציג לשונות דאס גבריאל האט מיט אים גלערנט, (ובשעה אז (אשת פוטיפרע) האט אים אן גירעט, האט ער זיך גמאכט גלייך אז ער ניט קאן פֿר שטיין איר לשון, דער נאך האט זיא אים אן גנומן פֿר זיין קלייד, אונ דער (רוח הקודש) טרייט קיגן אים (לשמרך מאשה זרה מנכרי' אמריה החליקה), אונ וויל ער האט גהיט דען ברית, האט ער זיך בהעפֿט אן דער שכינה, דרום האט אים הקב"ה צו גילייגט איין (אות) פֿון זיין (שם הקודש), דרום שטייט (עדות ביהוסף). אזו אויך (פנחס) האט אויך (מקנא על הברית) גוועזן, האט ער אים אויך איין (אות) צו גילייגט, דרום הייסט ער (פינחס) מיט דער (יו"ד): ר' יוסי זאגט, ווער דא איז מכבד דעם (שם הקודש) פֿון זיינם הערן אונ טוט ווערדיגן אים בעו"הז אונ היט דען (ברית קודש), איז ער זוכה אז הקב"ה ווערדיגט אים איבר אזי. מְנָלָן פֿון יוסף, וויל ער האט גהיט זיין ברית, שטייט (וירכב אותו במרכבת המשנה אשר לו) אונ שטייט (ונתון אותו על כל ארץ מצרים) אונ ניט דאס אליין. דאס (ים) איז גישפאלטן גיווארן פֿר זיין ארון, אז דער פסוק זאגט (הים ראה וינס) איבר דען וואס בייא אים שטייט (וינס ויצא החוצה). פנחס האט אויך זוכה גיוועזן (בעו"הז אונ בעו"הב) אונ האט לענגר גלעבט אז אזי (יוצאי מצרים) אונ האט זוכה גיוועזן (לכהונת עולם) ער אונ זייני קינדר נאך אים. אויב דוא וועלסט פֿרעגן האט ער דאך (זוכה לכהונה) נאך דער פֿיר גוועזן פֿר (מעשה זמרי). עס איז אזו, דען דיא דא זאגן איין טייל דאס פנחס איז ניט פֿריאר גווארן איין כהן אז איצונד, דרום וויל עס שטייט דא (והיתה לו ולזרעו אחריו ברית כהונת עולם תחת אשר קנא לאלהיו) איז משמע פֿון איצונד האט ער זוכה גוועזן, אזו איז דער פירוש. קום אונ זעה וועלכר כהן איז ממית איין נפֿש, דא ווערט ער (פסול לכהונת עולם), דען זיין מדריגה וואס ער האט איין אחיזה ווערט גיפֿעהלט אונ

פסול

פסול צו אים, דא וואר (אלא הדין פנחס פסול) געווארן צו כהונה. אבער ווייל ער האט מקנא געווען צו הקב"ה, דא איז ער אים (מייחס) דיא כהונה אייביג צו אים און זייני קינדער (לדורי דורות) נאך אים: (ר' אליעזר פתח) וַיַּרְאֵנִי אֶת יְהוֹשֻׁעַ הַכֹּהֵן הַגָּדוֹל עוֹמֵד לִפְנֵי מַלְאַךְ ה' שטייט ווייטער וִיהוֹשֻׁעַ הָיָה לָבוּשׁ בְּגָדִים צוֹאִים וְעוֹמֵד לִפְנֵי הַמַּלְאָךְ דער מלאך איז (דומה שר של גיהנם), דא ווער גייט אין דיא פאר מעצדי קליידר, פירט ער אין גיהנם, ביז עס קומט איין קול און האט גזאגט (הסירו הבגדים הצואים מעליו) אין זאל אפ טאן פון אים דיא און רייני קליידר דאס דיא ווערן פון די שלעכטי מעשים פון מענשן, דרום שטייט (ראה העברתי מעליך עונך והלבש אותך מחלצות) און האט אים אן געטאן היפשע קליידר, דאס דורך זייא קאן ער זעהן (פני השכינה) אין דעם כבוד פון זיינם הערין. אזו אויך פנחס איז ניט משולל געווארן פון דעם עולם, ביז עס איז אים געמאכט געווארן אנדרי קליידר דאס דער רוח דר פון האט (הנאה לעוה"ב). (בטעה אחר) האט ער אויס געצוגן דיא קליידר און האט זיך אן געקלייד אין יענע קליידר מקיים צו זיין (הנני נותן לו את בריתי שלום) ווייטר זאגט ער סודות פון גלגול, אז עס מאכט צדיקים גייט איבל, ווי (ר' אליעזר בן פדת אדר ר' חנינא בן דוסא) אזו אויך איוב איז געווען איין צדיק און האט יסורים געליטן, דרום ווייל ער איז געווען איין (בן יבמה), דאס ווען איינר איז (מיבם) זיין ברודרס ווייב, קומט אין דען קינד די נשמה וואס איז געשטארבן אן קינדר. ווערט ער מגולגל פאר ריבית וואס ער האט דער פיר פאר דארבן. דרום טרעפט אז איין צדיק גייט שלעכט. און דיא דאס ניט פאר שטייאן, זאגן עס גייט דרום איין צדיק איבל, ווייל קינדר און לעבן און (מזונות) הענגט ניט אן זכות, נייארט עס ווענדט זיך אלס אן מזל. אבער עס איז ניט אזו. דען מיר זעהן דאך אברהם האט זיין מזל אויס געוויזן ער זאל קיין קינדר האבן. האט אים הקב"ה אויס געצוגן פון דען מזל, ווי עס שטייט (ויוצא אותו החוצה וגו'). דען פאר (אתן תורה) איז אלץ געוועזן נאך דען מזל אפיי קינדר און לעבן און מזונות, אבר אז ישראל האבן דיא תורה מקבל געוועזן, זיינן זייא ניט אונטרן מזל, דרום ווייל אברהם האט געהאט דיא ה' אין זיין נאמן, דאס ווייזט אויף פינף (חומשי תורה) וואס זייני קינדר ווערן מקבל זיין, האט ער אים געגעבן אזוי היאל מיט אזוי מזלות דאס זייא זאלן אונטר אים זיין. און אזו ווער עס לערנט (תורה לשמה מקיים) זייא צו זיין, דער איז ניט אונטר דיא מזלות. אבער ווען ער ניט לערנט דיא (תורה מקיים) צו זיין דיא מצות, דער איז יוא אונטר דיא מזלות: (מכ"ש) די (עמי הארצים) דיא זיינן גיגליכן צו דיא בהמות, דאס אויך זייא שטייט (ארור שוכב עם כל בהמה) דאס פון זייא איז ניט בטל געווארן דער (כח המזלות). ווייטר שטייט פון דען (סוד הגלגול), כדי דאס דיא משחיתים זאלן אים ניט דער קענן אזו אין אים מאכן פאר ענדרן דען ארט, און דען נאמן, און דיא מעשים, ווייא בייא אברהם, דאס ער האט ניט זוכה געווען צו קינדר, ביז ער האט אזוי פאר ענדרן דען ארט (לך לך מארצך), אויך פאר ענדרן דעם נאמן (לא יקרא עוד שמך אברם). אויך דיא מעשים, דאס אין אזו די ערשטי (מעשים הרעים) אוועק ווארפן און אזו טאן (מעשים טובים).

אזו אויך ווען הקב"ה שיקט דיא נשמה פון אובן און ברענגט אים אין דעם עולם, זאגט דער פסוק (משנה פניו ותשלחהו) דען ווען דער משחית (עברה) בגעגנט אים ער איז פאר ענדרט אין זיין פנים, אזו פרעגן אים אנדרי משחיתים און זאגן דער איז דער חוטא, ענטפרט ער דאס איז ער שון ניט, ווייל ער איז אין איין אנדר (בנין), ווי בייא איין (נגע) אין הויז שטייט (ועפר אחר יקח וטח את הבית) אזו איז דער אין איין אנדר גוף און אדערן און פלייש און ביינר, און דער ערשטר גוף דער איז געווען (מנגע לרעת) איז ער צו שטוסן אין דער ערד, אזו האט ער הייסט איין תיקון. איין משל איין בוים דס ניט פיל פירות טראגט, נעמט מן זייני צווייגן און זעצט זייא צו מיט אנדרי צווייגן פון איין אנדרן בוים, דא וואקסט יוא פרוכטן, אזו קער אויך איין מענטש צו טאן, ווען ער זילט אין איין שטאט וואו רשעים זיינן, דס ער ניט קאן האלטן דיא מצות און איז ניט (מצליח בתורה), אז ער אויס ציען פון דארטן אין איין ארט וואו יוא רעכטי לייט וואונן דרינן דיא האלטן (תורה ומצות) דאס הייסט (עץ חיים היא למחזיקים בה), און דער מענטש הייסט איין בוים (כי האדם עץ השדה) און דיא מצות הייסן פירות, שטייט ווייטר (רק עץ אשר תדע כי לא עץ מאכל הוא אותו תשחית וכרת) אזו איין נארן דאס ניט (מאכל) דער האט קיין (מצות ומעשים טובים) דיא זיינן פירות, דעם זאלסטו פאר שניידן פון (עולם הזה) און פאר דארבן פון (עולם הבא). דרום אזו ער אויס ציען פון דעם ארט אין איין ארט וואו צדיקים וואונן, דרום זאגן דיא חכמים (לא המדרש הוא עיקר אלא המעשה). ער זאגט ווייטר פון איוב דאס ער אויך האט אזוי יסורים ליידן (כיון הדור), אזו אויך די צדיקים, וואלן צו דען חלק פון דען צדיק דער קאן מנצח זיין דען מקטרג, מיט דעם איז ער מציל זיין גאנצן דור, און ווערט איין רועה און איין פרנס איבר דען דור. און דרום האט משה זוכה געווען איין (רועה נאמן) צו זיין אויף ישראל דאס זייא זיינן ניט פאר לארן בעולם הזה, און ער האט זיי געפירט (בתורה ומעשים טובים) און אזו ווערט ער געוועלטיגן אויף זיי לעולם הבא. אין דעם קומט אריין צו זייא (משה רועה נאמן) ער פרעגט ווען דער עולם איז בצרה נעמט הקב"ה דען צדיק, גלייך אז ווען איינר קראנק איז, דא איז דער רופא שלאגט אדער אין רעכטן האנט, ווארום ניט אין לינקן האנט איז דאך מער נאנט צום הארץ. זאגט (ר' אבא צו ר' יוסי), איך וויל דיר זאגן וואס מיר איז געשעהן מיט דען הייליגן [illegible] ר"ש. איין טאג בין איך גיגאנגן מיט אים אין דיא שאל פון שטאט, און האבן איר (עוסק בתורה) געווען דען גאנצן טאג. (ואכח) די שטארקי היץ האבן איר זיך געזעצט אין איין לאך פון איין פעלזין, שפראך איך צו אים וואס איז דאס, דאס אזוי אמאל ווען רשעים זיינן בעולם און דער דין רואט אויף דער וועלט דא ווערן דיא צדיקים געשלאגן, אז איר האבן גלערנט דאס דיא (צדיקים וקדושים) ווערן בצוואונגן איבר דיא זינד פון דור, ווארום איז דאס, אויב עס איז דעסט ווגן דאס זייא ניט האבן געשטראפט דיא לייט אויף אירי מעשים, עס זיין ווייא פיל (מוכיחים) אין איז פון זייא ניט מקבל, און דיא צדיקים זיינן זייא מוכיח טאן, איז עס דאס זייא שטארבן דאס עס זאל קיין מגן זיין, זאלן זייא ניט שטארבן און ניט בצוואונגן איבר דיא זינד ווערן, דען עס

איז דאך צו דיא צדיקים ניט איין שמחה דאס זייא שטארבן. זאגט רבי שמעון, געוויס ווערן זייא בצוואונגן (בעון הדור), אבר ווען זייא ווערן בצוואונגן (בחולה אדר בצרעת), ווי זאגן זייא מכפר זיין (לעולם), דען זיינן זייא (מכפר על עון הדור), (אבל) פון דיא גלידר פון גוף, בשעה דאס אלי אברים זיינן בצרה אונ עס רואט אויף זייא איין גרויסי קריינק, דא שלאגט מן אדער דען חולה אן איין גליד, דא ווערט דען גאנצן גוף איין רפואה. אזו אויך אלי מענטשן זיינן גלייך אז גלידר, ווען דער (מדת הדין) רואט. דא נעמט הש"י איין צדיק שלאגט ער איין אבר אונ ציהט אויס בלוט, דורך דען איז איין רפואה (לכל עולם), אז דער פסוק זאגט והוא מְחוֹלָל מִפְּשָׁעֵינוּ מְדוּכָּא מֵעֲוֺנוֹתֵינוּ וּבַחֲבוּרָתוֹ נִרְפָּא וגו' ווען ער מאכט איין בייל צו איין גליד, ווערן אלי געהיילט אונ איז (מכפר על הדור), אונ דאס איז דער סוד דאס עס טרעפט איין צדיק גייט שלעכט: אונ דער (צד אחר) דער שטן מקטרג, איז אים ליבר אז דער דין געוועלטיגט אויף דען צדיק פר גרויס שמחה איז אים ווייטר נישט חיזוק אן גאנצן עולם, אונ דער צדיק איז זוכה (לגדולה עליונה בעולם הזה ובעולם הבא), אונ (צדיק וטוב לו) איז ווען הש"י ניט בגערט מכריע לעולם צו זיין. האב איך אים גפרעגט ווען עס זאגט נאר איין צדיק זיין ווער עס רעכט אזו, אבר זיינן פיל צדיקים, צו דעם זיינן (חליות ורעות וצרות), אונ דער זאל האבן (כל הטובות בעולם). שפראך ער מיט איין מאס יסורין אדר צווייא איז גנוג, אזו וואל דאס מן שלאגט אדער איז דער קראנק אויף דער האנט אליין ווערט דער גאנצר גוף געהיילט, אזו איז אויך איין צדיק גנוג, אונ ווען זיך דער קריינק שטארקט אונ ווערט גרעסער, איז מן (מקיז דם) אן דער אנדרי האנט אזו אויך ווען עס זיינן פיל זינד אין דור. דא ווערן זייא אלי גישלאגן צו געבן איין (רפואה לכל הדור). אבר ווען ניט פיל רשעים זיינן איז גנוג (מקיז דם) צו זיין איין אבר, איז מיט איין צדיק גנוגן בצוואונגן צו ווערן (בעון הדור), דען עס דארף ניט אויך דאס דער גאנצר עולם זאל גשלאגן ווערן: אבר ווערן געהיילט דאס דור. דען ווערן דיא צדיקים אויך געהיילט. אונ צו לייטן דאס דער צדיק איז (כל ימיו) קראנק ער זאל מגין זיין (על הדור), שטארבט ער איז אלי געהאלפן אונ האבן איין כפרה: מיר זיינן אויך גישטארבן אונ זיינן ווייטר גגאנגן, אונ דיא שטארקייט פון דער זון איז זייער גיוועזן אונ האט אונס וויא גיטאן אין וועג, ביז מיר האבן גיזעהן בוימן אין מדבר אונ וואסר אונטר זייא, אזו האבן מיר זיך גיזעצט אונטר איין שאטן פון איינס בוים (במדבר) האב איך אים גיפרעגט וואס איז דס אז אלי (אומות עכו"ם) טוען זיך ניט שאקלן אז וויא דיא בויאר, נייארט ישראל ווען זיא זיך מיאן בתורה שאקלן זייא זיך אונ שטייאן ניט שטיל. שפראך ער צו מיר, דוא האסט מיך דער מאנט איין גרויסי זאך דאס דיא לייט ניט ווייסן אונ זיינן זיך ניט משגיח דרויף: ער זאגט איין ווייל אונ וויינט אונ שפראך, וויא צו דען עולם, וויא צו דיא מענטשן דאס זייא גייאן אז די בהמות פון פעלד אן שכל, מיט דר זאך אליין ווערט דר קענט די (נשמות הקדושים) פון ישראל דען חילוק צווישן זייא אונ דיא עכו"ם, דען דיא (נשמות ישראל) ווערן נגזר אונ בשאפן פון דען הייליגן אויבערשטע ליכט דאס איז (מדת הקב"ה) דא הייסט

דיא נשמה (נר ה' נשמת אדם), אונ אזוי וואל אז דאס אויבערשטע ליכט וואו דיא נשמות ארויס קומן איז בגריפן אן דער (תורה עליונה) דא איז עס ניט שטיל אפילו איין רגע, דאס איז דער טעם (אלהים אל דמי לך המזכירים את ה' אל דמי לכם), גלייך אז איין ליכט דאס דא ברענט דא שאקלט זיך דאס פייאר הין אונ הער, אזו אויך זיינען דיא (נשמות ישראל) ווען ער זאגט איין (דבר תורה) דא דער ברענט זיך זיין נשמה אונ שאקלט זיך הין אונ הער אז ווי איין ליכט, וויא עס שטייט (נר ה' נשמת אדם) אונ שטייט מיר הייסט (אדם) אונ ניט (עכו"ם), דען מירי נשמות זיינן אז אויס געלעשט שטרויא, דרום זיינן זייא שטיל אונ טוען זיך ניט שאקלן, דען זייא האבן קיין תורה ניט אונ דאס ליכט ברענט ניט בייא זייא, זייא זיינן אז האלץ אין הויט גיגאנגן פייאר דאס ניט פלאמט. דרום זיינן זייא שטיל אן (אור כלל): שפראך רבי יוסי דאס איז דיא לויטרע זאך, וואל איז איין חלק אז איך האב דס זוכה גיוועזן צו הערן: פָּתַח רבי אבא הויב אן (שירו לה' שיר חדש תהלתו בקצה הארץ): וויא גליבט זיינן ישראל פר הקב"ה. דען זיי זיינן פון דר קדושה פון הקב"ה אובן דאס דא הייסט ישראל, אונ אלי מירי שמחה איז אלס איין יחוד צו מאכן בייא אלים (לשם יחוד קודשא בריך הוא ושכינתיה), דען אזו האבן מיר געלערנט (כל חדוה) וואס פר איין שמחה ישראל האבן אונ זיי בהעפטן ניט דר צו הקב"ה, איז קיין שמחה ניט, אונ איז אן גבריית (סמא"ל) מיט זיינע חברותא מקטרג צו זיין אן דער שמחה, אונ ווערט דרויס איין צער אונ איין גיוויין אונ הקב"ה בהעפט זיך ניט צו דען צער, אבר ווען ער זיא בהעפט צו זיין שמחה (הקב"ה ושכינתיה), ווען דער מקטרג קומט צו זיין אויף דער שמחה אונ עס מאכט אים קומן איין צער, בהעפט זיך הקב"ה צו זיין צער, אז דער פסוק זאגט (בכל צרתם לו צר). (ועמו אנכי). (אבל) דס ישראל קענן צו בהעפטן (הקב"ה בשמחה) ווען זייא האבן, עס שטייט (ישמח ישראל בעושיו) עס קער צו שטיין (בעושו) וואס שטייט (בעושיו לשון רבים), אלא די שמחה פון ישראל איז ניט אנדרשט נייארט (בעושיו) די אן אים איין חלק האבן דיא דרייא שותפים, הקב"ה אונ זיין פאטר אונ מוטר, אונ ווען גלייך זיין פאטר אונ מוטר זיינען שון גשטארבן, נעמט זיי הקב"ה אויס דען (ג"ע) אונ ברענגט זייא מיט זיך צו זיין שמחה, אונ אויף דעם שטייט (נעשה אדם בצלמנו) בשותפות, דען מיר האבן אזו געלערנט דרייא (אומנים) האט הקב"ה גימאכט פון זייא אויס צו ציהן דען עולם, דאס זיינן דיא הימל אונ ערד אונ דיא וואסר, אונ איטליכר האט משמש גיוועזן איין טאג. (יום ראשון) האט די הימל אויס גצוגן מיר (מלאכה), וויא דר פסוק זאגט (ויאמר אלהים יהי אור). (יום שני) האט דיא וואסר אויס גצוגן (יהי רקיע בתוך המים) ווען זיך ניט העטן גשיילט די וואסר דיא העלפט אובן אונ איין העלפט אונטן העט דער עולם ניט קענן שטיין. (יום שלישי) איז דיא ערד דאס האט אויס גצוגן אז דער פסוק זאגט (תדשא הארץ דשא וגו'), (יום ד') איז ווידר פון דיא (אומנים) דיא ערשטי (יהי מאורות ברקיע השמים), (יום ה') ווידר פון וואסר (ישרצו המים שרץ). (יום ששי). תולדת ארץ, תוצא הארץ נפש חיה). אז דיא דרייא זיינן פארטיג גווארן, זאגט הקב"ה איין אומנות הב

איך

איך צו מאכן, דאס איז דער אדם, אזו אויך דרייא שותפים אין מענשן הקב"ה אונ פאטער אונ מוטר, דער פאטער גיבט זיין חלק פון הימל אונ וואסר. אונ דיא מוטר גיט חלק פון דער ערד. אונ הקב"ה איז איין שותף צו זייא גיבט דיא נשמה, דרום שטייט (ישמח ישראל בעושיו, לשון רבים) מיינט ער דיא דרייא שותפים, אונ ווען שוין זיין פאטער אונ מוטר זיינן שוין געשטארבן, גייט הקב"ה אין ג"ע אונ נעמט זייא ארויס זייא זאלן זיין בייא דיא שמחה פון איהרן קינד, דרום שטייט (ישמח ישראל בעושיו). אונ דיא לייט ווייסן דס ניט. אבר בייא איין צרה איז הקב"ה דער בייא אליין, אונ איז ניט מודיע פאטר אונ מוטר, אז דר פסוק זאגט (בצר לי אקרא ה' ואל אלהי אשוע), רבי אבא ורבי יוסי זיינן אין איין (צל) וואו איין שאטן (כדמות ענן) דאס זיי האבן דארטן (סודות אגדה) געוועזן, אונ זעהן עס גייט אין הויז ארום איין געשטאלט פון איין מענש, פאלט רבי אבא אויף זיין פנים, זאגט רבי יוסי איך געדענק אמאל אויף דען אורט האב איך געזעהן (ר' פנחס בן יאיר), דער האט געזאגט סודות אין (פרשת פנחס בן אלעזר בן אהרן הכהן), אונ וויל דר פיר דער ברית איז געוועזן צו משה, אונ פנחס האט מקנא געוועזן (על הברית), האט משה געלערנט אוון ריידן צוא איהם (הנני נותן לו את בריתי שלום), דרום שטייט (לכן אמור לו) כלומר דוא זאלסט אזו זאגן, אבר עס איז דר מיט פון משה ניט גנומן געווארן, עס איז גלייך, ווען מען ליכט איין ליכט פון אנדרן האט דס ערשטי נישט ווערט געפעלט, אין דעם קומט דער (צל) אונ זעצט זיך אונ קושט איהם, הערן זיי איין קול. רופט אויס איין ארט רופט אויס, (ר' פנחס בן יאיר) איז דא בייא אייך, דען איר האבן אויך געלערנט, וואו דיא צדיקים זיינן (מחדש ד"ת) אונ דער איז אויף יענעם עולם, דאס איז זיין נשמה בעולם דאס ווארט אונ קומט אהין, ער זאגט וואס איין חלק דס הב איך זוכה געוועזן צו זיין (בחברותא של נר הקודש הזה), ער זאגט ווייטר פון נאמן (ר' פנחס), דער פסוק זאגט (כל אשר תמצא ידך לעשות בכחך עשה וגו') ווי זאל איטליכר מענש זעהן ווייל נאך דס לעבט ברענגט אויף זיין קאפ, (כלומר) ווייל נאך דיא נשמה איז אין איהם די איז זיין כח פון אובן, אז משה האט גרעדט (ועתה יגדל נא כח אדני) אזו זאל ער שאן די ווילן פון זיינם הערן: (כל אשר תמצא לעשות) וואס דוא קענסט שאן (בכחך) ווייל דער כח נאך לעבט אויף דיר. (עשה) טוא. אויף דעם כח האבן איר געלערנט (כל העונה אמן יהא שמיה רבא בכל כוחו), ער מוז זיך דער וועקן דען כח פון אובן, אונ מיט דעם כח זאל ער צו ברעכן דיא קליפות, דען ביי דעם כח נאך, איז מעשה. אוף דען עולם קאנסט נאר שאן (במעשה וחשבון). אבר אז דו שטארבסט אֵין מַעֲשֶׂה וְחֶשְׁבּוֹן בִּשְׁאוֹל אֲשֶׁר אַתָּה הוֹלֵךְ שָׁמָּה דארטן קאן מען נישט שאן קיין תשובה: פרעגט ער וויא זאגט שלמה (אשר אתה הולך שמה) גייט דען איטליכר אין דען גיהנם אריין. שפראך ער יא, אבר די גייאן תיכף ארויס אז דער פסוק זאגט (מוריד שאול ויעל), אויס גינומן די רשעים די זיינן געשטארבן אונ האבן ניט אפילו געטראכט תשובה צו שאן דיא גייאן ניט ארויס, אבר (אפי' צדיקים גמורים) גייען אריין, מען ברענגט זייא (לפי שעה) אריין, דען נעמן זייא ארויס פון דארטן וויא פיל רשעים, אונ מאכן

זייא דאס זייא טראכטן בתשובה, ועלכי דיא דא האבן אויף דער וועלט יא געטראכט תשובה צו שאן אונ זיינן געשטארבן אונ האבן קיין תשובה געטאן, דיא ברענגן זייא ארויס (דס איז בקיצור געשריבן): זאגט רבי אבא, איך געדענק איין מאל איין זאך דאס איך האב געהערט פון דען הייליגן ליכט ר"ש, ער האט עס געהערט פון ר' אלעזר, עס וואר איין מאל געקומען איין (גוי חכם) אונ שפראך, אלטר אלטר דריי שאלות וויל איך דיך פרעגן. איינס. איר זאגט עס ווערט ווידר געבויאט ווערן דאס (בית המקדש), מען געפינט מער ניט אין דער תורה דאס זאל זיין איין דריטר אדר איין פירטר (בהמ"ק), וואס הט איך זאלן געבויאט ווערן איז שוין געבויאט געווארן, אונ ווייטר דארף שוין קיינס געבויאט צו ווערן, דען דר פסוק הייסט זייא צווייא (בתי ישראל), אונ שטייט (גדול יהיה כבוד הבית הזה האחרון מן הראשון): די אנדרי שאלה, איר זאגט איר זייט נאנט צום (מלך העליון) מער אז אלי אומות, ווער דא איז (קרוב למלך) איז אלי מאל בשמחה, אונ איר זייט אלי מאל אין צער אין צרה אין (דוחק ויגון) מער ווידר אלי אומות, אונ איר האבן אלי (שלוה מן צער ויגון ודוחק כלל), נייארט איר זיינן נאנט צום (מלך העליון) איר זייט ווייט פון איהם: דיא דריטי שאלה איז. איר עסט קיין (נבלות וטרפות) כדי איר זאלט געזונד אונ שטארק זיין אן דעם גוף, איר עסין וואס איר ווילט אונ זיינן שטארק אין אלי אונזרי גלידר, איר עסט ניט אונ זענט שלאף אלי מאל מיט (חלאים רעים) אונ צו ברעכן מער אז אלי אומות, איר זענט אזו איין פאלק דס אייער גאט האט אייך פיינט מער אז אלי אומות, אלטר אלטר זאג איר נישט, איך וויל פון דיר נישט הערן אונ נישט פר נעמן, הייב אויף רבי אלעזר זייני אויגן אונ זאגט אויף איהם, דא וואר אויס מיט געווארן איין הויפן ביינר, אז דער כעס וואר ביי איהם געשטילט געווארן קערט ער זיך אום (בראשו) אונ וויינט אונ שפראך (ה' אדונינו מה אדיר שמך בכל הארץ) עס איז קיין קליין ווארט בתורה דאס ניט זאלט אויס גיין (אפילו של הקב"ה), דיא זאכן וואס איך האט געפרעגט דר רשע, האב איך איין מאל געפרעגט צו (אליהו), דא האט ער געזאגט. מען האט זייא מסדר געוועזן אין דער ישיבה פון הימל פר הקב"ה, אז ישראל זיינן אויס מצרים ארויס געגאנגן הט הקב"ה געוואלט צו מאכן זיי אויף דר ערד אז וויא דיא (מלאכים קדושים) אובן, אונ האט זייא וועלן זעלבסט בויאן איין (בית המקדש) אונ האט זיא וואלן מראש נידרן (משמי השמים), אונ פלאנצן זייא איין הייליג פלאנצונג אין געשטאלט פון אובן אז דער פסוק זאגט (תביאמו ותטעמו בהר נחלתך) דוא זאלסט זיי ברענגן אונ פלאנצן (בהר נחלתך), מיט וואס פר איין ארט (מכון לשבתך פעלת ה') מיט דען (בית המקדש) וואס דוא האסט געמאכט האסט אונ ניט איין אנדר, דס איז (בית ראשון), (מקדש ה' כוננו ידיך) דאס איז (בית שני), דאס דייני הענד זעלבסט געמאכט האבן אלי ביידי: אונ אז ישראל האבן חוטא געוועזן (במדבר) אונ זיינן געשטארבן, אונ הקב"ה האט אירי קינדר געבראכט (לארץ ישראל) אונ זייא האבן געלערנט אירי מעשים, דא זיינן זייא שוין ניט ווערדיג געוועזן צו דיא (בתי מקדשות) פון אובן, האט מען געבויאט ווערן דורך מענשן, דרום האבן זייא קיין קיום געהאט, אונ וויל שלמה האט דאס וואל געוואוסט וויל עס זאל זיין (מעשה בני אדם) ווערט עס קיין קיום האבן, דרום הט ער געזאגט

(אם ה' לא יבנה בית שוא עמלו בוניו בו), דען עס האט קיין קיום ניט, אזו אויך (בית שני בימי עזרא) האט אויך דער חטא גורם געוועזן האבן אויך זייא אזו בויאן, דרום הט אויך קיין קיום גיהאט, אונ ביז איצונד איז נאך ניט געוועזן בשלם דאס (בנין בית הראשון) וואס השי"ת האט זעלבסט גבויאט, ביז (לעתיד שטייט, בונה ירושלים ה') ער זעלבסט ווערט בויאן אונ קיין אנדרר, אונ אויף דעם בנין טוהן מיר נאך האפן, אונ עס ווערט ניט זיין איין (בנין בשר ודם) דס קיין קיום ניט האט, נאר השי"ת ווערט לעתיד ארויס נידרן אלי ביידי (בתי מקדשות) מיט איין מאל, דאס (בית ראשון) ווערט זיין צו גידעקט אין דעם (בית שני) דאס עס ווערט זיין אפין, דאס כל עולם ווערט זעהן די (אומנות) אונ ווערט זיין פון הקב"ה (בשמחה שלימה ורנון הלב), דרום ווערט מן זעהן דיא (ענני הכבוד) אונ די (ענני הכבוד) ווערט עולה זיין דאס (בית ראשון עד רום רקיע) אונ דאס האפן מיר, אונ אפילו דיא שטאט פון ירושלים ווערט ניט זיין (מעשה בני אדם), דאס דער פסוק זאגט (ואני אהיה לה חומת אש סביב), ווען אזו ווערט זיין דיא שטאט, (אכן שכן) דאס הויז וואס איז זיין וואונונג, אונ אזו האט זעלן זיין תכף אז ישראל זיינן ארויס מצרים גצוגן, האבן זייא עס פאר זינדיגט האט עס השי"ת אב גיטאן ביז (לעתיד לבא) אין דר לעצטר גאולה: דיא אנדרי שאלה בוודאי זיינן מיר נאנט צום (מלך עליון) מער אז אלי (אומות עכו"ם), דען הקב"ה האט אונז גימאכט צו איין הארץ פון גאנצן עולם, אז וויא דאס הארץ איז איין שטארקייט אין מענשן צו אלי אברים, אזו וואל אז אלי אברים קענן ניט איין קיום האבן אן דעם הארץ אפילו איין רגע דרום איז דאס הארץ מיטן דען גוף, אזוא זייננ ישראל גפירט צווישן דיא (אומות עכו"ם) זיינן דאס הארץ, דרום איז זייער אורט גיוועזן אויך אין מיטן וועלט דאס איז (ארץ ישראל), דאס הארץ איז וויך אונ שלאף אונ ער איז דער קיום פון אלי אברים, פון אלי צרות אונ טרויארקייט אונ צער ווייסט קיין אבר, נייארט דאס הארץ, דארטן איז דער קיום אונ שכל אונ פר שטאנד, אבר ווייטר די אברים ווייסן ניטס, זייא זיינן נאנט צום הארץ דיא דא מקבל איז אלס (הנאה ושכל פון מוח): אבר אנדרי אברים ווייסן ניט דער פון גאר ניט, אונ דרום וויל ישראל זיינן דס הארץ זיינן זייא נאנט צום (מלך הקב"ה) וויא דאס הארץ צום מוח, אונ קיין (אומה עכו"ם) ניט: די דריטה שאלה, ישראל עסן קיין (נבילות וטריפות אונ שקצים ורמשים) אונ זיינען גאנץ שוואך, עס איז אזו, דאס הארץ איז וויך אונ שלאף אונ איז דער (מלך וקיום) פון אנדרי אברים, דען ווען דער מענש עסט דא האבן פון דער (אכילה הנאה) אלי אברים, ווי דס עסן אין מאגן קומט, דא ווערט דס צו טיילט אונ דאס בעסט דאס לויטרסטי אונ קלאר פון אלים איז מקבל דאס הארץ, אונ דאס (פסולת) גייאן אין אנדרי אברים, דרום אלי אברים ווערן גישטארקט דר פון, זיי נעמן דס ערגסטי דאס גראבי דער פון, דרום גפינט מען בייא אלע אברים אֲבַעְבּוּעוֹת שְׂאֵת סַפַּחַת צָרַעַת אונ דאס הארץ איז פון דעם אלים ריין, עס האט גאר קיין (מום) ניט, אזו האט הקב"ה גוואלט דיא ישראל זיינן גאר ריין אן איין (מום), אז דר פסוק זאגט (כולך יפה רעיתי ומום אין בך): קומט ר' יוסי זיינה הענט פאר שמחה אונ שפראך, (אלאלא) ווען איך נאר ווער גיקומן אויף דעם עולם נאר דאס צו הערן, וואר איך שוין גינוג:

וְשֵׁם אִישׁ יִשְׂרָאֵל הַמֻּכֶּה ווארום שטייט ניט אֲשֶׁר הֻכָּה דס פנחס האט אים מכה גיוועזן: נאר וויל עס שטייט ניט אן, איין כהן זאל איין רציחה טאן, ער ווערט דורך דעם (פסול לכהונה), דרום שטייט ניט זיין נאמן נייארט סתם: רבי שמעון וואר גיגאנגן פון (קפוטקיא קיין לוד), גינג מיט אים רבי יודא, וויא זייא גייאן בגעגינט זיא (רבי פנחס בן יאיר) אונ צווייא מאן גייאן מיט אים נאך, שטונד דער אייזל פון רבי פנחס, זייא טרייבן אונ ער וואלט ניט גייאן, זאגט רבי פנחס לאזט אים שטיין, דען ער שמעקט (פנים חדשות) דס דא קומן צו אונז, אודר עס איז איין (נס) אונז גישעהן, וויא זייא דא שטייאן קומט ארויס צו גיין ר' שמעון פון הינטר איין פעלזן אפיר, דא הייבט דר אייזל אן צו גייאן. שפראך רבי פנחס, האב איך דען ניט אייך גיזאגט דאס ער שמעקט איין ריח פון (פנים חדשות). ער נידרט פון דעם אייזל אונ האלזט זיין איידם ר' שמעון אונ וויינט אונ זאגט, איך האב גיזעהן בחלום דיא שכינה איז צו מיר גקומן אונ האט מיר גגעבן (אוצרות ומתנות), האב איך מיך משמח גוועזן דער מיט דא איז דער חלום איצונד מקוים. שפראך רבי שמעון פון דעם קול פון די טריט פון דעם אייזל דא ווייס איך דס דוא ביסט (בשמחה שלימה): שפראך רבי פנחס מיר וועלן זיך זעצן אויף איין אורט, דען דיא תורה מוז האבן איין לויטרקייט, זייא גפינן איין קוואל וואסר אונ איין בוים דער ביי. זעצן זייא זיך, זאגט רבי פנחס איך זעה איין דס (לתחיית המתים) ווערט הקב"ה מאכן אין איין אנדרן דרך, דען וואס עס איז איצונד דאס ערשטי דא ווערט דעסטס מאל זיין דאס לעצטי, מיר זעהן אן דיא מתים וואס הקב"ה האט מחיה גיוועזן דורך יחזקאל, שטייט (ותקרבו עצם אל עצמו) צום ערשטן זיינן צו אננדר גקומן דיא ביינר, דר נאך שטייט (וראיתי והנה עליהם גיד ובשר) דער נאך (ויקרם עליהם עור מלמעלה ורוח אין בהם) וואס דא איז גווארן אויס גצוגן צום ערשטן ווערט זיין דס הינטרשטי, דען צום ערשטן ציאט זיך אויס דער רוח, דער נאך דאס הויט, דער נאך דאס פלייש, דער נאך דיא ביינר: זאגט ר"ש, אן דעם האבן זיך מקשה געווען דיא (עמודי עולם), אבר דיא ביינר דיא דא זיינן לעבנדיג גווארן דורך יחזקאל, זיינן גשעהן מיט זיי (נסים ואותות משונים) דאס הקב"ה הט מיט זיי גטאן, קום אונ זעה. עס שטייט (זכור נא כי כחומר עשיתני ואל עפר תשיבני) דער נאך שטייט (הלא כחלב תתיכני וכגבינה תקפיאני). (עור ובשר תלבישני ובעצמות וגידים תסוככני) דאס מיינט ער אזו, לעתיד ווערט הקב"ה נעמן דאס איין ביינדל וואס דא טוט איבר בלייבן אונ ווערט עס קנעטן אז איין טייג אונ מילך איז לויטר, דער נאך ווערט עס זיין גיגליווערט אז איין קעז, דער נאך ווערט ער ציען דריבר איין הויט אונ פלייש. דר נאך שטייט (חיים וחסד עשית עמדי) דאס איז דר (רוח החיים), עס שטייט (חיים וחסד עשית עמדי ופקודתך שמרה רוחי), ווארום שטייט ניט (תעשה עמדי), ווען עס גייט אויף (תחיית המתים) קער נאך שטיין דו ווערסט טאן, נאר (חיים וחסד) האסטו גיטאן מיט מיר

בעולם

(בעולם הזה) דאש דוא האשט מיר געגעבן (רוח חיים), אבער (פקודתך) אז דוא ווערשט מיך ווידר גדענקן (לעתיד) וויא צום ערשטן, (שמרה רוחי) די נשמות פון די צדיקים ווערן געהיט אונטר (כסא הכבוד), אונ דיא שכינה היט זיא ווידר צו קערן אין איר גוף (לתחיית המתים), דען אלי נשמות זיינן ביי מיר (בפקדון), ווי דר פסוק זאגט (בידך אפקיד רוחי), אזו זאגט אויך דוד (שמרה נפשי כי חסיד אני) דא זאגט דר (רעיא מהימנא) דש איז משה גרושי סודות. ועוד (שמרה נפשי כי חסיד אני) (אף על גב) אז הט גזאגט אין דר (גמרא) דוד הט אזו גזאגט, בין איך דען ניט איין חסיד, אלי (מלכי מזרח ומערב) שלאפן ביז דרייא שעות אויפין טאג, אונ איך שטייא אויף האלבע נאכט דיך צו לובן, אונ מייני הענד זיינן מיין גריכט (בשפיר בשליא לטהר אשה לבעלה), (מיר) איז געקומן איין פראש צו דוד, כלומר דער ממונה פון (צפרדע) אונ שפראך צו אים, וואש טוסטו דיך ברימן (חצות לילה אקום להודות לך), אונ איך איין גאנצי נאכט שווייג איך ניט שטיל פון לובן צו השי"ת אונ צו זינגן פאר אים. שפראך דוד. ווייא צו דיר ממונה פון דער (צפרדע) דאש דוא ניט פאר שטייסט וויא איך זאג, איך האב ניט גזאגט (כי חסיד אני), נייארט ווייל דיא רבנן גזאגט האבן (לא עם הארץ חסיד) דיא תורה איז געגעבן געווארן פון רעכטן האנט פון הקב"ה דאש הייסט (חסד), דאש ווער עש לערנט תורה דער הייסט חסיד, דרום האב איך אזו גזאגט צו השי"ת, (שמרה נפשי) דאש דוא זאלשט מיך ניט דן זיין וויא דיא (עמי הארצים) דש בייא זיי שטייט (ולא עם הארץ חסיד): אונ דוא ווילשט זאגן עש זיין דאך (עמי הארץ) דיא יוא טואן חסד, אלא אזו האבן זייא גזאגט ווילכש הייסט רעכט חסד (המתחסד עם קונו) וואש מען טוט מיט השי"ת, אז וויא דוד האט געטאן, אונ הט בהעפט די תורה פון לובן מיט השי"ת, אונ אז דר מענש שטארבט שטייט אויף זיין נפש (בהתהלכך תנחה אותך בשכבך תשמור עליך, והקיצות היא תשיחך לתחיית המתים), זיא ווערט אויף ריכטן דעם מענשן: אבר דען שכר פון דער נשמה לעו"הב וואש איז עש. אלא הקב"ה קלייד זיא אן וויא צום ערשטן אין איין (ענן הכבוד), זיא איז אין גשטאלט וויא איין גוף פון צווייא הונדרט אכט אונ פירציג (אברים), זי ווערט איין גיין (בארמ"ה) האט אין דער צאל צווייא הונדרט אכט אונ פירציג (אותיות), דרום שטייט (אם יהיה נביאכם ה' במראה אליו אתודע וגו') אונ (כרובים) דיא גייאן אויף אונ אב פאר אים אונ זאגן, גיבט כבוד צו דער צורה אונ גשטאלט פון מלך, אונ זעקש הונדרט דרייצעהן מלאכים די ברענגן ארויף דיא נשמה אין אירן גשטאלט. אונ אלע (פניהם פרודות) מקיים צו זיין (ואשא אתכם על כנפי נשרים ואביא אתכם אלי) אין גישטאלט וויא זייא זיינן אויש אדלרים ארויש גגאנגן מיט (ענני כבוד) אונ מיט אלרלייא כבוד, אזו אויך ווען דיא נשמה גייט אויש דעם גוף וואש איז גוועזן איין (טפה סרוחה) אריין צו גיין אין דעם (ג"ע עליון ותחתון), אונ דרום שטייט (ישאהו הטאים ותגל הארץ), (ובאותו שעה) ווערט מקיים ווערן (ולא יכנף עוד מוריך והיו עיניך רואות את מוריך) כלומר דער פיר האט די נשמה ניט זוכה גוועזן צו זעהן די שכינה, אבר דער נאך ווערן זייא זעהן (פני השכינה) אונ אלע דיא (מראות) האט (משה רבינו) זוכה גיוועזן דער איז גוועזן, (רבן של נביאים, רבן של מלאכי השרת):

בכה

ער וויינט ר' פנחס אונ זאגט, הב איך דאך גזאגט די שכינה האט מיר געגעבן (מתנות טובות), וואן איין מאל אז איך האב דאש זוכה גוועזן צו הערן אונ צו זעהן, אונ (זכאי) איז דאש דור דאש דו בישט געפונן בייא זייא. זאגט ר"ש (זכאה) איז דאש דור אז דוא מיט דייני חסידות ווערשט געפונן בייא זייא, וויא זייא אזו זאגן אונ זיינן זיך משמח. דא קאם רבי אלעזר בן ר"ש, זאגט ר' שמעון אלעזר מיין זון זאג אונ זאג דיין פסוק: ער הייב אן וְיַעֲקֹב הָלַךְ לְדַרְכּוֹ וַיִּפְגְּעוּ בוֹ מַלְאֲכֵי אֱלֹהִים עש איז איין (פגיעה לטובה) איין פגיעה לרעה) איין פגיעה צו תפלה. אונ בשעה דש יעקב איז געגאנגן (לחרן), האט ער מתקן גוועזן (תפלת ערבית) אין דעם ארט דאש עש ראוי גיוועזן מתקן צו זיין: וַיֹּאמֶר יַעֲקֹב כַּאֲשֶׁר רָאָם ער האט געזעהן די מלאכים פון נאכט אונ זעט אויך מלאכים פון טאג דרום הייסט ער (מחנים) צווייא מחנות, אונ איצונד האב איך דא געזעהן (מחנות קדושים), וואן איין מאל דש איך בין אהער גקומן, הייב אן ר' אלעזר איר האבן גלערנט, ווער עש זאגט (תהלה לדוד) אלע טאג דרייא מאל איז ער איין (בן עוה"ב), ווארום איז אנדערשט דר טעם ווייל פרנסה שטייט דרינן אונ אזו. איז דאך נאר צווייא מאל אלע טאג, וויא דער פסוק זאגט (בתת ה' לכם בערב בשר ובבקר לחם) דעם נאך ווארום זאל מן דרייא מאל זאגן, אלא צווייא מאל איז פון וועגן מזון (לכל עולם): אונ איינש צו געבן כח צו דעם ארט דאש (פותח יד) איז אונ (משביע לכל חי רצון): נאך איין טעם, צווייא מאל איז פון וועגן פרנסה, אונ איין מאל איז נאר פון (שיר ושבח) וועגן דאש דא איז צווישן דיא (שירות ותשבחות אונ זמירות) פון דוד, דאש איז ווען מן זאגט דיא (הלויות), ווארום עש איז ניט ראוי צו בעטן אויף פרנסה נייארט נאך דער תפלה, דען פון אונזר תפלה האט (כביכול) זיין הנאה וויא איין (מכילה כלפי מעלה), דאש השי"ת זאגט דרויף (אכלתי יערי עם דבשי) דא איז דער סדר, דאש ערשטן עשט דר מלך, דער נאך זייני קנעכט, דרום שטייט (באתי לגני אחותי כלה אריתי מורי עם בשמי אכלתי יערי עם דבשי שתיתי ייני עם חלבי) דאש זאגט (כביכול הקב"ה), דר נאך שטייט (אכלו רעים שתו ושכרו דודים), (אכלתי יערי) דאש איז די (תפלה מיושב) פון דעם (יער הלבנון יוצר אור והאופנים וחיות הקודש), זייא הייטן אלי בוימן אונ צווייגן פון דעם (יער הלבנון) פון אובן, (עם דבשי) דאש איז (ק"ש) דאש איז זיס מיט (נופת צופים ומתוקים). (שתיתי ייני עם חלבי) דאש איז די (תפלת עמידה) הייסט (שמונה עשרה) (שתיתי ייני) זיינן די ערשטי (דרייא ברכות פון ש"ע), ביז אהער איז דיא מכילה פון מלך (כביכול), ווייטר איז (אכלו רעים של מעלה), (שתו ושכרו דודים של מטה), דרום איז ער חייב צו זאגן פון (תהלה לדוד אונ אשרי) נאך (שמונה עשרה דא איז בשחרית) איין מאל, דאש אנדרי מאל צו (מנחה) פאר דר תפלה. (מאי טעמא) ווארום, דען מייער דיא (דינים קשים) הייבן אן צו גוועלטיגן בעולם איז נאך (מורות) פון אובן צייכטן נאך, זאל ער זאגן (תהלה לדוד) וועגן מזונות, דען דער נאך אז דיא דינים הייבן אן צו גוועלטיגן, איז ניט דיא צייט מתפלל צו זיין אויף פרנסה דש איז (אלד חסד), דא קומט רבי פנחס אונ קושט אים, איך האב דאש געריבן (בדרך נגלה) כדי מען

זאל

זאל וויסן אונ זעהן דען גרוסן סוד פון דיא תפלות, אונ ווי זייא זיינן אזו הויך אין דער מדריגה וואס דיא (אנשי כנסת הגדולה) האבן מסדר געווען אלס (על פי סוד) נאך די עולמות נאך, אז ניט איינר זאל פאר קערן דען סדר אודר אנדרי תפלות אריין שטעלן אונ זאגן וויא איין טייל טוהן, דען אז מען (משנה ומפסיק דיא צינורים) אונ איז אלס מקלקל וואס ער יוא מתפלל איז, אונ דער מענש איז געשטעלט קעגן (אובן מיטל סודות) מיט אלי זייני אברים אונ דיא אדרן, אונ ווען דער מענש עסט. נעמט דער לעבער אלס גוט אונ שלעכטס אונ פון אלים דאס גאנצי לויטרי דאס גיט דיא לעבער צו דען הארץ, אונ (עשו) איז געגליכן צו דר לעבר דס איז (והוא אדמוני) מייטל דם, דר שר אובן (סמא"ל) איז ער מתקן דיא רעכטי מציאה פר יצחק, אונ זאגט (יקום אבי ויאכל מציד בנו) דען דאס הארץ איז יצחק (מלך הקדושה), אזו אויך זיינן ישראל דאס הארץ פון אלי (אומות עכו"ם) אונ זיא נעמט דאס בעסטס. ווען זיי זיינן געוועזן אין ארץ ישראל איז איר מזונות געוועזן פון דער שכינה, אונ אין גלות דורך דיא (אומות עכו"ם), אזו איז אויך געוועזן בייא איין קרבן, אזו וואלט אז דאס הארץ לאזט דען לעבער אלס (פסולת וסיגים ולכלוך) אזו אויך אלי (מעשים הרעים). אונ די זינד פון ישראל הט מן געגעבן צו (עשו) אן י"כ, וויא דר פסוק זאגט (ונשא השעיר עליו את כל עונותם) דאס דער (שעיר איז עשו איש שעיר) ער האט אויף זיך גינומן אלע זינד פון (יעקב איש תם), אונ אלי (אומות עכו"ם) זיינן קעגן דיא אדרן די גייען פון דער לעבר, דרום געפינד מן (שחין לרעת מספחת) בייא אלי אברים, דאס איז אלס פון דער לעבר פון דעם פסולת וואס דאס הארץ לאזט איבר דען לעבר, אונ ווייטר דאס פסולת נעמט דיא מילז דאס איז (לי"ת) אונ דער לעבר איז דער (סמא"ל), מיט דעם ווערן ישראל דאס הארץ לויטר אונ קלאר פון אירי זינד דאס הקב"ה פר גיבט אונז אלי (יו"כ), אונ פון דיא קרבנות האבן אויך הנאה געהאט די חיילות פון אובן, אבר דאס חלק פון הקב"ה איז נאר דער ווילן פון הארץ, אונ ווען זיך דער מענש צו ברעכט זיין הארץ איז ווי דער פסוק זאגט (לב נשבר ונדכה אלהים לא תבזה), וויא איין ערדענע כלי דורך זיין צו ברעכן ווערט ער טהור, אזוא אויך דער מענש בגערט הקב"ה נאר זיין גוטע (מחשבה ורצון), אונ ווען דאס קרבן איז געוועזן אונ דאס פייאר אוף דעם (מזבח), איז געקומן אין געשטאלט וויא איין לייב דס הט פר ברענט דאס קרבן, ווען אבר ניט רעכט איז געוועזן איז געקומן (כדמות איין כלב) אונ האט דאס קרבן מקבל געווען. אזו אויך דיא נשמה ווען דער מענש זוכה איז, ווען ער שטארבט קומט מקיגן דער מלאך (אריה) דאס איז מיכאל איז מקבל אונ ברענגט פר איין קרבן צו הקב"ה, ווען ער ניט זוכה איז, דא קומט דער (סמא"ל כדמות כלב) אונ נעמט זיא, דרום האט (דוד המלך) געבעטן (הצילה מחרב נפשי מיד כלב יחידתי) דער נפש זאל ניצול ווערן פון דעם (כלב): רבי שמעון הויב אויף זיין קול אונ שפראך (וויא לירושלים עיר הקודש) וויא צו דאס פאלק דאס אלי טובות זיינן פון זייא פר לארן געווארן, דיא גרוסי (שרים וממונים) פון אובן איז אויך געקלענרט געווארן איר געשטאלט, זי ווייסן דיא (חברייא) אונ שפראכן, וויא רבי אז דו ווערסט אוועק גיין פון דען עולם ווער ווערט מגלה זיין (רזין סתימין) טיפי פר הוילני סודות וויא דיא זיינן, דאס זייא זיינן ניט געהערט געווארן זינט (שלמה המלך) ביז איצונד. וואל צו דען דור דס דא הערן דיא רייד אונ סודות אונ וואל דס דור אז דו בישט צווישן זיי, וויא צו דען דור אז דא ווערן איבר בלייבן יתומים פון דיר: הויב אן רבי שמעון (שמע ישראל ה' אלהינו ה' אחד) איז איין גרויסי **ע** אונ איין גרויסי **ד** דאס מאכט (ע"ד) דרום שטייט (ע"ד ה' בכם), בלייבט איבר פון שמע **שם** אונ פון (אח"ד) **אח** מאכט (אשמא, אכלי אשמא בה'). (אשמא בה' ממש). זאגט (רבי המנונא סבא) ווער דא איז אלי טאג (מייחד דען יחוד) איז אים איין שמחה אן געברייט פון אובן, (בכה רבי שמעון) וויינט אונ לאכט אונ שפראך, איך וויל נאך מגלה זיין, דען עס איז איין (עת רצון) פון אובן איצונד, אונ עס ווערט שוין קיין מאל איין דור דס זעלט זיין אזוא רשות מגלה צו זיין, ביז דאס דור ווען משיח ווערט קומן:

לא יקום עד אחד באיש וגו' על פי שנים עדים או שלשה עדים יקום דבר דיא אלוה איז, ווען איינר וויש עדות דאש ער זאל זאגן (בבית דין) כדי דאש זיין חבר זאל קיין שאדן פון געלט האבן דורך אים, אונ עש הייסט קיין עדות ניט ווייניגר אז צווייא, דרום שטייט (על פי שנים עדים יקום דבר), אונ דרום האבן דיא חכמים גזאגט ווער זאגט עדות אויף דעם מענשן · די ווענט פון זיינם הויז, אונ ניט דש אליין, אלא זיין הויז געזינד זאגן אויף אים עדות, ווער זיינן זיי דיא (קורות ביתו) דאש זיינן דיא ווענט פון זיין האוזן. ווייא בייא חזקיה שטייט (ויסב חזקיהו פניו אל הקיר) האבן דיא רבנן גזאגט דש (חזקיה) האט מתפלל געוועזן (מקירות לבו): דיא הויז געזינד דיא אויף אים עדות זאגן, דש זיינן דיא צווייא הונדרט מלאכים אונ פערציג אברים פון מענשן ווייא דיא חכמים גזאגט האבן, איין רשע זיינן דיא זינד אויש גגראבן אויף זייני ביינר, אזו אויך איין צדיק זיינן זייני זכיות אויש גיקריצט אויף זייני ביינר, דרום האט דוד גזאגט (כל עצמותי תאמרנה), אונ דרום האבן איר געלערנט, מי מעידין על אדם קורות ביתו, דש זיינן דיא ביינר דיא באלקין דיא ליגן אויף דעם (מוח) די ביינר דיא גבויאט זיינן אויף דעם (מוח), דש איז (אים) דז דרויף שטייט (המקרה במים עליותיו) (המקרה) איז לשון (קירות), אונ ווארום זיינן זייא אבער אויש גיגראבן אויף דיא ביינר אז ווי אן די פלייש אונ הויט אונ די גלידר. ווייל דיא ביינר זיינן וויש אונ איין שווארץ כתב איז נאך אזו וואל ווערט דר קענט אויף וויש. אזו אויך די תורה איז וויש פון איר ווייניג אונ שווארץ פון דערויטן, אונ ניט דש אליין, אלא דר גוף מיט דיא ביינר ווערן לעתיד אויף שטיין, דרום זיינן דיא זכיות אונ דיא עבירות אויש גיגראבן אויף זייני ביינר, ווערן זייא זוכה זיין ווערן זייא אויף שטיין (לתחיית המתים), אונ ניט דאש אליין, עש זיינן צווייא עדים אויף איטליכם מענשן, דיא אויג זעהט אונ דר אויער הערט אונ דאש בית דין שרייבן אויף אונ זיינן אים (דן), אונ ניט דאש אליין, אלא דיא זון אונ לבנה זאגן עדות אויף אים ווייא דיא חכמים גזאגט האבן (תקעו בחודש שופר בכסה ליום חגנו) וואש טייטש (בכסה) אז דיא לבנה ווערט צו גידעקט, אלא אז (ראש השנה) קומט, דא קומט (סמא"ל) פר הקב"ה ער מאכט זיין (דין ומשפט) אויף ישראל, דא זאגט הקב"ה ער זאל עדות ברענגן, אזו ברענגט ער מיט זיך דיא זון, ער גייט אונ וויל ברענגן אויך דיא לבנה, דא פר בארגט זיא זיך אונ ווערט פר דעקט אונ גייט ארויף אויף דעם ארט דאש דרויף איז גזאגט (במכוסה ממך אל תחקור) צו בעטן אויף ישראל רחמים, דרום שטייט (בכסה ליום חגנו) דאש די לבנה ווערט דענסט מאל צו גידעקט אויף איין זו איין ארט דש דר (סמא"ל) קאן זי ניט געפינן. זי איז פר הוילן וואו מן ניט דורף פרעגן אונ פארשטן איר ארט:

כי תצור אל עיר ימים רבים להלחם עליה (עוד בזוהר בלק)

רבי פנחס איז גיגאנגן צו זעהן זיין טאכטר די מוטר פון רבי אלעזר ווייא איז קראנק גיוועזן, זיינן מיט אים גיוועזן די חברים אונ ער איז גיריטן אויף דעם אייזל, האט ער בגעגינט צווייא (ערביים) אונ פרעגט זייא אויב זיך זיין טאג אויף דעם פעלד ניט האט דער וועקט איין קול, שפראכן זייא איין מאל זיינן גיוועזן גזלנים דיא דא האבן (גיגזלת עוברי דרכים) אונ האבן לייטן גיהרגת אין זעלביגן פעלד, אזו האבן זייא בגעגינט (יהודים) אונ האבן זייא וועלן אום ברענגן, דא איז ווארן גיהערט אין דעם זעלביגן פעלד דאש קול פון דעם אייזל דאש ער גיטריטן האט צווייא מאל, דא איז גיקוואן איין פלאם פייאר מיט דעם קול אונ האט זייא פר ברענט, זיינן דיא (יהודים) ניצול גיווארן, ער שפראך צו זיי, (ערביים ערביים) מיט דר זאך דז איר איר האט גזאגט זייט איר דעם טאג ניצול גיווארן פון אנדרי גזלנים דיא דא האבן אויף אייך גיווארט: הייב אן רבי פנחס צו וויינן אונ שפראך, רבש"ע דיא יהודים האשטו גטאן איין (נס) פון איינט וועגן דז זייא זיינן ניצול גיווארן אונ איך האב עש ניט גוואוסט: ער הייב אן (עושה נפלאות גדולות לבדו כי"א) וויא פיל טובות טוט הקב"ה מיט דיא לייט אונ זייא ווייסן עש ניט ניארט הקב"ה אליין, איין מענש שטייט אויף דש מארגנש אונ טרעט מיט זייני פיס אויף איין קאפף פון איין שלאנג די איז גקוואן אים ממית צו זיין אונ ער איז זיא ממית אונ ער ווייש ניט. נאר הקב"ה אליין, דש איז (עושה נפלאות גדולות לבדו) ער אליין ווייש דעם (נס) אונ דר מענש זעלבשט ווייש גאר ניטש דר פון, איין מענש גייט אונטר וועגן אונ גזלנים ווארטן אויף אים ממית צו זיין, דא קומט איין אנדרר אונ ווערט גיגעבן (כופר) אן שטאט אים אונ ער ווערט ניצול אונ ווייסט ניטש פון דר טובה דאש הקב"ה האט אים גטאן דש נס ניארט ער אליין אונ קיין אנדרר ווייסט ניטש דר פון, דרום שטייט (עושה נפלאות גדולות לבדו). שפראך ר' פנחס צו די חברים (חברייא) דש איך האב דא גפרעגט דיא דאזיגי (ערביים) דיא דא זיינן תמיד עוסק אין פעלד אויב זייא האבן גהערט דאש קול פון דיא חברים דיא זיינן (מתעטרן בתורה), דען (ר' שמעון ור' אלעזר) זיין זון אונ אנדרי חברים דיא גייען פר אונז זיי ווייסן ניט אז איר דא נאך קומן, אונ איך האב גפרעגט דיא ערביים אויף זייא, דען איך וויש דאש דש קול פון ר' שמעון מאכט ציטרן דיא בערג אונ די פעלדר, האבן זייא איר דא מגלה גיוועזן וואש איך האב ניט גוואוסט, אז זייא אזו גייען קערן זייא ווידר דיא (ערביים) צו אים אונ שפראכן, דוא אלטר אלטר דוא האשט אונז גפרעגט פון זאכן אויב איר ניטש האבן גהערט (איאי עולם), אונ האשט אונז ניט גפרעגט אויף דעם טאג דש איר האבן גזעהן איין וואונדר איבר דיא אנדרי, איר האבן גזעהן פינף מענשן זיינן גיזעסן אונ איין אלטר צווישן זיי, האבן איר גזעהן עופות פון הימל די האבן זיך גמאלט אונ האבן גשפרייט אירי פליגל אויף זייערי קעפ, דיא זיינן אוועק גיגאנגן אונ אנדרי זיינן גיקואן אונ האבן גימאכט איבר איר קאפ איין שאטן, אונ דער שאטן איז ניט איבר פארן פון זייער קאפף אונ דר זעלביגר אלטר דאש דא וואר צווישן זייא, האט אויף גיהובן זיין קול צווישן זייא אונ זייא האבן אים צו גיהערט. שפראך ר' פנחס (ערביים ערביים) אויף דאש האב איך אייך גפרעגט (יהי רצון) איר זאלט גייאן דען וועג אונ דער וועג זאל אייך זיין אן גברייט פר אייך אין אלים וואש איר בגערט, צווייא ארלייא האט איר איר גזאגט אזו בין איך אטאה, זיי גייאן אוועק, שפראכן דיא (חברייא) צו רבי פנחס, וויא ווערן איר וויסן דאש וואו רבי שמעון רואט דרויף. שפראך רבי פנחס לאזט נאר גייאן איין

איין

מיין בהמה אליין זיא ווערט שוין וויסן דען וועג אליין, זייא האבן זיין אייזל ניט גפירט אונ ניט גלענגט וויא דער סדר איז. איז דער אייזל אויס דעם וועג גיגאנגן צווייא (תחום שבת). ער הייב אן צו שרייאן דרייא מאל, דא וואר רבי פנחס אראב גנידרט אונ שפראך צו דיא חברים, איר ווילן זיך אן ברייטן מקבל צו זיין דאס הייליגי לויטרי פנים, דען איצונד גייאן זייא ארויס קיגן אונז, האט רבי שמעון געהערט דאס קול פון דעם אייזל שרייאן, שפראך ער צו דיא חברים איר ווילן אויף שטיין, דען דאס (קול השמחה) פון דעם אייזל פון דעם אלטן חסיד האט זיך דער וועקט צו אונז, אזו זיינן זייא אויף גשטאנן ר"ש אונ דיא חברים: הייב אן ר' שמעון (שירו לה' שיר חדש כי נפלאות עשה) דעם מזמור האבן שירה גזאגט דיא קיא דיא האבן דען ארון גפירט פון דיא (פלשתים), צו וויסן האבן זיי גזאגט שירו דש זיי זאלן זינגן, צו (נאה שרים נאה מדרגות) דיא זיינן מקינן גיקומן דען (ארון מקבל) צו זיין, צו זייא האבן די קיא גזאגט (שירו לה' שיר חדש כי נפלאות עשה), וואָרום שטייט בייא משה (שירה) איז (לשון נקבה) אונ דא (שיר לשון זכר), אלא ביי משה איז נאך דר ארון אליין גגאנגן די (כנסת ישראל) מיט אירי חיילות אונ ניט מער, אונ דא איז גוועזן דער ארון אונ אלס וואס דרינן איז בהאלטן גיוועזן די לוחות, אונ דרום איבר דעם וואס דרינן איז גיוועזן, דרום זאגן זייא לשון זכר (שיר חדש כי נפלאות עשה), ער האט גיטאן (נפלאות) אן דיא פלשתים, אונ אזו האט ער גטאן זייערי עבודה זרה (הושיעה לו ימינו), (ומה) דאך דיא קיא זיינן ניט גיוואונט גיוועזן (בנסים) נאך דיא שעה, האבן זיי גזאגט די שירה. (אכל שכן) דאס גשרייא פון דעם אייזל פון דעם אלטן חסיד דאס גיוואונט איז (בנסים), (על אחת כמה וכמה) דאס ער האט גזאגט (שירה). (ער זאגט ווייטר סודות). אין דעם זעהן זיא דאס רבי פנחס קאם, זייא קומן צו אים דא קושט רבי פנחס צו רבי שמעון אונ שפראך, איך האב דא גקושט דאס (פי ה') דאס דא איז (מבושם) מיט אלרלייא (בשמים) פון זיינם גארטן פון אובן, זייא וואָרן זיך זייער משמח מיט אננדר אונ זיצן. ווייא זייא זיצן דא זיינן אלי עופות דיא דא האבן איין שאטן גמאכט זיינן אוועק גפלויגן אונ פר שפרייט גיווארן, דא הייב אויף ר"ש זיין קאפ אונ הייב אויף זיין קול אונ שרייאט צו זיי אונ זאגט, איר עופות פון הימל זייט איר אייך דען ניט משגיח בכבוד פון אייערן הערן דש דא היר איז אונ שטייט דא, בלייבן זיי שטייאן אויף איינר שטאט אונ זיינן ניט אוועק פון אירן ארט אונ ניט צו גינעהנט אויף צוא זייא. שפראך רבי פנחס זאג זיי דש זיי זאלן גיין צוא זייער ארט, דען מן גיבט זייא ניט רשות אוועק צו גייאן ווייל דוא האסט גוזר גוועזן. זאגט רבי שמעון איך וויס דאס הקב"ה וויל אונז איין (נס) טאן, עופות עופות, גייאט אייער וועגס אונ זאגט אייערן ממונה דריבר אייך איז דאס דריבר זייט איר גוועזן אין זיין רשות, אבר איצונד זייט איר ניט אין זיין רשות, אבר איך האב דאס אויף אוף איין אננדר צייט, אזו וואָרן זייא זיך פר שפרייטן אונ פליאן אוועק. אין דעם זעהן זייא דאס דרייא בייאר פאר שפרייטן זיך אירי צווייגן אויף דרייא זייטן איבר זייא, אונ איין קוואל ברונן וואסר וואר קוועלן פר זייא. זייא וואָרן זיך אלי (חברייא משמח) אונ רבי שמעון שפראך צו רבי פנחס איין גרוס טרחה האבן די עופות געהאט בתחלה, אונ איין טרחה פון (בעלי חיים) בגערן מיר ניט. דען עס שטייט (ורחמיו על כל מעשיו). שפראך ר"ש איך האב זייא דאך ניט משריח גיוועזן, אבר ווען הקב"ה איז (חס) אויף אונז דא קענן מיר ניט אוועק שטויסן דיא מתנה דאס ער אונז האט גגעבן, זייא זיצן אונטר די בייאר אונ טרינקן וואסר אונ וואָרן נהנה דארטן: ר"פ זאגט ווייטר גרושי סודות:

פתח ער הייב ווייטר אן כִּי תָצוּר אֶל עִיר יָמִים רַבִּים וויא גאר גוט זיינן דיא וועג אונ שטעג פון דר תורה. דען איטליכס דיבור זיינן וויא פיל עצות וויא פיל טובות צו די לייטן וויא פיל פירצן דיא דא לייכטן (ככל נר). דוא האסט קיין וואָרט ניט אין דער תורה דש זאל ניט זיין דרינן (כמה אורות) דיא דא לייכטן (ככל נר) דר פסוק איז (לפי פשוטו) אונ איז דרינן דיא (חכמה עליונה) צו פר זאגן דער דא עס בדארף, וואס זיין אלץ דער דא אלי מאל עוסק בתורה איז אז דער פסוק זאגט (ובתורתו יהגה יומם ולילה וגו') וואָרום שטייט דאס נאנט בייא דעם, אלא ווער דא איז (עוסק בתורה יומם ולילה) איז ער ניט וויא איין טרוקענס האלץ, נייארט וויא איין בוים דער שטייט בייא איין באך וואסר, וויא זיינן דיא לעבעדיגי בייאר, עס זיינן אן זייא וואָרצלן אונ זיינן דראן שאליכטס אונ מוח אונ צווייגן אונ בלעטר אונ בלומן אונ פירות. דיא זיבן מינים גייאן אויף ביז זיבציג, אזו אויך דיא (ד"ת פשטים) פון פסוק דר פשוטו. דרשה. (רמז) דש איז דרינן (מראה חכמה), (גימטריאות, רזין שמונה, רזין סתומין) מיינט איבר דען אנדרן, (פסול וכשר טמא וטהור אסור ומותר), פון איצונד אונ ווייטר פאר שפרייטן זיך דיא צווייגן (זכל לד). דא איז ער בוודאי וויא איין בוים, אונ ווען ער ניט צערנט, דא איז ער ניט איין (חכם בחכמה). קום אונ זעה, וויא גליבט זיינן פאר הקב"ה דיא דא (משתדל בתורה) זיינן, אפילו אין דר צייט ווען דר דין הייגגט (בעולם) אונ הש"י האט רשות גגעבן דען משחית צו פאר דארבן, דא בפעלט איהם הקב"ה אויף די דא זיינן (משתדל בתורה), אונ אזו שפראך הקב"ה צו איהם, (כי תצור אל עיר) ווען דו ווערסט בלעגרן איין שטאט מכח אירי גרויסע זינד דש זיי חוטא זיינן פאר איר אונ זיינן (חייב בדין), (ימים רבים) דש זיינן דרייא טעג נאך אננדר וויא איר גפינן (ואשה כי יזוב זוב דמה ימים רבים) איז טייטש דרייא טעג, אזו אויך דא דען ווערט דער קענט דאס עס איז (דבר בעיר), זאגט הקב"ה צו דעם משחית, קום איך וויל דיר בפעלן אויף גאר איין הויז גלייך דיא (תלמידי חכמים) די זיינן איין הויז גלייך (אל תשחית את עצה) דער תלמיד חכם דער דא איז איין בוים פון לעבן דר דא פירות טראגט, ער איז (בעל עצה), ער גיבט איין עצה דער שטאט דש זייא זאלן (ניצול פון דין) ווערן אונ צערנט זייא דיא רעכטי וועג אונ שטעג דש זייא זאלן גייאן דרינן. דרום בפעל איך דיר, דו זאלסט דיך מיין האלטן אויף אים אונ ניט משחית אים זיין, (לנדות עליו גרזן) צו שטוסן אויף אים איין דין, אונ אויך ניט צו שטארקן אויף אים איין (להט החרב) דיין שארפן שווערד דר דא איז ממית אנדרי לייט פון עולם. (כי ממנו תאכל), עסט דען דר מלאך המות פון אים, אלא עס איז איין מדרגה בייא הקב"ה דש דא ווערט גישפייזט פון דער תורה, דאס פון איר גייאן

ארויס אזוי (רוחות החוקים הקדושים), דען עס איז קיין גרעסרי הנאה צו דען (רוח הקודש בעו"הז) אז דיא תורה פֿון דעם (תלמיד חכם הזכאי)· (כביכול) ער איז די (מדרגה מפרנס) אונ גיבט איבר (מזון בעו"הז) מער אז אזוי קרבנות אין עולם, ביא קרבנות שטייט (אכלתי יערי עם דבשי אכלו רעים) דס (הש"י כביכול) זאגט אויך דר הנאה פֿון קרבנות, אונ זינט דאס בית המקדש איז חרוב געווארן, זיינען דיא קרבנות בטל געווארן, דא הט הש"י קיין גרעסרן נחת רוח ווי פֿון דיא תורה לערנן אונ דער מענש מחדש איז· דרום זאגט ער (כי ממנו תאכלו) עס איז קיין אנדר שפייז אויף דען עולם אז פֿון אים, דען דורך דעם תלמיד חכם דער וועקט זיך אובן אויך איין (מזון ושפע) צו אזוי, דרום זיי גהיט אן אים, (ואתו לא תכרת) דו זאלסט אים ניט אפּ שניידן, דו זאלסט ניט צו אים גנעהנן, (כי האדם עץ השדה) דאס איז דער מענש דער דא ווערט דער קענט אובן אונ אונטן: (עץ השדה) דער (אילן הגדול וחזק) פֿון דען (שדה אשר ברכו ה') דאס איז דיא קדושה דיא הייסט (שדה) דס פֿון דארטן קומן אזוי נשמות דיא זיינן אז וויא גראז פֿון פֿעלד. דר ווערט דער קענט ביא דעם (שדה) אזוי אמל, דרום בפֿעל איך דיר אויף אים צו היטן, (לבא מפניך) תחתונים ניט די עליונים אהין קענן קומן (במקום שבעלי תשובה עומדים צדיקים גמורים אינם יכולים לעמוד) דאס איז (מצור) איין שטארק אורט איין שטארקר פֿעלזן, אונ ווען זייא תשובה טוען, בין איך זייא מכפר אירה זינד אונ בין זייא (מקבל ברצון) פֿר איר, דס אלס בפֿעלט הש"י צו דען (מלאך המות המשחית) אויף דען תלמיד חכם, דרום זיינן זייא (זכאים) די דא עוסק בתורה זיינן, וויא זיינן גרוסי בויאר בעולם הזה. זעהט וואס הקב"ה האט דא אונז גיטאן, דאס ער האט גיפֿאלגט דיא בייאר· (זכאה) איז דער וועג, אונ ניט גנוג איין בוים נאך דרייא גרויסע בויאר דיא שפּרייטן דיא צווייגן (וכן לך) האט הש"י גימאכט. (יהי רצון לפני הקב"ה) דאס דיא בויאר אונ קוואל ברונן זאל ניט אב גטאן ווערן פֿון דען ארט. אונ נאך (עד היום הזה) שטייאן זיי דארטן נאך דיא דרייא בייאר אונ קוואל וואסר, דיא לייט רופֿן זייא (כליבו דרבי פנחס בן יאיר) דאס איז פֿלאנצונג פֿון (רבי פנחס בן יאיר) עד כאן:

איש הַיָּרֵא וְרַךְ הַלֵּבָב יֵלֵךְ וְיָשֹׁב לְבֵיתוֹ זאגט רבי יוסף, וויא צו די לייט די ניט ווייסן אונ זיינן ניט מסתכל (בדברי התורה), וויא צו זייא ווען הקב"ה ווערט קומן צו פֿאדרן איין דין פֿון זייא אויף אירי מעשים, אונ דר גוף ונפֿש ביידי ווערן שטיין צו געבן חשבון פֿון אזוי זייערי מעשים, אייער זיך נאך אב שייד דער גוף פֿון נפֿש, דעם טאג איז דער (יום הדין), דער טאג דאס דיא ספרים זיינן אפֿין אונ דיא בעלי דינים שטייאן אונ דען טאג שטייאט דיא שלאנג דער (סמאל) אים צו בייסן, אונ אזוי זייני אברים טוען ציטרן ביי אים, אונ די נשמה איז זיך פֿורט פֿון גוף, אונ אז זיא איז זיך פֿורט פֿון גוף אונ גייט אונ שוועבט אונ ווייסט ניט אין וועלכן וועג זי זאל גייאן אונ צו וועלכן ארט זיא ווערט אויף גייאן, וויא צו דען זעלביגן טאג דער דא איז טאג פֿון (רוגז וכלה), דרום קיינר איטליכר מענש מאכן שטאראן דען יצר הרע אלי טאג, אונ פֿר אים צו גידענקן דעם טאג אז ער ווערט מוזן שטיין פֿר דעם (דין לפני המלך), דאס ווען ווערט אים מאכן איין גייאן אונטר דיא ערד אין קבר צו פֿר פֿוילן, אונ די נשמה ווערט זיך פֿון אים אפּ שיידן, אונ איר הבן געלערנט (לעולם ירגיז אדם יצר טוב על יצר הרע), גייאט ער אוועק פֿון אים איז גוט, (ואם לאו) זאל ער עוסק בתורה זיין, דען עס איז קיין מאן פֿר האנדן דאס מן קאן דער מיט צו ברעכן דען יצר הרע אז מיט תורה, גייאט ער אוועק איז גוט· (ואם לאו) זאל ער אים דער מאנן דען (יום המיתה) וויא איר האבן עס געשטעלט אין ערשטן פרק פֿון ברכות, איז דאך דא צו פֿר שטיין, דער יצר הרע איז דאך דר (מלאך המות), וואס פֿארכט זיך דער מלאך המות פֿאר זיין (יום המיתה) אז ער זאל פֿר אים דער מאנן, אדרבא ער האט איין שמחה דער מיט, אונ דעסט וועגן רעט ער אן דען מענשן ער זאל אים דער צו ברענגן, נא וואס זאל ער אים דר מאנן דעם (יום המיתה)· נאר דר מענש זאל אליין גדענקן אן זיין יום המיתה, דען דער יצר הרע רוהט ניט נייארט וואו שמחה אליין איז אונ גאוה, אונ ווען דער מענש האט צו בראכן גמיט דא איז ער זיך פֿורט פֿון מענשן אונ רוהט ניט אין אים, דרום זאל דער מענש גידענקן אן דעם יום המיתה, ווערט דער יצר הרע אוועק גייאן פֿון אים. קום אונ זעה, דער יצ"ט וויל האבן שמחה פֿון תורה, אונ דער יצר הרע וויל האבן די שמחה פֿון ווין אונ (ניאוף וגאוה). דרום קער דער מענש אזוי אמל ליגרן פֿר דעם (יום הדין הגדול) דר יום הדין פֿון חשבון, דעם טאג דאס ניסט מער איז מגין אויף אים אז דיא מעשים טובים דאס ער טוט בעולם הזה· קום אונ זעה, (ויראו האנשים כי הובאו בית יוסף) זיי זיינן אזוי גיוועזן זעלכי שטארקי גבורים אונ איין יונגר האט זיא גפֿירט אין הויז פֿון יוסף האבן זייא זיך אזוי גיפֿארכטן, ווען הקב"ה ווערט דעם מענשן פֿאדרן צום דין (על אחת כמה וכמה)· דרום קער איטליכר מענש צו היטן בעו"הז צו שטארקן זיך אן הקב"ה, אונ זאל זיך איין בטחון האבן אן אים, ווען גלייך ער האט גזינדיגט, ווען ער איז (חוזר בתשובה שלימה) פֿר אים אונ שטארקט זיך אן הקב"ה איז גלייך אז ער האט ניט חוטא גוועזן, די (שבטים) דרום וויל זיי הבן חוטא גוועזן (במכירת יוסף) האבן זייא זיך גפֿארכטן, אונ (אלמלא) העטן זייא ניט חוטא גיוועזן, העטן זייא ניט גפֿארכטן, דען דיא עבירות פֿון מענשן צו ברעכן דאס הארץ פֿון מענשן, אונ ער האט קיין כח ניט זיך צו שטארקן (לגמרי), וויל דר יצר טוב ווערט מיט אים צו בראכן אונ האט קיין כח ניט זיך נאך שטארקן איבר דען יצר הרע, אונ דרום שטייט (מי האיש הירא ורך הלבב ילך וישב לביתו) דר זיך פֿארכט פֿר זייני עבירות וואס ביא אים איז דאס דא איז דער שברון לב פֿון דעם מענשן דער הט מוזן ווידר אויס דער מלחמה ארויס גייאן צו הויז. קום אונ זעה, דער חטא פֿון דיא שבטים איז גישטאנען נאך וויא פֿיל דורות, דען עס ווערט ביא הקב"ה ניסט פֿאר לארן אונ שטייט (לדורי דורות) אזו לאנג ביז ער ווערט בצאלט, אונ דר דין רוהט וואו ער בדארף, אזו אויך (חזקיה) דער האט חוטא גיוועזן דס ער האט גוויזן די לוחות פֿר עכו"ם דיא שלוחים וואס צו אים זיינען גיקומן דאס ער האט ניט גידארפֿט· דא האט הקב"ה גשיקט צו אים (ישעיה הנביא) אונ הט אים גזאגט (הנה ימים באים ונשא כל אשר בביתך ואשר אצרו אבותיך עד היום הזה), זעה וואס דער חטא

האט

האט גורם גיוועזן, ווייל ער האט מגלה גיוועזן וואס דא איז פֿר הלין, דא האט בקומן דער (צד אחר) איין שליטה דש ניט דארף גוועלטיגן, דען (כדבר סתום וכינלם) האט דיא שוואכה קיין שליטה ניט איז דיא ברכה דרויף שולט, אז ער האט פֿר זיא מגלה גיוועזן, האבן זיא איין שליטה בקומן, דרום שטייט (כל מכבדיה הזילוה כי ראו ערותה) ווארום האבן זיא זיא פֿר שעמט, (כי ראו ערותה) ווייל חזקיה הט זיא גוויזן, ווען דאס ניט ווער גיוועזן העטן זיא קיין כח גיהאט צו פֿר שמעהן, און ווייל חזקיה איז אזו איין גרויסר צדיק גיוועזן איז דער שטראף ניט גיקומן אין זיינע טעג, נייארט דער נאך ווייא עס שטייט (רק כי יהיה שלום ואמת בימי) דער נאך איז כפֿלן גיווארן דער חטא צו זייני קינדר נאך אים, אזו אויך דיא (שבטים), איז איר חטא גישטאנן ביז דר נאך, דען דר דין פֿון אובן הט ניט קיננן שולט אוף זיי זיין ביז ער האט גפֿונן איין טעה צו בצאלן פֿון זיי דען זיינן זיא בצאלט גיווארן. און דרום אויך ווען דא האט חטאים בייא זיך דא פֿארכט ער זיך אלי מאל. אז דער פסוק זאגט (ופחדת לילה ויומם) דרום אויך (מיט הירא ורך הלבב) אז ער זיך פֿארכט דאס איז מכח עבירות, דרום שטייט ווייטר (ילך וישב לביתו) ער זאל בצייטן תשובה טאן אייער דר (יום הדין הגדול) קומט, ער זאל גייאן (לביתו) אויף יענם עולם דאס ער זאל קענן קומן אהין (לביתו לשלום) אן אויף האלטונג פֿון (משחיתים ומקטריגים) אויף דער נשמה:

וְלָקְחוּ זִקְנֵי הָעִיר הַהִיא עֶגְלַת בָּקָר ר׳ חייא הוב אן וַיַּרְאֵנִי אֶת יְהוֹשֻׁעַ הַכֹּהֵן הַגָּדוֹל עֹמֵד לִפְנֵי מַלְאַךְ ה׳ וְהַשָּׂטָן עֹמֵד עַל יְמִינוֹ לְשִׂטְנוֹ אין דעם פסוק זאל מען (מסתכל) זיין, (ויראני את יהושע הכהן הגדול) דאס איז (יהושע בן יהוצדק, עומד לפני מלאך ה׳) דש איז דש מארט וואס אלי (נשמות הצדיקים) זיינען דרינן (צרור בצרור החיים), (והשטן עומד על ימינו לשטנו) דאס איז דער יצר הרע דער דא שוועבט אין עולם צו נעמען נשמות און אויט צו ציאן דיא רוחות און אב צו קערן דיא בריות אובן און אונטן, און דאס איז גיוועזן בשעה דש (נבוכדנצר) האט אים גווארפֿן אין פֿייאר מיט דיא פֿאלשי נביאים, האט דער שטן מקטרג גיוועזן אובן ער זאל אויך פֿר ברענט ווערן מיט זיא, דען איז זיין סדר דאס ער איז ניט מקטרג אז (בזמן סכנה). בזמן אז צער רואט אויף דער וועלט, דען האט ער רשות צו הינדרן און צו טאן איין (דין אפֿילו בלא דין) דאס אן אים ניט הייסט ווייא דר פסוק זאגט (ויש נספה בלא משפט), וואס מיינט ער מיט (לשטנו), ער האט גיזאגט ענטפֿר אלי מאן פֿאר ברענט ווערן, אדר אלי מאן ניצול ווערן, דען ווען מען אים גיבט רשות איז ער ניט (מבחין בין צדיק לרשע), און דרום ווען איין דין איז אין איין שטאט, קער איין מענש אוועק צו לויפֿן דאס ער זאל ניט אויך נתפס ווערן דארטן, דען אז דער משחית אן הייבט, דא טוט ער אזו וואל דען (זכאי) ווייא דען (חייב), (מכל שכן) דאס דא זיינן גיוועזן אלי דרייא, מיינט דער נבוכד נצר, דער משחית, און דער מלאך, דש זיינן זאלן אלי פֿאר ברענט ווערן, אדר אלי בשערמט ווערן, דען ווען הקב״ה טוט איין (נס), דא טוט ניט האלב (נס) און האלב (דין), נייארט אייטל נס אדר אייטל דין. שפראך

רבי יוסי, טוט ער דען ניט האלב דין און האלב נס, דען (כשעת קריעת ים סוף) האט דאך הקב״ה אזו גיטאן, איין (נס) צו ישראל און דין צו דיא מצרים דאס זיא זיינן דער טרונקן גיווארן. שפראך רבי חייא, אין מאת דאס איז ניט גיוועזן (קשה) פֿר הש״י אז (קריעת ים סוף), דען אונטן ווערט ניט גטאן נייארט (בשלימות), אדר (נס) אדר דין, און דרום טוט הקב״ה קיין דין אן דיא רשעים ביז די מאס איז פֿאל פֿון ווייא דער פסוק זאגט (כי לא שלם עון האמורי עד הנה) און שטייט בְּסַאסְּאָה בְּשַׁלְחָהּ תְּרִיבֶנָּה, דרום האט דר שטן מקטרג גיוועזן אז (יהושע) זאל אויך פֿר ברענט ווערן מיט דיא פֿאלשי נביאים, ביז דער (מלאך ה׳) האט צו אים גיזאגט (יגער ה׳ בך השטן ויגער ה׳ בך): און דוא וועלשט פֿרעגן ווייא רעט דער פסוק (ויאמר ה׳ אל השטן יגער ה׳) ווייא שיקט זיך דאס ווען הקב״ה האט דאס גרעט (יגער ה׳ בך). קום און זעה, עס שטייט בייא משה דאס הש״י הט זיך אין (סנה) בוויזן (וירא מלאך ה׳), און שטייט (וירא ה׳). דען דער מלאך ווערט אויך גרופֿן מיט נאמן ווייא דער נאמן פֿון זיין רבי, דרום האט דער (מלאך ה׳) גיזאגט צום שטן (יגער ה׳) גאט זאל אן דיר אן טרייאן, און האט ניט גירעט (הנני גוער) איך טרייא אן דיר. קום און זעה דאס גלייכן אין דען טאג דאס דער דין גוועלטיגט בעולם און הקב״ה זיצט אויף דען (כסא דין), דען ווערט דער שטן גיפֿונן דאס ער הינדרט אובן און אונטן און ווערט גפֿונן צו פֿר דארבן און צו נעמן דיא נשמות: ר״ש איז גיזעסן און הט (משתדל) גיוועזן אין דעם פסוק (ולקחו זקני העיר ההיא עגלת בקר וערפו שם את העגלה בנחל) און דער דין איז בייא דער (עגלה הערופה) דאס גניק אב צו מאן שלאגן מיט דעם האמיר. שפראך רבי אלעזר צו אים, ווארום טוט מן דש דא: הויב אן ר״ש צו וויינן און זאגט, ווייא צו דעם עולם דאס זיך ציט נאך דעם, דען פֿון טאג אז די (נחש הרעה) האט גוועלטיגט אויף דעם מענשן און אויף דיא (בני עולם), דא שטייט זיא צו הינדרן אויף דעם עולם, און דר עולם קאן ניט ניצול ווערן פֿון איר שטראף, ביז עס ווערט קומן דער (מלך המשיח) און הש״י ווערט אויף רעבֿטן דיא מתים פֿון דער ערד אז דער פסוק זאגט (בלע המות לנצח ומחה ה׳ אלהים דמעה מעל כל פנים וכו׳) און שטייט (ואת רוח הטומאה אעביר מן הארץ) און ער שטייט איצונד אויף דעם עולם צו נעמן דיא נשמות פֿון אלי מענשן: קום און זעה, עס שטייט (כי ימצא חלל באדמה וגו׳), דען אלי מענשן גייאט ארויס איר נשמה דורך דעם מלאך המות: אויב דוא וועלשט זאגן דען דאזיגן (חלל) איז אויס גגאנגן זיין נשמה דורך דעם (מלאך המות), עס איז ניט אזו נייארט דר וואס אים הט ממית גיוועזן, דורך אים איז זיין נשמה ארויס גגאנגן פֿאר זיין צייט דאס דער מלאך המות האט זעלן אן אים גוועלטיגן, און דרום שטייט (ולארץ לא יכופר), וְלֹא דַּי אז ער שטייט תמיד אויף דעם עולם צו הינדרן און ווינשט מקטרג צו זיין. (מכ״ש) ווען מן אים גזלת דאס מן נעמט אים זיין אלש וואס ער הט זעלן טאן און נעמט דיא נשמה, דרום האט הש״י (חס) גיוועזן אויף זייני קינדר, און האט גהייסן מקריב זיין איין (עגלה ערופה) צו בווילגן דער מיט און מתקן זיין אויף דעם דאס אים איז גינומן גיווארן ער זאל ניט מקטרג זיין, דרום זאגן

זאָגן די זקנים (ידינו לא שפכה את הדם הזה) איר האָבן דאָס ניט גורם געווען דאָס (שפיכת דמים), מיט דעם קאָן ער שוין ניט אויף זיי מקטרג זיין, און אויך האָט הש"י געגעבן איין עצה די לייט דאָס קיין קטרוג זאָל זיין אויף זיי. קום און זעה דאָס געזאָגט (בר"ה ויום כפור) אין דער צייט אַז דער דין געוועלטיגט בעולם, דאָ שטייט ער מקטרג צו זיין. דאָ ווען זיך ישראל דער וועקן מיט דעם שופר, און מיט דעם (קול השופר) דער וועקן זיי ביז דאָס קול גייט אַרויף ביז דעם אָרט פון (כסא הכבוד) פון דין, און דער וועקט די רחמים, און דורך דעם ווערט דער (מקטרג מבולבל), דען ער מיינט צו דער וועקן דעם דין, און ישראל דער וועקן דען רחמים. דען ווערט זיין כח שלאַף און ער ווערט פאַרמישט, דען קאָן ער נישט טאָן, און הש"י איז דן דעם עולם מיט רחמים: קום און זעה, עס שטייט (תקעו בחודש שופר בכסה ליום חגנו). (בכסה) איז טייטש אַז די לבנה ווערט צו געדעקט דען געוועלטיגט די בייזע שלאַנג, און קאָן מזיק זיין דעם עולם, אַז איר דער וועקן מיט דעם קול שופר די רחמים דאָ גייט די לבנה אויף, די שלאַנג איבער פאַרט פון דאָרטן און ווערט מבולבל און קאָן ניט געוועלטיגן, גלייך אַז איינער שטייט אויס דעם שלאָף אויף און ווייסט ניט, אַז (יום כפור) ווי מען מוז טאָן איין ווילן און נחת רוח מיט דעם (שעיר לעזאזל) דאָס מען ברענגט אים, דורך דעם ווערט ער נאָך איין (סניגור) איין (מליץ יושר) פאַר ישראל, אָבער אַן ראש השנה ווערט ער פאַרמישט דער נישט ווייסט און קאָן נישט טאָן, ער זעהט דאָס דער וועקן פון רחמים די גייען אַרויף פון אונטן און דער וועקן די רחמים אויבן, דען איז הש"י (דן) דעם (עולם ברחמים) און איז אויף זיי (חס), און ווערט געפונען צו זיי אין די צעהן טעג פון ראש השנה ביז יום כפור מקבל צו זיין אַלע די תשובה טאָן און זיי מכפר צו זיין אויף אירי עבירות און ברענגט זיי אויף (ליום הכפורים), און דרום האָט הקב"ה אויך אַלים באַפוילן צו ישראל צו טאָן אַזוי איין מעשה דס דער שטן זאָל ניט קענען אויף זיי געוועלטיגן און קיין דין ניט אויף זיי צו קומען און זאָל געפונען ווערן (לצדיקים בארץ). אַזוי ווי דאָס (רחמנות) איז פון איין פאָטער אויף זיין קינדער; און לאָזט הענגען אין דיבור אָדר מעשה צו דער וועקן אויבן ווי אַן אַנדערשט וואו האָט מפורש געוועזן:

פרשת כי תצא.

כִּי תֵצֵא לַמִּלְחָמָה עַל אֹיְבֶךָ וְרָאִיתָ בַּשִּׁבְיָה אֵשֶׁת יְפַת תֹּאַר

ר' אלעזר איז געגאַנגען אונטער וועגן, איז מיט אים געווען ר' חייא, שפּראַך ר' חייא עס שטייט (וראית בשביה אשת יפת תואר) וואָרום האָט די תורה דאָס מתיר געווען עס שטייט דאָך (לא תתחתן בם), שפּראַך ער דאָס איז דרום מותר, ווייל זיי זיינען נאָך געווען די אומות אין איר רשות מיי ער מען האָט זיי כובש געווען, קום און זעה דאָ געפינסט ניט קיין (אשה כשירה) ביי די אומות עכו"ם ווי עס געהער צו זיין, דען איר האָבן געלערנט אַז די תורה האָט דרום צו אַנאַנדער געשטעלט די צוויי (פרשיות) פון (יפת תואר און בן סורר ומורה), דען ווער עס נעמט איין (יפת תואר) דר האָט פון איר איין (בן סורר) ווייל די (זוהמא) איז גאָר שטאַרק איז ביי די (עכו"ם) איז שווער די טומאה אָב צו טאָן פון זיי. (אבל שכן) דס ער נעמט דאָ צום ערשטן דאָס דער דין אַן איר איז בהעפט, איז שווער די (זוהמא) אָפּ צו טאָן. דרום שטייט ביי די ווייבער פון (מדין) (וכל אשה יודעת משכב זכר הרגו). וואָרן צו דען מענטשן דער וואָס ירשנט ירושה און היט דעם ברית, דען מיט דער הייליגע ירושה בהעפט זיך דר מענטש אַן הקב"ה, (אבל שכן) ווער עס איז זוכה (באמונת התורה), דאָ שטערקט הקב"ה זיין רעכטי האַנד קעגן אים און בהעפט זיך אַן הקב"ה, און דרום שטייט (ואתם הדבקים בה' אלהיכם, בנים אתם לה' אלהיכם, בנים ממש) אַז דער פסוק זאָגט (בני בכורי ישראל) און שטייט (ישראל אשר בך אתפאר):

בזוהר (חדש פ' ז) כִּי תֵצֵא לַמִּלְחָמָה עַל אֹיְבֶיךָ ר"ש האָט אָן זָנַח יִשְׂרָאֵל טוֹב אוֹיֵב יִרְדְּפוֹ וואָס איז טייטש (זנח ישראל טוב) דס איז דר (יצר טוב) דס (שלמה המלך) האָט אים גירופן טוב ווי דר פסוק זאָגט (טוב ילד מסכן וחכם, אויב ירדפו) דר פיינד דר דאָ דעם מענטשן יאָגט דאָס איז דר (יצר הרע) דאָס שלמה האָט אים גירופן (שונא), ער האָט פיין נעמען, און שלמה זאָגט (אם רעב שונאך) ווען דיין שונא דער יצר הרע איז הונגעריג דיך צו מאַכן זינדיגן (האכילהו לחם) גיב אים צו עסן די הייליגע תורה די דאָ הייסט לחם, ווי דער פסוק זאָגט (לכו לחמו בלחמי), דרום ווען דער יצר הרע קומט צום מענטשן זאָל ער תורה לערנען, דען עס איז קיין גרעסער כח צו ברעכן דעם יצר הרע אַז מיט תורה, דרום שטייט (והיו הדברים האלה אשר אנכי מצוך היום על לבבך) דאָס איז דער יצר הרע דאָס איר זאָלט קעגן אים גיין מלחמה צו האַלטן מיט דר תורה. דאָ ווערט ער איבער געענטפערט צו דען מענטשן, דרום שטייט (ונתנו ה' אלהיך בידך ושבית שביו): זאָגט ר' שמעון, ווי אויף דעם, ווי אויף דעם, (תחת עבד כי ימלוך, ונבל כי ישבע לחם) דס ווען דער מענטש איז חוטא, איז דער יצר טוב געפאַנגען ביים דעם יצר הרע, און ער איז איבער אים איין מלך, אָבער ווען ער תורה לערנט (ושבית שביו) ווערטסו פון אים פאַנגען זיין געפיינקענט דען יצר טוב, (וראית בשביה אשת יפת תואר) דס איז די נשמה ווי דר פסוק זאָגט (אשה יראת ה' היא תתהלל), דען אַלי טאָג בעולם הזה דאַ האַלטן תמיד מלחמה די פירר די (חיילות ומחנים) פון די נשמות מיט די (מחנות יצר הרע) די זיינען חייביג מקטרג מיט אַנאַנדער, און אַלי אברים פון גוף זיינען צווישן זיי בלער, צווישן די (נשמה און יצר הרע), (והבאתה אל תוך ביתך), דען זיא איז אַוועק געשיקט געוואָרן פון דאָרטן און די ריכטעט האָט געירשנט אירע הערן ווי אויבן שטייט, און הייכט בקומט ער זיא ווידר אין זיינעם הויז, דאָ קער ער זיא מיט

תשובה

תשובה מטהר צו זיין אונ ווען זיא ריינגן פֿון דר מום פֿלויט דש די נחש האט אין איר גווארפֿן ווייל זי איז אין איר רשות גיוועזן. (וגלחה את ראשה ועשתה את צפרניה) דאש זיין דיא (זוהמא). (והסירה את שמלת שביה) דוא זאלשט פֿון איר אב טאן דיא (מלבושי טומאה ואיני טומאה) פֿון (חטא עגל). דען (בשעת מתן תורה) האבן זיא מקבל גיוועזן (לבושי קדושה), אונ אז זיא האבן גזינדיגט ביים עגל האט מן זיי אוועק גנומן ווי דר פסוק זאגט (ויתנצלו בני ישראל את עדים מהר חורב), (ובכתה את אביה ואת אמה ירח ימים) דש איז דר (חודש אלול) דאש דר מענש קער צו וויינן אויף זייני עבירות אונ תשובה צו טאן דרויף, דיא קליידר פֿון טומאה פֿון יצר הרע דאש דיא נשמה האט אן דיא בגדים צו איז אב צו טאן מיט דעם וויינן אונ תשובה אין דעם חודש, דען (בחודש אלול) איז משה ארויף גינאנגן נאך דעם (חטא עגל) מתפלל צו זיין אויף ישראל פֿר הקב"ה ער זאל מוחל אירן חטא זיין:

כִּי יִהְיֶה לְאִישׁ בֵּן סוֹרֵר וּמוֹרֶה וגו' וְתָפְשׂוּ בוֹ אָבִיו וְאִמּוֹ וְגוֹ'.

זאגט ר' אלעזר, איך פֿר וואונדר מיך אויף דעם, אונ איר האבן אויך אזו גלערנט, בשעה דש הקב"ה האט גזאגט צו משה דיא פרשה פֿון (בן סורר ומורה), שפראך משה, (רבונו של עולם) למה דאש שרייבן, איז דען דאש אייגליך אז איין פֿאטר ווערט אזו טאן צו זיין זון, אונ משה זעהט מיט זיין חכמה אלש וואש הקב"ה האט אן גבריכט צו טאן די ישראל, שפראך הקב"ה איך הער וואש דו זאגשט, שרייב אויף אונ זייא מקבל שכר, דוא ווייסט, אבר איך ווייש נאך מער, זייא דו (דורש) דעם פסוק ווערשטו עש גפֿינן, (באותה שעה) האט הקב"ה (מראה) גוויזן צו דעם (שר יפ"ו) דער איז דער (שר התורה) ער שפראך צו משה, איך וויל דרשנן וויא דיא פרשה מיינט, עש שטייט (כי יהיה לאיש) דש איז הקב"ה דער הייסט (ה' איש מלחמה), (בן) זיינן דיא ישראל. (סורר ומורה) וויא דער פסוק זאגט (כי כפרה סוררה סרר ישראל), (איננו שומע בקולו) פֿון הקב"ה, (ויסרו אותו) וויא דער פסוק זאגט (וישלח ה' ביד כל נביא וחוזה) אונ האט זייא לאזן שטראפֿן, (ולא ישמע אליהם), ווי דער פסוק זאגט (ולא ישמע אליהם והוציאו אותו וג' זולל וסובא). ווארום שטייט נית אויך (זולל וסובא) דער פֿיר (כי יהיה לאיש בן סורר ומורה זולל וסובא). אלא וואש איז גורם צו ישראל אז זיי זיינן (סורר ומורה), אונ טוען ווידר שפעניגן קיגן הקב"ה. ווען זיי פֿרעסן אדר זויפֿן מיט אנדרי (עכו"ם) וויא דער פסוק זאגט (ויתערבו בגוים וילמדו מעשיהם וכו'). אונ שטייט (ויאכלו העם וישתחוו) דען דער (עיקר יסוד) איז דיא עסין אונ טרינקן ווען זייא טוען מיט אנדרי אומות דש מאכט אז זיי ווערן (בן סורר ומורה לאביהם שבשמים), (ורגמוהו כל אנשי עירו באבנים) דאש זיינן דיא אומות דיא שליידרן אויף ישראל מיט שטיינר אונ צו ברעכן אירי מויערן אונ צו שטויסן אירי טויערן, אז משה האט דאש גיהערט האט ער אן גשריבן דיא פרשה, (ועל כן זאת, אם לא תדעי לך היפה בנשים) דיא רעכט ווירדיגה אונ איר שונהייט פֿון ישראל ווען דוא ווילשט וויסן (צאי לך בעקבי הצאן) דאש זיינן דיא שולן (ובתי מדרשים), (ורעי את גדיותיך) דאש זיינן דיא קינדר פֿון רבי דיא וואש נאך קיין חטא האבן גטאן, (על משכנות הרועים) דאש זיינן דיא (מלמדים אונ ראשי ישיבות):

לא תָלִין נִבְלָתוֹ עַל הָעֵץ (תמנא) איר האבן גלערנט, ווער דא הייסט איין (אדם) אונ דיא נשמה גייט אויס אונ שטארבט, דא איז אסור אים צו איבר נעכטיגן אין הויז פֿון וועגן (בזיון הגוף), אז דר פסוק זאגט (אדם ביקר בל ילין) דער (אדם) דער איז (יקר) דער געהערטר פֿון כבוד, דר זאל נית איבר נעכטיגן, ווארום ווען דוא ווערשט אים לאזן איבר נעכטיגן, דען איז ער (נמשל כבהמות נדמו) גלייך אז דיא בהמות, וויא בייא איין בהמה איז קיין צלם פֿון אדם אונ קיין (רוח הקודש) איז ביי זייא, אזוא אויך דער איז אז איין בהמה, איין גוף אן רוח, אונ דר גוף דר איז דער כבוד פֿון אלים זאל נית דראן גזעהן ווערן איין בזיון, אונ איטליכר דער דא מאכט איבר נעכטיגן צו דעם גוף אן רוח, דר מאכט איין פגם, דען פֿון דעסט וועגן מאכט קיין (זנה) נית (במקום קדוש) פֿון ארץ (בארץ הקדושה) דאש שטייט דער בייא (צדק ילין בה), דרום ווייל דער גוף איז בשאפֿן (בדמות האדם) זאל ער נית גיזעהן ווערן אז איין בהמה אז דר פסוק זאגט (נמשל כבהמות נדמו). (ועוד) אונ נאך איין פשט איז (לא תלין נבלתו על העץ) (עץ) איז דר תלמיד חכם, דר דא איז (משתדל בתורה) דש הייסט (עץ חיים היא למחזיקים בה), (לא תלין נבלתו) דאש איז איין חטא דאש ער האט חוטא גיוועזן בייא טאג אונ דוא האשט עש גיזעהן דוא זאלשט אים נית חושד זיין דאש חטא ווערט בייא אים איבר נעכטיגן, דען ער האט בוודאי תכף תשובה גיטאן דרויף, וויא דיא (בעלי משניות) גיזאגט האבן (אם ראית תלמיד חכם שעבר עבירה ביום אל תהרהר אחריו בלילה שמא עשה תשובה) ווען דוא זעהשט איין תלמיד חכם איז עובר איין עבירה בייא טאג זאלשט דו נית טראכטן אויף אים בייא נאכט, אונ אפֿילו ווילשט דו גידענקן (שמא עשה תשובה) ווארום (שמא סלקא דעתך בתמיה). (אלא ודאי עשה תשובה) דרום שטייט (לא תלין נבלתו על העץ), ועוד (לא תלין נבלתו) דאש איז איין שלעכטר (עם הארץ) די הייסט גלייך אז איין (שרץ). ווען דו הענגשט די נבלה אים אן. (או קוברה) ער בגראבט זיא, אדר אים פֿר דר לייט, דרום שטייט ווייטר (כי קבור תקברנו). (כי קבור) ער זיא, אדר (תקברנו) זי אים, דען די אשה איז נית זיין (בת זוג), זיא איז אויך אים וויא איין משא, וויא איין שלאנג זאלט אים ליגן אויף זיינן מקטיל, דרום זאגט ער (כי קללת אלהים תלוי) זי איז איין קללה, זי איז אים מוות אדר ברענגט אים צו ארעמקייט:

רבי אלעזר מיט זייני חברייא זיינן גיגאנגן אין וועג דא קאמן איין טויב צו ר"א אונ איז אנגפֿלויגן מיט דעם קיגן אים, שפראך ר' אלעזר צו איר דוא טויב ביסט אלע מאל כשר אונ רעכט פֿארטיג אין דיין שליחות, גיי צו איין שווער (ר' יוסי בן לקוניא) אונ זאג דא קום איך מיט דר (חברייא) צו דיר, אונ איין (נס) ווערט דיר גשעהן צו דריא טעג אונ זאל קיין מורא האבן, דען איר גייאן בשמחה צו אים, ער זאגט נאך איין מאל נית איך בין איך נית זעהר משמח אונ טוט איר זעהר באנג אויף איין (ריאון מלא) דש דא איז גגעבן גווארן אן שטאט אים ער הייסט אויך יוסי, דא

גינג

גינג דיח טויב חוועק פֿון זייח חוכ דיח חבֿרייח גייכגן חויך. טפרחך ר' חבח לו ר' חלִיעזר וחט חיז רט פֿר חיין וחוכדר, חיך פֿר וווכדר איך זצהר חויף דר חעטה איט דר טויב, טפרחך ער לו חים, די טויב חיז לו איר גקוואן חין טלִיחות. איין טווער (ר' יוסי בן לקוניח) דחט ער ליגט קרחכק חויף חיין קרחנקי בעט חוכ פֿון דר טויב ווייט חיך דחט ער חיז כילן גווחרן חוכ חיז גיגעבן גווחרן חן טטחט חים חיין חכדרן (ר' יוסי אפקיעין). חוכ ער חיז גזוכד גווחרן, וויח זייח חזו גייחן קוואט חיין רחב חוכ טטעלט זיך פֿר זייח חוכ טרייט (בכח) חוכ וואר פֿין (אנפֿלך בלפֿלוך). טפרחך ר"ח לו חיר. לו דען (רע) ביטטו חן גבֿרייט, גייח דיין וועגט, חיך ווייט פֿחר וואז חן דיר דז ער חיז גטטחרבן. טפרחך ר' חלעזר לו דיח חבֿרייח, איר וויזן (גוואז חסד) חוכ אתעסק זיין לו דען (ריאון אזח), פֿון חלרזיי חיז ער גוועזן, חוכ ער הייטט (ר' יוסי דפקיעין), דען ער חיז אסוזק גווחרן פֿון דען עולם, חוכ עט חיז קייכר כיט רחוי איט חים אתעסק לו זיין, חוכ חיז כחכט לו חוכז פֿון היח, זייח גייחן חויט דען וועג חוכ גייען חהין, חוכ חז דט זעהן דיח גחנלי טטחט, זייח זייכן זייח חיין קיגן גיגחכגן, חוכ זייח קוואן דיח חבֿרייח חין דען הויז פֿון דען (ר' יוסי דפקיעין) חוכ דער (ר' יוסי) החט גהחט חיין קליין זון. חוכ חז דער פֿחטר וואר גטטחרבן החט ער קיין אענטן כיט לחזן חן גרייפֿן לו דען בעט פֿון זיין פֿחטר נחר ער חלִיין חוכ החט זיך גילייגט חויף חים חוכ גווייכט, זיין אויל חויף זיין אויל בהעפֿט, דט (ינוקח) הייבט חן (רבט"ע) עט טטייט חין דיין תּורה (כי יקרח קן לפור לפֿניך בדרך בכֿל עץ וגו' טלח תטלח חת החם וחת הבנים תקח לך) ער טרייט חוכ ווייכט, (רבט"ע) זייח דוח חויך אקיים וואט חין דער תורה טטייט, איין פֿחטר חוכ אוטר החבן לוויח קינדר גלחזן איך. חוכ איין קלייני טוועסטר, העטטו זעלן זייח כעאן חוכ העטט זעלן אקיים זיין דיין תורה (טלח תטלח חת החם וחת הבנים תקח), (רבט"ע) חויב דוח וועלטט זחגן עט טטייט (טלח תטלח חת החם) דיח אוטר חוכ כיט דען פֿחטר, חיז דען כיט חלט חייכט פֿחטר חוכ אוטר, חוכ דוח החטט לום ערטטן גיכואן חוכזר אוטר פֿון דיח קינדר, החט חוכזר פֿחטר חויף חוכז לו גידעקט דט איר החבן קענן לעבן בעולם, הייכט החבן איר קיין פֿחטר חוכ קיין אוטר, ווחו חיז דער דין פֿון דר תורה, וואט ווערן איר יתואים טחן, (ר' חלִיעזר) איט דיח חבֿרייח וויינן איט חים וויח זייח חים חזו הערן וויינן חוכ ריידן חוכ טרייחן: פתח ר' חלעזר שָׁמַיִם לָרוּם וָאָרֶץ לָעוֹמֶק וְלֵב מְלָכִים אֵין חֵקֶר. וויח ר' חלעזר דען פסוק זחגט, דח קוואט חרחב חיין (עאוד חט) חוכ אחכֿט חיין לוויטן טייד, לוויטן ר' יוסי דען את, חוכ לוויטן דיח לייט, חוכ דט קינד וואר זיין אויל בהעפֿט חן דיח אויל פֿון זיין פֿחטר חוכ החט זיך כיט חב גטייד פֿון חים. טפרחך ר' חלעזר, חנדרט כיט הקב"ה וויל דח חיין (כס) טחן. חבר הקב"ה וויל דחט קייכר זחל עוסק זיין איט חים, חבר חויף דיח רייד חוכ ווייכן חוכ טרערן פֿון דען קינד קחן חיך כיט פֿר לִיידן. ווי זיי חזו זיך הערן זייח חיין קול דט דח החט גזחגט (זכחה) ביטטו (ר' יוסי) דיח רייד פֿון דען קליין ליקלי זייכי טרערין זייכן חרויף גיגחכגן פֿר דען (כסח הכבוד) חוכ החבן (רן) גוועזן דען דין, חוכ

הקב"ה החט טטחט חים חיבר געכטפֿערט דען אלחך המות דרייח לעהן אענטן, חוכ דיר החט חן גיאערט נחך לו לעבן לווייח חוכ לווחכליג יחר. ביז דוח ווערטט איט דיין ליקלי דחט ליבי קינד לוח הקב"ה תורה לערכן. חלעזר חוכ דיח חבֿרייח טטייחן חויף חוכ החבן כיט גלחזן קייכם טטיין חין דען הויז, (איד) החבן זייח גזעהן דחט דער (עאוד חט) חיז חב גיטחן גווחרן, חוכ (ר' יוסי) החט זייכי חויגן גיעפֿנט, חוכ דט קינד החט נחך בהעפֿט זיין אויל חן זיין אויל, טפרחך רבי חלִיעזר, וואל חוכזר חלק דחט איר החבן גזעהן (עין בעין תחיית האתים), זייח גנעהנן לו חים חוכ דחט קינד החט גטלחפֿט גלייך חז חייכר זחל טטחרבן חוכ ווערט טלחף. זחגן זייח לו חים (זכחי) חיז דיין חלק ר' יוסי (ובריך רחאנח) דער רחאן הקב"ה דחט דיר דח החט חזו חיין (כס) גטחן חויף דען טרייחן חוכ ווייכן פֿון דיין קינד, חוכ איט דיזו היפטי רייד חוכ טרערן דחט עט החט זיך גדרונגן איט טטחרקי (טענה) דורך די טויערן פֿון היאל הט אן דיר גיאערט לעבן, זיי נעאן דחט (ינוקח) חוכ קוטן חים חוכ החבן פֿר גרוטי טאחה איט חים גווייכט, חוכ הבן חים גיכואן חין חיין חנדר הויז חרייך חוכ החבן חים כיטט גזחגט (איד) דחט דער פֿחטר חיז ווידר לעבנדיג גווחרן, ביז דר נחך החבן זייח חים גזחגט, זייח וואנדרטן זיך דחרטן אטאח דרייח טעג, חוכ החבן איט רבי יוסי אחדט גוועזן וויח פֿיל (חדוטים בתורה). טפרחך רבי יוסי לו חיר חבֿרייח, אן הט איר כיט רטות גגעבן אגלה לו זיין וואט חיך החב גזעהן חויף יענם עולם ביז נחך לוועלף יחר, חבר דרייח הוכדרט חוכ פֿיכף חוכ זיבליג טרערן וואט איין קינד החט פֿר גאסן, דיח זייכן חלִי חריין גרחכגן בחטבון פֿר דען (אלך הקדוט), חוכ דח טווער חיך פֿר חייך חבֿרייח, בטעה דחט דחט קינד החט חן גיהובן דען זעלביגן פסוק חוכ דיח רייד דחט ער החט גטריחן, זייכן דער ניטרט גווחרן לווייח הוכדערט טטולין דיח דח זייכן גוועזן חין דער יטיבֿה פֿון היאל חוכ חלִי זייכן גטטחכן פֿחר דען (אלך הקרוט) חוכ החבן גבעטן חויף איר, חוכ החבן איך חויט גיערבת, חוכ הקב"ה החט זיך (אאלח רחאים) גוועזן חויף איר, חוכ החבן חים וואל גיפֿחלן דיח רייד, חוכ וויח ער זיך החט (אוסר כפֿט) גוועזן פֿון אייכט וועגן, חוכ חיין (אפוטרופס) חיז גטטחכן חוכ הט גזחגט (רבון עולאים) עט טטייט דחך (אפי עוללים ויונקים יסדת עוז לאען לורריך להטבית חויב ואתנקם) חיז חכדרטט דיין וויזן, לחז אגין זיין חויף חים דער זכֿות פֿון זיין תורה, חוכ דער זכֿות פֿון דען קינד דחט ער זיך חזו חיז (אוסר כפֿטו) פֿון זיין פֿחטרט וועגן (בדין החזקה), דען החט הקב"ה גירופֿן לוח דען אלחך המות חוכ גיבט חים ערבֿות חויף דריילעהן אענטן חוכ איך חים ווידר לו קערן לו זיין החנט נחך לווייח חוכ לווחכליג יחר, דען עט חיז קיין ערבֿות פֿר חים כיט, כייחרט ווידר לוח קערן דחט אטכון וואט כוח חין זייני החנד חיז גיוועזן, כוח חיר חבֿרייח חילונד, הרום דחט הקב"ה החט גזעהן דחט איר זייט (לריקי אאת) דח חיז ווחרן גזעהן דחט (כס) פֿר חייער חויגן: הויב חן רבי יוסי ה' מֵמִית וּמְחַיֶּה מוֹרִיד שְׁאוֹל וַיָּעַל חין דען פסוק חיז לו זעהן, וויח זחגט ער (ה' אאית), חיז דען הקב"ה אאית, זיין נחאן חיז דחך לעבן לו חלִי, חוכ קיין איתה חיז כיט טייך לו ריידן

וואו ער איז, און זיין נאמען גיבט לעבן צו דיא גאנצע וועלט, וויא זאגט ער (ה' ממית), ווערט אן דרך איינן דאס הקב"ה איז (מ"ו ממית) דיא זייט: אויב דו וועלסט זאגן ווייל הקב"ה איז בייא דעם מענשן דא קאן איהם קיין מקטרג נישט טאן, און ווען ער טוט זיך אפ פון איהם דען קענן איהם דיא מקטריגים ממית זיין. עס איז נישט אזוי, נאר (ה' ממית) הקב"ה איז ממית דיא (טומאה וקליפות), דען אז די טומאה זעהט דאס לויטערקייט פון כבוד הש"י. (מיד) איז זיא מת פאר דר שרעקנס און האט קיין קיום נישט אפילו איין רגע, און אז דער (נר הטומאה איז מת) גייט אוועק פון דער וועלט (מיד) איז ער (מחיה) דעם רוח הקודש פון מענשן דס דא קומט אהער (מנר הקדושה) ער איז איהם מחיה און מקיים אין רעכטן שטאנד, דס אלס טוט הש"י אין איין צייט. דעם איז ער ממית און דעם מיז ער מחיה. און אז ער זאגט (מוריד שאול ויעל) ער נידרט דען רוח הקודש אין דען (שאול) און טוט איהם דארט טובל זיין, דער רוח זאל דארט גרייניגט ווערן, און דער נאך (מיד) נעמט ער איהם ווידר ארויס און ברענגט איהם ארויף אויף זיין ארט אין ג"ע וואו ער בדארף, און איר (חברייא) ווייסט דאס, בשעה דאס איך בין משוך געוועזן פון עולם, איז איין רוח ארויף געגאנגן און ביז דיא שכינה דאס הש"י האט איך מחיה געוועזן איז איין גוף מת געוועזן. (ובשעה) דס איין קינד הט אן געהובן דיא רייד דא איז זיין נשמה פון איהם ארויס געפלויגן און בגעגנט איין נשמה וויא זי איז אויס דער שבינה פון גיהנם ארויס געגאנגן, און איז דארטן אריין געגאנגן אויף איין ארט וואו אן זיא האט (דן) געוועזן איר דין, און הט איר געגעבן צווייא און צוואנציג יאהר פון לעבן פון וועגן דיא רייד און טרערן פון איין קינד, פון אילוגר אן קער איך (עוסק ואשתדל) זיין וויא איך געזעהן האב, דען ווייל איך האב נאך געזעהן וואס איך האב געזעהן, בדארף איך טאן נישט עוסק זיין אין דברים פון עולם הזה. און הש"י וויל האבן דס פון איר זאל נישט פאר לארן און פאר געסן ווערן: ער הוב אן (יסור יסרני יה ולמות לא נתנני) דוד המלך האט דאס געזאגט וואס אויף איהם איז איבר פארן בעו"הז, דס ער איז געלאפן אין פרעמדי לענדר צו (ארץ מואב פלשתים) און פון אלעם הט איהם הש"י געהאלפן און נישט פון דער מיתה. שפראך דוד, דוא האסט איך געשטראפט אויף איין משחית דא בין איך טאן ריין, און האב טאן מקבל איין שטראף געוועזן בעו"הז דאס איך האב נישט איבר געלאזן (למחר מיתתה), גלייך (יסור יסרני יה) גאט הט איך געשטראפט מיט (יסורין בעו"הז) ריין צו מאכן לעולם הבא. (ולמות לא נתנני) און איך אויך הש"י האט איך מאכן גרייניגט (בזה העולם). פון אילוגר אן אזו איך זעהן דס איך נישט זאל קומן (בחרפה לעו"הב): פתח הויב אן זיין קינד און זאגט אָבִינוּ מֵת בַּמִּדְבָּר וְהוּא לֹא הָיָה בְּתוֹךְ הָעֵדָה וגו' (אבינו מת) איז דרויף איין זַרְקָא דס אן איז אריך אין (ניגון), איז קיין גרעסר נער און ווייטאג דאס ווען מען זאגט (אבינו מת נער וכאב לב). (מת במדבר) איז ער דען אליין געשטארבן (במדבר) זיינן דאך געשטארבן (במדבר כמה רבבות), נאר עס זיינן (כמה אחולק) אין דעם. טייכר זאגט איר פאטר איז געוועזן ער הט געקליבן האלץ אן שבת ווייל עס שטייט (בחטאו

מת), זאמטיין זאגן ווידר אנדרש, נאר דעם טאג איז איין פאטר איז קראנק געווארן האט ער איך דאס געלערנט און איך האב געזעהן וואס איך האב געזעהן דס איין פאטר הט איר בפון דאס איך נישט זאל מגלה זיין, נאר איר פאטר איז געוועזן לפחד איין (גדול לבני יוסף) און ווייל דאס ער איז קיין גרויסר לאמדן געוועזן איז ער קיין נשיא נישט געוועזן, און ער איז געוועזן דאס ער זיין אויך און רייד האט נישט געהיס קעגן משה צו ריידן אויף איהם, שטייט (ויאמר עם רב אישרמן), ער איז קיין לאמדן געוועזן נייארט איין גרויס משפחה און ווייל ער האט גירעדט קעגן משה זאגט ער (מת במדבר) איז לשון (דבור) וועגן זיין ריידן האבן זיא גמיינט משה ווערט זיא שונא זיין, דרום האבן זיא פיר געבראכט אירי רייד צו משה מיט אלעזר און נשיאים, פון דאגן לערנט מען, ווען איינר פארעכט זיך פאר איין דין דס ער מעכט וואס אום רעכט טאן, דא זאל ער איהם (מוסיף דייניס) זיין דס ער זיך ווערט פארעכטן (מעוות הדין) צו זיין פאר די אנדרי. (ומה לאו) קער ער איהם דוחה צו זיין און נישט פאר איהם משפטן, אבר זיא האבן נישט געוואוסט דאס משה איז איין (ענוו מכל אדם), ווי משה דאס זעהט דאס זיא זיינן מוסיף דיא (נשיאים און ראשים) צו איהם, האט ער זיך גאר משלק דער פון געוועזן (ויקרב משה את משפטם לפני ה'), אבר אנדרי דייניס זיינן נישט אזוי, ווען גלייך זיא זעהן פיל אנדרי דייניס בייא זיא, טאן זיא זיך פארט נישט אב שיידן, דיא דייניס הייסן (עזי פנים) דאס זיא נישט האבן דיא (ענוה) פון משה, וואלט זיין חלק פון משה, זייא פרייען זיך רבי אלעזר מיט די חברייא. שפראך רבי יוסי, איר חברייא איך בעט אייך איר זאלט נישט בגערן דיא זאך פון איר, דען עס איז נאך נישט אלט פינף יאהר. שפראך רבי אלעזר פארעכט דיך נישט ח"ו פאר אוגור עין הרע. דען איר זעהן אויף איהם (בעין טובה) און אז דו זאגסט פינף יאהר דס זיינן (מאס שנים אסר אין חריש וקציר) האט עס זאל נישט אפ געשניטן ווערן לעולם, שפראך ר' אלעזר צו רבי אבא, איר ווילן דא זיצן גאר די זיבן טאג, דען בי זיבן טאג איז דאס הויז נישט מיושב ווייל בייא מיטלערע דער וואס שטארבט גייט דיא נשמה גאר דיא זיבן טעג נאקיט און איז נישט מיושב אויף איר ארט, און אילוגר איז זיא ווידר אין גוף אריין געקומן. אזו איז זיא נאך נישט רעכט מיושב אויף איר ארט זיבן טאג. שפראך רבי אבא צו איהם, איר האבן יוא געלערנט (פתוח תפתח את ידך לאחיך לענייך ולאביונך) פון דעם לערנן איר דס זיין פריינד זיין בילכר אז איין פרעמדר, ער זאל נישט שטיין לאזן דאס זייני, און זאל איין אנדרי נאך פאר זיך נעמן, דרום שטייט נאך ערשטן (לאחיך) דער נאך (לענייך), און דיין שוועהר (ר' יוסי בן לקוניא) ליגט אויך, איר ווילן צו איהם גיין (גומל חסד) זיין. שפראך רבי אלעזר געוויס איז עס רעכט אזוי, און דער נאך ווען איר ווערן צו ריק קומן, ווערן איר אווער זיין אהער, און אלע צייט וואו איר הין גיין צו איין שוועהר אדר צו ריק אהער, זעהן איר מייטן תחיית המתים, זייא קושן דס (ינוקא) און בענטשן איהם און גיין אוועק. שפראך רבי אבא איך פאר וואונדר איך אויף דיא קינדר פון דעם דור וויא שטארק איז איר כח און זייער גרויסע הויכע פעלזן שטארקי. שפראך רבי אבא, וואלט זיין חלק פון דעם אלטן רבי שמעון דער העכר פון דעם דור, דען אין זייער

טעג ווען הקב"ה מאכן זיין זיינע נייא יטיבות און ווען זיין, דען עס ווערט קיין דור זיין וויא דאס דור איז, ביז מאכן דר פון איין גרויסע (יטיבה עליונה) ווי עס געהער צו ווערט קומן דער (מלך המשיח):

פרשת כי תבוא.

וְהָיָה כִּי תָבוֹא אֶל הָאָרֶץ אֲשֶׁר ה' אֱלֹהֶיךָ נֹתֵן לְךָ נַחֲלָה ווען דיא נשמה קומט ארויף אין לאנד וואס דארטן איז (עולם המנוחה ונחלה) אין דעם (ארץ החיים) פון אויבן (ולקחת מראשית כל פרי האדמה אשר תביא מארצך) דאס זיינען מעשים טובים דיא הייסן (פרי צדיק עץ חיים) אזוי מעשים טובים וואס ער האט געטאן אויף דעם עולם. דאס ברענגט ער מיט זיך: וְשַׂמְתָּ בַטֶּנֶא דאס איז אז דער מענש מסדר איז זיין לערנען און זייני מצות ווי ער שטארבט, דא זאגט ער איין (בטנ"א) האט אין דער צאל (בנצ"י) נאר ער איז מבין מיט אזים, (ובאת אל הכהן) דאס איז (מיכאל דר כ"ג) דער דא איז (משמש) אויבן אויף דעם מזבח פון אויבן דאס ער דרויף איז מקריב דיא נשמות פון צדיקים, (ולקח הכהן) נעמט מיכאל אים מיט זייני מצות, (והניחו לפני מזבח ה' אלהיך וענית ואמרת ארמי אובד אבי) דאס איז דער יצה"ר דר דא הט פאר צארן (אדם הראשון) דאס איבר אים איז נגזר מיתה געווארן צו אלי דורות, (וירד מצרימה) דיא נשמה איז אראב גנידרט אויף דעם עולם וואו עס זיינען מייצן (מצרים און מדיחים) די מן רייצן דעם מענשן חוטא צו זיין, (ויגר שם במתי מעט) דאס איז אין דער יוגנט דאס איך האב ניט פיל מצות געטאן, אבר דר נאך (ויהי שם לגוי גדול בתורה. וגדול במצות ובמדות טובות) (עצום ורב). און איבר דעם (וירעו אותנו המצרים) ווייל איר זיינען גרויס געווען (בתורה ובמעשים טובים) האבן זיך די (משטינים ומדיחים) נאך מער אויף אונז געשטארקט, דען (האדון מחבירו יצרו גדול ממנו) מי גרעסר דער מענש איז (בתורה ומעשים טובים) איז מער שטארקט זיך אויף אים דער יצה"ר. (ויתנו עלינו עבודה קשה) (מכח תאוות הגופניות) דאס דער גוף האט לוסט דר צו, (ונצעק אל ה') איר האבן געזעהן דס דר יצה"ר שטארקט זיך אויף אונז, האבן איר צו גאט געשריען ער זאל אונז העלפן פון זייא, (ורגלי חסידיו ישמור) דאס איר זאלן קענן שטארקן אויף אים, (וישמע ה' את קולנו) גאט האט אונז געהאלפן, (ויוציאנו ממצרים) ער האט אונז אויס געלייזט פון דיא מצרים די צייהיגי און (משטינים) דס זיינען די פיר (יסודות) די זיינען מוארים די לוסט האבן צו (עניני עוה"ז), דס איז איין צער צו די נשמה, היינט האט אונז הקב"ה אויס געלייזט פון דיא פיר (יסודות), דרום זאגט ער פיר מאל (ביד חזקה, ובזרוע נטויה, ובאותות. ובמופתים, ובמורא גדול) דס איז די (גילוי שכינה), דען איטליכר צדיק ווי ער שטארבט זעהט ער דיא שכינה וויא דער פסוק זאגט (כי לא יראני האדם וחי) ווייל זייא לעבן קאנען זייא ניט זעהן, אבר בשעת טויט זעהן זייא יא די שכינה, (ויביאנו אל המקום הזה ויתן לנו את הארץ הזאת) דס (ארץ החיים בעוה"ב) דס איר איצונד האבן זוכה געווען, (ועתה הנה הבאתי וגו' והשתחוית לפני ה' ושמחת וגו') דו ווערסט דיך משמח זיין מיט גרוסן שכר וואס דוא ווערסט דארטן זעהן, אזוי דער פסוק זאגט (מה רב טובך אשר צפנת ליראיך): (ולביתך) צו דיין גוף וויא דער פסוק זאגט (ועצמותיך יחליץ) אז דער גוף איז בטוח אין קבר ווערסט דו דיך משמח זיין און דער גוף, (והלוי) דאס איז דער יצר טוב, (והגר) דאס איז דער יצר הרע, דען דורך דעם יצה"ר איז ער דס אלס זוכה און קריגט אויך איין שכר דורך דעם. דרום זיינען זיך אלי מיט אים משמח, (והגר אשר בקרבך. ממש) דער דא איז צווישן דיר:

ובזוהר ויקהל זאגט ר' אבא עס שטייט וַיֹּאמֶר ה' לַדָּג ווען האט הקב"ה מיט דעם פיש גירעט, זינט וועלט איז באשאפן געווארן אין פינפטן טאג דאס דיא פיש זיינען באשאפן געווארן האט הקב"ה געבאטן דעם פיש איין צו שלינגען (יונה) און זאל בלייבן בייא אים דרייא טאג, אזוי אויך אלי (נסים) וואס ער האט געטאן האט ער איין (תנאי) אויס גינומן עס זאל געשעהן אין זיין צייט. אזו אויך איז איין (רמז) מיט דעם פיש און מיט (יונה) אויף די מעשים פון דיא צייטן:

יונה דר וואס האט גנידערט אין דר שיף, דס איז אלס געווען איין רמז אויף דר נשמה וואס זי נידרט אויף דער וועלט אין גוף, דרום הייסט זיא (יונה), דען אז זיא ווערט בחברותא און איז משמש מיט דעם גוף הייסט זי יונה. גלייך אז עס שטייט (ולא תונו איש את עמיתו), דען גייט דר מענש אויף דר וועלט גלייך אז איין שיף גייט אויף דעם (ים הגדול) זי גידענקט צו בראכן צו ווערן וויא דר פסוק זאגט (והאניה חשבה להשבר) דרום הייסט (אניה) איז לשון קלאגן וויא דר פסוק זאגט (תאניה ואניה) און דר מענש ווייל ער איז אויף דער וועלט איז ער חוטא און טראכט ער ווערט קעגן אנטלויפן פון הקב"ה ניצול צו ווערן פון זייני שטראפן און איז ניט (משגיח כלל בעולם הזה) זיך צו פאר זארגן לעולם הבא, דען שטייט (ויטל ה' רוח סערה על הים) ער ווארפט אויף אים איין גרויסע גזירה און איין שטארקי דר דא שטייט אלי מאל פאר אים דס איז דר שטן דר בגערט אלי מאל (דין ומשפט) אויף דיא חטאים, ער מאכט שטורמן דיא שיף ער דער מאנט דיא חטאים פון מענשן צו בגרייפן און צוא פאנגן אים אין זיין האנט; ער איז אזו לאנג מקטרג ביז ער אים בקומט דורך אים, אז ער איז שוין אין זיין האנט פון דעם (רוח סערה) דר שטן, דען שטייט (ויונה ירד אל ירכתי הספינה וישכב וירדם) דיא נשמה נידרט אראיין אין דיא זייטן פון גוף. זי האט קיין קיום ניט אין גוף ווי זי דר פיר האט גיהאט. (וישכב) ער ווערט קראנק, (וירדם) ווען גלייך ער ליגט זיך אנידר שלאפט ער פארט און בגערט זיך ניט צו דר וועקן תשובה צו טאן, שטייט ווייטר (ויקרא אליו רב החובל) עס דר וועקט אים דער יצר טוב דער איז אז איין שיף מייסטר דער פירט דיא שיף אין רעכטן וועג, אזו דער יצר טוב פון מענשן ער געהנגט צו אים. דרום שטייט

שטייט (ויקרב אליו), דען ביז אהער האט אים דר מענש
מרחיק גוועזן, דא קומט ער אונ איז זיך מקרב אונ שפראך
(מה לך נרדם) וואָרום שלאפסטו אונ בגערשט דיך ניט צו
דער וועקן תשובה צו טאן, (קום קרא אל אלהיך) רוף אן צו
דיין גאט, דען מן ברענגט דיך אויף (לדין ולמשפט) אויף אלי
דייני מעשים וואס דוא האסט געטאן אויף דער וועלט, (על
כן) טוא נאך תשובה אויף דייני חטאים פיליכט ווערט זיך
גאט בדענקן, (ולא נאבד) מיר ביידי דר יצר טוב אונ יצר
הרע ווערן ניט פר לארן ווייא אובן איז געשטאנן, זעה נאר
אן דיא זאכן, אונ טוא תשובה, צום ערשטן (מה מלאכתך)
גדענק נאר וואס דוא האסט געטאן פר איין מלאכות אויף
דען עולם, דיא עבירות זייא מודה אויף זייא פר דיינם
הערן. אונ דר נאך (ומאין תבוא) בדענק דיך פון וואנן דוא
קומסט (מטפה סרוחה). דרום קערשטו דיך רעכט מכניע
צו זיין פר דיינם הערן. דרום לאזשטו דיך ניט (בגאוה) האלטן
תשובה צו טאן. זעה נאר (מה ארצך) פון וואנן ביסטו בשאפן
געווארן פון דר ערדן (כי עפר אתה ואל עפר תשוב), דר
נאך (ואי מזה עם אתה) פון וואס פר איין פאלק ביסטו,
זעה אוב דוא האסט זכות אבות דז זיא קענן אויף דיר מגין
זיין פר דען דין פון אובן, אז מן נאך האט דיך אויף געבראכט
פר דען דין פון אובן דא איז דער יצר הרע הייסט (רוח
סערה) דר שטורמט אונ לאזט ניט נאך, ער איז אלש מקטרג
צו ברענגן דען גזר דין אויף אים, אונ ברענגט איין (דן) צו
זיין דיא תפוסים פון מלך, אונ אלי קומן איינר אונ איינר פר
דעם דין, (באותו שעה) גינעהנט דז (ב"ד), א טייל הייבן
אן בזכות, א טייל זיינן (מלמד חוב) אונ דער דין מאכט אויף
אים, איז דער מענש ניט זוכה שטייט (ויחתרו האנשים
להשיב אל היבשה ולא יכלו) דיא דא האבן געזוכט איין זכות
דיא ארבייטן אונ וועלטן אים גערן ווידר ברענגן צו דער
יבשה דעם עולם דז ער זאל לעבן בלייבן, (ולא יכלו) זייא
קאנן ניט, ווארום דרום (כי הים הולך וסוער) דער גזר דין
דער שטארקט זיך אלש, דען נידרן אראב דרייא (ממונים
שלוחים) איינר טרייבט אויף אל זייני מצות וזכיות אונ זייני
עבירות וואס ער האט געטאן אויף דער וועלט, אונ איין
ממונה דר דא מאכט דען חשבון פון זיין טעג, אונ איינר
דער דא איז מיט אים גיגאנגן (כמעי אמו), אונ דער גזר
דין ווערט ניט געשטילט ביז צו די צייט אז דא שטייט (וישאו
את יונה), מן טראגט אים פון זיין הויז צום (בית הקברות)
דא רופט מען אויס אויף אים, איז ער איין זכאי רופט
מן אויס אויף איהם גיבט איין כבוד צום (דאות האלך) (יבוא
שלום ינוחו על משכבותיו הולך נכחה) אז דר פסוק זאגט (והלך
לפניך צדקך וכבוד ה' יאספך), איז ער איין חוטא דא רופט
מען אויס אויף אים, ווי צו דעם פלוני, עס ווער איהם בעסר
אז ער ווער ניט בשאפן געווארן, דען שטייט (ויטלו אל הים
ויעמוד הים מזעפו), אז מן איהם ברענגט אין קבר אריין,
דז דא איז דר ארט פון דין פון דעם (סערה) דר איז דר
גזר דין דא ווערט ער געשטילט פון זיינם צארן, דען ער
האט אים גיבראכט צו מיתה (ובקבר), אונ דער דז איהם
איין שלינגט דאס איז דאס קבר דאס ער איז דרינן איין
געשלונגן, וואס שטייט ווייטר (ויהי יונה במעי הדגה שלשה
ימים) אין קבר, אז דר פסוק זאגט, (מבטן שאול שועתי),
אונ ער איז נאך גוועזן (במעי דגה) אונ רופט אים (שאול),

ער וואר דרינן דרייא טאג אונ דרייא נעכט, דש זיינן די
דרייא טעג אין קבר דאס זיין געדערים אונ בויך ווערט צו
שפאלטן נאך דרייא טאג אונ ווארפט זיך ארויס, אונ עס
קערט זיך אום זיין שינוי אויף זיין פנים אונ זאגט צו איהם
נעם דיר וואס דוא האסט מיר גיגעבן. דוא האסט גיגעסן
אונ געטרונקן אלי טאג אונ האסט קיין (עני) נישט גיגעבן,
אונ אלי דיין טעג זיינן גוועזן אייטל (ימים טובים) אונ דיא
ארעמע זיינן הונגריג אונ האבן מיט דיר נישט גיגעסן,
נעם דיר ווידר וואס דוא האסט מיר גיגעבן, אז דר פסוק
זאגט (וזריתי פרש על פניכם פרש חגיכם). נאך דיא דרייא
טאג איז מען דן דעם מענשן פון זייני אויגן אונ זייני הענט
אונ זייני פיס ביז דרייסיג טעג, דיא גאנצי דרייסיג טאג
איז מען דן דעם (גוף ונפש) אינז אננדר, ווי אונזרי חכמים
האבן גזאגט איין משל פון איין בלינדן מיט איין הינקדיגן די
זיינן שומרים גיוועזן, דז מן מאכט רייטן דען הינקדיגן אויף
דעם בלינדן. אונ דרום גאר דיא דרייסיג טעג וויז נאך
גפונן דיא נשמה אונטן אויף דר ערד, דש זיא ניט ארויף
גייאט אויף איר ארט, גלייך אז איין אשה אין דיא טעג
פון טומאה דז זי ניט ריין איז, זאלט זיא דרויסן, אזו אויך
דיא נשמה גאר דיא דרייסיג טעג, דער נאך גייט דיא
נשמה ארויף אונ דר גוף פר פוילט אין דער ערד, ביז צו
דער צייט דאס הקב"ה ווערט (מחיה מתים) זיין. אונ עס
ווערט איין קול דר וועקן צווישן דיא קברים, אונ ווערט זאגן
(הקיצו ורננו שוכני עפר כי טל אורות טלך וארץ רפאים
תפיל). ווען ווערט דש זיין. אין דר צייט דז דר מלאך המות
ווערט אוועק קומן פון דר וועלט ווייא דער פסוק זאגט (בלע
המות לנצח ומחה ה' אלהים דמעה מעל כל פנים וחרפת עמו
יסיר מעל הארץ), דען שטייט (ויאמר ה' לדג ויקא את
יונה אל היבשה), אז דאס קול ווערט זיך דער וועקן צווישן
דיא קברים (ויאמר ה' לדג) צו דעם (קבר) דש דא הייסט
פיש ער זאל אויס שפייאן אונ ארויס טאן דיא מתים. דען
ווערן אלי קברים ארויס שפייאן אירי מתים ווייא דר פסוק
זאגט (וארץ רפאים תפיל) איז טייטש זיא ווערט דיא מתים
אויס שפייאן ארויס, אונ וואָרום רופט ער זיא (רפאים),
דרום ווייל זיא ווערן מקבל זיין איין רפואה, אונ ווערן זיין
ווייא צום ערשטן אונ ווערן געהיילט זיין איין ביין צום צו דעם
אנדרן ביין. דרום הייסן זיא (רפאים): אוב דוא וועלשט
פרעגן עס שטייט דאך ביי רשעים (רפאים בל יקומו),
אלא געוויס (כל עולם) ווערט געהיילט זיין דיא ביינר (בבית
הקברות), אבר איין טייל ווערן יא אויף שטיין, אונ איין
טייל ווערן ניט אויף שטיין, אויף דעם שטייט (ורפאים
ווען זיא גלייך ווערן נוא זיין געהיילט אירה ביינר צו אננדר,
(בל יקומו) ווערן זיי דאך ניט אויף שטיין. (זכאי) איז דש חלק
פון ישראל דאס ביי זייא שטייט (נבלתי יקומון), אונ מיט
דען פיש גפינן מיר איין (רפואה לכל עולם), אזו וואו אז
דר פיש אז ער האט איין גשלונגן (יונה) דא וואר ער באלד
מת, אונ נאך דרייא טאג וואר דער פיש ווידר לעבעדיג
געווארן, אונ ער האט די (יונה) אויס געשפיגן, אזו אויך די
ערד איז איצונד מת, אונ (לעתיד) ווערט זיא געבן (חיות)
צו אנדרי. אזו אויך איז אן גברייט ארץ ישראל צום ערשטן
צו דער וועקן צו אויס ציאן דינו מתים, אונ דער נאך (ארץ
רפאים תפיל אין חוץ לארץ), ווייא מיר האבן שון גלערנט

אנדרשטע וואו דאס זיבן דינים איבר פארן אויף דעם מענטשן ווען ער אויס גייאט פון דר וועלט. אייכס דער (דין העליון) אז דר רוח גייט ארויס פון דעם גוף, דער אנדרר (דין) ווען זיינה רייד אונ זיינה מעשים גיין פאר אים. אונ רופין אויף אים אויס וויא אובן שטייט, דאס דריטי (דין) ווען מען מאכט אים אריין גיאן אין (קבר), דער פערדר (דין) פון טאג (חיבוט הקבר), דער פינפטר (דין) פון די ווערים דאס זיא אים עסין, דער זעקסטר (דין איז (פון גיהנם), דער זיבנטר (דין) איז ווען דר רוח שוועבט ארום אין דער וועלט אונ געפינד אים ניט איין (מקום מנוחה) ביז זיינה מעשים ווערן צו גענדט, דרום גיהער איטליכר מענש זיך אלי מאל וואול פאר זעהן אונ (מסתכל) זיין אן זיינה מעשים, אונ זאל תשובה פר זיין זינדן טאן, אונ אז דוד האט געזעהן דיא אלי דינים וואס אויף דעם מענטשן קומן, וואר ער זיך מקדים אונ זאגט (ברכי נפשי את ה') איין נפש דוא זאלסט לובן גאט ווייל דוא נאך בישט אין דיין גוף אייער דוא ארויס גייסט פון דר וועלט, (וכל קרבי שם קדשו) דאס זיינן דיא אברים פון גוף דיא דא זיינן איין חברותא אונ שותפות מיט דעם רוח, ווייל איר נאך אלי ביא אנאנדר זייט זאלט איר אייך מקדים זיין צו לובן דעם (שם הקדוש) אייער דר צייט קומט דאס איר ניט ווערט קענין אים צו לובן אונ תשובה טאן, אונ דרום שטייט (ברכי נפשי את ה' הללויה):

בזוהר (חדש פ' זו) האבן געפרעגט דיא חברים צו (ר"ש בן יוחאי ע"ה) אויף דיא קללות דיא דא שטייאן (במשנה תורה) אין דר פרשה אויב עס זיינן דרינן (נחמות) אדר ניט. דען (רבי שמעון בן יוחאי) איז אנטלאפין געווארן אין דער (מדבר לוד) ווייגין דאס ער האט איין (עלילה) געהאט פון קיסר, וויא דיא גמרא זאגט (פ' במה מדליקין), איז ער אונ זיין זון רבי אליעזר פאר בארגן געזעסן אין איין הייל, איז זיא איין (נס) געשעהן, דאס איז ארויס געקומן איין באקסהארן בוים אונ איין קוואל וואסר, פון דעם האבן זיא דרינן געגעסן אונ געטרונקן, אונ (אליהו) איז צו זיי געקומן אלי טאג צווייא מאל, אונ האט מיט זיא געלערנט, אונ קיין מענש האט נישט דער פון געוואוסט. איין מאל האבן דיא חברים אין (בית המדרש מתווכח) געוועזן, אונ האבן געזאגט די קללות די שטייאן אין (תורת כהנים פ' בחוקותי) די זיינן קיגן (חורבן בית ראשון). אונ די קללות די שטייען אין (משנה תורה) איז קיגן (בית שני). ווארום אין יענע קללות פון (תורת כהנים) שטייאן דרינן גוטע הבטחות אונ דיא ליבשאפט פון הקב"ה צו ישראל וויא דער פסוק זאגט (וזכרתי את בריתי וגו') אונ שטייט (ואף גם זאת בהיותם בארץ אויביהם וגו'), אונ דיא קללות דיא דא שטייאן, זיינן דרינן קיין גוטע הבטחות אונ קיין נחמה גאר ניט אז וויא בייא דיא ערשטי קללות, אונ קיינר האט ניט געוואוסט איין תירוץ צו זאגן, דא שטייט אויף (ר' יהודה בר אילעי) אונ זאגט, עס זאל געזאגט זיין אויף דען (חסרון פון רבי שמעון בן יוחאי) דאס קיינר ווייס ניט וואו ער איז, אונ ווער עס יא ווייסט טאר ניט מגלה זיין וואו ער איז. אמאל שטייט רבי יוסי פר רבי יהודה צו מארגינס, האט ער געזעהן דיא עופות פליהן אונ איין טויב וואר זייא נאך פליהן, דא שטעלט ער זיך אויף זיין פיס אונ זאגט, דוא טויב טויב דוא בגלובטי, דוא בישט נאך געוועזן אין שליחות פון (נח ביאי המבול), אונ האסט מיט נאמנות דיין שליחות געטאן, אונ דיא (כנסת ישראל) זיינן אויך צו דיר געגליכן, עס איז צו דיר שיין צו טאן שליחות, זאלסטו איר אויך טאן שליחות צו גיין צו רבי שמעון וואו ער איז מיט דעם בריבל, זי קומט צו אים, אונ נעמט דאס בריבל אין איר מויל, אונ פליהט אהין צו רבי שמעון אין זיין (מערה) אונ גיט אים אב דאס בריבל, רבי שמעון לייאנט עס אונ וויינט מיט זיין זון רבי אליעזר אונ זאגט, איך וויין אז איך בין אב געשיידן פון דיא חברים, אונ וויין אויך דאס זייא זאלן דיא דברים ניט ווישן, וואס ווערן טאן דיא לעצטי דורות נאך אונז ווען זייא דאס ווערן זעהן. אין דעם קאם צו זייא אליהו אונ זעהט וויא זיי וויינן, שפראך ער איך בין אן געגרייט געוועזן צו גיין אין אנדר שליחות, האט מיך הקב"ה געשיקט דייני טרערין צו שטילן, ער שפראך (אוי רבי אוי רבי) מען הט ניט דארפן איצונד מגלה זיין דיא דברים צו דיא צדיקים, נייארט הקב"ה האט אזו געלערנט, אין דיא ערשטי קללות שטייאן צווייא אונ דרייסיג (פסוקים) קיגן דיא צווייא אונ דרייסיג שטעגן פון דער תורה, אונ אין דיא אנדרי תוכחה שטייאן דרייא אונ פופציג פסוקים קיגן דרייא אונ פופציג פרשיות פון דער תורה, אין גלות פון (בית ראשון) האבן ישראל עובר געוועזן די צווייא אונ דרייסיג שטעגן דיא גאר פר הולן זיינן אונ פאר בארגן, דא הט הקב"ה מגלה געוועזן זייערי עבירות אונ זייער (קץ) אונ האט בפירוש זייערי נחמות אן געשריבן, אבר דיא תוכחה פון (משנה תורה) איז קיגן (בית שני), האבן ישראל עובר געוועזן דיא דרייא אונ פופציג (פרשיות התורה) דיא (מגולה) זיינן. דרום איז זייער חטא פר שטאפט אונ פאר הולן געווארן, דרום שטייאן ניט אירי נחמות אונ גוטע הבטחות וויא אין יענר תוכחה. אין דעם אז אליהו אזו רעט מיט אים, קאם איין ווינד אונ שייד אים אפ פון רבי שמעון, אונ (אליהו) גינג ארויף אין (גלגל) פון פייאר. אונ ר' שמעון בלייבט אליין אונ וויינט אונ וואר אנטשלאפן אויף דער טיר פון דר הייל. אין דעם קאם (אליהו) ווידר אונ זאגט שטייא אויף ר"ש. וואול דיין חלק דס הקב"ה בגערט דיין כבוד, דו ווערסט געפינן אין דיא תוכחה אויך (נחמות אונ הבטחות), קום אונ זעה, ווען איין מאן דער דא האט ליב זיין ווייב, ווען גלייך ער שעלט אים אדר ער שלאגט אים, זיינן פארט זיין רחמנות אויף אים, ווען ער ווייזט נאך אזוא שטארקן צארן אויף אים, האט ער פארט אויף אים רחמנות, אזו אויך הקב"ה ווען גלייך ער געשאלטן האט אין דער תוכחה, זיינן דאך זייני רייד געוועזן מיט רחמנות, זיי ווערן אן געזעהן דיא רייד גלייך אז זייא זיינן מיט קללות, אונ זיינן גרויסע טובות, דען דיא קללות זיינן געוועזן מיט רחמנות, דאס ניט איז אזוא בייא דיא ערשטי תוכחה דאס זיינן מיט (דינים קשים), אבר בייא דיא איז דין אונ רחמים דער ביי, גלייך איין פאטר דער זיך מרחם איז איבר זיין קינד אונ וויל אים שלאגן מיט איין רצועה, ער הייבט זיי הויך אויף אונ מאכט גרויס געשרייא. אונ גיבט אים דאך קלייני שלעק מיט גרויס רחמנות, דיא שטארקסטי אונ די גרעסטי קללה איז אין דר תוכחה (גם כל חלי וכל מכה אשר לא כתוב בספר התורה הזאת יעלם עליך עד השמדך) דאס זיינן דיא הבטחות פון פאטר אויף זיין קינד מיט גרויס רחמנות, דרום שטייט דא לשון (יעלם) איז טייטש לשון (העלמה) פאר הולן, הקב"ה ווערט פר הולן פר דיר דיא קללות. אונ ווערט זייא (כובש ומבטל)

ומצלט) זיין אין דער (נוקבא) פון דעם (תהום רבא) וואו זייער ארט איז וואו אלי קללות רואן וואו ער איז פאר הולן דארט דאש זיי ניט זאלן ארויס קענן, אונ ווערן דארטן זיין פאר בונדן אונ פאר דעקט אין דער (נוקבא): (עד השמדך אתם), ער ווערט דיך פאר טיליגן פון זיא דאש זיא ניט ווערן זיין אויף אייביג. דען הקב"ה האט גישווארן דש ער וויל ישראל ניט פאר דארבן (לעולם ולעולמי עולמים) אונ זייער גדעכניש ווערט בלייבן אייביג וויא דר פסוק זאגט (כן יעמד זרעכם ושמכם) אונ שטייט אויך (חי אני אם ימדו שמים ממען), אונ וויל הש"י האט גישווארן דאש ער וויל זיא ניט פאר דארבן, דרום אלי מכות אונ קללות אונ אלי חלאים ווערן פאר בארגין זיין אונ צו גידעקט דאש זיי ניט זאלן ארויס קענן צו איבלן ישראל, ביז אלי קללות ווערן פאר דארבן זיין פון עולם דאש ניט ווערן זיין (לעולם ולעולמי עולמים), דרום איז דער (סיום) דש די תוכחה אויש לאזט (והשיבך ה' מצרים באניות בדרך אשר אמרתי לך לא תוסיף עוד לראותה והתמכרתם שם לאויבך לעבדים ולשפחות ואין קונה) דא זיינן אלי הבטחות אונ נחמות דאש הקב"ה האט אן גברייט צו טאן דיא ישראל. (ולבסוף) ווען זיי ווערן אויש גלייזט ווערן (והשיבך ה' מצרים באניות) דאש זיינן דיא הבטחות צו טאן דיא (נסים ומופתים), וויא ער האט גטאן אין מצרים אין דיא ערשטי טעג אזוי ווערט ער ווידר טאן דאש איז טייטש (והשיבך) הקב"ה ווערט ווידר קערן דיר צו טאן וויא אין מצרים אז דר פסוק זאגט (כימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות). אונ אונזרי חכמים דרשן דאש ווארט בָּאֳנִיּוֹת איז טייטש גלייך אז זאלט שטיין בַּעֲנִיּוֹת, דען משיח קומט ניט ביז עס ווערט זיין כָּלָה פְרוּטָה מִן הַכִּיס אונ ווערט עניות זיין ביי ישראל. אבער (אניות) איז טייטש שיפן, עס ווערט קומן לסוף אלי אותות פון אלי זייטן מיט (יאים) צו פארן מיט שיפן. אונ ווערן וועלין אלי דיא ישראל פאר לענדן. אזוי ווערן אלי דער טרונקן ווערן אין (ים) וויא הקב"ה האט גיטאן צו פרעה מיט זיין פאלק אונ האט זיא אין (ים) דער טרענקט, אונ ווי דארטן איז גרושי שמחה גוועזן אונ שירה, אזוי ווערט ווידר זיין: (בדרך אשר אמרתי לך) וויא איך האב גירעדט זינט די וועלט וואר בשאפן דאש זיינן ניט אזוי אנטפלעקט גווארן די גבורות פון הקב"ה צו וויזן אין עולם, אונ דאש (שעת רצון) איז אין דעם דרך (כאשר ראיתם את מצרים) אין דעם דרך, אזוי ווערט ער דיר טאן, דען לבסוף פון אלי זייטן ווערן זיך איין זאמלן אויף זיא, דען ווערן ישראל טראכטן דענקט אמאל דש זיא ווערן פאר לארן ווערן. אונ ווערן פאר קויפט ווערן צו זייערי שונאים וויא דער פסוק זאגט (והתמכרתם שם) עש שטייט ניט (ונמכרתם) זיא ווערן אזוי איינן אין זייערן הערצן דאש זיא ווערט פאר קויפט ווערן, אבער עש ווערט ניט אזוי זיין, דרום שטייט (ואין קונה) דאש עש ווערט קיינר ניט קענן אן אייך גוועלטיגן צו פאר קויפן, דאש אלש ווערט זיין (בסוף הימים), אונ אלש הענגט אן תשובה וויא דער פסוק זאגט (למען תשכילו את כל אשר תעשון) ווער דא הט איין הערצן זאל וויסן אונ פאר שטיין צו טאן תשובה צו זיינם הערן. זאגט ר"ש, דא איז אנטפלעקט גווארן אין דיא תוכחה דיא גאולה פון ישראל, אונ וואו מען מיינט עש איז איין גרושע קללה, דארט איז ברכה, (והיו חייך תלואים לך מנגד ופחדת לילה ויומם ולא תאמין בחייך) כלומר דוא ווערשט דיר אליין ניט גלויבן זעלבש לעבן דאש ווערט בייא דיר איין ספק זיין פאר מורא, אבער עש ווערט ניט גישעהן, נאר צו דיר ווערט איין ספק זיין, אבער דיין לעבן ווערט איין רעכט בשטאנד האבן, האט ער דאש אלש גשריבן קיגן פר נאכט, אונ האט דאש בריבל גטאן אין מויל פון דער טויב, זיא קאם צו רבי יוסי דאש ער שטייט אויף זיין ארט אונ טוט אלש מיט זיין אויגן האפן ביז זיא איז ווידר גקומן, שפראך ער, דוא טויב וויא ביסטו איין (שליח נאמן) מער וויא אלי עופות פון הימל, ער זאגט אויף איר (ותבא אליו היונה לעת ערב והנה עלה זית טרף בפיה), ער נעמט דאש בריבל אונ קומט צו די חכמים אונ ווייזט זיא, זעהן זיא אונ וואונדרן זיך, ער וויינט רבי יהודה אונ זאגט, וויא ווען גלייך איר זיינט ניט בייא אים, טוען איר זיך דאך (אתעורר) זיין פון אים אונ לערנן פון אים. (זכאה) איז דאש כפש פון (בר יוחאי) דאש הקב"ה טוט אים (נסים), אונ ער איז גוזר אונ הקב"ה איז מקיים, אונ ער ווערט לעתיד זיין דער (ראש) פון דיא צדיקים דיא דא ווערן זיצן אין גן עדן אונ ווערן מקבל זיין (פני שכינה) אונ ווערן זעהן הקב"ה אונ ווערט זיך (משתעשע) זיין מיט די צדיקים. אונ ר"ש ווערט צו זיי זאגן (בואו נשתחוה ונכרעה נברכה לפני ה' עושינו):

פרשת נצבים.

אַתֶּם נִצָּבִים הַיּוֹם כֻּלְּכֶם לִפְנֵי ה' אֱלֹהֵיכֶם וְגוֹ' (רעיא מהימנא פ' אמור) בַּחֹדֶשׁ הַשְּׁבִיעִי בְּאֶחָד לַחֹדֶשׁ דיא מצוה איז צו בלאזן שופר אן (ראש השנה), דען ער איז דר (יום הדין) וויא מען האט מפורש גוועזן אנדרש וואו (תקעו בחדש שופר בכסה ליום חגנו) דאש דיא לבנה איז צו גידעקט אונ דיא מקטריגים שטארקן זיך, אונ דער מקטרג פר שליסט אלע טירין בייא דעם מלך, מען זאל אים (דין ומשפט) טאן אויף דיא מענשן, דען הקב"ה האט אים דרויף רשות גיגעבן אז ער זאל פאדרין אלע דינים פון דעם עולם, אונ האט אים גגעבן איין גווישן טאג דער צו דאש ער זאל פאר ברענגן אלי עבירות פון דיא לייטן. אונ הקב"ה האט גטאן דרום, דאש דיא מורא פר הקב"ה זאל זיין אין עולם, אונ דאש איז דר טעם (והאלהים עשה שיראו מלפניו), דען ווען דיא לייט וועלטן קיין מורא האבן פאר דעם עונש אונ דער מקטרג ווערט פיר ברענגן דיא עבירות, וועלטן זייא קיין מורא פר הקב"ה הבן אונ מעכטן אלש בייז טאן. דרום זאגט ער (והאלהים עשה) ער הט בשאפן דען מקטרג פון דעסט וועגן (שיראו מלפניו) דאש מען זאל זיך פאר אים פערכטן, אונ הקב"ה הט אים אן גברייט מיט איין שארפן

שווערד

שווערד אין זיין האנט אויף די גאנצי וועלט גלייך איין מלך דער דא האט איין (תליין) דאס ער טוט דען דין אן דיא לייט, אזו ער אויך, ער איז ממית אונ שטראפט זייא וויא דער דין אויס גייאט אובן, אזו אויך דר (שליח ב"ד) אונטן דאס ער האט רשות צו דער מאנן דער פלוני האט אזוא גטאן, דער פלוני אזו. אזו האט ער רשות צו שליסין דיא טירן פֿון אובן ביז עס ווערט (דין ומשפט) גטאן אויף וואס ער פֿאדרט אונ ברענגט פֿיר פֿאר זייא, אונ דאס (ב"ד) האט נית רשות (דוחה) צו זיין, דען עס שטייט (כי אני ה' אוהב משפט) ער בגערט דאס דער עולם זאל שטיין (בדין) אונ מן זאל וויסן דאס עס איז (דין אונ דיין בעולם), אזו האט ער דען טאג רשות צו צו דעקן דיא טירן פֿון מלך, אונ דיא (לבנה) ווערט צו גידעקט אינווייניג ביז עס ווערט נגזר דער (דין על כל בני עולם), ווען גלייך עס איז אלס אנטפלעקט אונ בוואוסט פֿר הש"י אן אים, בגערט הקב"ה עס זאל אלס זיין דורך דין דאס עס זאל אלס זיין אין איין געשטאלט אובן אונ אונטן, דרום האט ער מתקן גוועזן איין טמול פֿון דין דעם טאג, אונ דר מקטרג קומט אונ ברענגט דין (על כל מעשה בני אדם) איטליבן בזונדר זייני מעשים אונ דרכים נאך וויא ער האט גטאן, אונ עס קומן עדות אונ זאגן עדות אויף דיא מעשים פֿון מענטשן אונ דיא הייטן (עיני ה' משוטטות בכל הארץ), דיא מלאכים די שוועבן אין גאנצן עולם אונ זעהן אלס אויס וואס דיא לייט טואן, אונ די (עיני ה') האבן קיין צאל אזוא פֿיל זיינן זייא וואס זייא אויס זעהן אלי מעשים פֿון דיא לייט, וויא צו דיא לייט דיא וואס נית זעהן זיך נית פֿאר מיט זייערי מעשים דאס דיא (עיני ה') שטייאן ביא זייא אונ זעהן אלס צו, אונ קואן ארויף אונ דער מקטרג שטייט אונ בגערט דין אונ זאגט, דער פלוני האט גטאן אזו אונ אזו אונ דיא זיינן דיא עדות דרויף, אונ איי ער הקב"ה זייא פֿרעגט, דארפֿן זייא קיין עדות זאגן, אונ אז ער פֿרעגט זייא, דען זאגן זייא, אונ ווערט אלס אויף גשריבן (לפני המלך). עס איז אובן איין היכל דט איז פֿון מיט ווייס פֿייאר דט איז זיך אלס (אתגלגל) אונ פֿלאמט מיט פֿונקן פֿייאר. אונ הערט נית אויף לעולם. אין דעם היכל איז ווידר איין היכל מיט שווארץ פֿייאר דאס אויף זיין טאג הערט נית אויף, אונ עס שטייאן (לפני המלך) אלי מאן צוויא שרייבר בשעת דין, אונ אז זייא זאגן עדות דא נעמן זייא פֿון דעם ווייס פֿייאר אונ שרייבן דרויף מיט דעם שווארץ פֿייאר, דען זיגלט דער מלך דאס משפט אפ אויף איין גוויסי צייט. פֿלייבט דער וויל ווערט ער תשובה טאן, איז ער (חוזר בתשובה) צו רייסט אן דיא בריפלך מיט דעם (פסק דין). ווען נית זילט דער מלך אונ אלי די (מלמד זכות) זיינן שטייאן פֿאר אים, דען גייט איין כרוז אויס אונ זאגט דער פלוני האט דאס אונ דאס גטאן, ווער איז דא דער (מלמד זכות) קאן זיין אויף אים, איז דא איינר איז גוט, ווען נית גיבט מען אפ דעם (שטן מקטרג). אונ ווען אויך דאס הקב"ה ווייסט אלס וואל, טוט ער עס דרום דס דער מענטש זאל נית האבן איין (פתחון פה) עס גשיכט אים חס ושלום איין אום רעכט, דאס טוט הקב"ה דס אלי זייני מעשים זיינן מיטן (דין ואמת) אונ איז אים גאנצן ליב ווער עס קאן ניצן ווערן פֿון דעם דין: אויב דוא ווילסט פֿרעגן, פֿון וואנן האבן מיר דס אהער, עס איז אזו איבר גענטפֿערט גווארן צו דיא חכמים, אפֿילו ווער דא עס נית ווייסט, דא זאל ער נאר זעהן ווי עס (בנגלה) אפֿנטליך ביים (בית דין) פֿון אונטן אזו איז אלס אובן (בעולם הנסתר). דען הקב"ה האט אלס בשאפֿן אויף דער ערד אונטן אלס אין געשטאלט וויא עס צו גייט אובן, אונ ווען גלייך הקב"ה דר דא הט ליב דעם דין וויא דער פסוק זאגט (אני ה' אוהב משפט) דאך איז ער (מנצח) דיא אהבה וואס ער האט צו זייני קינדר, איבר דער אהבה דאס ער האט צום (משפט ודין) אונ ווייל דאס דער מקטרג ער הייסט (סנטורא) גלייך איין (תליין) דער דא קומט אונ בגערט (משפט) אויף זייא דרום האט הקב"ה גבאטן צו בלאזן (בשופֿר), כדי דאס זי זאלן מיט דעם שופֿר מעורר זיין דען רחמים צו דער וועקי פֿון אונטן אובן:

בזוהר בלק

וַיִּשָּׂא עֵינָיו וַיַּרְא אֶת הַנָּשִׁים וְאֶת הַיְלָדִים וַיֹּאמֶר מִי אֵלֶּה לָּךְ דער פסוק איז גזאגט (בסוד הנבואה) עס גייט אויף (יום כפור) דאס דיא אלי מענטשן שטייאן בדין פֿאר הקב"ה מכפר צו זיין אויף איר עבירות. אונ דער (מקטרג סמאל) שטייט אויף זייא אונ וויל זייא פֿר לירן איבר אירי עבירות. זייא שיקן מיט איין מתנה דען (שעיר המשתלח) דען זאגט יעקב (אכפרה פניו במנחה ההולכת לפני). (אולי ישא פני) אונ ער הט שוין מקבל גוועזן זיין מתנה. היבט דער מקטרג אויף זייני אויגן אונ זעהט די ישראל אלי האבן תענית אונ גייען אן שיך. ער זעהט דיא ווייבר אונ דיא קינדר האבן אלי תענית אונ פֿייניגן זיך אונ זיינן זיך מטהר אין דעם טאג, פֿרעגט ער (מי אלה לך). (בשלמא) די גרויסע האבן גזינדיגט. אבר דיא קלייני קינדר פֿייניגן דיא נישט האבן חוטא גיוועזן וואורום שטייען זייא אזו. (ויאמר) ענטפֿערט אים דער (רוח הקודש אשר חנן אלהים את עבדך) וויא ווערט רידן דער (רוח הקודש) חס ושלום צום (סמ"אל. את עבדך). אלא אזו רעט דער (רוח הקודש). דס זיינן די קינדר דיא נישט האבן חוטא גיוועזן אונ האבן נאך נית פֿאר זוכט דען (טעם חטא) אונ הקב"ה האט זיי איבר גיענטפֿערט דען ממונה דר וואס אום ברענגט דיא קלייני קינדר אן חטא וויא דער פסוק זאגט (ומיד עושקיהם כח) דיא שטארבן (באסכרה). דרום זאגט ער דאס זיינן דיא גאט האט גנייט צייגט דיין קינדר זייא צו נעמן פֿאר איר צייט. אז ער דאס הערט פֿון דיא קינדר דא גייט ער ארויף צו הקב"ה אונ זאגט (רבון עולמים) אלע דייני וועגן זיינן דאך לויטר (דין אמת) ווען נאך גלייך דער דין רואט אויף דיא ישראל וועגן אירי חטאים. אבר דיא קינדר האבן פֿאר דיר נישט גזינדיגט וואורום ענטפֿערסט דו זייא איבר (מיתה) אן חטא. דא נעמט הקב"ה זיינע רייד אונ איז (חס) אויף זיי. אונ אין דען יאר איז קיין (אסכרה) נית ביא דיא קינדר. אונ דער מקטרג איז זיך מקנא אן זיין ממונה דר אונטר אים איז אונ זאגט. איר גיבט הקב"ה מייטן גרויסע דיא דא זינדיגן. אונ צו דיא קלייני קינדר די וואס נית האבן חוטא גיוועזן זאל דער וואס אונטר איר איין ממשלה האבן דאס זייא נית פֿר זוכט האבן קיין חטא. איז דיר בעסר וויא איר, (מיד) וויל ער זייא אויס ציען פֿון זיין האנט דאס ער זאל קיין שליטה האבן אן זייא, דרום איז זיך מקדים דער (רוח הקודש). אונ זאגט צו אים (הילדים אשר חנן אלהים את עבדך) דיין קנעכט זאל זעלבי אין זיין ממשלה האבן די וואס האבן נית גזינדיגט. ער גיהערט נית

בעסר

בעטר צו זיין אז דו ביטט איבר אים. אז דיא תפלות קומן ארויף דען טאג פאר הקב"ה דא שטייט (והוא עבר לפניהם וישתחו ארצה שבע פעמים). זייא מאכן זיך אווא קליין ביז יי קומן (עד גשתו עד אחיו) דש זיי אריין צום גייאן (מדת הרחמים) דש איז דאש אויך וואש דא לייכט (ביום הכפורים) ען גווינטיגט דער רחמים אונ שמחה אונ איז מכפר וייערי ינד. דרום שטייט (כי ביום הזה יכפר עליכם לטהר אתכם מכל חטאתיכם לפני ה' תטהרו:

רבי אלעזר אונ זייני חברים זיינן געגאנגן אין וועג, די היין פון דער זון וואר גאנץ גרויס אונ קומן צו איין פעלד, יא זעהן דאש פעלד איז היפש מיט שייני קרייטער אונ זייני וואסער אויף אלי זייטן אונ פיל ביימר זייען דארטן, זיי צלין זיך דארטן. שפראך רבי אלעזר, וויא שיין איז דאש וורט אפ צו רוען, וויא זייא אזו זיצן, דא קאם איין גרויסע שלאנג (בכח חזק) פון דער זון אונ וואר פאר זייא פאר בייא יפן, וויא רבי אלעזר זי זעהט זאגט ער, דוא שלאנג שלאנג עיר דיך אפ פון דיינם וועג, דען דער מענש האט שוין תשובה געטאן אונ האט חרטה אויף זיינע עבירה וואש ער טאן האט אונ ווערט שוין דיא זאך ניאר טאן, דיא חברים יא מיט אים זיינן דא געוועזן האבן זיך זייער פאר וואונדרט. ופראך רבי אבא וואש איז דאש, שפראך ר' אלעזר שווייגט יר שטיל, שפראך רבי אלעזר, שלאנג שלאנג נאך דען אז ן האט דיר רשות געגעבן, האט דער פלוני חרטה בקומן, ונ האט זיך שוין פיר גנומן אין זיינם ווילן דאש ער די זאך ין שוין ניאר טאן, דרום קער דיך אפ פון דיין וועג אונ דארפשט ניט צו אים צו גיין, דא שטעלט זיך דיא שלאנג ין איר שטאנד אונ גייט ניט אהין, נאך הער רבי אבא נהט דאש אונ שפראך צו איר, דוא שלאנג שלאנג איך פר טייא וואו וואש דו בגערשט, גייא אוועק פון דעם וועג, א איז איין (עכו"ם רשע) דער דא האט בייז געטאן איין הודי) אונ ער שלאפט בייא דיא היין גייא אהין אונ זייא ים מית, (מיד) וואר דיא שלאנג צו ריק גיין אונ שוט פרינגן אונ הופן פאר זייא, שפראך רבי אלעזר, וועצר איך ט היא געוועזן וויא פיל רשות העט דיא שלאנג געטאן, דען ט איז איין יהודי הט איין עבירה געטאן, אונ איי ער הט ור בתשובה געווען האט אן רשות געגעבן אובן דר שלאנג ז זאל אים מית זיין, דער וויל הט זיך דר יהודי בדאכט כ האט תשובה געטאן אונ האט געזאגט ער וויל שוין דיא בירה ניאר טאן, אונ דרום איז ער ניצול געווארן פון זיין דין. רעבן צוא אים דיא חברים וויא האסט דוא דאש אלט אוסט. שפראך ער, איין פאטר רבי שמעון האט מיר ין סימן געגעבן, דא האב איך דורך דען סימן דאש אלט אוסט. שפראכן זייא צו אים עס איז וואזן רעכט, אבר א האסטו געוואוסט דאש דער עגינר פלוני האט חרטה קומן אונ תשובה געטאן. שפראך רבי אליעזר דאש דיא אנג איז געגאנגן מיט גרויס צארן, אונ מיר שופן האבן אויף געשטעלט, און דר זנב איז אויף געריכט געוועזן, אונ ו אזו אין איינט געלאפן, איז איין אנדר רוח פאר אים גאנגן אונ האט פאר אים אויש גירופן, גייא צו ריק פון ין וועג, דען דער (פלוני) האט חרטה בקומן, אונ שוט שובה אויף זיין זינד, אונ דיא בייזי שלאנג האט ניט וועלן

צו הערן אונ פאלגן וויל אן האט נאך אין מיר האנט געגעבן ביז אן זאל מיר איין אנדרן געבן אן שטאט אים, ווייל דער מענש איז נאך יא חייב געוועזן דורך מיר אום צו קומן, ווען גלייך ער האט חרטה בקומן אונ תשובה געטאן אזו זיא מיר פעולה טאן וואש איז מיר געבאטן געווארן. דען אזו איז דר סדר בייא דר (לד הטומאה דיא נחש עליון ונחש התחתון) צו אן אים נאך האט רשות געגעבן, איז ער ניט חוזר ביז ער איז מצליח צו טאן זיין (דין הרע) וואש אים איז שוין געגעבן געווארן דרויף רשות צו טאן, אדר אן אזו אים געבן (כופר נפש) איין אנדרן רשע אן שטאט דען רשע, דען לער גייט זיא ניט ארויש ווייל מיר איז נאך רשות געגעבן געווארן, שפראכן זייא עש איז יא רעכט אזו אז דוא דאש אלט וויישט, אבר וויא האסטו דוא געוואוסט אז דר (ערל) ליגט דארטן ער זאל זיין (כופר) אן שטאט דעם. שפראך רבי אליעזר, אז דר רוח דר דא איז געגאנגן פאר דר שלאנג האט אזו אויש גרופן פאר מיר דש זיא זאל ווידר צו ריק גיין דען דער פלוני האט חרטה בקומן אונ תשובה געטאן דא וואר דער רוח געשפרונגן אויף איין מויערן אונ האט מיר געזאגט, דיא חברים וואהרן זיך פאר וואונדרן דרויף. שפראך רבי אלעזר צו דיא חברים איר ווילן גיין אונ וועלן זעהן, דען דיא שלאנג האט שוין איר שליחות געטאן, זייא שטייאן אויף אונ געגאנגען פאר איינם פעלד אין דעם פעלד, דא געפינן זייא איין (גוי מת) אונ דיא שלאנג וואר ארום געוויקלט אום זיין פערשט אונ איז פון אים ווארן אב געשניידן, אונ אז זייא האט זיך אפ שניידן פון דער פערשט איז זיא ארויף געגאנגן אויף זיין קעפ אונ האט זיך אום האלז געוויקלט, פון דארטן וואר זיא ווידר געגאנגן אויף זיין טריט אונ האט זיך ניט אפ געשייד פון אים, זייא געפינן בייא אים איין בייא געארטין מיט געלט דאש ער האט געגזלת פון איין יהודי אונ האט אים געשלאגן אויך. שפראך רבי אלעזר, געלויבט איז גאט דאש ער טוט מיט אלי זיין שליחות, זייא גייען ווידר אויף איר ארט אין פעלד וואו זייא פאר וואר געוועזן: פתח רבי אליעזר ער הויב אן דר פסוק זאגט מֵאֲשֶׁר יָקַרְתָּ בְעֵינַי נִכְבַּדְתָּ וַאֲנִי אֲהַבְתִּיךָ וְאֶתֵּן אָדָם תַּחְתֶּיךָ וּלְאֻמִּים תַּחַת נַפְשֶׁךָ

ווארום שטייט (מאשר יקרת) איז טייטש דוא האסט דיך אליין געהערט אין איין אויגן, עס בדארף שטיין (יקר) וואש געהערט איז אין איין אויגן, (אלא במאת) ער איז אליין געהערט געווארן פון זיך זעלברט, וועלכר מענש דר דא איז חוטא פאר הקב"ה איז ער זיך (אזלן) פאר הט"י אונ פאר שמעהט פאר אים, אונ אז ער זיך דר נאך בדאכט אונ איז חוזר בתשובה פאר הט"י, דא ווערט ער אליין פון זיך זעלברט געהערט אונ הט"י רופט אויף אים אונ זאגט (מאשר יקרת בעיני) דוא אליין האסט געהערט אין איין אויגן (נכבדת ואני אהבתיך) דרום טוא איך דיך עהרן אונ האב דיך ליב דען עס איז קיין אזו איין אהבה ניט פון הקב"ה צוא איין מענש, נייארט צו אזוא איינם דר דא חרטה האט אונ טוט תשובה אויף זיינה עבירות, אונ דרום זאגט ער (ואני אהבתיך) דרום האב איך דיך ליב, אבר וואש זאל איך טאן מייער דו האסט תשובה געטאן האב איך נאך רשות געגעבן דר שלאנג אובן צו טאן אן דיר דיין דין, אבר דש איז דיא ענה דש איך טוא דיר געבן, ווען גלייך איך האב נאך דער

שלאנג

שלאנג רשות גיגעבן (ואתן אדם תחתך) וואס טייטש (אדם). אלא ער מיינט דען (אד"ם שלמעלה), (סמ"א) דר הייסט אויך (אדם בליעל), (הוא אדם) דאס פון איהם קומט אונטן דיא (נחש התחתון) צו טאן איר שליחות, לאומים פון די גוים עכו"ם גיב איך (תחת נפשך), אין דעם אז זיי אזוי זיינן, דא קומט צו גיין דר יהודי וואס דר גוי האט איהם גישלאגן און בגזלת די ביי גארטל מיט געלד וואס די שלאנג האט איהם אמית גיוויזן, ער קומט גאר מיד און מאט פון לויפן, און פאר גרויסי היץ אין דער זון גינג ער אויך אויף דען פעלד און זעצט זיך אונטער איין בוים און בעט צו הקב"ה, און אזוי אויף זיך (צדיק הדין) און זאגט, רבש"ע עס איז (גלוי וידוע) פאר דיר דאס מיר איז נישט גילעגן פון מיינט וועגן און נישט פון איין גוף וועגן און בין איך נישט אלער וועגן איין געלד, נאר וואס דוא האסט איר גיטאן דא איז בדין גיוועזן, איז איר נאר לייד דעסט וועגן איך האב איין אלטן פאטער און מוטער מיט וואס ווער איך זייא מפרנס זיין, און איבער אלים איז איר לייד, עס איז דרינן גיוועזן איין בינטל געלד צווישן איין געלט, דס האט גיהערט צו איין עני דר האט זאל נעבך מיט דס זיין טאכטער חתונה מאכן איין ארעמע, וואס זאל איך טאן, אויף דען איז איר ווי אין הארצן, ער זאגט און וויינט און זאגט (משפטי ה' אמת צדקו יחדו) דיא דינים פון דען הערן פון דער וועלט זיינן אמת, בשעה דס הקב"ה וויל איין דין טאן (כאה בעלי תריסין) זיינן דיא דא שטייאן פון דר זייט און פון דר זייט פאר הקב"ה, און זיינן צדיק איינר מיט דען אנדערן און (וויכוח) ביז זיי אלי מסכים זיין אויף דען דין, דרום איז (משפטי ה' אמת), ווען איז עס אמת, ווען עס איז (צדקו יחדיו) דאס זיין בית דין פון אובן האבן אויך צדיק אזו גיוועזן, דרום (רבון עולמים) אויף דעם איינם ווין איך נישט, עס איז בוודאי רעכט, נייארט אויף דעם געלד פון דען (עני) און איין אלטי פאטער און מוטער. האבן דס גיהערט רבי אליעזר מיט דיא חברייא און גייאן צו איהם און נעמען איהם אן ער זאל נאך זייא גיין. ער שפראך רבי אליעזר פארוואס דיך נישט דוא (צדיק אמת), ווילשט נישט זיין איין רעכטר צדיק הייסט דיר הקב"ה נישט אזא איין גרויסן (נס) גיטאן, צום ערשטן נעם דיין בייא גארטל מיט געלד, דער נאך גייא און זעה וואס הקב"ה האט גיטאן פון דיינט וועגן, ער גינג מיט זייא אהין, און זעהט דאס זיין געלט ליגן און דיא שלאנג טוט אלט אז וויא פאר, זייא גייט פון דיא פערשט אוס האלז, וויא ער דאס זעהט ער שפרייט זיך אויס פאר זייא אויף דער ערד, און לויבט צו הקב"ה און שטייט אויף און קושט דיא הענד פון רבי אליעזר מיט דיא חברייא און שפראך צו זיי, איצונד ווייס איך דס הקב"ה האט איר דס (נס) גיטאן אין אייער זכות רבנן פון איין אלטן פאטער און מוטער וועגן, און עפנט דיא בייא גארטל און ווייזט זייא דס בינטל און ווייזט זייא די שלעק און וואונדן וואס איהם דער גוי גיטאן האט, וואר רבי אליעזר מתפלל אויף איהם, וואר ער גיהיילט גיווארן, זייא גינגן ווידר צו דעם גוי וויא פאר און זעהן אז דאס שלאנג טאן וויא פאר. שפראך רבי אליעזר, דוא שלאנג אלט וואס דוא האסטו גיטאן האסטו שיין און היפש רעכט גיטאן, און האסט גוויזן דיין (כח וגבורה) דער מיט און האסט גרויסי נקמה גיטאן וויא איר דא שוין האבן גיזעהן דרייא מאל וואס דוא האסט גיטאן, אבר פון איצונד און ווייטר גייא און פאר בארג דיך אין דיין היילן ארייין, און בין אויך דיר גוזר דס דו זאלשט ווייטר נישט מזיק זיין די לייט אויף דען עולם, אזו וואר זיך די שלאנג אפ שיידן און בייקט אירן קאפ אראב און גינג אוועק. שפראך ר' אליעזר צו דען יהודי קום און נעם נאך פון דיין שונא. דען ער האט נאך איין בייטל מיט (דינרי זהב) בייא זיך דאס נעם, אבר זייני קליידר לאז איהם אן און נעם זייא נישט אוועק, און אויך נישט פון דעם זיינן נעם נישט, און גייא צו דעם פלוני אויף דעם ארט ווערשטו איהם גפינן דס זיין וויב איז איהם גישטארבן, גייא צו איהם און גיב איהם דען בייטל מיט דיא געלד, דען דער מאן האט איין זון ער הייסט שמעון, און ער איז גיגאנגן מיט סחורה איבערן (ים), ער וואר גיזעהן אן איר שיף, איז דארטן גיוועזן דער זון פון דען גזלן דר גוי האט איהם גיגנבת דען בייטל געלד און האט גיגעבן דען רשע, אזו גיב דאס ווידר זיין פאטער דר פלוני אין יענם ארט און זאג איהם ער זאל דען בייטל האלטן ביז זיין זון ווערט צו איהם קומן, דא ווערט ער לובן צו הקב"ה דאס ער האט ווידר גיקערט דיא אבידה צו זיינם הערן, אזו האט דער יהודי גיטאן, ער נאם דען בייטל און בוקט זיך פאר רבי אליעזר, ער קושט דיא הענד, די חברייא פאר וואונדרן זיך. שפראך רבי אבא, לאזט אין דיין וועג וואס איר זעהן איז אייטל וואונדר, און איצונד איז נאך מער וואונדר אויף וואונדר, ווי האשטו דס גוואוסט מיט דען בייטל געלד וועמן ער געהער. שפראך רבי אליעזר דיא זאך איז נישט (בסימן) און נישט בנבואה דס איך האב גוואוסט, אלא אנא איין (רוח ונשמה) האב איך דאס גוואוסט און איך האב עס גיזעהן גלייך אז איך וואלט עס האבן מיט איין אויגן רעכט גיזעהן, זיי פאר וואונדרן זיך אלי חברים, זיא גיין אלי און דר יהודי מיט זיי ביז זייא קומן צו זיינם שווער, זייא גפינן איהם ער איז עוסק בתורה, ער בענטשט ר"א און לחבריו און וואר זיך משמח: ער הויב אן (רפאנו ה' ונרפא) ווען ער זאגט (רפאינו) נאך וואס זאל נאך (ונרפא), ווען דער רופא היילט ווער וויל שלאגן און וואונדן, אלא אלי רפואות אין עולם איז ביי הקב"ה, אבר איין טייל רפואות זיינן איבער געגעבן (ביד שליח) איז ווארן איין רפואה, אבר צו לייטן קומן זייא ווידר, אבר דיא וואס הקב"ה היילט דא בלייבט דיא רפואה אייביג, דרום איז זיין רפואה איין רעכטי רפואה, דרום זאגט ער (רפאינו ה') ווען דוא גאט אליין היילסט (ונרפא) בין איך רעכט גהיילט דס זיינן טאג נישט ווידר קומט דס קראנק, אבר איצונד איר חברייא, הקב"ה האט איר איין רפואה גיגעבן, ער האט איר גיגאלט און ווידר גגיסט, זיא דער צייגן איהם דאס מעשה, ער פאר וואונדרט זיך און וויינט און וואר זיך משמח, ער זאגט ווייטר סודות, (ובספר תיקוני הזוהר) (ויפתח נח את חלון התבה אשר עשה) דאס איז (יום הכפורים), דס פענצטר פון דר תיבה איז דיא תורה דאס דא הייסט (ותורה אור), (ויפן כה וכה) הקב"ה איז (מציץ מן החרכים) דאס זיינן די (עטרת יאי תשובה) דאס הקב"ה לוגט דאס די לייט זאלן תשובה טאן און איז (משגיח מן החלונות) פון די שולן דס הקב"ה אויף זיי משגיח און גיבט זיי מורה מזונות: (ויפן כה וכה וירא כי אין איש) דס עס איז קיינר נישט דער זיך זאל מעורר בתשובה זיין דיא שכינה

ארויס

ארויס צו ברענגן אויס דעם גלות. אז דער פסוק זאגט (ואמר מסורים לאו ואשר בחשך הגלו), (ויפן כה וכה וירא כי אין איש) נייערט איטליכער קערט זיך זיין וועגט און זיינן עוסק אן אירי עסקים אין אירי דרכים צו זאמלן געלט צו זיין עולם הזה צו האבן, און זיינן ניט פון די דא הייסן (אנשי חיל יראי אלהים אנשי אמת שונאי בצע), אזי טרייען אן יום כפור אין אירי תפלות ווי די כלבים טרייען (הב הב), גיב אונס מזונות, גיב אונס (סליחה וכפרה, כתבנו לחיים) די זיינן (עזי פנים) ווי דיא כלבים דיא טרייען צו אים, און האבן קיין (בשת פנים) ניט חוזר בתשובה צו זיין און מיט מעשים טובים דיא שכינה אויס דעם גלות ארויס צו ברענגן, און זיינן גיגליכן ווי דיא כלבים, עס שטייט ביי זיי (ויתערבו בגוים וילמדו מעשיהם) דס זיינן דיא ערב רב, ווען זיי יא גלייך טואן חסד טואן זיי פון אירנט וועגן און ניט דיא שכינה צו ברענגן אויס דעם גלות מקיים צו זיין (שארה כסותה ועונתה לא יגרע) מיט (ציצית ותפילין וקריאת שמע), (ואם שלש אלה לא יעשה לה ויצאה חנם), ווען ער דיא דרייא ניט טוט, גייט דיא שכינה אין גלות (בחנם) צווישן דיא (חילונים), (אין כסף) ער שעמט זיך ניט, ער איז חצוף, (עד כאן בתיקון ששי):

פרשת וילך.

ויאמר ה' אל משה הן קרבו ימיך למות. (בזוהר פ' ויחי)

(תאנא) רבי יהודה זאגט, ווי צו דעם עולם דאס דיא לייט הערן ניט און זעהן ניט און ווייסן ניט, דען אזי טאג ווערט גיהערט איין כרוז אין צוויא הונדרט פופציג וועלטן. (ובשעה) דאס דיא טעג פון מענטשן ווערן גינעהנט ער זאל שטארבן, דער טאג הייסט (יום ה') צו ווידר קערן זיין רוח צו אים. (זכאין) זיינן צדיקים דאס הקב"ה בגערט זיין רוח ווידר צו זיך מקבל צו זיין, און אין זיך (שואב) צו זיין דען רוח, דען בשעה דאס הקב"ה וויל צו זיך מקבל זיין דען רוח, איז ער אין זכאי דא שטייט (והרוח תשוב אל האלהים אשר נתנה), איז ער קיין זכאי ווייא צו דעם זעלביגן רוח דס ער מוז גוואשן ווערן אין פייער פון גיהנם דאס ער זאל גירייניקט ווערן דארטן דאס ער זאל קענן קומן זיך בהעפטן אן הקב"ה, ווערט ער ניט מתוקן, ווייא צו דעם זעלביגן רוח ער איז זיך מגלגל אז איין שליידר שטיין אז דער פסוק זאגט (ואת נפש אויביך יקלענה בתוך כף הקלע), אבר איז דער רוח זוכה דא זיינן אים אן גיברייט ווי פיל טובות צום עולם הבא, אז דר פסוק זאגט (עין לא ראתה אלהים זולתך): זאגט ר' יוסי, אז דיא טעג גינעהנן פון דעם מענטשן, דא איז דרייסיג טאג דר פיר רופט מען אויס בעולם, אפילו דיא פייגל פון הימל רופן אויס דער ווערט שטארבן, איז ער איין צדיק רופט מען דרייסיג טאג דר פיר אויס אין גן עדן: (תאנא) מיר האבן גילערנט, אלי דיא דרייסיג טאג גייט דיא נשמה פון איהם אויס אלי נאכט און גייט ארויף און זעהט איר ארט אין (גן עדן), און דער מענטש ווייס ניט און איז ניט משגיח און גוועלטיגט ניט אן זיין נשמה די דרייסיג טאג אז ווייא דער פיר איז גיוועזן אז דער פסוק זאגט (אין אדם שליט ברוח לכלוא את הרוח): זאגט רבי יהודה אז זיך אן הייבן דיא דרייסיג טאג דא ווערט דער צלם פון מענטשן פאר פינצטערט און זיין געשטאלט וואס דא ווערט געזעהן בארץ דיא ווערט פאר מיטן:

רבי יצחק וואר גיזעסן איין טאג ביי דיא טיר פון רבי יהודה און וואר טרויאריג, רבי יהודה גינג ארויס און גפינט אים פאר זיין טיר זיצן טרויאריג מער אז אנדרר מאל, שפרעך ער, איך בין גיקומן צו דיר בעטן דרייא זאכן, איינס ווען דו ווערסט זאגן (דברי תורה) און ווערסט גידענקן פון דיא רייד וואס איך האב גיזאגט דא זאג זייא פון מיינט וועגן צו גידענקן מיין נאמן. און איינס דו זאלסט מזכה זיין איין זון יוסף בתורה ער זאל לערנן, און איינס דו זאלסט גיין אויף מיין קבר זיבן טעג און זאלסט מתפלל זיין אויף מיר. שפרעך צו אים ר' יהודה ווי ווייסטו דאס אז דו ווערסט שטארבן. שפרעך רבי יצחק מיין נשמה איז פון מיר אפ גישאן אזי נאכט און לייכט מיר ניט (בחלום) ווייא עס איז גיוועזן דער פיר, און נאך מיינס ווען איך האב מתפלל גיוועזן און האב גיגרייכט צו (שומע תפלה) דא זוך איך אויף דיא וואנט דא זעה איך דען שאטן ניט, דען איין כרוז רופט אויס (אך בצלם יתהלך איש), כל זמן אז דער (צלם) איז ניט איבר פארן פון איינם מענטשן, דא גייט ער בעולם און זיין רוח בלייבט אין אים, אבר ווען דר צלם פון מענטשן גייט אוועק דא גייט דער מענטש אויך אוועק פון דר וועלט. שפרעך רבי יהודה עס איז אויך פון דעם פסוק משמע (כי צל ימינו עלי ארץ). ער שפרעך דס אלס וויל איך דיר שאן וואס דו בגערסט, אבר איך בגער פון דיר דס אויף יענר וועלט זאלסט מיר דארטן אויס קלויבן איין ארט ביי דיר ווייא מיר זיינן אויף דר וועלט, ער וויינט רבי יצחק און שפרעך, איך בעט דיך זיי דיך ניט פורט פון מיר די עטליכי טאג, זייא גינגן ביידי צו ר"ש, זייא גפינן אים ער וואר עוסק בתורה, ר"ש הויב אויף זייני אויגן און זעהט צו (ר' יצחק), זעהט ער דען מלאך המות לויפט און שפרינגט פאר אים. שטייט אויף ר"ש און בגרייפט אן די האנד פון רבי יצחק און שפרעך, איך בין גוזר ווער דא פלעגט אריין צו גיין דר זאל אריין גיין, און ווער דא ניט פלעגט אריין צו קומן זאל ניט אריין גיין, זיי גיינגן אריין (רבי יצחק ורבי יהודה). און דער מלאך המות בלייבט דרויסן שטיין אן גבונדן דאס ער ניט קאן אריין קומן, דא זאגט ר"ש און זעהט דס דיא צייט איז נאך ניט גיגרייכט נייערט אכט שעה אויף דען טאג ווער זיין צייט צו שטארבן, ר"ש זעצט אים פאר זיך און מאכט זיך בתורה, ער שפרעך צו זיין זון ר"א, זעץ דיך ביי דער טיר און וואס דו ווערסט זעהן שטום ניט מיט אים ריידן, און ווען ער ווערט וועלן אריין גיין זיי אים (משביע) דאס ער ניט זאל אריין גיין. שפרעך (ר"ש צו רבי יצחק) האסטו גיזעהן דען גישטאלט פון דיינם פאטר דען טאג, דען מיר האבן גילערנט ווען דיא צייט קומט דער מענטש זאל שטארבן, דא ווערן ביי אים גפונדן און גזעהן זיין פאטר און זייני קרובים און ער דער קענט זייא, און אלי דיא דא

זאל זיין מיט אים אין איין (חדר באדריגה אחר) אין יענער וועלט דיא אלי ווייזן זיך פֿר אים און זאמלן זיך איין, און גייאן מיט זיין נשמה ביז זיא קומט אויף איר ארט דאס איר ראוי איז, דא ענטפֿרט רבי יצחק, איך האב אים ניט געזעהן נאך קיינם ניט, אין דעם שטייט אויף ר"ט און זאגט, (רבט"ע), רבי יצחק איז צו אונש דר קענט און ער איז פֿון דיא (טבעה עינים) דיא דא זיינן זיבן חברים דיא אין דער (אידרא קדישא) זיינן געוועזן וויא אובן שטייט (בפ' נשא), און איך האב אן אים בגריפֿן, אזו גיב אים איר, גייט אויס איין קול און שפראך דאס צילם פֿון זיין הער (כצואר) דיא נשמה פֿון ר' יצחק האט גינעהנט אונטער זייני פֿליגל פֿון ר"ט, און ער איז דיין און זאל מיט דיר זיין בעו"הז: און מיט דיר זאלסט דוא אים ברענגן לעו"הב אין דער צייט ווען דוא ווערשט קומן צו רואן אויף דיין ארט, זאגט ר"ט גוויס זאל עס אזו זיין, אין דעם זעהט ר' אלעזר וויא דר מלאך המות האט זיך אב גיטאן און האט גיזאגט, וואו ר"ט איז דא האט דר ממונה פֿון טויט קיין שליטה ניט איין שטראך צו טאן. שפראך ר"ט צו זיין ר' אלעזר גייא אריין און בגרייף אן ר' יצחק, דען איך זעה אן אים דאס ער פֿערכט זיך, גייט אריין ר' אלעזר און בגרייפֿט אן ר' יצחק, און ר"ט קערט אום זיין פנים און איז עוסק בתורה, אזו וואר ר' יצחק אנטשלאפֿט געווארן און ער זעהט זיין פֿאטער. שפראך זיין פֿאטער צו אים, מיין קינד וואויל צו דיין חלק בעו"הז ובעו"הב, דען דו זיצט צווישן דיא בלעטר פֿון דעם (עץ החיים) אין ג"ע, דס איז דר גרוסר און שטראקר בוים אין ביידי וועלטן דאס איז ר"ט דער דיך האט בגריפֿן אן זייני צווייגן, (מטרי חלקך) וואויל דיין חלק איין קינד. שפראך ער צו זיין פֿאטער, וויא בין איך אויף יענם עולם גיאכט, שפראך ער צו אים, דרייא טאג זיינן דאס אן האט דיר אויף גרויאס און מתקן געוועזן איין חדר, און דיא פֿענצטר זיינן דריכן אופֿין צו לייכטן דיר פֿון אלי פֿיר זייטן וועלט, איך האב גזעהן דס ארט און האב מיך משמח געוועזן און האב גזאגט וואויל דיין חלק איין קינד, אבר איינר צייא אויס גנואן דאס דיין קינד האט נאך ניט זוכה געוועזן בתורה, אבר איצונד זיינן אן גברייט געוועזן צו קומן צו דיר צוועלף צדיקים פֿון דיא חברייא און וויא מיר זיינן אויס גיגאנגן האט זיך דר וועקט איין קול אין אלי וועלטן, ווער פֿון אייך חברייא איז גקריינט געווארן זאלן ווידר חוזר זיין אויף זייער ארט פֿון וועגין ר"ט דאס ער האט בגערט איין שאלה און איז אים גיגעבן געווארן, און ניט דאס אליין, אלא עס ווערט גקריינט זיבציג ערטר דיא זיין זיינן, און איטליכט ארט זיינן טירן גיעפֿנט צו זיבציג וועלטן, און פֿון דארטן ווערן גיעפֿנט צו הקב"ה, און זעלכי (אורות) דס האט קיין סוף ניט וויא זייא זיינן פֿר הולין (ומכוסה) צו זעהן דס דוד גבעטן האט (לחזות בנועם ה' ולבקר בהיכלו) דאס זיין מדרגה איז אויך געוועזן דארטן, שפראך ער צום פֿאטער וויא לאנג האב איך נאך צו זיין אויף דען עולם. שפראך ער, מיר האבן קיין רשות ניט צו זאגן, און מן איז עס ניט מודיע דעם מענשן, אבר דס ווייס איך אז אויף דר גרויסי שמחה פֿון ר"ט דס אים איז אן גברייט לעו"הב אין ג"ע אויף דר שמחה ווערסטו דוא מתקן זיין דיא טישן וויא דר פסוק זאגט (צאנה וראנה בנות ציון במלך שלמה בעטרה שעטרה לו אמו), אין דען וואכט אויף ר' יצחק, ער לאכט. און זיין פנים וואר לייכטן, דא לוגט ר"ט און זאגט צו אים, גוויס האסט דוא גיהערט איין (דבר חדש), שפראך ר' יצחק גוויס עס איז אזו און דער צייגט אים וואס אים דר פֿאטער האט גזאגט, ער וואר זיך שפרייטן פֿר ר"ט: (תאנא) פֿון דעם טאג אן האט רבי יצחק בגריפֿין צו זיינם זון אן זייני הענד און האט אליין מיט אים גמיאט אין דער תורה און האט אים ניט גיין גלאזן, און אז ער איז גקומן פֿר ר"ט דא זאס ער זיין קינד דרויסן שטיין און גייט אליין אריין און איז פֿר אים גזעסן, און האט פֿר אים גלייענט דעם פסוק וואס (חזקיה) האט גזאגט (ה' עשקה לי ערבני) גאט האט איך פֿר צוקט און אלין געוועזן פֿון דיא האנד פֿון מלאך המות. און הט איך אויס גערבת פֿון אים:

תאנא איר האבן גלערנט, אין דעם טאג אז דער מענש בדארף שטארבן, דא שטיין בדין דיא פֿיר זייטן וועלט דאס פֿון דיא פֿיר זייטן האט איטליכר מענש פֿיר (יסודות, מים אש רוח עפר) דיא שטייאן (בדין חזק) און זייא דער וועקן דינים פֿון פֿיר זייטן וועלט. און דיא פֿיר (יסודות) פֿון מענשן די קריגן זיך דס זיי זאלן זיך איצונדרט שיידן פֿון אנאנדר, און איטליכט (יסוד) וויל זיך פורט זיין צו זיין זייט וואו ער איז בגריפֿן. און איין כרוז רופֿט אויס אין יענם עולם און ווערט גיהערט אין צווי הונדרט און זעכציג וועלטן, איז ער איין צדיק דא פֿרייען זיך אלי וועלטן און קומן אים איין קיגן: (ואם לאו) ווי צו דעם מענשין. ווי צו זיין חלק: (תאנא) אין דר צייט אז דער כרוז טרייט אויס, גייט אויס איין פֿלאם (נור צפֿון), און גייט און ברענט (בנהר דינור) אין פֿייאר באך, און שפרייט זיך אין פֿיר זייטן וועלט און פֿר ברענט דיא נשמות פֿון דיא רשעים, און דר פֿלאם גייט אויס און גייט ארויף און נידרט ווידר אראפ בעולם, און דער פֿלאם גרייכט צו דיא פֿליגל פֿון איין שווארץ האן און קלאפט אים אן דיא פֿליגל דא קרייט דר האן (לפתח בית השערים), דאס ערשטי מאל קרייט ער און שרייט (כי הנה יום בא בוער כתנור), דס אנדרי מאל שרייט ער (כי הנה יוצר הרים ובורא רוח ומגיד לאדם מה שיחו), (באותו שעה) זיצט דער מענש (בחשבון מעשיו) אן זאגט עדות דרויף און ער איז מודה אויף אלים. דאס דריטי מאל אז מן וויל אים נעמן זיין נשמה קרייט ווידר דער האן און זאגט (מי לא יראך מלך הגוים כי לך יאתה). שפראך רבי יוסי (מאי נפקא מינה) איז עס דוקא איין שווארצר האן. שפראך רבי יהודה, אלס וואס הקב"ה האט בשאפֿן בעולם איז אלס מרמז אויף גרויסי חכמה וויא עס איז זיין כח אובן און דיא ווייסן עס ניט אזו וויא דער פסוק זאגט (מה רבו מעשיך ה' כלם בחכמה עשית), און וויל זייא זיינן בשאפֿן געווארן בחכמה, דרום ווייזן זייא אויף (חכמה עליונה), אזו אויך בשעה דס עס דר וועקט זיך דער דין פֿון מענשן דא קרייאט צו אים דער האן און עס ווייס קיינר ניט נייארט דר זעלביגר מענש דר דא ליגט, דען איר האבן גילערנט, בשעה אז דר מענש ליגט און עס איז אויף לויהם דער דין ער זאל אוועק גיין פֿון דען עולם, דא ווערט צו אים גיאערט איין (רוח עליון) דס ניט איז געוועזן (כל ימיו), און אז דער רוח רואט אויף אים, דען זעהט ער דענסט מאל מער אז ער האט (כל ימיו) קענן זעהן. און אז עס ווערט גיאערט

אויף

